STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08657

OYSGEVEYLTE VERK

Mendele Mokher Sefarim

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדעלע מוכר ספרים

אויסגעוויילטע ווערק

מענדעלע מוכר ספרים

אויסגעוויילטע ווערק

ערשטער באנד

פישקע דער קרומער
מסעות בנימין השלישי

פארלאג „יידיש בוך" ווארשע 1953

MENDEŁE MOJCHER SFORIM

DZIEŁA WYBRANE

I tom

Redaktor: D. SFARD

Okładkę projektował: I. REJZMAN

Ilustracje; T. G L E B

רעדאַקטאָר: ד. ספֿאַרד

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

אילוסטראַציעס: ק. גלעב

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch“ Warszawa 1953 r.

Nr. zam. 740 Nakład 6000 egz. Druk ukończono w marcu 1953.
Ark. druk 21 Ark. wydawn. 19 Papier sat. V kl. 61x86 70 gr.
Druk. R.S.W. „Prasa“ W-wa, ul. Tarczyńska 8 4-B-50333

פישקע דער קרומער

מיין ליבן, טייערן פריינד

מנשה מרגליות

ברענגט דעם דאָזיקן ספר במתנה פונעם גאַנצן האַרצן

דער מחבר.

טייערער פריינד!

טרויעריק איז מיין ניגון אין דער קאַפּעליע פון דער יידישער ליטע־ראַטור. אין מיינע חיבורים ליגט אויסגעדריקט א ייד מיט די ביינער, וואָס ווען ער זינגט אפילו אַמאָל א פריילעכס, דאַכט זיך גאָר אוים פונדער־ווייטנס, עפּעס קלאָגט ער, פאַרגייט זיך וויינענדיק, אין זיינע זמירות הערט זיך עפּעס אן אומעטיקער שטייגער פון איכות; לאַכט ער, שטייען אים אין די אויגן טרערן, וויל ער אביסל לוסטיק זיין, רייסט זיך אים דערביי טיף פונעם האַרצן א ביטערער זיפץ — און תמיד אליץ אוי־וויי, וויי געשריגן!...

איך רעד מיך חלילה נישט איין מיט גדלות, אז איך בין א סאָלאָוויי אין אונדזער יידישער ליטעראַטור, נאָר אין איין זאך אָבער בין איך אין אים יאָ שטאַרק געראָטן. דער דאָזיקער מרה־שהורהדיקער משורר פון די פייגל שפּילט זיינע ניגונים און צעגיסט זיך אין אומעטיקע שטייגערס דווקא נאָר אין וועסנע־צייט, ווען די גאַנצע וועלט איז ווי נייגעבוירן, ווען עס בליט, עס שמעקט מחיה אומעטום, עס שיינט, עס לויכט, און איטלעכן איז פריילעך אויפן האַרצן.

מיר, ביידע, טייערער פריינד, האָבן אָנגעהויבן אונדזער ארבעט אין דער יידישער ליטעראטור פונקט אין דער וועסנע־צייט פונעם יידישן לעבן דאָ ביי אונדז אין לאַנד. פונעם זעכציקסטן יאָר אין אונדזער צייט הייבט זיך פאר יידן אָן גאָר א ניי לעבן — א לעבן פול מיט א גרינגער געמיט,

פול מיט גוטע האָפענונגען אויף שפּעטער. דענסטמאָל זענען מיר געווען ביידע נאָך זייער יונג און האָבן מיט א ברען זיך א נעם געטאָן צו דער פּען, געאַרבעט געשמאַק, איטלעכער אויף זיין גאַנג. דער עולם האָט פון אייער שרייבן געלעקט די פינגער, גאָר אָנגעקוואָלן הערנדיק, ווי אזוי איר רעדט צוקער־זיס איבער פיל וויכטיקע זאַכן אין דעם יידישן לעבן; ווי אזוי איר זענט אויף יידן א מליץ־יושר און לערנט זיי מיט גוטן, גאַנץ פריינדלעך, צו קענען זיך אליין, צו וויסן פון זייער לעבן צו זאָגן, א פּנים צו האָבן און זיין לייטן גלייך. עס האָבן אייך אויס דעם מויל זיך געשאָטן פּערל, וואָס פינקלען, לויכטן און וועלן אייביק זיין א צירונג אין דער יידישער ליטעראַטור. איך פון מיין זייט האָב אין יענער פריילעכער וועסנע־צייט מיר אויך אונטערגעברומט, געשריבן, געשפּילט אויף מיין שטייגער. אין מיין שפּילן האָט געוויינטלעך איין סטרונע געברומט טרויעריק און געמאַכט אויף די צוהערער א שטיקל מרה־שחורה. א טייל האָבן מיך געהערט גערן מיט א פאַרקלעמט האַרץ, ווידער א טייל האָבן זיך געקרימט, משונה זיך געקראַצט, נישט צופרידן געווען, וואָס איך ריר זיי אָן ביי דער לעבער און דערמאָן זיי נישט קיין פריילעכע זאַכן. נאָר, ווי די מעשה איז, איך האָב מיך געשפּילט און געטאָן מיינס.

יענע שיינע וועסנע־צייט איז אַוועק. אז אָך און וויי איז דעם יידישן לעבן! און מיר איז פאר צרות פארגאנגען דער חשק צו שרייבן. עס האָט מיר א צייט לאַנג אָפּגענומען דאָס לשון.

און ווען איך נעם אצינד אפער מיין פארדארטע, פארטריקנטע פּען און גיי ווידער מיט דער שפּראכע ארויס, האָב איך עס צו פארדאַנקען אייך, נאָר אייך, וואָס אין אייער געזעלשאפט איז מיר צוגעקומען א שטיק געזונט. אייערע קלוגע רייד, אייער ארבעטן שטענדיק פאר אונדזער פאָלק האָבן מיך דערפרישט און מיר צוגעגעבן חשק צו נעמען זיך אויך פאר עפּעס אן ארבעט. פון הייליקן פייער, וואָס ברענט תמיד אין אייער יידיש האַרץ, האָט זיך פארטראָגן א פונק צו מיר אין מיין האַרץ, עס האָט זיך אָנגעצונדן און ברענט אצינד ווי אמאָל אין די יונגע יאָרן.

יאָ, מיר ביידע האָבן אָנגעהויבן אונדזער ארבעט אין דער ליטעראַטור גלייך אין איין צייט, נאָר דאָס מזל אונדזערס איז נישט גלייך; איר זייט דאָרט ארויף אויבן, אין די הויכע פענצטער; איר האנדלט דאָרט מיט בריליאנטן און דימענטן פון דער יידישער היסטאָריע; איר שטעלט ארויס די שענסטע צירונג פון אונדזער פאָלק פארצייטנס, דאָס בעסטע, דאָס טייערסטע אין זיין לעבן. איר האָט איבערגעהאַט עסקים מיט הלל, רבי מאיר, רבי עקיבא און מיט נאָך אנדערע גרויסע לייט, מיוחסים פון הויכן סאָרט

מענטשן. מיר, אקעגן, איז באשערט געווען זיך אראפצולאזן אויפן נידעריקן טרעפל פון יידישן לעבן אונטן אין די קעלערס. מיין „יש־בכאן“ איז: שמאטעס און פוילע סחורה. איך האב נאר שטענדיק צו טאן מיט אביונים, קבצנים, אומגליקלעכע נעבעך; אויך מיט מענטשלעכע דראבעס, פאקוסניקעס וכדומה אזעלכע מיני נפשות, קליינינקע, נידעריקע פארשוינען. מיר הלומט זיך נאר בעטלערס. פאר מיינע אויגן שוועבט תמיד א טארבע — די אלטע, גרויסע יידישע טארבע הענגט מיר תמיד, ווי יענעם מרה־שחורהניק א לונג־און־לעבער אויף דער נאז. וווהין איך זאל מיך נישט קערן און ווענדן, זע איך פאר מיר די טארבע; וואס איך זאל נישט וועלן דערציילן אדער זאגן, קומט מיר אפער די טארבע!..

אוי, אלץ די טארבע, די יידישע טארבע!

יא, טייערער פריינד, דורך אייך האב איך באקומען ווידער א ברען צום שרייבן — און אט האט איר אייך היינט, בעוונותינו הרבים, טאקע ווידער א טארבע! א פישקע דעם קרומען, מישטיינס געזאגט, מיט וועלכן איך טרעט ארויס פאר דעם עולם, נאך אזא לאנגער צייט שטילשווייגן. איך ווייס, אז מיין פישקע דער קרומער איז עפעס נישט אזא מתנה אייך אפצודאנקען אייך מיט אים פאר אייער פריינדשאפט, נאר וויסנדיק ביי מיר אייער גוט הארץ, אייער צוגעלאזטקייט צו מענטשן, פארהאף איך, אז איר וועט מיין ארעמען פישקען אויפנעמען מיט א „ברוך־הבא“. זייער מעגלעך גאר, איר זאלט אים נאך ארייננעמען אין זאל אריין, אים באקענען מיט אייער הויזגעזינד און מיט אייערע געסט דארט. פישקע וועט זיך ביי אייך אפליגן מיט דער טארבע, אייך דערציילן מעשיות און איר וועט פון זיי הנאה האבן. און פארשטעלנדיק זיך אזוינס, שמייכלט פאר פרייד און דאנקט אייך פון גאנצן הארצן

דער מחבר.

א

קוים גיט א שיין די ליכטיקע זון און זומער־לעב אין דעם לאַנד, מענטשן ווערן ווי גייגעבוירן און דאָס האַרץ פרייט זיך זיי, קוקנדיק אויף גאָטס וועלט דער שיינער, —דענסטמאָל הייבט ביי יידן זיך אָן די רעכטע אוי־מעטיקע צייט צו קלאָגן און פאַרגיסן טרערן. עס גייט דאָס גאַנצע צעטל טרויער: תעניתים, פייניקן זיך, יאָמער און געוויין פון ספירה ביז העט אין די גרויסע בלאָטעס און נאַסע אָסיענדיקע קעלט.

דענסטמאָל שטעלט זיך פאַר מיר, מענדעלע מוכר־ספרים, דער גרוי־סער יאַריד, איך אַרבעט, פאַר באַשטענדיק אַרום, צו פאַרזאָרגן יידישע קינ־דער אין אַלע שטעטלעך מיט די אַלע נייטיקע מאַטעריאַלן צום וויינען, מיט קינות, מיט סליחות, ווייבערשע תחינות, מענה־לשונס, שופרות און מחזו־רים. הכלל, יידן קלאָגן, פאַרוויינען דעם זומער — און איך מאַך דערוויל געשעפטן. נישט דאָס בין איך אויסן.

אונטערוועגס איינמאָל, שבעה עשר בתמוז, גאַנץ פרי, זיץ איך מיר אויף דער קעלניע פון מייןביידל אין טלית־און־תפילין מיט דער בייטש אין דער האַנט, גאַנץ יידישלעך. די אויגן זענען מיר צוגעמאַכט, בכדי נישט אָנצוקוקן ביים דאַווענען די ליכטיקע וועלט. מעשה־שטן אָבער איז זי, די נאַטור, ווי הייסט מען עס, געווען וווּנדער־שיין, גאָר א בילד. און עס האָט מיך געצויגן, עפּעס ווי א כישוף, א קוק צוטאָן. איך האָב א היפּשע צייט מיך געראַנגלט מיט מיר אַליין. דער יצר־טוב זאָגט: „פע!... מען טאָר נישט!" דער יצר־הרע אָקעגן טאָרעט: „בישקשה! האָב הנאה, נאַרעלע!" און עפנט מיר דערביי טאַקע אויף איין אויג. עס טוט מיר א שיין, נאָר ווי אויף צו להכעיס, עפּעס א בילד־שיינע פּאַנאָראַמע:

פעלדער געשפרענקלט מיט בליענדיקע רעטשקע, וויס ווי שניי, לעבן געלב־גילדענע ראַצעמאָרענע פּאַסן פון ווייץ און מאַט־גרינלעכע, הויך־געוואַקסענע קוקורוזעס; אַ שיינער גרינער טאָל, באַדעקט פון ביידע זייטן מיט וועלדלעך ניסביימער; אונטן פליצט א טייכל, ריין, קלאָר ווי קריש־טאָל, אין וועלכן עס טוקן זיך די שטראַלן פון דער זון און באַליגן עס מיט פינקלדיקע גילדענע פלימערלעך. די שאָף און די קי אויף דער פּאַשע דאָרט זעען פונדערווייטנס אויס ווי טונקעלע, רויטע, געפלעקטע פינטעלעך.

— „פע, פע!" — מוסרט מיך דער יצר־הרע מיט יענע ווערטער פונעם פּרק: „אַ ייד אונטערוועגנס, אַז ער איז מפסיק דאָס לערנען און זאָגט „ווי שיין דער בוים איז, ווי שיין דאָס פעלד", — איז גלייך ווי ער טוט זיך אַליין א מעשה אָן". — דער יצר־הרע אָבער פאַרטראָגט מיר אונטער דער

נאָז מחיהדיקע ריחות פון סטערטעס היי, געווירץ און קרייטעכצער, וואָס צעגייען זיך אין אלע אברים; ער צעגיסט זיך אין קונציקע ניגונים פון אלערליי שפּילפייגעלעך, וואָס קיצלען ביי דער נשמה; ער לאָזט מיך פילן אויף מיין פּנים אַ ווארעם ווינטעלע, וואָס קרייזלט מיר די פּאות, שושקעט מיר אין די אויערן: קוק, האָב הנאה און זיי א מענטש, דו נאַרישער ייד איינער! — איך בעבע, מרוקע מיר, מישטיינס־געזאָגט, אַליין נישט רעכט צו הערן, וואָס איך בעבע. עפּעס טראָגט מיר דער מוח, עס פּיקט מיר אין קאָפּ און עס טראַכט זיך זידלערייען: געפּגרטע נפשות!... אָן לייב, אָן לעבן!... נשמות פּאררוקטע אין טשאָלנט!... אָן ריח, אָן טעם... דראַפּאַ־טשעס צעשאָטענע!... פּארדארטע אָפּגעשלאָגענע הושענות!... איך צעשאָקל מיך מיט געמאַכטער כוונה, בכדי עס זאָל זיך נישט טראַכטן, און דערהער גראָד, ווי דאָס מויל לאָזט פון זיך אַליין אוים יענץ שטיקל דאַוונען מיט די ווערטער: „המחזיר נשמות לפּגרים מתים“, דאָס הייסט אויף קרבן־מנחה־טייטש: דער דאָ קערט אום די נשמות צו די טויטע פּגרים.

הא, וואָס? אקעגן וועמען? טו איך מיך א כאַפּ, פּארשעמט פון מיינע אייגענע מיאוסע געדאַנקען. און בכדי צו פארגלעטן מיין פעלער אקעגן דעם רבונו־של־עולם, מאַך איך קלאָמפּערשט אַ מינע, ווי נישט זיי מיין איך, דאָס פּערדל מיין איך... דערלאַנג דעם שלימזלניק מייגעם א שמיצל מיט דער בייטש, מאַכנדיק דערביי: אַ־אַ־אַ, פּגירה איינע!

א שיינער איינפאַל אפילו! נאָר היינטיקס מאָל האָט עס ווייניק גע־ווירקט. עס האָט מיך שטאַרק געקרענקט, פארוואָס גראָד היינט זאָל מיר גאָר איינפאלן אזעלכע געדאַנקען — היינט, ווען ווייגען און קלאָגן באַדאַרף מען אויף דעם גרויסן חורבן, אויף די גרויסע צרות, וואָס די קינדער ישראל האָט געטראָפן: — די קאָמאנדע פון נבוכדנצר מלך בבל איז אריין אין ירושלים און פון איר א תל געמאכט... איך מאַך א רחמנות־פּנים און זאָג די סליחות צום היינטיקן שווערן טאָג אויף א וויינענדיק קול, וואָס איז געגאַנגען אַלץ העכער און טרויעריקער אין דעם פּזמון דאָרט, ביי יענע ביטערע ווערטער:

„והשפיפון מצפון — און דער פּיפּערנאָטער, דער טאָטער פון צפון־זייט, כשבולת שטפני — האָט מיך ווי א שטראָם וואסער פארטראָגן ווייט. והציד — און דער יעגער, דער טויט־שלעגער, שלח־יד — טוט א לאַפּ, אַ כאַפּ, והצפיר והשעיר — אויך די ציג, אויך דער צאַפּ“.

אַ ייד, אַבי ער שרייט זיך אַביסל אוים מיט אַ פּ ז מ ו ן, רעדט זיך אָן ווי אַ פּויק און זאָגט אָפּ אַ ס ל י ח ה, דאַכט זיך אים, ער האָט שוין אַלצדינג אָפּגעטאָן און איז, ווי אן אָפּגעשמיסן קינד נאָכן אויסוויינען זיך, ווייטער זיך גאַנץ צופרידן. איך זיץ מיר אָנגעלענט אויף דער קעלניע, גלעט

מיר דאָס בערדל, שוין מיט אַ גרינגן געמיט, גלייך ווי איינער רעדט: „מיינס האָב איך געטאָן, געגוג יוצא געווען, אַצינד גאָטעניו, איז נאָר געווענדט אין דיר, ווייז זיך, טאַטע־פּאָטער, רחום צדיק".

— „גיי שוין, גיי, זיי מוחל!" מאַך איך צום פּערדל מיט גוטן, איבער־בעטנדיק עס אין האַרצן פאַר דעם צונעמעניש „פּגירה" פריער. מיין שלי־מזלניק טוט זיך אַ קני אויף די פֿעדערשטע פֿיס, אַ בוק מיטן קאָפּ צו דער ערד און קרעכצט, עפּעס אַזוי ווי גערעדט: — „אַדוני־פריץ! און וואָס איז עפּעס מכוח עסן?" — קלוג, כ'לעבן, ווי דער טאָג, — זאָג איך, געבנדיק אים בשעת מעשה אַ צייכן, אַז ער מעג אויפשטיין, זיך שטעלן אויף די פֿיס. נישט אומזיסט שטייט אין די קינות: „ציון, בר כל בהמה ועוף חכמו". דאָס הייסט: ביי דיר, כנסת־ישראל, זענען אַלע בהמות קלוג!... נישט דאָס בין איך אויסן.

פון דער דאָזיקער מימרא בין איך טראַכטנדיק ווייטער אַרויף אויף די כנסת ישראל, זיך פאַרטיפט אין די געדאַנקען מכוח זייער חכמה, זייער פּירונג, זייערע פיינע בריות און מכוח זייער לאַנגע נעבעך. דער קאָפּ טעלע־בענדעט זיך מיר אַהין, אַהער. עס דאַכט זיך מיר עפּעס דער פּיפּערנאָטער, גבוכדנצר מיט דער קאָמאַנדע, אַ שרעקלעכע מלחמה, אַ קלאַפּעריי, אַ גע־שלעגעריי, די קאָמאַנדע ברעכט ווענט, זעצט אויס טירן, שויבן. יידן, אַ טייל מיט פּעקלעך סחורה און אַלטע חפצים טוען זיך אַן אַ כוח, שרייען געוואַלד און לויפן... איך כאַפּ אַ שטעקן, לאָז מיך — און בוך אויף דער ערד, אויסציענדיק זיך ווי גרויס איך בין.

אַפּנים, אין דאַוועגען האָב איך, זאָל נישט אויסגערעדט זיין, געכאַפּט אַ דרעמל. מיין ביידל, טו איך אַ בליק, איז אַריין אין אַ קאַלוזשע, וואָס אויף דעם באַלעגאַלישן לשון הייסט עס אַ „טינטערל", אין דעם הינ־טערשטן רעדל איז פאַרטשעפּעט אַן אַקס פון עפּעס אַן אַנדער ביידל. דאָס פּערדל מיינס שטייט אין געהאַקטע ווונדן מיט איין פוס איבער דער האָלאָבליע, פאַרדרייט אין די לייצעס און סאָפּעט ווי אַ גאַנדז. פון יענער זייט ביידל שיטן זיך טויטע קללות, אויף יידיש, מיט אַ קייכן און הוסטן אינייינעם. אַ ייד! — טראַכט איך מיר, — איז אָן סכנות — און טו מיך אַ לאָז אין איין כעס אויף יענער זייט וואָגן. דאָרט אונטערן וואָגן ליגט פאַרפּלאָנטערט אין טלית־און־תפילין אַ ייד, די בייטש פאַרדרייט מיט די רצועות, צאַפּלט און אַרבעט מיט אַלע כוחות זיך אַרויסצודרייען. איך שריי: סטייטש! ער — סטייטש, סטייטש! איך בטל צו אים אויס אַלע חלומות, ער בטלט צו מיר, נישט אָנצוקוקן איינער דעם אַנדערנס פּנים. איך פילדער: ווי שלאָפט עס אין דאַוועגען אַ ייד! ער צוריק: ווי פּאָפּט עס אַ ייד! איך גיב אים אין טאָטן, ער מיט אַ צוגאָב אין דער מאַמען אַריין!

איך שמייס זיין פערדל, ער, אויספלאָנטערנדיק זיך, לויפט און שמייסט
מיין פערדל, ביידע פערדלעך שטעלן זיך דיבאָם און מיר, שטאַרק אָנגע=
צונדעו, לאָזן איינער צו דעם אַנדערן זיך צו הענדעם=פענדעם, ווי די הענער,
מיט דער דעה אָנצונעמען זיך פאר די פאות. אקעגן א רגע שטייען מיר
שטיל, שאַרף אָנקוקנדיק איינער דעם אַנדערן. עס האָט געמוזט זיך אויס=
זען משונה ווילד, האָבן דעם זיבעטן חן: צוויי יידישע גיבורים אין טלית=
און=תפילין שטייען אָנגעדרודלט, גרייט צו באַווייזן זייער גבורה און זיך
פאטשן אויפן פרייען פעלד, ווי אין א בית=המדרש, להבדיל!... אזעלעכס
האָט מען באמת געמעגט אויף חידושים גייען זען. מיר שטייען, קוקן און
אָט באַדאַרף שוין פליען הייסע פעטש, פלוצעם שפרינגען מיר איינער
פונעם אַנדערן אויף עטלעכע טריט אָפּ און לאָזן ביידע שטאַרק פארוווּנ=
דערט אין איין קול ארויס: אוי, ר' אַלטער!... אוי=אוי, ר' מענדעלע! —

אַלטער יקנה"ז איז א יאָדערדיק יידל, א געשפיקעוועטער מיט א דיק
בייכל. זיין פנים איז געדיכט באַוואַקסן מיט שמוציק=געלע האָר, פון וועלכע
ס'איז דאָ געגנוג אויף פאות אויף א באָרד און אויף וואָנצעס אי פאר זיך, אי
אויף נאָך עטלעכע יידן צו באטיילן. אין דעם ים האָר ליגט א וויספע —
א ברייטע, פליישיקע נאָז, וואָס איז דאָס רוב יאָר פארלייגט, אָן שום
התמנות. נאָר ווען עס מאַכט זיך אין איר אמאָל עפּעס א פארענדערונג,
אונטער א פאר=פסח, אַשטייגער, בשעת עס לאָזט אומעטום, עס גייט
די קריע, און דער באַלעבאָס אירער נעמט זי אין דער ארבעט מיט אלע
פינף פינגער, דענסטמאָל בלאָזט זי הילכנדיקע תקיעות, ווי א שופר;
דענסטמאָל קלינגט מיט איר גאַנץ טונעיאַדעווקע. איניינעם מיט די אינ=
דיקעם דאָרט גיט זי דענסטמאָל קאָנצערט. אלע אין שטעטל בלייבן פאר=
גאַפט און עס שיטן זיך איר שמעק=טאַבעקע פון אלע זייטן מיט ווינטשע=
וואַניעם יקנה"זן אָן א צאָל: אסים, אסים! — איבערהויפּט אין די יידישע
שטעטלעך צעשפּילן זיך די נעז אין יענער צייט. מסתמא ש מ ע ק ט
דאָך עס מיט עפּעס און עס האָט אַ טעם... דאָס איז שוין דאָרט אַזוי גע=
שטעלט, ווי פרשה יתרו ציגלען זיך די ציגן. נישט דאָס בין איך אויסן.
אלטער יקנה"ז איז א טונעיאַדעווקער מוכר=ספרים, מיינער א באַקאַנטער
פון אלטע יאָרן. ער איז א מענטשן פאר זיך, נישט שטאַרק איבערגע=
שפיצט, נישט קיין גרויסער בעל=דברן, שטענדיק אָנגעבלאָזן, ווי ברוגז
אויף דער וועלט. הגם ער איז בטבע נישט קיין שלעכטער מענטש.

נאָך דעם ברייטן שלום=עליכם פון ביידע צדדים, נעמען מיר זיך איי=
נער דעם אַנדערן אויסצופאָרשן, דאָס הייסט ביי אונדז יידן געוויינטלעך:
אַ טאַפּ טאָן אין וואָגן, אָדער אַ שמעק טאָן, וואָס הערט זיך.

— ווהין פאָרט עס א ייד? — גיב איך אלטערן אַ טאַפּ.

— וווהין עס פאָרט א ייד? עט... — ענטפערט אלטער צוריק מיט א פרעג, ווי דער שטייגער איז פון יידן, נישט צו ענטפערן גלייך, אָפּצופּטרן יענעם מיט „עט“ און אָנצושטויסן זיך אופן ווונק — די אַלע חכמות, וואָס אין דער מלאכה אָנשמעקן, א טאַפּ טאָן, שטעקן... — א ייד פאָרט! אין דער ערד מיט דעם קאָפּ פאָרט ער... און ר' מענדעלע פאָרט עס וווהין? — טוט ער מיך צוריק א טאַפּ.

— אַהין!... וווהין געוויינטלעך איך פאָר אין דער צייט.

— איך שטוים מיך שוין אָן וווהין: אַהין, קיין גלופּסק, וווהין איך פאָר אויך אַצינד, — מאַכט אלטער מיט אזאַ מינע עפּעס, ווי עס אַרט אים, צום פּדיון זאָל עס חלילה נישט שאַטן. — נאָר פּאַרוואָס, ר' מענ־דעלע, איז ביי אייך היינט עפּעס מן הצד, מיט א הינטער־וועגעלע, און פאָרט נישט אַהין מיטן גלייכן שליאַך?

— היינטיקס מאָל איז מיר גראָד אזוי אויסגעקומען, ס'איז רעכט! שוין טאַקע אַ לאַנגע צייט בין איך אויף דעם וועג נישט געווען. און ביי אייך, ר' אַלטער, פּאַרוואָס איז דאָס עפּעס הינטן־ארום? — טו איך א שמעק. — פונוואַנען קומט עס א ייד?

— פונוואַנען א ייד קומט! פון אלדי שוואַרצע יאָר!... פון דעם שיי־נער יאַריד. נאַט אייך א יאַרמעלינעץ! איינגעזונקען זאָל זי ווערן!

און דערווייל ווי אלטער מיינער שילט, פּלוכט יאַרמעלינעץ מיט דעם יאַריד דאָרט, פאָרן אָן אַקעגן גויאישע פורלעך מיט אַ געשריי, פּאַרוואָס דער וועג איז פאַרשטעלט. דערנאָך, ווי זיי האָבן דערזען צוקומענדיק מיך און אַלטערן,ביידע אין טליתים מיט גרויסע של־ראשן אויפן קאָפּ און לאַנגע ברייטע רצועות, צעשרייען זיי זיך שוין גראָבלעך, מיט געשפּעט:

— באַטשיטי, יאקיי פּאַני־בעריי, צאַצי!... ע־ע! טראַסציאַ וואַשי מאַטערי, דאיטע דאראָגי! העי, כודקאָ, זשידקי, לאַפּסערדאַקי![1]

איך מיט מיין אַלטערן טוען מיר געשווינד זיך אַ נעם צו דיביידלעך מיט אימפּעט. א פּאָר פון די פּויערן, כאָטשע נישט פון יידישע קינדער, נאָר אמת מוז מען זאָגן, האָבן געהאַט אזוי פיל יושר צו העלפן אונדז אין דער נויט. און בזכות זייער שטופּ טאַקע איז מייןביידל באַלד ארויס פונעם טינטערל. זיסט וואָלטן מיר זיך אַוועקגעבאָברעט גאָט ווייס וויפל, און נאָך געקאָנט מיאוס צערייסן אונדזערע טליתים. מיט די עשום איינגעם איז שוין אויסגעקומען גאָר עפּעס אַנדערש: זיי האָבן געשטופּט אויפן רעכטן אמת טאַקע, והידים ידי עשו, באַלד צו דערקענען געווען עשום העגט, און

[1] קוק זיי אָן, וואַסערע פּיינע בריות, צאַצקעס!... ע־ע! א רוח אין אייערע מאַמעס אריין, מאַכט א וועג! העי, גיכער, יידעלעך לאַפּסערדאַקעס! (אוקראיניש)

ביי אונדז, להבדיל, איז נאָר געווען הקול קול יעקב, דאָס הייסט, מיר האָבן זיך נאָר געקוועטש, זיך געמאַכט ווי מיר שטופּן קלאָמפּערשט... נישט דאָס בין איך אויסן. ווי באַלד נאָר דער וועג איז געוואָרן פריי, זענען די גראָבע באַמולעס זיך געפאָרן זייער וועגס, אויסדרייענדיק די פּאַרצעס צו אונדז, אַליין געלאַכט, געשפּעט, וואָס מיר גייען אָנגעטאָן, ווי גלחים, להבדיל, לעבן די פערד אין וועג, און דינען דעם בורא מיט דער בייטש אין דער האַנט... א טייל האָבן, טייטנדיק אויף אונדז מיט אן עק פּאַלע, ווי א „חזיר=אויערל“, געשריגן: „ושיד כאלאמיי!“ אַלטערן האָט עס נישט אזוי געאַרט. — אויך מיר לייט! — מאַכט ער מיט א קנייטשל. — פאַר־וועמען, מישטיינס=געזאָגט, מען האָט זיך דאָ צו שעמען!... מיר אָבער האָט דאָס שפּעטן זייערס יאָ געאַרט. געוואַלד, רבונו=של=עולם, פאַרוואָס? פאַרוואָס?...

— אלמעכטיקער גאָט! — זאָג איך מיט א געבעט אויף תחינה=לשון.[1] עפן דיינע אויגן און טו לוגן פון דיין הארבעריק, דאָס איז דער הימל, ווי דיינע פּאַרטצומע יידעלעך זענען צו שפּאָט און צו שאַנד בייערט וועגן דעם כבוד פון דיין ליבן נאָמענס וועגן, ווייל זיי פּאָרכטן דיין פּאָרכט, זיי אַכפּערן דיין געבאַט האָפערדיק מיט וואָרהאַפטיקייט. דארום וועלגער אויף אונדז דיין באַרעמהאַרציקייט און לאָמיר טאָן געפינען לייטזעליקייט און חן אין דיינע אויגן און אין די אויגן פון אלע מענטשן. באַשירעם דיינע האָפערדיקע געליבטע שאָף, דיין רחמנות זאָל טאָן ברומען אויף דיינע פּאָרשטענדיקע פּאָרכטער. טו אויך באַגיטיקן מיין מזל פאר מיין לויבונג און באַשיינונג היינט דיין נאָמען באַשיימפערלעך מיט אַכפּערקייט. טו צושיקן מיר, דיין קנעכט מענדל, דעם זון פון דיין דינסט גנענדל, און כל ישראל עפּעם פּרנסה, א גוט געשעפטל מיט נחת=רוח, אמן!

---

[2] תחינה-לשון (טבינע-לשון). — דער גאַנצער וויטערדיקער טעקסט איז דורך מענדעלען איראָניש געגעבן אין דער שפּראַך פון די אַמאָליקע תחינות, געבעטן ספּעציעל געשריבן פאַר יידענעס אין יידיש-טייטש. א סך אויסדרוקן און פאָרמעס זענען שוין אין מענדעלעס צייטן געווען פאַרעלטערט און אומפאַרשטענדלעך. מיר גיבן דאָ די טייטשן פון זיי:

טו לוגן פון דיין האַרבעריק — קוקט אַרויס פון דיין באַהעלטעניש. פאָרכט־צומע — גאָטספאָרכטיקע. בייערט — בלויז; אויסשליסלעך. זיי פאָרכטן דיין פאַרכט — זיי האָבן מורא פאַר דיר, פאַר דיין גרויסקייט. אַכפּערן — שעצן. האָפערדיק — זיכער, פעסט. וואָרהאַפטיקייט — אמתדיקייט. וועלגער — שיק אַראָפּ, וואַרף אַראָפּ. טאָן געפינען — געפינען. באַשירעם — באַשיץ, באַהיט. פאַר־שטענדיקע פאָרכטער — שטענדיקע שעצער, פאַרערער. אַכפּערקייט — שעצונג, כבוד־אָפּגעבונג.

(רעד.)

ב

נישט לאַנג שהיות געמאַכט, קריכן מיר אַרויף אויף דיביידלעך און היידאָ ווייטער אין וועג אַריין. איך פּאָר פּאָרוים און אַלטער הינטער מיר אויף אַביידל פון אַלטע צעריסענע ראָגאָזשעס, פיר רעדלעך נישט קיין גלייכע, געקרעמפּעוועטע מיט שטריקלעך און אַ קרעמפּעלעך צווישן די פּלעקלעך. די אויסגעסמילעוועטע קלעצלעך וואַרפן זיך אין אַלע זייטן אויף די אקסן, סקריפּען, קוואַקען און קאָנען קיין אָרט זיך נישט געפינען. דאָס ביידל איינגאַנצן איז זיך מטריח צו שלעפּן אַ הויכע, זייער דאַרע שקאַפּע מיט אַ קרעציקן, אָנגעביסענעם רוקן, גאַלע אייטער, גרויסע אויערן און אַ קאָל־טענעוואַטע גריווע, פאַרפּלאָנטעט מיט היי און קלאָטשע, וואָס קריכן אַרוים פונעם אַלטן כאָמעט.

פונעם דאַוונען איז מיר איבערגעבליבן נאָר די שטיקלעך דרויב צום לעצט, פון וועלכע מען מאַכט געוויינטלעך עפּעס נישט אַזאַ פירוש. אָפּגע־פּטרט דאָס דאַוונען, הייבט זיך אָן גאָר אַ נייער עסק מיט דעם יצר־הרע.

— נעם, — טאָרעט ער, — נעם אַביסל בראָנפן! דערקוויק דאָס האַרץ.

— אי... אי! — ווער איך מיך אָפּ מיט אַ קנייטשעלע, — שבעה־עשר בתמוז, אין אַזאַ תענית! — עט! — באַקום איך אַן ענטפער, — אַ שייכות אַ ביסל צווישן אַ יידל היינט און גבוכדנצרן פאַרצייטן!... גרעסערע צרות איז דאָ און פונדעסטוועגן — גאַרנישט. זיי נישט קיין נאַר. דו ביסט געבעך אַלט, שלאַף, נישקשה! — איך גיב אַ מאַך מיט דער האַנט איבערן פּנים ווי אָפּצוטרייבן אַ פליג אַ זלידנע און כאַפּ דערווייל אַ קליין קוקעלע אויפן רענצעלע דאָרט אין ביידל, וווּ עס געפינט זיך ביי מיר תמיד אַ גוט ביסל ספּירט, רעטשענע קיכלעך, קאָרנלעקעך, קנאָבל, ציבעלע און שאר־ירקות. די סמאַהע גייט איבער די ליפּן, דאָס האַרץ חלשט, דער מאָגן בורטשעט: געוואַלד, אַ ביסל בראָנפן! געוואַלד, עפּעס פאַרביסן! — איך קער גע־שווינדט אַוועק דעם קאָפּ אין דער זייט, און קוק, באַטראַכט אַלצדינג אין פעלד אַרום מיר, כדי צו פאַרשלאָגן דעם בייזן געדאַנק.

דער הימל איז בלוי, לויטער אָן אַ פּיצל וואָלקן. די זון בראָט, סמאַ־ליעט, עס ווייעט נישט קיין ווינטעלע, מען פילט נישט קיין לופטעלע. די תבואה אויף די פעלדער, די ביימער אין די וועלדער שטייען שטיל, ווי צו־געקאָוועט, קיין שאָקל אַפילו זיך נישט צו טאָן. קי אויף די פּאַשעס ליגן מיד, אויסגעשטרעקט די העלדזער, שאָקלען צווייילן די אויערן, קייען און מאַלעגיירען; אַנדערע גראָבן אונטער זיך די ערד מיט זייערע הערנער, שאַרן מיט די קאָפּעטעס און רעווען, שרייען פאַר גרוים היץ; דער בוהאַי פאַררייסט דעם קאָפּ, לויפט גאַלאָפּ, וואַרפנדיק דעם קאָפּ אין אַלע זייטן,

שטעלט פּלוצעם זיך אַנידער, אָנגעבויגן דעם שטערן האַרט צו דער ערד,
שמעקט, פּאָכט מיט די נאָזלעכער, לאָזט אַרויס אַ ברומען, סאָפּעט און
דריגעט מיט די פּיס. — לעבן אַן אַלטער, אויסגעקרימטער און האַלב=פֿאַר־
דאַרטער ווערבע, איבערגעשפּאָלטן אין דער העלפֿט אַמאָל פֿון אַ דונער,
שטייען פֿערד, אײנער אויפֿן אַנדערן פֿאַרלייגט די קעפּ, צו מאַכן כאָטש
עפּעס אַ שאָטן, און שמייסן מיט די וויידלען, פּטור צו ווערן ווי ס׳איז פֿון
די בייזע פֿליגן. — אויף אַ צווייגל אינדערהויך וויגט זיך אַ סאָראָקע, אויס־
ענדיק פֿונדערווייטנס ווי אָנגעטאָן אין אַ ווייס טליתל מיט פּאַסן תּכלת
פֿאַרגט, און דאַוונט, שאָקלענדיק זיך. זי בוקט זיך, פֿאַלט תּחנון מיטן קעפּל,
שפּרינגט אַ ביסל אונטער, אַ קליין קראַקעלע געבנדיק אַ פּאָר מאָל.. בלייבט
דערנאָך ווייטער שטיין אָן לשון, שטרעקט אויס דאָס העלדזל און קוקט
גלאָט אַזוי, אין דער וועלט אַריין, מיט פֿאַרשלאָפֿענע אייגעלעך. — אויף
דעם גאַנצן וועג איז שאַ=שטיל, מען זאָל דאָס הערן ערגעץ אַ שאָרך,
אַ פּיפּס, מען זאָל דאָס זען פֿליענדיק ערגעץ אַ פֿויגל; נאָר קאָמאַרן, מיקן
טראָגן ווי די רוחות זיך אין דער לופֿט אַרום, פֿליען טאַנצנדיק פֿאַרביי די
אויערן, טוען אַ גריליע, אַ זשוזשע, אײנראָמענדיק עפּעס אַ סוד און באַלד
טאַקע מאַרש ווייטער; נאָר צווישן היי, צווישן תּבֿואות דאָרט שמוצערן
די גרילן, זומזען, צימבלען און גייען מיט די טאַצן...

ס׳איז היים, ס׳איז שטיל, וווּנדערלעך שיין. שאַ! גאָטס באַשעפֿענישן
רוען...

איך ליג מיר פּאַר גרויס היץ פּשוט צעלייגט אויף דעם וואָגן אין העמד־
מחילה, מיט דעם טלית=קטן, אונטערגעהויבן אויפֿן שפּיץ קאָפּ דאָס גע־
שמעפּטע פֿעלפֿענע היטל און אַראָפּגעלאָזן ביז די פּיאַטעס מײַנע אונטער=
געניטע ברעסלער וואָלענע זאָקן, וואָס איך טראָג, בעוונותינו הרבים, אין
זומער אַפֿילו און האָב משונה שטאַרק געשוויצט. איך וואָלט דערפֿון גאַנץ
הנאה געהאַט אַפֿילו ווען די זון זאָל מיר נישט געווען זײַן גלײַך
אַקעגן פּנים, מחמת איך האָב ליב צו שוויצן און קאָן שעהן לאַנג אַוועק=
ליגן אין באָד העט=העט אויף דער אייבערשטער באַנק בשעת דער גרעס=
טער היץ. מײַן טאַטע, זאָל זיך מיען, האָט מיך פֿון קינדווייז=אויף דערצו
געוויינט. ער איז געווען אַ הייסער, געבראָטענער, אַ ברענענדיקער פֿייערדי=
קער ייד. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט זיך צו פּאַרען, צו שוויצן און דערמיט
אָפּגענומען די וועלט, זיך שטאַרק באַליבט געמאַכט ביים ייִדישן עולם. ער
האָט געשטעקט דרינען דאָס פּינטעלע ייִדישקייט מיט דעם ברען און מען
האָט איף אים געקוקט ווי אויף אַ שיינעם, באַגאָטישן ייִדן, געמאַכט מיט
דרך=ארץ: „יאָ, אין שמייסן זיך איז ער אַ למדן=מופלג, ער פֿאַרשטייט
דעם ענין מרחץ. ער קאָן, ער קאָן שוויצן נאָר אַ חריפֿות.“ —

740 2

שוויצן איז אַ יידישע זאַך. נישטאָ קיין שבת, קיין יום־טוב, וואָס אַ ייד זאָל פריער נישט גוט שוויצן. ווער אונטער אַלע פעלקער פון די שבעים אומות שוויצט נאָך אויף דער וועלט מער ווי יידן?... נישט דאָס בין איך אויסן.

און בשעת שוויצן, אַי ווילט זיך עס קוויקן! עס טריקנט מיר אין האַלדז, עס ברענט מיך אַ טרונק, איך שטאַרב עסן. דער יצר־הרע נעמט מיך ווייטער אָן, שטאַרקער ווי פריער, רעכנט מיר אויס דאָס גאַנצע צעטל יידישע מאכלים: אַ געבראָטענע לעדוועצע מיט קאַשע, אַ ראָסלפלייש, אַ לאָקשן־קוגל מיט אַ גנב — אַן אָנגעפילטע העלדזל אינעווייניק, — פאַר־פעלעך איינגעפרעגלט מיט גריוון. איך בין טויט מיט אַלע אברים, דער אַפעטיט איז אַ שרעק, און ער אַליין טאַקע ווייטער: כרעמזל, פראַקעס, פעטשאַ מיט לעבערלעך פענעצלעך, רעטעך מיט ציבעלע, אַ קראָפּ פון אינדיק אין אַ פאַסטערנאַק־צימעס. און פלוצעם, איך געדענק נישט וויאַזוי, וואַקסט פאַר מיינע אויגן, ווי פון דער ערד, אויס דאָס רענצעלע..

— „לחיים, נאַרעלע! — רעדט אויס מיר דער רוח. — גענוג זיך נאַריש געמאַכט, דו לעקיש איינער!“ — די האַנט מיינע שטרעקט זיך עפּעס, ווי אַלייז פון זיך, אויס, עפנט אויף דאָס רענצעלע און גיט אַ כאַפּ דאָס פלעשל געשווינד. איך קוק מיך אַרום, ווי אַ גנב, אין אַלע זייטן און מיין קוק באַ־געגנט זיך מיט דעם בליק פון פערדל, וואָס האָט, קראַצנדיק זיך אין דעם שפּיץ האָלאָבליע, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צוםביידל און קוקט אויף מיר עפּעס שטאַרק אָנגעבלאָזן, גלייך ווי עס וואָלט גערעדט מיט פּאַריבל: „נאַ, זע! אַ הינטערשטער פּיס איז מיר שטאַרק געשוואָלן, פאַרבונדן מיט שמאַ־טעס, עס רינט מיר נאָך אַן אויג, יאַטערט זיך מיר דער האַלדז, דאָס מויל זאָל מיר אָפּנעמען, אויב איך ווייס דעם טעם פון אַ האָבער. פונדעסטוועגן — וואָס זאָל איך טאָן? — שלעפּ איך מיך הונגעריק, קראַנק, צעבראָכן, נישט אויסצושפּאַנען זיך חלילה פון דער עבודה...“ דאָס פלעשל גליטשט זיך פון די הענט מיר אַרויס, צוריק אין זיין רו אַריין. איך שטופּ דאָס רענצעלע פון מיר אַוועק ווייט זייער פאַרשעמט, מאַכנדיק דערביי מיט אַ קרעכץ טיף פונעם האַרצן: אָט, פון וועמען באַדאַרף אַ ייד זיך אַ מוסר נעמען, ביי וועמען זיך לערנען שכל! מלפנו מבהמות ארץ: ער לערנט אונדז פון די בהמות אין דער וועלט... ניין, פערדל מיינס! איך גיי אויך אין יאָך און שפּאַן מיך פון דער עבודה נישט אויס... נישקשה, ר' פערדל, דער רוח וועט אונדז ביידע נישט נעמען! אָדם ובהמה, אַ מענטש אַ בהמה תושיע ה', העלפט גאָט!... נישט דאָס בין איך אויסן.

אַ ייד, אַבי ער האָט איינמאָל געגעבן אַ בראָך די מיאוסע תאווה פון עסן, מאַכט אים שוין די אַבילה אַזוי נישט אויס, און קאָן דאָס גאַנצע

לעבן זײַנס אָפּקומען כמעט מיט גאָרנישט. אי הײַנט נאָך, אין אונדזערע צײַטן, געפֿינען זיך זײער פֿיל ייִדן, בײַ װעלכע ס'איז דאָ נאָך אַ סימן פֿון מאָגנס, טאַקע עט־װאָס, װי אַ כזית. און ס'איז דאָ אַ גרױסע האָפֿענונג, אַז מיט דער צײַט — די טאַקסע, בעלי־טובֿות און דעסגלײַכן לאָזן נאָך נישט פֿאַרשטערט װערן — װעלן זײ פֿונעם עסן אַלץ מער מער זיך אָפּגעװײנען, ביז עס װעט קומען דערצו, אַז בײַ ייִדן אין די שפּעטערדיקע דורות װעט, חוץ מערידן, אַפֿילו אױך קײן סימן פֿון קײן מאָגן נישט זײַן. ייִדן װעלן דענסטמאָל אין דער װעלט זײער אַ שײן פּנים האָבן...

מיט דעם דאָזיקן שמועס אַצינד בין איך אױסן, אַז נאָכן אָװעקשטופּן דאָס רענצעלע פֿון מיר, בין איך געװאָרן עפּעס שטאַרקער און מיך שױן געפֿילט גאָר קײן מעשה נישט. איך האָב מיר געטראַכט פֿון מסחר און אונטערגעברומלט עפּעס אַ תשעה־באָבדיק ניגונדל. שױן, דאַכט זיך גאָר גוט. טראָגט דער רוח אָן אַ יונגע ערלטע, אַ מכוערת, אַ טעפּל פּיליניצעס, דאָס בעסטע לאַקעטקע מײַנס. אַן אַנדערער אױף מײַן אָרט פֿון יענע גוטע לײַט, װאָלט עס גענומען אױף זײַנע כּלים, דאָס איז דער יצר־הרע אַלײן אין דעם געשטאַלט פֿון אַן אשה געקומען מיט אַן אױסרײד... נאָר, לא היה! איך בין אַ בעלן געװען און זיך גוט צוגעקוקט. פּשוט, אַן ערלטע אָן חכמות! און בעטנדיק מיך אַװעקצוקױפֿן בײַ איר די פּיליניצעס אינײַנעם מיט דעם טעפּל פֿאַר צען גראָשן, רוקט זי עס מיר אונטער גלײַך אונטער דער נאָז. דער ריח איז מיר פֿאַרגאַנגען שטאַרק אין דער נאָז, עס װאַסערט מיר דאָס מױל, עס קלעמט מיר דאָס האַרץ, טונקל װערט מיר אין די אױגן. עס גלוסט זיך מיר, אַ שרעק! און מחמת מורא, איך װעל מיך נישט קאָנען אײַנהאַלטן, כאַפּ איך און שפּרינג אַראָפּ אױף דער ערד שטאַרק צעקאָכט, װי אײנער ראַטעװעט זיך אין אַ שׂרפֿה. אַז איך האָב נישט צעבראָכן רוק און לענד, איז גאָר גרױסע ניסים, און לאָז אַרױס נישט מיט מײַן קול אַ געשרײ: ר' אַלטער! — די כּװנה מײַנע איז דערמיט געװען, אַלטער זאָל זײַן אַ שומר.

אױפֿן װאָגן אין דער לענג ליגט ראַקאָם, מ ח י ל ה, מײַן ר' אַלטער אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט בײדע הענט, רױט װי אַ צװיק, צעבראַסטעט מיט דעם רױט־פֿאַרװאָקסענעם האַרצן אינדרױסן, פֿאַרברענט, פֿאַרבראָטן און נױט־שװײס באַשלאָגט אים, אַז דאָס האַרץ, שונאי־ציון, האָט געריסן, קוקנדיק אױף אים.

— האַ־אַ? — מאַכט אַלטער, דערהערנדיק מײַן געשרײ, עפּעס אױף ק'איש, נישט רירנדיק זיך פֿון אָרט. — װאָס איז?

יענע מיט דעם טעפּל פּיליניצעס, גיב איך אַ בליק, איז שוין נישטאָ, ווי אויסגעטריקנט געוואָרן. איך מאַך מיר אַן אויסרייד און טו אַ פרעג אַלטערן:

— וויפל, מיינט איר, זאָל אַצינד האַלטן אַזייגער?

— אַזייגער אַצינד וויפל זאָל האַלטן? — ענטפערט אַלטער מיט אַ פאַרדומפּט קול. — וויים איך? צו די ערשטע שטערן ווען די אויגן אויסקריכן גענוג, וואַרטנדיק. נו, מילא... אָ, שטאַרק היים!

— אַ געשמאַקע היץ, אַ־אַ־אַ! —רוף איך מיך אָן, גייענדיק צופוס לעבן אַלטערס ביידל. — איר שוויצט, ר' אַלטער? איך מיין, שוין צייט צו פאַסטן. אונדזערע אַדלערס זענען געבעד מיך, קוים וואָס זיי שלעפּן זיך. צום טראַקט אויף גלופּסק איז נאָך דאָ אַ פּאָר ווערסטלעך, אפשר נאָך מיט אַ שמיצל. נישט ווייט פונדאַנען, דאָרט ווו עס הייבט זיך אָן ציען אַ וואַלד העט־העט ביז צום שליאַך, זע איך אין דער זייט, לינקס, זייער אַ גוט אָרט צו פיטערן.

אין עטלעכע רגע אַרום האָבן מיר אַראָפּגענומען זיך אין דער זייט פונעם וועג און צוגעקומען צו יענעם אָרט, ווו ס'איז געווען וואַלד, שיינע פעלדער, אַ געמויזעכץ און אַלע גוטע זאַכן. מיר האָבן אויסגעשפּאַנט אונדזערע לייבן, געלאָזט זיי פריי פיטערן זיך דאָרט ביים ברעג וואַלד און אַליין האָבן מיר זיך אונטערגעלעגט אונטער אַ בוים.

ג

אַלטער יקנה"ז האָט קוים געאָטעמט פאַר היץ, אַנגסטן האָבן אים באַשלאָגן. ער האָט געזיפצט, געקרעכצט, אַזוי אַז עס האָט מיך פאַרוואָר ביים האַרצן אָנגעכאַפּט, און בכדי אים צו מינטערן אַ ביסל, אויך טאַקע צו דערן, צו פאַרברענגען אַ ביסל די צייט, לאָז איך מיך אַריין מיט אים אין אַ שמועס אַזוי:

— אַפּנים, ר' אַלטער, אייך איז געשמאַק היים?

— בעו! — ענטפערט אַלטער גאַנץ בקיצור, עפּעס ווי אָנגעברוגזט רוקנדיק זיך אונטער דעם בוים, ווו עס איז נישט געווען אַזאַ גרויסע באַהעלטעניש פון דער זון, וואָס האָט אַריינגעשיינט דורך די צווייגן.

— פע, נישט גוט פון דעם תענית! וואָס, איר קרעכצט אַזוי? — מונטער איך מיין אַלטערן, פעסט ביי זיך אָפּגעמאַכט, מיין טויט זאָל דאָ זיין, מוז איך אַרויסבאַקומען ביי אים אַ וואָרט.

— בעו! — מאַכט אַלטער, און ווייטער טאַקע אַ רוק אונטערן בוים.

מיט „בע" אליין אָבער האָב איך נישט געוואָלט מיך באַגנוגענען. — אי־
טראַכט איך, — דו ביסט אַ געבראָטענער עקשן! נישקשה, דו וועסט ביי מיר רעדן. היינט, שוויים אין דער זייט, עס מוז זיך אָנהייבן פון געשעפט, דאָס בעסטע, איינציקע מיטל רעדנדיק צו מאַכן אַ יידן. אַ ייד בשעת דער גסיסה אַפילו קוים דערהערט ער נאָר עפּעס געשעפט, ווערט ער לעבעדיק און דער מלאך־המות אַפילו קאָן דענסטמאָל צו אים אויך נישט צוטרעטן. דעם ערגסטן שונא מיינעם ווינטש איך נישט אַריינצוקומען צו אַ סוחר בשעת עס דאַכט זיך אים נאָר געשעפט. ער איז מבטל דענסטמאָל איטלעכן, אַפילו דעם בעסטן פריינד, אַן אייגענעם ברודער, מיט דעם בליק... נישט דאָס בין איך אויסן.

איך ווענד זיך צו אַלטערן מיט אַזאַ שמועס:

— מיר ווען, דאַכט זיך, ר' אַלטער, מאַכן אַ געשעפטל! גוט, כ'לעבן וואָס מיר האָבן זיך דאָ היינט באַגעגנט. אַי, האָב איך עס היינט מיט מיר אַ מין סחורה, גין־גאָלד!

דאָס מיטל מיינס האָט געווירקט. אַלטער איז ווי איבערגעביטן געוואָרן. ער הייבט זיך אַ ביסל אונטער און קוקט אויף מיר מיט אויפגעשטעלטע אויערן. איך גיב אים ווייטער איין פּיזעם אַזוי:

— היינטיקס מאָל, ר' אַלטער, גייט דאָס געשעפט צווישן אונדז אויף מזומן געלט. איך פאָרט דאָך פון יאַרמעליניצער יאַריד און מיזט, אָן עין־הרע, האָבן פולע קעשענעס.

— פולע קעשענעס, יאָ! אַ האַרץ פול מיט מכות האָב איך, — זאָגט אַלטער שטאַרק אָנגעברוגזט, — איך זאָג אייך, ר' מענדל... גאָר נישטער גאָרנישט; אַ מענטש אָן מזל זאָל נישט געבוירן ווערן גלייבער... עסקים, עס האָט מיר זיך געגלוסט נייע עסקים! אַן אַנדער אויף מיין אָרט — העה־העה! ביי מיר אָבער איז גאָרנישט, מיט דער פּוטער אַראָפּ. אַזאַ אומגליק! אַ ווייטעק נאָר צו דערציילן. שנייץ די נאָז און שמיר דאָס פּנים. נישמער וואָס, גאָרנישט.

איך האָב גוט אַרויסגעזען, אַז מיט מיין אַלטערן איז עפּעס נישט גלאַטיק, ס'איז דאָ אַ צרה. אַבי נאָר עס האָט אים זיך געעפנט אַ מויל, איז שוין גענוג געווען אַ קליין קוועטשעלע, עס זאָל אים זיך שיטן גיין מאַמע רייד. פון מיין זייט איז קיין מניעה נישט געווען. איך האָב געטאָן אַ גוטן קוועטש און מיין אַלטער האָט זיך צעוויגט, אָנגעהויבן צו דערציילן זיין אומגליק אויף זיין שטייגער אַזוי:

— מילא קום איך מיר צופאָרן אויף יאַרמעלינעצער יאַריד. קומענדיק אויפן יאַריד, שטעל איך מיך מיט מיין ביידל אויף דעם פּלאַץ, פּאַשפּייט איר מיך, און צעפּאַק מיר דאָס ביסל סחורה. מילא בקיצור — גאָר־

זישט. שטיי איך מיר און קוק אַרוים אויף לייזעכץ. געטראָגן איפֿן יאַריד האָבן מיך די צרות. איך בין היינט, נישט פאַר אייך געדאַכט, מיאוס אין דער קלעם. דער דרוקער מאָנט געלט. מילא דאָס איז גאָרנישט — מאָנט ער. ער וויל אָבער, פאַרשטייט איר, מער נישט געבן קיין סחורה!... מיין עלטערע בתולה איז שוין אין די יאָרן; אַ בתולה, פאַרשטייט איר, באַדאַרף חתונה האָבן. מילא גיי זשע דריי דעם קאָפּ, זוך אַ חתן. חתנים זענען דאָ, אָבער אַ חתן, דאָס הייסט, פאַרשטייט איר מיך, אַ חתן! איז נישטאָ... מיין ווייב באַדאַרף זיך צו די צרות פאַרגלוסטן האָבן אַ ייִנגל, און נאָך ווען — פאַר פּסח. איר פאַרשטייט, וואָס הייסט אַ ווייב האָט אַ ייִנגל? אַ חתונה, חתונה הייסט עס! נישמער — גאָרנישט.

— נעמט נישט פאַר אומגוט, — זאָג איך צו אַלטערן, — וואָס איך פאַל אייך אַריין אין די רייד. למאַי האָט איר אויף דער עלטער גענומען אַ יונג ווייב, זי זאָל אייך אַזוי פיל קינדלען?

— גאָט איז מיט אייך! — מאַכט אַלטער פאַרוואונדערט. — איך האָב דאָך געמוזט נעמען אַ באַלעבאָסטע אין שטוב אַריין. וואָס וויל דען אַ ייִד מיט דעם חתונה האָבן? גאָרנישט! אַ ייִד וויל נעבעך האָבן אַ גוטע באַלעבאָסטע.

— למאַי זשע, ר' אלטער, — טו איך אַ פרעג, — האָט איר געגט אייער ערשט ווייב און איר פאַרווּסט דאָס לעבן? זי איז דאָך געווען אַ גוטע באַלעבאָסטע!

— בע! — מאַכט אַלטער, פאַרקנייטשנדיק זיך מיט אַ פינצטער פּנים.

— קיין עקרה, געלויבט השם־יתברך, איז אייער ערשט ווייב אויך נישט געווען, — לאָז איך אַלטערן מיינעם אַלץ נישט אָפּ. — ווהין זענען אהינגעקומען די קינדער נעבעך? הא, וואָס?

— בע!... — בעקעט אַלטער אָן לשון, אַ קראַץ געבנדיק זיך אין דער פּאה, אַ מאַך מיט דער האַנט און אַ זיפץ טיף פונעם האַרצן.

„בע" איז ביי אונדז ייִדן אַ טייער וואָרט, וואָס האָט זייער פיל טייטשן און איז אַ תירוץ אויף אַלע קשיות. „בע" קאָן מען געברויכן אין אַלע צייטן אין אַ שמועס און עס זאָל תמיד פּאַסן. אַ ייִד קאָן מיט „בע" זיך תמיד אויסדרייען, ווען ער איז נעבעך אין דער קלעם און שטייט שמאָל. מיט „בע" מילוקט אַ שווינדלער, אַן אָנזעצער, אַז די בעלי־חובות טרעטן צו מיט שטאַרקע טענות. „בע" שטייט אַ ייִדן ביי אין דער נויט, ווען עס באַווייזט זיך, אַז ער איז נעבעך אַ ליגנער. מיט „בע" קאָן מען אָפּענטפערן יענעם, וואָס דולט אָן אַ קאָפּ צוויי־שעה, נישט צו הערן, נישט צו פאַרשטיין. אַפילו איין וואָרט פונעם גאַנצן שמועס. מיט „בע" קומט אָפּ אַ שיינער, צע־

בראָכענער ייִד, ווען ער דערלאַנגט שטילערהייט אַ בים; אַ שיינע מורנו. ווען ער טוט אָפּ אַ מיאוסע מעשה; אַ דימענטיק מענטשל, אָן חכמות, ווען עס לאָזט זיך גאָר אויס, ער איז געמלאכהט, האָט פֿול פּליי אין דער נאָז. הכּלל — „בע" האָט אַלערליי טעמים, משונה־ווילדע פּירושים, ווי אַשטיי־נער: רוף מיך קנאַקניסל, לאָר מיך צום וגתנה תוקף, מהיכא־תיתי, ק ו מ מ י ו ת, געסמאַהע דיר פֿאַרפֿול און נאָך טייטשן אָן אַ צאָל. דאָס ייִדישע קעפּל שטויסט זיך שטענדיק אָן, ווהין דאָס וואָרט „בע" צילט, און פֿאַרשטייט דעם רעכטן פּשט דערפֿון, ווי עס פּאַסט צום ענין. —

אַלטערס לעצטער „בע" איז געווען אַ ביטערער מיט גרינע ווערעם. אין אים איז געלעגן עפּעס ווי אַ חרטה, אַ באַנק־טאָן, אַ באַשולדיקונג זיך אַליין. עס האָט אים זיכער געמוזט ליגן אויפֿן האַרצן ווי אַ שטיין זיין מיאוסע באַ־נעמונג אַקעגן דעם ערשטן ווייב און די קינדער פֿון איר. ער האָט געמוזט אין איטלעכס אומגליק, וואָס אים טרעפֿט, זען אַ שטראָף פֿון גאָט פֿאַר זיינע זינד. דאָס האָט באַשיימפּערלעך אַרויסגעוויזן זיין ביטערער זיפֿץ און דאָס אַ מאָך געבן מיט דער האַנט, אויך דער קראַץ אין פּאה דערביי האָט אַזוי פֿיל געהייסן: „פֿאַרביים די ליפּן און שטום... אין דער ערד מיטן קאָפּ!".

איך האָב מיך אין האַרצן שטאַרק באַשולדיקט, למאי איך האָב אויפֿ־געריררט אַלטערס אַלטע וווּנדן. דאָס איז טאַקע די מעשה מיט אַ ייִדן אַריינצומישן זיך אין יענעמס היימישע זאַכן און אַריינצוקריכן מיט שאלות יענעם אין דער נשמה אַריין, בשעת זי טוט ווי און וואַרגט זיך געבער מיט די צרות שטילערהייט פֿאַר זיך. אַחוץ דעם האָט מיך טאַקע געערגערט, וואָס די מי מיינע איז אינגאַנצן פֿאַרלוירן. אַלטער האָט זיך שוין אַזוי פֿיין צעוויגט און געערדט מחיה, דאָס ציגל האָט געקלאַפּט ווי א זייגער, פּלו־צעם באַדאַרף איך אָנרירן אינעווייניק אַ רעדל און דער אומרו איז געבליבן שטיין! איבעראַניים מיינע מיטל, איבעראַניים פּיזעם ר' אַלטערן. איך האָב נישט געקאַרגט, ווייטער איינגעגעבן אַלטערן רעד־מיטל מיט דער פֿולער מאָס. צוגעפּאַסט צו אים אַ גוט שליסעלע, אָנגעדרייט אים מיט קונצן — און דער אומרו, דאָס ציגל זיינס, האָט ווידער זיך צעשאָקלט.

ד

— מילא שטיי איך מיר אַזוי לעבן מיין ביידל, — האָט אַלטער ווייטער אָנגעהויבן צו דערציילן מיט זיין לשון, — בקיצור, ווי איך שטיי מיר דאָ, קוק איך און באַטראַכט מיר דעם יאַריד. אַ יאַריד, — אַ יאַריד, עס קאָכט. דער עולם איז גרויס, ייִדן מאַכן געשעפֿטן, שטאַרק פֿאַרטראָגן, פּשוט זיי לעבן.

אַ יידעלע אויף אַ יאַריד איז אַ פישעלע אין וואַסער. דאָרט, פאַרשטייט איר
מיך, לעבט עס. יעקב אָבינום ברכה טאַקע: ״ י ד ג ו — און זיי זאָלן זיך פיש=
לען בקרב הארץ — אויף דער וועלט. — אמת, ר׳ מענדעלע? שטייט טאַקע
אַזוי געשריבן ווי יידן זאָגן: „אויפן הימל אַ יאַריד“? הייסט עס, אפּנים,
די עולם=הבא פאַר יידן איז אַ יאַריד!... מילא שטייט, נישט שטייט, יידן
יאַרידעווען, לויפן, האַנדלען, שטייען נישט איין אויף איין אָרט. צווישן די
סוחרים זע איך בערל טעלעצע, אַמאָל אַ באַהעלפער, דערנאָך אַ משרת,
היינט ר׳ בער, שטייט מיט אַ גרויסער קלייט, פלאַמט אויפן יאַריד. בקיצור,
גאָרנישט. ס׳איז אַ טאַראַראַם, אַ קאָכעניש. דאָרט, זע איך, לויפט אַ יידל,
אַ צווייטער, אַ דריטער, אויך פאָרלעך, פאַרשוויצט שטאַרק, דאָס מיצל
אויפן שפּיץ קאָפּ, דאָ אַ טאַפּ, דאָרט אַ טאַפּ, אַ מאַך אַהין, אַ מאַך אַהער,
א דריי מיטן גראָבן פינגער און א קיי דאָס שפּיצל בערדל, געפאַלן, אַפּנים,
אויף אַ המציאה. עס לויפן גאָר אָן אַ נשמה מעקלערס, שדכנים, טאַנדעט=
ניקעס, מאַכליאַרקעס, קורעלאַפּניצעס, יידענעס מיט קוישן, יידן מיט טאָר=
בעס, מיט פינף פינגער, באַלעבעסלעך מיט שטעקעלעך, באַלעבאַטים מיט
בייכלעך, איטלעכן פלאַמט דאָס פנים, נישטאָ קיין צייט, אַ רענדל אַ מינוט.

מילאָ בקיצור, גאָרנישט, עס האָט אויסגעזען, אָט כאַפּן זיי דאָס גליק.
אַי=אַי, בין איך עס מקנא ווי איטלעכן גייט דאָס מזל! איטלעכער פאַרדינט,
שעפּט געלט, און איך, שלימזל, וואָס? שטיי ווי א לייםענער גולם, פאַ־
לייגט די הענט לעבן מיין צעריסן ביידל, באַהאָנגען פון ביידע זייטן מיט
ציצית, קמיעלעך און אינעווייניק שמאָכטעס, פּעקלעך ספרים, אַ קאַמאָ=
וועס כ׳לעבן. תחינות שרה בת=טובים! שרה בת=טובים איינגאַנצן איז ווערט
אַ דרייער... גיי לעב, צעפיר זיך מיט איר די הענט, מאַך התוגה אַ מיידל!
איך שילט אין האַרצן זי, דאָס ביידל, די דאַרע שקאַפּע מיינע, הלוואַי וואָלטן
זיי אויף דער וועלט נישט געווען! געווג, מען באַדאַרף פּרוון דאָס מזל,
אויך עפּעס טאָן! אַרבעטן. השם=יתברך קאָן אפשר רחמנות האָבן, וואָס
רעדן?

בקיצור, עס פאַררייסט זיך מיר דאָס היטל, עס פאַרקאַטשען זיך מיר
די אַרבל, מיינע פיס גייען צו, ווי פון זיך אַליין, צו אַ וואָגן און באַלד טאַקע
קיי איך מיר אַ שטרויעלע, וואָס איז פונעם וואָגן פאַרקראָכן גלייך מיר
אין מויל אַריין. מילא קיי איך מיר דאָס שטרויעלע און דער מוח מיינער
אַרבעט. אַ קנייטשעלע, אַהער, אַהין און באַלד טאַקע אַ קלאַפּ מיטן פינגער
אין שטערן: ס׳איז דאָ! אַ שיין געשעפטל, — אַ שידוך צווישן צוויי
סוחרים, לייטישע מענטשן, וואָס שטייען מיט קלייטן אויפן יאַריד. פאַר=
שטייט איר מיך, ווער? איינער איז ר׳ אליקום, ר׳ אליקום שאַראָגראַדער! רע־

אַנדערער — ר' געצל גריידינגער. פֿאַרבייג איך מיר מיין עסק, אין דער ערד
מיטן קאָפּ דאָס ביידל מיט דער שקאַפֿע, מיט דעם דרוקער אינייִנעם! מי
מיך געשמאַק אַ נעם צום נייעם עסקל. למזל, עס רירט זיך... אַ האָפֿענונג,
עס וועט פֿאָרן. בקיצור, איך טרייב אָן, עס רוקט זיך. מיינער ווייסט נישט
מער, ווי קאַלענדרעווען, לויפֿן פֿון ר' געצלען צו רב אליקומען, פֿון רב
אליקומען צו רב געצלען. איך לויף שוין, ברוך־השם, לייטן גלייך, שטאַרק
באַשעפֿטיקט, נישט ערגער פֿון אַלע יידן. איך האָרעווע, אַקער מיט דער
נאָז די ערד, עס מוז ווערן — און דאָ טאַקע, אויף דעם יאַריד. וואָס רעז?
איז דען דאָ נאָך אַ בעסער אָרט ווי אויפֿן יאַריד?

בקיצור, אין כאַפּעניש, אין אייַלעניש, די מחותנים קוקן זיך אָן, איי־
נער דעם אַנדערן געפֿעלט, ביידע באַקומען חשק, ווילן שטאַרק. נו, וואָס־
זשע באַדאַרף מען נאָך? אַז ביידע מחותנים צאַפּלען, ברענען, האָבן חשק
און זענען פֿאַרטיק!... איך ווער גרעבער ווי לענגער פֿאַר שמחה. דאָס פֿאַר־
דינסט איז ביי מיר גלייך ווי אין קעשענע. איך קלער שוין אַפֿילו וויפֿל נדן
מיין בתולה צו געבן. דרילך אויף איינשיטן האָב איך אויף דעם סמך גע־
האַנדלט נאָך פֿריער, שוין געהאַלטן אַפֿילו אין קויפֿן ביי אַ טאַנדעטניק
אַ געניצט סאַמעטן מענטעלע. העמדער, דאָס איז שוין די לעצטע דאגה,
ווי גאָט וועט געבן... מילא בקיצור, — גאָרנישט. נאָך הערט אַ מעשה,
וואָס קאָן זיך פֿאַרלויפֿן! אַז ס'איז נישטאָ קיין מזל, זאָל מען בעסער נישט
געבוירן ווערן. — אַז עס האַלט שוין ביי טעפּ ברעכן און מען דערמאָנט זיך
גראָד אַרום חתן־כלה, לאָזט זיך גאָר אויס... וואָס מיינט איר? — אַ ווײַ־
טעק, כ'לעבן, צו דערציילן — לאָזט זיך גאָר אויס אַ בוידעם! ניין, בוי־
דעם איז נאָך אַ הונט אַ גאָרנישט. עס לאָזט זיך אויס קאַפּויער! הערט
דאָס אומגליק, דעם שטראָף פֿון גאָט: ביידע מחותנים האָבן — וואָס מיינט
איר, האָבן זיי? ביידע האָבן — בחורים!...

— סטייטש, ר' אַלטער! — שיס איך אויס מיט אַ געלעכטער,
איך בעט אייך איבער, ווי אַן אייגענע מוטער: ווי פֿאַלט איר אויס צו
טאָן אַזאַ שטותערייַ — רעדן אַ שידוך, איידער איר ווייסט, ווער פֿון די
מחותנים האָט אַ בתולה און ווער אַ בחורל?!

— אוודאי, פּשיטא! — גיט זיך אַלטער אַ קרים שטאַרק מיט פֿאַר־
דראָס. — איך האָב נאָך, כ'לעבן, אַזוי פֿיל שכל ווי אַנדערע און באַדאַרף
מיך ביי קיינעם נישט לערנען. כ'לעבן, איז ער דען אַ ייד און ווייסט דען
נישט, ווי אַזוי עס ווערן שידוכים!... דאַכט זיך, ר' מענדעלע, איר ווייסט
גאַנץ גוט דעם יידישן איינפֿיר, דעם גאַנצן שטייגער אין דעם משדך זיך זיין
און חתונה האָבן ביי אונדז יידן. וואָס זשע הידושט איר זיך אַזוי אויף
דעם אומגליק מיינעם, וואָס האָט זייער גרינג געקאָנט מיט איטלעכן זיך

מאַכן? — איך האָב זייער וויל געוווסט, אַז ביי ר׳ אַליקומען איז מחויב צו זיין אַ בתולה און נאָך וואָס פאַר אַ בתולה! אַזאַ שטיק גאָלד זאָל איך האָבן! איך האָב זי מיט אַ יאָר פריער געזען אַליין מיט מיינע אויגן, אַזוי זאָל איך זען פיל גוטס. נישמער גאָרנישט, אַז קיין מזל איז נישטאָ, העלפט נישט קיין חכמות, באַדאַרף די שיינע בתולה קיין צייט נישט האָבן און אויף צעשפּרינגעניש חתונה האָבן. עפּעס אַן אויסכאַפּעניש אויף איר געקומען, ווי אין דער בהלה. איך זאָל דאָס אָנהייבן כאָטש עפּעס צו וויסן. וויסן זאָל איך אַזוי פון מיין דלות! היינט פרעג איך אייך, אדרבא, געדענקט זשע, אַז איך קום דאָ וועגן דעם שידוך און זאָג גאַנץ יידישלעך, ווי געוויינטלעך: ר׳ אַליקום, איך וויל אייך משדך זיין מיט ר׳ געצלען, — ווּעמען האָב איך פון מיין זייט געקאָנט מיינען? מסתמא ר׳ אַליקומס בתולה. זי, עס פאַרשטייט זיך, מיט ר׳ געצלס בחור. אַרויסרעדן עס בפירוש איז נאָר אַ געלעכטער, אַן איבעריקע זאַך, וואָרום די קשיא איז דאָך: פּשיטא! וואָס לאָזט מיך הערן? עס פאַרשטייט זיך, אַז נעמען נעמען זיך נישט קיין צוויי זכרים, ווי דען זשע? אַ זכר מיט אַ נקבה, ווי דער שטייגער איז. דאַכט זיך, פון מיין זייט האָב איך געהאַנדלט ווי עס געהער צו זיין. קיינער — ביי מיין יידישקייט! — וואָלט בעסער נישט געהאַנדלט. בקיצור, איך האָב גערעדט ריין, שאַרף, דעם רעכטן עיקר: מכוח נדן, מכוח קעסט. דערביי מוזט איר נישט פאַרגעסן, אַז אויף אַ יאַריד, און דערצו נאָך מיט סוחרים, קאָן מען גאָר נישט רעדן איבעריקע רייד, בייזאַכן, נאָר געציילטע ווערטער, דעם עיקר, דאָס געשעפט אַליין: נישטאָ קיין צייט. מילא, האָט איר אייך אַן ענטפער פון מיין זייט. היינט לאָמער גיין צו ר׳ אַליקומען. ר׳ אַליקום ווידער פון זיין זייט, הערנדיק ווי איך רעד אים אַ שידוך מיט ר׳ געצלען, האָט זיכער דערונטער געמיינט זיין בחור, אַנדערש קאָן עס דאָך גאָר נישט זיין. אים אַליין רעדט מען מיט ר׳ געצלען? ווי שיקט זיך עס? און איינפאַלן אַ בתולה האָט אים אויך נישט געקאָנט, אז ער ווייסט ביי זיך זייער גוט, ער האָט חתונה צו מאַכן אַ בחור, נישט קיין בתולה. מילא קומט אויס,ביידע זענען גערעכט. נישמער גאָרנישט. היינט פאַרשטייט איר שוין?

— בע!... — מאַך איך, קוים איינהאַלטנדיק זיך פאַר געלעכטער און אָנטוענדיק זיך אַ כוח אָנצונעמען אַן ערנסט פּנים.

— נו, געלויבט איז גאָט, אַבי איר פאַרשטייט! — זאָגט אַלטער, אַ טייט געבנדיק אויף מיר מיטן גראָבן פינגער און מאַכנדיק דערביי צעצויגן „אָ!“, גלייך ווי איך האָב מיט מיין „בע“ געטראָפן פונקט אין קאַרב.

און דעם אמת מוז איך זאָגן, איז מיר אַלטערס דערקלערונג אַריין טאַקע דערנאָך אין קאָפּ. טאַ, פאַרוואָס נישט? אויף דעם יידישן גאַנג, ווי

עס ווערן געשלאָסן שידוכים ביי אונדז, פאַרוואָס זאָל זיך טאַקע אַזוינס נישט מאַכן? — עס כאַפּט זיך מיר פונעם מויל אַרויס נאָכאַמאָל „בע“, אַ קוק געבנדיק אויף אַלטערן עפּעס גאָר פריינדלעך.

— אַ, יאָ! — מאַכט אַלטער, ווייטער אַ טייט געבנדיק מיטן פינ־גער. — אַ, יאָ, איר פאַרשטייט! נישמער גאָרנישט. איר זענט נאָך נישט פאַרטיק. עס האָט נאָך געצאַנקט אין מיר עפּעס אַ האָפענונג. נעם איך מיך צו אַן עסקל, לאָז איך עס אַזוי גיך נישט אָפּ.

—ר׳ אַלטער, גאָט איז מיט אייך! וואָס רעדט איר? — שפּרינג איך אַזש אונטער פאַר גרויס וווּנדער און מיין זיכער, אַלטער איז אין תּמוז פאַר גרויס היץ משוגע געוואָרן. — וואָס פאַר אַ האָפענונג, ר׳ אַלטער, האָט געקאָנט איבערבלייבן נאָכדעם, אַז עס האָט זיך אַרויסבאַוויזן צוויי חתנים?!

— לאָזט זיך דינגען! — נעמט מיך איין אַלטער. — לאָזט זיך דינגען, ר׳ מענדעלע! ס׳איז רעכט. עס האָט זיך נאָך געשלאָגן ביי מיר אַן אָדער. גאָט גיט די רפואה פאַר דער מכה. פאַרשטייט איר מיך, עס האָט גע־מאַנצט אין קאָן טעלעצע. נאָך גאָר אויפן אָנהייב איז מיר איינגעפאַלן טעלעצע. דאָרט זענען שוין דאָ מיידלעך זיכערע, איר מעגט מיר גלייבן. עס האָט מיר תּחילת זיך געדרייט אין קאָפּ מיטאַמאָל: אליקום, געצל, טע־לעצע. פון זיי האָט מען באַדאַרפט אויסקלייבן אַ פּאָר. האָב איך באַדאַרפט גראָד בלייבן ביי ר׳ אליקומען, און טעלעצע דערווייל אַוועקשטעלן אין דער זייט. מילא, אַז דאָס אומגליק האָט מיך דאָ אַזוי געטראָפן, וואָס־זשע טוט מען? באַדאַרף מען אַרויספירן אויפן פּלאַץ טעלעצע, געהייכט, געקרוינט שוין מיט דער גאַנצער מורנו: ר׳ בערישל! בקיצור, איך פאַררייב דעם פעלער ביי די פריערדיקע ביידע צדדים. שולדיק־שמולדיק, זיי אַ ביסל, איך אַ ביסל, און אַ ביסל אויך דאָס מזל אונדזערס. מסתּמא איז נישט גע־ווען מן השמים, נישט באַשערט, פאַרשטייט איר מיך?... עס הייבט זיך אָן דער גרויסער מזמור: ר׳ בערישל איז, אָן עין־הרע, אַ גביר, אַ דימענט, אַ בעל־צדקה, אַ גבאי אין פיל חברות. ס׳טייטש, ר׳ בערישל! דעם טיטל „חכם“ רעכן איך נישט, ווייל עס פאַרשטייט זיך אַליין, עס ליגט שוין אין דעם נאָמען גביר... מילא גאָרנישט. דער פונק האָפענונג האָט אין מיר זיך אַליץ ווייטער מער צעברענט. גם זו לטובה, טראַכט איך, וואָס עס זענען ווי בוימל אויפן וואַסער אַרויפגעשווומען צוויי בחורים, אַציגנד איז דאָ פאַר זיי ביידע טאַקע צוויי בתולות, גלייך ווי אָנגעמאָסטן. ר׳ בערישל וועט מיר צו־רעכט מאַכן אַלצדינג און ס׳וועט אם־ירצה־השם זיין גוט. אַהער־אַהין, בקיצור, איך אַרבעט אויף אַלע כּלים. איך האָב ווייטער דאָס לויפעניש. דאַכט זיך,

אין פלוג, גאָר נישקשהדיק, עס האַלט אויף אַ שטיקל שטייגער. נישמער גאָרגישט. באַדאַרף זיך איננמיטן דערינען אויסלאָזן דער יאַריד. אַן איבער= קערעניש, אַלע צעפּאָרן זיך, צעלויפן זיך, אוים געשעפטן, און פארפאלן מיי מי, אזוי פיל מי!

— היינט פארשטייט איר? — ווענדט זיך אַלטער צו מיר מיט אַ ניגון פון אַ געבעט, אויסשטרעקנדיק ביידע הענט, ווי ער קלאָגט זיך, גיסט אוים זיין שווער, ביטער האַרץ און פאַרלאַנגט פון מיר עפּעס א הילף. — פארשטייט איר שוין? אז ס'איז נישטאָ קיין מזל, דאָס פּיצעלע מזל, העלפן נישט אלע חכמות. אוי, א צאָרן פון גאָט איז שוין פון אַ צייט אויף מיר אויסגעגאָסן געוואָרן, א שטראָף פאר מיינע זינד. — „אויף מזומן געלט!" זאָגט איר? אַן איבעריקן גראָשן האָב איך דען אין קעשענע, אַז אָך און וויי און ווינד איז מיר!

— איי, ווי אין באָד — צעהיץ איך מיך אויף אַ קול און טו מיר א געשמאַקן רוק.

אלטער שטעלט אויף מיר אוים א פּאָר אויגן, שאָקלט מיט דעם קאָפּ שטארק אויפגעבראכט, מאַכנדיק דערביי ווי אין דער וועלט אריין:

— אַ גנב אַ ביסל פון אַ יידן! אַ מענטש ווערט, שונאי=ציון, צעזעצט, די גאַל שפּרינגט אים פאר צרות, רעדט, און ער — גאָרנישט! האָט אינ= זינען זיין נפשל. א קאַטאָוועס, ס'איז היים ווי אין באָד! וועט צעשמאָלצן ווערן... איך פאַרשטיי, נישקשה, יידישע אָנשטעלן, דאָס וויל אַ ייד אַ כאַפּ טאָן זיך צוריק, ארויסזעענדיק, אז ביי יענעם איז קיין מזומן נישטאָ, קיין געשעפטן מיט אים וועט ער נישט מאַכן.

כ'לעבן... — רוף איך מיך אָן, א צי געבנדיק אלטערן פאר דער באָרד, כמנהג ייד. — וואָס פאלט אייך איין, ר' אלטער, אזעלכס צו טראַכטן? איך מיין גאָר עפּעס אנדערש. אייער סוף מעשה אצינד אויף דעם יריד האָט מיך דערמאָנט אין א זייער שיינער מעשה אַמאָל אין באָד, וואָס ליגט מיר עד היום אין טעם און איך קאָן עס נישט פארגעסן. אויך די אייגענע מעשה, עס זאָל דאָס פעלן א האָר. גאָר דאָרט איז עס געווען בקיצור און זיך אויסגעלאָזט מיטן קנאַק. מען מעג עס הערן. אָ, איר שוויצט, ר' אלטער! רוקט זיך, זייט מוחל, א קאפּעלע אהין, וועל איך מיר ליגן אָט אזוי מיט דעם רוקן צו דער זון און דערציילן.

אלטער ווישט אָפּ מיטן עק אַרבל פונעם העמד דעם שווייס פון זיין פּנים, נעמט ארוים פון דער בוזעם=קעשענע זיין פּאָרצעלייען פּיפּקעלע מיט עפּעס א יפה=פה אויסגעמאָלט דערויף; מאַכט אוים מיט א דרעטל וואָס הענגט אויף אַ קייטעלע ביים טאָמבאַקאָווען דעקל פון דעם ליולקעלע

דאָס קורצע ציבעכל, פון וועלכן דאָס דינע אויסגעבויגענע מונדשטיקל, ווי אויך דער אונטערשטער טייל, זענען גרוי־שווארצלעכע בייגדעלע און דאָס מיטל־שטיקל א ווייכס, אויסגעהעפט ארום מיט זאמד־פאַטשערקעס; פאַרדרייבערט דערנאָך דאָס פיפקעלע, טוט דערביי א קליין קוקעלע אויף דער יפה־פה און ציט זיך אויס, ווי גרויס ער איז, אונטער דעם בוים. איך הוסט מיך אויס, טו מיך אַ רוק און הייב אָן מיין מעשה אזוי:

ה

אין דער גלופסקער געמויערטער באָד האַלט זיך אויף זינט אַ לאַנגער צייט אַ בחור — פישקע דער קרומער. ווער פישקע איז, פונוואַנען ער איז — דאָס איז נישט מיר, נישט קיינעם איינגעפאלן צו וויסן. גאָרנישט! עס דרייט זיך ארום אַ באַשעפעניש, אַ פישקע, ווי אַלע אַנדערע פאַרוואָגלטע נפשות, זיין גלייכן, וואָס גיבן זיך אַ וויז ביי אונדז, יידישע קינדער, עפּעס פון דער העלער הויט, ווי די שוועמלעך, פארטיק מיטאַמאָל, מיט די הנדלעך, מען זאָל עס געוועזן אָנהייבן זען, ווי זיי האָבן ביסלעכווייז גע־שפּראָצט, כאָטש האָבן פון זיי פריער עפּעס א סימן!... עס זיצן זיך ערגעץ אין לעבער קבצנים, קינדלען זיך שטילערהייט — וועמענס עסק איז עס? — פּרוכפּערן זיך און מערן. ס'איז, אָן עין־הרע, אַ גרויס געדעמעניש. דאָס קליינוואַרג גיט זיך א הייב אויף די פיסלעך און פלוצעם שפרינגען ארויס אין דער וועלט פריש־צאַפּלדיקע קליינע יידעלעך: פישקעלעך, בייקעלעך, היימלעך, יאָסעלעך, — גאָקעטע, באָרוועסע, מיט לייבסערדאַקלעך, פלאָנ־טען זיך אומעטום פאר די פיס, אויף די גאסן, אין די הייזער און די קלייזלעך.

קיין שטאַרק גרויסן פאַרשוין קאָן מען פישקען נישט אָנרופן. ער האָט אַ גרויסן פּלאַטשיקן קאָפּ, אַ ברייט גרויס מויל מיט געלע קרומע ציין, רעדט שטשיפּיליאַווע, קאָן נישט קיין „ריש" שאַרף ארויסזאָגן און הינקט שטאַרק אויף א פוס. פישקע איז שוין געווען אין די יאָרן, פון זיינעטוועגן האָט ער שוין געקאָנט לאַנג חתונה האָבן און מזכה זיין גלופּסק מיט עט־לעכע קינדערלעך. נאָר אויף זיין פינצטער מזל, האָט מען אין אים זיך פאַרגעסן, און ער איז, ווי א פוילער מין אין אונדזער ספרים־האַנדל, גע־וואָרן א לעגער־סחורה. מען האָט אין אים פארגעסן אפילו בשעת דעם רעקרוטן־נעמען פאר כאָלערע־חתנים, דאָס הייסט, בשעת גלופּסקער קהל האָט געכאַפּט אין דער בהלה ווּסטע קאַליעקעס, דראַבעס, שלעפּערס, און זיי חתונה געמאַכט אויף דעם הייליקן אָרט צווישן די קברים, מיט אַבי־אָט מיידלעך, בכדי דורך דעם זאָל די שלאָפקייט אויפהערן. אָנשטאָט אים

האָט קהל דאָס ערשטע מאָל מכבד געווען מיט חתונה=האָבן דעם באַרימטן קאַליקע יאָנטלען, וואָס רוקט זיך אויף זיין געזעס מיט צוויי קליינע הילצערנע בענקעלעך אין די הענט. מען האָט אים געפּאָרט מיט דער אָרעמער יידענע, די מפורסמת, וואָס האָט גרויסע ציין ווי לאָפּעטעס אָן אן אונטערשטער ליפּ. די כאָלערע האָט זיך פאַר זיי שטאַרק דערשראָקן, און נאָכדעם אַז זי האָט פאַר שרעק מזיק געווען אין גלופּסק א סך מענטשן, האָט זי געכאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און איז אַנטלאָפן... דאָס צווייטע מאָל האָט מען אויסגעקליבן נחומציע דעם שטאָט=מעגעגע, דעם געוויסן לעקיש. לעקיש האָט אויף דעם בית=עולם, פאַר אַ גאַנצער עדה שיינע יידן, צוגעדעקט דעם קאָפּ פון יענער מויד, וואָס איר קאָפּ איז פון קינדווייז=אָן באַדעקט, איך בעט אייך מחילה, מיט א קרויז, און אויף וועלכער עס גייט אין דער שטאָט אַרום א קלאַנג, אַז זי איז אַן אנדרוגינוס. דער עולם, זאָגט מען, האָט אויף זייער חתונה זיך שטאַרק משמח געווען, מען האָט זיך וויל געטאָן און עפּעס גאָר א ים בראָנפן צווישן די מצבות אויסגעטרונקען. אָט, — האָט מען געזאָגט, — נישקשה! לאָזן זיך פּרוכפּערן, לאָזן יידישע קינדער, דער כאָלערע אויף צעשפּרינגעניש, זיך מערן, לאָזן אָרעמע קאַליקעס נעבעך אויך הנאה האָבן... נישט דאָס בין איך אויסן.

הכלל, פישקען האָט קהל פאַרגעסן. אויף גלופּסק איז געקומען ווייטער א כאָלערע און פישקען האָט עס פאָרט נישט געהאָלפן. ער איז געבליבן א בחור ווי פריער. אפילו די מומע אָן א נאָז, וואָס איר שטייגער איז צו העצקען זיך אינמיטן דער גאס, בשעת איר קלעזמערל סקריפּעט אויף עפּעס א מין פידעלע, צוזינגענדיק דערצו אויפן בייקולכל, געמט צונויף אויף א טעלערל נדבות, בכדי צוויי מתים זאָלן גיין טאַנצן, קאַליעקעס, קבצנים, אָרעמע מיידלעך זאָלן חלילה נישט פאַרזיצן, — אפילו די גוטע, באַרמהאַרצעדיקע מומעניו האָט אין פישקען זיך גאָר פאַרגעסן און אים געלאָזט אומגיין אָן א ווייב. ס'איז אוודאי נעבעך א גרויס רחמנות, א צער בעל=החיים, נאָר מסתמא איז זיין מזל שוין געווען אַזוינס.

פישקעס גאַנג איז געווען געוויינטלעך באָרוועס, אָן א קאַפּאָטע, נאָר אין א גראָב געלאַטעט העמד מיט א לאַנגן פאַרשמאָלצעוועטן אַרבע=כנפות און תחתונים פון גראָבע לייוונט מיט א סך פאַלדן. זיין אַרבעט איז געווען צו גיין רופן אויף דער גאַס: „באַלעבאַטים אין באָד אריין!“ פרייטיק, און „ווייבעלעך אין באָד אַריין!“ מיטוואָך. — זומער, ווען עס פלעגט זיך אָנהייבן וויזן גאָרטנוואַרג, האָט אין דער יידישער גאַס זיך געלאָזט הערן זיין קול ווי פון א שלייען: „יידעלעך, אַהער! יונגער קנאָבל, יידעלעך!“ אין באָד פלעגט ער היטן דאָס אָנטאָן, אונטערטראָגן א שעפּעלע וואסער און אריינלאָזן אַ קויטיק העמד אין דעם אַרבל אַריין מיט אַ קנופּ אינעווייניק, ווי

אַ מייסטער דערלאַנגט אַ קויל פייער, וואָרפנדיק עס פון איין האַנט אין דער אַנדערער, צו פאַררויכערן אַ ציגאַר מיטון, און כאַפּן דערפאַר מיטאַמאָל אַ האַרטן צווייער, אָדער אַ דרייער. פישקע האָט זיך שוין געדעכנט דער־מיט פאַר אַ שטיקל כלי־קודש און געהאַט דאָס רעכט אויף געוויסע זאַכן; ווי אשטייגער: ארומגיין איינייעם מיט דעם פּעקל שמייסער, באַדלייט, איבער די הייזער נאָך פּורים־געלט, חנוכה־געלט, קומען מיט דער קאָמפּאַניע אויף אַ לעקעך־און־בראָנפן, אויף אַ קריאת־שמע־לייענען, אויף אַ ברית ביי באַלעבאַטים אין באָד און כאַפּן אַ כוסה מיט אַ שטיקל האָניק־לעקעך און ארומגיין פּסח מיט אַ מאָרבע צונויפנעמען ביי די באַלעבאַטים שטיקלעך מצה.

איך האָב פישקען זייער גוט געקענט, פלעג ליב האָבן אַריינצולאָזן זיך מיט אים אין אַ שמועס און אַנקוועלן אַמאָל פון זיינע ווערטער. ער איז נאָך נישט געווען אזא מיאוסער שוטה, ווי ער האָט אויסגעזען, וואָרעם ווען איך בין נאָך אין גלופּסק, איז ביי מיר די ערשטע זאַך פון אַלע מלאכות זיך אַראָפּכאַפּן אין דער געמויערטער באָד, אויסצופרודען די זאַכן, די זאָקן און צו פּאַרען די ביינער אויף דער אייבערשטער באַנק. זאָגט אייך וואָס איר ווילט, דאָס איז דער בעסטער תענוג ביי מיר. וואָס קאָן, דאַכט זיך, בעסער זיין פון שוויצן? איך זאָג אייך בפירוש נאָכאמאָל, אַצינד־אַ אפילו וואָלט איך אויך שטאַרק הנאה געהאַט פונעם ביסל שוויים, ווען די זון זאָל מיר נישט זיין אקעגן פּנים. —

— רוקט זיך נאָר, ר׳ אַלטער! רוקט זיך, זייט מוחל, ווייטער אַ ביסל!

— אָ, איר האָט איצט אָן עין־הרע גאָר דעם גוטן שוויים! טוט זיך נאָר, זייט מוחל, אַ רוק אָט אזוי, אזוי.

— נו, אן עק. אַ סוף זאָל עס האָבן! — מאַכט אַלטער אָנגעברוגזט. — איך ליג שוין, דאַכט זיך, גוט. ציט נישט, איך בעט אייך, ביי דער נשמה און מאַכט עס בקיצור.

— האָט צייט, ר׳ אַלטער! דער טאָג איז נאָך גרויס, — רוף איך מיך אָן און הייב אָן ווייטער צו דערציילן:

— אַז איך בין געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק אין גלופּסק און פּונ־דערוויטנס אויף דער גאַס דערזען פישקען, בין איך פּשוט אויס דער הויט געשפּרונגען פאַר גרויס וואונדער. פישקע מיינער, זע איך, גייט מיט די קרומע פיס, אָנגעטאָן ווי אַ שטשאָגעל אין אַ שפּאָגל־נייע טשערקאַסענע קאַפּאָטע מיט נייע שיך און זאָקן. אויפן קאָפּ אַ גרויס פּליסן היטל און אויפן האַרץ בלישטשעט אים ערשט, ניי פון דער נאָדל, אַ לייבצודעק פון האַרט אָנגעקראָכמאַליעטן ציץ מיט גרויסע רויטע קווייטן! וואָס קאָן עס באַטייטן? טראַכט איך ביי מיר. זאָל זיין, אפשר, קהל האָט אים אויסגע־

קליבן פּאָרט פּאַר א כאָלערע־חתן? נאָר אויף גלופּסק אָבער איז אין יענעם יאָר קיין כאָלערע נישט געקומען. נישט דעריבער, ווייל מען האָט אפשר אויסגערייניקט דעם טייך, צוגענומען די בערגלעך עפּושדיקע בלאָטע און די געפּגרטע קעץ פון די גאַסן, אָדער באַלעבאַטים האָבן געמאַכט א האַסלע, אויף צו להכעיס דעם גאַנץ אלטן מנהג, ווייטער נישט אויסצושיטן דאָס מיסט, אויסצוגיסן די פּאָמויניצעס אונטער דער נאָז, פאַר די הייזער? חלילה! ווי קאָן מען אויף אַזאַ יידישע קהלה אַזוינס גאָר אויסטראַכטן! נאָר וואָס דען? ס׳איז גלאַט געווען נאָר ריינע ניסים... יידן האָבן אפילו דענסטמאָל זיך געקלאָגט אויף די בייכער, צוביסלעכווייז אויך אונטערגעשטאָרבן. נאָר דאָס איז געווען גלאַט אזוי אן איבערגאַנג. מען האָט עס צוגעשריבן די גרינגע אונגערקעס. דער אָרעמער עולם האָט מיט א הייסן הונגער זיך צוגעכאַפּט צום יינגן גאָרטנוואַרג און... ס׳איז, געלויבט נאָט, מיט חסד... נישט דאָס בין איך אויסן.

דערווייל, ווי איך טראַכט דאָ און וווּנדער מיך אזוי, איז פּישקע פאַרשוונדן געוואָרן. גראָד בין איך, נישט היינט געדאַכט, דענסטמאָל געפאַלן אויף די קריזשעס, געליטן שטעכעניש. שוין טאַקע אַ לאַנגע צייט נישט געלאָזט צו דער אָדער, נישט געשטעלט קיין באַנקעס, אחוץ נאָר אקעגן צען פּיאַווקעלעך אין דער גאַנצער צייט פון עטלעכע חדשים!... נו, האָב איך מיר פּירגענומען, מאָרגן, בלי נדר, גיי איך באַצייטנס אין באָד, וועל דאָרט צוברענגען גוטע עטלעכע שעה און שוין אָנשמעקן דאָרט אלצדינג... נישט דווקא וועגן פּישקען אַליין, ווי אויך טאַקע וועגן אַנדערע וויכטיקע זאַכן: מכוח פּאָליטיקע, פּאָטשטן און אלצדינג, וואָס קאָכט זיך, פּאַרלויפט זיך אויף דער וועלט און אין דער שטאָט. דאָס איינציקע שטיקל אָרט פאַר יידן אויף צו שמעקן, ארויסצוגעבן וואָס עס בורטשעט אינעווייניק אין זיך און כאַפּן צוריק עפּעס אַ לעק פון אַנדערע. דאָרט, אין דער באָד, ווערט מען געוואָר פון זייער פיל סודות, דאָרט ווערט אָפּגעמאַכט זייער פיל געשעפטן און עס רודעוועט זיך מער נאָך ווי אויף אַ יריד. מען באַדאַרף אַהינקומען אין אַ פרייטיק, זעט מען שיינס: אין איין ווינקל זיצן רופאים מיט דעם קלאַפּערגעצייג, ארום זיי יידן א סך. איין רופא גאָלט קעפּ, דער אנדערער רופא מיט א בריטווע צעקאַרדאַשעט פּלייצעס, שטעלט באַנקעס. דעם כאַפּט אַראָפּ געשטעלטע באַנקעס ביי יענעם, און יידיש בלוט גיסט זיך טייכנווייז אויף דעם פּאָל, אונטער מענטשן, פּאַרמישט איינגן מיט בלעטלעך פון בעזעמער און אָפּגעגאָלטע האָר. דעם רופאס ברענגעדיק ליכטל שמעלצט זיך מיט א צעפלאָכטענעם קנויט, שפּריצט, ברוזגעט מיט א בייזער, מיט א פלאַם־פייער פון א מיתה־משונה־קאָליר... — אויף די ווענט, אויף דער סטעליע לעבן אויוון הענגען, ווי אין דעם גרעסטן מאַ-

גאַזין, אַלערליי קליידער: העמדער, זאָקן, כל־אַ־מיני לייבצודעקן, אַלע סאָרטן תחתונים, קאַפּטנס, קאַפּאָטעס, אויך קיילעכדיקע פּעלפּענע היטלען.

— פון דער אייבערשטער באַנק לאָזן זיך הערן שרעקלעכע קולות. אַ טייל ייִדן ליגן דאָרט אָן כוחות, זיפצן און קרעכצן, אַ טייל זענען געוואָפנט מיט בעזעמלעך און שרייען: גוואַלד, ייִדישע קינדער! גוואַלד, האָט רחמנות! גוואַלד! גוואַלד, פּאַרע!... אין באָד ווערט קאַלט, אַלע שרייען, און איינער שטערקט גישט אויס אַ האַנט אויפצוגיסן אויפן שטיין, ביז צום סוף געפינט זיך עפּעס אַ ווייסע־חברהניק און מאַכט אָן אַזאַ היץ ווי אין גיהנום, אויף דערשטיקט צו ווערן. צוויי אויסגעווייקטע ייִדן שלאָגן זיך דאָרט פאַר אַ ראַשקעלע, אויסרייסנדיק איינער פונעם אַנדערנס הענט מיט זידלערייַ, אַ שרעק. אַ דאַרער מלמד, וואָס בלאָנקעט זיך דאָ אַרום אָן געצייג, לייגט זיך אַריין אין שלום, מאַכט אַ פּשרה — און אַלע דריי טונקען זייערע פאַרשמאַלצעוואַטע פּאַטשיילכנס און וואַשן זיך פון איין ראַשקעלע. אויבנאָן אין אַ קופּקעלע זיצן מיוחסים, נגידים, לייטישע מענטשן און שמועסן עסק, פון תוך־זאַכן: מכוח דער טאַקסע, מכוח הייגטיקע עזות־פּנימער, מכוח דעם גאַבאָר, מכוח די וויבאָרעס אויף גלאַסנעס, אויף אַ רב, מכוח אַכצן און דרייצן און מכוח דעם נייעם פּאָליצמייסטער. צו זיי שאַרט זיך צו ווי אַ קעצעלע עפּעס אַ שיינער ייִד און מאַכט אַ שמועס מכוח דער תלמוד תורה, מכוח די נייע גזרות, מכוח הטאים אין שטאָט און רוימט דערביי איטלעכן איין סודות אין אויער... פּלוצעם קומט צו איינער אַ ווילער יונג, וואָס שאַרפט די ציין אויף גלאַסנע און פאַרבעט מיט אַ חניפה־שמייכעלע אויף דער אייבערשטער באַנק דעם גרעסטן יחסן און בעל־דעה, וועלכן ער וויל אַביסל אויספּאַרען טשאַקענדיק מיט זיין כבוד אַליין. דער שיינער ייִד, וואָס האָט אויך אַ קוק אויף עפּעס אַ התמנות און וויל אָפּלעקן אַ ביין, פאַלט דעסגלייכן אויף דער אייגענער המצאה, טוט זיך אַ בייג מיט אַ חניפהלע און פאַרבעט אויך אַ יחסן צום טאַנץ. אַלע קריכן אַרויף אויבן אויף דער באַנק, די בעזעמלעך הייבן זיך און די געשעפטן זענען אָפּגעמאַכט... בזכות די מיוחסים ווערט אין באָד געשמאַק הייס, קליין און גרויס, יונג און אַלט כאַפּן זיך צו די כלים. דער עולם קרעכצט, איקעט, פּאַסמאַקעוועט זיך אויף אַלערליי קולות, און דענסטמאָל קריכט מייגער אַרויף העט־העט הויך אין אַ ווינקעלע, ב י ח י ד ו ת, פאַר זיך אַליין, און טוט זיך אַ נעם פּאַרען די ביינער אויף וואָס די וועלט שטייט.

— אוי, ר׳ אַלטער, אַ רוק! כאָטש אַ קליין רוקעלע, אַהין, אַהין אַביסל, קיין צפון־זייט!...

אַלטער קוקט מיך אָן עפּעס ווי אָן אַנשיקעניש, מאַכנדיק מיט די אַקסלען: נאַ, נאַ!

— האָט צייט אַביסל, — נעם איך אים איין, — וואָס איז אזוי דאָס באַפּעניש? באַלד, באַלד, לאָמיך נאָר א קאַפּעלע זיך אָפּרוען.

ו

אַלטער האָט זיך עפּעס צו שטאַרק געפּאָרעט מיט דעם מונדשטיקל, וואָס איז געווען מיאוס פארלייגט, דערנאָך האָט ער עס אָפּגעדרייט פון ציבעכל, שעלטנדיק עס מיט פּארדראָס, איינגעזעצט אָנשטאָט אים א געגדרזן־פּענדל, פארוויכערט אויפדראָסנייי זיין פּיפּקעלע — פּוף־פּוף־פּוף — און ארויסגעלאָזט ווי פון א קוימען א גאנצן וואָלקן רויך. איך האָב אביסל אויסגעגלייכט די אלטע ביינער און ווייטער אָנגעהויבן צו דערציילן.

אויף מאָרגן בין איך געקומען אין באָד באַצייטנס, אסך פריער, איידער דער עולם איז זיך ביסלעכווייז צונויפגעקומען. בערל דער שמייסער איז געזעסן אין הויז אויף אַ באַנק צווישן ראשקעלעך, אויפגעשטעלט ווי אַ טורעם איינע אין די אַנדערע, און געבונדן בעזעמלעך, איבערקוקנדיק די בלעטלעך מיט אזא ערנסט פּנים, ווי א יידענע קלייבט ארבעס. נישט ווייט פון אים שטייט לעבן אויוון איציק דער היטער, א ייד מיט א גרויסער באָרד, וואָס איז אין דעם ברויט א יאָר דרייסיק, טוט נישט מער ווי קוקן מיט צונויפגעלייגטע הענט אויף די פּעקלעך זאַכן, צווישנטשעווען איטלעכן ביים ארויסגיין פון מרחץ „צו רפואה!“ און ציט דערפון דאָס שטיקל פּרנסה. ער גענעצט אויף א קול, אויסציענדיק דערביי די הענט אונדערהיי־ד, מאַכט א חשבון, וויפל דאָס וויב בעט אויף שבת, שמועסט איבער מיט בערלען פון די היינטיקע שיינע פּארדינסטן, שפּעט אויס איטלעכן פון די באַלעבאַטים באַזונדער, מאַכט אלע אויסצודרייען, דער איז אזוינער, יענער — אַזוינער, נישטאָ די מענטשן וואָס אַמאָל, גאָר נישט דאָס מרחץ ווי פריער. ווייניקער פון א זעקסער האָט דער קאָרגסטער אפילו נישט געוווסט, און היינט...

— טוט ער א שפּיי און לאָזט אויס: — היינט מעגן זיי אלע די כּפּרה ווערן! —

בערל און איציק האָבן מיר געמאַכט א גרויסן „ברוך־הבא“, שוין מאַקע א היפּשע צייט, אז מיר האָבן זיך נישט געזען, און איך בין ביי זיי געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט, מיר האָבן זיך צעשמועסט וועגן פיל זאַכן און כ'בין אין דער מיט שמועס ארויפגעקומען אויף פּישקען. ווו, פרעג איך, איז אונדזער פּישקע?

— פּישקע? — מאַכט בערל, א טרעסע געבנדיק דאָס בעזעמל. — העה־העה! פּישקע איז א מענטש, א באַלעבעסל, איבערגליקלעך!

— פישקע! — זאָגט איציק, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ. — פישקע איז היינט א פּריץ! אויסער זיין שאָדן, געזאָגט געוואָרן אויף א סך!... נו, פישקע! ער האָט זיך גאָר קיינמאָל אזוי גוט נישט געוווּנטשן.

אָט וואָס בערל שמייסער האָט מיר לסוף דערציילט:

— א דאָנערשטיק פאַרנאַכט איינמאָל, איינהייצנדיק אין אַלע אויווּנס און זיך שטאַרק אָנגעמאָרדעוועט פון דער ארבעט, לייג איך מיך מיט חברה אין דער באָד אויף דער באַנק, אביסל דעם אָטעם צו כאַפּן. חוץ אונדז זענען דאָרט געלעגן אויסגעצויגן נאָך עטלעכע יידן בטלנים, וואָס האַלטן זיך דאָ אויף. ווי מיר ליגן זיך דאָ אַזוי רואיק, רייכערן און שמועסן זיך אזוי גאַנץ פרייליך, מיטאמאָל הערן מיר, ווי מען פּאָרט עפּעס צו, גלייך צו דער באָד. נו צוגעפּאָרן — צוגעפּאָרן, וואָס מאַכט עס אויס? איידער מיר קוקן זיך ארום, קומען אריין דריי אייזערנע, געזונטע פּארשוינען, אַלע אין איין קול: „גוטנאָוונט, יידן! ווו איז פישקע? גיט אהער פישקען!...“ דאָ האָב איך מיך שוין טאַקע אַ ביסל ווי דערשראָקן: וואָס הייסט עס פּאַר אַ לשון, עפּעס גאָר אין איין אָטעם: „גיט אַהער פישקען?“ באַלד אָבער האָב איך זיך צוריק מיישב געווען, וואָס איז דאָ אזוי דער שרעק? קיין גנב חלילה איז פישקע נישט, עפּעס געשעפטן גרויסע מאַכט פישקע אויך נישט, און ווען אפילו די פּאַרשוינען זענען כאַפּערס, וואָס זשע הערט זיי פישקע? אקוראַט ווי דאָס מילעכדיקע קלינגל. מיט זיינע מעלות איז פישקע, ברוך-השם, באַוואָרנט פאַר א רעקרוט.

— פישקען באַדאַרפט איר? — רוף איך מיך אָן באַהאַרצט. — ער איז אצינד נישטאָ. נאָר זאָגט מיר, פעטערס, צו וואָס טויג אייך פישקע? איך וויל עס וויסן.

די יידן קוקן זיך איבער א ווײַלע צווישן זיך, דערנאָך טרעט איינער פון זיי ארויס און מאַכט צו מיר: מהיכא-תיתי, מיר וועלן אייך זאָגן. פאַרוואָס נישט? מען האָט חלילה דערמיט זיך נישט צו שעמען: דאָס איז א יידישע זאַך. די מעשה דערפון איז אזוי:

די בלינדע יתומה קענט איר דאָך, די בלינדע יתומה, וואָס זיצט שוין פון גאַנץ לאַנג לעבן דער טויטער שול, ביים אַלטן בית-עולם, און בעט נדבות מיט דעם באַקאַנטן לידל, וואָס איינער פון די בריות האָט אויף איר געמאַכט. די דאָזיקע בלינדע יתומה איז היינטיקס יאָר געבליבן אן אלמנה. זי האָט זיך געאײַלט גיך צו פאַרקנסן מיט עפּעס אַ טרעגער, זיך מתחייב געווען אים אויסצוקליידן באַלעבאַטיש און געבן אים זיין באַדערפעניש,

דערצו נאָך אביסל געלט. היינט האָט געזאָלט זיין די חופּה. מען האָט אָנגע־גרייט אַ גוטע וועטשערע: בראָנפן, בולקעס, פּיש און טאָפּ־געבראָטנס, א גילדענע יויך מיט עופות, ווי דער שטייגער איז ביי יידישע קינדער. דאָס אַלצדינג קאָסט געלט. אז מען איז אינגאַנצן פּארטיק געוואָרן, די כלה אויסגעפּוצט, אויסגעשלייערט, שיינט, לויכט, ווי א יידישע טאָכטער, איז מען געגאַנגען צו דעם חתן נעמען אים צו דער חופּה. דער תּכשיט אָבער, הערט נאָר, איז גאָר נישטאָ אינדערהיים! מען וואַרט אַ שעה — נישטאָ, מען וואַרט נאָך אַ שעה — ער קומט נישט, ער איז ווי אויסגעטריקנט גע־וואָרן. וואָס לאָזט זיך צום סוף אויס? דער בחור, ברענען זאָל ער, האָט חרטה; באשר זיין באָבע, וואָס איז אזוי פיל יאָר שוין א קעכנע ביי אונ־דזער גביר, לאָז געזונט זיין, וויינט, ליאַרעמט, פּילדערט, שרייט אויף דעם שידוך, ס'איז איר נישט לכבוד. זי דינט פאָרט אזא צייט ביים היגן גביר, איז אויסגעקאָכט מיט א סך באַלעבאַטים אין דער שטאָט, וואָס גייען צום גביר אויף דער הינטערשטער טיר דורך דער קיך. זי קאָן מאכן א גוטן קוגל מיט כאַנציעס קבלה און צו אירע כרעמזלעך איז קיין גלייכן נישטאָ. עפּעס אַ קאַטאָוועס אַ קעכנע אין דעם גבירס געזינד: וואָס האָט אין יאַטקע די גרעסטע דעה; וואָס דער שמש פון דער שול ברענגט איר מיט זיין כבוד אליין דעם אתרוג בענטשן; וואָס דער אונטער־חזן אין דעם קלייזל לייענט איר פּורים די מגילה אין דער קיך און ריקלע די זאָגערין טרינקט ביי איר א גלעזל ציקאָריע ראש־השנה נאָך אויסגעמעגיש. פאַרוואָס זשע זאָל היינט דאָס אייניקל איר אויף דער עלטער דאָס פּנים פאַרשוואַרצן און צעשטערכן איר דעם גאַנצן יחוס? ניין, כאָטש האַקט אים און בראָקט אים. שריי חי־וקים, עס העלפט נישט. ער וויל נישט דעם שידוך, וויל נישט די כלה. רופט־מיך, — זאָגט ער, — קנאַק־ניסל און לאָדט מיך צום ונתנה תוקף! — מיר אלע זענען געבליבן ווי אויף דער מילעכדיקער באַנק. עס טוט אָבער קיינעם נישט אזוי באַנג דער חתן ווי די וועטשערע. וואָס טוט מען מיט דער וועטשערע, מיט אזעלכע פיש און געבראָטנס? מיר מתעסקים האָבן א גאנצן טאָג זיך אָנגעמאָרדעוועט, ארומגעלאָפן, געטאָן, געארבעט. אונדז קומט נאָך אויך פונעם שדכנות. און עבירה, כ'לעבן, אזוי פיל מי. אונדזער מי, אונדזער ארבעט! מיר האָבן געטראַכט, געטראַכט, געקלערט, געקלערט און אונדז איז איינגעפאלן—פישקע! לאָז ער, כ'לעבן, ארויספירן איטלעכן פון דער גויט. לאָז פישקע, כ'לעבן, זיין דער חתן, וואָס מאַכט עס אויס? וואָס קאָן עס אים אַרן? מיר זענען דאָס אצינד געקומען נעמען אים באַלד טאַקע צו דער חופּה אָנשטאָט דעם טרעגער.

אין דעם ווי די יידן טענהן דאָ אזוי, קומט אָן פישקע. מיר האָבן אים געטאָן א נעם, געכאַפּט די כשרע מציאה, נישט צו מאַכן מיט אים קיין

פֿיל הסברות, קיין לאַנגע שאלות: גיי, בחור, מיט די קראַנקע פּיס. געגוג זיך געפּאַסעט, גיי, בחור, אונטער דער חופּה! — מען האָט אַלצדינג אָפּגע־מאַכט גאַנץ געשווינד, נאָך איידער פישקע האָט צייט געהאַט אפילו זיך ארומצוקוקן. חברה האָט געהאַט א גוטע וועטשערע, גענעסן, געטרונקען אויף וואָס די וועלט שטייט און צוגעווינטשעוועט דעם נייעם פּאָר־פֿאָלק.

פישקע גייט עס היינט אין דער טשערקאַסענער קאַפּאָטע, וואָס אין איר האָט געזאָלט גיין דער טרעגער, און איז גאָר דער ווילער יונג. זיין ארבעט איז היינט ארויסצופירן אלע פרימאָרגן זיין ווייב, די בלינדע יתומה, אויף איר אָרט לעבן אלטן בית־עולם און תחילת אָוונט אוועקצו־פירן זי פון דאָרט צוריק אַהיים. מיט עסן און טרינקען האָט פישקע נישט וואָס צו זאָרגן. זיין ווייב איז אן אשת חיל, האָט א שטענדיקע גוטע פרנסה אין די הענט. דאָס פּאָרל האָט זיך ליב, איינער דעם אנדערן האָט נישט חלילה אויסצוזעצן קיין חסרונות.

אָט דאָס, ר׳ אַלטער, האָט מיר דערציילט בערל דער שמייסער. זעט איר שוין, — רוף איך מיך אָן, — וואָס אויף דער וועלט קאָן זיך טרעפן. ווי אזוי מען פּאָרט ביי אונדז יידעלעך הינקעדיקע מיט בלינדע, ווי אזוי מען שטעלט חופּות, מאַכט זיווגים, צוליב וואָס? די טוערס זאָלן זיך זאַט אָנעסן, אָנטרינקען! אזוי איז ביים געמיינעם עולם, ביי די אָרעמע און אזוי אויך ביי די נגידים. דאָרט ווערן אויך זייער אָפט געשלאָסן אזעלכע מיני שידוכים, וואָס נישט געשטויגן. עס פארשטייט זיך, צוליב אן אנדער מין וועטשערע, מיט אן אנדער חן... נישט דאָס בין איך אויסן. זאָרגט, כ׳לעבן, נישט, ר׳ אַלטער! אויב אייך איז נישט געראָטן פּאָרן מיט א בחור א זכר, דערפאר וועט אייך געראָטן, אם־ירצה־השם, צונויפפירן עפּעס אן אנדער מין שידוך. פאַלט נאָר ביי זיך נישט אראָפּ. נישקשה, כ׳לעבן! איך זע, איר טויגט, איר האָט געכאַפּט דעם סטרי באַלד טאַקע, גאָר לומדיש. פאר־קערט, אַדרבא, אָנגעהויבן אייער נייע געשעפט האָט איר גאַנץ גוט, ווי א לאַנד־שדכן טאַקע. איי וואָס, דער בחור... נו, בע, כ׳לעבן! דערפאר אָבער, אַז איר וועט ערגעץ שוין אָנשמעקן אַ מויד, וועט עס שוין גיין ווי א מזמור. א בלינדע, א שטומע, א קרומע — גיי־טאָכטער, גיי מיט מזל אונטער דער חופּה! דער דרוקער מאָנט געלט, די שקאַפּע באַדאַרף עסן, די בתולה מיינע מוז חתונה האָבן, מיין ווייב איז געלעגן געוואָרן, למזל, מיט א יונגל, — גיי זשע, טאָכטער, גיי, רוק זיך אונטער דער חופּה!...

— רוקט זיך נאָר, אין מחשבותן, ר׳ אלטער, ווייטער אביסל. אָ, איר שוויצט, אָן עין־הרע, ווי א ביבער! שוויצט געזונטערהייט!

ז

מילא בקיצור, ווי די מעשה איז, דערווייל איז שפּל!—מאַכט אלטער, ווי אליין צו זיך, מיט א קרעכץ, באַטריבט, פאַרומערט און גרויסע טראָפּן שוויים טרעטן אים ארויס אויפן פּנים. ער הייבט אויף די אויגן, דערלאַנגט אויף מיר אַ בליק, עפּעס מיט אַזאַ רירנדיק קנייטשעלע, מיט אַזאַ רחמנות־פּנימל, ווי אַ זויגנדיק קינד קוקט אויף דער מאַמען, בשעת עס לעכצט נאָך דער ברוסט. אלטער נעבעך האָט געמיינט פּרנסה, עס האָט אים געצויגן צו מאַכן מיט מיר עפּעס א געשעפטל, וואָרעם ווי ליגן עס צוויי יידן מיט בערד אין מיטן העלן טאָג גלאַט אזוי אָן אן עסק?! ווען צוויי יידן זאָלן, אַשטייגער, פאַרוואָרפן ווערן ערגעץ אין א העק אויף א וויספּע, ווו הוץ זיי איז נישטאָ קיין לעבעדיק באַשעפעניש, איז גאַנץ זיכער, אז איינער וועט מיט דער צייט מאַכן עפּעס א קלייטל, דער אנדערער — אויך עפּעס א שטיקל געשעפט. ביידע צווישן זיך וועלן האַנדלען, איינער דעם אַנדערן באָרגן, געבן אין קאָמיסיע און איינער פונעם אַנדערן ציען דאָס שטיקל פּרנסה. אַלטער האָט באַלד טאַקע א פרעג געטאָן: „וואָס געפינט זיך ביי מעלתו היינט עפּעס אין ביידל?“... עס האָט אזויפיל געהייסן ווי: מאמע, טיטע!... צעפּאַקט אייך, ר׳ מענדל, און ארויס מיט דער סחורה!

אין בריחה! מען טאָר זיך נישט פוילן. איך נעם אפיר מיין פּעקל סחורה, אַלטער — זיין פּעקל און נעמען זיך קנעלן, געשמאַק צום עסק. מיר סטעכעווען, בייטן, איך גיב אַלטערן אין. חילוף אריין בריהשע ביכלעך מיט קורצע שורהלעך — און הה, אך, ווי־געשריגן! — וואָס איך וויל פון זיי פּטור ווערן; ער איז אָבער אויך קיין נאַר נישט און וויל זיי אַפילו אין־די הענט אַריין נישט נעמען.

— פוילע סחורה! — זאָגט אַלטער, פאַרקרימענדיק זיך. — שמאָכטעם פון עפּעס פאַרשימלטע באַנק־קוועטשערס, אָרעמע בעל־עבירות! ווייס איך, וואָס זיי האָבן דאָרט עפּעס אָנגעמאַכט! פאר ווענען? קיינער פונעם עולם פאַרשטייט דאָרט נישט אַפילו קיין וואָרט. עפּעס טערקיש מישטיינס געזאָגט, ל ש ו ן ! ... איינמאָל שוין געטאָן א גאַרישקייט פירן מיט זיך אזא לענער־סחורה. פע, כ׳לעבן! גיט אהער, ר׳ מענדעלע, עפּעס רעכטס!

איך לייג ארויף רומי״ל, איין מין נאָך דעם אנדערן, מיין אלטער קווענקלט זיך אליץ, זעצט אוים הסרונות. צו איין מין אָבער באַקומט ער שטאַרק חשק און איז צו אים ווי צוגעזאָטן געוואָרן. ס׳איז באמת געווען גאָר אַנטיק. די בלעטלעך פון כל־א־מיני קאָלירן, און נישט פון איין גרייס. די אותיות אביסל מטושטש פון אלערליי שריפטן: רש״י, דימענט, פּערל, פּרקים, גרוים־און קליין־וועליש. דאָס אויסשטעלעכטס גאָר א וונדער,

שמאָלע פּאַסעקלעך אָנגעדרוקט מיט קלײנע אותיותלעך בײ די זײטן. אַ ברײטער פּאַס מיט גרעסערע שריפט אינעװײניק אינדערמיט, אונטן אַ בױך מיט פּיצעלעך אותיות, אָנגעזעצט װי מאָן, און צװישן די אַלע שטיקלעך ציען זיך אין דער לענג, אין דער ברײט סטעזשקעלעך, װי װײסע שמאָלע בענדלעך, — די אַלע גוטע מעלות, װאָס ייִדן אין אונדזער װינקל האָבן ליב. פֿאַרװאָנדטע בלעטלעך איז אין פֿיל שטעלן אױך געװען. דאָס איז דאָך ערשט די גאַנצע חריפֿות: אדרבא, לאָז אַ ייִד ברעכן דעם קאָפּ, פּאַלן אױף דעם שׂכל און געפֿינען. גלאַט אַזױ, פּראָסט, װי עס געהער צו זײַן, קאָן דאָך אַפֿילו אַ גראָבער יונג אױך אָנטאַפּן... פֿון גרײַזן רעדט מען שױן נישט, דאָס מוז שױן דאָך זײַן. און װעמען גײען זײ אָן? אַ ייִד האָט אַ קעפּל און איז נישקשה נישט קראַנק זיך אָנצושטױסן, װאָס מען מײנט. נאָר אַ לשון, אַ לשון איז עס דאָרט געװען קונציק װײל, גאָר נישט צום פֿאַרשטײן! אַקוראַט אין דעם ייִדישן גוסט. „אָך־קוצך“ איז דאָך אױך עפּעס גענוג גוט, האַרבלעך מחיה, נאָר אָך־קוצך־לשון שרײבן בײ אונדז הײנט געװײנטלעך אױך פֿיל אַנדערע, מען קאָן פּאָרט װי־עס־איז אײַנבײסן, ט ר ע פֿ ן װאָס זײ מײנען. מילא, װאָס זשע איז דאָס אַזאַ חשיבֿות? װאָס זשע לאָזן זײ מיך דאָ הערן? גוט, אמת גוט איז בײ ייִדן נאָר אַזױנס, װאָס ברעכט דעם מוח און איז אוממעגלעך צו פֿאַרשטײן. אַז מען פֿאַרשטײט עס נישט, מסתּם מוז דאָך דרינען עפּעס שטעקן... נישט דאָס בין איך אױסן.

מײַן אַלטער כאַפּט דעם דאָזיקן מין סחורה מיט בײדע הענט און מען זעט, װי עס קומט אים צו אַ שטיק געזונט. דערנאָך בײַטן מיר תּחינות אױף בבא־מעשׂיות, מענה־לשונס אױף טױזנט־און־אײן־נאַכט, שיר־המעלותן אױף קמיעלעך; סטעבעװען אַ מאה זשיטאָמירער סליחות אױף בערשעטער טלית־קטנס, װילנער קינות אױף שופֿרות, חנוכה־לעמפּלעך אױף װאַלפּצײַנדלעך, שבתדיקע מעשענע לײַכטער אױף הבדלות און קינדערשע בליטשקענע יאַרמעלקעלעך. בײדע צדדים האָבן דערװײל פּונעם גאַנצן משׂא־ומתּן קײן גראָשן אין די אױגן נישט געזען און געבליבן שטאַרק צופֿרידן גלאַט פֿונעם האַנדל אַלײן. מען האָט דאָך געטאָן, געהאַנדלט, געמאַכט געשעפֿט, נישט געזעסן לײדיק. אַלטערס מרה־שחורה איז װי אַ רױך פֿאַרשװונדן געװאָרן, ס'איז אים געװען צו דערקענען אין דעם פּנים, אַז יאַרמעלינעצער יאַריד מיט זײַן פֿינצטער מזל איז אים פֿון זינען אַרױסגעגאַנגען. ער רעכנט עפּעס שטילערהײט פֿאַר זיך אױף די פֿינגער, האַלטנדיק דעם לינקן אױער אָנגעבױגן, גלײך װי אין קאָפּ בײ אים חשבונט אַ בוכהאַלטער, צו װעלכן ער האָרכט זיך גוט צו, און, אפֿנים, דער חשבון װײַזט אױף אַ פֿאַרדינסטל, אם־ירצה־השם, װײל דאָס מױל שפּאַלט זיך אים אין

דער גאַנצער ברייט און פֿון צווישן זיינע געדיכטע וואַנצעס בליצט אַרויס
אַ זיס שמייכעלע.

דערווייל איז געוואָרן מנחה־צייט. אַ געשמאַק ווינטעלע הייבט אָן צו בלאָזן און אויפֿן הימל ווייזן זיך שטיקלעך וואָלקנס, אויף וועלכע מען האָט, ווי אויף טייערע געסט, שוין אַ לאַנגע צייט אַרויסגעקוקט. דיביימער הייבן פּאַמעלעך אָן זיך צו שאָקלען, איינער צום אַנדערן איינגעבויגן דעם קאָפּ, און פֿירן צווישן זיך אַ שמועס אויף זייער לשון, נאָכדעם אַז זיי האָבן אַזוי לאַנג געשוויגן שטיל. דאָס ווינטעלע האָט אויפֿגעוועקט די שלאָפֿנדיקע תבואה, אַלע זאַנגען כאַפּן זיך ווי יונגע קינדער אויף מיט קול און צעקושן זיך גאָר פֿריינדלעך. גאָטס באַשעפֿעניש רירט זיך אומעטום: אויפֿן פֿעלד, אין וואַלד און אין דער לופֿט. איינס נאָך דאָס אַנדערע טרעטן שפּילפֿייגעלעך אַרויס אויף צווייגעלעך, ביימעלעך, נידעריק און גאַנץ הויך, פּוצן זיך די פֿעדערלעך, אַ וויש מיט דעם שנעבעלע, אַ טרעסע, אַ שאָקל און הייבן אָן די זיסע זמירות צו זינגען, צו שווישטשען. באַבעטשקעס, רייך געקליידט אין אַטלעס, סאַמעט, מאָדע־אַנטיק מיט טייערע צירונג, כאַפּן אַ טענצל, שוועבנדיק אין דער לופֿט, הייבן זיך, דרייען זיך און מאַכן חן. צוויי בושלעס, גוואַרדייצעס, מיט לאַנגע, רויטע פֿיס שטייען אויפֿן גראָז, פֿאַרדרייענדיק די קעפּ אינדערהויך און קוקן מיט גדלות. עפּעס אַ קונדס אַ פֿייגל שטיפֿט, פֿליט פֿון איין בוים צום אַנדערן, מאַכט „קוקו, קוקו!“ ווי ער שפּילט זיך אין באַהעלטעניש. אים ענטפֿערט אָפּ פֿון צווישן ווייץ און קאָרן אַן אַנדער מין פֿויגל עפּעס. „פּיק־בער־וויק, פּיק־בער־וויק!“, ווי גערעדט: איי־ביק וועסטו מיך דאָ נישט כאַפּן, כאָטש שיט מיר אָן זאַלץ אויפֿן עק, פּאַקט זיך, ר׳ קרוב, ווייטער און אַוועק, אַוועק!... נישט ווייט אין אַ וועלדעלע קנאַקט דער סאָלאָוויי, צעלאָזט זיך אויף זיין העלדזעלע, מאַכט זיסע שטייגערס און שפּילט גאָר מחיה. איטלעכער, וואָס קאָן עפּענען אַ מויל, האַלט דעם וועלט־באַרימטן חזן אונטער. זשאַבעס אַפֿילו פֿון די טייכלעך ערגעץ טערעלייקען; אַפֿילו פֿליגן, בינען האָבן נישט געשוויגן, און דער זשוק, דער שיינעץ, דער אָנכאַפּער, האָט פֿליענדיק אויך געזשוזשעט. דאָס איז געווען אַזאַ קאָנצערט, וועלכן מען האָט געמעגט אויף בילעטן גיין הערן... די גאַנצע וועלט איז עפּעס ווי לעבעדיק געוואָרן און האָט באַקומען אַ פֿריילעך פּנים. אַ פֿרייד, אַ פֿאַרגעניגן צו הערן, צו זען, צו שמעקן די זיסע ריחות פֿון אַלע זייטן.

— ר׳ אַלטער, ס'איז גוט! ר׳ אַלטער, ס'איז שיין! עס ציט עפּעס ביי דער נשמה, עס רעדט עפּעס צום האַרצן! גאָטס וועלטל איז שיין, גאָטס וועלטל לעבט! עס ציט און גלוסט זיך אַריינוואַרפֿן זיך עפּעס אַהין, מיט הענט און מיט פֿיס...

— ר' מענדעלע, בע... ר' מענדעלע, עט... פע! — טוט אַלטער אויף מיר זיך אַ קרים. — שוין צייט בעסער מנחה דאַווענען. פאַרגעסט בעסער גישט פון אייערע אַלע זאַכן, צו זאָגן „עננו"...

איך פאַרבינד די זאָקן, גאַרטל אַרום מיט אַ פּאַסעק די קאַפּאָטע און הייב אָן זאָגן „קטורת" אויף אַ בייקויל, גאַנץ לוסטיק. מיין אַלטער, זאָל לעבן, צעלאָזט זיך באַלד טאַקע נאָך מיר אויף דער גראָבער סטרונע, אויף דער געמבע, און מיר ביידע גיבן אָפּ אַ שבח זיין ליבן נאָמען, בשעת אַלע קרייטעכצער און בלעטלעך אויף די פעלדער, אַלע חיות און עופות אין די וועלדער לויבן גאָט, זאָגן שירה. —

נאָך ביים אָנהייב „פּיטום הקטורת", אז אַלטער איז אַרוים מיט דעם גאַנצן אַפּטייקל קרייטעכצער און געווירצן: החלבנה — טייוולש-קויט, והלבונה — ווייהרויך, הצפּרון — אַ וואָרצל גלאַט ווי אַ נאָגל, אינגבער און שטענגלעך זאַפרען, האָט ער אַרויסדערטאַפּט פון אונטער דער קעלניע דאָס באַלעגאָלישע טריף-געווירץ, אַ קליין פּעסעלע „מאַזניצע" מיט סמאָלע. מיט דעם דאַווענען איז ער פאַרטיק געוואָרן גיך, און בשעת איך האָב נאָך געהאַלטן אין דער מיט, האָט ער שוין געשמירט די רעדער.

— האַיעט נישט, ר' מענדעלע, מאַכט עס בקיצור, — טרייבט מיך אַלטער אונטער, — נעמט זיך איר דאָ צו אייער וואָגן און איך וועל דער-וויל אַ גיי טאָן נאָך די פערדלעך, צייט צו פאָרן. ביז נאַכט קאָנען מיר גאַנץ ווייטלעך איינפאָרן.

אַלטער גייט באַלד טאַקע אַוועק און איך נעם מיך צו דעם וואָגן, טאָן אים זיין רעכט. איך איל מיך נישט, שמיר די רעדער באַלעבאַטיש, איך קאַרג נישט קיין טריף-געווירץ, באַטראַכט מיר די אַקסן, איטלעכס פּיצע-לע באַזונדער. דאָס האָט געדויערט אַ היפּשע צייט — און מיין אַלטער קומט נישט. די פערדלעך האָבן געמוזט פאַרגיין ווייטלעך אַ ביסל אין וואַלד און זיך גוט אונטערגעפּאַסעט. אַזוי דענק איך מיר און טו אַ קוק אויף דער זון, וואָס האַלט נאָענט ביים אונטערגיין. איך שטיי מיר אַזוי אַוועק ווייטער אַ היפּשע צייט. די זון האָט זיך שוין געזעצט. אירע לעצטע שטראַלן קריכן ביסלעכווייז אַראָפּ פון דיביימער, אויף וועלכע זיי האָבן ערשט אַזוי פריילעך-לויכטנדיק זיך געשפּילט, זאָגן דעם וואַלד: אַ גוטע נאַכט!...

עס באַפאַלט מיך עפּעס אַ מורא. אפשר איז אַלטערן נישט גוט גע-וואָרן? אַ קאַטאָוועס — נאָך אַזויפיל שוויס, נאָך אזא לאַנגן טאָג פאַסטן! אפשר איז ער דאָרט ערגעץ חלשות געבליבן! אָדער אפשר איז אים דאָרט עמעצער באַפאַלן? ס'איז דאָך אַ וואַלד, אַ פאַרלעגן אָרט, אין דער זייט וועג! מען טאָר אַזוי די זאַך נישט לאָזן, מען מוז גיין זען.

איך מאַך מיר האַרץ און גיי אין וואַלד אַריין. איך גיי און זוך, אַן עבירה אָבער די מי, אַלטער און די פערד זענען אַזוי ווי אין וואַסער אַריינגעפאַלן. איך בין שוין פאַרגאַנגען טיפער און קום לסוף צו עפּעס אַ לאַנגן שמאָלן טאָל, וואָס האַקט פאַר מיר איבער דעם וואַלד אין צוויי טיילן. דער טאָל איז באַוואַקסן מיט טשערעט און מיני ביימלעך שטעכעדיקע ווי דערנער, און ציט זיך מיט איין זייט צום שליאַך, מיט דער אַנדערער ערגעץ אַנדערש, העט־ווייט צו אַלדי שוואַרצע יאָר. דער וואַלד שטייט און שלאָפט, איבערגעדעקט פון אויבן עפּעס מיט אַ טונקעלען פאָרהאַנג. אַרום און אַרום איז שטיל. נאָר צייטנווייז הערט מען, ווי צוויי הויכגעוויקסיקע ביימלעך, נאָענטע שכנים, שושקען זיך מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ צווישן זיך, איינער דעם אַנדערן אַ קיצל געבנדיק הינטערוויילעכץ מיט די צווייגן; אָדער ווי אַ פּאָר בלעטלעך ערגעץ פלאַטערן, באַרירן זיך, גלייך ווי עס גרימט זיי עפּעס און לאָזט זיי נישט רוען. דאָס רעדט דער וואַלד פון שלאָף. דאָס חלומט זיך אים דער נעכטיקער טאָג מיט אַלע לייד און פרייד אין אים. דער שאָרך פון די דאַרע ריטלעך דאָרט — דאָס קומען אים צו חלום ביימער נעבעך, וועלכע מען האָט פאַר דער צייט אויסגעהאַקט; דער קלאַפּ ביים אַראָפּפאַלן עפּעס פונדערהייך — דאָס באַטייט אַ נעסט מיט יונגע אומשולדיקע פייגעלעך, וואָס דער שפּאַרבער, דער זשוליק, האָט פלוצעם צעשטערט, און דאָס טאַקע פלאַטערן די בלעטלעך דאָרט אויף דער טויטער מוטער מיט אירע דערהרגעטע קינדער, וואָס קומען אַצינד אים צו חלום... עפּעס אַ גאַנצער וואָלקן מרה־שחורה רוקט זיך אָן אויף דעם וואַלד און אויך אויף דער נשמה מיינער. דער כוח־המדמה, דער פּאָקוסניק, דער וועלט־באַרימטער ליגנער, מעקלערט אויס מיט שווינדל עפּעס אַ מין שותּפות־געשעפטל, אַ קאָמיסיע צווישן מיר און דעם טאָל, וועלכן איך שטיי און קוק אָן. איך באַקום פון אים אַ טראַנספּאָרט משונה שרעקלעכע בילדער, און פון מיין קאָפּ־פאַבריק גייט די אייגענע סחורה, איבערגעמאַכט אויף אַן אַנדער שטייגער, מיט נאָך פיל ווילדע זאַכן, אַהין־צוריק. אין איין טראַנספּאָרט קומט מיר פון דאָרטן אָן אַ מת, אַ דערהרגעטער אַלטער יקנה"ז, און ביינער פון אונדזערע פערד, צוויי פגירות. ביי מיר אין קאָפּ ווערט עס קונציק אויסגעאַרבעט מיט טויזנטער פאַרפּוצונגען, און באַלד טאַקע, גיך, פלינק טראַנספּאָרטירט צוריק מיט אַ גזלן אַ רויטן, אַ געזונטן און אַ וואָלף מיט אַ קאַרק און שרעקלעכע ציין אַ צוגאָב דערצו.

און ווי איך האַלט שוין אויף אַראָפּצוגיין אין דעם טאָל, שטעלט מיך פלוצעם אָפּ אַ געדאַנק אַזוי: די ביידלעך שטייען דאָרט אויפן פעלד הפקר, פונעם גאַנצן ביסל פאַרמעגן אונדזערס קאָן חלילה נישט בלייבן קיין זכר. עס וואָלט נישט געשאַדט פריער אַ קוק צו טאָן. נאָר זייער מעגלעך אפשר,

אַז אַלטער האָט שוין לאַנג זיך צוריקגעקערט מיט די פערד און באַאומרואיקט זיך אַצינד וועגן מיר. דער דאָזיקער געדאַנק לייגט זיך מיר אויפן מוח און איך ווער ביי מיר עפּעס שטאַרקער. די האָפענונג ווערט אַלץ גרעסער, גרעסער אַזוי, ביז זי צערייסט די גערדיכטע וואָלקנס מרה=שחורה און עס לייטערט מיר זיך אַ ביסל אויס אויפן האַרצן.

איך לאָז מיך גיין געשווינד צוריק.

ח

גאָט האָט געהאָלפן, איך בין געקומען בשלום און נישט אויסגעבראָכן קיין פוס ביי איטלעכם מאָל פאַלן אויפן וועג, אין איילעניש אָנשלאָגנדיק זיך אין אַ בוים. דאָס אויפשטיין אַ געפאַלענעם אין וואַלד איז חלילה נישט מיאוס אַזוי ווי אין שטאָט, ווו מענטשן שטייען און לאַכן. דעריבער פלעג איך איטלעכם מאָל מיך גאַנץ פיין אויפהייבן פון דער ערד מיט גרויס הנאה, און געלויבט גאָט, וואָס כאָטש מיט חסד. און אַז דער חסד פון גאָט איז יאָ אַזוי גרויס מיט מיר, האָב איך שוין געהאַט דאָס רעכט צו טראַכטן, מסתמא וועל איך קומענדיק אויך זוכה זיין צו טרעפן מיין אַלטערן מיט די פערד. נאָר אַזויפיל גנאָד פון זיין ליבן נאָמען האָב איך נישט פאַרדינט.

אַלטער איז נישטאָ!

איך בלייב שטיין ווי אָפּגעברים. זייער נישט גוט אויפן האַרצן! גאָט ווייסט, וואָס מיט אַלטערן איז געשען, ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען. דאָ האָט דאָס פינצטערע מזל זיינס זיך טאַקע געמיט. אַזוי גלאַט איז די זאַך זיכער נישט. הייַנט איז אויך די שאלה מיט מיר: וואָס טוט מען? וואָס קאָן פון מיר ווערן? דער חשבון מיינער איז געווען: אָפּזועצן אין גלופּסק מיינע זאַכענישן, אָננעמען דאָרט ווי מעגלעך וואָס מער קינות אויף צו באַטיילן די אַלע שטעטלעך ארום און אַרום, ווי דער שטייגער מיינער איז תמיד. ס'איז שוין די „דריי וואָכן". די צייט איז קורץ, אַ שעה טאָר מען נישט פאַרלירן. באַם חלילה איך פאַרהאַיע מיך דאָ אין וועג, בלייבן יידן אין די שטעטלעך אָן קינות. אַ קאַטאָוועס עפּעס — יידן אָן קינות!... איך קאָן מיר פאָרשטעלן דעם גוטן תשעה באב: יידן האָבן זיך שוין אָפּגעפּאַרטיקט מיט די מילכיקע לאָקשן, אַריינגעלייגט אין בויך דאָס האַרטע איי איינגעטונקט אין אַש, זיצן שוין ברוגז, אָנגעלאָדן אויף דער ערד נאָר אין זאָקן מיט אויסגעטרעטענע פיאַטעס, פליי בייסן, קונדסים האַלטן די בערעלעך גרייט צום וואַרפן, מען וואַרט נאָר הערן אַן אָנהייב, עפּעס אַ גוט וואָרט, און פּלוצעם — נישטאָ קיין קינות. מעגדעלע איז צו אַלדע שוואַרצע יאָר פאַרפאַלן געוואָרן, נישט געבראַכט קיין קינות!... צען יידן אויף איין

קינה. ס'איז אַ שטופּעניש, אַ קוועטשעניש, אַ פּאַרמישעניש מיט די פּליי, אַ פּאַרפּלאָנטעניש מיט די האָר: בערד, פּאות פֿול אָנגעזעצט מיט בער־לעך. עס גיט זיך נאָך אייער, לאָקשן, וואָס קריכן פֿונעם האַלדז, איינעם דעם אַנדערן אונטער דער נאָז... פֿון די ווייבער איז די יסורים נאָך נישט אַזוי גרויס, זיי נעמען וואָס ס'איז, אַבי געדרוקטס, א תחינה, א בענטשערל, די דינים פֿונעם טרייבערן, אַ הגדה — אַלץ איינס! — וואָס מאַכט עס אויס? — וויינען, יאָמערן איבער דעם הויך אויף אַ קול. און וואָס באַדאַרף מען מער ווי פֿאַרגיסן טרערן? אוי, אַ מיאוסע לאַגע. נישט פֿרייליך אַרום און אַרום, ביטער אויפֿן האַרצן... נישט דאָס בין איך אויסן.

אָפּהענטיק פֿונדעסטוועגן טאָר מען נישט זיין. מען מוז עפּעס טאָן, נישט זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט. מען מוז ווייטער טאַקע גיין זוכן. איך טו אַ קוק אויף די שטערן און דערמאָן מיך, שוין צייט אָנצובייסן. איך נעם מיך צום רענצעלע, שמועס איבער, פֿאַר צרות, מיט דעם פֿלעשל בראָנפֿן, בול־בול־בול גלייך אין מויל אַריין, כאַפּ אין איילעניש עפּעס פֿאַר־בייסן, טאַקע נאָר פֿון יוצא וועגן. געזעגן מיך מיט דעם פֿלעשל, נאָך אַמאָל בול־בול־בול און לאָז מיך גיין אַלץ טאַקע געשווינד.

איך בין ווידער אין וואַלד, ווידער לעבן טאָל און באַלד טאַקע בין איך שוין אין דעם טאָל. נאָר לאָמיר נישט זאָגן קיין ליגן, איך בין דאָרט נישט אַליין, אויפֿן האַרצן איז מיר אויך נישט אַזוי שלעכט ווי פֿריער. איך גיי אינצווייען, שמועס מיר מכוח מיין איצטיקן עסק און גאַנץ נישקשה־ריק, גאָר נישט אומעטיק! — אפֿנים, בשעת נעמענדיק זיך אין איילעניש צום פֿלעשל נאָך אַזוי פֿיל פּיין און יסורים, האָב איך איבערגעכאַפּט די מאָס, אַן איבעריקן זופּ געטאָן אויפֿן ניכטערן מאָגן און געגעסן האָב איך כמעט גאָרנישט, ס'איז מיר אין האַלדז נישט געקראָכן, מיך געוואָרגן מיט דעם ביסן. דער דאָזיקער איבעריקער זופּ איז מיר בייגעשטאַנען אין די נויטן ווי אַ טאַטע. ער האָט מיר אונטערגעגעבן מוט און מיך שטאַרק באַרעדעוודיק געמאַכט אויף מיין שפּאַציר, נישט היינט געדאַכט. אַזוי איז שוין דער שטייגער מיינער תמיד, פֿון אַן איבעריקן לעק משקה פּורים אָדער שמחת־תורה אַמאָל שיט זיך פֿון מיר רייד ווי פֿון אַ לעבעדיקן זאַק. איך רעד צו דער וואַנט און שמייכל מיר דערביי זייער זיס, בין גוט און ווייך, כאָטש צוצולייגן מיך צו אַ געשוויר. דעמלט צעציט זיך מיין גוף ווייטלעך, עפּעס איז ער גרינגג, שיטער ווי לעמעשקע. עס באַמבלען זיך אַרום אים פֿון אַלע זייטן עפּעס חלקימלעך מענדעלע, נישט רעכט צו פּילן ווו איז דאָס וויכטיקסטע, מיטלסטע פּינטעלע, ביי וואָס אָנצונעמען. עס ווערט דעמסט־מאָל פֿון מיר, דאַכט זיך, גאָר צוויי מענדעלעך. איינער קריכט קיין יע־הופּעץ, דער אַנדערער קיין בוויבעריק, די בשותפֿותע פּיס ווערן משוגע, נייש־

צו וויסן ווּעמען צו פֿאָלגן. איינער פֿרעגט, דער אַנדערער ענטפֿערט. די
רייד מיינע קומען מיר, ווי פֿון דער זייט אַ ווידער=קול, צוריק טאַקע אין
מיינע אויערן אַריין, עפּעס גאָר נישט מיין שטימע, אַ קול ווי פֿון אַ פּוסטער
פֿאַס. דעם קאָפּ אינגאַנצן פֿונדעסטוועגן פֿאַרליר איך נישט, עפּעס בלייבט
מיר נאָך איבער אַ שטיקל זכר ווי אין חלום.

— גוטן אָוונט! — ווײַטע איך מיך מיט אַ פֿאַרבײַיג — וווּהין גייט
עס מען ביינאַכט דאָ? — עט... טיפּשים, פֿערדישע קעפּ! — ענטפֿערט
צוריק א מענדעלע מיט אַ גוט, זיס שמייכעלע. — זיי צו ווערן פֿאַרפֿאַלן זיך
פֿאַרגלוסט זיי. אַ געלעכטער, כ'לעבן! — אַ גרוב, ר' מענדעלע, היט אייך
די ביינער, — יאָ, ווי איך בין אַ ייד, אַ גרוב! איך געפֿאַלן בין שוין אַפֿילו,
דאָס צוואָנציקסטע, דאַכט זיך, מאָל. — שטייט=זשע, זייט מוחל, אויף!
נישט קיין דרך=ארץ עפּעס זיך צעלייגן אַזוי. — אַ שיינעם דאַנק, ר' קרוב.
איך מיט דער בייטש טאַפּ ווייטער שוין... אַ געלעכטער, כ'לעבן, ביימלעך
גייען!... געזונטערהייט!... קומט בקאָמפּאַניע, פּע, דראַפּעט נישט!... איי, ווײַ=
טער אַ דראַפּ! פּע, פּע, אויגן אַרויסגענומען שיר מיר, טפֿו! — שפּייט,
ר' מענדעלע, אויף זיי! זיי באַלד פּטור ווערט מען זיי. אויף אַ סטעזשקעלע
אַרויס דאָ גייט, זייט מוחל, אויפֿן פֿרייען פֿעלד. — גוט, בין שוין דאָ! אַי,
אַ לבנה, אַ באַק=דייזשע, אַ שיינע אָדעסער לבנה! אַ נאָז מיט אויגן!... שאַ,
מקדש זיין די לבנה! שלום עליכם? — עליכם שלום! — שלום עליכם? —
עליכם=שלום! אַזוי ווי איך אַקעגן דיר שפּרינג און אָנרירן דיך נישט קאָן
איך... שפּרינג זשע, פּעטער! — האָץ, האָץ, האָץ! אַזוי מיך אָנרירן זאָלן
מיינע שונאים נישט... וואָס זיי צו אונדז האָבן וואָס? — צעכליפּע איך מיך
פּלוצעם — וואָס איך שולדיק, אַז איך לעב און וויל עסן איך? נאַ, אַ לייב,
מישטיינס=געזאָגט, אַ שפּענדל! שטענדיק קרענק! ווייטעקן... אויך געהאַט
אַ מאַמע, מיך געגלעט, געקושט האָט זי... וויי מיר, איך בין אַ יתום, אַ יתום!
— צעוויין איך מיך נאָך שטאַרקער. — שאַ, שאַ! — ענטפֿערט זיך צוריק
מיט אַ טרייסט. — וואָס קאָן מען טאָן? ווי שעמט זיך עס נישט אַן אַלטער
ייד מיט אַ באָרד, אַ באַווייבטער, אַ מטופּל מיט קינדער צו וויינען אינ=
דרויסן פֿאַר דער לבנה! שאַ, נישט קיין דרך=ארץ, כ'לעבן! שאַ, דער רוח
וועט אייך נישט נעמען, נישקשה, היט זיך בעסער, אָט איז אַ פּלויט. — יאָ,
ווי איך בין אַ ייד, טאַקע אַ פּלויט. שוין אַ גוטן זעץ געטאָן מיך אַפֿילו. וואָס
טוט מען? — מען נעמט און קריכט אַריבער. אָט אַזוי, אַזוי. — אַ שיינעם
דאַנק: איך שטיי שוין מיט ביידע פֿיס אין גאָרטן. — ברוך הבא, מחותן!
זייט זיך מטריח ווייטער. — האָט קיין צרות נישט, איך גיי. וואָס פֿאַר אַ גע=
רעטעניש! באָב, אַרבעס אָנגעזעצט, אוגערקעס גאָר אָן אַ צאָל! — מאַכט
אַ ברכה, פּעטער, לאָזט זיך נישט בעטן. — יישר כוח אוגערקעס גאָר אַ דער=

קוויקעניש! געשמאַק מחיה!... האַ, אַ קלאַפּ! וואָס באַטייט דער קלאַפּ! פון וואַנען דער קלאַפּ?

דער קלאַפּ איז געווען פון אַ געזונטן ערל, וואָס האָט הינטנאַרום מיך געטאָן אַ כאַפּ און מיר גוט געגעבן אָנצוהערעניש, אַז אין אַ פרעמדן גאָרטן איז נישט שיין צו קריכן. דער קלאַפּ האָט באַטייט, אַז פרעמדע אוגערקעס געמען בייגאַכט טאָר מען נישט. פון די קלעפּ, און מעגלעך אפשר אויך טאַקע פון די פרישע אוגערקעס, האָב איך כמעט אינגאַנצן מיך אויסגעניכטערט. איך בין געשטאַנען אַ ווײַלע פאַרדולט, ווי אויפכאַפּענדיק זיך פון שלאָף. דאָס ערשטע וואָרט מיינס, עס פאַרשטייט זיך, איז געווען: געוואַלד!... באַלד דערויף בין איך מיך מיישב, לאָמיך קלאָמפערשט מאַכן זיך נישט ווייסנדיק און גיב אַ פרעג דעם ערל מיט גוטן, אויף זייער גראָב לשון: „צי ני באַטשילי, טשויעש, טוטעטשקי זשידקאָ איס קינאָמי? קאַזשי-נאָ טשילאָוויטשע!"[1] — דער ערל אָבער טוט זיין זאַך, וויל נישט הערן, שלעפּט מיך ביים אַרבל, דערלאַנגט מיר אַמאָל אויך אַ שטופּ פון הינטן אין איין קול: קום, קום! עס העלפט נישט, איך גיי, מען קאָן קיין חזיר נישט זיין, און מיר קומען אַזוי צו ביידע עפּעס לעבן אַ שטוב, ביי וועלכער עס שטייט אַ געשפּאַנט ברישקעלע מיט פיר גוטע פערד, און עס לייכט פון די פענצטער...

ביים אַריינקומען אין שטוב טוט דער ערל מיך אַ שטופּ פאָרויס און אַליין שטעלט ער זיך נעבן דער טיר אָן אַ היטל. אין ברירה, איך נעם אויך אַראָפּ דאָס היטל, קראַץ מיך אין קאָפּ און קוק ווי אַ נעבטיקער.

ביי אַ טיש זיצט אַ שרייבערל און שרייבט, סקריפּענדיק מיט דער פעו, וואָס בעט זיך איטלעכע רגע אין טינטערל אַריין, אָפּצוגעבן אַ ביסל דאָס מיילכן אירס, נאָכדעם ווי זי ברעכט מיאוס אָן אויפן פּאַפּיר. דאָס שרייבערל האָט מיט איר דאָס לויפעניש, קרימט זיך און זידלט זי ביי איטלעכן טונק. מען זעט, ביידע פייניקן זיך נעבעך, ביידע זענען נישט צופרידן: זי מיט זיין שווערער האַנט, מיט זיינע מיאוסע גרייזן, און ער — מיט אירע חלשותדיקע קלעקן. ער — איר אַ קוועטש, און זי — אים אַ קלעק... אינמיטן שטוב שטייט אַ רויטער קאָלנער מיט מעשענע קנעפּ, עפּעס אַ מין מענטש מיט אַ בויך און אַן אָנגעבלאָזן פּנים, גלאַנצט מיט קליינע אויגן און בשעת עס פאַרוואַרפט זיך אים דאָס שוואַרצאַפּעלע, קוקט אַרויס דאָס ווייסלעכן פון אויג פאַרלאָפן מיט בלוט. ער דרייט די לאַנגע וואָנצעס און רעדט אויפן גוידער, בייזערנדיק זיך, צו צוויי פאַרשוינען מיט אָנגעבויגענע קעפּ אין דער זייט פון דער טיר. איינער אַ הויכער מיט אַ געזונטן קארק, אונטערגעגאָלט

---

[1] צי האָסטו נישט געזען, הער נאָר, דאָ-אָ א יידל מיט פערד? זאָג נאָר מענטש! (אוקראַיניש).

דער האַלדז, און אַ זילבערן רייפעלע אין לעפל פונעם לינקן אויער, דער אַנדערער אַ דאַרער מיט אַ שפּיצאַסט בערדל, אויפן האַרצן אַ בלעך, האַלט אַ לאַנגן שטעקן מיט ביידע הענט, בלינצלט מיט די אייגעלעך און בוקט זיך איטלעכע רגע. דער רויטער קאָלנער בייזערט זיך אויפן ערשטן פון די צוויי פאַרשווינען, שרייט: אין קייטן! קיין סיביר אַזאַ סטאַראָסטע!... און אויפן צווייטן: פאַסן וועל איך פון דיר שינדן, דו, סאָטקע, אַזוינער און אַזוינער, אין דיין מאַמען! —

איך בין טויט מיט אַלע מיינע אברים. עס וואַרפט מיט מיר ווי אין אַ קדחת. עס רוישט מיר אין קאָפּ, קלינגט אין די אויערן. איך הער נישט און זע נישט, וואָס ארום מיר טוט זיך. איך האָב נישט רעכט געהערט אַפילו די טענות פון מיין ערל, בשעת קלאָגנדיק זיך אויף מיר. נאָר אַז דער רויטער קאָלנער האָט אַ היק געטאָן אויף מיר מיט דעם האַרבן וואָרט אויף יוונית, האָב איך מיך באַלד אויפגעכאַפּט און שוין גוט געהערט. פאַר די אויגן מיינע שוועבט א קולאַק און עס הערן זיך שרעקלעכע ווערטער: גנב, קאָנטראַבאַנדשטשיק, טרפה=סחורה, בייטל=שניידער, קייטן, טיורמאַ, קנוטעס, סיביר!... ער זוכט זיך פלוצעם צו מיינע פאות און נאָכקרימענדיק מיך שטאַרק אין כעס, כאַפּט ער אין אימפּעט פון טיש אַ שער און שערט מיר אָפּ איינגאַנצן איין פאה! — איך באַוואַש מיך מיט טרערן, זעענדיק אויף דער ערד מיין פאה, מיין גרוי=אלטע פאה, וואָס איז געוואַקסן מיט מיר פון קינדהייט אויף ביז אין מיינע אַלטע יאָרן; וואָס האָט א בערגעהאַט מיט מיר פרייד און לייד געזונג אין מיין לעבן. די מאַמע האָט זי אין דער יוגנט געגלעט, געצוואָגן, גאָר נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן זיך אויף די שוואַרצע, שיינע גרייזעלעך אירע. זי איז געווען א צירונג מיין פּנים אין מיינע גוטע טעג, ווען איך בין געווען פריש און שטאַרק. זי איז פרי פאַר דער צייט גרוי געוואָרן פאַר צרות נעבעך, און איר גרויקייט האָט מיר חלילה נישט געמאַכט קיין בושה. ביידע האָבן מיר זיך פרי געעלטערט פאַר פורעניות, נויט, עלנט, גריזאָטע, אומזיסטע פיינטשאַפט און רדיפות אין דער וועלט. ווער, חלילה, האָט זי געשאַדט? ווער, חלילה, האָבן מיינע גרויע האָר עפּעס שלעכטס געטאָן? — עס וויינט אין מיר דאָס האַרץ, שרייט געוואַלד שטיל, נישט אַרויסצוברענגען אויף די ליפּן קיין וואָרט. איך קוק שווייגנדיק ווי אַ שעפעלע ביים באַשוירן עס, און פון די אויגן קאַפּ, קאַפּ, טרערן ווי די באָך... מיין הויל=געבליבענע באַק האָט מיר שטאַרק געפלאַמט, דאָס פּנים האָט געמוזט מיר זיך פאַרענדערן אַ שרעק. עס האָט געמוזט זיין אַ רחמנות מיך אָנצוקוקן דענסטמאָל, ווייל באַלד דערויף האָט דעם רויטן קאָלנער עפּעס ווי אָפּגענומען דאָס לשון, שוין גערעדט מיט גוטן, ארויפלייגנדיק ביידע הענט מיר אויף די אַקסלען.

אונטער דעם מעשענעם קנעפּל, אַפּנים, האָט זיך גערירט אַ מענטשלעך האַרץ. מיינע גרויע האָר און מיין גאַנץ אויסזען האָבן אים באַוויזן מיין אָרנטלעכקייט, און ווי איבערבעטנדיק מיך, פאַלט ער מיט אַ בייזער אָן אויף מיין ערל, וואָס פאַר עפּעס אַן אונערקע שלעפּט ער אַן אלטן מענטשן נעבעך, מוט אַ היק אַון טרייבט אים ארויס. ער אליין נעמט דאָס היטל, דרייט זיך אַביסל אַרום, זאָגנדיק דעם, יענעם אַ וואָרט, גייט דערנאָך ארויס, און באַלד הערט זיך, ווי דאָס ברישקעלע פאָרט אַוועק.

די אַלע מענטשן אין שטוב ווערן לעבעדיק. דאָס שרייבערל מוט אַ וואָרף די פּען, אָפּשיקנדיק זי צו אַלדי רוחות. דער סטאַראָסטע און דער סאָטסקע גלייכן זיך אויס, אויפהייבנדיק די קעפּ, איטלעכער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט צו דער גאַס צו און די אויגן זייערע רעדן: יברכך! פאַר געזונטערהייט און לאָז מען דיך נישט אָנקוקן!... דער סטאַראָסטע כאַפּט דעם אָטעם, פאָרט אַריין מיט אַלע פינף פינגער צו זיך אין די האָר פונעם קאָפּ, מוט אים אַ גוטן שאָקל און מאַכט דערביי: נו, אַ סטאַנאָוואָי!...

די גויים האָבן מיר געראָטן, נאָכדעם, אַז איך האָב זיי דערציילט וועגן מיין אומגליק, צו גיין צו דער קרעטשמע ביים דאָרף, נישט ווייט פון דאַנען. דאָרט דאַרף זיין אַציגד אַן עולם מענטשן, צוריקפאָרנדיק פונעם מאַרק=טאָג: מעגלעך ביי זיי וועל איך עפּעס מיך דערגיין. איך הייב אויף מיין פּאה, באַהאַלט זי אין קעשענע, בינד אונטער די באַק מיט אַ פאַטשיילכן, זאָג אַ גוטע נאַכט און גיי אַוועק.

ט

די קרעטשמע איז געווען באַלאַגערט אינדרויסן מיט פורלעך און וועגעלעך אַלערליי. אַ טייל ליידיקע גאָר מיט אַביסל שטרוי, אַ טייל פאַרנומענע מיט מיני זאַכן און חפצים, סיי נישט קיין פאַרקויפטע, סיי געקויפטע דאָרט אויפן מאַרק. אויף איין פורל ליגט אין א זאַק אַ חזיר, ארויסגעשטעקט פון א לאָך זיין שיין פיסקל און מאַכט לעבער אין קאָפּ, שרייענדיק משוגה אויף אַ גרילצנדיק קול. הינטער אַ וואָגן, אָנגעלייגט מיט נייע לאַפּטיעס, מיט נייע ליימענע טעפּ, טעפּלעך און מאַקערטעס, שטייט צוגעבונדן א רויט=געפּלעקטע קו מיט איין האָרן און רייסט זיך מיט אַלע כוחות צו באַפרייען, גיכער קומען צו אירע אַלטע חברטעס אין שטאַל מיט דער בשורה: נישקשה, מען איז אירער נאָך נישט פּטור געוואָרן, געלויבט דער שור=הבר, מען זעט זיך געזונט!... אַ פּאָר גרויע, ברייטבייכיקע, פיינע אָקסן שטייען געשפּאַנט אין דעם יאָך, מאַכן אזוי ערנסט מיט דעם מויל און מאַלעגיירען געשמאַק, קיין מינוט חלילה נישט מפסיק צו זיין.

גלייך ווי זיי זענען פֿאַרטיפֿט אין אַ וויכטיקער זאַך און טוען מיט זייערע אָקסענע קעפּ אויף עפּעס אַ גרויסן שכל. דעם אַרענדאַרס ציג שטייט דערווייל אויפֿן וואָגן, שטעקט הינטערווייַלעכץ אַריין דעם קאָפּ אין אַ זעקעלע דאָרט, נעמט באַלד אים אַרויס מיט אַ פֿול מויל, פּירקעט, דרייענדיק דאָס עקל, קייעט, מאַכט מיט די באַקן, טרעסעט דאָס בערדל גיך, געשווינד, ארומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן. אַן אַלטער, אויסגעדאַרטער דאָרפֿס-הונט לעבט אויף דער עלטער פֿון קצבה, אָן אַ שטעלע, מיט אַ הינקענדיק פֿיסל און אַ קאָלטון באָמבלענדיק זיך אים אויפֿן עק, שאַרט זיך צו נאָענט צום וואָגן, קוקט מיט דרך-ארץ, קומט דערנאָך צו נעענטער אויף עטלעכע טריט, שמעקט, זוכט מיט דער נאָז, דערטאַפּט עפּעס אַ טרוקן, אָפּגעלעקט ביינדל, לויפֿט מיט דער מציאה אָפּ אַביסל ווייטער, שטרעקט זיך אויס אויף דער ערד און נעמט זיך קנאַקן דעם ביין, האַלטנדיק דערביי דעם קאָפּ אין דער זייט אויף די פֿאָדערשטע לאַפּעס. — דאָס פֿערדל דאָרט אין יענעם וואָגן, נמאס ווערנדיק אים אַ לאַנגע צייט צו שטיין אויף איין אָרט, גאָרנישט צו טאָן, נאָר דרעמלען, מאַכן מיט דער מאָרדע און שאָקלען די אויערן, איז זיך מיישב אָפּצושטעקן א וויזיט אַ פּאָר איינגעשפּאַנטע אָקסלעך, וואָס טוען זיך וויל איבער א זעקל פּאָלאָווע, און זיין זייער אורח אויף וועטשערע. נאָר ביים גיין פֿאַרהאַקט זיך די אַקס פֿון זיין וואָגן אין א רעדל פֿון אן אנדער פֿורל, שיר אומצוואַרפֿן עס. יענץ פֿערדל דאָרט, אַרויסשפּרינגענדיק פֿון די האָלאָבליעס, טרעט אָן אַן אַנדער פֿערד אויף די פֿיס, עס טוט אַ הירזשע און שטעלט זיך דיבאָם. די ציג דערשרעקט זיך, טוט גיכער אַ שפּרונג און טרעט אָן דעם דאָרפֿס-הונט אויפֿן וויידל. ער שפּרינגט דערשראָקן אוועק אויף דריי פֿיס, היילנדיק אויף א קווימש מיט אַ צעגנגאָרנדיקן שלשלת.

מיט גרוים מי שלאָג איך מיך דורך צווישן די אַלע פֿורלעך, גוט צוקוקנדיק זיך, טאָמער איז דאָ דאָס, וואָס איך זוך, און לאָז מיך אַריינגיין אין קרעטשמע.

דאָס אַלצדינג, וואָס אינעווייניק אין קרעטשמע טוט זיך, דערפֿיל איך ביסלעכווייז, איינס נאָך דאָס אַנדערע כּסדר, נישט אויף איין מאָל. דעם ערשטן כּבוד דאָרט האָט מיין נאָז. באַלד ביים אַריינקומען, נאָך אויף דער שוועל, טוט מיר אַ זעץ אַ שאַרף-ביטערער צאַפּנשטינקענדיקער ריח פֿון בראָנפֿן, מאַכאָרקע און מענטשנשווייס איניינעם. אַז די נאָז גיסט אָפּ איר „מה-טובֿו" פֿון אַזאַ ברוך-הבא מיט אַ הילך, צעניסנדיק זיך אין שטייגער, גייען צום סמיך די אויערן. אַ רעש, אַ געפּילדער פֿון אויסגעמישטע איניינעם דינע, גראָבע, הייזעריקע, צעריפּעטע און כריפּענדיקע קולות קייקלען זיך אַריין אין זיי מיט אַ גרילצן, נאָר טויב צו ווערן. אַז די נאָז

מיט די אויערן האָבן שוין זייערס אָפּגענומען, געהאַט זייער ערלעך אויסקומעניש, זענען שטאַרק אין דער ארבעט נעבעך די אויגן, נאָכדעם ווי זיי בלאָנקען זיך פריער ארום אין דער טונקלעניש צווישן א געדיכטן עולם מענטשן, צונויפגעשמאָלצן אינײנעם, נישט צו האָבן אַ פּיצל סימן פון עפּעס אַ זאַך, דערזעען זיי פונדערווייטנס אויף אַ לאַנגן הילצערנעם טיש אַ חלבדיק ליכטל אין אַ ליימען לייכטערל, וואָס ברענט מיט אַ רויטן שטעכנדיקן פּלאַם, אַרומגערינגלט מיט געל־גרין־בלוי־גרויע רעדער ווי רעגנבויגנס פון דער הייסער פּאַרע און זיילן רויך, וואָס שלעפּן זיך איבער דער שטוב ארום, ערשט דערנאָך הייבן אָן ארויסצושווימען פונעם טונקלען טומאַן כסדר: נעז, בערד, בערדלעך, טשופּרינעס, גאַנצע פּנימער און צורות פון מאַנסבילן און נקבות. עס שווימען ארויס רעדלעך מענטשן, אַ טייל האַלטן זיך אויף די פיס — ערשט נאָכן פערטן, פינפטן טרונק בראָנפן. אין דער זייט האַלדזן זיך צוויי שיכורימלעך, זידלען זיך פאַר גרויס ליבשאַפט מיט מיאוסע ווערטער. לעבן זיי שטייט אַ פּלוניתטע באָרוועס אין אַ קורץ קליידל מיט אַ געשטיקט העמד אויסגעשניטן ווייט און האָט הנאה, פּאַטשט איינעם, דעם ואנדערן אויפן רוקן מיט גוטן, מאכנדיק דערביי: נענוג, אַהיים, אַהיים! דאָס שיכורע פאָר־פאָלק אָבער שמעלצן זיך נאָך מער פאַר ליבשאַפט, נעמען זיך שטייפער אַרום און פאַלן. ווידער אַ טייל זיצן אויף לאַנגע בענק לעבן פלעשלעך משקה מיט פאַרבייסן. צוויי באַלעגופן טרינקען איינער צום אַנדערן לחיים און זענען ביידע, ווי מען זאָגט, בגילופין. איינער, אַ שטאַרקער ליבהאָבער פונעם ביטערן טראָפּן און וואָס דאָ איז שטענדיק זיין מקום מנוחה, וויטעט זיך פונדערווייטנס, רויכערנדיק זיין ליולקעלע, דאָס מיט די דאָזיקע צוויי לייט, דאָס מיט יענעם, דאָס מיט אַן אַנדערן און ווינטשעוועט צו: לחיים, לחיים! — כאָטש מען קוקט זיך אויף אים אַפילו נישט אום. און גאָר צולעצט שווימט ארויס אין דעם געשטאַלט פון אַ יידענע, אַ רירנדיקע, אַ זשוואַווע, מיט אָפּגעבליאַקעוועטע פּעלענע מושקעס און עפּעס א מין טיכל אויפן קאָפּ, דעם שענקערס ווייב מיט איר כבוד אַליין, לעבן פּעסלעך, פלעשער, קעלישקעלעך, גלעזלעך, קרענצלעך בייגל, געקאָכטע אייער, דאַרע פישלעך און שטיקלעך פאַרהאַרטעוועטע לעבער. דאָס מויל מאַכט זיך איר קיין רגע נישט צו, די הענט אירע רוען אויך נישט פונעם טענהן, רעדן מיט איטלעכן באַזונדער, פון געבן און נעמען גרייט געלט מזומן, אָדער משכנות, אָדער מיט אַ קריידל אַנשרייבן אויף דעמס, אויף יענעמס חשבון פאַסקעלעך און רענגעלעך.

איך דריי מיך ארום ווי א גר צווישן דעם דאָזיקן גאַנצן עולם, פרוּוו רעדן מיט דעם, מיט יענעם, און דער שפּיץ איז אלטערס ווערטל טאַקע: מילא, בקיצור, גאָרנישט.

אין קרעטשמע ווערט שיטערער, דער עולם הייבט אָן זיך צעפאָרן, און איך לאָז מיך צו גיין צו דער באַלעבאָסטע, האַלטנדיק די בייטש אונטערן אָרעם אַקעגן אירע אויגן. דאָס טו איך בכיוון מיט אַן אייבער=הסברה, ווייל קרעטשמערס בכלל האָבן ליב באַלעגאָלעס, קויפן זיי אונטער מיט בראָנפן, מיט עסן און מיט נאָך עפּעס, בכדי זיי זאָלן פאַרפאָרן צו זיי מיט פאַרשווינגען. די בייטש איז מיר געווען אַ מליץ און מיר געגעבן חן און לייטזעליקייט אין דער באַלעבאָסטעס אויגן. עס הייבט זיך צווישן אונדז אָן אַזאַ שמועס:

— גוט גאָוונט! — גוט=יאָר! — ווי איז דאָס אייער מאן? — וואָס טויג אייך מיין מאַן? — גלאַט אזוי זיך. — זאָגט, אפשר וועל איך טויגן. — טאַ... מהיכא תיתי! — אַהער, אַהין מיר צעשמועסן זיך ברייטלעך. איך דערציייל איר דאָס אומגליקל, וועלכעס מיך האָט האָ געטראָפן, מיין איצטיקע מיאוסע לאַגע. זי טרייסט מיך מיט אַ זיפץ, אונטערשפּאַרנדיק דעם קאָפּ מיט דער האַנט און צוויי פינגער אויף דער באַק, מאַכט אלין: „א מעשה, אַ מעשה!“ און ווייטער אַ זיפץ. — איך טו איר צוליב, דערציייל אַלצדינג, ווער איך בין, ווי איך הייס, מיט וואָס איך האַנדל, און זי פון איר זייט באַשיט מיך מיט רייד, זאָגט מיר ארויס איטלעכס פּיצעלע, וואָס ביי איר אונטערן נאָגל, פון איר מאַן דעם שלימזלניק, פון די קינדער און פּרנסה... עס ווערט צווישן אונדז אַ נאָענטע באַקאַנטשאַפט. מיר רעכענען זיך אויס, אַז מיר זענען גאָר ביידע שטיקלעך קרובים! זי הייסט חיה=טרייַנע, נאָך מיינס אַ קאַלטער מומע פון דער באָבעס צד. אַ שמחה, אַ פרייד! זי פרעגט מיך אויס אויף מיין ווייב, אויף די קינדער, אויף איטלעכן ביי מיר באַזונדער, און אַז דער מאַן איז דערויף אָנגעקומען, זאָגט זי אים אָן די בשורה גיך אין איין אָטעם: מיר האָבן אַ גאַסט... אַ טייערן גאַסט, ר' מענדעלע מוכר=ספרים!... מיינער אַ קרוב! און לאָזט אים מיט גדלות צום מאַן, אָננעמענדיק זיך מיט ביידע הענט ביי די זייטן:

— האַ, מיינסט אַפשר, פון אַ שטאַל האָסטו מיך ארויסגענומען! נישקשה, איך וועל, ברוך=השם, פאַר אַנדערע נישט מבויש ווערן, מעגסט זיך, ב'לעבן, איבערנעמען מיט מיין משפּחה!

— טאַ, רבונו=של=עולם! — טראַכט איך מיר. — לאָז זיין אַזוי: שאול האָט געזוכט אייזלען און געפונען די מלוכה, איך זוך אַ פערד און געפונען אַ חיה=טריינע!...

חיה=טריינעס מאַן איז געווען א ייד מיט א לאַנגער נאָז. דאָס שיטערע בערדל, די פּאות און די ברעמען — העל=בלאָנד ווי פלאַקס. בשעת שווייגן קייעט ער די צונג און איידער ער קלייבט זיך צו רעדן באַלעקט ער זיך פריער, אזוי אַז אים אָנקוקנדיק דענסטמאָל, פאַרשטייט מען, וואָס טייטש

ע ק י ש... ביים אָפּשטעקן מיר אַ שלום=עליכם מורמלט ער עפּעס גאָר
אָן ווערטער און פונעם גאַנצן באַנעמען זיינעם דערקען איך באַלד, אַז ער
ליגט אונטערן ווייבס פּאַנטאָפל, האָט פאַר איר דאָס גיין=יאָריקע קדחת.
ווי עס האָט שפּעטער מיט דער צייט זיך ארויסגעוויזן, הייסט ער אין דער
סביבה: חיים=חנא חיה=טריינגעס, און חיה=טריינגע אליין הייסט: חיה=טריי=
נע קאָזאַק.

— וו האָסטו עס ביז אצינד געהינעט? — נעמט חיה=טריינגע דעם
מאַן אויפן ציהונדער. — ווהין האָט עס דיך, שלימזל, דער שוואַרץ=יאָר
געטראָגן? האָסטו געהערט? העז אַביסל!... מען זאָל אוועקוואַרפן אַ שטוב
מיט דעם באַלעבאַטישקייט און גאָרנישט... נישקשה, ר' מענדעלע איז אַן
אייגענער, פאַר אים מעג מען זאָגן, וואָס פאַר אַ שלאַק דו ביסט, אַ שלאַק
פון זיין ליבן נאָמען. קוקט אים אָן, שטייט ווי אַ ליימענער גולם און קיי=
עט די צונג...

—דו האָסט דאָך מיך אַליין, האָסטו מיך געשיקט צו גאַווריל‏אָן נאָך
א זאק קאַרטאָפּליעס מיך געשיקט! — פאַרענטפערט זיך חיים=חנא, באַ=
העקנדיק זיך פריער מיט דער צונג.

— און דער רבי, דער שיינער רבי איז קראַנק געווען ברענגען צו טראָגן
דעם זאַק קאַרטאָפליעס! עסן, נישקשה, קאָן ער פאַר צען.

— דער רבי איז דאָך געגאַנגען, דער רבי, אָפּפירן די פערעסטע קי
מיט דעם קעלבל אין פעלד אָפּפירן! — גיט חיים=חנא דעם ווייב צו פאַר=
שטיין.

— אָט שווייג שוין, שווייג, קיי דיר בעסער די צונג! — מאַכט חיה=
טריינגע, קוקנדיק בייז אויפן מאַן. דערנאָך ווענדט זי זיך צו מיר מיט אַ
גאַנצן שמועס, וואָס זי האָט פון איטלעכן אויסצושטיין. ווען נישט זי,
וואָלט די גאַנצע שטוב שוין לאַנג האָרנעם=קאָרנעם איבערגעקערט געוואָ=
רן, און מישט אַלץ אריין אין די רייד: „נישקשה, פאַר אייך מעג מען, ווי
פאר אַ טאַטן, איר זייט אַן אייגענער, ר' מענדעלע!“

איך לייג מיך אריין אין שלום און פאַרריכט ביי חיה=טריינגען דעם
מאַגם דאָליע. פון שלום ווען זאָג איך אַ ביסל אַ ליגן, באַשולדיק בכלל
אַלע מענער, מיך דערונטער אויך אַביסל, און חנפה, לויב אין טאָג אַריין
די אַלע ווייבער, באַזונדערס חיה=טריינגען. חלילה ווען נישט זי, וואָלט די
וועלט קיין וועלט נישט געווען... חיה=טריינגע איז געוואָרן ווייכער.

— געזונט זאָלט איר זיין, ר' מענדעלע! — זאָגט זי מיט א שיינענ=
דיק פנימל און מאַכט באַלד טאַקע צום מאַן מיט גוטן.

—נענוג צו קייען די צונג! נעם בעסער, חיים=חנא, וויש איבער דאָ
די קעלישקעלעך און די טעלער פון וועלכע עשו האָט געפרעסן. — ר'

מענדעלע מוז אַוודאַי גוט הונגעריק זיין, — מוט זי אַ זאָג צו מיר, אויפֿ=
הייבנדיק זיך פֿון געזעס אירן ביים שענקל. — איך פֿיל עס אין מיר אַליין
מאַקע. אין אַ מאַרקטאָג פֿאַרשפּעטיקן מיר זיך תמיד מיט דער וועטשערע.
נישטאָ, נימערערגער, קיין צייט. קומט, זייט מוחל, מיר בעטן זייער שיין
צו אונדז אין שטוב!

גלייך פֿונעם שענקל קומט מען אַריין אין אַ פֿינצטער אַלקערל, וווּ
אַקעגן איז אָפֿן אַ טיר גאָר אין אַן אַלקער און לינקס אין דער זייט פֿירט
אַ טיר אין אַ היפּשן חדר, אַ נידעריקער אָן אַ דיל מיט קליינע פֿענצטער=
לעך. די שייבלעך זענען אַ טייל צעשפּאָלטן, אַ טייל געלאַטעט פֿון צונויפֿ=
געקלעפּטע שטיקלעך און אַ טייל אינגאַנצן אויסגעשלאָגן, נאָר ערגעץ אין
אַ ווינקל שטעקט אַן איבערגעבליבן שטיקל גלאָז, ווי דער איין=אייגציקער
צאָן ביי אַ זקנה, וואָס ביי נאָר עפּעס אַ ווינטל שאָקלט זיך עס, שטיל גע=
בעבעט: זים=זים=זים — זייער אומעטיק. אין איין עק שטוב, צו דער גאַס=
צו, שטייט אַ טיש. לעבן אים, ביי די ווענט — לאַנגע, שמאָלע בענק,
נישט געפֿאַרבט; אין דעם אַנדערן עק אַקעגן שטייט אַ בעט מיט אַ סך
בעבעכעס, אָן עין=הרע: מיט קישנס, גרויסע, מיטעלע, קליינע, קליינינקי=
קע — אַ הויכער טורעם ביז אין דער סטעליע. און ביי דער זייט אויוו=
דאָרט צירט זיך אַ ברייטע באַנק, וואָס דינט ביינאַכט פֿאַר אַ בעט צו=
שלאָפֿן. אַרום די ווענט אינדערהויך, הענגען פֿאָרטרעטן באַדעקט מיט
שפּינוועבס, מיט געפּגרטע פֿליגן, אויסגעטריקנטע אייער פֿון פֿרייסן און
פֿלינגקויט. פֿונעם קויט אויף די דאָזיקע פֿאָרטרעטלעך קוקן אַרויס עפּעס
געשטאַלטן: אַ „מזרח“ מיט קראָליקלעך, מיט משונה=ווילדע חיהלעך,
האַלב ציג — האַלב הירש, האַלב לייב — האַלב אייזל, האַלב לעמפּערט
און האַלב פּיפּערנאָטער. אַ הויכער המן, געקליידט ווי אַן אונטעראָפֿיציר,
הענגט אויף אַ תליה, וואָס גרייכט אים קוים ביז צום אַקסל, אַזוי אַז גיכער
הענגט די תליה אויף אים! דערביי שטייט מרדכי אין אַ שטריימל, אַ ראַ=
צעמאָרענע קאַפּאָטע מיט אַ גאַרטל, אויבן אַ טיזליק, אין שיך און זע=
קעלער מיט פּאַהקעלעך, טאַקע גאָר „מאָנדרוש“. אַרום אים „באַבערדלטע,
באַגאָזנדיקע“ יידן מיט כוסות אין די הענט און מאַכן: „לחיים, רבי
מרדכי!“ צו זרשן מיטן טאָפּ האָבן זיך זייער מיאוס צוגעכאַפּט די פֿליגן,
האָבן פֿון איר, נעבעך, איבערגעלאָזט נאָר אַ האַלבן קאָפּ מיט אַ שטיקל
פּעדער=חלק, נאַפּאָלעאָן, נעבעך, איז אויך אַריינגעפֿאַלן אַהינצו אין יידי=
שע הענט. אַז אָך=און=ווי איז צו אים, וואָס פֿאַר אַ פּנים ער האָט גע=
האַט! ער איז געהאָנגען צווישן פּוטיפֿרס ווייב, עפּעס אַ פֿאַרזועניש,
א מיאוסקייט, וואָס מאַכט חן, שלעפֿנדיק יוסף הצדיק ביי די פּאָלעס, און
צווישן אַ שמאָלן, פֿאַרשמאָלצעוועטן, שטאַרק אָנגעבויגענעם שפּיגל, הינ=

טער וועלכן עס האָט געשטעקט אַ פֿאַרדאַרטער לולב און אַלטע אָפּגעשלאָגענע הושענות.

אין שטוב דרייט זיך אַרום אַ דיקע, אַ ברייטע, אַ האָרעפּאַשנע מויד מיט אַ פּאָר באַקן ווי די פּאַמפּעשקעס: אויפֿן קאָפּ זייער ווייניק האָר און צוויי קליינע צעפּעלעך פֿון הינטן. די הענט האַלט זי ביז די עלנבויגנס שטייף צו ביידע זייטן, די אָרעמס אויסגעשטרעקט גלייך פֿאָרנט ווי צוויי האָלאָבליעס, צווישן וועלכע זי רוקט זיך, שליטלט זיך נישט צו הייבן קיין פֿיס, אַרויסשיקנדיק דעם קאָפּ אַ ביסל פֿריער פֿאַר איר. רוקט זיך גיך, טראָגנדיק אין די הענט אַ טישטעך מיט טעלער און גרייט צום טיש. חיה־טריינע רוימט איר עפּעס אין אויער איין, זי קערט אויס די האָלאָבליעס, דער קאָפּ לאָזט זיך פֿאָרויס, זי אַליין מיט די פֿיסעלעך באַלד טאַקע נאָך אים און ווערט גיך אַנטרונען פֿון דער שטוב. אין אַ ווינקעלע קריגן זיך אַ שטיק פֿיר קינדער, מיידלעך מיט יינגלעך, רייסן זיך עפּעס איבער אַ קליין הינטעלע, אַ מאָפּסיק, וואָס פּישטשעט, נישט צו הערן, צו זען, וואָס הינטער זיי טוט זיך אין שטוב. חיה־טריינע באַפֿאַלט זיי פּלוצעם, טוט שטילערהייט אַ קניפּ דעם, אַ צופּ יענעם, כאַפּט דאָס פּיצל הינטעלע און וואַרפֿט עס אַרויס. די קינדער שטעלן זיך אונטער די נעז אָפּפּייגן און צעלויפֿן זיך אין די ווינקעלעך. באַלד קומט אָן חיים־חנא מיט אַ גרויסן לאַדעש סמעטענע. דאָס ווייב נעמט עס ביי אים צו, פּאָרעט זיך דערמיט אַ ביסל דאָרט פֿאַר זיך און הייסט זיך אונדז וואַשן.

אַ בחורל אָן אַ קאַפּאָטקע, באָרוועס, אין אַ לייבסערדאַקל מיט הייזלעך, לויפֿט אַריין מיט אַ שמחה: דער רבי האָט געכאַפּט אין שטאַל אַ וואָראָביישיקל!... אַלע קינדער בלייבן פֿאַרגאַפֿט מיט אויסגעצויגענע פּנימער פֿאַר גרויס וווּנדער, און איידער זיי זענען צו זיך געקומען, קומט אַריין אַ יונגערמאַנטשיק עפּעס מיט אַ געשוואָלענער נאָז און גראָבע ליפּן, וואַשט זיך גיך איבער דער פּאָמויניצע, זעצט זיך דערנאָך צום טיש און רוקט אַריין אין מויל אַ גרויס שטיק ברויט, אַלץ אין כאַפּעניש, אין איילעניש, נישט צו שענקען קיינעם אַ קוק, גלייך ווי אים מורא, ער זאָל, חלילה, נישט פֿאַרשפּעטיקן, מען זאָל אָן אים נישט אָפּעסן. דערווייל רוקט זיך אַריין יענע ברייטע מויד מיט די פּאַמפּעשקעס, אויסגעפּוצט שבתדיק, און זעצט זיך אויך צום טיש. חיה־טריינע מאַכט צו מיר, ווייזנדיק מיט אַ פֿינגער אויף דער מויד: דאָס איז מיין עלטערע טאָכטער, כאַסיע־גרונע. דער עולם עסט, פֿריער עפּעס מיט דרך־ארץ, אַ שעפּ מיט דעם לעפֿל און אַ לייג אַנידער, דערנאָך הייבט עס אָן גיין לעבעדיק, רעשיק: אַ צען לעפֿל אַרבעטן געשמאַק אין איין שיסל און פֿליען פֿון דאָרטן געשווינד אין צען מיילער, וואָס זופּן, אימלעכס אויף זיין שטייגער. ס'איז אַ כאַפּעניש,

אַ בהלה, אַ זופּעריי: וופּ־הופּ, הופּ־פּופּ! מיינע ניי־געפונענע קרובים טרייבן מיך אַליין אונטער: עסט, לאָזט זיך נישט בעטן! און איך: וווינפּ־פּפּיפּ! אויף מיין נוסח. דער יונגערמאַנטשיק מיט דער געשוואָלענער נאָז פּוילט זיך נישט, אַרבעט פּאַר צעוון און גרונטשעט זיך ביז דעם פּויגל, וואָס קומט לסוף אַרויס, אויסגעמאָלט אינגעווייניק אויפן דעק פונעם שיסל. אָפּגעפּאַר־טיקט זיך פון דער אַרבעט מיט אַ זיפץ טיף פונעם בויך, שטעלט ער אויס אַ פּאָר גלעזערנע אויגן און קוקט אויפן עולם; טוט פּלוצעם אַ שטרעק די האַנט, אונטערהייבנדיק זיך אַ ביסל פונעם אָרט, גלייך צו מיר, מאַכנ־דיק דערביי: שלום־עליכם! איר זייט מיר עפּעס קענטלעך... מה שמכם? — איך זאָג אים מיין נאָמען. ער שפּרינגט אַזש אונטער פּאַר גרויס וואונדער...

— ר׳ מענדעלע!... ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים!! פּישש!... אַ קאַטאַ־וועס עפּעס! ווער קען נישט ר׳ מענדעלען?! איך האָב געהאַט אַמאָל די זכיה, אין גלופּסק נאָך, קויפן ביי אייך אַ בענטשערל.

— ר׳ מענדעלע איז מיינער אַ קרוב, — זאָגט חיה־טריינע מיט גדלות, שמעלצנדיק זיך פאַר פרייד, און אָנווייזנדיק מיר אויפן יונגערמאַנ־טשיק, מאַכט זי: דאָס איז אונדזער רבי! — אַנו, שיקעלע, — ווענדט זי זיך צום בחורל אָן דעם קאַפּאָטקעלע.— ר׳ מענדעלע וועט דיך פאַרהערן שעם דיך נישט, נישקשה, דער פעטער וועט דיך נישט אויפעסן.

שיקעלע האַלט אַ פינגער אין דער נאָז, קוקט אין דער זייט אַנבלאָזנ־דיק זיך, פאַרציט דעם אַקסל און מאַכט: איך סעם מיך, סעם מיך...

— וויפל איז אַלט אייער שיקעלע, זאָל לעבן? — פרעג איך די מאַמען.

— מיין שיקעלע, זאָל לעבן, איז אין וועסנע געוואָרן בר־מצווה, — ענטפערט די גליקלעכע מאַמע.

— נו, שיקעלע, — נעם איך דעם בחורל אָן פאַרן בעקעלע, — זאָג, שעם דיך נישט, וואָס גייט היינט פאַר אַ סדרה?

— זאָג, זאָג! — טרייבט מען שיקעלען אָן פון אַלע זייטן.

ער שטעלט אויס אַ פּאָר אויגן און שווייגט.

— ב... ב... ב... — מאַכט דער רבי מיט די גראָבע ליפּן.

— ב—ב... בהאי! — לאָזט שיקעלע אויס אויף אַ קול, קוקנדיק צום רבין.

— נו, בלק, בלק... — זאָג איך אונטער און גיב ווייטער שיקעלען אַ פרעג: — וואָס האָט אַזוינס בלק געשיקט זאָגן?

דער רבי לעקט דעם פינגער, בכדי דער תלמוד זאָל זיך דערמיט אָנ־שטויסן.

— לעקן, — טוט שיקעלע אַ געשריי מיט איספּעט.

— ווער, ווער? — טרייבט שיקעלען אונטער דער רבי, און עס ווערט אים גרינגער אויפֿן האַרצן, מיינענדיק, אַז ער האָט שוין מיט דעם תלמיד זיינעם אויף אַ שטיקל דרך. — ווער, האַ?

— דער רבי! — שרייט שיקעלע אויס אויף אַ קול.

— דו פאַרשטאָפּטער קאָפּ איינער! — צעהיצט זיך דער רבי מיט כעס. — ווער זאָגט בלק, ווער לעקן?

— יידן!... — טוט שיקעלע גיך אַ זאָג אויף אַ קוויטשיק קולכל.

— די יידן, די יידן... שיקעלע! — זאָג איך, אַ גלעט געבנדיק אים דאָס בעקעלע. — זייער ווויל, דו קענסט.

די מאַמע איז גאָר איבערגליקלעך, האַלט די הענט אויפֿן בויך און קוועלט: אַז ווויל איז, כ'לעבן, דעם בויך, וואָס האָט אזא תכשיט געבוירן! דער טאַטע קייעט די צונג און האָט שטאַרק הנאה.

נאָך דער וועטשערע שמועסט מיט מיר חיה־טרייגע איבער וועגן מיין עסק אַזוי: אין אַ פּאָר שעה אַרום באַדאַרף אָנקומען מיין יאַנקאָ מיט די פערד. דענסטמאָל, ר' מענדעלע, זעצט איר אייך אויף רייטנדיק אויף איינעם, מיין מאַן אויף דעם אַנדערן פערד און פאָרט פאַרנעמען די ביידלעך מיט דער סחורה דערוויל אַהער. און ווייטער וועלן מיר שוין זען. לעת־עתה לייגט זיך אַ ביסל צו, אָט האָט איר אייך אַ בעט מיט איבערבעטן.

— אַ שיינעם דאַנק! — רוף איך מיך אָן. — אין די בעבעכעס, אַז איך וועל אַריינפאַלן, וועט שווער זיין דערנאָך אַרויסצובאַקומען מיך פון דאָרט. גאָט ווייסט, וויפל איך קאָן דאָרט אָפּשלאָפן, און דאָ איז די צייט טייער. אַן אַנדערש מאָל, אם־ירצה־השם, אַז איך וועל קומען צו אייך מיט מיין ווייב און די קינדער צו גאַסט, דענסטמאָל, זעט איר, געזעגן איך מיך מיט אייך אַלע און וואַרף מיך, אויף גאָטס באַראָט, אַריין טיף אין דעם ת ה ו ם בעבעכעס אויף אַ לאַנגער, לאַנגער צייט.

— מיר בעטן, מיר בעטן! — מאַכט חיה־טרייגע מיט חן. — זעט זשע, מיט אַלע קינדער טאַקע; נעמט אייך מיט יאַכנע־סאָסען. זאָגט זשע זיך נישט אָפּ כאָטש נעמען אַ קישעלע אַהין אין אַלקערל.

— שלאָפט געזונט! — געזעגנט זי זיך מיט מיר. — נישקשה, מיי־נער וועט אייך גאַנץ פרי, כלחוך השור, אויפוועקן!

היה=טרייגע איז טאַקע אַ כשרע יידענע, אַ גוטע, נאָר וואַנצן האָט זי געהאַט אין שטוב רשעים, זייער בייזע. זיי זענען מיך באַפאַלן וויבאַלד איך האָב מיך געלייגט אויפן טאַפטשאַן אין אַלקערל און די מלחמה צווישן אונדז האָט זיך אָנגעהויבן. ביידע צדדים האָבן זיך פאַרעקשנט, געאַרבעט אין עסק: זיי — מיטן מויל, איך — מיט די הענט: זיי קריכן, איך שפּרינג אונטער; זיי מיט טענות: „דער טאַפטשאַן איז אונדזערער, דרך=ארץ זשע, ר׳ ייד, און לאָזט זיך בייסן“, — איך זיפץ, פאַרבייס די ליפן, קראַץ מיך מיט אַלע כוחות, זיי אַ בים — איך אַ קראַץ; זיי אויף מיר — איך אויפן קישן, אַראָפ, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, דאָס קישן! דאָס הינקענדיקע בענקל אויף דריי פיסלעך פאַלט אום; דאָס ליימענע קריגל מיט נעגל=וואַסער טראַד=טראַך; טאַראַקאַנעס אויפן דיל לויפן, דראַפּען, האַרמידערן; פעדערן פון דעם צעריסענעם קישן פליען אין דער נאָז, אין די אויגן אַריין; דער טאַפטשאַן אונטער מיר ריפּעט=סקריפּעט. אַ טאַראַראַם, אַ גערודער! איך בין דול, צעמישט, צאַפּל מיט אַלע גלידער און וואַרף מיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער. עס העלפט נישט אויף צו בייסן. עס שטינקט וואַנצן!

— נמאס ווערנדיק מיר די גאַנצע מעשה, בלייבט ביי מיר עוקר צו זיין. איך פאַרלאָז מיין געלעגער, שפּרינג אַראָפ גלייך צום פענצטער, צו אָטעמען אַ ביסל פריי, און טו אַ קוק אין דרויסן, אויף גאָטס וועלט.

אויפן בלויען הימל שטיל, רואיק גייט די גילדענע לבנה, איר שיינענדיק פּנים איז זייער ערנסט, עפעס שטאַרק פאַרטראַכט. שאַ אַרום און אַרום!... איר פאַרטראַכטקייט וואַרפט אויף מיר אָן אַ זיסע מרה=שחורה, זי רעדט עפעס צו מיין האַרץ, די נשמה מיינע נעמט זי מיר אַרויס מיט איר איטלעכן בליק. זי רופט אין מיר אַרויס אַ ים מיט געפילן און עס טראַכט זיך, טראַכט זיך עפעס גאָר פון זיך אַליין. עס טראַכט זיך פון דעם ביטערן לעבן פול קרענקונג, אַלערליי ליידן מיט באַליידיקונג, פול פּלאָגן, אָנשיקענישן, אַלטע אויך נייע. איך צעפּיעסטעט מיך פאַר איר ווי אַ שלאָף קינד, נעבעך, פאַר דער מוטער: אוי, מאַמע, עס טוט וויי!... אוי, ווערט מען עס פאַרשוואַרצט, קומט מען עס אָפּ!... קאַרג קאָפּדרייעניש, בוויכווייעק, איז מען נאָך גרויס אין די אויגן; קאַרג אייגענע מכות און ווונדן, האָט מען נאָך אויסצושטיין געבראָטענע לייד; קוים=קוים, וואָס מען זשיפּעט, פאַרגינט מען נאָך נישט דאָס שטיקל געפּלאָגטע לעבן. אוי, מאַמע, עס שמאַרצט, אוי, עס טוט וויי!... די לבנה קוקט אויף מיר מיט איר ליבטיקער צורה אַלץ ערנסט, פאַרטראַכט און דאַכט זיך, זי נעמט מיך איין: „שאַ, בידנע קינד, שאַ! וואָס זאָל מען טאָן?“... דאָס האַרץ וויינט אין

מיר נאָך מער, הייסע טרערן טרעטן מיר אַרויס אין די אויגן, איך שפּאַר אָן דעם קאָפּ אויף מיין אָרעם, די זייט מיט דער אָפּגעשווירענער פּאה דער לבנה אַקעגן, נאַ, זאָל זי זען, זאָל זי כאָטש זען!... עפּעס עפּנט זיך אין מיר אַ קוואַל פון געפילן, צופּן מיך ביים האַרצן, פאַרפלייצן מיר די גאַנגען. די אויגן, אָנגעקוואָלענע ווי די באַנקעס, קוקן אין דער וועלט אַריין מיט אַ רירנדיק געבעט: געוואַלד, העלפט, האָט רחמנות! עס טוט וויי, וויי, וויי... אזוי כאַפּט זיך אויף פונעם שלאָף ביידערגאַכט אַ קראַנק קינד, געבעך, יאָמערט פונעם האַרצן פאַר זיך אַליין, קוקט מיט די אייגעלעך, בעטנדיק רחמים. — נישטאָ קיינער! קיינער! קיינער הערט נישט! אַלע שלאָפן, שאַ!... אַ הינטל נאָר שטייט אויף דער גאַס וואַך, דעם ווידל צווישן די פיס, דעם קאָפּ פאַרריסן הויך און בילט מיט אַ קאַלטער לעבער אַקעגן דער לבנה, זי גייט איר וועג רואיק, פאַרטראַכט, פון אַ הונטס בילן זיך גאָרנישט צו מאַכן...

אויפן האַרצן ווערט מיר גרינגער. עפּעס וואַרעמט מיך אינעווייניק אַ געפיל פון האָפענונג און טרייסט אָן ווערטער — אַזאַ געפיל, וואָס אַ ייד פילט, אַז ער וויינט זיך אויס פאַר גאָט אויף זיינע צרות! אַזאַ געפיל, וואָס מאַכט דעם מענטשן ווייך ווי אַ טייג, גוט אָן אַ ברעג, גרייט איטלעכן אַוועקצוגעבן די נשמה, אַרומצונעמען די גאַנצע וועלט און זי אַ קוש צו טאָן פאַר גרויס ליבשאַפט. —

און זיי, די ווענצעלעך, זענען דען נישט גאָטס־באַשעפעניש? וואָס זענען זיי שולדיק, אַז זיי שטינקען, נעבעך? וואָס זאָלן זיי טאָן, אַז עס ליגט שוין אַזוי אין דער טבע זייערע צו בייסן? טוען עס נישט פאַר שלעכטס, פאַר שנאה און צו להכעיס, נאָר פאַר דעם שטיקל פרנסה: זיי ווילן, נעבעך, טרינקען, אָנזעטיקן זיך מיט יענעמס בלוט. מילא זאָל שוין מיינס איבערגיין. עפּעס דאָס ערשטע מאָל אין לעבן איז מיר דען וואַנצן? און וועלכער ייד האָט דען נישט פון זיי צו זינגען און צו זאָגן?...

איך גיי אַוועק פון דעם פענצטער און זאָגנדיק: „אין דיין האַנט טו איך מיין זעל באהאלטן“, גיב איך מיך אַ וואָרף אויפן טאַפּטשאַן און — גאָרנישט, איך שלאָף!... חלומות האָב איך פיינט צו דערציילן. נאַרישקייטן!

דאָס אויפשטיין אויף מאָרגן גאַנץ פרי האָט מיך געקאָסט גרויס מי. עס האָט מיר ווי געטאָן איטלעכס אבר. נאָר די נויט האָט מיך געצוואונגען און מיט מיר אַ טראָג געטאָן פון מיין געלעגער. אַ ייד לעבט מיט אימפּעט. די נויט טרייבט אים צו לויפן, אַרומצוזאָגן, צו טאָן, צו אַרבעטן. לאָז נאָר שוואַך ווערן אַ קאַפּעלע דער אימפּעט, בלייבט ער ליגן ווי אַ דערהרגעטער. יום־טוב דערפילט אַ ייד זיינע ווייטעקן, דענסטמאָל האָט ער געוויינטלעך צייט קראַנק צו זיין...

די נויט האָט מיך פון מיין גלעגער אויפגעהויבן, די נויט האָט מיך אויף די פיס געהאַלטן, די נויט האָט מיך ריימנדיק אויף א פערד אויפגעזעצט, די נויט האָט מיר אין קאַרק געגעבן און איך האָב געדירט פונעם אָרט איינייגעם מיט חיים־חנא חיה טריינעס מאַן. האַרב איז ביי יידן נאָך דער ערשטער ריר, דערנאָך, אַבי אַ קוועטש די ספּרוזשינקע, גייט עס שוין ווי אַ פּוטער, ער קריכט שוין אַפילו וווהין מען באַדאַרף נישט, וווהין מען האָט אים כלל נישט געבעטן, ער דראַפּעט זיך אַפילו אויף די גלייכע ווענט. איך קום באַלד צו מיינע קרעפטן, בין פריש און שטאַרק אויפדאָסניי.

אַז דער עולם זאָגט: „אַ יידישע נשמה קאָן מען נישט שאַצן", מסתמא איז רעכט. גאָר אין אָנהייב האָט איך גערעכנט, חיה־טריינע פרייט זיך דאָ מיט מיר אַזוי פשוט, וואָס זי האָט דערטאַפּט פלוצעם אַ קרוב און נאָך אַזעלכן, וואָס רייבט זיך אַרום ספרים! דאָס רייבן זיך אַליין אַרום עפּעס אַ זאַך, האָט שוין אַ גרויסן ווערט ביי יידן. אַ ייד, פון די שיינע באַלעבאַטים אַפילו, ווען עס קומט אים אויס צו האָבן אַן עסק אין די פּריסוסטוועס, הייבט אָן צום ערשטן פון סטאָראָזש — ער רייבט זיך דאָך פּאָרט אַרום די אַדונים דאָרט — שמועסט מיט אים איבער און גייט אַוועק צופרידן. לעת־עתה, טראַכט ער, איז גענוג. דער סטאָראָזש איז נישט קיין שלעכטער מענטש. — דער שמש, וואָס רייבט זיך אַרום אַ יידישער שקאָלע, הייסט ביי אַ טייל פון יידישן עולם: דער אינספּעקטאָר; דער יידישער בריוו־טרעגער — פּאָטשטאַר, דער ייד פון דער פּאָטשט, אַזויפיל כמעט ווי פּאָטשטמייסטער. קורץ, ווי מען זאָגט טאַקע: „דעם רבם שיקסע קאָן פּסקענען שאַלות"... ביי דער וועטשערע, אָנקוקנדיק די דיקע, ברייטע מויד, וואָס שוין צייט איר אונטער דער חופּה, איז מיר שוין אַריין אין נאָז, אַז חיה־טריינעס פרייד באַטייט, איך קאָן איר צונויץ קומען צו אַ שידוך... און, דאַכט זיך, גאָר אויף מיר גופא האָט זי אַן אויג. דעריבער טאַקע האָט די מויד אַזוי שבתדיק זיך אויסגעפּוצט... דאָס איז מיר דערנאָך קלערער געוואָרן פון חיים־חנאס רייד, פאָרנדיק מיט מיר אויפן וועג. עפּעס האָט ער צופיל אויסגעפרעגט מיך וועגן מיין בחורל מיט אַזאַ שמועס:

— אַזוי! איז אייער בחורל שוין געוואָרן, אייער בחורל, בר־מצווה און נאָך נישט קיין חתן, נישט! איך אין זיינע יאָרן האָב שוין חתונה געהאַט, אין זיינע יאָרן. — מיין חיה־טריינע לאָזט מיך די נעכט נישט שלאָפן: געוואַלד, אַ בחורל! וואָס ליגסטו, גזלן, אַזוי?... געוואַלד, אַ חתן! — די בתולה מיינע האָט איר דאָך געזען, די בתולה, א גוטע באַלעבאָסטע. אפשר טאַקע שוין צייט איר חתונה צו מאַכן, שוין צייט אפשר? — וואָס זאָגט איר, ר' מענדל? עפּעס זייט איר דאָך אַ ייד אַ למדן, שוין צייט? מיינע האָט מיט מיר היינטיקע נאַכט איבערגעשמועסט... איר זייט ביי איר שטאַרק

השוב זייט איר. אַלץ קומט אומגעריכט. באַהאַרף זיך גראָד מאַכן א מעשה און איר האָט פֿאַרבלאָנדזשעט צו אונדז... זייער אָנגעלייגט, כ׳לעבן, איז אייער בחורל שוין, זאָגט איר, בר־מצווה, אייער בחורל?

אין דעם ווי מיר שמועסן דאָ אַזוי, קומען מיר צו צום אָרט פֿון די ביידלער. פֿריער באַטראַכט איך גוט מיין ביידל אין איטלעכס ווינקעלע. ברוך־השם, אַלצדינג דאָ אינגאַנצן, און לאָז מיך צוגיין דערנאָך צו אַלטערס ביידל. דאַכט זיך, אויך נישט גערירט, עס שטייט אויף זיין אָרט. נאָר קוים נעם איך מיך צום לאַנטעך, מיט וועלכן דאָס ביידל איז איבערגעדעקט, און טו א טאַפּ, בין איך פֿאַרצאַפּלט געוואָרן, עס רירט זיך עפּעס אונטער אים... איך שפּרינג אָפּ שטאַרק דערשראָקן אויף צען איילן אין דער זייט. דאָס לאַנטעך הייבט זיך דערוויייל אויף און איך דערזע פֿאַר מיינע אויגן זיצנדיק אויפֿן וואָגן מיט א פֿאַרבונדענעם קאָפּ — אַלטער יקנה״ז!...

יא

וואָס מיט אַלטערן איז פֿירגעגאַנגען, ווו ער איז אַהינגעקומען, פֿונוואַנען ער האָט פּלוצעם זיך גענומען און פֿאַרוואָס דער קאָפּ איז אים פֿאַרבונדן — די דאָזיקע שאלות דערקלערט אונדז באַלד אַלטער מיט זיין כשר־מויל אַליין, אַזוי:

מילא גיי איך מיר נאָך די פֿערדלעך. בקיצור, נישטאָ קיין פֿערדלעך! נישמער, טראַכט איך מיר, גאָרנישט. אַפּנים, זיי זענען פֿאַרגאַנגען ווייטלער. גראָז אין וואַלד איז זייער גוטע, שאָטן אויך דאָ. פֿאַרוואָס נישט? א מענטש, להבדיל, זוכט אויך, ווו גוט איז. מילא גיי איך מיר ווייטער. ווייטער, פֿאַרשטייט איר מיך, מען הערט נישט, מען זעט נישט. וואָס טוט מען דאָ? ס׳איז דאָך עפּעס שפּל! פּלוצעם דאַכט זיך מיר אין וואַלד עפּעס אַ שאָרך אויף יענער זייט פֿון אַ טאָל. מיינער באַלד טאָקע אַראָפּ, אַרויף, אַהין, אַהין, בקיצור גאָרנישט. דערוויייל ווערט שפּעטלעך, ס׳איז שוין טונקל, עפּעס גאָרנישט קיין גוטער משא־ומתן!... דאַכט זיך מיר ווידער א שאָרך, איך ווייטער אַהין, דריי מיך, זוך — און ווייטער גאָרנישט. עס פֿאַרדריסט מיך שוין, פֿאַרשטייט איר מיך, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ גאַנג? בקיצור, ווידער א שאָרך און עפּעס ווי טריט. — אָט האָסטו זיי, די שיינע לייט! אַ קרענק זיי אין די ביינער; פֿלוך איך שטאַרק אויפֿגעבראַכט און דערשלאָג מיך אַהין, ערגעץ אין אַ העק, צווישן געדיכטע צווייגן. אהאַ, ס׳איז דאָ, דערטאַפּט!... וואָס? צו אַלדי שוואַרצע יאָר, עפּעס אַ רויטע קו. — אַ קו, וואָס, ווי געוויינטלעך, זיך פֿון דער טשערעדע אָפּגעריסן און פֿאַר־

גאַנגען אין וואַלד. אַצינד וואָס? איך ווייס גאָר נישט, וווּ איך בין. נישמער שפּײַן איז קיין תּכלית נישט, מילא גיי איך מיר אין צרות, אויף גאָטס באַראָט, און פאַרגיי מיר צו אַ פּייערל, וואָס האַלט ביים אויסגיין, האָלאָוועשקעס רויכערן זיך, ס'איז נאָך דאָ אין זיי אַ פונק. דאָס גראָז אַרום און אַרום אויסגעטראָטן, עס וואַלגערן זיך ברעקלעך ברויט, שאָלעכין פון אייער. פון אוגערקעס, ציבעלעס און קנאָבל, אויף צעריסעניז שמאַטעס און שמאַטקעלעך. דאָ איז, אפנים, געווען אַ היפּשע קאָמפּאַניע, און ווי עס זעט אויס, אַ כאָפּטע ציגיינער. גאָר עפּעס נישט קיין גוטער עסק! ציגיינער האָבן ליב צו לקחנען.

פּלוצעם דאַכט זיך פון גאַנץ ווייט עפּעס אַ קול. „אפשר רופט עס דאָרט ר' מענדעלע?“ — גייט מיר איבער אַ געדאַנק, און איך לאָז מיך גיין געשווינדער. דאָס קול, דאָ הערט עס אויף, דאָ לאָזט עס זיך ווידער הערן און וואָס נעענטער ווערט עס אַלץ שרעקלעכער, ווי איינער שרייט „געוואַלד“!... עפּעס גאָר אַ שרעק, כ'לעבן! נישמער גאָרנישט. איך טו מיר מיינס און גיי. עס העלפט נישט, נאָר קוק מיך גוט אַרום און היט די ביינער. בקיצור, צוקעגן מיר וואַקסט אויס פונדערווייטנס עפּעס אַ קרעטשמעלע, אַ חורבהלע אויף הינערשע פיסלעך. עפּעס איז עס מיר נישט געפעלן. איך באַהאַלט מיך אַ ביסל אין דער זייט צווישן צווייגן. גראָד טאַפּ איך דאָרט אָן עפּעס אַ דרענגל. נעם עס אין דער האַנט, פאַרשטייט איר מיך, ליתר בטחון. זיץ שטיל און קוק מיר, וואָס דאָ וועט זיין. עס קומט מיר אין קאָפּ אַריין שרעקלעכע זאַכן, מעשיות מיט גזלנים און גלופּסקער גנבים. פּלוצעם ווייטער אַ געשריי, אַ ביטער געשריי, ווי פון איינעם, וואָס איז אין אַ גרויסער סכנה, און, דאַכט זיך, דאָס ביטערע געשריי איז פון חורבהלע. עס כאַפּט מיך אָן ביים האַרצן. עס טראָגט מיך אונטער פונעם אָרט און איידער מיך צו באַטראַכטן, שטיי איך שוין לעבן קרעטשמעלע, אַליין נישט רעכט צו געדענקען, ווי אַרום האָב איך מיך דאָ גענומען. עפּעס געפּיקט האָט מיר אַלץ אין קאָפּ: אַן אייגענער, אַן אייגענער! אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר איז גאָר ר' מענדעלע אין אַ סכנה? איך ווייס דען, אפנים, וווּ איך בין? ס'איז טאַקע אַ מורא, נישמער גאָרנישט! מיין טויט זאָל דאָ זיין, מוז איך דערגיין, וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס. עפּעס בין איך דאָך אַ שמיכל עקשן אויך.

בקיצור, איך גיי מיר פּאַמעלעך און האָרך מיך גוט צו. עפּעס הערט זיך אַ פאַרדומפּט קול. איך קום צו לעבן אַ צעשאָטענעם מויער, קוים וואָס ער האַלט זיך פאַר אַלטקייט. מיינער פּוץ אַריין אינעווייניק אין אַ גרויס הויז. גיי אויף די שפּיץ פינגער, זוך, נישטער אין דער פינצטער, שאַ, שטיל. איך נעם אַרויס פון דער קעשענע אַ פּעקעלע מיט עטלעכע שוועבעלעך.

ריִב, רײַב מיט אַ ציטערדיקער האַנט — אומזיסט, עס וויל נישט ברענען. דאָס לעצטע צינדט זיך לסוף אָן און באַלד טאַקע לאָזט זיך הערן אַ ציִשרײַ נאָר אין איין אָטעם, ערגעץ פון דער זײַט דאָרט. דאָס שוועבעלע פאַרלעשט זיך און גאָרנישט, איך טאַפּ אין דער פינצטער, קריך ערגעץ אַרײַן און שלאָג מיך אויף עמעצן עפּעס אָן. די האָר שטעלן מיר זיך קאַפּויער, פּרעגט מיך בחרם, אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. בקיצור, ביי דער שיין פון דער אויפגייענדיקער לבנה, דורך אַ קליין אויסגעשלאָגן פענצטערל, אין אַ פאַרשימלט חדרל אָן אַ טיר, דערזע איך — ליגט איינער געבונדן, ווי אַ שאָף, מיט הענט און מיט פיס, איז, נעבעך, טויט, בלייך ווי די וואַנט, קוים־קוים, וואָס ער זשיפּעט.

— גאָט האָט אײַך געבראַכט אַהער, זאָגט דער אומגליקלעכער פּאַרשוין, בינדט מיך גיכער אויף, וואָרעם איך בין פאַרבײַ. די שטריק האָט מיר זיך אײַנגעשניטן אין דעם לײַב און עס ברענט מיך אַ טרונק! — ווער האָט אײַך אַזוי געפּענטעט? — טו איך אַ פרעג, נעם באַלד אַרויס מײַן מעסער און שנייד אויף די שטריק. — אין זײַן טאַטנס טאַטן אַרײַנגעפלויגן, — שילט דער פּאַרשוין. אויסגלייכנדיק די ביינער. — אַזאַ ממזר, גאָטקע גנב! — וואָס, אַ גנב?! רוף איך מיך אָן, שאַרף אָנקוקנדיק דעם פּאַרשוין. — יאָ, יאָ, אַלצדינג אין דער קאָרט! ערשט היינט נאָך האָט ער געגנבעט אַ פּאָר פערד, איך שפּרינג אַזש אונטער הערנדיק אַזוינס. בקיצור, איך הייב אָן באַלד טאַקע דעם פּאַרשוין אויסצופרעגן, זאָג סמנים און עס קומט אַלצדינג קלאָר אַרויס ווי בוימל אויפן וואַסער.

ביי יענעם פייערל אין דעם וואַלד זענען דאָס געזעסן אַ גאַנצע כאַפּטע שלעפּערס, פיינע לייט, איינער פון די שיינע נפשות האָט זיך געלאָזט שפּאַצירן דאָרט און צוגענומען אונדזערע פערדלעך. איך דערגיי מיך דעם וועג, אויף וועלכן די שלעפּערס האָבן זיך געלאָזט פאָרן, און עס בלײַבט ביי מיר, באַלד אָן שהיות נאָך די גנבים זיך צו לאָזן. דער פּאַרשוין פּרוווט מיך אָפּהאַלטן, לייגט מיר שטיינער אויפן האַרצן! ער האָט מורא, דער ממזר זײַנער איז אַ רוצח; מיט אים פאָרן נאָך בוידן פאַרשווינען, אַלע כמעט אַזעלכע ווי ער. מיך אָבער האָט עס נישט געלאָזט רוען. בלײַבן אָן אַ פערד קאָן איך נישט. — ניין, ניין! איך מוז זיי דעריאָגן, עס מעג זיך זײַן וואָס עס וויל. לאָזן שפּייען זיך אין דער קאַשע קאָן איך נישט. אַ רגע איז אַצינד טייער! בלײַבט איר דאָ, רוט זיך אויס, ביי מײַן צוריקקומען מיט די פערד, אם־ירצה־השם, נעם איך אײַך און מיר פאָרן בײדע פונדאַנען אַוועק. — אַזוי זאָג איך דעם פּאַרשוין, צו וועלכן עס ציט מיר עפּעס שטאַרק דאָס האַרץ, נעם די פיס אויף די פּלייצעס — און לאָז מיך געשווינד אין וועג אַרײַן.

דאָס אַלטע וויסטע קרעטשמעלע שטייט אַרייגגערוקט אַ ביסל אין וואַלד ביי דעם שליאַך, וו עס טיילן זיך וועגן אין פאַרשידענע זייטן. לינקס פאָרט מען קיין גלופּסק, קיין וואָלין, און רעכטס אין שטעט פון פּאָדאָליער גובערניע. איך נעם מיך רעכטס. בקיצור, איך גיי נישט, נאָר איך לויף. אין כעס בין איך אַ שרעק. איך וואָלט צעריסן דעם גנב ווי אַ הערינג. עס פעלט מיר מער נישט צו די גוטע עסקים, בלייבן זיצן אין פעלד אָן אַ פערד, אָן אַ גראָשן געלט. נישמער גאָרנישט. מיינע פיס הייבן אָן זיך אָפּצוזאָגן פון דעם גיכן גאַנג, דער מאָגן וויל נישט וויסן פון קיין שום זאַך און מאָנט עסן. אַ קלייניקייט עפּעס אַזאַ גרויסן טאָג אָפּצופאַסטן. שלעכט! עס עסט מיך דער געדאַנק: פאַרפאַלן די מי, אומזיסט דאָס לויפן! זיי, די שיינע גפשות, זענען אַוועק אַ היפּשע צייט פריער פון מיר און וואָס נאָך? זיי פאָרן. אַקעגן זשע איך גיי צופוס. עס שטאַרקט מיך נאָר איין האָפענונג, טאָמער וועט אָנלויפן עפּעס אַ פורל. אַ גליק נאָך, וואָס די לבנה שיינט און מען קאָן כאָטש זען ווי אין העלן טאָג. בקיצור, איך גיי, שוין נישט אַזוי געשווינד, מיט אימפּעט ווי פריער, אָבער איך גיי, נעם מיר אַרויס די אויגן קוקנדיק. נישטאָ קיין לעבעדיק באַשעפעניש. נישמער גאָרנישט, איך טו מיר מיינס, אַלץ ווייטער, ווייטער. נעם איך מיך צו עפּעס אַ זאַך, פאַרשטייט איר מיך, לאָז איך עס אַזוי גיך נישט אָפּ. בקיצור, דאַכט זיך, אַ קלאַפּן פון רעדער... אין דער ערד מיטן קאָפּ! אויף צעשפּרינגעניש פאָרט מען מיר גאָר אקעגן, נישט אין דער זייט, וווהין איך באַדאַרף, אי, אַ מזל, מיין פינצטער מזל!

איך ווענד מיך צו איין פורל, צו דעם אַנדערן, אַלע זענען שיכורלוט. אַצינד, פאַרשטייט איר מיך, ווער איך שוין גאָר מיאוס אין כעס. אָבער ווי נאָך אין כעס!... און טו מיך אַ לאָז ווייטער מיט אימפּעט. איך בין שוין אָפּגעגאַנגען אַ היפּשע שטרעקע וועג, ס'איז שוין טאַקע גוט שפּעט. אין מיר איז נאָך אַלץ דאָ אַ האָפענונג, עס וועט מיך אָניאָגן אַ פורל און פונדערווייטנס דאַכט זיך טאַקע עפּעס פורלעך, נאָר אין דער ערד מיטן קאָפּ! ווידער טאַקע מיר אַקעגן.. ניין! טראַכט איך, הייַנטיקס מאָל לאָז איך עס אַזוי נישט אָפּ. דאָס לעצטע, וואָס ביי מיר געפינט זיך, גיב איך אַוועק, אַבי מען זאָל מיך אונטערפירן. איך טרייב מיך אונטער, גיי מיט קוראַזש, נאָר די פורלעך דאָרט רירן זיך, דאַכט זיך, נישט, שטייען עפּעס אויף איין אָרט.

אַ האַרצווייטעק נאָר, אַ צעשפּרינגעניש! נישמער גאָרנישט. בקיצור. צוקומענדיק נענטער, דערזע איך, דאָס זענען ביידלעך. עס פאַלט מיר באַלד איין, אפשר זענען דאָס די פיינע לייט. איך האַלט איין דעם גאַנג, גיי מיר שטיל, פּאַמעלעכן און טראַכט: וואָס טוט מען? ביי דער זייט וועג ציט זיך

אַ וועלדעלע, מיינער אַריין אַהין, באַהאַלט מיך צווישן ביימער, פונוואַנען
איך קוק אַרויס און באַטראַכט די ביידלעך אַקעגן. יאָ, דאָס זענען מיט די
אַלע סימנים זיי, זיי! איין בײדל ליגט אָנגעבויגן צו דער ערד, ארום אים
אַ גאַנץ פעקל: מאַנצבילן, ווייבער יונג און אַלט, קינד און קייט, אָפגעריסע=
נע, אָפגעשליסענע. דער האַקט, יענער קלאַפּט, איינער גיט עצות, דער אַנ=
דערער פלוכט, זידלט. ווייבער קווייטשען און קינדער שרייען, פישטשען.
ס'איז אַ געשילטעריי, אַ געבייזעריי, אַ פּאַטשעריי, אַ כאָרכלעריי מיט אַ גע=
וויין און אַ געלעכטער איגיינעם. צווישן דעם רעש הערן זיך קולות: שולדיק
איז דאָס גייע פערדל, פאַרברענט זאָל עס ווערן! אַזאַ פליאַגע, דעם גאַנצן
וועג האָט עס געצויגן אַלץ אין דער זייט, אויף צו=להכעיס אַלץ אין דער
זייט... עפּעס אַ פאַרשלעפּטע קרענק, פגרן זאָל עס! פייבושקעס כשרע
מציאה, א כאָלערע אויף אים — פיסקאַטשעס, שטינק=פעסלעך, קוליעס
שטרוי אָן הענט, אָן אויגן, גאָרנישט, גאָר פרעסן, דריכנען! — זידלט זיך
איינער, אַ רויטער יונגאַטש מיט ברייטע פלייצעס און ווייזט דערביי אויס=
לעכן אַ קולאַק. איך זוך מיט די אויגן און דערזע: אין די אָבעדריקעס מיט
שלעיעס שטייט אָפגעשפּאַנט, ביי דעם הינטערשטן ביידל, אייער פערדל,
ר' מענדעלע! מען האָט אים, אפנים, מכבד געווען גיין אויפן דראָנזשיק.
איי, חכם מיינער! מאַך איך פאַר פרייד, דו האָסט זיי אָנגעמאַכט אַ גוטע
חתונה, גישקשה!... וווּ=זשע איז ערגעץ מיין שלימזלניצע? מיין שקאַפע.
זע איך, שטייט צוגעבונדן הינטער דעם דראָזיקן בײדל מאַקע. איך באַ=
טראַכט מיין דרענגל, נעם אַרויס מיין מעסער און לאָז מיך אַזוי שטילער=
הייט ווי אַ קעצעלע צום ביידל, בשעת די כאָפּטע איז שטאַרק באַשעפ=
טיקט דאָרט מיט דער אַקס, שנייד געשווינד איבער די שטריק, כאַפּ מיך
אַרויף רייטנדיק און פאָר מיט ביידע סוסים אָן אַ זיי=געזונט אַוועק. מילא
גאָרנישט, באַדאַרף גאָר, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, איינער פון דער כאָפּטע
דערזען, מאַכט אַ געפילדער און עס ווערט אַ קאָכעניש. דער רויטער יונ=
גאַטש, זע איך, יאָגט הענדעם=פענדעם און אָט=אָט דעריאָגט ער מיך. מיי=
נער שמייסט, טרייבט די פערד. זיי לאָזן זיך היינטיקס מאָל נישט בעטן
און לויפן ווי ווייט גאָר זיי קאָנען. דער רויטער איז שוין ווייטלעך אַביסל
הינטער מיר. באַדאַרף מיין שקאַפע זיך פאַרפלאָנטען אין די שלעיעס פון
אייער פערדל, וועלכע איך האָב אין איילעניש נישט אַראָפגענומען. זי פאַלט
און עס ווערט אַן עיכוב. דערווייל יאָגט אָן דער רויטער יונגאַטש, אָנגע=
צונדן ווי אַ גזלן, און וואַרפט זיך אויף מיר ווי אַ חיה=רעה. מיר ראַנגלען
זיך מיט אַלע כוחות, שטום, נישט צו רעדן קיין וואָרט פאַר גרוים כעס.
מיר ווילן איינער דעם אַנדערן אומוואַרפן און פאַלן ביידע ארומגעמענדיק
זיך שטייף, אַזוי אַז די ביינער קנאַקן. בקיצור, מיר אַרבעטן געשמאַק, אָט

בין איך פון אויבן, דער רויטער אונטן, קוועטשט אזש דער רוח נעמט אים, פּלוצעם בייטן זיך די יוצרות: ער פון אויבן און איך פון אונטן. נישמער גאָרנישט. איך דערלאַנג אים, פאַרשטייט איר מיך, אין דער זיבעטער ריפּ, אין דער דיך. ער שפּרינגט אונטער און בלייבט ליגן שטיל, ווי טויט. מילא גאָרנישט. דאָס איז געווען נאָר אַן אָנשטעל. איך לאָז אים אָפּ, און דאָס טאַקע האָט ער געמיינט. ער באַכאַפּט זיך דערווייל שטיל און באַקומט אַרויס ביי זיך פון דער קעשענע אַ מעסער. — הע, אַזאַ בחור ביסטו! — טו איך אַ געשריי, גיב אים אַ זעץ איבער דער האַנט, אַזוי אַז דאָס מעסער פאַלט אים אַרויס און פאַרפליט ווייט. ער נעמט זיך צונויף מיט אַלע קרעפטן, גיט זיך אַ וואָרף אויף מיר פלינק ווי אַ קאַץ, דראַפּעט מיר דעם האַלדז און אַט-אַט שטעקט ער מיר אַריין די פינגער אין גאָרגל. פּלוצעם הערט זיך פונדערווייטנס אַ גלעקל. דאָס מאַכט אויף אים אַ מורא. ער איז דאָך פאָרט אַ גנב. — אייער טרפהן מזל, — ברומט ער ווי אַ בער, — וואָס דאָס גלעקל. גאָט אייך זשע אַ מתנה!... — ער טוט מיר אַ טראַך אין קאָפּ און ווערט באַלד פאַרשוואונדן. איך שטיי באַלד אויף, כאַפּ מיך ווידער ארויף רייטנדיק און פאָר מיר מיין וועג. שפּעטער ערשט דערפיל איך דעם ווייטעק. טו מיך אַ טאַפּ, בע, אויפן שטערן איז מיר אַ בייל! נישמער גאָרנישט. מיינס האָב איך אויסגעפירט. די פערדלעך, פאַרשטייט איר מיך, זענען ביי מיר.

— בענטשט גומל, וואָס ס'האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט! — רוף איך מיך אָן און נעם אַלטערן אַרום פאַר פרייד.

— נישקשה! — מאַכט אַלטער. — לאָז דער רויטער דאָרט אויך בענשטן גומל, וואָס אַ מעת-לעת האָב איך גאָרנישט אין מויל געהאַט און בין געווען שטאַרק מיד. אָבער אונדזערע סוסים זענען דאָ.

— וווּ זענען זיי, די ליבן אונדזערע? — פרעג איך, אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן.

— האָט צייט אַביסל, ר' מענדעלע! — ענטפערט אַלטער. — דער פאַרשוין, מיט וועלכן איך בין צוריקגעקומען, האָט געפירט די ליבן אָנטרינקען דאָרט אַראָפּ נידעריקער, ווו ס'איז דאָ אַ טייכל און גוטע גראָז. זייט רואיק, נישקשה. ער גיט אויף זיי גוט אַכטונג. איך בין אויך נישט לאַנג געקומען. מיד, צעבראָכן, לא-עליכם, טו איך מיך אַ וואָרף אין ביידל און דעק מיך איבער מיט דעם לאַנטעך כאַפּן אַ דרעמל. נאָר קוים וואָס איך מאַך צו אַן אויג, קומט איר אָן, ר' מענדעלע, און געלויבט איז גאָט, וואָס מען זעט זיך געזונט... וואָס גייט איר עפּעס פאַרבונדן, ר' מענדעלע? האַ, די ציין?

— איר, ר' אַלטער, — זאָג איך, — איר זייט געקומען פאַרבונדן דעם קאָפּ, מיט אַ בייל, איך פאַרבונדן, אָן אַ פּאה, איר מיט אַ פאַרשוין

און איך מיט ר' חיים־חנא, חיה־טרייגעס מאַן! — שטעל איך אים צום צווייטן מאָל פאָר שוין מיט דעם גאַנצן טיטל.

אַלטער שטעלט אויס די אויגן, קוקט אויף מיר מיט אַ פרעג.

— וואָס הייסט! — מאַך איך שטאַרק פאַרוווּנדערט. — איר קענט נישט חיה־טרייגען!

— מילא חיה־טרייגע איז חיה־טרייגע, — מאַכט אַלטער פאַרוווּנדערט צוריק, — אָבער די פאה! וואָס געהער זיך עס אָן מיט אייער פאה?

— אַ קרובה, מיין ווייב געהער זיך אָן אַ קרובה, — רופט זיך חיים־חנא אָן תמעוואַטע.

און ווי מיר שמועסן זיך דאָ אַזוי, זיצנדיק אויפן גראָז, ווייזן זיך פונדער־ווייטנס אונדזערע לייבן, העצקנדיק זיך, קלאָמפּערשט ווי זיי לויפן. עפּעס האָט זיי אין מיינע אויגן דאָס פּנים זיך געענדערט פון נעכטן אָן. זיי פאַר־רייסן די קעפּ מיט גאווה, גלייך ווי גערעדט: לאַך דיר, לאַך, פונדעסטוועגן האָט זיך אויף אונדז געפונען אַ בעלן, געהאַט שטאַרק חשק און אונדז אַוועקגעגנבעט, גישקשה. מיט אַ שמאַטע אויפן פּוס, מיט אַ רינגענדיק אויג, פונדעסטוועגן, אַז מען באַדאַרף גיין אויפן דראָנזשיק, גייט מען, און אַן אָקס, אז מען באדארף צעברעכן, קאָגען מיר אויך, נישט ערגער פו־אַנדערע. אַז אָך־און־ווי איז אונדז נאָר, וואָס מיר זענען יידישע. איר, ר' יידן, זייט זיך נאָר מתחייב אייערע פערד קעסט און געבן גיט איר זיי מכות... איך דערלאַנג מיין פערדל, בשעת צוקומענדיק צו מיר, א קליין זעצעלע איבער דער מאָרדע מיט אַ שמייכעלע: דו שקאָץ איינער! —

באַלד דערויף קומט אויך צו אַלטערס פאַרשוין. איך טו אַ בליק און לאָז אַרויס אויף אַ קויל, אַ פאַטש געבנדיקביידע הענט:

— פישקע! מען זאָל געווען דערמאָגען משיחן, וואָלט ער געקומען.

— יענער פישקע? פון וועלכן איר האָט מיר דערציילט? — פרעגט אַלטער זייער פאַרוווּנדערט.

— יאָ, יענער, דער פון דער באָד, — נו, שלום־עליכם, פישקע!

— איך האָב אייך, ר' מענדעלע, אויבעט דערקענט, — זאָגט פישקע אָפּשטעקנדיק מיר צוריק אַ שלום־עליכם.

— אייער פישקען קומט אַ דאַנק, — מאַכט אַלטער צו מיר. — ווען נישט ער, וואָלטן מיר אונדזערע פערדלעך געזען ווי אונדזערע אויערן.

— ווען נישט ר' אַלטער, — מאַכט פישקע אויך צו מיר, — וואָלט פישקע א מיתה־משונה איינגענומען.

— איך האָב שוין געהערט, געהערט! — רוף איך מיך אָן. — זאָג בעסער, פישקע, פון וואַנען האָסטו זיך אַהער גענומען?

— ס'איז אַ לאַנגע מעשה. — ענטפערט פּישקע, אַוועקקערנדיק דעם קאָפּ אין דער זייט.

איך שטיי אַ רגע און באַטראַכט פּישקען. ער איז נעבעך נאַקעט און באָרוועס מיט געשוואָלענע, פאַרבלוטיקטע פיס, פאַרברענט פון דער זון און האַר ווי אַ צוים־שטעקל, נאָר הויט און ביין. דאָס האַרץ האָט געריסן קוקנדיק אויף אים. ער האָט געמוזט נעבעך גענוג צרות אויסשטיין. איך נעם אים ביי דער האַנט און זאָג:

— דיין מעשה, פּישקע, וועלן מיר שפּעטער הערן. עס וועט נאָך זיין צייט. אַצינד רו זיך אַביסל אויס דאָ מיט אונדז.

יב

פאַר אַ יידישן בעל־לשון, וואָלט געווען גענוג מאַטעריאַל אויף אָנצושרייבן אַ שיינעם פּזמון פון אונדז אַלע דענסטמאָל, אין יענעם שיינעם פרימאָרגן. ס'איז דאָ צום פּזמון פיר באַווייבטע יידן, ווי זיי ליגן זיך צעשפּיליעט אויפן גרינעם גראָז, האָבן הנאה און שווייגן. אויך אַ זון מיט שטראַלן, הימל, נאַטור, טוי־טראָפּן, שפּיל־פייגעלעך און פערדלעך, איינס שענער פונעם אַנדערן. דערצו וואָלט ער דאָך געמעגט געבן אַ גמילות־חסד עפּעס פון זיינס אויך: אַ טשערעדע שאָף, וואָס פּיטערן זיך אויפן געמויזעכץ, אַ קלאָר רינגענדיק וואַסערל, ווו „אינדן טוען צעברעכן זייער דורשט", און אונדז פייפעלעך אין מויל, אויף וועלכע מיר שפּילן און שאַלן, ווי די פאַסטעכער, אַ ליבע־ליד דער געליבטער כלה אין שיר־השירים. טאָרבעס איז דאָ ביי אונדז, ברוך השם, אייגענע, נישט צו באַדאַרפן זיינס. ביי אים בלייבט עס... נאָר אָבער עד כאן, ביז דאַנען, ווייטער ר' ייד רוקט זיך נישט! צו מיר אין דער נשמה אַריינקריכן, אַריינלייגן דאָרט אייערע חכמהלעך, פּוילע פּשטלעך — דאָס איז נישט פאַר אייך. דערויף איז שוין דאָ פאַר אייך אַנדערע ערטער... מיינע געדאַנקען גיב איך איבער בעסער אַליין.

פּשוט איז פּשוט, איך ליג מיר בקומפּאַניע צעלייגט, קוק מיט אַ פּאָר אָפענע אויגן און האָב זיך משונה הנאה. וואָס? גאָרנישט. עפּעס איז מיר גוט אויפן האַרצן גלאַט אַזוי אָן ווערטער. דאָס צוטרימקען מיינס דערביי איז אויך נישט מיט אַ כוונה צו געבן קאָנצערט, אָדער צו שאַרפן די כלי, נאָר גלאַט אַזוי זיך אַ טרים־ברים, ברים־טרים... אַזוי געווינטלעך טרימקעט אַ ייד אָן ווערטער, אָן שום געדאַנק, ווען די דאגות הפּרנסה לאָזן אים אַ ביסל נאָך. אַזוי געווינטלעך טרימקען קומפּאַניעס יידן, איטלעכער פאַר זיך, אויף זיין שטייגער, בשעת זיי שפּאַצירן זיך יום־טוב, אָדער שבת נאָכן קוגל אין

די באַלאַטלעך, דרייענדיק דערביי אַ טייל — די קוטאַסן, די שפּיצן בערד־לעך, און אַ טייל פאַרלייגט די הענט אַהינטן.

חיים־חנא מיינער טרימקעט אויך מיט אַ שיינענדיק פּנים. דערנאָך גיט ער זיך פלוצעם אַ שטעל אויף, נעמט זיך ביים בערדל, באַלעקט זיך און מאַכט צו מיר אַזוי:

— נו, ר׳ מענדעלע! שוין צייט, מיין איך, צייט פאָרן, האַ?

— איר ווילט שוין פאָרן אַהיים? — רוף איך מיך אָן און שטיי אויך אויף. — נו, פאָרט געזונטערהייט!

— וואָס הייסט! — קוקט חיים־חנא אויף מיר שטאַרק פאַרוווּנדערט.

— און איר, ר׳ מענדעלע, איר וועט דען מיט מיר נישט פאָרן? עפּעס האָט מען דאָך גערעדט, עפּעס.

— ווי קאָן איך! — ענטפער איך, ווייזנדיק אויף די אַלע לייט מיינע.

— מיר בעטן, מיר בעטן! — מאַכט חיים־חנא. — לאָזן זיי אייך פאָרן. מיין חיה־טרייגע מאַכט היינט וואַרעניקעס. עס וועט פאַר איטלעכן געגוג זיין וואָס צו עסן, וואַרעניקעס.

— אַ שיינעם דאַנק! — פאַרבייג איך מיך. — נישטאָ קיין צייט, מען מוז אין זינען האָבן עפּעס פּרנסה. גריסט אייער ווייב גאָר פריינדלעך.

— גאָט איז מיט אייך, ר׳ מענדעלע! מיין ווייב וועט מיך הרג... — חיים־חנא האָט געוואָלט זאָגן „הרגענען“, נאָר ער האָט זיך פאַרכאַפּט און אויסגעלאָזט שטאַרק צעטראָגן: — וועט מיך אין שטוב נישט אַריינלאָזן, מיין ווייב, אָן אייך. מיינע האָט מיט מיר היינטיקע נאַכט איבערגעשמועסט דעם עסק... פאַרשטייט איר מיך? זי ריכט זיך דאָ אַזוי אויף אייך, כּאַסיע־גרונע מיינע אויך... פאַרשטייט איר?

— איך פאַרשטיי, פאַרשטיי. עס מוז אָבער געדולד זיין אַביסל. מיין ווייב וועט מיך אויך הרג... אין שטוב נישט אַריינלאָזן, מיין איך, ווען איך זאָל מיט איר נישט איבערשמועסן דאָס עסק. פאַרשטייט איר מיך? וואָס קאָן מען טאָן, ר׳ חיים־חנא?

חיים־חנא איז געבליבן שטיין ווי אויסגעפּאַטשט. מען האָט געזען, ווי עס טריפט אים דאָס בלוט. דאָס פּנים האָט אים זיך פאַרענדערט.

— טוט מיר די טובה, קומט! — מאַכט ער מיט אַ געבעט. — ווען נישט, גיט־זשע מיר כאָטש אַ בריוועלע צו חיה־טרייגען, אַ געשריפטס, מיר אליין וועט זי נישט גלייבן, מיך באַשולדיקן וועט זי מיך, אַז איך ב׳ין אַ שלים־שלים... וועט... וועט... פאַרשטייט איר מיך? שרייבט איר אָן עט־לעכע ווערטער, דער רבי וועט עס איר איבערלייענען. איך בעט אייך!

אין ברירה, מען מוז ראַטעווען אַ נפש. ס׳איז אַפילו אַ גרויסער יושר אַזאַ מאָן גוט מקיים־פּסק צו זיין. נאָר לאָז ער כאַפּן אַ פאַטש נישט דורך

מיר. איך נעם פונעם רענצעלע מיינעם איןביידל אַרויס אַ בליי־פען, רייס אָפּ פון אַ סידור דאָס אייבערשטע ליידיקע בלעטל, שפּאַר מיך צו צו דער קעלניע און שרייב די דאָזיקע ווערטער:*

להגגידה המפורסמת שאר־בשרי, הצנועה מרת חיה־טרייגע, זאָל לעבן און געזונט זיין, אָמן.[1]

הנה[2] זייט וויסן, אַז געלויבט השם־יתברך, איך בין בקו הבריאה,[3] גע־זונט אויף אַלע אברים. גאָט ברוך־הוא זאָל נישט אָפּטאָן דעם חסד זיינעם פון אונדז אויך אויף ווייטער, מיר זאָלן הערן אין גיבן ישועות ונחמות[4] איינער פונעם אַנדערן אין גרויס נחת, עושר און כבוד[5] מיט אַ גרינג געמיט, אָמן סלה.[6] אייערע קינדערלעך, זאָלן מאריך ימים ושנים זיין,[7] גריס איך גאָר פריינדלעך, ובפרט לבתכם[8] הכלה מרת כאַסיע־גרונע־לעב, בעט איך למען־השם[9] צו גריסן גאָר פריינדלעך.

ווייטער בין איך אייך מודיע,[10] אַז הסחורה[11] האָב איך, געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, געטראָפן גאַנץ אים הביידלעך[12] אויף זייער אָרט. והשנית[13] בין איך אייך מודיע, אַז הסוסים[14] האָבן זיך אויפגעזוכט. ר׳ אַלטער יקנה״ז

(רעד.).

* צוליב דעם באַזונדערן סטיל פון דעם בריוו, צונויפגעשטעלט דורך מענ־דעלען אַ ביסל שפּאַטיש אויפן שטייגער פון אַמאָליקע סוחריש־לומדישע בריוולעך, געדיכט איבערגעפּלאָכטן מיט לשון־קודשדיקע ווערטער און פראַזעס, ווי אויך דורך אָנווענדן אַ סך העברעישע שפּראַך־פאָרמעס ביי יידישע ווערטער, וואָס מאַכט ספּעציעל אומפאַרשטענדלעך דעם היינטיקן לייענער — גיבן מיר די האָזיקע ווערטער אין יידישן אויסלייג דאָ און די טייטשן צו זיי:

[1] לעהאַנעגידאַ האַמעפוירסעמעס האַצנוואַ מאַראַס כאַיע־טרייגע — צו דער ריכטער, ווייט־באַרימטער פרומער פרוי ...אָמיין — אַזוי זאָל זיין.

[2] הינע — אָט, אַזוי.

[3] בעקאַוו האַבריע — אין גוטן געזונט.

[4] יעשועס וועגעכאָמעס — הילף און טרייסט.

[5] כאָוועס, אוישער און קאָוועד — פאַרגעניגן, רייכטום, כבוד.

[6] אָמיין סעלאַ — אַזוי זאָל זיין אויף שטענדיק.

[7] מאַריך יאָמים וועשאָנים זיין — האָבן לאַנגע יאָר, לאַנג לעבן.

[8] לעבויסכעם — צו אייער טאָכטער.

[9] לעמאַן־האַשעם — אומבאַדינגט.

[10] בין מודיע — כ׳גיב צו וויסן.

[11] האַסכוירע — די סחורה.

[12] אים האַביידלעך — מיט די ביידלעך.

[13] וועהאַשייניס — צווייטנס.

[14] האַסוסים — די פערד,

האָט זיי פון גנבימס העגט מציל געווען.[15] דאָ האָבן זיך געמיט נאָר זכות־אָבות.[16] גרויסע גיסים איז אונדז באַשייגפערלעך געשען. מיר זענען גאָר אַזוי פיל נישט ווערט דעם אויבערשטנס חסדים. בעלכם נ"י[17] וועט אייך איבערגעבן כל־דבר־שורש.[18] מען מעג אַזוינס אין די קראַניקעס שרייבן.

איך בעט אייך מחילה,[19] חיה־טריינע, ווי אַן אייגענע מוטער, וואָס איך נעם מיך אונטער צו זיין פאַר אייך אַ מליץ־יושר[20] אויף אייער בעלכם, וואָס האָט געבעך גרויס שרעק און עגמת־נפש[21] דערפון, וואָס איך פאַר היום[22] נישט צו אייך לויט דעם מדובר.[23] האָט אויף אים רחמנות, לאָז ער, נעבעך, נישט האָבן אָפּגעשניטענע יאָרן און באַשטראָפט ווערן דערפאַר, וואָס איך האַלט נישט וואָרט און קאָן נישט כפי המדובר צו אייך היום קומען. אויף אייער בעלכם איז, כ'לעבן, אַ צער־בעל־חיים.[24] ער האָט פאַר מיר פשוט געהלשט, מצדו[25] איינגעלייגט די וועלט, אָפּגעלויבט אין טאָג.אריין אייך ובפרט בתכם הכלה המושלמת,[26] וועלכער איך גריס גאָר פרייגדלעך. הכלל ער האָט מצדו געטאָן, וואָס אַ מאַן און אַ געטרייער טאַטע באַראַרף צו טאָן... פאַרשטייט איר מיך? און נאָך אַמאָל טאַקע פאַרשטייט איר מיך? — ער האָט מיר אַפילו געריצט דעם יצר־הרע מיט וואָרעניקעס און מיט נאָך גוטע זאַכן, נאָר פרנסה איז בילכער פון אַלצדינג. מען מוז צוליב דעם שטיקל פרנסה פאַרבייגן אַפילו וואָרעניקעס. והשנית, האָב איך דאָך עפּעס אַ זוגתי?[27] איר פאַרשטייט דאָך, פאַרשטייט איר מיך, וואָס איך מיין... אין אַזעלכע זאַכן פאַרשטייט איר?... וואָס איז דען אַ מאַן אָן אַ זוגתו? איך האָב צו דעם וואָס לעבט אייביק, אַז מיר וועלן בלי־נדר[28] זיך נאָך זען און אַם־

[15] מאַצל געווען — געראַטעוועט.

[16] זכוס-אָווּעס — דאָ געמיינט: אַדאַנק די גוטע אויפטוען פון די עלטערן.

[17] באַלכעם — אייער מאַן, נירוי יאָיר — זיין ליכט זאָל שיינען (אַזאַ מין טיטולירונג).

[19] מעכילע — אַנטשולדיקונג.

[20] מוילעץ-יוישער — פאַרטיידיקער.

[21] אַגמעס-נעפעש — קרענקונג.

[22] האַיוים — היינט.

[23] מעדובאָר — אָפּמאַך, אָפּגערעדטע זאַך. קעפי האַמעדובאָר — לויט ווי מ'האָט אָפּגערעדט.

[24] אַ רחמנות אויף אַ לעבעדיקער באַשעפעניש.

[25] מיצידוי — פון זיין זייט.

[26] ביטכעם האַקאַלע האַמושלעמעס — אייער טאָכטער די קאַלע מיט אַלע מײַלעס.

[27] זוגאָסי — ווייב.

[28] בעלי-נײדער — דאָ געמיינט: אומבדינגט.

ירצה־השם אין פריידן אָפּעסן ביי אייך וואַרעניקעס און אפשר נאָך לעקעך אויך... פאַרשטייט איר מיך. דערווייל זאָל בעלכם, נעבעך, נישט ליידן, א צער־בעלי־חיים!...

איך שיק אייך דאָ מיט בעלכם אַ מתנה: אַ „תחינה הדשה על הפּרנ־סה“[29], „תחינות צו ליכט־בענטשן, צו ראש־חודש־בענטשן“, „תחינות אמהות שרה רבקה רחל ולאה“[30], „גאָר א שפּאָגל־נייע תחינה פאַר כפּרות־שלאָגן“, גם שיק איך אייך דעם „מ ע י ן ט ה ו ר“[31], וואָס איטלעכע אשה באַ־האָרף דרינען זיין בקי[32] און שטאַרק היטן די אלע דינים דאָרט, ווי זיך נוהג צו זיין.[33] איר וועט דערפון גרויס תענוג האָבן. אייער בתכם הכלה הבתולה וועט דערפון אויך משוגה הנאה האָבן.

חיה־טריינע! איך האָב צו אייך אַ בקשה. אַז די וואַנצן שלכם[34] האָ־בן מיך, נישט היינט געדאַכט, נעכטן געפּייניקט, האָב איך אַראָפּגעכאַפּט פון מיר האַוואָלענע זאָקן שלי,[35] די ברעסלער, און זיי אין איילעניש ביי אייך אויפן טאַפּטשאַן פאַרגעסן. זוכט זיי, זייט מוחל, אויף, און לאָז בעלכם זיי טראָגן געזונטע. אַ מתנה פון מיר. — זייט מיר געזונט און גריסט נאָך אמאָל אייערע ליבע קינדערלעך. גם[36] אייער בתכם הכלה־לעב אויך גאָר פריינדלעך. פאַרגעסט למען־השם ולמען־השם נישט מכוח אייער בעלכם, בעלכם האָט נעבעך א שווער, ביטער געמיט. הבייטש שלי,[37] וואָס איך האָב פאַרגעסן באלקערל שלכם,[38] גיב איך במתנה[39] דעם רבין, זי וועט אים צו־נוץ קומען... פון מיר, וואָס גריסט אייך און אייערע קינדערלעך איטלעכן באַזונדער און בתוכם הכלה־לעב[40] אויך באַזונדער. הקטן[41] מענדעלע מוכר־ספרים“.

---

[29] טכינע באַדאַשאַ אַל האַפּאַרנאַסע — אַ נייע תחינה (געבעט-בוך פאַר פרויען) אויף פּרנסה.

[30] טכינע אימאַהויס סאַרע ריווקע ראָכל וועלייע — א תחינה וועגן די אורמוטערס פון יידן שרה אא"וו.

[31] מעיין טאַהויר — פון לויטערן קוואַל — אַ רעליגיעז בוך.

[32] באָקיע — געניט, באַהאַוונט.

[33] נויהעג זיין — זיך פירן.

[34] שעלאָכעם.

[35] האַוואָלענע זאָקן שעלי — מיינע וואָלענע זאָקן.

[36] גאָם — אויך.

[37] האַבויטש שעלי — מיין בויטש.

[38] בעאַלקערל שעלאָכעם — אין אייער אַלקערל.

[39] בעמאַטאָנע — אַלס געשאַנק.

[40] בעסויכאַם האַקאַלע — דערונטער אויך די כלה.

[41] האַקאָטאָן — דער קליינער — געמיינט: וואָס איך האָב אַ קליינעם ווערט. (רעד.)

אַז איך האָב איבערגעלייענט דעם דאָזיקן בריוו חיה=טרייגעס מאַן, איז ער געווען איבערגליקלעך און גאָר אָנגעקוואָלן פֿון דעם זיסן לשון. ביי איטלעכס וואָרט האָט ער זיך אַ פּאַטש געגעבן אין דעם שטערן פֿאַרן גרויס ווונדער, ווי אַ מענטש קאָן אַזוינס אָנשרייבן! מאַכנדיק דערביי: אוי, מחיהדיק לשון!... אוי, לשון, צוקער=זיס, ווי איך בין אַ ייד!... מיר האָבן זיך זייער שיין געזעגנט און ער איז מיט אַ גרינג האַרץ אַוועקגעפֿאָרן.

יג.

אַזוי ווי איך און אַלטער זענען געווען ביידע שרעקלעך מיד און צעבראָכן פֿון נעכטיקער נאַכט, דעריבער איז ביי אונדז געבליבן, כאַפּן אַ דרימל און אויסרוען זיך אַביסל אַקעגן אַ פּאָר שעה. דערנאָך ווען מיר זיך לאָזן פֿריש אין וועג העט ביז אין דער נאַכט אַריין. פּישקע האָט אויף זיך גענומען אַכטונג צו געבן דערווייל אויף די פֿערד און אָנגרייטן עפּעס צו מיטאָג. „איך, אַזוי זאָגט ער, ביז די נאַכט, נאָך דער מעשה מיט מיר, געשמאַק געשלאָפֿן, ווי נאָך אַ באָד. ר׳ אַלטערן, ביי זיין צוריקקערן זיך, איז שווערלעך אָנגעקומען איידער ער האָט מיך דערוועקט“. — אַלטער ליגט, אויף מיין בקשה, דעם קאָפּ זיינעם אַנידער אויף מיין שויס. איך נעם אַ מעסער און קוועטש מיט דעם קלינגל אים אָפּ דעם בייל אויפֿן שטערן. דערנאָך גענעצן מיר, קנאַקן אויס די ביינער, גייען און ליגן זיך אין שאָטן אונטער אַ בוים.

ווען נישט די זון זאָל געווען פֿון דער פּוטערפּאַס ארויסשיקן אירע ברענענדיקע שטראַלן, וואָס האָבן אונדז געבראָטן, וואָלטן מיר געקאָנט אַזוי ביז נאָך האַלבן טאָג אָפּשלאָפֿן. אויפֿעפֿענענדיק די אויגן, דערזעען מיר נישט ווייט פֿון אונדז ברענט אַ פֿריילעך פֿייערל, ביי וועלכן עס קאָכט זיך א טעפּל קאַרטאָפֿליעס, צוגעדעמפּט מיט ציבעלע און מיט א יידישער דאַרער קישקע. מיר נעמען צו ביסלעך בראָנפֿן און זעצן זיך באַלד עסן מיט אַפּעטיט. מיר לויבן אָפּ פּישקעס קאָכן אין טאָג אַריין. עס האָט דעם יידישן טעם, דער מלכות מעג זיינע קאַרטאָפֿליעס עסן, און ער קוועלט גאָר אָן, צווינטשעווענדיק אונדז: עסט געזונט, זאָל איך וויל באַקומען!

— פֿונוואַנען, פּישקע; — טוען מיר אים אַ פֿרעג, — האָסטו עס אויסגעקראַצט אַ יידישע דאַרע קישקע? פֿון אונדזערע קאַרטאָפֿליעס און ציבעלע האָט דאָך געקאָנט זיין נאָר פּיש=קאַרטאָפֿל.

— פֿונוואַנעט, פֿרעגט איר, א יידישע דאַרע קישקע? — ענטפֿערט פּישקע. — פֿון דער טאָרבע! ס׳איז מיר גראָד געראָטן מיין טאָרבעלע צו באַהאַלטן פֿון דעם ממזר, פֿאַרכאַפּט זאָל ער ווערן!

— דערציי‌ל, פּישקע, — בעטן מיר אים, — וואָס איז אַזוינס מיט דיר געשען?

— עט! — מאַכט פּישקע מיט אַ זיפץ. — ס'איז פיל צו דערציילן, זייער אַ לאַנגע מעשה.

— דער טאָג איז גרויס, צייט איז ביי אונדז, ברוך־השם, דאָ צו הערן דיין מעשה. — קומט שפּאַנען! — זאָג איך צו אַלטערן, — מיר וועלן זיך פאָרן און פּישקע וועט אונדז אויפן וועג דערציילן.

אז דיביידלעך זענען שוין געשטאַנען געשפּאַנט, פאַרבעט איך דעם עולם צו מיר אויפן וואָגן. אלטער אָבער פאַרבעט אונדז צו זיך. „ביי מיר — זאָגט ער, — איז גערוימער, נישט אזוי אָנגעפּאַקט מיט סחורה“. איך מאַך אַ פּשרה: לאָז זיין אביסל ביי אים אויפן וואָגן און אַביסל ביי מיר:

ביי אַלטער יקנה"ז אויפן וואָגן

— נו, היידאַ, פּישקע! ארויס מיט דער שפּראַכע! — בעטן מיר אים, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אויף אונדזערע ערטער און געפּועלט ביי אונדזערע פערדלעך, זיי זאָלן זיך רירן פונעם אָרט. פּישקע אָבער קווענקלט זיך, האַלט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און ברעכט די פינגער.

— וויים איך?... איך שעם מיך עפּעס, גלאַט נעם און דערציי‌ל! אַז איך קאָן נישט, עפּעס פריקרע, כ'לעבן.

איך גיב פּישקען אונטער חשק, אלטער פון זיין זייט שמועסט איבּ איין אזוי:

— ס'איז נאָר האַרב, נאַרעלע, דער אָנהייב. אבי נאָר דאָס ערשטע וואָרט, גייט עס שוין דערנאָך ווי אַ מזמור. איך וויים עס טאַקע פון מיר אַליין. מילא בקיצור, וואָס מאַכט עס אויס? וועסט אליין, נארעלע, דערנאָך זען, ס'איז גאָרנישט... מילא, האָסטו, פּישקע, חתונה געהאַט, פאַרשטייסטו מיך, מיט דער בלינדער יתומה. נו! גאָרנישט. וויסן מיר עס שוין. בקיצור, וואָס־זשע איז ווייטער?

— ווייטער? אין איר טאַטן און אין זיין טאַטנס טאַטן א רוח ארייגעפלויגן! — שיסט פּישקע אויס מיט אימפּעט אין איין כעס. — זיי האָבן עס מיר אָפּגעטאָנעט אויף טערקיש.

— נו, נו, נו! — טרייבן מיר אָן פּישקען, וואָס האָט נאָך דעם אימפּעט זיך באַלד אָפּגעשטעלט. פּישקע עפּנט ווידער אַ מויל און הייבט אָן שוין נישט מיט אַזאַ היץ ווי פריער:

— אוי, א שיינע ווייבעראָ!... נאָך דער חתונה האָבן מיר גאָר נישקשהדיק געלעבט, ווי אַ יידיש פּאָרפאָלק באַדאַרף צו לעבן. איך האָב, דאַכט

זיך, אַקעגן מיין ווייב געגוג יוצא געווען. הערט איר, יידן, זאָל מיר אָפּדאַרן דאָס מויל, אויב איך זאָג אייך א ליגן! אלע טאָג אינדערפרי פלעג איך זי, ווי עס געהער צו זיין, ארויספירן אויף איר אָרט לעבן דעם אַלטן בית־עולם, וואָס דאָרט איז דער שטייגער אירער געווען צו זיצן אויף אַביסל שטרוי און בעטן נדבות מיט אַ ניגון פון די קינות, וועלכער האָט אימלעכן גערירט ביי דעם האַרצן. עטלעכע מאָל אין טאָג פלעג איך איר צוטראָגן אַהין, דאָס אַ טעפּל געקעכטס, דאָס אַ הייסע באַבקעלע, אַ זויערע אוגערקע, אַ קיסליצע. נאַ, קוויק זיך! זי זיצט דאָך די גאַנצע צייט אָפּעט אויף איין אָרט און איז שטאַרק פאַרטראָגן אין דער פרנסה. פיל מאָל פלעג איך מיר גלאַט אזוי קומען געוואָר ווערן, וואָס מאַכט זי, אויך אונטערהעלפן איר אביסל אין דעם פדיון: ארויסגעבן איינעם, דעם אַנדערן רעשט פון אַ דרייער, פון אַ זעקסער; דערמאָנען זי אין אַלטע חובות פון באַלעבאַטים, וואָס האָבן איר פארבייגייענדיק נישט געסילוקט באַלד במזומנים, נאָר אָפּגעלייגט אויף שפּעטער; אָדער אָפּטרייבן אַ קו, אַ ציג, וואָס זיי האָט זיך געגלוסט, אויף זייער שפּאַציר אין די גאסן, ארויסכאַפּן איר פון אונטער דעם געזעמס אַ פול מויל מיט שטרוי. אין חודש אלול האָב איך זי געפירט אויפן גרויסן יאריד, ארויס פון דער שטאָט, דאָרט אויף דעם בית־עולם. זי האָט עס געמאַכט נישט ערגער פון דעם איבעריקן פעקל כלי־קודש דאָרט: שמשים, שמשטעס, חזנים, זאָגערינס, מקבלים, תהילים־זאָגערס, גבאי־טעס, קנייטלעך־לייגערינס, פעלד־מעסטערינס, וויינערינס און קלאָגערינס, אָט אזוי האָט זיך עס געמאָלקן, יידישע קינדער! ס'איז געווען, נישקשה, פונוואַנעט צו לעבן. נאָר אַז ס'איז גוט, וויל מען נאָך בעסערס, אַז מען האָט ברויט, וויל מען קוילעטש.

— ווייסטו וואָס? — הייבט מיין ווייב אָנעט מיר צו זאָגן. — אַזעלכע מענטשן ווי איך און דו, אַזאַ פּאָר־פאָלק ווי מיר ביידע, וועלן אויף דער וועלט פאַרפאַלן אָסור נישט ווערן. אין אונדזער ברויט זענען אונדזערע חסרונות גאָלע מעלות. ביי אנדערע אין די הענט אזעלכע זאָלן איינשטיין, וואָלטן זיי א גליק געמאַכט. מיר ביידע זענען גרויסע שלימזלניקעס און טוען נישט דאָס, וואָס מען באַדאַרף. אָט פאָלג, כ'לעבן, אַ ווייב, אַביסל עלטער, געניטער פון דיר, נעם, פישקע, פיר מיך אַרויסעט אויף דער לעבעדיקער וועלט, צווישן לייט, אין יענע מקומות אריין, וועסטו זען, געדענק מיינע ווערטער, אַז מיר וועלן גיין אין גאָלד. דאָ אויף דעם פלאַץ איז שוין כמעט גאָר נישטאָ וואָס צו טאָנעט. מען זיצט אמאָל אָפּעט א לאַנגע צייט ביז איינער דערבאַרעמט זיך און גיט אַ גראָשן. לייט דערציילן עס אַ ביסל פון דעם גרויסן גליק, וואָס לעקיש, דער כאָלערע־חתן, האָט אין דער וועלט מיט פערלען זיין ווייב געמאַכט. זיי האָבן באַלד נאָך דער חתונה זיך אוועק־

געלאָזט און דאָס מזל, אָן עין=הרע, גייט זיי! מאָטל מקבל האָט מיט זיי אין קישינעוו זיך באַגעגנט, ארומגייענדיק אין די הייזער. זייערע טאָרבעס, דערציילט ער, זענען פול אָנגעשטאָפּט מיט אַלעם גוטן — מיט שטיקער קוילעטש, גרעסערע ווי מען גיט דאָ דעם שבת=גוי, מיט מאמעליגע, מיט געראָוויכערט שאָפּן=פלייש, מיט דאַרע קישקע און קאָרע. פּערלע שיינט ווי די לעכטיקע זון. ס'איז איר אין פּנים נישט ארייננצוקוקן. זי איז פעט, דיק און ברייט מיט פיסקעס, גאַר אַ גראַפינע... גלופסק וויל זי מער נישט קענען, מען זאָל איר עס אפילו שענקען. — מענטשן וואָס קומען פון אָדעס, קאָנען זיך גאָרנישט אָפּוואונדערן פון דעם גליק, וואָס יאָגט זיי, דעם אנדערן באָלעגעה=חתן, האָט געטראָפן. זיי האָבן אים געזען זיך רוקנדיק דאָרט אויפן געזעם צווישן די קלייטן און גאָט שיקט אים צו. ער מאַכט עס גאַנץ גוט. דער עולם קאָן אויף אים זיך גאָר נישט זאַט אָנקוקן. אָדעס, זאָגן זיי, האָט דאָך עפּעס געגוג קאַליעקעס, ווו ערגעץ אין דער וועלט אַ קאַליעקע רייסט זיך אהין אָפּעט און מען איז שוין מיט אזעלכע געוווינט, נאָר ווי קומען זיי אַלע צו גלופּסקער! אזעלכע ווי גלופּסק גיט ארויסעט, קאָן ענגלאַנד אפילו אויך נישט ארויסגעבן. גלופּסק, אזוי דערציילן מענטשן, קלינגט אין דער וועלט. אויף א גלופּסקער יידן לויפט מען קוקן, ווי אויף אַ בייז וווּנדער... אונדז, כ'לעבן, וועט גאָט אויך נישט פאַרלאָזן. אָט כל=זמן ס'איז נאָך זומער, קום לאָמיר זיך אוועקלאָזן. האָיע נישט, א טאָג, כ'לעבן, איז אויך אַן עבירה.

מיין ווייב האָט מיר געמאַכט אַ יצר=הרע און מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, יידן, נישט פאַרזינדיקן, ס'איז אונדז געגאַנגען זייער גוט. אין וועלכן דאָרף, אין וועלכער שטאָט מיר זענען געקומען, האָבן מיר אויסגענומען. איטלעכער האָט אויף אונדז געקוקט, קיינער האָט אונדז נישט אָפּגעזאָגט. דער הקדש איז פאַר אונדז געווען אָפּן אומעטום, הייזער וויפל דאָס האַרץ גלוסט, גיי אהין און נעם, אין קעשענע, אין בוזעם און אין דער טאָרבע. דער שמש פון דער שול פלעגט נעמען עטלעכע גראָשן און אונדז געבן דערפאר פלעטן אויף שבת תמיד אין איין הויף. מיין ווייב האָט מיט מיר געלערנט הלכות אָרעמאַן. איך בין דריגען געווען נאָך גאָר א פריץ און נישט געוווסט רעכט די דינים פון ארומגיין אין די הייזער. מיינע אָבער איז אין די זאַכן געווען אַ ווילקענעוודיקע מיט אַלע אָפּשניצלעך. זי האָט מיך אַלץ געלערנט, וויאזוי מען באַדאַרף אריינקומען אין א שטוב, וויאזוי מען באַדארף קלאָמפּערשט קרעכצן, הוסטן און וואָס פאַר א רחמנות=פּנים מען באַדאַרף מאַכן דערצו; וויאזוי מען באַדאַרף א נדבה בעטן אָדער מאָנען, זיך דינגען און צוטשעפּען זיך ווי אַ זלידניע; ווי=

אזוי מען באדאַרף צווייטשעווען, אָדער שילטן, פלוכן טויטע קללות. איר מיינט, עפּעס אזוי גלאַט נעמט מען זיך און מען גייט אין די הייזער? ניין! דאָס איז אַ גאַנצע תורה. ביי יידן אַ נגיד צו ווערן איז געווען נאָר מזל. עזות, פאַרשטאָכענע אויגן און דעסגלייכן, דאָס קומט שוין שפּעטער פון זיך אַליין ממילא. אָבער אַ יידישער אָרעמאַן צו זיין, טאַקע וואָס אָרעמאַן הייסט, איז מזל אליין ווייניק, ער מוז קענען און וויסן אַ סך זאכן, וואָס זענען שטאַרק נייטיק צום עסק. ער באַדאַרף קענען די שפּיל און אריין אין דער גרגרת אריין אזוי, אַז יענער מוז געבן. ער זאָל אפילו אַ מיתה־משונה איינגעמען.

איך מיט מיין ווייב זענען מיר געווען פּוס־אָרעמעלייט. — איר קוקט מיך עפּעס אָנעט, מיינע ליבע יידן, ווי אייך איז עפּעס שטאַרק קשה. לאָזט זיך דינען, זייט מוחל! אַז איך האָב שוין אָנגעהויבן צו דערציילן, וועל איך געבן צו פאַרשטיין אייך, ווי ווייט איך קאָן, דאָס אויבעט. די אָרעמעלייט ווערן, ווי די סאָלדאטן, איינגעטיילט! אין פּיעשע... וואַרט נאָר, וואַרט, עפּעס איז דאָ אַ פאַרדרייעניש פון הונדערטער סאָרטן, אַ פּלאָנטעניש פון שווע־רע נעמען און צונעמעניש. אָרעמעלייט, וואָס דראַליען, הולכן מיט די רג־לים... דער שוואַרציאָר זאָל זיי וויסן! אָרעמעלייט ווי מיסט, עפּעס אזוינע און אזוינע, קבצנים דאָ און דאָרט, אביונים, דלפנים מיט אלע פּרושים שלעפּערס אין דער וועלט, בעטלער, בטלנים, מקבלים און טעלער־לעקער אין דער שטאָט. אלערליי, גאָר אָן אַ צאָל!... וואַרט נאָר, לאָמיר זיך אַביסל באַטראַכטן.

פישקען אָבער האָט דאָס באַטראַכטן זיך אויך נישט געהאָלפן. ער האָט זיך פארדרייט אין די גרויסע מחנות אָרעמעלייט און נישט געקאָנט ארויס. איך האָב פון זיינע ווערטער פאַרשטאַנען, אַז די אַלע מיני אָרעמעלייט ביי אונדז טיילן זיך אין אזוי: פּ י ע ש ע אָדער פּ ו ס ־ אָ ר ע מ ע ל י י ט, די וואָס שלעפּן זיך צופוס, און ק אָ נ י צ ע אָדער ב ו י ד ־ אָ ר ע מ ע ל י י ט, די וואָס שלעפּן זיך ארום איןביידלעך. אחוץ דעם ווערן זיי נאָך איינגע־טיילט אין מינים: ש ט אָ ט ־ אָ ר ע מ ע ל י י ט, אַזעלכע וואָס זענען גע־בוירן געוואָרן ערגעץ אין אַ שטאָט, געוויינטלעך ערגעץ אין דער ליטע, און פ ע ל ד ־ אָ ר ע מ ע ל י י ט, די וואָס ווערן געבוירן פּשוט אויף דעם פעלד אין אַ בויד. זייערע עלטערנס עלטערן האָבן פון אייביק אָן זיך ארומ־געשלעפּט. די דאָזיקע אָרעמעלייט זענען יידישע ציגיינער, שטענדיק וואַנ־דרעווען זיי פון איין עק וועלט צום אַנדערן, זיי ווערן געבוירן און אויפגע־וואַקסן, האָבן חתונה, פרוכפּערן זיך און שטאַרבן אַלץ אונטערוועגנס. זיי זענען פרייע מענטשן, פּטור פון אלע זאכן, פון נתינות, טאַקסעס וכדומה,

אויך פּטור פונעם דאַווגען און פונעם גאַנצן ייִדישקייט. נישטאָ קיין אוי=
בערהאַר.

צו דעם טייל שטאָט=אָרעמעלייט געהערן אַלערליי שטעטישע קבצ=
נים פון די דאָזיקע סאָרטן: קבצנים פּשוטע. ייִדן, ייִדענעס, מיידלעך
און בחורים, וואָס גייען מיט טאָרבעס אין די הייזער אַלע ראש=חודש,
אויך אין מיטן דער וואָך, און נעמען גראָשנס און שטיקלעך ברויט. אַ גרוי=
סער טייל יינגלעך און מיידלעך פון די דאָזיקע לויפן אַמאָל נאָך איטלעכן
אויף דער גאַס און רייסן ביי די פּאָלעס, ביז מען מוז זיך פון זיי אויס=
קויפן מיט עפּעס אַ נדבה. — קבצנים כלי=קודש. דאָס זענען
מקבלים, בטלנים אין איטלעכן קלייזל, וואָס זופן משניות און זאָגן קדיש
ביי אַ בר=מינן און אויפן הייליקן אָרט צו אַ יאָרצייט. מען מעג צו זיי רע=
כענען אויך שופר=בלאָזער, מזוזות=איבערקוקער מיט דעם גאַנצן קאַפּיטל
אזעלכע לייט. — תורה=און=מצוה=קבצנים, ווי, אשטייגער,
פּרושים, וואָס וואַרפן אַוועק ווייבער און קינדער, באַגראָבן זיך אין אַ קלייזל
ערגעץ אין דער פרעמד און לערנען „ביצה“ אויף דעם עולמס רעכענונג.
ישיבה=בחורים, וואָס גייען אַרום שלינג=און=שלאַנג, קראַצן זיך אונטערן
אויוון און עסן טעג. ייִדן מיט פּאַטשיילעכנס אין די הענט, אָדער מיני
גבאים, מייַזטיינס=געזאָגט, וואָס זאַמלען נדבות קלאָמפּערשט אויף עפּעס
אַ מצווה=זאַך. — באַהאַלטענע קבצנים, פון באַלעבאַטים, וואָס
נעמען קצבה און נדבות שטילערהייט. — האַלבע קבצנים, ווי,
אַשטייגער, תלמוד=תורה מלמדים אין פיל שטעט, וואָס זענען האַלב מלמ=
דים, האַלב בעטלער; און דאָסגלייכן אויך שמשים, דיינים, רבנים. איטלע=
כער פון זיי איז האַלב דאָס, וואָס ער איז, און האַלב דאָס, וואָס אַלע אַנ=
דערע ייִדן מיט טאָרבעס זענען. — יום=טובדיקע קבצנים,
אַזעלכע, וואָס קבצענען געוויינטלעך פּורים, בשעת ייִדן בכלל מאַכן זיך
האַרץ און לאָזן זיך פאַר גרויס חדווה גיין קומפּאַניעסווייז אין די הייזער,
אָדער אַמאָל אויך אונטער אַ יום=טוב, און הייסן הייסטע עס קלאָמפּערשט,
זיי קבצענען פאַר אַנדערע, נעבעך. — גמילות=חסד=קבצנים,
אַזעלכע, וואָס נעמען זייער גאַנץ לעבן נדבות אונטער אַן אויסרייד: אַ
גמילות=חסד קלאָמפּערשט, היינט=מאָרגן גיבן זיי עס מיט אַ דאַנק צוריק
אָפּ.

— דערמאָנט מיך, ר׳ אלטער, — רוף איך מיך אָן, נאָכדעם אַז איך
האָב פּישקעס ווערטער גענומען אויף מיינע כלים און געמאַכט דעם דאָזי=
קן שטיקל סדר צווישן אונדזערע קבצנים, — דערמאָנט מיך, איך בעט
אייך, אפשר איז דאָ נאָך קבצנים, וועלכע איך האָב, חלילה, פאַרגעס=
ן אריינצושטעלן אין צעטל.

— מילא וואָס מאַכט עס אויס? — טוט אַלטער אַ זאָג און פאַר־קרימט זיך אויף מיר עפּעס אַזוי, ווי איינער מיט אַ באָרד פאַרקרימט זיך אויף אַ ייִנגל, ווען ער מאַכט זיך עפּעס נאַריש. — אָווא, ער האָט, חלילה, פאַרגעסן!... אַזאַ וויכטיקע זאַך דאָס צעטל! און אַז מען שטייט נישט אין צעטל, קאָן מען, חלילה, קיין קבצן נישט זיין?...

— זאָגט עס נישט, ר׳ אַלטער! — שטעל איך מיך שטאַרק אַקעגן. — אונדזערע קבצנים זענען ביי זיך שטאַרק פאַרריסן, שרעקלעך להוט נאָך אַ פּיצל כבוד. לאָז איינעם זיך נאָר דאַכטן עפּעס אַ מינדסטע באַליידיקונג, איז ער גרייט צו דערגיין אייך דאָס לעבן. באַהיט זאָל מען ווערן פון אַ קבצן אַ שמעלקע!... שאַ, זעט איר, אָט האָב איך מיך טאַקע דערמאָנט! אָן עין־הרע, נאָך אַ סך קבצנים: אייניקלעך, ירושלמים, ארץ־ישראל־ייִדן, נשרפים, שלאַפע, מערידנדיקע מיט כתבים פון דאָקטוירים, עגונות, אַלער־ליי מיני אַלמנות, מהברים, ניי מאָדנע מחברטעס מיט דעם מאַנס חיבורים. נישקשה, דער רוח האָט אונדז, ר׳ אַלטער, אויך נישט געגומען. מען מעג גאַנץ שטאַרק רעכענען מוכרי־ספרים. און אַז ס׳איז שוין יאָ אַזוי, רופט זשע טאַקע אויך אויף אונדזערע דרוקערס און אַלע מינים רעדאַקטערס, זיי מיט אַלע זייערע אַרבעטער, זעצער, בעלי־מגיהעס, שרייבער, קאָרעס־פּאָנדענטן — יעמוד עם כל הקבצנים!... אַצינד, ר׳ אַלטער, באַדאַרף מען די דאָזיקע אַלע לייט אויסצאָרטירן, איטלעכן אויף זיין אָרט אין צעטל. דאַכט זיך, קיינעם נישט פאַרגעסן, האַ?

— איי, פּע, ר׳ מענדעלע! — מאַכט אַלטער אויפגעבראַכט און הייבט זיך אָן צו קראַצן. — גענוג, כ׳לעבן, מיט אייערע קבצנים. עס בייסט מיר אַזש דאָס לייב, ווי פליי וואָלטן מיך אָפּגעשיט. פונמיינעטוועגן וואָלט איר עס געקאָנט מאַכן בקיצור: כל־ישראל — איין קבצן, און גאָרנישט. אַן עק, אַ סוף זאָל עס האָבן. לאָזט פישקען דערציילן ווייטער און שלאָגט אים נישט איבער. אונטערזאָגן אַ וואָרט, ווען עס שטעלט זיך פישקען אין גאָרגל און ער בלייבט ווי דערוואָרגן, אָדער אויסבעסערן אים אַמאָל דאָס לשון, דאָס — מהיכא־תיתי.

נאָך גאָר ביים אָנהייב איז פישקע געווען דער חזן, וואָס האָט געדרייט דאָס מויל, אַרויסגעלאָזט צעהאַקטע, צעבראָקטע ווערטער, און איך, זיין משורר, וואָס האָט אים אונטערגעהאָלפן אין דער נויט און אים אויס דעם מויל אַרויסגענומען דאָס וואָרט, מיט וועלכן ער האָט זיך געוואָרגן. אָן מיר וואָלט שווער געווען פישקען אליין רעכט צו פאַרשטיין. דאָס בין איך אַ בעלן צו ווייזן אויף אַ פּראָבע שפּעטער אַ ביסל. אַלטער האָט דערביי נישט מער געטאָן ווי אונטערגעשטופּט מיט זיינע ווערטער: „מילא בקיצור“, „נישמער גאָרנישט“, ווי איינער וואָס טרייבט שבת אין שול אונטער דעם חזן, ער

זאָל עס אָפּמאַכן בקיצור, פּילנדיק, אז אינדערהיים וואַרט אויף אים דער קידוש, אַ טשאָלנט מיט אַ קוגל.

יד

„עד, מיט מאַן וואַב אָבן קעגעט צי פּישע, גי קענטי אַך משאַעה זאַן ווי מיט מאנע קיאַנקע פּיסיעך פּיעגן מי זעך שיעפּן זייע פּאמעיעך, קיכן יו די יאקעס", — אזוי הייבט פּישקע אָן ווייטער צו דערציילן מיט זיין לשון, וואָס אויסגעבעסערט מיט מיין הילף, מאַכט עס: איך מיט מיין ווייב האָבן געהערט צו די פּיעשע, דאָס הייסט פּוס-אָרעמעלייט. נו, קאָנט איר אייך משער זיין, ווי מיט מיינע קראַנקע פּיסלעך פלעגן מיר זיך שלעפּן זייער פּאַמעלעך, קריכן ווי די ראַקעס. און אזוי גייט פּישקעס דערציילונג, אויסגע-בעסערט ווייטער:

מיין ווייב האָט אָנגעהויבן מיך ביסלעכווייז צו זידלען, צו שילטן, צו זאָגן שטעכווערטלעך, צו רופן מיך מיט צונעמענישן און מיר אויפצוואַרפן מיינע קראַנקע פּיס. זי איז אַקעגן מיר אַרויס מיט טענות, אַז זי האָט אין מיר גאָר איינגאַנצן זיך אָפּגענאַרט, פון אויבן ביז אראָפּ; אז זי האָט מיך געמאַכט פאַר אַ מענטשן, זי האָט מיך אין דער וועלט צווישן לייט אַרויס-געפירט, זי האָט מיך פאַרזאָרגט מיט פּרנסה, געשטעלט אויף אַ שטייגער, און איך בין איר נישט געטריי, טו איר אַלץ אויף צעפּיקעניש. נאָר דאָס אָבער איז געווען זעלטן. איך פלעג מיך נישט ווּסנדיק מאַכן, אַלצדינג אַראָפּשלינגען, געטראַכט ביי מיר: אַזוי איז געווינטלעך דער שטייגער פון אַ ווייב, אַזוי באַדאַרף צו זיין. איטלעכן מאַן איז דאָס ווייב מכבד מיט אַ וואָרט און אַמאָל טאַקע מיט אַ קלאַפּ אויך. קוים איז איר דער כעס אָפּ-געגאַנגען, איז ווייטער געוואָרן אַ לעבן, פּישקע ווייטער שטאַרק חשוב, ז פלעגט אַרויפלייגן איר האַנט מיר אויפן אַקסל, זאָגן: „הייטאַ, פּישקע!" מיינער גייט פאָרויס, זי הינטער מיר, אוןביידן איז עפּעס גוט אויפן האַרצן. „אָט אַזוי אָבן מי זעך געיקט און געקיאָכן".

ביז באַלטע האָבן מיר זיך געשלעפּט עפּעס גאָר אַ לאַנגע צייט און פאַרשפּעטיקט דעם יאַריד דאָרט, וואָס קלינגט אין דער גאַנצער וועלט. מיין ווייב איז געווען אויסער זיך, שרעקלעך זיך געערגערט, גלייך ווי זי וואָלט פאַרלוירן תרפ"ט אלפים טאָלער. איך טרייסט זי און דרינג איר אַלץ: „מילא וואָס איז דאָ אַזוינס, אָבער באַלטער הייזער זענען דאָך, ברוך-השם, פאַר אונדז געבליבן! קאַרג פאַר אונדז אַזויפיל הייזער, אַזאַ שטאָט? נישט צו פאַרזינדיקן". און זי אַלץ אין איין קול: פאַרברענט ווער איינעם מיט דיינע הייזער! וואָס טויג מיר, דו ימח-שמוניק איינער, דיין שטאָט, אַזאַ

בלאָטיקע שטאָט! אָט אַזאַ שטאָט נאַרייעסטו עס מיר, האַ! איך וויל ניִשט! דו הערסט? איך וויל ניִשט אַזאַ שטאָט. איינגעזונקען ווער דאָ אין דער בלאָטע און וואַרג זיך דיר מיט דיין שטאָט — מיט דיין בלאָטיקער באַלטע!

— ר' אַלטער, ס'איז דאָ! — לאָז איך פּלוצעם אַרויס הויך אויף א קול. — איך האָב מיך דערמאָנט נאָך א סאָרט קבצנים! ק ב צ נ י ם-ב אַ נ ק י ר ן.

— א גרויסע מציאה, כ'לעבן! — מאַכט אַלטער, קנאַקנדיק מיט דער צונג: „טצע-טצע-טצע!“ — פונמיינעטוועגן מעגן זיי אַפילו ניִשט געדאַכט ווערן.

— איינעם פון די דאָזיקע לייט, שמחהלע דער לעבעדיקער, קען איך אין גלופּסק זייער גוט. ביי אים אין א באַזונדער בוך שטייען פאַרשריבן אַלע הייזער אָפּגעטאַקסירט, וויפל הכנסה באַדאַרף אים דורכן יאָר איטלעבכם הויז אריינברענגען. „די הייזער,—זאָגט ער, — זענען מיינע, צאָלן מיר ציִנזש, גאַנץ גלופּסק איז מיין קאָנטאָר“. זיין שטייגער איז איטלעכן טאָג צו גיין אין אַ געווויסן טייל הייזער. ער קומט אַריין אין אַ שטוב לעבעדיק, מיט ברייטקייט. גיט מען אים באַלד די נדבה, איז גוט; ווען ניִשט, זאָגט ער: „א גוטן טאָג! נישקשה, איך וועל פאַרשרייבן אויף אייך א חוב“ — און לויפט לעבעדיק, געשווינד ארויס. אפשר האָט איר געהערט, ר' אַלטער, דערציילנדיק, ווי איין גלופּסקער קבצן האָט זיך משדך געווען מיט נאָך א קבצן פון טעטעריווקע און האָט געגעבן אין נדן אריין די הייזער אין גלופּסק? — דאָס איז שמחהלע דער לעבעדיקער; אָדער אפשר האָט איר געהערט אויך, ווי אויף אַ מאָלצייט פאַר אָרעמעלייט ביי אַ גביר אויף אַ חתונה איז געקומען אַ קבצן אַ געבעטענער, נאָכשלעפּנדיק מיט זיך נאָך איינעם אַן אומגעבעטענעם, און אויף דעם פרעג: ר' קרוב, וואָס שלעפּט איר מיט אייך אַן איבעריקן פאַרשוין? — ענטפערט ער: „דער דאָזיקער פאַרשוין איז מיין איידעם, וועלכן איך האָב צוגעזאָגט קעסט“ — דאָס איז ווייטער טאַקע שמחהלע דער לעבעדיקער. בקיצור, שמחהלע קוקט אויף גלופּסק ווי אויף זיין שטאָט און אויף זיינע הייזער.

— פונמיינעטוועגן מעג אייער שמחהלע דער לעבעדיקער די כפּרה ווערן, — זאָגט אַלטער אָפּ זיינס גאַנץ בקיצור און בעט פישקען ווייטער צו דערציילן.

פישקע הייבט אָן אויף זיין שטייגער, איך העלף אים אונטער אויף מיין שטייגער, און די מעשה דערציילט זיך ווייטער אַזוי:

דער וועג אונדזערער איז ניִשט געווען קיין גלייכער, פון איין שטאָט צו דער אַנדערער, אַלץ ווייטער, ווייטער. נאָר וואָס דען? „מי פיעגן קיבן“, אַהין און אַהער, זיך דרייען אין אַלע זייטן, ווי ס'איז אונדז אויסגעקומען.

איינמאָל זענען מיר מגולגל געוואָרן עפּעס אין א שטאָט, וואָס הלוואי דער רוח זאָל מיך געווען כאַפּן פריער איידער איך בין אַהינגעקומען. צו דער שטאָט אליין האָב איך נישט אפילו. פאַרקערט, זי האָט אקעגן מיר געגוג יוצא געווען, מיך געלאָזט אַרומגיין מיט אַלע כבודן אין די הייזער; נאָר דאָרט האָב איך מיך באַגעגנט מיט מיין מלאך־המות, געקוילעט זאָל ער ווערן אָן אַ מעסער! „אַ קיענק אים אין די בייניע“! — אָט ווי אַזוי ס'איז געשען:

אין יענער שטאָט, וווהין מיר זענען געקומען, איז געשטאַנען ק אָ נ י צ ע — פעלד־אָרעמעלייט מיט בוידן. ס'איז געווען א מרידה, באַלעבעמלעך פון היינטיקער וועלט האָבן דאָרט אויפגעטאָן אַ נייעס, אַז אָרעמעלייט, חוץ אַלטע, קראַנקע און ביטערע קאַליעקעס, נישט צו געבן גאָרנישט, געזונטע בחורים, ווייבער און מיידלעך זענען נישט קראַנק צו דינגען, צו אַרבעטן און מיט אייגענער מי צו פאַרדינען זייער שטיקל ברויט. דאָס יידישע נאַרישע רחמנות טוט גאָר אָן גרויסע צרות. דורך דעם, האָבן זיי געזאָגט, האַלטן זיך ביי יידן פוילע נפשות אָן א צאָל, ווי וואַנצן, וואָס זויגן יענעמס בלוט און עסן אָפּעט אַנדערע דעם קאָפּ. זיי האָבן ביי זיך איינגעפירט עפּעס ווי אַ מין פאַבריקע, וו מען האָט מכבד געווען געזונטע אָרעמעלייט, וואָס זענען געקומען צוגאַסט, מיט עפּעס אַ מלאכה: צו דרייען שטריק, צו נייען זעק, — און געגעבן זיי דערפאַר עסן. אָרעמעלייט האָבן אָנגעהויבן זעלטענער זיך אַהין צו ווייזן. די קאָניצע, וועלכע מיר האָבן דאָרט געטראָפן, איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אַקעגן דעם דאָזיקן איינפיר, פלאַם־פייער. „געוואַלד! — האָבן זיי אַלע געשריגן — ס'איז שוין גאָר קיין וועלט נישט. וו איז דאָס יידישע רחמנות? אוים יידישקייט, כ'לעבן!“... איינער, אַ רויטער, אַ געזונטער — אַ קיענק אים אין די בייניע! — האָט געפירט דאָס רעדל און געשריגן מער פון אַלע: „ס'איז סדום, נאָר סדום! פאַרוואָס קומט עס, די נגידים זאָלן זיך זיצן, ווי די פריצים, רואיק און אַנדערע זאָלן אויף זיי האָרעווען? זייער גוטס איז דען נישט יענעמס מי, יענעמס פראַצע, יענעמס שוויים? אַליין זענען זיי ביי זיך אָפּגעפּיינטע מענטשלעך, היטן אָפּעט זייער נפשל און ווילן אַלץ, יענער זאָל ארבעטן. א נגיד, וואָס מער דיק, געזונט ער איז, וואָס מער זיין בייכל איז גרעסער, איז ער אַלץ מער פאַרגעס, מער פיינע בריה. אונדזער איינער, אַקעגן, מוז מיט זיין געזונט זיך, נעבעך, באַהאַלטן, זיך שעמען ווי א גנב. איטלעכער שרייט אויף די ציין, פאַרוואָס גייט אַזאַ געזונטער נישט אַרבעטן! עס וואָלט שוין רעכט געווען, כ'לעבן, איבערצובייטן די יוצרות: לאָזן די נגידים פּרוון אביסל ארבעטן, וואָס איז, קראַנק זענען זיי?“ — „גערעכט, פּייבושקע, גערעכט, מיר זענען אויך יידישע קינדער, אזעלכע שמייליקע ווי זיי!“

— האָבן אַלע אין איין קול אונטערגעבאַסעוועט דעם רויטן ממזר און בים־לעכווייז זיך צעגאַנגען פונעם הקדש.

אָוונט־צייט באַדאַרף איך גראָד גיין אין גאַס פאַרביי דעם שול־הויף. אינדרויסן איז טונקל און מענטשן אַ סך, אָן עין־הרע, דרייען זיך דאָרט ארום. מיטאמאָל קומט מיר פון דער זייט גאַס אָן צו די אויערן עפּעס אַ וויינענדיק קול מיט אַ געבעט, וואָס קאָן רירן אפילו אַ שטיין. אַפּשטעלנ־דיק זיך, דערזע איך נישט ווייט פון מיר, ווי אַ צעבראָכענער ייד האַלט אויףביידע אויסגעשטרעקטע אָרעמס אַ קישעלע, פון וועלכן עס הערט זיך אַ פּישטשען פון אַ ברעקל קינד, וואָס פאַרגייט זיך, נעבעך, שרייענדיק. דער אומגליקלעכער טאַטע דרייט זיך אין אַלע זייטן, שאָקלט עס, וויגט עס, נעמט עס איין אויף אַ וויינענדיק קול מיט ביטערע קרעכצן: „אוי, וויסט איז מיר, פינצטער איז מיר, מיין ווייב שטאַרבט און לאָזט מיר אויף די הענט איבער אַ פּיצל קינד!... אוי, וויסט איז דיר, קליינע, בידנע יתומהלע, פינצטער איז דיר אָן אַ מאַמע! אַ־אַ־אַ, שאַ־שאַ! וואָס זאָל איך דיר, נע־בעך, טאָן?...“

איטלעכער, וואָס גייט פאַרביי, גיט אים עפּעס אין דער האַנט, אַ טייל ווייבער ווענדן זיך צו אים אויך מיט אַ וואָרט, און ער אַליין אין איין אָטעם: „וויסט איז מיר, פינצטער איז דיר!“ שאָקלענדיק און וואַרפנדיק זיך מיט דעם קישעלע אין אַלע זייטן. דאָס האַרץ האָט מיר געריסן פאַר רחמנות אויף דעם וויסטן טאַטן און אויף דער ווויסטער יתומהלע, נעבעך, גאָר אין די וויקעלעך. איך נעם ארויס פון דער קעשענע אַ דרייער און קום דערמיט צו גאָענט צו דעם וויסטן טאַטן. קוים שטרעק איך אויס צו אים די האַנט איבער דעם קישעלע, דערלאַנגט ער מיר אַ שטאַרקן קניפּ, מאַכנדיק דער־ביי אויף זיין וויינענדיקן קול: „אוי, וויסט איז ד י ר!“ מיט אַ קוועטש אויף דעם וואָרט „דיר“, גלייך ווי מיך מיינט ער. איך כאַפּ מיך ביי דער האַנט פאַר ווייטעק, שפּרינג אָפּעט דערשראָקן אין דער זייט און בלייב שטיין עטלעכע רגע פאַרגאַפט. דער וויסטער טאַטע דרייט זיך אויס באַלד צו מיר. איך קוק אים גוט אָן און בין פאַרצאַפּלט געוואָרן... „פאַר היינט יועט גענוג זיין. קום! נאַ, האַלט אַ ביסל דאָס קינד!“ — זאָגט ער און שטופּט מיר אַריין אין דער האַנט דאָס קישעלע. דאָס קליינע יתומהלע, זע איך, איז עפּעס אַ ליאַלקע, איינגעוויקלט אין שמאַטעס, און דער וויס־טער טאַטע איז דער רויטער ממזר, פייבושקע, „אַ קיענק אים אין די ביינער!“ ער האָט עס געמאַכט ווי אַ בריה! געוויינט, געקרעכצט פאַר זיך און געפּישטשעט, זיך פאַרגאַנגען אויך פאַר דעם קינד...

„אָט אַזוי מוז מען, — רופט ער זיך אָן, — מיט די נאַרישע יידישע קינדער האַנדלען. ווילן זיי נישט געבן מיט גוטן, מוז מען ביי זיי נעמען מיט

קונצן, אָן דעם גייט עס נישט. דער רב, דער דיין, דער שיינער מקבל מיט
דעם גאַנצן פעקל כלי=קודש — אַלע פאַרשטעלן זיך, מאַכן קונצן. יענע
מיט זייערע העוויות און איך — ווייסט איז מיר — מיט מיין קליין יתומהלע=
מעלקט זיך, בהמות!... זאָג, פישקע, אָמן".

אין יענער צייט ,וואָס מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין הקדש, האָט דער
רויטער ממזר אָנגעהויבן זיך צוצושאַרן צו מיין ווייב מיט גוטע ריי=
דעלעך. זי איז אים עפעס שטאַרק געפעלן. ער פלעגט זיך כאַפן צוטראָג
איר, אַז זי האָט עפעס באַדאַרפט, און ליב געהאַט זי צו באַדינען. ביס=
לעכווייז האָט ער אַלץ צו איר זיך אַריינגענאַרט, ביז ער איז געוואָרן מיט
איר אַ שמעלקע. ער פלעגט אָפּזיצן מיט איר שעהנווייז און פלוידערן,
אַריינוואַרפן אין דעם שמועס גראָבע, נישט קיין שיינע ווערטלעך. מיינע
פלעגט פאַרשטעקן די אויערן און נישט וועלן, דאַכט זיך, הערן. און אַז ער
פלעגט זי אַמאָל אין טאָג אַריין לויבן: זי איז אַ יאָדערדיקע, אַ פעטע,
אַ לויטערע, אַ פליישיקע יידענע, אַזעלכע ווי ער האָט ליב, פלעגט זי אים
אָפּזידלען, אַ פאַטש טאָן אויפן רוקן און דערביי טאַקע לאַכן. איך פלעג אויך
לאַכן, אַמאָל טאַקע מיט ווערעם, נאָר באַלד טאַקע מיך באַטראַכט צוריק:
וואָס אַרט מיך אַ פלוידערזאַק? מאָרגן — איבערמאָרגן ווערט מען גאָר
יינער פטור. מיר צעגייען זיך, איטלעכער אין אַן אַנדער זייט, און אייביק
וועט מען זיין פרצוף=פנים נישט אָנקוקן. און ווייטער, אין די הייזער גייט
האָך מיין ווייב, געליבט דער אייבערשטער, מיט מיר. אים, דעם ממזר,
ווען ער נעמט זי אָנעט ביי דער האַנט און וויל זי פירן, שטופּט זי אָפּעט
מיט אַ בייזער: „גייט אייך, גייט, פע! איך בין אַן אשת=איש, האָב, ברוך
השם, מיט וועמען אין די הייזער אַרומצוגיין".

אויף מאָרגן, נאָך דער באַגעגעניש מיינער מיט דעם רויטן ממזר, ווי
ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ וויסטן טאַטן, בין איך מיר געגאַנגען אין די
הייזער אַליין. מיין ווייב האָט אויפשטייענדיק אינדערפרי זיך געקלאָגט,
עפעס איז זי נישט מיט אַלעמען, עפעס ציט זי זיך אַלץ און געגעצט, עס מוז
זיין אַ גוט=אויג — און איז דעריבער געבליבן אינדערהיים. איך אַליין בין
אויך געווען עפעס לאַ=עליכמדיק, עס האָט מיר עפעס געשלאָגן אַרויף,
היינט איז מיר טאַקע געווען אומעטיק איינעם אַליין צו גיין אָן מיין ווייב
ס'איז מיר ווי עפעס אָפּגעגאַנגען. איך לייקן נישט, אַז זינט דער ממזר האָט
זיך צוגעשאַרט צו מיין ווייב און מיט איר געטריבן קאַטאָוועסלעך, איז זי
מיר געוואָרן טייערער. עס האָט מיך אַמאָל אַפילו פאַרדראָסן, געברענט
ווי אַ פייער, נאָר דערביי טאַקע — איך ווייס נישט פאַרוואָס — האָט מיך
צו איר עפעס געצויגן. געצויגן ווי אַ כישוף. עפעס איז געווען, ווי זאָג
איך אייך זאָגן, אַ געשמאַקער שמאַרץ ווי פון אַ בלאָטער בשעת קראַצ=

דיק אים אַמאָל אויף מיין לייב. ס'איז אַ שמאַרץ מיט הנאה האָבן — ביי־
דע זאַכן איגייגעם... ס'איז געווען אַ געמלאכהטע „אין די הייזער ארומגיין",
גאָר גישט דער טעם, וואָס אַן אַנדערש מאָל. איך האָב עס אָפּגעמאַכט
בקיצור, שבת־שטעך, סיור־ביור ומפליא לעשות — און מיך אָפּגעפּאַרטיקט
באַצייטנס.

אַריינקומענדיק אין הקדש האָב איך געטראָפן מיין ווייב, זיצנדיק
מיט דעם ממזר און זיך עפּעס געשושקעט. דאָס פּנים האָט איר געפלאַמט,
זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אָנגעבויגן צום ממזר, זיך צוהערנדיק צו זיינע
רייד, און אַ זיסער שמייכל איז איר פון די ליפּן נישט אַראָפּ. ביי מיין צו־
קומען צו איר מיט אַ פרעג: וואָס זי מאַכט? האָט זי זיך געטאָן אַ כאַפּ, גע־
בליבן אַקעגן אַ רגע אָן לשון און נישט געוווסט, וואָס צו טאָן. דערנאָך
טאַפּט זי מיך אָנעט, ווי איר שטייגער איז געווען, און מאַכט צו מיר אַזוי:
„ווייסטו, פישקע, וואָס איך בין קראַנק? דאָס איז נישט קיין גוט אויג,
דאָס איז מיר געקומען פונעם צופוס־גיין. די רופאטע, וואָס גייט אַריין,
האָט מיר געהייסן גיין אין באָד, מחילה, אויסשמייסן זיך, לאָזן זיך שטעלן
באַנקעס, גוט אויסרייבן זיך אויף דער נאַכט און שוויצן. ניין, פישקע! צו־
פוס ווייטער קאָן איך נישט גיין. ר' פייבושקע איז אַזוי גוט, אַזוי פיין און
זויל אונדז נעמען מיט זיך אין בויד. וואָס טוט מען, פישקע! וואָס זאָגסטו,
הא?"

דער ממזר, „אַ קיענק אים אין די ביינער אַיאַן!" האָט אויף מיר גע־
קוקט עפּעס מיט אזא אייגעלע, מיט אזא שמייכעלע, וואָס האָט מיך גע־
שטאָכן. עס האָט מיך פאַרקלעמט ביים האַרצן, ס'איז מיר געווען צום מוט
ווי אַ ייִנגל, וועלכן דער רבי הייסט זיך לייגן אויפן בענקל, אים אָפּצושמייסן.
איך האָב געמאַכט אַ היפּשע ווײַלע מיט דער צונג, עפּעס אָן ווערטער, און
נישט געוווסט, וואָס צו זאָגן.

— וואָס שווייגסטו! וואָס ענטפערסטו נישט? — צעשרייט זיך אויף
מיר מיין ווייב מיט כעס. — איך וויים, עס אַרט דיך גאָרנישט מיין געזונט,
ווילסט מיך גיכער פּטור ווערן, מיך טרייבן יונגערהייט אין דער ערד אַריין.
וואַרט נאָר, וואַרט, דו עכבראש אייגער! גיכער וועסטו אָנלייגן מיטן קאָפּ,
אַ מיתא משונה איינגעמען: הערסטו, פישקע פּאַראַפּאַטשקע, די ערד וועסטו
פון מיר קייען! נישט איין האָר אין קאָפּ וועט דיר איבערבלייבן. די צי־
וועל איך דיר אויסזעצן!

אַז מיין ווייב האָט געעפנט אַ מויל, פלעגט מיר אין בויך קאַלט ווערן.
איך בין געשטאַנען צעקאָכט, דערשלאָגן און דערהרגעט. ווי מיר איז
דענסטמאָל געווען אויפן האַרצן — ווייסט נאָר איין גאָט וויל. וואָס האָב
איך געקאָנט טאָן? איך האָב אָנגעבויגן דעם קאָפּ און געמאַכט צו מיין

ווייב: „שאַ, שריי נישט, ערגער דיך נישט אַזוי, שאַ, דו וועסט פאַרן! פאַר־וואָס נישט?“.

— אָט אַזוי רעדן! — זאָגט מיין ווייב שוין ווייכער. — פאַרוואָס זשע, אַז מען רעדט צו דיר, שטייסטו ווי אַ ליימענער גולם און ענטפערסט נישט קיין וואָרט? יענער איז אַזוי גוט, אַזוי פיין, וויל אונדז מיטנעמען אומזיסט — און ער זאָל דאָס כאָטש זאָגן אַ דאַנק! שעמען מעגסטו זיך אין דיין ווייטן האַלדז, דו גראָבער יונג איינער.

וואָס האָב איך געקאָנט מאַכן? איך האָב געמוזט טאָן דאָס אויך, זאָגן דעם ממזר אַ דאַנק.

— ר׳ אַלטער, נאָך איינער!... — טו איך אַ זאָג הויך אויף אַ קול.

— וואָס איז, ר׳ מענדעלע, נאָך אַ מציאה? — מאַכט אַלטער צו מיר מיט אַ געשפּעט.

— נאָך אַ פרישן סאָרט קבצנים האָט איר געפונען? גאָט מעג אייך, כ׳לעבן, שוין באַשערן בעסערע מציאות. גענוג שוין קבצנים!

— ניין, ר׳ אַלטער! איך מיין גאָר נאָך איין חיים־חנא חיה־טריינעס, וואָס ציטערט אַזוי פאַרן ווייב. אונדזער פישקע, דאַכט זיך מיר, פלעגט פון זיינער כאַפּן אַמאָל אויך הייסע פעטש.

טו

פישקע הייבט ווידער אָן אויף זיין שטייגער, איך אַרבעט, העלף אים אונטער אויף מיין שטייגער, אַלטער טרייבט אונטער אויף זיין שטייגער און די מעשה דערציילט זיך ווייטער אַזוי:

אויף דעם אַנדערן טאָג נאָך דעם פריערדיקן שמועס, האָט זיך די קאַניצע געריררט און אַרויסגעטראָטן. פון ס ד ו ם, ווי יענע שטאָט האָט ביי דער כאַליאַסטרע געהייסן! זי איז אַרויס מיט אַ רעש, אַ געפילדער, מיט אַ שעלטן, פלוכן פון אַ סך מיילער און אַ סקריפּעריי פון רעדער. עס האָט זיך געשאָטן אויף דער שטאָט טויטע קללות: פאַרברענט זאָל זי ווערן! די באַלעבאַטים זאָלן צען מאָל אין טאָג פגרן פאַר הונגער און ווי נשרפים אין דער וועלט זיך אַרומשלעפּן... — דריי בוידן זעגען געוועזן פול אָנגע־זעצט מיט אַלערלאַנד פאַרשויגען: יידן, יידענעס, ווייבלעך, מיידלעך, בחורים, גרויס און קליין, און צווישן זיי אויך מיין ווייב מיט מיר. מיר זע־נען, למזל, דערהייכט געוואָרן: אריינגעטראָטן אין דינסט אין דער קאַני־צע אַריין.

הערט איר, מיינע ליבע יידן, עס האָט מיר זיך געעפנט עפּעס גאָר אַ נייע וועלט, און אין אָנהייב איז מיר מיט דער כאַליאַסטרע גאַנץ פריילעך

געווען. איך פֿלעג מיך אָנזען און אָנהערן וווּנדער-שיינע זאַכן, וואָס גאָר
אוממעגלעך אַלצדינג מיט איטלעכס פּיצעלע באַזונדער איבערצוגעבן. איך
פֿלעג הערן, אַ שטייגער, ווי מען פֿלעגט אָפּריכטן, אָפּשפּעטן פֿון דער גאַנ-
צער וועלט און איטלעכן זיך נאָכקרימען; ווי איטלעכער פֿון די פֿיינע מענ-
טשלעך פֿלעגט דערציילן עפּעס אויף גנבה-לשון זיינע אַלע געגנג און שפּיצ-
לעך, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. איינער דערציילט ווי אַזוי ער האָט זאַ-
באָרעט אַ קרעל (געגנבעט אַ ברויט); דער אַנדערער — ווי אַזוי
ער האָט זאַלאַבערט אַ כּפּרה־ניצע (געגנבעט אַ הון); דער
דריטער — ווי אַזוי ער האָט געלקחנט קלינגערס (אויסגע-
באַפּט געלט) און אין די גאַרגאָליעס אַריינגערוקט, און דער פֿערטער — ווי
אַזוי האָט ער געבעבל-דברט אַ יאָלד (געהרגעט, געשלאָגן
איינעם, אַ באַלעבאַטיש קינד). נגידים פֿלעגט מען שעלטן אויף וואָס די
וועלט שטייט, גלאַט אַזוי זיך, פֿאַר גאָרנישט. איך קאָן שווערן אין טלית און
אין קיטל, אַז זיי האָבן די נגידים אַ סך מער פֿיינט, ווי די נגידים זיי.
אַ נגיד האָט ביי זיי געהייסן עפּעס אַזויפֿיל, ווי: פּיאַווקע, צעשטאָפּטע קיש-
קע, פֿאַרשטאָפּטער קאָפּ און פֿאַרשטאָקט הערצעלע, פֿאַרשייט בן-יחידל,
הופּערנער שטערן, און דער שוואַרץ-יאָר ווייסט דעם טאַטן, וואָס נאָך פֿאַר
אַ מיאוסע צינעמעניש. ס'איז ביי זיי פֿאַררעכנט געווען פֿאַר אַ מצווה
אַ נגיד אָפּצוטאָן עפּעס אַ שפּיצל, וויבאַלד נאָר מעגלעך. זיי פֿלעגן אָפּשיקן
צו די נגידים בויכווייטעק, שטעכעניש, יסורים, לייד און כל-מיני קרענק,
בשעת אַמאָל עפּעס אַ צרה. מיך פֿלעגן זיי, אין שפּאַס אַמאָל, רופֿן נגיד,
דערפֿאַר וואָס איך פֿלעג זייער אָפּט מיך פֿאַר די נגידים אַרויסשטעלן און
שטאַרק אָננעמען זיך פֿאַר זייער כּבֿוד. ווייל אויפֿהאַלטנדיק זיך פֿריער אין
באָד, בין איך דאָך צווישן נגידים דערצויגן געוואָרן, מיט זיי עפּעס דאָך
איבערגעהאַט עסקים, ווי אַ שטייגער: היטן זיי דאָס אָנטאָן, צוטראָגן זיי
דאָס פּעקל זאַכן, אַ שעפּעלע וואַסער, אַ קויל פֿייער און דאָסגלייכן נאָך
אַזעלכע געשעפֿטן. — איך פֿלעג הערן אַ שמועס פֿון בחורים מיט מיידלעך,
ווי זיי טרייבן קאַטאָוועס און רעדן זיך שידוכים. איין בויד האָט זיך משדך
געווען מיט דער אַנדערער. די קונץ פֿון פֿאַרשטעלן זיך איז ביי דער כאַ-
ליאַסטרע געווען שטאַרק געהויבן, עס האָט געטויגט צום עסק. ווען אַמאָל
איז אויסגעקומען, האָבן די שיינע לייט זיך פֿאַרשטעלט: איינער פֿאַר
אַ הויקערדיקן, דער אַנדערער פֿאַר אַ הינקענדיקן, דער פֿאַר אַ בלינדן, יענער
פֿאַר אַ געליימטן, די פֿאַר אַ שטומע, און יענע פֿאַר אַ קרומע. נאָר אמתע,
נישט געמלאכהטע קאַליעקעס, ווי, אַ שטייגער, איך און מיין ווייב, דאָס האָט
ביי זיי געהאַט גאָר אַ גרויסן ווערט. זיי האָבן אָפּט געזאָגט, אַז אַזעלכע
פֿעלערן ווי אונדזערע איז פֿאַר אָרעמעלייט אַ שאַץ, אַ מתנה פֿון זיין ליבן

גאָמען: זיי קאָנען זייער פּיל איינטראָגן, מיין ווייבס פּעלער איז זיי גאָר
בעסער געפּעלן. הייגט פּלעגן זיי גלאַט בטל ווערן פאַר איר פּיסק, וואָס
אויף שרויפן. די האָר האָבן זיך געשטעלט, אַז זי האָט געעפנט אַ מויל.
דער רויטער ממזר האָט זיך שטאַרק געדרייט ארום מיין ווייב און זיך
פּשוט געהאָנגען אויף איר, ער האָט זי געקאָשקעט, געקעכלט און צוגע=
טראָגן איר פון פייגלמילך: געקאָכטע אַרבעס, באָב, פלוימען — וואָס נאָר
ער האָט ערגעץ דערטאַפּט. איך האָב מיך אָבער באַטראַכט: כאַפּט דיך
דער וואַטעמאַכער! וואָס קאָן עס מיך אַרן? קעכל זי, קאָשקע זי, וואָס קאָנ=
סטו דערמיט מייגען, וואָס?... גאָרנישט. אַז זי איז אַן אשת=איש! מילא
איז דאָך אָן סכנות... מייגסטו דאָך גאַנץ זיכער נאָר איר פּעלער, פּשוט
אַ בלינדע איז גוט, מען קאָן מיט איר מאַכן געלט, טאָ האָב=זשע, כל=בוניק
איינער, די גאַל, מיין ווייב גייט לעת=עתה אין די הייזער אַליין טאַקע מיט
מיר. וואָס=זשע האָסטו, טיפּש איינער, געפּועלט מיט דעם צולאָנטשען זי צו
זיך, מיט דעם איזגיוכען זיך צו איר, אַז ד ע ר ר ע כ ט ע ר ע י ק ר=
ו אַ ד — אין די הייזער גיין, גייט זי טאַקע מיט מיר, מיט מיר?!...
און דעריבער, ווייל איך האָב אַזוי מיר געטראַכט, האָב איך שטאַרק באַ=
גערט-לערגען הלכות אָרעמאַן מיט אַלע פּיטשעווקעס, בכדי מיין פּלוניתטע
דערמיט געפּעלן, און געמאַכט דעם עסק שוין גאָר קיין מעשה נישט. איך
האָב מיך שוין אויסגעלערנט ווי אַרייגצוקומען אין אַ שטוב. די קונץ באַ=
שטייט דערין: אַריינקומען זאָל מען מיט אַ רוגזה, אָנגעברוגזט, און מאָ=
נען די נדבה ווי אַ חוב, מען זאָל קריכן, אַרויפקריכן אויבנאָן און פאַר=
קריכן אַזש אין דער ספּאַלניע, אויפצווזוכן דעם באַלעבאָס אָדער די באַלע=
באָסטע דאָרט. אין דינגען זיך בין איך געווען אַ מייסטער, איין בריה אין
דער וועלט. דער גאַנצער שכל שטעקט דערין: קיינמאָל באַדאַרף נישט גע=
פּעלן, וויפל מען גיט. גיט מען אַ שטיקל ברויט, זאָל מען בעטן עפּעס גע=
קעכטס, אַ ביסל באָרשטש; גיט מען געלט, זאָל מען בעטן אַ העמד, אַלטע
תחתונים און זאָקן וכדומה. שטענדיק באַדאַרף מען זיך נאָר קרימען און
בלאָזן, קיינמאָל נישט דאַנקען, נאָר וואָרטשען און אַמאָל אויך טאַקע שעלטן.
וואָס=זשע טוט דער רויטער ממזר? אַ קיענק אים אין די בייניע אַיאַן!
דער רויטער ממזר טוט אויף הסברות, ווי מייגער פּטור צו ווערן. ער
קלערט ביי זיך גאַנץ זיכער אַזוי: אין הלכות אָרעמאַן, פּישקע, מייגסטו
ביי מיר די רובעס הייצן. איך קאָן מאַכן די שפּיל אַבציק טויזנט מאָל
בעסער פון דיר. און אַז איך האָב מיר אַריינגענומען אין זינען די פּרנסה
מיט דיין בלינדער, וועט מסתמא שוין זיין רעכט. נישקשה, איך וועל דיך,
מיט גאָטס הילף, שוין פאַרזאָרגן. — ער האָט צו מיר זיך גענומען און
געמאַכט אויס מיר אַ קאָטער. איך בין מיאוס אַראָפּגעפאַלן ביי מיין ווייב

און געהאַט ביי איר אַ פּנים ווי חוזק. קיין אַנדער וואָרט האָב איך פון איר נישט געהערט, נאָר ווי: געשוואָלן ווער, לייג אָנעט מיט דעם קאָפּ, ווערעם זאָלן דיך עסן, דו פּרעסער, יונגאַטש אייגער, דו אַזוינער, אַזוינער און אַזוינער!

דער ממזר, קיין תחית־המתים זאָל ער נישט אויפשטיין, האָט אַליין אויף מיר געגראָבן און מיר געטאָן צום טויט, ביז איך בין ביי איטלעכן געוואָרן צו שאַנד און געשפּעט, אַלע בוידן האָבן לסוף מיט מיר געהאַט צו טאָן. וואָס אַ מינוט — איז איבער מיר געפאַלן אַן המצאה, וואָס אַ רגע — האָב איך געהייסן מיט אַן אַנדער צונעמעניש. איטלעכער האָט מיט מיר געטאָן, וואָס זיין האַרץ גלוסט. איך בין געווען דאָס כּפּרה־הינדל. האָב איך מיך אַמאָל געבייזערט פאַר צרות, פלעגט עס איטלעכן אונטערטראָגן. „זעט נאָר, — האָט מען געמאַכט, — ווי דער נגיד האָט זיך צעיאַכמערעט, ער וועט שוין באַלד פּלאַנכענען“. האָב איך מיך אַמאָל באַוואַשן מיט טרערן פאַר ווייטעק פון די קלעפּ, וועלכע אין מיר איז אַריין, פלעגט מען זאָגן: „וואָס איז מיט דיר דאָ אַזוי די שמחה, פּישקע? וואָס האָסטו זיך עפּעס אַזוי צעלאַכט מיט ציין? זעט נאָר, עולם, ווי פּישקע לאַכט!“ — „דערלאַנגט אים, יידישע קינדער, — פלעגט זיך הערן דעם ממזרס קול, — דערלאַנגט אים, גיכער, אַ טעלעמעטשע צווישן די ליטקעס, אַ רייב איבער די לאָפּעטקעס, דאָס איז אַ רפואה צום לאַכן. אויב, חלילה, עס וועט נישט העלפן, באַדאַרף מען אים גלעטן די האָר, אָננעמען ביים אויער און איינרוימען אים אַ סוד, דערפון וועט זיך אים שוין שטעלן טרערן אין די אויגן, ווי פון אַ כזית מרור. מען מוז דאָך אַ יידן ראַטעווען“.

אַמאָל פלעגט מען מיך ארויסוואַרפן פון דער בויד, און אַז איך בין מיט די קראַנקע פיס געלאָפן נאָך דעם וואָגן, ווי נאָר איך האָב געקאָנט, און געמאַכט מיט די זייטן, האָט מען צוגעפּליעסקעט, צוגעפּאַטשט מיט די הענט און געשריגן מיט אַ געלעכטער: „בראַוואָ, פּישקע! אָט אַזוי, פּישקע, טאַנץ אַביסל, טאַנץ! קוקט נאָר, עולם, ווי פּישקע הייבט פיסלעך, ווי שיין, אָן עין־הרע, ער טאַנצט! ער מעג אויף אַלע התונות טאַנצן. קיין בייז אויג זאָל אים נישט שאַטן“. — איינמאָל האָט זיך אָנגערופן איינער — און אַליין טאַקע דער ממזר, אַ קיענק אים אין די בייניע אַיאַן: — „עולם! פּישקע איז נאָר אַ גלייכער. ער פאַרשטעלט זיך נאָר, דער גנב, פאַר אַ קרומען, ער מאַכט אויס אונדז אַלע חוזק. מע באַדאַרף אים פּרוּוון אויסגלייכן, גיט אים דאָרט אַ טעלעפּעטשע אין דער דיך, וועט איר זען, ווי ער ציט אויס גלייך אַ „פּולקע“. — הכלל, יידן, מען האָט מיך געפּייניקט, מען האָט מיר שטאַרקע יסורים אָנגעטאָן. אוי, פלעג איך

מיך דערמאָנען אין די גוטע גליקלעכע יאָרן, וואָס איך בין מיר געזעסן ווי אַ שׂררה אין באָד און געלעבט ווי גאָט אין פראַנקרייך! וואָס איז מיר הען דאָרט אָפּגעגאַנגען?

— מילא, געמט מען און מען גט אָפּ, — פאַלט אַלטער אַריין פּישקען אין די רייד, — דערויף איז דאָך דאָ ביי יידן אַ גט.

— יאָ, גערעכט, — מאַכט פּישקע מיט אַ זיפץ, הלוואַי וואָלט איך עס טאַקע פריער געטאָן, וואָלט אַז ווויל און גוט געווען מיר און אפשר נאָך עמעצן... נאָר איך ווייס נישט, וואָס מיר איז אַזוינס געשען. נאָר אַ כישוף האָט מען מיר אָפּגעטאָן. ס'איז אַ ווייטעק, אַ בושה צו זאָגן, דאָס האַרץ האָט מיך צו מיינער עפּעס געצויגן... ווי שטאַרק איך האָב געליטן און געהאַט געבראָטענע לייד, פונדעסטוועגן האָט מיך דער רוח נאָך איר געגומען. איך ווייס נישט, צי איז דאָס געווען פון מיר נאָר אַן עקשנות

— אַז דיר, ממזר, גלוסט זיך, ווילסט צווישן מיר מיט מיין ווייב אָנמאַכן אַ בייז לעבן און מיך פטרן, וויל איך, דיר אויף צו־להכעיס, מיך דווקא אין איר האַלטן און נאָך מער ווי פריער, מיטביידע הענט זיך האַלטן. אָדער דאָס איז געווען, ווי זאָל איך עס זאָגן, גלאַט אַזוי פון זיך אַליין... עפּעס טאַקע נאָר אַ כישוף, איר געשטאַלט האָט מיך עפּעס געגומען. אַ געזונטע, אַ דיקע, אַ יאָדערדיקע, אַ פּנים אָפּגעגאָסן, נישט אַזוי שיין ווי הנעוודיק. פיל מאָל פּלעגט זיך מאַכן, אַז פאַר גרויסע צרות און האַרצווייטיק, האָב איך מיר געוואָלט אַ מעשה אָנטאָן, געוווגטשן מיר דעם טויט מיט איך אייניינעם. היינט, היינט, פּלעג איך ביי מיר טראַכטן, מוז עס האָבן אַן עק. היינט זאָג איך איר: גט! נאָר קוים בין איך צו איר צוגעקומען נאָענט און זי האָט מיט מיר געמאַכט אַ רייד, אָדער אַרויפגעלייגט די האַנט מיר אויפן אַקסל און געזאָגט: פיר מיך פּישקע! האָט מיר אָפּגעגומען דאָס לשון און איך בין עפּעס ווי איבערגעביטן געוואָרן.

אין אַ גוטער שעה איינמאָל, גייענדיק מיט מיין ווייב אין די הייזעך עפּעס מיט א גרינג געמיט, טו איך א זאָג: בתיה, נשמה מיינע, וואָס וועט דער תכלית זיין פונעם שטענדיקן אַרומשלעפּן זיך? עס פּאַסט, כ'לעבן, נאָר נישט פאַר אונדז. אין גלופּסק האָבן מיר ביידע, ברוך־השם, אַ שטיקל נאָמען געהאַט, דו מיך האָסט אַרויסגענומען דאָרט פון דער באָד. אַ קאַ־טאָוועס עפּעס גלופּסקער געמויערטע באָד, ווי עס וואַרפן זיך איבער אַ וואָך אַזעלכע בערן, גרויסע לייט! דיך האָט אויך איטלעכער געקענט, און אויף דיר כבוד געלייגט. היינט זענען מיר נע־ונד עפּעס מיט שלעפּערס אין דער פרעמד, און וואָס פאַר א פּנים האָבן מיר, מישטיינס געזאָגט?

— „ווילסט אפשר צוריק קיין גלופּסק! — ענטפערט אָפּעט מיין ווייב ווי אויפגעבראַכט. — מענסט זיך דיר, פּישקע, אַהין צוריקקערן, אויב דיר

גלוסט זיך אַזוי. איך בשום אופן נישט. אין גלופּסק זענען דאָ היינט גענוג אָרעמעלייט אָן מיר. וואָס אַ טאָג וואַקסן דאָרט אויס פּריש-צאַפּלדיקע קבצנים, שפּאָגל-נייע מקבלים, באַלעבאַטים גייען היינט דאָרט איינער צום אַנדערן אין די הייזער אַרום." — פונמיינעטוועגן מעג זיין אַן אַנדער שטאָט אויבעט, — ענטפער איך צוריק — גשמהניו, ק ל יי ב דיר אויס עפּעס אַ שטאָט, וועלכע דיר געפעלט, און לאָמיר זיך דאָרט באַזעצן. אַז מען ווייסט, דאָס איז א ו נ ד ז ע ר שטאָט, דאָס זענען א ו נ ד ז ע ר ע הייזער, א ו נ ד ז ע ר ע באַלעבאַטים, איז עפּעס מזל און ברכה. ווי זאָגט מען עפּעס: איטלעכער הונט אויף זיין מיסט.

— באַלד, פּישקע, באַלד, — מאַכט מיין ווייב, קלאַפּנדיק מיר מיט איר האַנט איבערן רוקן גאָר פריינדלעך, — לאָמיר נאָך אַ ביסל פּאָרן, לעבן, רייבן זיך אין דער וועלט. ס'איז עפּעס גוט, פריילעך, מחיה... האָב צייט אַ ביסל, פּישקע, מיט דיין שטאָט. באַלד, באַלד!

איר „באַלד" האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט און ס'איז נישט געווען קיין עק, קיין סוף. אין דער צייט בין איך איבערגעווען אין גענוג שטעט, האָב מיך אָנגעליטן גענוג צרות און פּיין. אינגאַנצן האָב איך עס געהאַט צו פאַרדאַנקען איר, דעם ממזר, אַ קיענק אים אין די בייניע איאַן...

פּישקע טוט אַ זיפץ טיף פונעם האַרצן און בלייבט זיצן שטיל מיט צוגעמאַכטע אויגן. מיר לאָזן אים אַ ביסל צו זיך צוקומען, דערנאָך הייבט ער ווייטער אָן, און די מעשה דערציילט זיך אַזוי:

טז

צו דעם צונעמעניש „נ ג י ד", האָב איך אין דער לעצטער צייט באַקומען נאָך אַ נייעם טיטל: „ מק ב ל". דעם דאָזיקן טיטל האָט מיר געגעבן דער ממזר, פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן. און אַזוי האָט איטלעכער פון דער כאַליאַסטרע מיך גערופן: פּ י ש ק ע מ ק ב ל. — מקבל איז ביי זיי אַזאַ מיאוס וואָרט, וואָס ביים אַרויסברענגען עס פונעם מויל, שפּייט מען זיבן מאָל אויס. די שנאה, וואָס הערשט געוויינטלעך צווישן באַלמעלאָכעס, סוחרים, קרעמער און דעסגלייכן, וואָס האָבן איין ברויט, איז אַ הונט אַקעגן דעם, ווי זיי, די בויד-אָרעמעלייט, האָבן פיינט די שטעטישע קבצנים און בפרט נאָך דאָס גאַנצע קאַפּיטל מקבלים. „אָט די ווערעמדיקע מקבלים, פוילע מיוחסים, פאַרשמאָלצעוועטע שיינע יידן, — פּלעגן זיי אַליין זאָגן מיט גאַל, — זענען ווי די וואַנצן פול אין אַלע הייזער און נישט אויסצוהאַלטן פון זיי, מען צעשטאָפּט זיי די קישקעס אויף אַלע שמחות, חתונות, בריתן און קריאת-שמע-לייענעס, רייסן פון טויטע און פון לעבעדיקע, און מיר,

געבעך, רייסן קריעה, האָרעווען, פּראַצעווען אויפֿן שטיקל ברויט און ווערן פֿאַרשוואַרצט. די דאָזיקע אַלע צעקראָכענע נפשות, פֿלאַסקעדריגעס, האָבן זיך גענומען דוד־המלכס תהילימל און מאַכן מיט אים די שפּיל. דוד־המלך זאָל געוווּן פֿריִער וויסן צו וועמען אין די הענט זיין תהילימל וועט אַריינ־פֿאַלן, וועלכע פּרנסות די פּוילע, פֿאַרשימלטע לאַפּנמיצלעך מיט אויסגע־ווייקטע פּנימלעך וועלן דערמיט מאַכן, וואָלט ער עס, גאַנץ זיכער, נישט געמאַכט." —

— ניין, בתיה! — האָט דער ממזר געמאַכט צו מיין ווייב. — פֿון אייער פּישקען וועט קיין לייט שוין נישט זיין. ניין־ניין, נישט קיין לייט, איינער פֿון אונדזער חברה! ער איז אַ מקבל מיט די ביינער. אַ מקבל מיט אַלע חן־גריבעלעך. דאָס פֿאָרן אייערם מיט אים, דאָס רייסן זיך אין דער וועלט וועט אים כּלל נישט העלפֿן. אין הלכות אָרעמאַן ווייסט ער נישט מאַי דקאָ אָמרי רביצין. נישט קיין מענטש, ווי עס געהער צו זיין. איר וועט, געבעך, האָבן פֿון אים אַ פֿאַרפֿוילטע גאַל. איי, אַזאַ בתיה, איך זאָל האָבן אַזאַ בתיה! אַ גליק, ווי איך בין אַ ייִד, אַ גליק וואָלט איך מיט אייך גע־מאַכט!

נאָך די אַלע מיטל, וועלכע דער ממזר האָט געברויכט אַנצומאַכן צווישן מיר און מיין ווייב אַ בייז לעבן און מיך דערווייטערן פֿון איר דורך רכילות, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן, — איז אים לסוף געראָטן צו פֿאַלן גאָר אויף עפּעס אַ נייעס. ער האָט מיך פֿאַרמסרט פֿאַר מיין ווייב, אָנגערעדט אויף מיר שטילערהייט, אַז איך שרכן מיך צו עפּעס אַ מיידל פֿון אַ בויד און מאַך מיט איר עפּעס צו פֿיל חן... צווישן דער כאַ־ליאַסטרע האָט זיך געפֿונען אַ האַרבאַטע מיידל, מיט וועלכער איך האָב, אמת טאַקע, ליב געהאַט צו שמועסן זייער אָפֿט און...

— האַ, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מיידל עפּעס? — פֿאַל איך און אַלטער פּישקען אין די רייד אַריין. — האַ, פּישקע, זיי זיך מודה!

— דאָס מיידל איז געווען אַ ווילד־פֿרעמדע אין בויד, און זי האָט, געבעך, געגנוג זיך אָנגעליטן, גענוג אָפּגעקומען אין אירע יונגע יאָרן. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב ליב געהאַט טאַקע מיט איר איניינעם צו זיצן און צו שמועסן. מיר פֿלעגן אויסגיסן איינער דעם אַנדערן אונדזער ביטער האַרץ. זי פֿלעגט אויף מיר רחמנות האָבן און נישט איינמאָל וויינען אויף מיינע און אויף אירע צרות. אַי, איר זאָלט וויסן, וואָס דאָס איז פֿאַר אַ מ יי ד ל! אַי, איר זאָלט וויסן אירע צרות, נעבעך!... האָט פּישקע אויס־געלאָזט מיט טרערן אויף די אויגן.

מיר האָבן געבעטן פּישקען אונדז קלאָר צו מאַכן, ווער איז דאָס מיידל און וואָס מיט איר האָט אַזעלעכס געטראָפֿן.

— אַז איר בעט מיך אַזוי, — האָט פּישקע אָנגעהויבן, נאָכדעם, אַז ער האָט מיט אַן עק אַרבל אויסגעווישט די אויגן, — אַז אייך איז נאָך נישט נמאס געוואָרן הערנדיק מיך, וועל איך אייך צוליב טאָן און ד ע ר צ יי ל ן, ווי ווייט נאָר איך קאָן. הערט, זייט מוחל, און האָט קיין פאַריבל נישט, אויב ביי מיר וועט עס אויסקומען נישט גלאַט:

דאָס מ יי ד ל איז געווען נאָך אַ קינד, אַז די מאַמע אירע האָט זי געבראַכט קיין גלופּסק איגיינעם מיט אַ קלימעקל זאַכן און אַלטע בעבעכעס. דאָס קלימעקל האָט זי אָפּגעוואָרפן דאָרט ערגעץ אין אַ שטיבל ביי אַן אַלטער יידענע. אַ מכשפהטע. אַפּנים, דאָס איז געווען אַ מעקלערין פון דינסטן. די אַלטע יידענע פלעגט אַוועקגיין מיט דער מוטער, איבערלאָזנדיק דאָס קינד איינע אַליין אָן עסן און פאַרפאַלן ווערן אויף אַ גאַנצן טאָג. אַז דאָס קינד האָט איינמאָל געוויינט, געצאַפּלט: מאַמע, נעם מיך אויך מיט זיך! האָט די אַלטע מכשפהטע אויף איר זיך שטאַרק געבייזערט, מאַכנדיק צו דער מוטער: ח ל י ל ה! מען טאָר פון איר גאָרנישט וויסן, עס קאָן שאַדן צום עסק. אין עטלעכע טעג אַרום האָט די מאַמע זי גענומען און גאַנץ שטיל זי אַריינגעפירט למזל אין אַ קיך, ערגעץ אין אַ באַלעבאַטיש הויז. עס האָט נישט געדויערט לאַנג, איז זי מיט דער מאַמען איבערגעגאַנגען ערגעץ אַנדערשוואו אין אַ קיך און פון דאָרט ווייטער אין אַ נייער קיך, אַזוי אַז אין אַ קורצער צייט זענען זיי מגולגל געוואָרן אין אַ היפּש ביסל קיכן. די מאַמע איז מיט איטלעכס מאָל איבערקלייבן זיך אין אַ נייער קיך געוואָרן צו איר אַלץ שלעכטער און שלעכטער.

איר טאַטן האָט זי ווייניק געקענט. פריער אין דער היים איז ער געווען אַ זעלטענער גאַסט, שטענדיק אונטערוועגנס, און דערנאָך דאָ אין די קיכן האָט זי אים קיינמאָל נישט געזען. זי וואָלט אפילו גאָר פאַרגעסן אויב זי האָט אַ טאַטן, ווען די מאַמע זאָל אים פופציק מאָל אין טאָג נישט שעלטן, בשעת זי פלעגט צו איר אויסלאָזן איר שווער ביטער האַרץ. „אָנלייגן זאָל ער מיטן קאָפּ, דער שיינער טאַטע! — פלעגט זי שעלטן, פלוכן. — דאָס ווייב האָט ער געפּטרט נאָך אַזויפיל יאָרן מי, בויכווייטיק, וואָס זי האָט געהאַט ביי אים, און איר נאָך אָנגעהאָנגען — געהאָנגען זאָל ער ווערן! — אַ באָמבע, אַ קינד אויפן האַלדז, וואָס איבער איר קאָן זי אויף קיין אָרט נישט איינזיין און באַדאַרף זיך מיט איר שטיקן, באַהאַלטן. וואָרעם ווער וויל עס דען האָבן ביי זיך אַ קעכנע מיט אַ קינד?“ — נישט איינמאָל פלעגט טאַקע די באַלעבאָסטע אין קיך אַריינלויפן, ווען דער וואַרעמעס איז נישט געווען עפּעס אַזוי געראָטן, און פילדערן, שרייען, פאַרוואָס האָט גאָט זי געשטראָפט מיט אַזאַ קעכנע, וואָס שעפּט אָפּ דאָס אייבערשטע פון דער יויך און גיט ער איר שיין טעכטערל אַוועק. כאָטש דאָס

טעכטערל, נעבעך, האָט געדאַרט, געקוואַרט און געגעסן קרענק. די מאַמע פלעגט עס פאַרשטופן, אַזוי ווי טריפה סחורה, אויפן אויוון, אין אַ ווינקעלע דאָרט איז עס דעם גאַנצן טאָג אָפּגעזעסן אויף איין אָרט, איינגעהויקערט אין צעכטן, און מען האָט נישט געטאָרט הערן פון איר קיין פּיפּס. עס פלעגט איר די סמאיע איבערגיין, שמעקנדיק די ריחות פון געבראָטענע גענדז, געפּרעגלטע לעבערלעך, און זי... שאַ, נישט קיין וואָרט!

זי האָט שטילערהייט געליטן, נעבעך, הונגער, ביז מען האָט זיך דערמאָנט אַריינצושטופן איר אין הענטל אַ טרוקן שטיקל ברויט און אַמאָל אויך אַן אָפּגעלעקט ביינדל, אָדער עפּעס אַנדערש, וואָס איז איבערגעבליבן אויף די טעלער. אַמאָל ווידער האָט מען אין איר זיך גאָר פאַרגעסן, און אַז זי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אַ פּיפּס געטאָן, פלעגט זיך ווייזן איבערהויך אויפן אויוון אַ קאָטשערע, אַ לאָפּעטע, אָדער אַ שטעקן, אַ פאָלאָניק, און שלאָגן אויפן קאָפּ, אויף די הענטלעך, אויף די פּיסלעך, ווו גאָר עס האָט געטראָפן, און דערביי האָט זיך געשאָטן טויטע קללות און חרמות אויף איר טאַטן און טאַטנס טאַטן ביז אברהם אָבינו. אַזוי האָט זי פאַרבראַכט אין קרענק, אין צרות אירע יונגע יאָרן אויף די אויוונס. פונעם שטענדיקן זיצן אויף איין אָרט איינגעבויגן, איינגעהויקערט, איז זי געוואָרן הארבאַטע, נעבעך.

פונעם אויוון אַראָפּקוקנדיק פלעגט זי זען עפּעס אַ יונגנמאַן. ער איז געווען אַן אָפּטער אַריינגייער צו דער מאַמען אירער אין קיך. די מאַמע פלעגט זיך אין אים שמעלצן, אים האָדעווען פונעם אַרבל, אָנשטאָפּן אים אין די קעשענעס מיט גוטע זאַכן און נאָך עפּעס געבן אים אַמאָל געלט אויך. ער פלעגט קומען אָפּט שפּעטלעך אין אָוונט און בלייבן נעכטיקן אין קיך. אַמאָל פלעגט די מאַמע פאַרפאַלן ווערן אויף אַ לאַנגער צייט, זיך אויספּוצנדיק פריער, אָנקוקנדיק זיך גוט אין דעם שפּיגעלע, און איבערלאָזן די קיך הפקר. אפּנים, אַז דער מאַמען איז אין זינען געלעגן התונה צו האָבן און איז אַלץ באַשעפטיקט געווען מיט דעם חתן...

איינמאָל אַקעגן אָוונט איז געקומען עפּעס אַ מענטש און פאַרנומען פון דער קיך דער מאַמעס זאַכן. די מאַמע האָט געדאַנקט דער באַלעבאָסטע פאַר דעם זאַלץ און ברויט, אַראָפּגענומען מיט מזל איר גאַקעט טעכטערל פונעם אויוון און איז מיט איר אַרויסגעגאַנגען. זי פירט דאָס טעכטערל און פירט, ביז זי פאַרפירט עס ערגעץ אין אַ געסל. „זעץ זיך דאָ אַנידער און וואַרט. ייִדן וועלן רחמנות האָבן!“... אַזוי האָט די מאַמע געזאָגט און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

דאָס פאַרוואָרפענע קינד זיצט, נעבעך, אויף דער גאַס שטיל און האָט מורא אַ ריר צו טאָן זיך אַפילו, אַזוי ווי פריער אויפן אויוון. אַ קאַלט

אָסיענדיק רעגנדל שפּרענקלט און נעצט איר דורך די ביינער. זי איז גע־זעסן איינגענורעט כמעט אין איין העמד, געציטערט פֿאַר קעלט און אַ צאָן אין אַ צאָן האָט איר געקלאַפּט. אַז איינער פֿון די פֿאַרבייגייענדיקע האָט זי אַ פֿרעג געטאָן: ווער ביסטו, מיידעלע? איז דער ענטפֿער אירער גע־ווען: איך בין דער מאַמעס... די מאַמע מיר געהייסן דאָ זיצן שטיל... מע טאָר נישט שרייען. אַ קאָטשערע, אַ לאָפּעטע קומען און שלאָגן... אַזוי אי ז", שלימזלדיקע, נעבעך, געזעסן העט שפּעט אין דער נאַכט, ביז עפּעס אַ יידענע האָט זי פֿאַרנאַרט מיט גוטע רייד און אַוועקגעפֿירט צו זיך אַהיים, ערגעץ אויף די פּ י ס ק ע ס אין אַ קליין שטיבעלע אויף הינערשע פּיסלעך.

ביי דער יידענע האָט זי זיך אויפגעהאַלטן אַ היפּשע צייט און ביי איר קיין האָניק נישט געלעקט. די יידענע האָט זיך איר אויסגעגעבן פֿאַר אַ מומע און איר געהייסן זי אַזוי רופֿן. די דאָזיקע מומע איז געווען אַ סעדעכע, וואָס איז געשטאַנען אין מאַרק מיט קאַרטאָפֿליעס, הייסע באַבקעס, כל־נדרי־באַרלעך און ארץ־ישראל־עפּעלעך. גאַנצפֿרי איז דער שטייגער אירער גע־ווען אַוועקצוגיין אין מאַרק אַריין. דאָס האָרבאַטע מיידעלע איז איבערגע־בליבן מיט אַ טעכטערל אין שטוב און געוויגט איר קינד, אויך געהאָלפֿן אין דער באַלעבאַטישקייט, ווי אַשטייגער: קלייבן אויף דער גאַס דאַרע שפּענדלעך אויף אונטערהייצן, קריכן אונטערן פּעקעלאָך נאָך אייער, וועלכע די הינער האָבן געלייגט, אויסשקראָבען אַ טעפּל פֿון פֿאַרטריקנטער קאַשע, פֿאַרוואַשן אין דער פּאָמוניצע דעם קינדס אַ פֿאַרשמירט העמדל, און שטיי אַכטונג צו געבן אויף די איבערגעוואַשענע הילצערנע מילעכדיקע לעפֿל, וואָס טריקענען זיך אויף דער פּריזבע איניינעם מיט דעם קינדס קישעלע אַקעגן דער זון, און נאָך אַנדערע אַזעלכע מלאכות. פֿאַרנאַכט, אַז די סעדעכע איז אַהיימגעקומען, האָט זי געשיקט איר קליין דינסטמיידל אין די הייזער אַרומצוגיין און צונויפֿנעמען עטלעכע שטיקלעך ברויט. דערפֿון האָט זי זיך דערנערט אַליין און נאָך געגעבן דער מומען אירער.

זומער פֿאַרנאַכט איינמאָל, בשעת אַרומגייענדיק אין די הייזער אויף איר שטייגער, אין איין גראָב העמדל מיט אַ האַלב קליידל, האָט זי זיך פֿאַרשלאָגן גאַנץ ווייט, אַזש ביים עק שטאָט, און נישט געטראָפֿן דעם וועג צוריק אַהיים. די זון האָט שוין לאַנג זיך געזעצט. אויף דעם הימל האָט זיך אָנגערוקט אַ שוואַרצער וואָלקן. עס האָט ביסלעכווייז געבליצט או געדונערט. פּלוצעם קומען אונטער, פֿון דער שטאָט אַרויספֿאָרנדיק, עפּעס בוידן, פֿול אָנגעזעצט מיט מענטשן. — קוקט נאָר! — האָבן פֿאַרשונע אַרויסגעשריגן פֿון איין בוידל, — עפּעס דרייט זיך דאָ אַרום אַ האָרבאַטע מיידעלע און וויינט, נעבעך, — און באַלד טאַקע שפּרינגט אַראָפּ עפּעס איינער אַ רויטער — טאַקע אַליין דער רויטער ממזר, אַ קיענק אים אין די ביי

אַיאַן! — גיט אַ פרעג דאָס קינד, וועמענס זי איז. — איך וויל אַהיים, אַהיים צו דער מומען! — ענטפערט דאָס מיידעלע אויף אַ וויינענדיק קול.

— שאַ, טאָכטער, וויין נישט, — זאָגט צו איר דער ממזר, — איך וועל דיך אָפּפירן אַהיים צו דער מומען. — ער טוט זי באַלד טאַקע אַ כאַפּ, וואַרפט זי אין אַ ביידל אַריין און פאָרט מיט איר אַוועק.

פון יענער צייט אָנעט בלאָנקעט דאָס האָרבאַטע מיידעלע, נעבעך, זיך אַרום מיט דער כאַליאַסטרע בויד=אָרעמעלייט, וואָס האָבן פון איר הויקער געמאַכט אַ פּרנסה. דער שטייגער איז זייערער געווען, קומענדיק ערגעץ אין אַ שטאָט, אַנידערצוזעצן זי נאַקעט און באָרוועס אויף דער גאַס, וווּ מענטשן גייען, און זי האָט באַדאַרפט כליפּען, בעטן נדבות אויף אַ וויינענדיק קול מיט אַ ניגון און אויך רייסן ביי די פּאָלעס. האָט זי אָבער אַמאָל נישט געשפּילט די קאָמעדיע משאַקענדיק מיט אַלע אָנשטעלן און געמאַכט ווייניק געלט, פלעגט מען איר אָפּשפּילן אַ גוטע חתונה: שלאָגן זי טויטשלעק, אַרויסוואַרפן זי ביידערנאַכט אינדרויסן, וווּ זי פלעגט נאַקעט, הונגעריק, נעבעך, שרייען און וויינען אויפן רעכטן אמת טאַקע...

זי האָט מיר דערציילט, ווי איינמאָל, ווינטער אין אַ שטאַרקן פראָסט, האָט מען זי ביינאַכט אַזוי אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס. דער פראָסט האָט זי אַ נעם געטאָן און געמאַכט פון איר אַ בייגל, געצופּט, געטשיפּעט דאָס לייב ווי מיט קאַלטע שפּילקעס. עס האָט איר זיך גערירט דער שאַרבן אויף דעם מוח, טונקל און ליכטיק, עפּעס ביידע מיטאַמאָל, איז איר געוואָרן אין די אויגן, אָט=אָט עקט זיך דאָס לעבן. זי קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן און הייבט זיך אָן בעטן אין שטוב אַריין מיט אַ ביטער געוויין. זי ציטערט, בעט רחמים: עפנט, מומע, עפנט, פעטער! — אַזוי האָט זי איטלעכן פון דער כאַליאַסטרע גערופן. — זי שרייט: פעטער, איך וועל שוין ווייטער דאָרט פאַר מענטשן גוט שרייען! זי וויינט: מומעניו, איך וועל שוין דאָרט גוט וויינען! זי בעט: געוואַלד, איך וועל שוין ווייטער גוט בעטן! נאָר שריי צו דער וואַנט, נישטאָ קיין ענטפער!... זי בלייבט ליגן שטיל, פילט מער נישט קיין קעלט, קיין פּיין, עס באַפאַלט זי עפּעס אַ זיסער שלאָף, עס דאַכט זיך איר, מען האַדלזט זי, גלעט זי, עפּעס גוט, וואַרעם, מחיה — און מען האָט זי אַ טויטע אַוועקגעטראָגן פונעם אָרט... זי האָט אַ היפּשע צייט פון יענער נאַכט געקרענקט.

ווייטער איז דער שטייגער געווען אַראָפּצולאָזן זי פונעם וואָגן, ווי באַלד מען האָט פונדערווייטנס אויפן וועג דערזען פאָרנדיק עפּעס אַ פּריץ, אָדער סוחרים, לייטישע מענטשן. זי האָט באַדאַרפט מאַכן די גאַנצע שפּיל, אויסשטרעקן די האַנט, דרייען זיך, לויפן פאַרביי די פערד, ביי די זייטן וואָגן, כליפּען, בעטן אונטער דער נאָז מיט אַ רחמנות=פּנים און דערטאַפּן

א נדבה, איר טויט זאָל דאָ אפילו זיין. אמאָל פלעגט זי טאַקע כאַפּן א שמייך מיט דער בייטש פונעם שמייסער אויף דער קעלביע, נאָר זי פלעגט עס, נעבעך, אראָפּשלינגען, שאַ־קיטש און געטאָן טאַקע אירם, ווייל זי האָט זייער גוט געוווסט, אז א בייטש איז גאָרנישט אקעגן דעם, וואָס זי וועט שפּעטער כאַפּן, אויב, חלילה, זי קומט צוריק אין בויד מיט ליידיקע הענט...

וואָס זי, נעבעך, אין אין די יונגע יאָרן צרות אויסגעשטאַנען, לאָזט זיך גאָר נישט אַרויסזאָגן. אויך היינט שטייט זי נאָך אוים געגוג צרות, אין גיהנום באַדאַרף מען אזויפיל נישט אָפּקומען וויפל זי, נעבעך, קומט אָפּעט. אָך, דאָס בלוט קאָכט אין מיר, ווען איך דערמאָן מיך אָן איר! אוי ווי, מיין לעבן וואָלט איך פאר איר געגרן אוועקגעגעבן אבי זי אויסצולייזן. הערט איר, יידן, ס'איז נאָך אויף דער וועלט גאָר נישטאָ אַזאַ גוטע, שטילע טויב, אַזאַ זיסע, טייערע נשמה ווי זי!...

יז

פּישקעס דערציילונג האָט אָנגעמאַכט אַ שטאַרקע מרה־שחורה אויף אַלטערן און מיר. אלטער האָט מיט דער האַנט געריבן דעם שטערן, ווי עס האָט אים עפּעס געביסן, און אליץ געמאַכט פאר זיך: עט, עט!

— הערט איר, ר' אַלטער, — רוף איך מיך אָן מיט א שמייכעלע, — פּישקע, כ'לעבן, איז טאַקע פארליאַפּעט אין דעם האָרבאַטן מיידל. ס'איז, כ'לעבן, עפּעס נישט גלאַט.

— למאי זאָל איך לייקענען, — האָט פּישקע געזאָגט. — איך האָב זי טאַקע אָנגעהויבן שטאַרק ליב צו האָבן אין האַרצן פאַר גרוים רחמנות. עס האָט מיך עפּעס צו איר געצויגן, מיר צוגעקומען לעבן פונעם זיצן אמאָל מיט איר אינייגעם. — וואָס?... גאָרנישט! גלאַט אזוי זיך — שמועסן אָדער שווייגנדיק אָנקוקן זיך איינער דעם אַנדערן. דאָס גוטסקייט איז איר געלעגן אויפן פנים; דאָס קוקן אירס אויף מיר איז געווען טאַקע גאָר ווי אַ געטרייע שוועסטער קוקט אויף איר אומגליקלעכן ברודער בשעת אים איז, נעבעך, שטארק נישט גוט. און אז געמענדיק צום הארצן מיינע צרות האָט זיך איר געשטעלט טרערן אין די אויגן, איז מיר געוואָרן עפּעס גוט, ווארעם־מחיה אין אלע גלידער. עפּעס האָט מיר זיך געדאַכט, געדאַכט... איך ווייס אליין נישט וואָס. עפּעס האָט מיך אינעווייניק געבריט, געגלעט ביי דער נשמה: „פּישקע, דו ביסט נישט מער אליין אין דער וועלט, ביסט נישט מער עלנט ווי א שטיין“ — און עס באַנעצן מיר זיך די אויגן פון הייסע טראָפּן טרערן...

מיין ווייב — א וווּנדער, כ'לעבן! — האָט מיך שוין עפּעס נישט אזוי גיזאַרט, עפּעס איז מיך שוין נישט אזוי שטאַרק אָנגעגאַנגען, ווי זי מאַכט חן מיט דעם ממזר, געקרימט דערויף האָב איך מיך נאָך טאַקע. אָבער דאָס קרימען זיך האָט שוין נישט געהאַט דעם טעם ווי פריער. אז מיר פלעגט אַמאָל ארויפקומען אויפן געדאַנק אזוי: דו ווילסט, פישקע, דיין ווייב זאָל א זאָג טאָן: „אַצינד איז שוין גענוג זיך ארומגעשלעפּט, קום לאָמיר זיך באַזעצן אין א שטאָט?" — פלעג איך זוכן ווי מיך ארויסצודרייען, נישט געבן קיין גלייכן ענטפער און זיך פארטראכטן דערביי אין איר... וואָס וועט זיין מיט איר, מיט דער האָרבאַטער, נעבעך?... נאָר הערט אָבער א מעשה! אז איך בין געוואָרן אין האַרצן צו מיין ווייב קילער, שוין נישט געצאַפּלט נאָך איר אזוי ווי פריער, איז זי, דאַכט זיך, געוואָרן צו מיר הייסער. עס פלעגט אויף איר אַמאָל אָנקומען א שעה, וואָס זי איז געווען צו מיר גוט, ווייך ווי א טייג, און האָט זיך געהאָנגען מיר פּשוט אויפן האַלדז. נאָר דערפאר שפּעטער פלעגט עס מיר באָקעם אויספאַלן. זי פלעגט מיר טאָן אין דער גאַל אריין, מיך פּלאָגן, פייניקן נאָך טויזנט מאָל ערגער ווי פריער, אזוי, אז דאָס לעבן איז מיר נישט ניחא געווען און האָב מיר געווונטשן דעם טויט. איך האָב פון איר געהאַט, טאַקע ווי מען זאָגט, ק אַ ל ט און וואַ ר ע ם. איך האָב גאָרנישט געקאָנט פארשטיין, וואָס איז איר געשען? משוגע איז זי, צי חסר־דעה, וואָס איז מיט איר אזונס? נאָר אין א קורצער צייט שפּעטער איז זיך פארלאָפן עפּעס א זאַך און דער בלאָטער איז פּלוצעם אויסגעשפּרונגען. איך האָב שוין פארשטאַנען, וואָס ברענט אַזוינס מיין ווייב, וואָס די רוגזה אירע באַטייט. ס'איז אַ ווייטעק, א בושה צו דערציילן.

פישקע פארטראַכט זיך א רגע. דערנאָך טוט ער זיך א געשמאַקן קראַץ און הייבט אָן ווייטער צו דערציילן:

איינמאָל זענען מיר אָנגעקומען ערגעץ אין א קליין שטעטל און פאַרפאָרן, ווי געוויינטלעך, אויף אכסניא גלייך אין הקדש אריין. איך זאָג אייך, יידן, עפּעס האָב איך דאָך שוין גענוג הקדשים מיך אָנגעזען אין מיין לעבן און ווייס גאַנץ גוט וואָס אזעלכע באַטייטן, נאָר זיי אלע זענען גאָלד אקעגן דעם הקדש פון יענעם שטעטל. אז איך דערמאָן מיך אין אים, הייבט אַצינד נאָך אָן מיר דאָס גאַנצע לייב צו בייסן און איך מוז מיך קראַצן. אינגאַנצן האָט דער הקדש אויסגעזען ווי א שטאַרק אלטע קרעטשמע, א חורבה מיט אויסגעקרימטע, נישט קיין גלייכע ווענט, מיט עפּעס א דעכל, מישטיינסגעזאָגט, ווי א צעקנייטשט קאַפּעליש, פארריסן פון פאָרנט, און נידעריק אָנגעבויגן פון הינטן, כמעט ביז דער ערד. מען האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז דער הקדש, נעבעך, חלשט, וויל איינפאַלן און ליגן ווי אַ באַרג מיסט אויף

דער ערד, נאָר דער עולם אין שטעטל האָט אים אָפּגעשריגן, אונטערגע=
שפּאַרט מיט דרענגלעך און אים איינגעבעטן צו האַלטן זיך אַזוי אויפֿ=
ווייטער ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. דורך קלאָמפּערשט עפּעס א טויער
איז מען אַריינגעפאָרן אין א גרויס הויז מיט צעשאָטענע, לעכערדיקע
ווענט, דורך וועלכע עס האָט זיך אַריינגעגנבעט א שטיקל שיין. די ערד
דאָרט איז געווען גריבערדיק, ערטערווייז איז געשטאַנען קאַלוזשעס, פאַר=
שימלטע, פאַרדומפּעגע פון פּאָמוינִיצעס און נאָך אַזעלכע זאַכן, אויך פונעם
רעגן, וואָס פלעגט תּמיד דורך דעם פוילן שטרויענעם דאַך, צעשיטעט ווי
א רעשעטע, אַהין אַריינקאַפּען. צעריבענע פּאַרפוילטע שטרוי האָבן זיך אומ=
מעטום געוואַלגערט, אויסגעמישט מיט כלערליי מיני שמאַטעס: צעריסענע
טאָרבעס, צעהאַקטע ראָגאָזשעס, פאַרדאַרטע ווערכלעך פון שיך, אַלטע פּאָ=
דעשוועס און אויסגעדרייטע אָפּצאַסן מיט פאַרזשאַווערטע טשוועקעס, שערב=
לעך, צעבראָכענע רייפן, ספּיצעס פון רעדער, האָר, ביינער, דראַפּאַטשעס,
רימער פון בעזעמער און נאָך אַזעלכע שמאָכטעס. דאָס דאָזיקע ביסל סחורה
אינײנעם האָט געפּרייעט און געגעבן „די שמוכט“, משונהדיקע ריחות
נאָר א שרעק.

אין דער לינקער זייט הויז האָט זיך געעפנט מיט א בייזער א פאַר=
שמאָלצעוועטע טיר אין א שטוב אריין מיט קליינע, שמאָלע, נישט גוט
צוגעשטאַנענע פענצטער און א טייל שויבן זענען אויסגעשלאָגן און פאַר=
קלעפּט מיט צוקער=פּאַפּיר, אָדער פאַרשטעקט מיט א שמאַטע. א טייל
זענען שטאַרק שמוציק, אין די ווינקעלעך באַדעקט דיק מיט שימל און
ווידער א טייל זענען פאַר אַלטקייט איבערגעצויגן מיט געל=גרינע משונה
גלאַנצנדיקע קאָלירן און דער גלאַנץ שטעכט עפּעס אין די אויגן, גלייך
ווי א קריץ אויף גלאָז גרילצט ווילד אין די אויערן. אַרום די אָפּגעשלאָגענע
ווענט און לעבן א גרויסן אויוון ציען זיך לאַנגע בענק פון ברעטער, וואָס
ליגן אויף קלעצלעך און שטיקער האָלץ, העכער א ביסל איבער די בענק
שטעקן אין די ווענט גרויסע און קליינע פלעקלעך. פון דער שוואַרצער
סטעליע הענגען אַראָפּ שטריקלעך מיט פּעטליעס, אין וועלכע עס האַלט זיך
ביי ביידע עקן א לאַנגער שטאַנג. די פלעקלעך מיט דעם שטאַנג זענען פאַר=
האָנגען מיט פאַרדריפּעטע קאַפּטנס און קליידלעך, מיט אַלערליי חפצים
און טאָרבעס פון אָרעמעלייט, וואָס קומען צו פאָרן אין ביידלעך, אָדער
קומען זיך צו שלעפּן צופוס און שטייען דאָרט איין, יונג און אַלט, מאַנסבילן
און ווייבער אַלע אינײנעם.

דער הקדש איז אַחוץ דעם נאָך אַ ביקור=חולים אויך. דאָרט איז דאָס
אָרט אויף צו שטאַרבן פאַר קראַנקע מיאוסע קבצנים אין דעם שטעטל.
דער רופא טוט אַלצדינג וואָס נאָר מעגלעך: שטעלט באַנקעס, פּיאַווקעס,

לאָזט צו דער אָדער און צאַפּט, אויף קהלשע הוצאות, קבצנים בלוט ביז די כשרע נשמה גייט זיי אויס, און דער הקדש־מאַן, וואָס איז צוגלייך דער קברות־ייִד פונעם שטעטל, איז זיי טאַקע באַלד מקבר אומזיסט. דער הקדש־מאַן מיט זיין הויז־געזינד זיצט אויך טאַקע דאָרט אין אַ מין אַלקערל, מיש־טיינס־געזאָגט. חוץ וואָס ער איז אַ הקדש־מאַן, אַ קברות־ייִד, אַ שמש אין דער חברה־קדישא, אַ משגיח אין זיין ביקור־חולים, אַ ושתי־המלכה, אָדער אַ מאַנדרוש אין פורים, אַ פאַרשטעלטער בער מיט אַן איבערגעקערטן פעלץ אין שמחת־תורה, אַ סאַרווער, אַן אָנשטעלן־מאַכער, אַ ווערטל־זאָגער אויף אַלע חתונות און בריתן, — האָט ער נאָך אַ פּרנסה דערצו, צו מאַכן חלב־דיקע ליכטלעך. די אַלע באַלעבאַטים און בתי־מדרשים ציען ביי אים ליכט אין הויז פונעם הקדש און עס ווערט דעגסטמאָל אַ געשטאַנק, אַן עיפּוש ווייט ארום און אַרום.

אז אונדזער באַליאַסטרע איז אָנגעקומען אהין אין הקדש, איז ער גע־ווען אָנגעזעצט געגוג מיט אורחים. דער הקדש־מאַן האָט זיי געטריבן: גענוג געזעסן, פאָרט אייך געזונטערהייט שוין ערגעץ אַנדערש! נאָר אזוי ווי ס'איז געווען דאָנערשטיק, האָבן זיי געהאַט אַן אויסרייד זיך אָפּצובעטן — פאַר־בלייבן דאָ ביז נאָך שבת. די ערד, די בענק און דער אויוון זענען בייגאַכט באַלאַגערט געווען מיט מענטשן. מען האָט זיך געשטופּט, געקוועטשט, גע־קריגט און געשאָלטן פאַר אַ שטיקל אָרט. קאָניצע און פּיעשע האָבן שטאַרק געאַרבעט, איינער דעם אַנדערן ארויסגעוויזן די שטאַרקע שנאה און די גבורה זייערע מיט די הענט. אין דער גרויסער מהומה, נישט דאָ געדאַכט, האָט געקרעכצט אין אַ ווינקעלע אַ קראַנקער אַלטער ייִד, וועלכן מען האָט געכטן אויף קוראַציע אַהער־געבראַכט, און אַ פּיצל קינד, וועלכן מען האָט אין דעם שטופּעניש צוגעקלעמט אַ פּיסל, האָט געקווימשעט, געמאַכט לע־בער אין קאָפּ שרייענדיק.

ערשט שפּעטער, אַז די בייזע מהומה האָט זיך איבערגענומען, האָב איך מיר אָפּגעזוכט ערגעץ אַ ווינקל און זיך געלייגט ווי ס'איז אויסצורוען אַביסל. נאָר קוים האָב איך מיך געלייגט, זענען מיך באַפאַלן גאַנצע חיי־לות פּרייסן, וואַנצן, פליי ווי די בערן און האָבן מיך געוואָלט לעבעדיקער־הייט אויפעסן. דאָס לייב הייבט מיך נאָך אצינד אָנעט צו בייסן און כ'מוז מיך געשמאַק קראַצן נאָר ביים דערמאָנען זיך אין די דאָזיקע מלאכי־חבלה. אַז איך האָב אַ קוק געטאָן, אַז מיט פּ ר יי ס ן מ ל ח מ ה צו האַלטן איז שווערלעך, אַ פּריים איז אַ באַשעפעניש, וואָס קריכט, און זיין שותף, די וואַנץ, שטינקט, האָב איך זיי מוחל געווען דאָס שטיקל פּלאַץ — לאָזן זיי מיט אים זיך וואַרגן! — און בין ארויס אין הויז, דאָרט וו ס'איז צוברע־גען די נאַכט.

אינדרויסן איז געווען שרעקלעך פינצטער, אַ קאַלטער, אַ שטאַרקער ווינט האָט געשטורעמט, געהײלט ווי די הונגעריקע וועלף, געפּײפט און גע־בלאָזן דורך די שפּאַלטן אין די ווענט. שטיקלעך שטרוי זענען פונעם דאַך געפלויגן און האָבן מיט נאָך אַנדערע מיני שמאָכטעס ווי די רוחות אין הויז ארומגעטאַנצט. צווייַלן האָבן אַהין דורך די לעכער אויך אַרייַנגעקאַפּעט גרויסע טראָפּן רעגן. איך האָב פאַררוקט מיך דאָרט אין אַ ווינקל און געלעגן מיט א ביטער געמיט, געציטערט פאַר קעלט. איי, די באָד, די באָד! האָב איך געאייקעט און געאָכט, וווּ נעמט מען מיין באָד! דאָרט איז דאָך פּשוט אַ גן־עדן, וואַרעם, א דערקוויקעניש. ווי גליקלעך בין איך אין דעם דאָזיקן גן־עדן דאָרט אַמאָל געווען. וואָס האָט מיר געפעלט, וואָס איז מיר דאָרט אָפּגעגאַנגען? מיר איז געווען אַזוי גוט, אַזוי וווּל, — האָט דער רוח באַדאַרפט אָנטראָגן מיין ווייב, איך זאָל דורך איר פאַרטריבן ווערן פונעם גן־עדן און ארומוואָגלען זיך אין דער וועלט. אויף צרות נאָר זענען די ווייבער דאָ, טאַקע נאָר אויף צרות. וואָס טויגן זיי? וואָס האָט מען פון זיי? קיין גוטס, כ'לעבן, קומט פון זיי נישט ארויס... באַלד אָבער דערמאָן איך מיך אין דעם האָרבאַטע מיידל און פאַר מיר אַליין מיך געשעמט. ס'טייטש, זי איז דאָך אַ גוטע, א כשרע נשמה, מיט איר איינעם איז דאָך עפּעס א תענוג. ס'איז עפּעס גלאַט גוט, גרינג, פרייִלעך אויפן האַרצן צו זיצן און שמועסן מיט איר. א כפּרה טויזנט באָדן פאַר איר מינדסטן נאָגל. פון אירס אַ קוק ווערט עפּעס געשמאַק וואַרעם אין אַלע גלידער. — שעם דיך, פּישקע! — שייגעץ איך מיך אַליין אויס, זינדיק נישט מיט דיינע רייד, ווייבער גיבן עפּעס צו א שטיק געזונט אין לעבן. ווייבער קאָנען גליקלעך מאַכן און פונעם גיהנום אַפילו מאַכן אַ גן־עדן... פון אַזעלכע זיסע געדאַנקען האָב איך פאַרגעסן אין אַלע מיינע צרות. דאָס ווינקעלע, וווּ איך האָב מיך צוגעשפּאַרט, איז עפּעס גאָר גוט מחיה. מיר איז שוין מער נישט קאַלט. איך הייב אָנעט לייענען קריאת־שמע מיט געפיל, די אויגן קלעפּן מיר זיך און ווער באַלד אַנדרעמלט. פּלוצעם אָבער האָט מיך אויפגעוועקט עפּעס אַ שרעקלעך געשריי.

— קוקט נאָר אָן דאָס נפש! — האָט עמעצער געשריגן לעבן דער טיר פון שטוב, און דערלאַנגט פון דאָרט א וואָרף מיט דעם גאַנצן כוח אין הויז אַריין עפּעס אַ שווערע זאַך, וואָס איז ווי אַ שטיין געפאַלן אויף דער ערד מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ. — קוקט נאָר אָן די מציאָצע, אויך מיר אַ מענטש! אַ קאַטאָוועס די גראַפיניע פּאָטאָצקע!... און אין הויז ביסטו קראַנק צו ליגן, פאַרפאַטשקעטע גראַפיניע? —

איך האָב באַלד אין דעם קול דערקענט דעם ממזר, אַ קיענק אים אין די ביינער איאַן! ער האָט נאָך אַביסל געשריגן, געזידלט, אויסגעוואָרפן מיט


Gleb
-53

דער גראַפּיניע פּאַטאַצקע, דערביי אויסגעשפּיגן און פאַרמאַכט דערנאָך די טיר מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ.

אַ שטיקל לבנה איז ארויסגעקראָכן פון צווישן די צעריסענע שטיקער וואָלקנס, האָט אַריינגעקוקט דורך דעם צעבראָכענעם דאַך אין הויז אַריין און באַלויכטן דאָרט עפּעס אַ מענטשלעך געשטאַלט, וואָס איז געלעגן ווי אַ קלימעק, שטיל, קיין ריר זיך נישט צו טאָן. איך האָב מיר אַ לאָז געטאָן זען, ווער עס איז די מצאַצע אָדער די גראַפּינע פּאַטאַצקע, וואָס ליגט דאָרט אַזוי. איך טו אַ בליק — און אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן! פינצטער איז מיר אין אויגן און דער קאָפּ דרייט זיך מיר, אזוי ווי פון דער ערשטער פּאַרע אויף דער אויבערשטער באַנק. מיין האָרבאַטע מיידל, זי, נעבעך, ליגט עס אויפן רוקן, טויט אויסגעשטרעקט פונעם שטאַרקן שליידער, וואָס דער ממזר האָט מיט איר געטאָן! איך נעם מינטערן מיט אַלע כוחות די האָרבאַטע, נעבעך, און אַז גאָט האָט געהאָלפן, זי האָט זיך אָנגעהויבן צו רירן, האָב איך זי אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט עפּעס נישט מיט קיין מענטשלעכן כוח, ווי בשעת מען ראַטעוועט אין אַ גלופּסקער גרויסער שרפה, און בין מיט איר גיך אַוועק אהין אין מיין ווינקעלע. איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז דענסטמאָל בין איך געגאַנגען גאָר גלייך, ווי אַלע מענטשן, איך האָב אַפילו קיין הינק נישט געטאָן. זי האָט פּאַמעלעך, פּאַמעלעך אויפגעעפנט איין אויג נאָך דעם אנדערן און אַ שטילן זיפץ געטאָן. איך האָב פאַר שמחה געמיינט, אַז די וועלט איז מיינע. ס'איז מיר געווען צו מוט טאַקע גאָר ווי דעם בעטלער אין די געשריבענע מעשיות, וואָס ווערט פּלוצעם פון דער העלער הויט מגולגל אין אַ טייערן פּאַלאַץ, זיצט זיך דאָרט אָנגעלענט אויף דעם גוטן עסעבעט אינײַנעם מיט אַ בת־מלכה און טוט זיך וויל. איך האָב געשווינד אַראָפּגעוואָרפן פון מיר מיין קאַפּאָטע און איינגעוויקלט דערמיט מיין בת־מלכה, וואָס האָט געציטערט פאַר קעלט.

— אוי! — האָט מיין האָרבאַטע, נעבעך, אַ זיפץ געטאָן, אויסגעריבן די אויגן און געקוקט, עפּעס גלייך ווי זי האָט זיך ארומגעקוקט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי איז.

— וואָס קוקסטו עפּעס אזוי? — טו איך זי אַ פרעג. — איך בין פישקע. געדאַנקט און געלויבט איז גאָט, וואָס דו לעבסט.

— אָך און וויי איז מיר. — זאָגט זי מיט אַ זיפץ טיף פונעם הארצן, — וואָס טויג מיר, וואָס איך לעב! איידער אַזאַ לעבן איז שוין בעסער דער טויט. גאָט איז דאָך אַ גוטער, אַ באַרמהארצעדיקער, היינט צוּוואָס האָט ער אַזעלכע ווי איך גאָר באַשאַפן, נאָר אויף צו ליידן און צו פּלאָגן זיך אין דער וועלט?

— נאַרעלע! — מאַך איך צו איר. — מסתמא ווייסט גאָט, וואָס ער טוט, מסתמא איז דאָך אים ניחא, אַז אַזעלכע ווי מיר זאָלן אויך זיין אויף דער וועלט. גאָט איז אַ טאַטע, ער זעט, הערט און ווייסט אַלצדינג. דו מיינסט, נאַרעלע, ער ווייסט נישט אונדזער ביידנס צרות? גאָט ווייסט, נישקשה! די לבנה זיינע, זע נאָר, זע, קוקט פונעם הימל אהער אפילו, אין הויז, אויך אַריין. זינדיק נישט, נאַרעלע, מיט די רייד.

זי האָט אויפגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר פייערדיקע אויגן, אין וועלכע עס זענען געשטאַנען גרויסע טראָפּן טרערן און זיך געפינקלט אַקעגן דער שיין פון דער לבנה, ווי בריליאַנטן. אירע אויגן און איר קוק דענסטמאָל אויף מיר וועל איך אייביק נישט פאַרגעסן.

אַז איך בין אויפגעשטאַנען אויף מאָרגן גאַנץ פרי, האָב איך געזען, מיין האַרבאַטע ליגט אין ווינקעלע, איינגעניורעט אין מיין קאַפּאָטע און שלאָפט ווי אַ פייגעלע. דאָס פּנים אירס איז געווען בלייך און האָט אויסגעזען עפּעס אַזוי גוט, אַזוי רחמנותדיק גוט... די ליפּן האָבן צוווילן געציטערט און זיך אויסגעצויגן עפּעס ווי מיט אַ געבעט. עפּעס בעט זי, נעבעך, רחמים: „פּייניקט מיך נישט! וואָס האָב איך אייך געטאָן? וואָס האָט איר צו מיר? פאַרוויסט מיר נישט דאָס לעבן! וואָס האָב איך אייך געטאָן וואָס האָב איך אייך געטאָן?...“ און דאָס בעטן אירס רייסט אויס אַ שטיק האַרץ. עס האָט מיר זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן — און איך האָב געוויינט...

דער ערשטער, וואָס איז אינדערפרי אין הויז אריינגעגאַנגען, איז געווען דער ממזר, אַ קיענק אים אין די ביינער אַריין! — ער האָט מיט זיינע גנבישע אייגעלעך אַ קוק געטאָן אויף מיר, אויף דער האַרבאַטער און איז מיט אַשטעכנדיק געלעכטערל אַוועק צוריק אין שטוב אריין.

יח

פּישקע איז פּלוצעם געבליבן שטיל און האָט אַוועקגעקערט דאָס פּנים, גלייך ווי ער האָט זיך געשעמט. וואָס מיין אַלטער האָט אים נישט געבעטן ווייטער צו דערציילן, האָט אַלץ נישט געהאָלפן.

— עט... כ׳לעבן! — האָט פּישקע געמאַכט, איז רויט געוואָרן, זיך געמיניעט און נישט געעפנט קיין מויל.

פּישקע, ווי עס האָט אויסגעזען, האָט לסוף זיך אַליין פאַרשעמט פון זיינע אייגענע רייד. פריער, אַז עס האָט אים דער ערשטער ברי געטאָן, האָט ער זיך צעפּלאַקערט, צערעדט, ווי איינער פון דער היץ. ער האָט גערעדט מיט פייער און אויסגעגאָסן זיין גאַנץ האַרץ אין אַזעלכע ווערטער, וואָס זע־

נען גאָר נישט געווען פאַר פּישקעס מוח. די דאָזיקע ווערטער האָבן זיך
אים געגאָסן אַליין, עס האָט אין אים זיך צערעדט די נשמה, ער האָט בשעת=
מעשה פאַרגעסן אַלצדינג, וואָס אַרום אים טוט זיך, גערעדט, גערעדט, נישט
צו הערן כמעט אַליין וואָס ער רעדט, ביז ער האָט פּלוצעם זיך אַ כאַפּ גע=
טאָן, עפּעס ווי אַליין זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, זיך עפּעס געוווּנדערט, ווי
קומט אַזוינס צו אים... און איז שטאַרק פאַרשעמט געוואָרן.

ביי וועלכן פון אונדז מאַכט זיך נישט כאָטש איין מאָל אין לעבן אַזאַ
ליכטיקע, גוטע שעה, וואָס דענסטמאָל עפנט זיך אַ מויל, און ריינע, אמתע
מענטשלעכע געפילן גיסן זיך אים אַרויס, ווי אַ שטראָם הייסע זידיקע גאַז
פון אַ פייערשפּייענדיקן באַרג? אויף בלעמס אייזל אפילו איז אויך אָנגע=
קומען אַ שעה, אין וועלכער עס האָט פון דער העלער הויט אים זיך געעפנט
דאָס מויל און האָט געהאלטן אַ שיינע רעדע. ווער שמועסט ביי בעלי=
דרשנים, להבדיל, מאַכט זיך פיל מאָל, אַז אַזעלכער, וואָס מאַלעגיירעט גע=
ווייניטלעך, פלוידערט תמיד אַוועק נאַרישקייטן, אַ שרעק צו הערן — פּלו=
צעם פאַלט אויף אים אָן עפּעס אַ באַגייסטערונג און ער זאָגט, נישט ווילנ=
דיק, ארויס אַ גלייך וואָרט, וואָס דער גאַנצער עולם און ער אַליין מיט זיין
כבוד אויך בלייבן דערנאָך פאַרגאַפט. ביים ערגסטן חזן, אַ קאַטשאַן, וואָס
גלוסט זיך ברעכן, הערנדיק זיין טערעלייקען מיט משוגענע העוויות, טרעפט
זיך אַמאָל, אַז פּלוצעם טוט עס מיט אים אַ טראָג, ער צעיאָגט זיך אין דעם
מוסף מיט אַ ברען און וואַרפט ארויס אַ „יקום=פּורקנדל“, אַ „תכנת=שבתל“
מיטן קנאַק. טרעט די גוטע שעה אָפּ, בלייבט דער אייזל ווייטער טאַקע אַן
אייזל, דער בעל=דרשן, להבדיל, ווייטער אַ פלוידערזאַק, און דער חזן, מיש=
טיינס=געזאָגט, ווייטער אַ קאַטשאַן... נישט דאָס בין איך אויסן.

צוויי יידן דרייער האָב איך געקענט אין אַ יידישער דרוק, וואָס די גאַנ=
צע אַרבעט זייערע איז באַשטאַנען דרינען טאָג ווי נאַכט צו דרייען דאָס
ראָד פון דער מאַשינע, שטייענדיק ביי איר אין דער זייט, איינער דעם אַנ=
דערן, נאָר אַזוי ווי די אָנגעמאָלטע גולמס. דריי און דריי שטענדיק, אָן אַן
עק, אַלץ אויף איין אָרט, אויף איין שטייגער. פּלוצעם האָט עס זיי עפּעס ווי
אונטערגעטראָגן און האָבן זיך אַ נעם געטאָן דרייען די ראָד געשמאַק מיט
געפיל, שטאַרק באַגייסטערט. די אויגן ברענען, פלאַקערן, און זיי דרייען מיט
אַזאַ תענוג, ווי זיי וואָלטן געווען אויפן זיבעטן הימל, ווי זיי וואָלטן געדרייט
וועלטן און האָבן מיט איטלעכן דריי אויסגעדריקט עפּעס אַ געדאַנק, עפּעס
אַ געפיל, וואָס דרייט זיי אינעווייניק. שפּעטער אַ ווײַלע, אַז דער ברען האָט
נאָכגעלאָזט, האָבן זיי פאַרוווּנדערט איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט מיט
אַ פּאָר גלעזערנע אויגן, אויסגעשפּיגן, פאַרדרייט די קעפּ, איטלעכער אין

זיין זייט, געדרייט ווי געוויינטלעך, און ווייטער א פּנים געהאַט ווי די לייטע־נע גולמס.

איך קוק אויף פישקען, וואָס איז געבליבן אָן לשון, און זוך ביי מיר אַ מיטל, ווי אים באַרייִדעוודיק צו מאַכן. פּלוצעם פאַלט מיר איין ר׳ לייב־שרהס גולם, ווי ער טוט זיך א שטעל אויף, נאָכדעם אַז ר׳ לייב רוקט אים אריין הינטן דעם שם־המפורש, כאַפּט זיך און טוט אַלצדינג, וואָס מען הייסט. זייער שיין, טראַכט איך מיר — ברוך־הבא! נאָר אָנשטאָט דעם, וואָס ביי יענעם גולם, עליו השלום, האָט געווירקט אין זיינע צייטן, וועט הייַנט ביי מיין גולם, אים צו לאַנגע יאָר, ווירקן פּשוט דאָס מיידל...

איך הייב אָן פישקען אונטערצוגעבן פאַרע צו דערוואַרעמען אים מיט אַ שמועס וועגן זיין האַרבאַטע מיידל. און דערביי האָב איך טאַקע מיך אַליין אויך צעהיצט, געערדט פונעם האַרצן מיט פייער און אויסגעלאָזט דעם שמועס אַזוי:

— וויפל אומשולדיקע קינדער, נעבעך, קומען עס אויף דער וועלט אַזוי אָפּ פאַר די זינד פון זייערע עלטערן, וואָס גלוסט זיך זיי נאַרישקייטן, דריי־ען זיך, גטן זיך און לאָזן איבער די קינדער, זייער פליש און בלוט, הפקר ווי אויפן וואַסער! וואָס גייט זיי אָן קינדער! זיי האָבן אין זינען נאָר דאָס נפשל, זייער אייגן נפשל. איטלעכער פון די שיינע עלטערן האָט ווייטער חתונה...

איך בין געבליבן ווי דערוואָרגן אין דער מיט פונעם שמועס. אַלטער מיינער, זע איך, איז צעקאָכט, אוים מענטש. עס טוט מיר באַלד טאַקע אַ קלאַפּ אין האַרצן: אַי, האָב איך עס באַגאַנגען אַ מיאוסן פעלער, זיך אַרויס־צוכאַפּן פאַר אַלטערן מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס זענען צוגעפּאַסט צו אים און האָבן אים געשטאָכן אין דער זיבעטער ריפּ! עס טוט מיר שרעקלעך באַנק. איך שטראָף מיך אין האַרצן און זאָג מיר אַליין מוסר: געוואַלד, מענדל, מענדל, שוין צייט קומען צום שכל, נישט אַרויסצוזאָגן יענעם דעם אמת ווי א יינגל! ביסט דאָך, ברוך־השם, שוין א ייד מיט א גרויסער באָרד. שוין צייט זיין א מענטש, פאַרשטיין וואָס זיך איז נוצלעך און גוט. איי, דיין צונג, דיין צונג!...

איך האָב מיר אין האַרצן אַ נדר געגעבן, ווייטער מיך צו היטן מיט אַ וואָרט, הערן, זען און שווייגן — די גוטע מידה פון אַלע קלוגע, פיינע לייט, וואָס איז נייטיק אין לעבן. איטלעכן וועל איך נאָר לויבן, באַליבט צו מאַכן זיך דערמיט ביים עולם. עס האָט מיר זיך פאָרגעשטעלט גאַנצע מח־נות אַונדזערע גוטע מענטשעלעך, פעטערס מיט שיינענדיקע פּנימלעך. זיי דרייען זיך אַהין און אַהער, חבר מיט דעם, מיט יענעם, טאַנצן אויף אַלע חתונות, האָבן שטענדיק נאָר הנאה, קושן זיך מיט איטלעכן, וואָס ער איז פון אויבן; צעגייען פּשוט פאַר פרייד, רעדנדיק מיט יענעם פון זיין גליק,

ווינטשעווען אים צו מיט טרערן אין די אויגן און מיט אַ זיס שמייכעלע אויף די ליפּעלעך; צעלייגן אויף טעלערלעך יענעמס גוטסקייט און געבן אים אַפּ עולם־הבא מיט דער פולער האַנט; לויפן אָנזאָגן בשורות, געפינען זיך אומע־טום, ווי נאָר ערגעץ אַ קערמעשל, אַ שמחה. תמיד שיינען זיי די אייגעלעך, דער שטערן גלאַנצט, די בעקעלעך פאַרפאַרבט, די נאָז פייכט מיט ווייטפּער־לעך. זיי זענען צופרידן, פריילעך און קוועלן נאָר אָן... אַז וויל איז אייך, פעט־טערס! פון היינט אָן בין איך אויך אַ פעטער. עפּעס האָט מיר דער נאָמען פעטער אָנגעהויבן צו געפעלן, אַזוי אַז עטלעכע מאָל האָב איך עס פאַר מיר איבערגעחזרט מיט גרויס פאַרגעניגן: פעטער, פעטער, מענדעלע! פעטער ר' מענדעלע!...

בכדי צו פאַרגלעטן מיין פעלער אַקעגן אַלטערן, הייב איך אָן אויף אים רחמנות צו האָבן און איינגעמען אים מיט גוטע ריידעלעך: ר' אַלטער, אייך איז, נעבעך, נישט גוט צו זיצן. איר שפּאַרט שוין, נעבעך, אָן ביים עק וואָ־גן; עס מוז אייך, נעבעך, ווי טאָן די ביינער פון צופיל זיצן אויף איין אָרט, קומט, איך בעט אייך, צו מיר אויפן וואָגן, דאָרט מאַך איך אייך אַ גוט גע־לעגער; מיר וועלן נעמען צו ביסלעך בראָנפן, זיך אַביסל דערקוויקן.

מיין אַלטער לאָזט זיך נישט לאַנג בעטן. מיר קריכן אַלע אַראָפּ פונעם וואָגן. בין מכבד מיין פערדל צו שלעפן זיך פאָרויס, אַלטערס שקאַפּע אים פון הינטן. מיר צעגייען זיך אַביסל די פיס, קריכן אַרויף דערנאָך צו מיר, דערענדיקן דעם אשר־יצר, מאַכן לחיים. איך בין זיס ווי לאַקריצע, ווינ־טשעווע אַלטערן אָן אַן עק, מיט טרערן אין די אויגן פאַר גרויס פרייד, גלאַט אַזוי זיך, ווי אַ פעטער. דערוואָרעם אויך פישקען, גיב אים אונטער היץ, רייץ אים דעם יצר־הרע. עס צעשפּילן אים זיך די געבליטן און די מעשה הייבט זיך אַצינד אָן.

ביי מענדעלע מוכר ספרים אויפן וואָגן

פישקע הייבט ווידער אָן אויף זיין שטייגער. איך העלף אים אונטער, בעסער אויס אויף מיין שטייגער, אַלטער האָט קיין צייט נישט, טרייבט אונטער אויף זיין שטייגער, און די מעשה דערציילט זיך ווייטער אַזוי:

אויפן אַנדערן טאָג, פרייטיק, איז אין בית־המדרש דאָרט אין שטעטל געווען שרעקלעך ענג פון די אָרעמעלייט, וואָס האָבן זיך געשטופּט, צונויפ־געשטיקט אַרום דעם שמש.

איטלעכער באַזונדער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער, באַקומען דעם בעסטן פּלעט אויף שבת צו אַ נגיד, אָדער צו אַ יוסטן באַלעבאָס, וואָס מאַכט

אַ פעטן קוגל. העכער פון אַלע איז געשטאַנען דער פלעט צו דעם בעל=טאַקסע. נידעריקער פון אַלע שטייען געווינטלעך די פלעטן צו כלי=קודש און קהלס=לייט, ווייל זיי האָבן ליב אַליין גוט צו פרעסן און יענעם גיבן זיי מכות. די גבאים פון חברות קרעכצן, זיפצן אויף יידישע אָרעמעלייט, נעבעך, און עסן גיבן זיי אויף אַ שפּיץ מעסער, נאָר אויף צו באַשמירן די ליפּן. אָרעמעלייט האַלטן פאַר אַן אומגליק צו זיי אַריינפאַלן און וויכן זיי ווי אַן עיפּוש. באַקומט איינער צו זיי אַ פלעט, לאַכן די איבעריקע, ווי פון איינעם, וואָס באַקומט אַ בערדע... דער שמש פונעם בית=המדרש איז געווען זייער בייז, ער האָט געשריגן, אַז היינט זענען דאָ אָרעמעלייט עפּעס מער ווי תמיד. — קבצנים! האָט ער געשריגן, — וואָס זענט איר ווי די הייעריקן באַפאַלן אונדזער שטאָט, נעבעך! נישט אויסצוהאַלטן, נישטאָ ווו אייך אַהינצוטאָן! נאָר אַ שטראָף פון גאָט, אַן אָנשיקעניש! — ער שרייט, בייזערט זיך און די אָרעמעלייט טוען זייערס, שטופּן זיך און הערן נישט קיין וועלט. איין קול: מיר! גיט מיר, מיר! איטלעכער רוקט דעם שמש אין האַנט אַריין עטלעכע גראָשן. דער שמש, וואָס זאָל ער, נעבעך, טאָן, נעמט צו, בייזערט זיך און גיט פלעטן.

איך מיט דער האָרבאַטער זענען מיר געשטאַנען אין דער זייט פונדערווייטנס. ערשטנס, האָבן מיר נישט געקאָנט און, צווייטנס, טאַקע נישט געהאַט די העזה זיך צו שטופּן צווישן אונדזערע בערן, מיוחסים, פיינע בריות. אומעטום זענען דאָ בערן, אַריסטאָקראַטן, אַפילו צווישן קבצנים. די אָרעמע אריסטאָקראַטן זענען נאָך טויזנט מאָל ערגער פון די נגידישע... דער ממזר איז געווען, עס פאַרשטייט זיך, איינער פון די ערשטע. ער האָט באַלד באַקומען צוויי גוטע פלעטן פאַר זיך און פאַר מיין ווייב. זי האָט אפילו פאַרשפּאָרט זיך צו שטופּן. ער האָט דעם שמש אָנגעוויזן אויף איר פונדערווייטנס: קוקט נאָר, זייט מוחל, אָט דאָרט שטייט זי, מיין בלינדע, נעבעך!... אַז דער עולם איז אַוועק, זיך צעלאָזט איבער דער שטאָט, איטלעכער מיט זיין פלעט צו זיין באַלעבאָס, בין איך מיט מיין האָרבאַטע צוגעגאַנגען, אויף גאָטס באַראָט, צום שמש און געבעטן פאַר אונדז פלעטן. ער האָט עפּעס מיט אַ זיס=זויער שמייכעלע אויף אונדז אַ קוק=געגעבן און נישט געענטפערט קיין וואָרט. — דערבאַרעמט זיך, — זאָג איך צו אים, — אויף צוויי נפשות, קאַליעקעס, נעבעך, אַ גאַנצע וואָך קומט אין אונדזער מויל קיין לעפל געקעכטס נישט אריין.

— נישטאָ מער קיין פלעטן. — ענטפערט דער שמש. — איר האָט דאָך געזען, וואָס דאָ האָט זיך ערשט געטאָן. נישטאָ שוין וווהין צו שיקן.

— נאַט אייך, — זאָג איך, און שטופּ דעם שמש אין דער האַנט

אַ זעקסער, — געמט, זייט מוחל, און דערבאַרעמט זיך אויף אונדז, זייט אונדז מחיה, איר וועט האָבן אַ גרויסע מצווה.

— הער נאָר, דו, — רופט זיך אָן דער שמש שוין אַביסל ווייכער, — דיין געלט באַדאַרף איך נישט. איין פלעט געפינט זיך נאָך ביי מיר און קאָן אים איינעם פון אייך געבן. אויב איר ווילט, וואַרפט צווישן אייך אַ גורל.

— גיט איר, איר גיט! — בעט איך און ווייז אָן אויף דער האָרבאַטער.

— אים גיט, אים! — בעט די האָרבאַטע און ווייזט אָן אויף מיר. — ניין, ניין, איך וועל דעם פלעט אסור=חזיר נישט נעמען!

אַ היפּשע צייט איז אַוועקגעגאַנגען מיט בעטן און דינגען זיך, איינער דעם אַנדערן האָבן מיר איינגערעדט צו נעמען דעם פלעט און איטלעכער פון אונדז האָט זיך אָפּגעזאָגט, געשוווירן, ער וועט עס בשום אופן נישט נעמען. דעם שמש האָט די זאַך עפּעס הנאה געטאָן. ער האָט געגלעט דאָס בערדל און געקוקט אויף אונדז זייער פריינדלעך.

—ווייסט איר וואָס? — רופט ער זיך אָן. — נאָך מעריב זאָלט איר ביידע שטיין אין פּאָליש לעבן דער טיר. אַז דער עולם וועט גיין פונעם דאַווענען, וועלן זיך מסתמא געפינען יידן אייך צו נעמען אויף שבת. איך וועל פאַר אייך אויך בעטן.

אַזוי איז טאַקע געווען. נאָכן דאַווענען פרייטיק=צונאַכט, אַז דער עולם איז געגאַנגען פון דער שול, האָט דער שמש זיך געווענדט צו צוויי באַלעבאַטים אין פּאָליש און זיי געבעטן, ווייזנדיק אויף אונדז, צו נעמען אורחים אויף שבת. — איך האָב, כ׳לעבן, שוין קיין האַרץ נישט געהאַט, — האָט ער זיך פאַרענטפערט, — צו שיקן אייך היינט פלעטן. איך לאָז אייך נישט אויס כמעט אַלע וואָך. נאָר אויב אייער גוטער ווילן איז, נעמט אָט די דאָזיקע אָרעמעלייט.

— אָך! — האָבן ביידע זיך אָנגערופן. — וועלכער ייד זאָגט זיך עס אָפּ פון אַן אורח אויף שבת? איין טאָג אין דער וואָך איז דאָ, וואָס אַ ייד קאָן כאָטש אַביסל אָטעמען, פאַרוואָס זאָל ער אין דעם הייליקן טאָג אויך נישט מחיה זיין נויטבאַדערפטיקע, נעבעך, און טיילן זיך דערמיט, וואָס גאָט האָט געגעבן? מיר בעטן אייך, שמש, אַלע וואָך, אַלע וואָך טאַקע זאָלט איר אין אונדז נישט פאַרגעסן.

די ביידע באַלעבאַטים זענען געגאַנגען פאָרויס, אַרום זיי קינדערלעך, — ייִנגלעך, בחורים, אויסגעצוואָגענע און אָנגעטאָן שבתדיק. אַלע האָבן געשיינט און געשמועסט צווישן זיך פריילעך. מען האָט געזען באַשיימפּערלעך, אַז אין זיי איז דאָ די נשמה=יתירה, דעם יידנס צווייטע שבתדיקע נשמה. איך מיט מיין האָרבאַטע זענען נאָכגעגאַנגען שטיל פון הינטן און ביידע געווען עפּעס צופרידן.

— גוט שבת! — האָט מיין באַלעבאָס, אַריינקומענדיק אין שטוב, געזאָגט פריילעך דעם ווייב, וואָס איז געזעסן אויף אַ בענקל ריין, קלאָר אָנגעטאָן און געלויכטן ווי אַ פרינצעסין. אויפן שויס ביי איר האָט זיך געשפילט אַ קליין קינד, נאָר אַ ליאַלקע, און ביי די זייטן זענען געשפרונגען צוויי שיינע אויסגעפוצטע מיידעלעך.

— גאָט האָט מיר באַשערט אַן אורח אויף שבת. זיסט, מיין ווייב, וואָלסטו דאָך מיך אין שטוב נישט אַריינגעלאָזט, — לאָזט ער אוים מיט אַ שמייכעלע און נעמט זיך זאָגן הויך אויף אַ קול „שלום עליכם“! גייענדיק איבער דער שטוב אַהין און אַהער. ביי „אשת חיל“ האָט ער זיך געשטעלט, זינגענדיק מיט אַ ניגון, אַקעגן דעם ווייב, גענומען דאָס קליינע קינד צו זיך אויף די הענט און עס געקושט, געהאַלדזט, בשעת די איבעריקע קליינע קינדער האָבן זיך אים געהאָנגען פון אלע זייטן לעבעדיק-פריילעך. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אין שטוב זענען טאַקע געקומען די גוטע הייליקע מלאכים פונעם „שלום-עליכם“. — איך דערצייל עס אייך דאָ אַזוי, וויל דענסטמאָל האָט מיר דאָס האַרץ עפעס שטאַרק געצויגן און געצויגן צו מיין האָרבאַטע מיידל...

מיין באַלעבאָס, ווי עס האָט אויסגעזען, איז געווען פון מיטעלן שטאַנד. די בענטשליכט האָבן געברענט אין ריין אויסגעפוצטע לייכטער, איך ווייס נישט — פון אמתן אָדער פון וואַרשעווער זילבער. דער טיש איז געווען געגרייט מיט פאָרצעלייענע טעלער און די קוילעטשן איבערגעדעקט מיט אַ געשטיקט טישטעכל. אַ פלעשל ווייַן האָט געפינקלט אויפן טיש, פון וועלכן איטלעכער האָט קידוש געמאַכט, ביים עסן האָט די באַלעבאָסטע מיר געגעבן אַלצדינג גענוג און זיך אַליין געבעטן, אונטערגעטריבן זיך נישט צו שעמען און עסן. ס'איז געווען גאַנץ גוט. נאָר מיר איז אַ ביסל נישט איינגעגאַנגען, אַז איך האָב ביי איטלעכס שטיקל פיש, ביי איטלעכן זופ לאָקשן, ביי איטלעכן בים פלייש און צימעס מיך דערמאָנט אין איר. ווער ווייסט, אויב זי, נעבעך, האָט דאָרט אַזאַ ווילטאָג ווי איך. נאָך דעם עסן האָט מען מיך געבעטן אויף נאַכטלעגער. — לאָז ער בלייבן דאָ נעכטיקן, — האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט שטילערהייט צום מאַן. — וווהין וועט ער גיין אַהין, אין דעם שיינעם הקדש, אין דעם שטאַל, לאָז ער כאָטש אַ נאַכט אַביסל זיך אויסרוען. — נאָך נעכטיקער נאַכט, נישט היינט גע-דאַכט, איז מיר טאַקע שטאַרק נייטיק געווען אויסצורוען זיך, אפשר נאָך נייטיקער פון עסן. עס וואָלט געווען גאָר אַ דערקוויקעניש צו ליגן דאָ אין אַ וואַרעמער שטוב אויף אַ קישן און אויסגלייכן זיך אַביסל די ביינער. נאָר איך האָב מיך אָבער דערמאָנט אין איר און מיט א שיינעם דאַנק זיך אפגעזאָגט פון נאַכטלעגער. זי האָט געזעסן שבת אויף דעם אייגענעם הויף

טאַקע אין אַ שטוב. איך בין אריין אהין נאָך איר, האָב זי גענומען און מיט איר באַלד אַוועקגעגאַנגען.

אין דרויסן איז געווען ליכטיק, שיין. די לבנה האָט געשיינט און ס'איז געווען מחיה גוט צו גיין.

— קום! — האָב איך צו איר געזאָגט. — קום, לאָמיר אַביסל שפּאַ־צירן, אין הקדש אַריין איז עפּעס נישטאָ אַזוי וואָס זיך צו איילן.

דערמאָנענדיק זיך אין דעם הקדש, איז מיר אַ פראָסט איבער דעם לייב איבערגעגאַנגען. יענער אַלטער ייד, דער קראַנקער, וואָס האָט נעכטן דאָרט בייגאכט אזוי געקרעכצט, האָט פון מאָרגנפרי געהאט די גסיסה, געפּאָכט מיט דער נשמה — און איז נאָך ליכט־בענטשן געשטאָרבן. מען האָט אים געלייגט איבער שבת אין הויז, דאָרט וווּ איך האָב באַדאַרפט נעכטיקן.

מיר זענען געגאַנגען און פאַרגאַנגען ערגעץ אין אַ געסל מיט גערטנער אוןביימער, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן געשמאַקע ריחות. אומעטום איז געווען שטיל, מען האָט נישט געהערט קיין שאָרך, אַלע אין שטעטל זענען, ווי דער שטייגער פון יידן פרייטיק־צונאַכט נאָך דער וועטשערע, שוין לאַנג געשלאָפן. מיר האָבן זיך געזעצט אויפן גראָז ערגעץ אין אַ ווינקל, לעבן אַ פּלויט.

מיר זיצן ביידע, קוקן אַ היפּשע צייט און שווייגן. איטלעכער פון אונדז איז פאַרטראַכט. מיין האָרבאַטע טוט דערנאָך אַ זיפץ טיף פונעם האַרצן און ברומט שטילערהייט פאַר זיך זייער טרויעריק דאָס באַקאַנטע לידל:

דער טאַטע האָט מיך געקוילעט,
די מאַמע האָט מיך געגעסן...

איך גיב אַ בליק, טרערן גיסן זיך איר פון די אויגן. עס פלאַמט איר דאָס פּנים. זי קוקט אויף מיר און שמייכלט זייער באַטריבט. די כוחות האָט זי מיר אַרויסגענומען מיט איר קוק דענסטמאָל אויף מיר. עס האָט מיר פאַרקלעמט דאָס האַרץ, געקלאַפּט ווי מיט האַמערס אין די שלייפן. איך ווייס נישט, וואָס טוט זיך אַזוינס מיט מיר און... צום ערשטן מאָל כאַפּט זיך מיר עפּעס אליין פונעם מויל ארויס: „נשמה מיינע!"...

— אַי, פּישקע, — זאָגט זי שטיל און וואַרגט זיך מיט טרערן, — איך וועל עס נישט אויסהאַלטן. אי שטיי איך עס אַביסל פון אים אויס! —

— פון וועמען? — רוף איך מיך אָנעט אָנגעצונדן — פון אים? פון דעם ממזר! אַ קיענק אים אין די ביינער אַרויס!

— איי דו זאָלסט וויסן, פּישקע, דו זאָלסט וויסן!...

איך נעם זי אָנעט ביי דער האַנט, ביים קאָפּ און בעט זי מיט טרערן אין די אויגן מיר אויסצוגיסן איר שווער, ביטער האַרץ. זי לייגט אַרויף

ביידע הענט אויפֿן פּנים, ביינט זיך אָנעט נאָענט צו מיר און גיט מיר איבער אויף אַ ציטערדיק קול, מער אויף דעם ווינק, עפּעס אַזוינס, אַז דער רוח מעג טאַקע כאַפּן דעם ממזר. ער זאָל קיין תּחית־המתים נישט אויפֿשטיין! —

יט

פּישקע איז ווייטער געבליבן שטיל, עפּעס שטאַרק צעקאָכט און פֿאַר־אומערט. און בכדי אים באַריידעוודיק צו מאַכן, אַרויסצודערטאַפּן ביי אים אַלצדינג, וואָס מיר האָט זיך געגלוסט צו וויסן, הייב איך אים אָן אונטערצוהיצען, אַביסל צו רייצן, און טו אַ זאָג אַזוי:

— דו האָסט נאָך גאָר נישט געזאָגט, פּישקע, אויב דיין האָרבאַטע איז אַ שיין מיידל, וואָס קאָן, דאַכט זיך, אַ האָרבאַטע מיידל אַזוי געפֿעלן!

— וואָס הייסט! — מאַכט פּישקע שטאַרק אויפֿגעבראַכט. — ווער רעדט ביי אַ יידישער טאָכטער פֿון שיינקייט! אז זי איז שיין, איז זי פֿאַר זיך שיין, וועמען גייט עס אָנעט? די האָרבאַטע איז אמת טאַקע גאָר נישט קיין מיאוסע, אַ פּנים, אַ קאָפּ מיט האָר מלא־חן, אויגן אַ פּאָר האָט זי, נאָר בריליאַנטן. נאָר וואָס וואָלט מיך דען אַלצדינג אָנגעגאַנגען?... עפּעס אַ שאָלטיק בין איך, אין זינען צו האָבן אַזעלכע זאַכן, נאָכצולויפֿן שיינע נקבות?... נאַרישקייטן!... מיך האָט גענומען איר גוטסקייט, איר גוטס־קייט, דאָס רחמנות האָבן אירס אויף מיר, ווי אַ שוועסטער, און ווידער צוריק, דאָס רחמנות האָבן מיינס אויף איר, ווי אַ ברודער אין דער נויט. — אָט וואָס!...

— מילא, וואָס מאַכט עס אויס? — רופֿט זיך אַלטער אָן. — ווי זאָגט מען עפּעס: לאָז זיך זיין פֿון טייוול, אבי עס זאָל הייסן פּייוול... בקיצור, האָט זי דיר איבערגעגעבן עפּעס אזוינס. נו, פּישקע, וואָס־זשע איז דאָס עפּעס אַזוינס, נו, נו, נו!

אַלטער טרייבט אונטער אויף זיין שטייגער, פּישקע הייבט אָן אויף זיין שטייגער, איך העלף אים אונטער, בעסער אוים אויף מיין שטייגער און די מעשה דערציילט זיך ווייטער אַזוי:

— קנייפּן, האָב איך שוין לאַנג באַמערקט, ווי דער ממזר, — אַ קיענק אים אין די ביינער אַיאַן! — פֿלעגט קנייפּן אַמאָל די האָרבאַטע, נעבעך. איך האָב געמיינט, דאָס זענען זיך גלאט אזוי קניפּ פֿון א רשע, וואָס שלאָגט, פּייניקט אַ מענטשן, נעבעך. נאָר ווי עס האָט זיך פֿון איר קלאָגן זיך דענסטמאָל פֿאַר מיר דערוויזן, זענען דאָס געווען גאָר אַנדערע מיני קניפּ. עס האָט געהאַט עפּעס גאָר אַן אַנדער טעם... פֿע! יצר־הרע־קניפּ... דער ממזר פֿלעגט זיך צו איר שטאַרק טשעפּען. ער פֿלעגט זי נישט לאָזן

צורו. האָט ער זי דערטאַפּט ערגעץ אַליין, איז ער צו איר צוגעשטאַנען מיט זיסע ריידעלעך, אַזוי און אַזוי, גערעדט פאַר פייער, פאַר וואַסער, צוגעזאָגט גילדענע בערג. און אַז אים האָט נישט געהאָלפן מיט גוטן, האָט ער אָנגעהויבן מיט בייזן, געמאַכט א מורא, ער וועט איר פארביטערן דאָס לעבן, אַרויסלאָזן אויף איר אַ שלעכטן רוף און איר טאָן צום טויט, און דערביי טאַקע זיך געפּרוווט אַ כאַפּ טאָן זי מיט געוואַלד. געענדיקט האָט זיך עס געוויינטלעך דערמיט, וואָס זי פלעגט זיך אויסרייסן פון זיינע הענט, אים דערלאַנגען אַמאָל נאָך אַ זעץ אין בויך, אַז דער רוח האָט אים גענומען. ער פלעגט עס איר באַצאָלן דערנאָך מיט פּראָצענט, זי פייניקן מיט אַרבעט און אויסרייסן איר שטיקער פלייש. שפּעטער אַביסל האָט דאָס אייגענע טאַקע זיך אָנגעהויבן ווידער אויפדאָסנייַ, ווייטער מיט גוטן, ווייטער מיט בייזן. וואָס מער זי האָט אים געוויכן, איז ער אַלץ מער צו איר צוגעשטאַנען, און פאַרבייגייענדיק אַמאָל פלעגט ער זי פאַר מענטשן אַ טאָרקע טאָן, קלאָמפּערשט אומגערן, אויך דערלאַנגען אַ קניפּ, גלאַט אַזוי זיך.

אַזלעכע מיאוסע מעשיות מיט איר האָבן זיך געמאַכט זייער אָפט, וואָס איך וויל זיי פאַר דעם מויל נישט ברענגען, נאָר די נעכטיקע איז געווען פע, פע, אַ שרעק! נעכטן ביינאַכט נאָך דער בייזער מהומה אין הקדש, אַז דער גאַנצער עולם דאָרט איז שוין געשלאָפן און זי, די האָרבאַטע, נעבעך, האָט איינגעהויקערט אין צעגטן נישט ווייט פון דער טיר אין אַ ווינקעלע אויך געדרעמלט, וועקט זי פלוצעם אויף עפּעס אַ שושקען אין איר אויער אַריין. דאָס איז געווען דער ממזר. — דיר, נעבעך, איז שלעכט דאָ צו ליגן, — רעדט ער צו איר מיט רחמנות, — קום, איך האָב פאַר דיר זייער א גוט אָרט, וווּ דו וועסט קאָנען זיך אביסל אויסרוען, נעבעך. זי דאַנקט אים זייער שיין פאַר זיין גוט האַרץ און בעט אים צו גיין אין זיין רו אַריין. ער הייבט אָנעט זיינע אָנשטעלן אַזוי און אַזוי. ער גיט איר אויך אָנצוהערעניש פון מיר, אַז ער ווייסט, נישקשה, איר מחותנשאַפט מיט מיר... ער שרעקט זי, אַז קייען וועט זי פון אים די ערד און מיר וועט ער דערגיין דעם עק. דער רוח נעמט אים, דעם ממזר, און מאַכט אויס אים אַ חיה־רעה און אַ לעמעלע צוגלייך אין איין צייט. ער איז גוט, ער איז שלעכט, ער ווערט אַ שייגעץ און... כאַפּט אַ טראַך אין באַק, אַז די ציין פאַלן אים שיר נישט אַרויס. עס צעשפּילט זיך אין אים די רציחה, ער טוט זי אַ נעם ווי אַ גזלן און גיט זי אַ שליידער אין הויז אַריין. וואָס ווייטער איז געווען, ווייסט איר דאָך שוין.

נאָך דעם, וואָס די האָרבאַטע, נעבעך, האָט מיר איבערגעגעבן דענסטמאָל, זיצנדיק מיט מיר אויפן גראָז, בין איך אַ היפּשע צייט געבליבן ווי דערשלאָגן, אָן לשון. נאָר אינעווייניק האָט עס מיך געצופּט, גענעסן ווי

אַ וואָרעם. עס האָט מיך געגעסן אַ ברענענדיק געפיל פון כעס אויף דעם ממזר, אַ היים זודיק געפיל פון רחמנות אויף איר, נעבעך, און נאָך עפּעס אַזעלכעס גאָר אָן אַ נאָמען, וואָס האָט מיך געצויגן, געצויגן... און אָנגע־כאַפּט ביים האַרצן. פּלוצעם האָט עס מיר געגעבן אַ שטאַרקן ציִ, אַזוי אַז דאָס האַרץ איז מיר שיר נישט אַרויסגעפאַלן. איך נעם זי אָן ביי דער האַנט, וואָס איז נאָך געלעגן אויף איר פּנים, און טו אַ זאָג עפּיס נישט מיט מיין קול:

— נשמה מיינע! — דאָס לעבן וועל איך פאַר דיר אַוועקגעבן.

— אָך, פישקע! — זאָגט זי מיט אַ זיפץ, טוט זיך אַ רוק נענטער צו מיר און שפּאַרט אָן דעם שטערן מיר אויפן אַקסל.

עס ווערט מיר עפּעס ליכטיק אין די אויגן, וואָרעם מחיה אין אַלע גלידער. איך רעד און נעם זי איין ווי אַ געטרייע שוועסטער מיט גוטע ווערטער. מרייסט זי: נישקשה, גאָט וועט העלפן! און שווער איר, אַז אייביק וועל איך איר זיין אַ געטרייער ברודער. זי קוקט מיר אַריין אין די אויגן, טוט דערנאָך אַ זיס שמייכעלע און זאָגט, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ:

— איך וויים נישט, פאַרוואָס, פישקע! מיר איז אַצינד עפּעס גוט אויפן האַרצן. עס גלוסט זיך מיר לעבן...

אַ היפּשע צייט האָבן מיר אַוועקגעשמועסט מיט אַ גרינג האַרץ און זיך געמאַכט האָפענונגען, ווי גאָט קאָן העלפן, מיר זאָלן נאָך אַמאָל אויס־געריכט ווערן, ווי מיר ביידע ווינטשן.

פּלוצעם הערט זיך נישט וויט פון אונדז אַ ביסל אין דער זייט עפּעס אַ קלאַפּן. איך קוק מיך אַרום, לאָז מיך גיין פּאַמעלעך עטלעכע טריט האַרט לעבן דעם פּלויט אין שאָטן און דערזע אויף יענער זייט געסל אַקעגן עפּעס אַ געשטאַלט פון אַ מענטשן, וואָס באַגרעט זיך איבער אַ קעלער. עפּעס האָט עס מיך אינעווייניק געטראָגן, געשטופּט ווייטער אויף אַ פּאָר טריט, גוט צוקוקנדיק זיך און... אַ קיענק אים אין די בייניע אַיאָן! — דאָס איז געווען דער ממזר. ער דרייט אָפּ דאָס שלעסל און ווערט באַלד פאַרשוווגדן אין קעלער אַריין, אַרויסצוגנבענען אַלצדינג, וואָס מען שטעלט געוויינטלעך אַראָפּ אַהין אויף שבת. ווי אַ בליץ לויפט אין מיר דורך אַ געדאַנק: פישקע! אַצינד זיי זיך אין אים נוקם פאַר דיר און פאַר דער האָרבאַטע, נעבעך. אַצינד האָסטו צייט, גיכער מאַך צו די טיר פונעם קעלער און לאָז ער ליגן דאָרט געפאַנגען ווי אַ בער אין דער נעץ, ביז מען ה'עט אים מאָרגן דער־טאַפּן, אים ברעכן אַ ביין און געבן זיין פּסק. ערשט דענסטמאָל האָב איך געפילט דעם טעם פון נוקם זיין זיך, ווי גוט, ווי געשמאַק דאָס איז! עס האָט אין מיר געקאָכט דאָס בלוט און איך בין געווען דול ווי אַ שיכור. צולויפן צום קעלער, אַ נעם טאָן די טיר און צומאַכן זי מיט אַ קלאַפּ —

דאָס האָט נישט געדויערט קיין סך צייט. אַצינד ליג דאָ באַגראָבן ווי אַ הונט! זאָג איך אַליין צו מיר מיט אַ לעבעלע. טו אַ נעם די קליאַמקע און וויל פּאַרשטעקן, דער סקאָבעל אָבער איז אָפּגעבויגן אין דער זייט. איך צי, שלעפּ — אומזיסט! עס שטייט נישט צו. איך טו מיר אָן אַ כוח, דערלאַנג אַ צי מיט ביידע הענט און אָט־אָט האַלט עס שוין אויף אַ שטייגער — פּלוצעם טוט זיך אַן עפֿן מיט אימפּעט די טיר פֿון אַ געזונטן שלעפּ אינעווייניק און איך פֿלי אַריין אין קעלער, אָנשלאָגנדיק זיך מיט דעם ממזר דאָרט אויפֿן טרעפּל.

— אַזוי, ר׳ פֿישל! — מאַכט דער ממזר, נאָכדעם ווי מיר זענען געשטאַנען אַ ווייל איינער אַקעגן דעם אַנדערן שטיל, — דאָס האָסטו מיט דיין כבוד אַליין זיך דאָ געפּאָרעט מיט דער טיר און געוואָלט צוליב מיר מחלל שבת זיין! זייער אָנגעלייגט, כ׳לעבן. קום, קעצעלע, אַביסל אַראָפּ אונטן און לאָמיך דיר כאָטש אַביסל מכבד זיין... — ער טוט מיך אַ שטופּ פֿון די טרעפּ אַראָפּ, איך ברעך שיער נישט האַלדז און געניק און צי מיך אויס אויף דער ערד. — „אַצינד, מקבל מיינער, נאַ דיר דערווייל אַן אויפֿגאָב“. — דערלאַנגט ער מיר אַ גוטן זעץ אין רוקן: — ועסט שוין נישט קראַנק זיין צו וואַרטן אַ ביסל ביז איך וועל פֿאַרגעמען צו מיר אין טאָרבעלע דאָס געבראָטענע הינדל, דעם פֿאָלומעסעק פֿיש מיט דעם שיסל פֿעטשאַ, וואָס איך האָב אין איילעניש איבער דיר דאָ איבערגעלאָזט. — עס האָט נישט געדויערט קיין רגע, גיט ער מיר ווייטער אַ זעץ.

— צייל, פֿישקע! — זאָגט ער. — נישט איינס, נישט צוויי, נישט דריי, פֿיר, פֿינף... דאָס האָסטו דיר פֿאַר מיר. אַצינד לייג איך דיר אַ קנייטל פֿאַר דער האָרבאַטע. צייל, פֿישקע! נישט ניין, נישט צען... וואָס איז דאָס פֿאַר אַ גאַנג אַרומשלעפּן זיך מיט אַ מיידל ביינאַכט אין פֿאַרבאָרגענע ערטער! — נישט צוועלף, נישט דרייצן... איך האָב דיך, נישקשה, געזען פֿריער, אַרומשפּאַצירנדיק מיט איר אין הינטערגעסלעך... נישט זעכצן, דאַכט זיך, נישט זיבעצן.

עס האָט אין מיר זיך אָנגעצונדן דאָס בלוט פֿון זיינע לעצטע ווערטער.

— ממזר! — טו איך אַ געשריי. — דו ביסט נישט ווערט צו דערמאָנען איר נאָמען. — שפּרינג דערביי טאַקע געשווינד אויף און עס זיך אין אים איין מיט די ציין. ס׳איז אַ מלחמה! איך מיט די ציין, ער מיט די הענט. ביידע האָבן זיך שרעקלעך פֿיינט און איינער דעם אַנדערן וויל מאַכן דעם טויט. ער רייסט מיך מיט כוח פֿון זיך אַוועק, האַלט מיך שטייף אין די הענט, קוועטשט מיך, אַ שרעק, און טוט מיט מיר דערנאָך אַ וואָרף וויים פֿון זיך, ווי מיט אַ קיילעכל.

— בענטש גומל, — זאָגט ער, וואָס מיט חסד, וואָס מיר קומט עפּעס נישט אוים דיר דאָ צו בעל=דברן. בלייב דאָ, פּישעלע, זיך אויסרוען ביז מאָרגן. אָנשטאָט די געפּילטע פיש וועלן זיי מאָרגן האָבן אַ לעבעדיק פּישעלע... אַ גוטע נאַכט! וואָס זאָגסטו אָז עפּעס צום ווייב? זי וועט נאָך היינט באַקומען דעם גרוס...

מיט די דאָזיקע ווערטער גייט ער אַוועק און פאַרמאַכט די טיר.

די ערשטע זאַך מיינע, אַז איך בין צו זיך געקומען, איז געווען צוגיין צו דער טיר. איך רייס זי און רייס, אומזיסט די מי, זי איז גוט פאַרשטעקט פון דרויסן. איך ווייס נישט וואָס צו טאָן. קלאַפּן שטאַרק האָב איך מורא, מען זאָל נישט דערהערן, און אַזוי בלייבן איז אויך שלעכט. איך שטיי און דער קאָפּ דרייט זיך מיר פאַר שרעק, פאַר כעס, פאַר ווייטעק און יסורים פון די פרישע קלעפּ. איך גיי אַראָפּ פון די טרעפּ, טו מיך אַ וואָרף אויף דער ערד און ליג אין איינע צרות. נאָר דער געדאַנק וואָס מאָרגן וועט דאָ מיט מיר זיין, ווי מען וועט מיר מאכן דעם גוטן „ברוך=הבא“ און זיך צונויפלויפן אָנקוקן דעם גנב; עס וועט הייסן, מען האָט מיך געכאַפּט, מיט טויזנט אויסגעטראַכטע מעשיות דערצו. ווער אין גאָט גלייבט, וועט מיך שלאָגן און עס וועט נישט העלפן פון מיין זייט קיין שום תירוץ — אָט דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיר געעקבערט אין קאָפּ, ווי מיט אַן עקבער, און מיך נישט געלאָזט איינליגן. נאָר אינמיטן=דרינען דאַכט זיך מיר, ווי עס דראַפּעט זיך עפּעס אויף מיר. איך שטרעק אוים די האַנט, און כאַפּ אָנעט אַ שטשער, וואָס גליטשט זיך מיר פלינק אַרוים פון צווישן די פינגער מיט אַ פּישטש. איך שפּרינג אויף פאַר שרעק, עס ווערט מיר נישט גוט און עס באַשלאָגט מיך אַ קאַלטער שוויים.

האַלטנדיק זיך קוים אויף די פיס, טאַפּ איך אָנעט אין דער פינצטער אַ קאַלטע, פייכטע וואַנט, צו וועלכער איך רוק מיך צו. איך שטיי אַזוי אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט און טראַכט מיט אַ ביטער האַרץ: רבונו=של=עולם, וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן? פאַרוואָס שטראָפסטו מיך אַזוי? וואָלט דען נישט בעסער געווען פאַר מיר, פאַר דער וועלט, אַז איך זאָל גאָר נישט געווען געבוירן ווערן? פאַרוואָס קומט מיר עס אַזוי... אַזוי מיך צו באַליידיקן? — ביי דעם דאָזיקן געדאַנק ברעכט מיר דאָס האַרץ און איך באַוואַש מיך מיט טרערן. עס וויינט זיך מיר און עס טראַכט זיך: רבונו=של=עולם, ווו ביסטו?! איך בלייב דערנאָך שטיין דערשלאָגן, נישט צו וויסן וואָס מיט מיר טוט זיך, עפּעס ווי אַ גולם. פּלוצעם גיט אַ סקריפּ די טיר, אַ שמאָלער ליכטיקער פּאַס שיינט אַריין מיר פאַר די אויגן און עס הערט זיך טריט, ווי עמעצער גייט שטיל אויף די טרעפּלעך. די האָר שטעלן זיך מיר קאַפּויער פאַר שרעק. אָט=אָט טוט מען מיך אַ כאַפּ און

מען רעכנט זיך מיט מיר אָפּ ווי מיט א גנב. און ווי איך שטיי אַזוי איך שרעק און ציטערניש, האַלטנדיק אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ — הער איך ווי מען רופט מיך שטילערהייט ביים נאָמען: פּישקע, פּישקע. — און טאַקע באַלד דערזע איך לעבן מיר זי, די האָרבאַטע. איך ווער לעבעדיק און טו א געשריי פאַר גרויס פרייד.

— שאַ! — מאַכט זי, אָננעמענדיק מיך ביי דער האַנט. — קום גיכער אַוועק פונדאַנען.

— נשמה, דו האָסט מיך דערהאַלטן ביים לעבן! — שריי איך שטאַרק צעמישט פאַר שמחה און — איך בין זיך מודה, צום ערשטן מאָל, אונטן אין קעלער — טו איך איר אַ קוש...

איך פרעג זי, וויאַזוי זי האָט זיך אהער גענומען? זי אָבער בעט מיך שווייגן, דערמאָנט מיר, אַז מיר געפינען זיך ביינאַכט אין אַ פרעמדן קעלער.

— קום גיכער, וועסט וויסן אַלצדינג אַביסל שפּעטער, — אַזוי זאָגט זי און פירט מיך ביי דער האַנט אַרויס אויף דער גאַס.

גייענדיק אויפן וועג, האָט זי מיר עס דערקלערט גאָר פּשוט אַזוי: אין עטלעכע רגעס אַרום נאָך מיין אַוועקגיין האָט איר עפּעס דאָס האַרץ געזאָגט, ס'איז נישט גלאַט, מען באַדאַרף גיין זען, ווו איך בין. זי קומט צו ביז צום עק פונעם פּלויט, קוקט אין אַלע זייטן און דערזעט אויף יענער זייט גאַס אַקעגן שטייט עמעצער איינגעבויגן לעבן אַ דעכל און באַרעט זיך עפּעס. טראַכטנדיק, אַז דאָס בין איך, לאָזט זי זיך גיין ווייטער, און צוקומענדיק נאָענט, האָרכט זי עפּעס ווערטער: „אַצינד, ר' פּישל, ליג דאָ און קרענק ווי אַ הונט, ס'איז שוין גוט פאַרשטעקט, נישקשה". עס ווערט איר טונקל אין די אויגן און זי בלייבט שטיין פאַרדולט. פּלוצעם וואַקסט פאַר איר אויס דער ממזר, טוט זי אַ קניפּ און מאַכט דערביי מיט אַ שמייכעלע: „גוט שבת, ס'קאָצל קומט, רביצין! אַ שיין מיידעלע, נישקשה! שלעפּט זיך ביינאַכט אַרום איבער די גאַסן און נאָך קלאַמפּערשט מיט פרום... אַהיים גיי, חצופה, הולטאַיקע איינע!" ער טוט זי אַ שטופּ מיט דער קני אין רוקן און זי מוז מיט אים גיין נישט צו רעדן קיין וואָרט. אויפן וועג קוקט ער זיך אַלץ אַרום, איבערלייגנדיק די פול=אָנגעשטאָפּטע טאָבע פון איין אַקסל אויפן אַנדערן, פאַרגעסט נישט דערביי אויך צו שפּעטן און צו מאַכן מיט איר זיינע אָנשטעלן. זי גייט, נעבעך, שטאַרק פאַרומערט, פאַרזאָרגט. זי ווייסט, אַז איך געפין מיך אין אַ שלעכטער לאַגע, אוממעגלעך מיר צו העלפן, אַז דער ממזר האַלט זי נעבן זיך און לאָזט פון איר קיין אויג נישט אַראָפּ. פּלוצעם גיבן זיך אַ באַווייז אַ קומפּאַניע יידן, וואָס גייען פון א בן=זכר לעבעדיק=פריילעך און רעדן, לאַכן הויך אויף א קול,

ווי דער שטייגער פון יידישע קינדער. מען לאַכט עפּעס פון איינעם, וואָס האָט זיך פאַרגעסן און געטראָגן דאָס פאַטשיילעכן אום שבת. דער ממזר נעמט זיך געשווינד אין דער זייט, דרייט זיך אין איילעניש און כאַפּט זיך אַריין אין אַ שמאָל געסל. מיין האָרבאַטע כאַפּט דערוויל אויך, אַנטלויפט אין דער אַנדערער זייט און ווערט אַנטרונען.

עס פאַרשטייט זיך, זי לויפט געשווינד מיך אַרויסצונעמען פון דער קלעם. נאָר שטעלט אייך פאָר איר האַרצוועטיק, אַז זי פאַרדרייט זיך לויפנדיק אין געסלעך, און קאָן נישט טרעפן צום אָרט, ווו מיר זענען פריער געזעסן? זי ווייסט, אַז איך בין אין אַ גרויסער סכנה, מען באַדאַרף מיך גיכער באַפרייען, איין רגע איז אַצינד טייער, און דאָ דרייט זי זיך און ווייסט נישט צו מיר דעם וועג!... אַ היפּשע צייט האָט אַזוי געדויערט, ביז גאָט האָט געהאָלפן, זי האָט געפונען דעם קעלער און מיך באַפרייט.

מיר גייען אַזויביידע און רעדן מיט אַ פריילעך געמיט. איך איר: נשמה מיינע! דו ביסט מיר היינט ביינעשטאַנען אין די נויטן. און זי מיר: פישקע! דו האָסט מיר געדינט ווי אַ ברודער נעכטן, געדענקסטו, דאָרט אין הויז, ביינאַכט. נעכטן... נאָר נישט ווייט שוין פון הקדש באַפאַלט אונדז אַ מרה־שחורה און עס נעמט אונדז אָפּ דאָס לשון. דאָס האַרץ האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר גייען נישט אויף קיין גוטס, עפּעס גלאַט וועט שוין די היינטיקע נאַכט אַזוי נישט אָפּלויפן.

איין העלפט טויער פונעם הקדש איז געווען צוגעמאַכט, די אַנדערע העלפט אַ ביסל אָפן, אַזוי אַז אין דעם הויז האָט פון דער גאַס אַריינגעשיינט אַ ליכט. צוקומענדיק צום טויער, שטעלן מיר זיך אַ ווײַלע אַנידער מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, דערנאָך נעם איך מיך צו ערשטן אַריינצוגיין שטיל. קוים שטעק איך אַריין דעם קאָפּ אין הויז, דערזע איך, כמעט טאַקע אין דעם טויער, דעם ממזר, ווי ער זיצט זיך אָנגעלענט מיט מיין ווייב, פרעסן פון דער טאָרבע און טוען זיך וואויל. דער ממזר שושקעט איר עפּעס אין אויער אַריין און ווערט באַלד ווי אויסגעטריקנט. זי שטייט אויף אין איין כעס און כאַפּט זיך אויף מיר אַרויף מיט אַ מויל: דו אַזוינער און אַזעלכער, אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין! דו וועסט עס ביי מיר די גאַנצע נאַכט מיט אַזאַ הולטאַיקע, אַזאַ דראַבקע אַרומשאַרלאַטאַנעווען? דו מיינסט אפשר, איך ווייס נישט דיינע מיאוסע גענג? איך ווייס, נישקשה, אַלצדינג שוין לאַנג און שטיק, נעבעך, אין זיך, האָב אַ פאַרפוילטע גאַל. אַזוי דאַנקסטו עס מיר אָפּ פאַר מיין גוטסקייט, וואָס איך האָב דיך אַרויסגעפירט אין דער וועלט, געמאַכט פון דיר אַ לייט?! דו מיינסט, כלב שבכלבים, דאָס וועט דיר געשענקט ווערן? ניין! איך וועל דיר ווייזן, יונגאַטש איינער, אין דיין טאַטן אַריין, מיט דיין דראַבקע, אין איר טאַטנס

מאַמען און מאַמענס טאַטן אַריין! מיט איר איינעם וועל איך דיר ווייזן, ווער עלטער איז — נאַ, נאַ! — הייבט זי מיך אָן צו שלאָגן. — נאַ דיר פאַר היינט, פאַר נעכטן און פאַר פריער, נאַ,נאַ,נאַ, די כפּרה זאָלסטו ווערן! —

איך רייס מיך קוים אַ לעבעדיקער פון אירע הענט אַרויס און לויף אַפּעט עטלעכע טריט ווייט אויף דער גאַס. זי שטייט נאָך אַ היפּשע ווײַלע אין דרויסן און שרייט, דערנאָך גייט זי אַריין אין הויז און שרייענדיק: ליג ווי אַ הונט אינדרויסן, פאַרשפּאַרט זי מיר דעם טויער מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ.

איך שטיי מיט דער האַרבאַטע, נעבעך, אינדרויסן און קוקן אונדז אָן. ביידע זענען מיר שטאַרק באַטריבט, אונדז ביידע איז אָנגעזאָלצן אויפן האַרצן דערפון, וואָס דאָ איז ערשט געשען. די צרות לאָזן אונדז ביידע נישט איינשטיין אויף אַן אָרט און מיר לאָזן זיך גיין, ווהין די אויגן קוקן, איינער מיט דעם אַנדערן נישט צו רעדן קיין וואָרט, ביידע פאַרטראַכט. אַז איך בין צו זיך געקומען, זע איך, מיר געפינען זיך אויפן שול-הויף. דאָס האַרץ האָט מיר געריסן קוקנדיק אויף דער האַרבאַטע, נעבעך, ווי זי ווערט עם פאַרשוואַרצט. די אַנדערע נאַכט, אַז זי האָט נישט קיין רו. איך טראַכט ביי מיר: וואָס טוט מען, וו ערגעץ געפינט מען איר אַ נאַכטלעגער? און עם פאַלט מיר איין זייער אַ גוט אָרט — די ווייבערשע שול!

אַז גאָט האָט געהאָלפן, מיר זענען בשלום אַרויף, נאָך גרוים מי, אויף אַ צעבראָכן טרעפּל, וואָס האָט זיך געוויגט, געשאָקלט אונטער אונדזערע פים, און אינדערפינצטער אָנגעטאַפּט אַן אָפענע טיר, פאַלן מיר פלוצעם אויף עפּעם ווייכס. עס ווערט אַ גערודער, אַ שפּרינגעניש אַרום אונדז, אויף אונדז און איבער אונדז. מיר כאַפּן קלעפּ, הינטן, אין די זייטן, נישט צו וויסן פונוואַנען דאָס איז אונדז געקומען. איך וואַרף מיך אַהין-אַהער, צאַפּל מיט הענט און מיט פים און כאַפּ אָן אַ באָרד, פון וועמען מיינט איר? אַ באָרד פון אַ ציג!... דאָס זענען געווען ציגן, וואָס האָבן ווי געוויינטלעך, אַ חזקה צו נעכטיקן איינעם מיטן קהלשן צאַפּ אין דער ווייבערשער שול.

— וו ביסטו ערגעץ? — רוף איך מיין האַרבאַטע. — שרעק זיך נישט, דאָ זענען, אָן עין-הרע, זייער פיל ציגן! נישט קיין אָרעם שטעטל, אַפּנים. — איך זוך אויף, טרייב אַרוים די ציגן, זיי זאָלן היינטיקע נאַכט מוחל זיין און נעכטיקן אינדרויסן. אַליין גיי איך טאַקע באַלד אויך אַרויס, זאָגנדיק איר אַ גוטע נאַכט, און מאַך גוט צו די טיר.

ביים אַראָפּגיין פונעם טרעפּל שטעלט מיר זיך אַקעגן דער צאַפּ, אָנגעבויגן דעם קאָפּ מיט די לאַנגע הערנער, שטאַרק אָנגערודלט דערפאַר,

וואָס איך האָב אַזוי מיאוס באַליידיקט זיינע ווייבער. איך ראַנגל מיך מיט זיי, אין וואָלד, אַריבער די חבר'ים, עם האָב אַ קריג מיט מיר אויף אים אַוועק אַ צייט, ער לאָזט מיך נישט אָפּ און גייט מיר נאָך פוס־טריט, ביז מיר איז געראָטן אַריינצוכאַפּן זיך אונטן אין קלייזל אַריין.

אין קלייזל ליגן אויף טיש און אויף בענק אויסגעצויגן מקבלים און שלאָפן ווי די פּריצים, איבערפייפנדיק זיך מיט נעז צווישן זיך אויף אַלער־ליי קולות. אַ מחיה געווען צו זען, ווי געשמאַק, אַן עין־הרע, זיי זענען געשלאָפן. מקבלים איז טאַקע אויף דער וועלט גוט, האָב איך מיר גע־טראַכט און זיי אין הארצן מקנא געווען. דאָס זענען עפּעס גאָר אַנדערע מיני קבצנים, נגידישע... איך זוך מיר אוים אַן אָרט אונטערן אויוון, טו מיך אַ וואָרף דאָרט אויף אַ באַנק און ווער באַלד אַנטשלאָפן. נאָר מיר איז אָבער נישט באַשערט קיין גוטס אויף דער וועלט. עס דויערט נישט לאַנג וועקט מען מיך אין רעכטן מיטן שלאָף: „יונגערמאַן, שטייט, זייט מוחל, אויף!" איך רייב אוים די אויגן און דערזע פאַר מיר היפּש יידן מיט ערנסטע פּנימער. דאָס זענען געווען פון דער חברה־תהילים־מענטשן, וואָס קומען אַלע שבת גאַנץ פרי זאָגן תהילים און האָבן זייער אָרט דאָ אונטערן אויוון. אין ברירה, מען מוז אויפשטיין. איך גים אָפּ נעגלוואַסער, זעץ מיך אַנידער, קוים וואָס איך האַלט דעם קאָפּ. צו מיר, גענעץ און זאָג תהילים.

כ

נאָך דעם פּסק, וועלכן איך האָב יענעם פּרייטיק־צונאַכט פון מיין ווייב געכאַפּט, איז שוין פאַרענטפערט געוואָרן אַלצדינג, וואָס איר משו־גענע אויפפירונג אַקעגן מיר אין דער לעצטער צייט באַטייט. עס האָט זי געברענט מיין הבר־זיין מיט דעם האָרבאַטע מיידל, וואָס דער ממזר האָט עס איר איבערגעגעבן מיט טויזנט אָפּגעטאָקטע ליגן. ער האָט ביי זיך געקלערט, אַז דורכדעם וועט מיין ווייב מיך נישט וועלן מער קענען, צי שפּיי טאָן אויף מיר און אַן עק. ס'איז אָבער געווען אַ פאַלשע רעכענונג. אַנשטאָט דעם זי זאָל מיט אַ קאַלטער לעבער מיך לאָזן לויפן מיין וועג און אויף אייביק זיך מיט מיר צעגיין, האָט גאָר אין איר געברענט אַ העליש פייער. סטייטש, איר מאַן זאָל אַזוינס טאָן! עפּעס אַ האָרבאַטע מיידל זאָל פּישקען בעסער געפעלן פון איר! דאָס איז דאָך אַזאַ באַליידיקונג, וואָס איז שווער אַראָפּצושלינגען. גיין, מען קאָן אַזוינס נישט דערלאָזן.

— איי, די קשיא איז דאָך, פאַרוואָס זי... דיינע, מיין איך, מיט דעם ממזר? — קאָן זיך אַלטער נישט איינהאַלטן און טוט אַ פרעג מיט אַ גמרא־ניגון.

— זענט איר, דאַכט זיך, גאַנץ גערעכט, — ענטפערט פישקע, — גאָר אויף אַזויפיל האָב איך אין דער גלופסקער באָד מיך אויסגעלערנט שכל צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז קיין קשיא נישט. ווו נאָך ערגעץ ריכט מען פון איטלעכן אָפּ מער ווי אין דער באָד? און ווער? דווקא אַזעלכע, וואָס האָבן געמעגט, כ׳לעבן, טאַקע שטומען. איינער, וואָס האָט קיין וואָרט נישט, שפעט אויס יענעם, אז ער איז א ליגנער; אזעלכער, וואָס מען טאָר אים קיין גראָשן נישט געטרויען, רעדט אויף יענעם, ער איז א גנב; א קארגער, וואָס וועט פאר א פעניג זיך די אויגן ארויסנעמען, לאַכט: יענער איז אַ ח ז י ר! א שלעכטער מענטש, וואָס האָט א שטיינערן הארץ, רופט יענעם רשע; און אַזוינער, וואָס פאַר אַ פיצל כבוד איז ער פאַרטיק אויף אַלצדינג, באַרעדט יענעם, אַז ער לעכצט נאָך כבוד. בערל דער שמייער פלעגט אַמאָל צווישן זיך אין אַ שמועס אָנכאַפּן ביים קאָפּ: אַי, אַי! איך פאַרשטיי נישט, ווי ליינגט זיך עס די צונג אָפּצוריכטן פון יענעם, ווייסנדיק זייער גוט ביי זיך, אז מען איז אליין א גנב, א ליגנער, א חזיר, אַ שלעכטער — אַלצדינג וואָס אין דער קאָרט!

— הערסטו, חכם מיינער! — פלעגט אים אָפּענטפערן איציק דער היטער, — דאָס איז טאַקע די גאַנצע צרה, וואָס מען ווייסט נישט, זיינע פליי אין דער גאָז זעט נישט קיינער און יענעמס אַ שפּרענקעלע איז דעם אַנדערן גרויס אין די אויגן.

שמערל, איינער פון יענע בטלנים, וואָס האַלטן זיך אויף אין באָד, פלעגט מאכן מיט א שמייכעלע אָננעמענדיק זיך ביים בערדל: לאָזט זיך דינגען, ר׳ בערל! לאָזט זיך דינגען, ר׳ איציק! איר האָט ביידע אַ טעות. דער אמת דערפון איז, ווי איך האָב דערקלערט, פשוט אזוי: איטלעכער ביי זיך מיינט, ער מעג, דער אַנדערער טאָר נישט.

— גערעכט, שמערל! — לאָז איך ארויס אויף א קול, אונטערשפרינגענדיק פון מיין אָרט און פארטראכט מיך טאַקע באלד. שמערלס ווערטער האָבן אונטערגעגעבן ווײַרער דעם טייוול, וואָס ליגט אינעווייניק ביי איטלעכן פון אונדז, זינדיקע מענטשן. ער כאַפּט זיך אויף אין מיר מיט א שטעכנדיק געלעכטערל, גראַבלט מיך ביים האַרצן, צעטראָגט מיר דעם מוח, אויפרירנדיק דאָרט מיינע אלע געדאנקען און קראַצט אויך אויס עפּעס אלטע מעשיות, פארלעגערטע אין דעם זכרון. עס ווערט אין מיר א קאָכעניש, א יאריד פון אלערליי מיני געשטאַלטן, וואָס זענען פלוצעם ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסן, און, אָנווייזנדיק אויף זיי, רעדט אויס מיר דער רוח ארויס שטאַרק פארקרימענדיק זיך:

— אָט האָסטו דיר די אַלע שיינע נפשות! זיי אַלע מעגן, מעגן, מעגן...

די דאָזיקע שיינע נפשות דרייען זיך אין דעם האַנדל, אין שטעטישע זאַכן, אין חברות, אין דעם יידישקייט און אין דער גאַנצער פירונג. וויי־בער און ווייבלעך אַלע סאָרטן פון דער אַלטער און היינטיקער וועלט זענען אויך דאָ אויפן יאריד. שלום־עליכם, פאַרשווינען! — מאַך איך אליין צו מיר. — גאָט ווייסט דעם אמת, אז איך בין גערן אייער פנים נישט אָנצו־קוקן און דעם נאָמען אייערן מער פאַר דעם מויל נישט צו ברענגען. אַזוי נמאס־ומאוס זענט איר מיר געוואָרן. נאָר וואָס קאָן מען טאָן? אז דער שוואַרציאָר האָט אייך אַצינד געבראַכט צו טראָגן, קאָן מען אייך אַזוי נישט אָפּלאָזן: מען מוז אים צוליב טאָן און פון אײַלעכן כאָטש עפּעס דערציילן.

— וואַרט אַביסל, פישקע! האָט קיין פאַריבל נישט, ר׳ אַלטער! — רוף איך מיך אָן. — איך האָב אייך עפּעס צו דערציילן, נאָר לאָמיך אַביסל מיך באַטראַכטן. — און טראַכטנדיק דאָ אַזוי, גיב איך אַ נעם איי־נעם פון דער גוטער כנופיא: קום צום סמיק! ער וואַרפט זיך מיט הענט און מיט פיס, קרעכצט, שרייט, ווי דער געפּענטעטער האָן בשעת כפרה שלאָגן. די איבעריקע לייט קוקן מיך אָן קרום און מאַכן אַ בייזע מינע, איך זאָל שווייגן. גאַראַנים! — טראַכט איך ביי מיר, — איך הער אייך ווי דאָס מילכיקע קלינגל. מיך וועט איר מיט „בו" אין אַן איבערגעקערטן פּעלץ נישט איבערשרעקן. מאַלפּעס זענט איר, נישט קיין בערן... דער טייוול צעהיצט זיך אין מיר און גיט מיר אונטער חשק: „אַזוי, אַזוי! נעם זיי, נעם זיי צום סמיק, די אַלע שיינע נפשות!"

— הערט, זייט מוחל, ר׳ אַלטער, אַ שיינע מעשה. אין אַ יידישער שטאָט ערגעץ זענען די פיינע לייט, וואָס דער שטיינער זייערער איז... — הייב איך אָן אַזוי צו דערציילן און בלייב אין דער מיט רייד ווי דער־וואָרגן. — די ווייבער ווינקען צו מיר מיט אַ געבעט: גוטער, זיסער ר׳ מענדעלע, האָט רחמנות, זאָגט נישט אויס!... זיי מאַכן חן, קוקן און בעטן מיך מיט ברענענדיקע אייגעלעך. דער ווייבערשער חן מאַכט מיך ווייך ווי אַ טייג, פון זייערם אַ בליק ווער איך צעשמאָלצן. דערביי דערמאָן איך מיך אין מיין נדר, איינצוקויפן זיך אין דער חברה פעטערס. כאַפּט אייך דער וואַטלמאַכער! — מאַך איך מיט אַ שמייכעלע און װענדניק זיך צו אַלטערן, זעץ איך צו: — זיי מיין איך, יענע פיינע לייט אין דער שטאָט דאָרט. עפּעס גלוסט מיר זיך היינט נישט צו דערציילן מיין מעשה. לאָזן זיי גיין צו אַלדי שוואַרצע יאָר... האָט קיין פאַריבל נישט, ר׳ אַלטער.

— פאַרקערט... מהיכא־תיתי, פון מיינעטוועגן מעגן זיי אויך כאָטש באַלד די כפרה ווערן. נאָר וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג יענעם איבער־

שלאָגן, אַריינפּאַלן אים אין די רייד מיט מעשיות, אייערע מעשיות?... — אַזוי רופט זיך אָן אַלטער און קוקט מיך אַזוי אַ ווײַלע אָן, מאַכנדיק מיט די אַקסלען עפּעס אַזוי, גלייך ווי גערעדט: אַ לעבערדיקער זאַק, מישטיינס געזאָגט, עס שיט זיך פון אים ניין מאָס רייד אָן אַן אויפהער. שטאַרק נייטיק, כ'לעבן, זיינע מעשיות! טאָמער ווייסט איר צוואָס?... און אַ מאַך געבנדיק דערנאָך אין דער זייט אַ פּאָר מאָל: פּע, פּע! — טוט ער אַ טאַרקע פּישקען: נו, וואָס? מילא בקיצור דער שפּיץ?

פּישקע הייבט אָן אויף זיין שטייגער, איך נאָך אים אַרבעט אויף מיין שטייגער, אַלטער טרייבט אונטער אויף זיין שטייגער — און די מעשה דערציילט זיך ווייטער אַזוי:

— די צייט איז זיך דערווייל געגאַנגען און איך מיט מיין ווייב זענען מיר אַלץ וואָס ווייטער זיך מער פונאַנדערגעגאַנגען. זי האָט נאָך שטאַרקער זיך איזניובעט מיט דעם ממזר, זענען געוואָרן חבר־לאַפּ, גאַנץ נאָענטע שמעלקעס און פלעגן שוין ביידע, ווי אַפּריץ מיט אַ פּריצה, אין די הייזער אַרומגיין. מיר האָט עס שוין מער נישט אַזוי אויסגעמאַכט. דער קאָפּ איז מיר געווען שטענדיק פאַרדרייט מיט דער האָרבאַטע, נעבער, זי איז מיר קיין רגע פונעם זינען נישט אַרויס. גייט אייך, האָב איך געטראַכט, פונמיינעטוועגן כאָטש אין דער ערד, וואַרגט זיך ביידע מיט די הייזער! ביים באַגעגענען זיך אַמאָל מיט די פּאָר לייט, פלעגט דער ממזר מיך אָנקוקן מיט געשפּעט, עפּעס ווי גערעדט: איך האָב דיר אָנגעפּייפט גוט, נישקשה... איך האָב געווינטלער אויסגעשפּיגן און בין מיר געגאַנגען מיין וועג, טראַכטנדיק ביי זיך: און אַז דו שלעפּסט זיך מיט איר אַרום, וואָס העלפט עס דיר? אַז זי איז אַן אשת־איש, הע־הע, גוט פאַרטשוואָקעוועט, נישקשה! אָבער איך האָב דיר אויך אָנגעפּייפט, דו ממזר איינער! פּיקע זיך, ווער צעזעצט...

מיט מיר האָט אָנגעהויבן אין די הייזער אַרומצוגיין אַן אַלטיטשקער, פונעם ממזרס פּעקל, אַ רשע־מרושע, אַ נאָטקע גנב אַזוי ווי ער. און ער האָט עס געמאַכט מיט מיר גאַנץ גוט. איטלעכער האָט אים געמוזט געבן, אַזאַ רחמנות־פּנימל פלעגט ער קאָנען מאַכן, אָנווייזנדיק אַלץ מיט אַ קרעכץ טיף פונעם האַרצן אויף מיר, ביטערע קאַליעקע. געהייסן האָט עס עפּעס, אַ ווייסטער טאַטע מיט אַן אומגליקלעך קינד, נעבעך.

— הינק, פּישקע, הינק גוט, תכשיט מיינער! — פלעגט ער מאַכן, אונטערשטופּנדיק מיך פון הינטן ביים אַריינקומען אין אַ שטוב. — פאַרקרים דאָס פּנימל און זיפץ, זיפץ, דו הונט איינער. זיי וועלן מיר, נישקשה, פאַר דיינס אַ זיפץ באַצאָלן.

אויפן וועג גייענדיק פלעגט ער מיך אַליין לערנען מאַכן די שפּיל, אָפּ־שפּעטן פון די באַלעבאַטים, אַ קניפּ, אַ צופּ טאָן און שילטן מיך „דערביי: פאַרכאַפּט זאָלסטו ווערן! — גאָר אין גוטן מוט. איינמאָל האָט ער מיר, אין שפּאַס קלאָמפּערשט, געגעבן אַ באָכענצע אין הארצן, דאָ אין לעפּעלע, אזוי אז איך האָב שיר די ניכפּא נישט באַקומען. די נדבות פלעגט ער געוויינטלעך צו זיך צונעמען און ס׳איז מיר שווער געווען אַ גראָשן ביי אים אויסצוריידן. „וואָס טויג דיר, פּישקע, געלט?“ — פלעגט ער שפּאַסן, — „אַז דו ביסט אַליין געלט, דו זאָלסט מיר דערלעבן הינקען מיט די פיסעלעך און קרענקען אויף אַלע גלידערלעך ביז דו וועסט מיטן קעפּעלע אָנלייגן, תכשיט מיינער.“ איינמאָל בין איך צו אים שטאַרק צו־געשטאַנען, עס האָט מיך געצווונגען די נויט, און האָב געבעטן חלק מיטן האַרבן וואָרט. אַ קוק געבנדיק, אַז איך מאָן אים דאָ אַזוי, האָט ער גע־עפּנט אויף מיר אַ מויל: שטום, קרומער הונט! אומזיסט וועסטו דאָס פאָרן ביי מיר אין בויד? אומזיסט וועל איך דיך, אַזאַ נבלה, אַרומפירן דאָ? תרבות, שייגעץ! איך וועל דערצייילן דיין ווייב. איך קען דיך נישט און האָב מיט דיר נישט וואָס צו טענהן, קענען קען איך נאָר דיין ווייב, זי האָט דיך מיר איבערגעגעבן, פון איר האָב איך אַזאַ סחורה באַקומען און מיט איר וועל איך שוין מסתמא זיך אָפּרעכענען...

שלעכט! אַצינד האָב איך גאַנץ קלאָר אַרויסגעזען, אַז איך בין ביי דער כאַליאַסטרע, אזוי ווי אַ בער ביי די ציגיינער. מען פירט מיך אַרום צו מאַכן מיט מיר די קאָפּעקע. מען האָט ביי מיר צוגענומען מיין ווייב, זי אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין און זי העלפט נאָך זיי אויך אונטער אַקעגן מיר, זי גיט מיך איבער, ווי סחורה, הולטאַיעס, גנבים אין די הענט!... שלעכט, ביטער, ס׳איז שוין גאָר אוים וועלט.

איך האָב שוין אַרויסגעזען, ס׳איז פאַרפאַלן, צווישן מיר מיט מיין ווייב וועט שוין קיין לעבן מער נישט זיין. הייגט צו וואָס, האָב איך גע־טראַכט, זאָל איך מיך דאָ האַלטן? מען באַדאַרף אנטלויפן, ווי גום גיכבטן אַנטלויפן. אַ טאָג אַן איבעריקער צווישן אַזעלכע גנבים איז אַ זינד פאַר גאָט. דאָס זענען דאָך מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין גאָט אין האַרצן, וואָס טוען נישט קיין האַנט אין קאַלטע וואַסער אַריין, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אינגאַנצן דעם יאָך, ווילן נישט וויסן פון קיין אַרבעט, פון דאגות־הפרנסה, און זיך אויף אַנדערע אָנגעוואָרפן, נאָגן, זויגן יידיש בלוט און זענען נאָך זיי דם־שונאים. איך אַליין בין ביי מיר אויך מיאוס אַראָפּגע־פאַלן, באַטראַכטנדיק מיינע אַלע געגנג אין דער גאַנצער צייט צווישן דעם דאָזיקן פעקל שלעכטע מענטשן. גאָר נישט דער אייגענער וואָס פריער. עס האָט צו מיר זיך צוגעקלעפּט פיל נישט קיין שיינע זאַכן פון זיי. איין

מיטל פטור צו ווערן פון אַזויפיל צרות און בייז — איז אַרויסצורייסן זיך פונעם מיאוסן פעקל און ווייכן זיי ווי אַן עיפּוש. נאָר וואָס טוט מען אָבער מיט איר? ווי לאָזט מען איבער זי, די האָרבאַטע מיינע? מיר איז פירגעקומען, ווי איך שטיי אין אַ פאַרדאָרבן אָרט, אַ שרעקלעכן גרוב, גאָר אַ גיהנום. אין איין אויער אַריין שרייט מיר עפּעס אַ קול: פאַרשפּיל נישט דיין נשמה, פישקע, ווי גאָט איז דיר ליב, אַנטלויף! און אין דעם אַנדערן אויער קלינגט מיר פון דער האָרבאַטע מיינער אַ קול: פישקע, פישקע!... מען באַדאַרף אויסקלייבן איינס פון די ביידע: אָדער אַהין אין דער ליכטיקער וועלט, ריין פון זינד, פון צרות און בייז, אָדער דאָ אין דעם גיהינום נאָר איניינעם מיט איר. איך האָב מיך גוט אויסגעוויינט און... גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די זינד — איך בין געבליבן ווייטער ביי דער כאַליאַסטרע.

שפּעטער ערשט, אין אַ צייט אַרום, איז מיר אין קאָפּ אַריין אַ געדאַנק מיט דער האָרבאַטע איניינעם אַנטרונען צו ווערן פונעם גוטן פעקל. נאָר דאָס אָבער האָט דאָך אַנדערש נישט געקאָנט זיין סיידן אויפגעבונדן צו ווערן פריער פון מיין ווייב. וואָס וועט דער תכלית זיין פון מיין אַרומפירן זיך מיט א מיידל גלאַט אַזוי? די וועלט וועט טומלען און טראַכטן, גאָט ווייסט וואָס... איין רפואה איז דאָ — גט. נאָר וועט מיין ווייב אָבער, טראַכט איך ביי מיר, וועלן נעמען גט? זי איז דאָך אַ שלאַק, אַן אָנשיקעניש פון זיין ליבן נאָמען. אַז איך וועל זאָגן גט, וועט זי, מיר אויף צעשפּרינגעניש, זאָגן, ניין! די גרעסטע הנאה אין דער לעצטער צייט איז ביי איר געווען מיך צו פייניקן און צו טאָן מיר אין דער גאַל אַריין. פונדעסטוועגן האָט עס מיך נישט אָפּגעשראָקן און האָב מיר פירגענומען אַרום דער זאַך צו אַרבעטן מיט גוטן אָדער מיט בייזן, אפשר וועט גאָט רחמנות האָבן. דערווייל האָב איך די זאַך געהאַלטן ביי מיר בסוד, קיינער זאָל דערפון נישט וויסן.

זינט דער מעשה מיט דעם אַלטיטשקען האָב איך פאַר גרויס פאַרדרוס מיט קיינעם פון דער כאַליאַסטרע מער נישט געוואָלט אין די הייזער אַרומגיין. דאָס האָט מיך גענוג צרות געקאָסט, נאָר איך האָב מיך איינגעשפּאַרט, מיין טויט זאָל דאָ זיין, וועל איך מער קיין בער נישט זיין ביי די דאָזיקע ציגיינער. דער ממזר מיט זיין פעקל לייט זענען דערמיט שטאַרק נישט צופרידן געווען און האָבן מיר מיט די הענט געוויזן, ווער עלטער איז. שלאָגנדיק מיך איינמאָל, רופן זיי זיך אָנעט: פאַרוואָס זשע זאָלן מיר דיך אומזיסט פירן, שיינע סחורה, אַז דו ווילסט נישט אַרבעטן, ווילסט נישט פאַרדינען? גיי דיר אַוועק צו אַלדי שוואַרצע יאָר! — אַפילו די רגע, ענטפער איך זיי, גיט מיר אָפּ מיין ווייב! — זיי האָבן

זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן און אַרויסגעלאָזט אַ גרויס געלעכטער. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס וואָס איך האָב געזאָגט „גיט מיר אָפּ מיין ווייב" איז גאָר געווען אַן אויסרייד. אין האַרצן האָב איך גאָר געמיינט: האַלט זיך מיט איר, מיט אייער שטיק סחורה און לאָז זי נעמען ביי מיר גט. אמת טאַקע, פֿון די קלעפּ, וועלכע איך האָב געכאַפּט פֿאַר מיין עקשנות, האָט מיר גוט ווי געטאָן, נאָר דערביי האָט מיר הנאה געטאָן, טראַכטנדיק ביי זיך: נישקשה! דאָס וועט מיר נוצן צום עסק. אַז זיי וועלן זען, איך בין איינגעשפּאַרט און טויג זיי מער נישט, וועלן זיי גערן זיין מיינער פּטור צו ווערן, און דאָס וועט מיר דערנאָך העלפֿן צום גט.

כא

— בתיה! — גיב איך אַ זאָג צו מיין ווייב, צושאַרנדיק זיך צו איר מיט גוטן איינמאָל, אַז מיר זענען געווען אַליין, און געוואָלט אין אַ שמועס מיט איר אַ טאַפּ טאָן וועגן גט. — וואָס האָסטו, בתיה, צו מיר?

— ווער די כפּרה, פּישקע! — באַקום איך פֿון איר אַ קורצע תשובה.

— אָט האָסטו דיר! — מאַך איך ווי אָנגעברוגזט זיך. — איך מיט איר אַלץ אַדרבא ואדרבא און זי אַלץ קידער־ווידער: ווער די כפּרה, פּישקע! פֿאַרוואָס?

— באַקום־זשע די ניכפּא! — זאָגט זי מיט אַ קרום פּנים, אַוועקרוקנדיק זיך פֿון מיר.

— זאָלסט מיר געזונט זיין, בתיה! — רוף איך מיך אָנעט מיט גוטן.

— וואַרף, כ'לעבן, אַוועק דיינע גאַרישקייטן און לאָמיר לעבן ווי גאָט האָט געבאָטן.

— ווער די כפּרה, פּישקעניו, מיט דער הולטאיקע דיינער איינגעם!

אַ־אַ, ווער דו כפּרה דו בעסער מיט דעם ממזר דיינעם! — טראַכט איך ביי מיר און ארויס מיט דער שפּראַך גאַנץ ריין: — הער אויס, בתיה! ווי זאָגט מען עפּעס, אַ בת־ישראל נייט מען נישט. ווילסט נישט קיין לעבן, איז דאָך דאָ דערויף ביי יידן עפּעס אַ גט. רויט אָדער טויט!

— אַהאַ, די הולטאיקע גלוסט זיך אים! גיכער פּטרן דאָס ווייב און האָצעניו מיט דער דראַבקע! א, נישט דערלעבן זאָלט איר עס. גיכער וועט איר ביידע מיטן קאָפּ אָנלייגן. נישקשה, עס וועט איר נישט געשענקט ווערן, דער חצופה דיינער, קייען וועט זי פֿון מיר די ערד. הערסטו, פּישקעלע? אין טאַטנס טאַטנס טאַטנס...

מיין ווייב האָט זיך צעשריגן אַזוי, אַז איך האָב געכאַפּט די פּיס אויף די פּלייצעס און אַוועק.

מיט מיר איז געשטאַנען שמאָל. שלעכט אַרום און אַרום! איך אַליין האָב קיין האָניק נישט געלעקט, בין פאַרשוואַרצט געוואָרן, און די האָרבאַטע, נעבעך, האָט אויך געהאַט איר ערלעך אויסקומעניש, זי האָט געגאָסן אין מיין זכות, מיין ווייב האָט זיך פארהאלטן צו איר, ווי א באלעבאָסטע, געהאַט איבער איר צו שאַפן. נאָר עפּעס נישט נאָך איר ווונטש, האָט זי מיט איר זיך גוט אָפּגערעכנט, און דער ממזר פון זיין זייט האָט איר געמאַכט אַ פינצטערן פסק באַזונדער. אַז אָך און וויי איז אונדז ביידע געווען. אונדזער גאַנצע טרייסט איז געווען, וואָס שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע זענען געשלאָפן, פלעגן מיר זיך אַרויסגנבענען אינדרויסן, צו שמועסן כאָטש אַ ביסל און איינער דעם אַנדערן אויסצוגיסן דאָס שווערע ביטערע האַרץ.

איינמאָל זיצן מיר זיך אזוי ביידע ביינאַכט לעבן דער גרויסער שול. דער הימל איז אויסגעשטערנט און אַרום אונדז איז שטיל. נישטאָ קיין לעבעדיק באַשעפעניש. זי זיצט לעבן מיר אויף אַ שטיין, איינגענורעט, איינגעהויקערט, טרערן גיסן זיך איר פון די אויגן און ברומבלט פאַר זיך שטאַרק אומעטיק איר באַקאַנט לידל:

דער טאַטע האָט מיך געקוילעט,
די מאַמע האָט מיך געגעסן...

איטלעכס וואָרט אירס שנײַדט מיר דאָס האַרץ ווי מיט א מעסער. איך טרייסט זי, נעם זי איין מיט גוטע רייד. אָט נאָך אַ ביסל וועלן מיר, אם־ירצה־השם, אויפגעריכט ווערן. איך מאַך איר א גאנצן צעטל פון אונדזער לעבן שפּעטער, אַז מיר וועלן מיט דעם אייבערשטנס הילף ביידע פון די צרות אויסגעלייזט ווערן. איך שטעל איר אַנידער פאַר די אויגן אַלצדינג לעבעדיק, מאָל איר אויס די גלופּסקער געמויערטע באָד מיט איטלעכס פּיצעלע דאָרט. ווי איך וועל מיך אַהין ווייטער אריינדרייען, און אַז גאָט וועט דערהייבן דאָס מזל, קאָן איך מיט דער צייט באַקומען דאָרט אַ שטעלע פון אַ היטער. זי אַליין קאָן אפשר אויך מיט דער צייט האָבן דאָרט א טועכץ: זיין אַ טוקערין אָדער עפּעס אַנדערש אַזוינס. און ווען נישט, קאָן מען אין גלופּסק אויסזוכן אַנדערע מיני פּרנסות. פאַר אָרעמעלייט איז גלופּסק ארץ־ישראל, זי איז, אָן עין־הרע, גרויס, הייזער זענען דאָ ווי מיסט. די מענטשן זענען אָן הכמות, ווייסן נישט פון קיין צערעמאָניעס, איטלעכער טוט זיך, וואָס ער וויל, און ס'איז רעכט. דאָרט קאָנען, אַשטייגער, גאַנץ שיינע באַלעבאַטים זיך גיין אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, פאַרדריפּעט ביז דעם האַלדז און גאָרנישט; אָדער אין מיטן העלן טאָג זיך שפּאַצירן אויף דער גאס אין עפּעס א פארשמאָלצעוועט כאַלאַטל, צעכראַסטעט און גאָרנישט; אָדער פארקערט, אָרעמעלייט קאָנען גאָר אַמאָל ארויסגיין אָנגעטאָן אין זייד, אין סאמעט און אויך גאָרנישט; דאָרט איז שווער אונטער־

צושיידן צווישן קבצנים און נגידים נישט אין דער הלבשה, נישט אין דער גאַנצער פירונג. זייער אָפט מאַכט זיך, אַז גבאים אין אַלערליי חברות דאָרט זענען אַליין פאַר זיך גאָר קבצנים, ציען זיך דערפון דאָס שטיקל פּרנסה אײַנײַנעם מיט די רייכע, איינער העלפט דעם אַנדערן און ס'איז זיך אַ גוט לעבן. אָרעם איז נישט קיין שאַנד. מען באַדאַרף נאָר האָבן מזל, ווערט מען אויפגעריכט באַלד. וויפל זענען דאָ אַזוינע, וואָס ערשט נישט לאַנג זענען זיי געווען קליין, נידעריק, משרתים, קבצנים, נעבעך, און פּלוצעם געוואָרן לייט, גאַנצע פּירער, כּל-וכל אין דער שטאָט! מעגלעך גאָר, אַז איך אַליין, ווי דו קוקסט מיך אָן, קאָן מיט דער צייט אויך ווערן אַ טוער, אַ מאַכער, און עס וועט, אם-ירצה-השם, זיין גוט. מיר וועלן לעבן אין עושר און כּבוד און נחת. לאַך נישט, נשמה מיינע, איך בין גאָר נישט צו ווייט פאַרקראָכן. אין גלופּסק איז אַזעלעכס גאָר פון די געוויינטלעכע זאַכן, מען באַדאַרף נאָר גלייבן אין גאָט. ביי זיך נישט זיין אַראָפּגעפאַלן און זיין אַ ייד... מיט בטחון. אַך, גלופּסק, גלופּסק! ווי דערלעבט מען שוין זיך אויסרייסן פון דעם מיאוס-פּעקל און גיכער, מאַמע, צו דיר!

— אַך, פּישקע! איך האָב שוין קיין כּוח נישט מער אויסצוהאַלטן, — זאָגט די האָרבאַטע מיט אַ זיפץ טיף פונעם האַרצן, אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן קאָפּ מיר אויפן אַקסל און אויף דעם פּנים איז איר געלעגן עפּעס ווי אַ נעבעכט. איך גלעט זי, טרייסט זי און שטאַרק זי מיט גוטע האָפענונגען. זי ווערט אַ ביסל פרייליכער, קוקט מיר גלייך אין די אויגן אַריין און לאַכט.

— פּישקע! — זאָגט זי שטיל, — דו ביסט מיין איינציקער אויף דער וועלט, ביסט מיין טאַטע, מיין ברודער, מיין פריינד, מיין אַלצדינג. זע, פּישקע, זיי מיר געטריי און פאַרגעס מיך נישט. שווער מיר דאָ ביי דער שול, וו עס דאַווענען אַצינד די מתים און צווישן וועלכע עס געפינט זיך אפשר אויך מיין טאַטע, וועלכן איך האָב ווייניק געקענט, און איז אַן עדות. שווער מיר, אַז תמיד וועסטו מיר בלייבן געטריי...

איך האָב מיך אַ נעם געטאָן שטאַרק קנעלן מיט מיין ווייב וועגן גט, געאַרבעט, גערעדט אַהין-אַהער. ביז צווישן אונדז איז אָפּגעמאַכט געוואָרן אַזוי: דאָס ביסל געלט, וועלכעס ביי מיר האָט זיך אָנגעזאַמלט אין דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב געאַרבעט פאַר מיר אַליין, האָב איך באַדאַרפט איר אין האַנט אָפּגעבן טאַקע באַלד, נישט איינצולייגן עס פריער, ווי דער שטייגער איז, און חוץ דעם האָב איך נאָך זיך מתחייב געווען דעם גאַנצן ווינטער, וועלכן מיר וועלן דערלעבן, מיך צו לאָזן, גאָר אָן שום טענות, חברה זאָל מיט מיר מאַכן די שפּיל, דאָס הייסט, מיך לאָזן פירן אין די הייזער און די נדבות, וועלכע מען וועט מיט מיר מאַכן, געהערן צו מיין ווייב פאַר איר כּתובה. דער ממזר האָט מיט אַ שמייכעלע מיר געבראַכן

Gleb
-53

די ביינער והכל שריר וקיים און געזאָגט מזל־טוב. איך בין ווידער געוואָרן אַ בער, אַ גוט שטיקל סחורה, דער אַלטיטשקער איז ווייטער טאַקע מיט מיר אין די הייזער אַרומגעגאַנגען און איך האָב אַלץ געמוזט הינקען גוט, זיפצן, קרימען זיך, מאַכן אָנשטעלן, ווי ער האָט מיר געהייסן.

נאָך פּסח זענען מיר געקומען ערגעץ אין אַ שטעטל, אין כערסאָנער גובערניע, וווּ איך האָב די ערשטע צייט געאַרבעט לויט מיינע התחייבות, נאָר דערנאָך האָב איך געזאָגט: גענוג! לאָז שוין זיין דאָ טאַקע אַן עק. מיין ווייב האָט תחילת זיך געקווענקלט, געבעטן אַ פּאָר טעג זיך מיישב צו זיין. צום סוף האָט זי געענטפערט: גוט, מאָרגן נעמט זי גט. ס'איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, אַזוי שטאַרק האָב איך מיך דערפרייט. פאַר שמחה האָב איך נישט געקאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט. עס האָט מיך עפּעס געצויגן אינדרויסן. איך האָב אַ היפּשע צייט מיר אַרומגעשפּאַצירט אין די גאַסן און אין איין וועג טאַקע מיט חשק געגאַנגען אויך אין די הייזער, טראַכטנדיק ביי זיך: וואָס קאָן עס שאַטן? אויף דער הייסער שעה, ביים אַראָפּגיין פון קעסט, וועט מען באַדאַרפן האָבן עטלעכע גראָשן. דער עסק מיינער איז געגאַנגען גוט. אַזאַ „אין די הייזער אַרומגיין“, ווי דענסטמאָל, געדענק איך שוין נישט פון אַ צייט. עס טרעפט זיך אַזוינס איינמאָל אין הונדערט יאָר. אַז גאָט וויל העלפן אַ מענטשן, העלפט ער אים מיט אַלעמען. אין וועלכער שטוב איך בין אַריין, בין איך ליידיק פון דאָרט נישט אַרויס. דאָס מזל האָט מיר דענסטמאָל געשפּילט און האָב באַדאַרפט גראָד טרעפן אין אַ שטוב, וואָס דאָרט איז געווען אַ ברית. דער עולם איז געווען שטאַרק פאַרלעקט, לעבעדיק, פריילעך, מען האָט מיר געגעבן אַ גוטן טרונק בראָנפן, אַ גאַנץ קידוש־גלעזל, אויך אַ גרויס שטיק לעקעך, אַ מלכות־ברייטל און דערצו נאָך עפּעס געלט מיט אַ רויזן־בולקעלע.

איך האָב מיך איינגעהאַלטן נישט צו פאַרזוכן אַפילו קיין ברעקל און באַהאַלטן די אַלע גוטע זאַכן ווייט אין דעם בוזעם, צו ברענגען עס אַ מ ת נ ה מיין האָרבאַטע מיידל. מען האָט באַדאַרפט זען, מיט וואָס פאַר א פרייד איך בין עס געגאַנגען דעם גאַנצן וועג, אַלץ געטראַכט ביי מיר: היינט ביינאַכט, אַז דער עולם וועט שלאָפן, וועל איך איר דאָס געבן, לאָז זי, נעבעך, אויך הנאה האָבן. זי איז, נעבעך, פאַרוויסט, פאַרוואָגלט, האָט אַ האַרץ פול מיט מכות. זי האָט, נעבעך, נישט געהאַט אין איר לעבן קיין זיסע מינוט. נאַ, לאָז זי וויסן, אַז פּישקע איז אַ גוטער ברודער, ער זאָרגט זיך פאר איר און היט זי אָפּ ווי דאָס שוואַרצאַפּעלע אין אויג. ער וועט באַדאַי אַליין נישט עסן און איר דאָס לעצטע, דעם בעסטן ביסן אַוועק־געבן. עס האָט זיך מיר געדאַכט, ווי מיר ביידע זיצן לעבן דער גרויסער

שול און האָבן שטאַרק הנאה. זי עסט, קוויקט זיך מיט דעם לעקעך און איך איר: נשמה מיינע, לאָז דיר ווויל באַקומען! טראַכטנדיק דערביי ביי זיך: אַ גוטער סימן! הלוואי אינגיכן לאָמיר עסן לעקעך ביי אונדז... איך זאָג איר אָנעט די בשורה: מאָרגן ווער איך אויסגעלייזט, מיין ווייב נעמט גט, און זי שיינט, קוועלט גאָר אָן. מיר קלערן, וויאַזוי שטילערהייט אַרויסצוכאַפּן זיך פון דער כאַליאַסטרע און מאַכן אַ פּליטה. ביי אונדז ווערט פּאַרטיק וועגן דעם אַ גאַנצער פּלאַן און ס'איז דאָ אַ האָפענונג, אַז עס וועט, אם־ירצה־השם, זיין גוט... אָט מיט אַזעלכע געדאַנקען בין איך מיר געגאַנגען דעם גאַנצן וועג און מיר פירגעשטעלט גליקן. אויפן וועג האָב איך נאָך באַגעגנט אַ וואַסערטרעגער מיט פולע עמער, דאָס איז דאָך געוויס אַ גוטער סימן. נאָר וואָס אָבער לאָזט זיך אויס?

עס לאָזט זיך אויס, ווי איז מיר, אַ מייך. איז אַ מענטשן באַשערט אומגליק, העלפן אים נישט קיין גוטע סימנים אויך, צען גויעם אַפילו זאָלן אים מיט פולן איבערגיין דעם וועג. אַז איך בין פאַרנאַכט געקומען צוריק אין הקדש, האָב איך שוין דאָרט נישט געטראָפן די כאַליאַסטרע!... אין דער צייט, וואָס איך האָב מיר לוסטיק אַרומגעשפּאַצירט אין דער שטאָט, זענען די שיינע לייט דערווייל אַוועקגעפאָרן און מיין ווייב, אויך מיין האָרבאַטע נעבעך, מיט זיי... דאָס איז שוין געווען דעם ממזרס מלאכה, זיינס אַ שפּיצל. — זאָל ער אַזוי וויסן פון זיין לעבן צו זאָגן, ווי איך האָב דענסטמאָל געוווסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. זאָל אים, רבונו־של־עולם, אַזוי דרייען אינעווייניק אין בויך, ווי מיר האָט זיך געדרייט דער קאָפּ. הושך און פינצטער איז מיר געוואָרן אין די אויגן, פינצטער איז מיין וועלט. דאָס איינציקע שטערנדל, וואָס האָט מיר געשיינט, איז פּלוצעם פאַרשוווּנדן געוואָרן. נישטאָ, ווי איז מיר, נישטאָ מיין טרייסט! נישטאָ מיין האָרבאַטע, נעבעך!... איך בין ווייטער עלנט ווי אַ שטיין, איינער אַליין אין דער גאַנצער וועלט. און זי? וווּ איז זי, וואָס טוט, נעבעך, זי, זי?...' פאַר וועמען וועט זי קאָנען כאָטש אַמאָל אויסוויינען, אויסגיסן איר שווער ביטער האַרץ? אוי, יידן! אַ ווייטעק, ס'איז מיר אַ ווייטעק טאַקע אין צווייען!

אַרויסנעמענדיק שפּעטער פונעם בוזעם דאָס שטיקל לעקעך, וואָס איך האָב איר עס אָנגעגרייט, איז מיר געוואָרן אַ לאָך אין האַרץ. איך האָב עס געהאַלטן שטייף, אָפּגעגאָסן עס מיט טרערן, ווי עפּעס אַ זאַך, אַ זכר וואָס בלייבט איבער נאָכן טויט פון אַ געליבט קינד, פון אַן איינציק קינד. נישט באַשערט דיר צו פאַרזוכן עס, צו דערקוויקן זיך איינמאָל אין דיין לעבן, אומגליקלעכע, בידנע נשמה מיינע! איך קוק, קוק אויפן שטיקל לעקעך, קוש עס, וויקל עס דערנאָך איין ווי אַן אבן־טוב און באַהאַלט עס

ווידער אין בוזעם, טאַפּנדיק עס אָפּט און צוקוועטשענדיק עס צום האַרצן.. ווייס איך, וואָס מיר איז געשען?!...

כב

פישקע האָט ביי זיינע לעצטע ווערטער אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויפן פּנים, זיך אַוועקגעקערט אין דער זייט און געכליפּעט. מיר האָבן געפילט זיין האַרץ און אים געלאָזט צורו. אויף אונדז אַליין איז אויך אָנגעפאַלן אַ מרה־שחורה, מיר זענען געבליבן זיצן שטיל, איטלעכער פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען. אַלטער מיינער האָט זיך אַליין געקראַצט אין דער פּאה, געפירט די הענט איבערן פּנים, אָנהייבנדיק פונעם שטערן און אויסלאָזנדיק מיט דער באָרד, וועלכע ער האָט אַרומגעכאַפּט מיט אַלע פינף פינגער און געמאַכט דערביי: עט, עט!... מען האָט געזען, ער איז צעטראָגן, מיט אים איז עפּעס נישט גלאַט. איך אַליין בין עפּעס געווען אויך צעדרייט, פישקעס געשיכטע האָט מיך געקאָטערט. נאָך גאַנץ לאַנג האָב איך פיל מאָל ביי מיר געטראַכט: רבונו־של־עולם! וואָס איז דאָס אַזוינס, זיין פאַרליאַפּעט? עפּעס האָב איך געהערט, עס טרעפט זיך אמאָל אַזעלכס, נאָר וואָס דאָס איז, האָט מיין מוח נישט גענומען. ביי אונדז פלעגט מען געווייגטלעך אויף אַזעלכע זאַכן זאָגן: ס'איז אַן אָפּגעטאָנענע זאַך, אַ כישוף, עפּעס אַזאַ מין פלעשעלע איז דאָ דערצו, עפּעס אַ מין קרייטעכץ פון אַן אַלטער גויע, אַ מכשפהטע. און דאָס וואָס אַלטע מכשפהטעס זענען פאַרטיק אָפּצוטאָן אַזעלכע שפיצלעך, אויך אַראָפּצוברענגען רייטנדיק אויף אַ בעזעם דעם מאַן, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס ווייב, זי געמאַכט פאַר אַן עגונה — דאָס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, דערויף זענען דאָך דאָ אַ סך עדות: כשרע יידן מיט בערד... פאַרליאַפּעט זיין האָט ביי אונדז געהייסן עפּעס אַזאַ מין שלאַפקייט, ווי קדחת, אַשטייגער, אַ דיבוק, אַ מאַנקאָליע, די ניכפּא, די שלעכטע זאַך, וואָס דערצו איז טאַקע נאָר א בעל־שם אָדער, להבדיל, דער טאָטער. ביי א שמועס דערפון פלעגט מען זיבן מאָל אויסשפייען, אָנגעמענדיק זיך ביי די ברעמען, און מאַכן דערביי מיט א פאַרקרומט פרום פּנימל: נישט דאָ געדאַכט, נישט פאַר קיין יידישע קינדער געדאַכט!... אויך איז א מצווה געווען צו לאַכן אוים יענע פאַרליאַפּעטע, ווי דער שטייגער איז צו לאַכן אוים אַ משוגענעם. אַזאַ שלאַפקייט אָבער, געדענק איך, ווען עס האָט זיך געמאַכט, האָט זיך עס געמאַכט סיידן נאָר ביי די גרויסע נגידים, אָדער ביי די גרויסע קבצנים. אין באַלעבאַטישן גראַד אָקעגן האָט מען נישט געוווסט אפילו מיט וואָס מען עסט עס.

740 9

דאָס איז דאָך, האָב איך אָפּט ביי מיר געטראַכט, אַ וווּנדער, פאַר=
וואָס איז דאָס אַזוי? און וואָס איז דאָס אַזוינס? עס מוז דאָך האָבן אַ טעם
פון דער אַלטער גויע איז נאַרישקייטן, ווי דאָס פּלעשעלע... דער טעם —
איך בין קיינמאָל דערמיט נישט צופרידן געווען. הגם יידן האָבן עס גע=
האַלטן פון מיר פאַר אַ שטיקל אַפּיקורסות — סטייטש, ווי גלייבט מען
עס נישט אין כישוף, אין דעם טאָטער, אין שדים! איך האָב געזוכט ביי
מיר, געזוכט אַ טעם און, דאַכט זיך, געפונען. גרויסע נגידים איז אויף דער
וועלט צו גוט, האָבן אַלצדינג, עסן, טרינקען דאָס טייערסטע, דאָס בעס=
טע אָן זאָרג, אָן קאָפּ=דרייעניש, עס גייט זיי אָפּ גאָר קדחת — דעריבער
ליגט זיי אין זינען צו מאַכן קוציעניו=מוציעניו. ערנסט, אָדער גלאַט
אַזוי אַ שפּילעכן? דאָס איז שוין זייער סוד. ווידער זשע די גרויסע קבצנים
פון דער אַנדערער זייט, זיי איז אויך, אויף זייער שטייגער, גוט. האָבן
גאָרנישט, קדחת, וואָס איינצושטעלן. עסן קעסט ביי דער וועלט אָן קאָפּראַ=
רעניש און קומען אויפן גרייטן. בושה אין דער זייט! דעריבער גלוסט זיך
זיי אויך אַזעלכע מעשיות. שטענדיקע עסקים פון דרייען זיך און מיני
חתונות איז געווייגטלעך גאָר אין דעם הויכן און אין דעם נידעריקן שטאַנד.
דער איבעריקער עולם אונדזערער, פונעם מיטעלן סאָרט מענטשן, איז
תמיד פאַרטראָגן אין דייזשע=באָרשטש. אים דאַרט דער קאָפּ פאַר דעם
שטיקל ברויט, זוכט פרנסה. ביי אים איז ראשית=חכמה געשעפט. אַלצ=
דינג — געשעפט, חתונה האָבן איז אויך א געשעפט. ער האַנדלט אין
א ווייב, דינגט זיך פריער גוט אויס וועגן דעם מקח, וועגן נדן, וועגן א מ=
לעכם פּיצעלע באַזונדער, אַלצדינג פּינקטלעך אויסגערעכנט. אַפילו אַ
שטריימל און די שבתדיקע קאַפּאָטע מוז אויך שטיין בפירוש אין די תנ=
אים. זענען די תנאים דערפילט געוואָרן, כפי דעם מדובר, קום זשע, כלה=
לעב, אונטער דער חופה מיט דעם שדכן, מיט דעם בדחן, מיט דעם גאַנצן
פעקל כלי=קודש, וואָס לעקן פונעם געשעפט אָפּ אַ ביינדל. זיי אַ ווייב,
האָב קינדער, רייס קריעה און ווער פאַרשוואַרצט מיט מיר איניינעם ביז
הונדערט און צוואָנציק יאָר, אויב דיר גלוסט זיך לעבן, נישט שטאַרבן
פאַר דער צייט. אויב דו ביסט שיין אָדער מיאוס, קלוג אָדער אַ נאַר, דאָס
איז שוין דיין עסק, פון מיינעטוועגן איז אַלץ איינס, אַ פלוניתטע איז אַ
פלוניתטע. מיר זענען נישט קיין פריצים, האָבן נישט קיין צייט צוקוקן
זיך צו אַזעלכע זאַכן; יידן זענען מיר, סוחרים, מעקלער, קרעמער, טרוד
אין דער פרנסה!

זייער פיל זענען דאָ פון מיין גראַד יידן, וואָס רעדן כמעט נישט, עסן
נישט ביי איין טיש מיט די ווייבער, קוקן זיי ווייניק אָן, און ס'איז גאַנץ
רעכט.ביידע צדדים זענען צופרידן און ווינטשן, ווען עס קומט אויס אַמאָל,

הלוואי אַזאַ לעבן אויף אַלע גוטע לייט און אויף זייערע קינדער געזאָגט געוואָרן! שטאַרבט ביי איינעם דאָס ווייב, באַגראָבט ער זי, זיצט נאָך איר שבעה גאַנץ יידישלעך און האַנדלט באַלד טאַקע איין אַ צווייטע פריער נאָך אַמאָל פאַר שלושים. און אויף אַזאַ שטייגער אויך די דריטע, פערטע, די פינפטע... ביז דער אַלטער יידענע, וועלכע ער נעמט צולעצט אין די אַלטע געשענקטע יאָרן, אונטער דעם אויסרייד געווייניטלעך, מיט איר אין ארץ=ישראל אַריין צו פאָרן. הייסן הייסט עס ביי יידן די גאַנצע חתונה, מקיים זיין אַ מצווה, ווי גאָט האָט געבאָטן.

ווי אַשטייגער, דעם יידנס עסן שבת איז נישט גלאַט גראָב פרעסן וועגן דער אַכילה, ווייל אַ זינדיקער מענטש דאַרף עסן, נאָר וואָס דען — עס הייסט מקיים זיין שלוש=סעודות; דעסגלייכן דאָס גלעזעלע ווייַן פסח ביים סדר, טרינקט עס דען אַ ייד גלאַט משונה גראָב, ווייל אַ ביסל ווייַן איז אַ מהיה און גאָר די קנײדלעך טאַקע גאָר אַ דערקוויקעניש? חלילה! ער מאַכט דערביי מיט אַ פאַרפרומט פנימל: הריני מוכן ומזומן — איך בין מיר נגייט, איך בין מיר גרייט מקיים זיין די מצווה כוסען: דעם ערשטן, צווייטן, דריטן, פערטן כוס... אונדזער איינער עסט, טרינקט, האָט חתונה אַלץ מיט אַ לשם=יחוד, צוליב קודשא=בריך=הוא און דער שכינה.

נאָר דאָס אַלצדינג איז אָבער נישט געזאָגט געוואָרן אויף פישקען. אין זיין שלעכטער לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, איז דאָס האָרבאַטע מיידל געווען פאַר אים אַ גליק. זיין טרייסט, זיין לעבן, זיין אַלץ=מיטאַנאַנדער. אז מען טרינקט זיך, כאַפּט מען זיך אָן פאַר אַ שטרוי. היינט וואָס=זשע איז פאַר אַ וווּנדער, אז פישקע האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער האָרבאַטע מיט זיין גאַנץ לייב און לעבן און איז צו איר צוגעזאָגט געוואָרן? אז עס רירט אָן ביי דער נשמה, דענסטמאָל שרייט דאָס האַרץ, שרייט, רעדט אייגנע ווערטער ביי אַלע מענטשן גלייך. דאָס לשון פונעם האַרץ איז איין לשון פאַר גרויס און קליין, פאַר דעם געלערנטן און פאַר דעם גראָבן מענטשן — וואָס=זשע איז פאַר אַ וווּנדער, אַז פישקעס האַרץ האָט זיך דאָ אויסגעגאָסן אין אַזעלכע הייסע געפילן, ריינע מענטשלעכע ווערטער? דעריבער טאַקע האָבן זיינע ווערטער גערירט, מיך צעגומען ווי אַ פידעלע, וואָס רעדט, שפּילט אומעטיקע שטייגער. אַלע בעלי דרשנס און מוסר=ספרים איגיינעם האָבן קיינמאָל מיך אַזוי נישט גערירט, געמאַכט ווייך, גוט און פרום, ווי אַ קרעכץ פון אַ צעבראָכן האַרץ, ווי דעם קלעזמערס אַ שפּיל אויפן פידעלע...

מילא גאַנץ רעכט, איך בין שטאַרק גערירט פון פישקעס דערציילונג, בין איך מיר דעריבער פאַרטראַכט, אָבער דו, פערדל מיינס, פאַרוואָס

ביסטו פֿאַרטראַכט? אַ גאַנג אַביסל, מישטיינס=געזאָגט, קוים וואָס עס רירט זיך, עס זאָל אים דאָס אָנהייבן אַרן, וואָס אָט באַלד איז תשעה=באב און מען באַדאַרף זיך איילן מיט קינות אין אַ סך שטעטלעך! ער גייט גאָרגישט מיט דעם גלייכן וועג, פֿאַרקריכט אין דער זייט לעבן דער תבואה, שטעלט זיך צווויילן אָפּ און שטשיפּעט גראָז. די שיינע שקאַפּע איז גישט בעסער פֿון אים, טוט אים נאָך און כאַפּט אויך אַ קיי. דאָס אייגענע טאַקע וואָס אין חדר, אַז דער רבי פֿאַרקוקט זיך אַמאָל אין דער זייט, פֿאַרוויגט דאָס קינד, אָדער אַמפּערט זיך מיט דער רביצין, פֿאַרקוקן זיך אויך די תלמידים און פֿאַלשעווען אין דעם לערנען. איך טו די רפֿואה, וואָס דער מלמד נעם די בייטש און טו אַ וויז דעם שלימזל מיינעם, זאָגנדיק אים הערביי מוסר. ער שטעלט אויף די אויערן, שטרעקט אויס דעם האַלדז, שטעקט אַרויס אַ שפּיץ צינגל, דריגעט מיט אַ הינטערשטן פֿוס און שמייסט קעגן מיר מיט דעם וויידל. — איי, דו ביסט אַן עזות=פּנים! — רוף איך מיך אָן און בין אים שוין טאַקע גוט מכבד מיט דער בייטש. ער האָט אַפֿילו גישט געוואָלט ליידן, מאַכט אַ פֿערדישן קוממיות, אַ הייב מיט דעם הינטן און געהאַט בדעה אויסצושטרעקן זיך אויף דער ערד. נאָר ער האָט זיך באַלד מיישב געווען, אַ צי געטאָן מיט אימפּעט דעם וואָגן און אָנגעהויבן זיך ווייטער צו שלעפּן.

מיר אַלע זענען דערווייל צו זיך געקומען. אַלטער האָט אונטערגעטריבן אויף זיין שטייגער, פּישקע הייבט אָן אויף זיין שטייגער, איך נאָך אים טאַקע אַרבעט, פֿאַרטייטש אויף מיין שטייגער און די מעשה דערציילט זיך ווייטער אַזוי:

— איך וועל אייך דאָ נישט קיין ים ברייען. איינער אַליין האָב איך מיך דערנאָך אויף אָדעסער טראַקט געלאָזט, געטראַכט, טאָמער וועל איך מיינע לייט דאָ באַגעגענען, אָדער הערן עפּעס וועגן זיי. נאָר אומזיסט די מי, זיי זענען ווי אין וואַסער אַריין. דאָס לעבן איז מיר נמאס געוואָרן פֿון שטענדיקן אַרומשלעפּן זיך. איך האָב געחלשט אויסצורוען זיך אַביסל, זיצן אויף איין אָרט, ווי איך בין געווינט געווען פֿריער. גאָט האָט געהאָלפֿן, איך האָב מיך לסוף פֿאַרשלעפּט קיין אָדעס.

די ערשטע פּאָר טעג איז אָדעס פֿאַר מיר געווען ווי אַ טויט. איך האָב מיך דאָרט אַרומגעדרייט עלנט, פֿרעמד, אַליין נישט צו וויסן וווּ מיך אַהינצוטאָן. אַלצדינג איז פֿאַר מיר געווען ניי, עפּעס ווילד משונה. קיין הקדש, ווי אין אַנדערע יידישע שטעט, האָב איך דאָרט נישט געפֿונען, הייזער אויף אַרומצוגיין אויך נישטאָ. ביי אונדז אין די יידישע שטעט זענען דאָ הייזער, טאַקע וואָס הייזער הייסן, נידעריקע, אָן חכמות, אָן קונצן, מיט די טירן צו דער גאַס. איין קליין שטופּעלע די טיר, קומסטו

גלייך אין שטוב אַריין, ברויכסט נישט מאַכן קיין גרויסע צערעמאָניעס,
אָט איז דאָס גאַנצע באַלעבאַטישקייט, אַלצדינג וואָס נייטיק איז צו עסן,
צום שלאָפן. באַדאַרפסט אַביסל וואַסער, האָסטו עס, באַדאַרפסט די פּאָמוי=
ניצע, איז זי דאָ, וואַש די הענט און זאָג דיר אשר=יצר, וויפל דיין האַרץ
גלוסט. אָט איז דער באַלעבאָס, די באַלעבאָסטע, דאָס הויזגעזינד, זאָג:
„גאָט=העלף!“ שטרעק אויס די האַנט, באַקומסטו דיר דיין נדבה, אַ קוש
די מזוזה און גיי דיר געזונטערהייט ווייטער. — היינט איז טאַקע גאָר פון
דרויסן גרינג צו דערקענען אַ יידנס הויז. דאָס בערגעלע מיסט, דאָס רינ=
שטאָקל, די פענצטער, די ווענט, דער דאַך שרייען: דאָס איז אַ יידיש הויז.
אין דעם ריח אַליין דערקענט איר, אַז דאָ זיצט אַ ייד... אַקעגן=זשע דאָרט
אין אָרעם זענען די הייזער, מישטיינס=געזאָגט, עפּעס ווילד, הויך אומגע=
לומפּערט. דער גאַנג איז געווינטלעך דורך אַ טויער אין אַ הויף. דאָרט
קריך אויף טרעפּ, זוך אַ טיר. האָסטו שוין געפונען אַ טיר, איז זי גאָר
פאַרשלאָסן, עפּעס איז זי מיט אַ גלעקל, מיט גאַנצע צאַצקעס. דו בלייבסט
ביי דיר עפּעס אראָפּגעפאַלן, פילסט, אַז דו ביסט אָרעם, נידעריק, האָסט
קיין פּנים נישט, שטייסט אַ רגע דערשלאָגן, מאַכסט דיר דערנאָך האַרץ,
נעמסט זיך מיט גרויס דרך=ארץ פאַרן גלעקל, עס ציטערט דיר אָבער די
האַנט. טוסט אַ קליין ציעלע, כמעט ווי גאָרנישט, שרעקסט זיך עפּעס אַליין
פון דיין ציעלע, גלייך ווי דו וואָלסט אַרויס אַקעגן יענעם מיט אַ גראָב
וואָרט, אים געשאָלטן אין טאַטן אַריין, און טראָגסט זיך טאַקע באַלד
אָפּ... טאַפּסטו אמאָל אָן ערגעץ אן אַנדער גאַנג, פאַלט אויף דיר אָנעט
אַ קעכנע, א באַדינער, אָדער עס לאָזט זיך גאָר אויס, דאָ זיצט נישט
קיין ייד. ווס הייסט עס! — וואונדערסט דו זיך שטאַרק, וואָס איז דאָס
פאַר אַ שטאָט? וואָס זענען עס פאַר הייזער? ווו זענען עס אונדזערע אָ=
רעמעלייט מיט די טאָרבעס?

איך האָב מיך אַרומגעבלאָנקעט אין די גאַסן, זיך גוט צוגעקוקט צו
אַלצדינג דאָרט, טאָמער וועל איך זען עמעצן מיט אַ טאָרבע, אויסצופרעגן
אים מכוח דעם עסק, ווי אזוי מען גייט דאָ אין די הייזער ארום. נאָר ווי
אויף צו=להכעיס האָב איך נישט באַגעגנט קיינעם. און ווי איך דריי מיך
דאָ אזוי ארום, באמערק איך פונדערווייטנס עפּעס א יונגנמאַן, געקליידע=
דייטש, גייט ווי איינער, וואָס ווייסט נישט דעם וועג, קוקט אויף די הייזער
און וואַרפט זיך אין אַלע זייטן גאַס. דער דאָזיקער פאַרשוין, טראַכט איך
מיר, מוז נישט זיין קיין היגער, מען באַדאַרף אים נאָכגיין, זען, וואָס ער
טוט: ער גייט אַריין אין אַ הויף, איך נאָך אים. ער זוכט און לאָזט זיך דער=
נאָך אַרויפגיין אויף אַ טרעפּ, מיינער — אויך אַרויף. ער גייט אַריין אי=
נעווייניק אין אַ פאָדער=חדר, מיינער שטעלט זיך אויף יענער זייט לעבן דער

טיר. עס דויערט נישט לאַנג קומט אַרויס איינער, אַ געגאָלטער, עפּעס גאָר אַ פריץ — אַפּנים, דאָס איז דער באַלעבאָס. דער יונגערמאַן גיט אים עפּעס אַ ביכל, אַרויסנעמענדיק עס פריער פון אַ קעשענע, ברייט און לאַנג ווי אַ טאָרבע. דער געגאָלטער טוט אַ בליק אויף דעם שער־בלעטל און וואַרפט עס באַלד טאַקע דעם יונגנמאַן צוריק, פאַרקרימענדיק זיך מיט אַ בייזער: לאָזט מיך צורו מיט אייערע שמאָכטעס! מיר טויג עס כּלל נישט. דער יונגערמאַן טענהט, לויבט זיך אין טאָג אַריין, ער האָט געמאַכט עפּעס אַזוינס גאָר אַנטיק. עס העלפט אים אָבער נישט און ער גייט, נעבעך, בבושה וחרפּה אַרויס, מייגער אַריין און בעט פּשוט אַ נדבה. איך באַקום באַלד עטלעכע גראָשן און רוק מיך געשווינד אַרויס מיט אַ פּריילעך האַרץ. אַצינד, טראַכט איך מיר, בין איך אויף דעם אמתן וועג. גאָט שיקט צו דעם שפּינער זיין פלאַקס, דעם שענקער זיין ביר און דעם אָרעמאַן דעם גר זיין וועגווייזער. מען באַדאַרף אים פונעם אויג נישט אַראָפּלאָזן. איך גיי דעם פּאַרשוין נאָך שטילערהייט, ווי אַ קו אַ קעלבל, וווּ ער, דאָרט בין איך. אים גייט עס שלים־שלימזל, אומעטום כאַפּט ער, נעבעך, זיין פּסק, דאָ אַזוי: נישט אויסצוהאַלטן, ווי זיי האָבן זיך היינט צעלאָזט! און דאָרט אַזוי: גייט אייך געזונטערהייט, מיר באַדאַרפן אַזעלעכס נישט האָבן! דער שפּיץ איז, ער גייט אַוועק צעקאָכט מיט ליידיקע הענט און מיר גייט עס, אָן עין־הרע, גאָר נישט שלעכט. איך נעם אַ גראָשן, אַ צווייער, אַ דרייער, וויפל מען גיט.

— וואָס איז דאָס, — וווּנדער איך מיר, — פאַר אַ מין אָרעמאַן אַזוינער?! אין מיין לעבן האָט מיר אַזעלעכס זיך קיינמאָל נישט געחלומט אַפּנים, דאָ איז אַזאַ מנהג — אָרעמעלייט מיט ביכלעך. ניי־מאָדישע קבצנים און נאָך אָנגעטאָן דייטש! נאַראָנים, צוואָס בעטלען מיט ביכלעך און האָבן אַ פייג, אַז מען קאָן בעטן נדבות פּשוט אַזוי! איך בין זיך נוהג ווי אונדזערע זיידעס — גיי מיר אין די הייזער פּשוט אָן חכמות און מאַך עס בעסער ווי אַנדערע מיט די ביכלעך. גאָר ווי די מעשה איז, אויב זיי זענען נאַראָנים אָדער נישט, דערווייל האַלט איך מיך פעסט אין מיין קבצן מיט די ביכלעך, גיי אים נאָך שטילערהייט פוס־טריט און היט מיך ווי ווייט נאָר מעגלעך, ער זאָל מיך נישט זען. תחילת איז דאָס געגאַנגען גאַנץ גוט, נאָר שפּעטער האָט ער, אַפּנים, באַמערקט ווי איך שלעפּ זיך אים נאָך און דאָס איז אים שטאַרק נישט געפעלן. ער האָט אָנגעהויבן זיך אָפּט אַרומצוקוקן, אָפּצושטעלן, און געזוכט ווי מיינער פּטור צו ווערן. איך האָב מיך געמאַכט תם, געקוקט אין דער זייט קלאָמפּערשט, ווי נישט אים מיין איך, און גיי מיר מיין וועג. נאָר אין האַרצן האָב איך געטראַכט: ניין, דו וועסט זיך ביי מיר נישט אויסדרייען, ברודער! ווען דו טויגסט

נישט קיינעם און דיר אַליין אויך נישט, טויגסטו אָבער מיר. אַ רבי ווי אין די הייזער אַרומצוגיין ביסטו זייער אַ גוטער, חכם מיינער!... צולעצט האָט זיך מיט אונדז געמאַכט אין איין שטוב אַזאַ מעשה: דער באַלעבאָס האָט זיך געקליבן עסן מיטאָג און פּלוצעם קומט אָן מיין קבצן מיט די ביכלעך. עס הייבט זיך אָן אַ טענה פוןביידע צדדים: איינער וויל אַריינ־דרייען, איינרעדן. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, דער באַלעבאָס ווערט שוין גוט אין כעס, באַלייט מיינעם צו דער טיר אַביסל גראָבלעך, דערזעט דאָרט מיך און שיקט אונדז ביידן אָפּ צו אַלדי שוואַרצע יאָר. דער בשותפותער פּסק אונדזערער האָט שוין ממילא געפירט דערצו, מיר זאָלן איינער מיט דעם אַנדערן זיך בעסער דערקענען. ביים אַראָפּגיין פון די טרעפּ קוקט מיך אָן מיין חבר עפּעס שטאַרק אָנגעברוגזט. איך פאַרדריי דעם קאָפּ אין דער זייט און ווייס נישט וואָס צו טאָן. איך וואַרט, ער זאָל גיין פריער. מיר שטייען אַזוי אַוועק עטלעכע מינוט און ביידן איז נישט גוט. מיין שותף טוט מיך דערנאָך אַ פרעג:

— וואָס ווילט איר, ר׳ ייד?

— גאָרנישט! — ענטפער איך. — דאָס אייגענע וואָס איר.

— דאָס אייגענע וואָס איך? — מאַכט מיין שותף, אויסמעסטנדיק מיך מיט אַ קוק פון קאָפּ ביז די פיס זייער פאַרוואונדערט. — איר זייט אויך אַ מחבר?

איך האָב געמיינט „מחבר“ איז עפּעס אַ דייטשעס וואָרט און עס הייסט וואָס ביי אונדז אויף פּראָסט יידיש קבצן, זיינער אַ ח ב ר אין דער פּרנסה. דעריבער ענטפער איך אים אָפּעט באַלד טאַקע אויף טייטש:

— יאָ, אַ מחבר.

— וואָס האָט איר עפּעס געמאַכט? — טוט ער ווידער אַ פרעג.

— איך האָב געמאַכט גאָר נישקשהדיק, — ענטפער איך, טראַכטנ־דיק ביי מיר: אויף אייך געזאָגט געוואָרן! — אַ פערציק גראָשן האָב איך געמאַכט.

— ווי הייסט אייער חיבור? — גיט ער מיך נאָכאַמאָל אַ פרעג.

ווייטער טייטש, טראַכט איך מיר. ער פרעגט זיכער: ווי הייסט איר קבצן, ח ב ר מיינער.

— פישקע!... — טו איך אַ זאָג קורץ און שאַרף.

— קאָן איך האָבן דעם כבוד מיט פישקען באַקאַנט צו ווערן? — מאַכט ער עפּעס מיט אַ זים חנדעלע.

— אָך, מיט אַלע כבודן, זייער אָנגעלייגט, ב׳לעבן, — זאָג איך, אָנ־קוקנדיק אים גאָר פריינדלעך.

— נו, וווּ איז ער, דער חיבור?

— אַט בין איך דאָך טאַקע אַליין דאָ פאַר אייערע אויגן, זאָלט איר מיר געזונט זיין!

— גייט צו אַלדי שוואַרצע יאָר! — טוט ער אויף מיר אַ געשריי און פליט אַוועק געשווינד און אין כעס.

אַז איך בין אַרויס פונעם הויף, זע איך, מיין שותף לויפט ווי אַ משו־גענער, ער איז שוין גאַנץ ווייט, טוט זיך פּלוצעם אַ נעם אין אַ געסעלע און איז פאַרשווונדן געוואָרן. איך בין געבליבן שטיין עפּעס ווי אויסגעפּאַטשט און וווּנדער מיך, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין נפש. גאָר אַ משוגענער טאַקע. אָט איז ער גוט, פּלוצעם קומט אים אָן דער שגעון און ווערט אָנגעצונדן! דאַכט זיך, איך האָב גאָרנישט געזאָגט אַזוינס. איך האָב אים געענטפערט טייטש מיט זיין לשון. נאָט אייך נייעס, מכאַבאַר, כּיבאָרים! ביי אונדז אויף יידיש הייסט עס פּראָסט קבצן, טאַרבע. איבעריקנס כאַפּט אים דער וואַטלמאַכער!

כג

אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך מיט אָדעם מיך שוין בעסער באַקענט, בין קלאָר געווען אין די אַלע ווינקעלעך און הינטערגעסלעך, געכאַפּט דעם סטרי און געוווסט, ווו עס עפנט זיך אַ טיר. אָדעם איז ווי אַ טאַבאַקערקעלע מיט אַ סעקרעט, מע ברויכט צו וויסן דאָס שפּרענ־זשינקעלע, ווו צו געבן אַ קוועטש, דענסטמאָל עפנט עס זיך גרינג אויף, מען שטעקט אריין די פינגער און נעמט אַ גוטן שמעק טאַבעקע. עס האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ קוואַל פון הייזער, אַזעלכע וואָס פאַסן צום עסק, מיט אַלע גוטע מעלות, ווי ביי אונדז. אָרעמעלייט האָב איך שוין געפונען וויפל דאָס האַרץ גלוסט, גאַנצע מחנות פון אַלערליי סאָרטן: אָרעמעלייט מיט טאָרבעס, אָרעמעלייט אָן טאָרבעס, אַזעלכע וואָס זענען אינערגעץ נישטאָ נאָר אין אָדעם. ירושלמים, פרענקן, טערקישע און פּערסישע יידן, וואָס פּלאַפּלען לשון־קודש; אַלטע יידן, קבצנים מיט ווייבער, און אַז ווייבער, וואָס פאָרן אויף דער עלטער שטאַרבן אין ארץ־ישראל און עסן דערווייל דאָרט קעסט, קינדלען, לעבן אויף דער וועלטס רעכענונג; עגונות, יידענעס מיט ספּאַזמעס, יידן געבראָכענע מיט מיחושן וואָס קומען זיך היילן אין דעם לימאַן; מקבלים אַלט־פּעטערישע, וואָס רייבן זיך אַרום פּראָסטע יידן אין חי בתי־מדרשים, און מקבלים פון היינטיקער וועלט מיט געגאָלטע בערד, וואָס רייבן זיך אַרום די בראָדער, פּראַנצויזן אין די קאַ־פעיניעס און טראַקטירן; אביונים אָפּגעפּיינטע, אויסגעפּוצטע ווי די נגידים,

אַזעלכע טאַקע, וואָס האָבן לחלומין גאָרנישט און אַזעלכע וואָס האָבן, דאַכט זיך, הייזער און זענען דאָך גרויסע דלפנים, מיאוסע קבצנים...

וויפל אָרעמעלייט איך האָב באַגעגנט פון אונדזער ווינקל, האָבן זיי נישט געקאָנט גענוג אָפלויבן אָדעס, הגם איך ווייס נישט די גליקן זייערע דאָרט. איינער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס דער גאַנצער חילוק איז צווישן אַן אָרעמאַן ביי אונדז אין די שטעטלעך און אַזעלכע דאָ. דאָרט עסט דער אָרעמאַן דאָס טרוקענע שטיקל ברויט פאַרפינצטערט, פאַרזאָרגט, און דאָ עסט ער טאַקע אויך דאָס אייגענע שטיקל ברויט, נאָר אַ קאַטע=רינקע שפילט אים דערביי צו. אין אָדעס שפילט די קאַטערינקע אַ גרויסע ראָליע. אויף דער גאַס אַ קאַטערינקע, אין די הייזער אַ קאַטערינקע, אין די טראַקטירן אַ קאַטערינקע, אין די קאָמעדיעס אַ קאַטערינקע, אין שול, — להבדיל — פע! — אויך א קאַטערינקע. שטענדיק איז אין אָדעס נאָר אַ קאָכעניש, הו=האַ! עס קאַטערינקעט זיך, עס שפילט, עס זינגט און עס פייפט. דאָרט אין אַ טראַקטיר זעסטו אָפט, זיצט אַ שיכור און קרעכצט, זינגט „קראַסנאַיאַ דיעווושקאַ“, זייערס אַ מין לידל, אַקעגן זיצן פאַרכוסע=טע יידן, זינגען אַ שטיקל פון זמירות, אָדער „אָדם יסודו מעפר“ מיט אַ שניידערשן מאַרש, לעבעדיק=פריילעך.

גייענדיק איינמאָל ביי דער זייט גאַס, פיל איך הינטן אין דעם רוקן אַ געשמאַקן זעץ. איך נעם עס אָנעט פאַר ליב, זיך דערוים גאָרנישט צו מאַכן, טראַכטנדיק, איינער פונעם עולם האָט אין איילעניש אומגערן מיך אַ שטופ געטאָן. באַלד אָבער פיל איך נאָך אַ זעץ, ווי מיט אַ שטיק האָלץ, איך קוק מיך אום און דערזע: יאָנטל דער כאָלערע=חתן זיצט אויף דער גאַס! מיט איין בענקעלע אין דער האַנט אָנגעשפאַרט אויף דער ערד און דאָס אַנדערע בענקעלע האַלט ער אויפגעהויבן און קוועלט, שמאָכט פאַר פרייד, וואָס ער האָט מיך באַגעגנט. איך האָב מיך אויך דערפרייט שטאַרק מיט יאָנטלען, מיט וועלכן איך האָב אין גלופסק זייער גוט געלעבט און געווען ביי אים אויף דער חתונה אויפן הייליקן אָרט, אין דער כאָלערע, נישט היינט געדאַכט.

— אזוי, פישקע! — זאָגט ער, אָפגעבנדיק מיר א שלום=עליכם. — דו ביסט אויך דאָ אין אונדזער אָדעס? איאָ, א שיין שטעטל מיין אָדעס! — און אַ קוק געבנדיק, אַז איך קנייטש מיך, מאַך פון זיין אָדעס עפעס נישט אַזאַ פירוש, מאַכט ער אַביסל מיט פאַרדראָס, גלייך ווי איך וואָלט אים צעשטעכערט די גערעאָלדיע און אים געטראָפן אין קנעפל.

— האַ, דיין גלופסק אפשר איז אַ שטאָט?! אַ וואָרעם, וואָס זיצט אין כריין, מיינט, קיין זיסערס פון דעם איז גאָר נישטאָ. וואַרט, וועל איך

דיר ווייזן אַביסל מיין אָדעם, וועלן מיר דערנאָך הערן, וואָס דו וועסט דערנסטמאָל זאָגן.

יאָנטל דערציילט מיר פֿון זיין גרויסקייט אין אָדעם. אַלע קוקן און האָבן הנאה, ווי ער רוקט זיך אויפֿן געזעס. ער איז אַ שטיקל חשוב אין פיל קלייטן, מען גיט אים אָפּ זיין נדבה גאַנץ פיין, ניִשט צו פֿאַרזינדיקן. עס גייט אים, אָן עין־הרע, גאַנץ גוט. אַז איך האָב אים אַ פרעג געטאָן וועגן זיין ווייב, האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכעלע:

— אַ שיין ווייב, מישטיינס־געזאָגט, האָט מיר גלופּסק געגעבן! וואָס פאַר אַ גוטס קאָן זיין פון אַ כאַלערע־ווייב? די כאַלערע האָט איר פריער געמענגט נעמען אײדער זי איז צו מיר אָנגעקומען. דאַכט זיך, עס פעלט איר די אונטערשטע ליפּ, פונדעסטוועגן אַרבעט אין איר דאָס מויל, שרייט, פּילדערט, פּלוידערט, מאָלט ווי אַ מיל, פיל בעסער נאָך פון אַן אַנדערן מיט צוויי געזונטע ליפּן.

אַקעגן אַ ווייב, טראַכט איך ביי מיר, העלפֿט ניִשט קיין מיטל. איז זי אַ שלאַק, שרייט זי אַפילו אָןביידע, אַפילו אויך אָן אַ ליפּ, אַפילו אָן אַ נאָז דערצו, און פּאַלט אויף דיר אָן אַפילו בלינדערהייט אָן אויגן... איך דערצייל יאָנטלען אין קורצן אויך די געשיכטע מיט מיין בלינדן ווייב, אַלצדינג וואָס איך בין פון איר אין דער לעצטער צייט אויסגעשטאַנען.

— נאַרעלע! — זאָגט יאָנטל. — טו דאָס אייגענע וואָס איך, אַ שפּיי־אויף איר און אַן עק. לאָז זי גיין צום רוח.

— וואָס הייסט, יאָנטל, אַ שפּיי? גלאַט גיי צום רוח אָן אַ גט? איך בין דאָך עפּעס אַ ייד און באַדאַרף חתונה האָבן.

— אַזוי, חתונה האָבן! — מאַכט יאָנטל, קוקנדיק אויף מיר מיט אַ געלעכטער. — טאַקע אַן אמתער גלופּסקער, כ׳לעבן! בלייב נאָר, פישקע, אַביסל דאָ, אין אָדעס, וועלן מיר דערנסטמאָל זען...

פון יענער צייט אָן, זינט מיין באַגעגעניש מיט יאָנטלען, פלעגן מיר זיך אָפט צונויפקומען און רוקן זיך ביידע איבער אָדעס, ער אויפן געזעס און איך מיט מיינע קראַנקע פיס. יאָנטלען איז גאָר געגאַנגען דריגען מיר אַלץ אַרויסצושטעלן זיין אָדעס און באַרימען זיך פאַר מיר מיט די שיינע גאַסן, שיינע הייזער און נאָך אַנדערע זאַכן, גלייך ווי זיי וואָלטן געהערט אים און אים איז דערפון אַ סך ארויסגעקומען. ביי איטלעכס מאָל ווייזנ־דיק מיר עפּעס, פלעגט ער קוקן אויף מיר מיט אַ שייגענדיק פּנים, שמאַכן פאַר גרויס פאַרגעניגן, עפּעס אַזוי ווי דורך יענעמס שיין הויז, יענער שיינער גאַס, באַקומט ער אַ גרעסערן ווערט אין מיינע אויגן, און אַלץ מאַכן, טאָרקענדיק מיך: נו, פישקע! אַ שיינע שטאָט אָדעס? אפשר, הא. אין דיין גלופּסק האָסטו אויך אַזוינס? —

— הער אויס, יאָנטל! — זאָג איך צו אים איינמאָל, אַז ער האָט מיר אָנגעטאָרקעט די זייטן, וויזנדיק מיר פונדערווייטנס דעם בולוואַר, ווו עס האָבן געשפּאַצירט אַ גרויסער עולם מענטשן און צו וועלכן, ווי איך האָב באַמערקט, ער האָט זיך עפּעס געשייעט, נישט געהאַט קיין מוט צוגיין נאָענט. — וואָס זאָל איך דיר זאָגן, יאָנטל, אָדעס איז אוודאי אַ שיינע שטאָט, נאָר א שאָד כ'לעבן, וואָס נישטאָ דאָ קיין מענטשן!... אדרבא, זאָג, קאָן מען די היגע לייט אָנרופן מענטשן? גייען אזוי אָנגעטאָן, לעבן אזוי מענטשן? קוק, אדרבא, ווי דאָרט אויף דיין בולוואר פירן זיך מאנסבילן אונטער די הענט מיט נקבות. ס'איז דאָך גאָר אַ בושה! יידן געגאָלטע, נקבות מיט האָר, הינטן שלעפּט זיך זיי נאָך א שטיק קלייד און קערן דערמיט די גאסן, פּראָנט אויסגעשניטן מיט דער גאנצער ברוסט אינדרויסן. פּע, הלשות, כ'לעבן!... ווי נעמט מען אהער אונדזערע יידן, גלופּסקער יידן! דענסטמאָל, זעסטו, וואָלט עס טאקע געהייסן א שטאָט, געהאט א פּנים, יידישלעך, מיט שיינע איינפירן, ווי עס געהער צו זיין.

יאָנטל האָט שווייגנדיק זיך גערוקט מיט מיר ווייטער, נישט געהאַט אַפּנים, וואָס מיר צו ענטפערן. אויפן וועג קומען אונדז אַקעגן אַ פּאָר פיינע לייט, פּראַנצוויזן, יאָנטל שטרעקט אויס די האַנט. איינער פון די לייט שטעלט זיך אָפּעט רעדן מיט אים עטלעכע ווערטער און גיט אים אַ נדבה.

— ווייסטו, פּישקע, ווער די דאָזיקע זענען? — מאַכט יאָנטל מיט גדלות און די אייגעלעך שיינען אים פאַר גרוים הנאה. — יענער, וואָס האָט מיר געגעבן די נדבה, איז דער עלטסטער מלמד דאָ ביי אונדז אין תלמוד=תורה. מיינער אַ באַקאַנטער, דו פאַרשטייסט! איאָ, פּישקע, ער האָט שוין אַ פּנים?

— אַזאַ יאָר זאָלן האָבן אַלע מיינע שונאים! — ענטפער איך אים און טו א שפּיי. — פונעם שיינעם מלמד קאָן איך מיך שוין אָנשטויסן, וואָס פאר א מין תלמוד=תורה, מישטיינס=געזאָגט, מוז דאָ ביי אייך זיין. איך פרעג דיך נאָר, יאָנטל, ווי שעמסטו זיך נישט זאָגן, אַז אַזוינס איז גוט! ניין, דו ביסט שוין דאָ קאַליע געוואָרן, יאָנטל! ביסט געוואָרן אַזעלכער ווי די אלע היגע לייט... א מלמד אביסל! כ'לעבן, גאָר אונדזער תלמוד=תורה=מלמד, ר' הערצעלע מזיק, להבדיל! ר' הערצעלע מזיק איז אַ ייד מיטן פולן מויל, פול אין דער גאַנצער שטאָט און טוט זיך זיין זאך בשלמות, גאַנץ פיין. אויף לוויות — ער, אַ שידוך אויספירן — ער, אויפן הייליקן אָרט תהילים זאָגן, אַ פּרק משניות לערנען — ווייטער טאַקע ער. גייט ער, ווי דער שטייגער איז, אַלע וואָך אין די הייזער, געלט צונויפנעמען, טראָגט מען אים די נדבה אקעגן; לויפט ער שמחת=תורה מיט די תלמו=

תורה־ייִנגלעך צו די נגידים מאַכן אַ „מי־שברך“, גיט מען אים אומעטום קידוש מאַכן מיט דער פּולער מאָס. ער שרייט „צאן־קדשים“ און די ייִנגלעך — מע־מע! — עס האָט אַ פּנים. און דיין פּראַנצויז וואָס? וואָס פאַר אַ פּנים קאָן ביי אַזעלכן האָבן זיין תהילים זאָגן, זיין „מי־שברך“? וואָס פאַר אַ טעם קאָן האָבן זיין קידוש מאַכן, זיין גיין אויף אַ לוויה, מישטיינס־געזאָגט?...

— האָסטו דאָך אַ גראָבן טעות, פּישקע! — פאַלט מיר יאַנטל אַריין אין די רייד. — אַז מיינער טוט גאָר קיינמאָל נישט אַזעלכע זאַכן! ווייסט פון אַזעלכע זאַכן אַפילו נישט וואָס צו זאָגן.

— וואָס הייסט, ער טוט נישט אַזעלכע זאַכן?! — מאַך איך פאַר־וווּנדערט. — ווי געשיקט זיך עס, אַ תלמוד־תורה־מלמד זאָל נישט טאָן אַזעלכע זאַכן! נישט מאַכן קיין „מי־שברך“ די נגידים, נישט באַגראָבן די פיינע בריות, נישט...

— שאַ, שאַ, פּישקע! — שלאָגט מיר איבער יאַנטל די רייד. — ער באַגראָבט זיי, נאָר אויף אַן אַנדער שטייגער. נישקשה, די פיינע־בריות זענען צופרידן...

— פע, פע, פע! — שריי איך אין איין קול און פאַרשטעק די אויערן, נישט צו הערן. נאָר יאַנטל לאָזט מיך נישט צו רו און רעדט איבער מיר טאַקע ווייטער:

— ווייסטו ווער דער צווייטער איז, וואָס איז מיט דעם מלמד גע־גאַנגען? דאָס איז אַ גרויסער פיינע־בריה. אַ גאַנצער טוער אין שטאָט־זאַכן, ווי ביי אייך דאָרט אַהרון־יאָסל שטילפייפער.

— פע, פע! — טו איך אַ געשריי שטאַרק אויפגעבראַכט, אַזוי אַז מענטשן, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען, האָבן זיך אַרומגעקוקט. — אָט אַזעלכער הייסט ביי דיר, יאַנטל, אַ פיינע־בריה! ווי אונדזער ר׳ אהרון־יאָסל! זאָג כאָטש להבדיל. ר׳ אהרון־יאָסל איז אַ ייד מיט אַ באָרד, מיט פאות, דאָס יידישקייט ליגט אים אויפן פּנים און אין די הענט ביי אים ליגט יידיש געלט, עולמות־געלט, פון אַלע חברות געלט, נאָך און נאָך געלט, מען גלייבט אים אויף נאמנות. מסתמא, אַז ער נעמט, ווייסט ער דאָך אַז ער נעמט און וואָס מיט דעם געלט צו טאָן. מען קאָן זיך דריגען שוין אויף אים פאַרלאָזן. דיין פיינע־בריה מוז האָבן אַ שיין ביסל נאמנות. אויף וואָס קוקנדיק קאָן מען אַזעלכן געטרויען? אויף זיין יידישקייט? אויף זיינע אונטערגעשוירענע פאות?

— אויף נאמנות, כ׳לעבן! — שפּאַרט זיך יאַנטל מיט מיר. — מיט פאות, אָן פאות, אַלץ איינס, ווי איך בין אַ ייד!

— עט! מאַך איך. — וואָס ווילסטו דאָ מיר אויסדרינגען? מילא, שענק איך דיר שוין דאָס גאמנות, אָבער ווי קאָן מען אזעלכן מכבד זיין מיט סנדק, מיט מציצה? א שיין שטיקל מציצה מוז דאָס זיין ביי דיין פייגע=בריה. פע, כ'לעבן! נאָר אַ געלעכטער. אַז די וועלט זאָגט, פערציק יערסט ארום אָדעם ברענט דער גיהנום, — איז טאַקע אמת.

— פונדעסטוועגן, — מאַכט יאָנטל מיט אַ שטעכווערטל, — איז מיר פול ליבער דאָ אין גיהנום, ווי אין דיין גלופּסק, אין גן=עדן.

יאָנטל איז אין מיינע אויגן אינגאַנצן איבערגעקערט געוואָרן. אָדעם האָט אים שטאַרק צעלאָזן און מיר פלעגן זיך שפּאַרן זייער אָפט. וואָס ביי אים האָט געהייסן גוט, איז ביי מיר געווען שלעכט, און וואָס ביי מיר גוט, איז ביי אים געווען שלעכט. מיר האָבן זיך נישט געקאָנט אויסגלייכן, אַשטייגער, וועגן דער גרויסער שול, וועגן דעם חזן און דעם רב דאָרט. א חזן, מישטיינס=געזאָגט, אין א טענדעווערענדע דאַוונט קאָרכיש! ער אליין זאָל עס ארבעטן, אריינשטעקן דעם פינגער אין גאָרגל, האַלטנדיק זיך ביי דער באַק, ווי אונדזער חזן ר' ירחמיאל קלאָגמוטער, שרייען קולות אויף דער געמבע, פון דער געמבע א כאַפּ טאָן זיך אין א פיסטל=געזאַנג. ווידער אויף דער גראָבער סטרונע, ברומען, זעצן ווערטער אַרויף און אראָפּ, פארגיין זיך אין שטייגער, צעגיסן זיך מיט א זיס וואָלעכל, א בעטלערל פאַר דעם רבונו=של=עולם: „טאַטעניו, פאָטערניו! אוי וויי איז מיר, וויי!“ אַריינלייגן דאָס גאַנצע לעבן און אָפּגיין מיט שוויים אין „יקום=פורקן“, אין דעם „מי=שברך“ — אזוי צו ארבעטן — חלילה! ער אליין שווייגט מייסטנס, נאָר קוים רופט ער זיך אָן אַ וואָרט, כאַפּן עס אויף די משוררים, צעלייגן עס אויף טעלערלעך, נעמען עס אויף די כלים אַלערליי, אויסגעמישט אינייגעם קאַשע מיט מאָן — און דאָס הייסט ביי זיי דאָרט קאָרכיש. ווו אַ וואָלעכל! ווו אַ קליוואנער בעטלערל, אַ פאָניע! ווו א „יקום=פורקן“! די גאַנצע ראָליע שפּילט ביי זיי אונדזערס א שטיקל דרויב, דער „אין=כמוך“, מען מאַכט פון אים א צימעס, און וואָס נאָך — אַ געלעכטער, כ'לעבן! — האַלטנדיק די תורה אויף די הענט דרייט מען זיך דערביי אַרום מיט די הקפות. האָט איר געהערט, שבת מיט די הקפות, ווי אין שמחת=תורה... ס'טייטש! וועט איר זיך וווּנדערן, ווי איז דער רבּ! ווי דערלאָזט עס אַזוינס דאָרט אַ רב? נאָר הערסטו, אָט דאָס איז דאָך טאַקע דער גאַנצער פאַרדראָס, אַז דער שיינער רב טאַנצט אויך אין קאָן, דוקט זיך נאָך פאָרויס אויך אין אַ טענדעווערענדע מיט אַ געפּוצט בערדל און האָט אַ פּנים. פע!... דאַכט זיך גענוג חלשות, און יאָנטלען זאָל דאָס גאָר געפעלן. — געוואַלד, שריי איך, יאָנטל, וואָס איז דיר געשען! משוגע ביסטו, צי חסר=דעה; ווי קומט אזוינס צו דיר, ווי פארקריכט מען עס

אזוי מיאוס? געוואלד, א רוח אין דיין טאַטן אריין!... און ער קוקט מיר
אָן, שמאָכט מיט אַ שיינענדיק פּנים׳ל, מאַכנדיק דערביי נישט מער ווי:
פישקע, ביסט אַ נאַר! פאַרשטייסט נישט, וואָס גוט איז. היינט גיי, רעד,
טענה מיט אַזעלכן. אַז איך האָב אַ קוק געטאָן, ס׳איז פאַרפאַלן, יאָנטל איז
איינגעשפּאַרט, ס׳איז מיט אים גאָרנישט צו מאַכן, האָב איך מיר געגעבן
דאָס וואָרט, מער וועגן דעם נישט צו רעדן. און לאָז זיך זיין אָדעם פונמיי=
נעטוועגן אפילו מיטן קאָפּ אראָפּ איבערקערן, גייט עס מיך מער נישט אָן.

— הער אויס! — זאָג איך איינמאָל צו יאָנטלען. — שפּאָרן זיך מיט
דיר וועגן אָדעסער איינפירונגען וויל איך שוין מער נישט, דו ביסט אַ
געבראָטענער עקשן און איך וועל מיט מיינע ווערטער ביי דיר גאָרנישט
פועלן. לאָמיר בעסער רעדן תוך=זאַכן. איך וויל זיך מיט דיר מיישב זיין
וועגן מיר, וואָס קאָן פון מיר דער תכלית זיין!? דער ענין אין די הייזער
אַרומצוגיין, האָט זיך מיר שטאַרק צוגעגעסן, ס׳איז דאָ היינט אָרעמעלייט
גענוג אָן מיר אויך, וואָס באַפאַלן די הייזער ווי די היישערעקן און וועלן
באַלד פאַרפלייצן די וועלט, די באַלעבאַטים בלאָזן זיך, שרייען: געוואַלד,
נישט אויסצוהאַלטן! עס וואָלט גוט געווען צו האָבן עפּעס אַ שטיקל פּר=
נסה. ראָט, כ׳לעבן, צו וואָס זאָל איך מיך נעמען.

— קיין קאַנטאָרן מאַכן, — ענטפערט יאָנטל, — מיין איך, ווילסטו
נישט, קיין קלייט מיט צעלניק אויך נישט. וואָס דען זשע, אַ שטייגער?

— לאַך נישט, יאָנטל, — זאָג איך צו אים, רעד ווי אַ מענטש. עפּעס
חוץ קאַנטאָרן און צעלניק איז דען נישטאָ ביי יידן מער קיין פּרנסות?

— אָך! — מאַכט יאָנטל, — ס׳איז דאָ, דאָ זייער פיל. ווי אַשטייגער,
האַלטן די טאַקסע, זיין א גבאי אין חברות, רייבן זיך ארום מאיר=בעל=הנס=
פושקעס, דרייען זיך אַרום שטאָט=זאַכן, אַרום די פיינע=בריות, זיין אַ
בל=ולך, אַ קאָבלעפּל און דעסגלייכן זייער גוטע פּרנסות. נאָר אַקאָטאַ!
אַזעלכע זענען נישט פאַר דיר. לאָמיר זיך נעמען צום צעטל יידישע פּרנ=
סות פון קליינעם סאָרט, נו, פישקע, האַנדלען מיט אַלטע קליידער, אַ=
שטייגער! זייער פיל יידן דערנערן זיך דערפון גאָר נישקשהדיק.

— ניין! — גיב איך יאָנטלען צו פאַרשטיין. — אַלטע קליידער מוז
מען דאַך קויפן, אויסלאַטען און דערצו דאַרף מען דאָך געלט, אויך טאַקע
פאַרשטיין אַביסל די מלאכה, און דאָס איז פאַר מיר שווערלעך. מיט גלופּ=
סקער תחתונים, אַשטייגער, איז נאָך אַ האַלבע צרה: וואָס מאַכט עס דען
אויס, אַז צעריסן אַביסל, אַזוי אָדער אַזוי פאַרלאַטעט; אָבער דאָ מיט די
אָדעסער איז דאָך אַ שרעק. אָדעסער תחתונים, מחילה, זענען מיט גאַנצע
צערעמאָניעס, דרך=ארץ! עפּעס גאָר אַ מורא צו זיי זיך צוצורירן.

— אויב דו שרעקסט זיך פֿאַר אָדעסער תּחתּונים, — מאַכט יאָנטל — לאָז=זשע זיין ציבעלעס, קנאָבל, צוגעלעגערטע לימענעס, מאַראַנצן וכדומה. נאָר מוזט אָבער וויסן, אַז דאָ איז די מאָדע זיך איינצושפּאַנען אין אַ טאַטשקע און אַרומפֿירן עס איבער די גאַסן, שרייענדיק אויף אַ קול מיט אַ ניגון.

— שרייען קאָן איך זייער שיין, — ענטפֿער איך, דערויף בין איך אַ מייסטער, אָבער איינשפּאַנען זיך ווי אַ פֿערד און שלעפּן האָב איך קיין כּוח נישט. היינט חוץ דעם איז דאָך אויך ווייטער די אייגענע מעשׂה: און די ממתּקים? וווּ נעמט מען דערצו די קלינגערס, געלט?

— הער אויס, פּישקע, — מאַכט יאָנטל מיט אַן ערנסט פּנים, — פּרנסות אָן מי, אָן געלט אַריינצולייגן, זענען נאָר יענע, די פֿריערדיקע... פֿונעם הויכן סאָרט, ווייטער ווייס איך קיין אַנדערע נישט. זאָג, אדרבא,דו!

— בעסער פֿון אַלע זאַכן, — זאָג איך צו יאָנטלען, — געפֿעלט מיר אַ באָד. אין דער גלופּסקער געמויערטער באָד, ווי איך האָב מיך אויפֿגעהאַלטן, איז מען פֿון מיר שטאַרק צופֿרידן געווען. איך האָב געטויגט, ווען נישט די אומגליקלעכע חתונה מיינע, וואָלט אויס מיר שוין לאַנג דאָרט געוואָרן אַ מענטש. איך וואָלט שוין אָנגעשפּאָרט העט=ווייט. אויב דו ביסט יאָ אַ שטיקל חשוב אין אָדעס, טו זשע מיר די טובֿה, גוטער, זיסער יאָנטעלע, און העלף מיר זיך אַריינצודרייען דאָ ערגעץ אין אַ באָד. זיי אַ ברודער, יאָנטל, און ווייז מיר דיין גרויסקייט דאָ!

— אַצינד, פּישקע, — מאַכט יאָנטל צו מיר מיט אַ שמייכעלע, — אַצינד וועל איך דיר מכוח דיין בקשה גאָרנישט ענטפֿערן, גיי, זיי מוחל, פֿריער און קוק אַליין אָנעט מיט דיינע אויגן די היגע באָדן, דערנאָך וועלן מיר שוין שמועסן.

איך האָב געפֿאָלגט יאָנטלען און בין געגאַנגען אין איין באָד, אין דער אַנדערער, איז מיר פֿירגעקומען עפּעס משונה ווילד. האָט איך געהערט אַביסל אַ באָד! דאָרט איז ליכטיק, ריין ווי אין אַ שטוב. דאָרטן שטייען גוטע באַנק=בעטלעך, טאַקע גוטע, ווי איך בין אַ ייד! פֿרודען זיך דאָרט, זאָל דער אייבערשטער היטן! מען זעט נישט הענגען דאָרט קיין איין העמד אַפֿילו. ס'איז נאָר אַ געלעכטער, אויף גאמנות! — ניין, טראַכט איך ביי מיר, אין אזא באָד קאָן איך נישט זיין. דאָס איז נישט פֿאַר מיר, נישט דאָס, נישט יענץ, נישט דער תּענוג, וואָס אין אונדזער גלופּסקער באָד. דאָרט איז נאָר עפּעס אַנדערש, עס האָט עפּעס טאַקע אַ פּנים. מענטשן האַלטן זיך דאָרט אויף, מען ליגט זיך אין קומפּאַניע אויסגעצויגן אויף די בענק; מען שמועסט, מען דערציילט מעשׂיות, מען רעדט פֿון אַלצדינג, וואָס פֿאַרלויפֿט זיך אין דער וועלט. ס'איז עפּעס אַזוי גוט, אַזוי געשמאַק, מחיה,

כ'לעבן!... איך בין געגאַנגען אין נאָך און נאָך באָדן, אַלץ נישט וואָס ביי אונדז. עפּעס שמעקט דאָרט נישט דער ריח, וואָס אין אונדזער געמויערטער באָד! היינט זייערע מקוות איז גאָר א געלעכטער. אונדזער מקווה=וואסער פילט מען, עס האָט עפּעס אן אנדער טעם, אן אנדער קאָליר און עס איז עפּעס געדיכטער, ווי אַנדערע וואסערן. מען פילט באלד — ס'איז יידישלעך... דאָרט אָבער איז דאָס מקווה=וואסער לויטער, גלאט וואסער, ווי וואסער באדארף געווייניטלעך זיין, וואָס מען קאָן עס טרינקען...

— נו, פישקע? — האָט מיך יאָנטל אַ פרעג געטאָן דערנאָך מיט אַ שמייכעלע. — האָסטו געזען אַ היגע באָד?

— עט! — האָב איך געענטפערט. נישטאָ פון וואָס, מישטיינס=געזאָגט, צו רעדן. ביי אייך איז אַלץ ווילד, חוזק אינגאַנצן. דיין אָדעס איז פאר מיר נישט קיין אָרט.

כד

מיט אָדעס בין איך טאַקע נישט צופרידן געווען, נאָר איבער דעם ווינטער האָב איך געמוזט דאָרט פאַרבלייבן, וואָרעם ווי לאָזט מען זיך עם ווינטער=צייט נאַקעט און באָרוועס אין וועג אַריין און דערצו נאָך איינער אַליין אין אַ פרעמד ווינקל? וויבאַלד אָבער עס האָט אַ וואַרעם געגעבן די ליכטיקע זון און געשמעקט מיט זומער, האָט עס מיך עפּעס געטאָרעט, נישט געלאָזט מיך איינזיצן רואיק אויף איין אָרט. אמאָל פלעגט פאר מיר דער זומער זיין, ווי געווייניטלעך, זומער. זומער, גאָרנישט! ס'איז וואַרעם, ליכטיק, טעג גרויסע, גרין אומעטום. מילא איז גוט, איז נישט קאַלט. בהמות גייען אין דער טשערעדע, איז דאָ מילך, אַביסל סמעטענע. ס'איז נאָך דאָ צום ברויט אַ גרינגע ציבעלע, אַ קנאָבל, אַ רעטעכל, פאַר יידן אַן אָרעמאַן אַ גרויסע זאַך, אַ גאַנצער חשבון. הייגטיקס מאָל אַקעגן האָט פאַר מיר דער זומער עפּעס גאָר אַן אַנדער פּנים געהאַט. איך ווייס נישט, ווי איך זאָל מיך אויסדריקן, עפּעס האָט ער גערעדט ווערטער, אונטערגעגעבן דעם הארץ עפּעס א חשק... מיך דערמאָנט אלץ אין א י ר, אין מיין האַרבאַטע. איטלעכס גרעזעלע, איטלעכס גרין ביימעלע און איטלעכס שפּיל פון אַ פייגעלע האָט מיר עפּעס דערציילט, אָפּגעגעבן אַ גרוס פון איר. עס האָט זיך מיר אַלץ געטראַכט: אָט אַזוי איז זי מיט מיר געזעסן, אַזוי האָט זי געקוקט, אַזוי — געלאַכט און אַזוי אויסגעגאָסן איר ביטער געמיט. עס האָט מיר זיך צעשפּילט די געבליטן, מיך באַפאַלן אַ זיסע מרה=שחורה און עס האָט מיך עפּעס געצויגן, געצויגן ווייט אַהין, אַהין... וואָס פאַר אַ שייכות דאָס אַלצדינג קאָן האָבן מיט דעם זומער, אויב דאָס איז געווען

אינגאַנצן זיין אַרבעט, אָדער גאָר עפּעס אַנדערש, עפּעס אַזאַ מין שלאָפּקייט, אַ ספּאַזמע אַזוינע? — דאָס ווייס איך נישט. איך ווייס נישט מער, מיט מיר איז געווען עפּעס נישט גלאַט. איך האָב געצאַנקט ווי אַ ליכט, געוואָרן גאָר נישט דער אייגענער וואָס פריער.

— פּישקע, ביסט קראַנק? — האָט יאָנטל אָנקוקנדיק מיך איינמאָל געפרעגט. — ביסט עפּעס שטאַרק פונעם פּנים אַראָפּ. וואָס טוט דיר וויי?

— עט, גאָרנישט. — ענטפער איך, אָנכאַפּנדיק זיך מיטביידע הענט ביים האַרצן.

— דו פילסט נישט דאָס האַרץ? — מאַכט יאָנטל. — דערצו איז איין סגולה. אַ שטיקל ברויט גוט איינגעטונקט אין זאַלץ אויפן ניכטערן מאָגן.

— ס'איז מיר אָנגעזאַלצן אויפן האַרצן גענוג אָן דעם, — ענטפער איך מיט אַ זיפץ. — עפּעס פיל איך, ווי עס ציט מיך, ציט און עס לאָזט מיך נישט איינזיצן.

— איך פאַרשטיי שוין, פאַרשטיי, — מאַכט יאָנטל מיט א שמייכעלע, — עס ציט דיך אין ד ײ ן גלופּסק ציט דיך. אַהין, ווו די גנילאָפּיאַטקע בליט, ווו עס סווישטשעט דער דלות און קנאָבל און ציבעלעס גיבן די שמוכט. שעם זשע דיך נישט, פּישקע, און גיי דיר אַהין אין דיין רו אַריין.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך זיך געזעגנט מיט יאָנטלען און מיך געלאָזט צופוס אין וועג אַריין...

דער קאָפּ איז מיר געפלויגן אין עק וועלט, דאָס האַרץ האָט מיך געצויגן צו א י ר. אַלץ געטראַכט, ווו איז ז י, ווו געפינט זיך אַצינד זי? וואָס מאַכט זי, ווי לעבט זי, נעבעך, אַליין אָן מיר? און די פיס מיינע זענען געגאַנגען, ווי אַליין פון זיך, געגאַנגען פאַמעלעכן אויפן וועג קיין גלופּסק. איך בין געגאַנגען דורך דערפער, דורך שטעט, דעם גאַנצן וועג געטראַכט, געזוכט מיט די אויגן, טאָמער וועל איך באַגעגענען זי איך בין זיך אָנגעגאַנגען גענוג און אויסגעוועז אַ וועלט יידישע שטעט. וואָס מער נעענטער צו גלופּסק, איז מיר געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן. איך האָב זיך מחיה געווען מיט די יידן פון אונדזער ווינקל. זייער לשון, זייער גאַנג, זייער שטייגער לעבן און פירונג איז פאַר מיר געוואָרן גאָר אַ דערקוויקעניש, כ'לעבן. עפּעס האָב איך מיך געפילט היימיש צווישן מיינע לייט, אייגענע מענטשן. פון אונדזער ווינקל די יידן זענען טאַקע מחיה! אָן צערעמאָניעס, אָן ח כ מ ו ת, הערן נישט קיין וועלט, נאַרישע מאָדעס. רעד דיר, שריי דיר הויך אויפן קול, טו דיר פריי אַלצדינג, פראָסט ווי גאָט האָט געבאָטן. ווועמענס עסק איז — שיין אָדער מיאוס, אויב עס פּאַסט אָדער נישט. יענעם געפעלט נישט? לאָז ער פאַרמאַכן די אויגן,

פאַרשטעקן די אויערן. נעסמאַיע אים פאַרפֿול!... איך בין ביסלעכווייז געקומען צו די קרעפֿטן, געוואָרן רואיקער, געטראַכט פֿון גלופּסק, פֿון דער געמויערטער באָד, און געהאַפּט צו השם־יתברך.

אָט אַזוי בין איך מיר אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן געגאַנגען צווישן ווייץ און קאָרן און פֿאַרגאַנגען ביז צו אַ גרויסן, געדיכטן וואַלד. איך בין אַריין אַביסל טיפֿלער אין וואַלד, אָפּגעלייגט זיך דאָרט מיט מיין פּעקל, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון מיר די קאַפּאָטע און זיך אויסגעשטרעקט אונטער אַ בוים צווישן הויך גראָז, וואָס האָבן מיט די גרויסע, ברייטע בלעטער מיך פֿאַרשטעלט אַרום און אַרום. מילא וואָס איז דאָ איבערצוטראַכטן? אַ וואַלד — אַ וואַלד, ווי אַלע וועלדער. ביימער זענען זיך ביימער, גראָז — גראָז. פֿייגעלעך — פֿייגעלעך און איך בין מיר איך און מעג מיר טאַקע כאַפּן אַ דרעמל, זיך אויסרוען אַביסל פֿונעם וועג. איך צי מיך, גענעץ, פֿאַרמאַך די אויגן — און הערט מיין חלום.

עס דאַכט זיך מיר אַ שאַרך, עפּעס ווי טריט און אַ קנאַקן פֿון דאַרע ריטלעך. איך שטעל אויף די אויערן און האָרך מיט צוגעמאַכטע אויגן. דער שאָרך ווערט אַלץ שטאַרקער, די טריט אַלץ נענטער. עפּעס הייבט עס מיך אָן צו אַרן, וויל עפֿענען די אויגן, נאָר שווערלעך. איך ליג ווי אַ קלאָץ און קאָן פֿאַר גרויס מידקייט מיך נישט רירן. די טריט אָבער ווערן באַלד שטילער, איך בארואיק מיך, גיב מיך איבער דעם שלאָף, די געדאַנקען פּלאָנטען זיך מיר און ס'איז מיר עפּעס גוט, אַזוי גוט... עפּעס הערט זיך אַ שטיל אומעטיק ניגונדל, דאַכט זיך אַ באַקאַנטס, דאָס ניגונדל צעגייט זיך אין אַלע גלידער, רייסט אויס אַ שטיק האַרץ, עס גלוסט זיך וויינען און דערביי פֿילט זיך טאַקע, ווי עס קומט צו אַ שטיק געזונט. עפּעס גאָר ווי אויף אַ באַדעקנס פֿאַר דער חופּה, עס ווייגט זיך חתן־כלה און עס לאַכט זיך, ביידע זאַכן איניינעם, ווי אַ זון מיט אַ רעגן צו גלייכער צייט.

פּלוצעם פֿיל איך, עפּעס טוט מיך אַ נעם ביי די האָר און עס טוט אַ געשריי. איך כאַפּ מיך געשווינד אויף, צעעפֿן פֿאַר מיר די גרויסע בלעטער פֿונעם גראָז און דערזע אַ טעפּל מיט שטאַרקע רויטע פּיליניצעס, וואַלגערנדיק זיך נישט ווייט פֿון מיר אויף דער ערד. ווייטער אַביסל רוקט זיך עמעצער, ווי אַ נקבה, זיצנדיק אויפֿן גראָז און קוקט זיך אַרום אין איינע שרעק. מיר איז באַלד איינגעפֿאַלן, וואָס דאָס באַדייט. יענע האָט דאָ, אפֿנים, געקליבן פּיליניצעס, פֿאַרטיפֿט אין דעם זוכן און בשעת מעשה, אונטערזינגענדיק עפּעס אַ לידעלע, האָט זי פּלוצעם אָנגעטאַפּט מיין קאָפּ און זיך שטאַרק איבערגעשראָקן. איך שטיי געשווינד אויף, נעם דאָס טעפּל און גיי איר עס אָפּצוטראָגן, מאַכנדיק פֿונדערווייטנס: גישקשה! גאַנץ פֿריינדלעך. נאָר קוים קום איך צו נאָענט, פֿאַלט מיר פֿון די הענט דאָס

טעפּל אַרויס. איך טו אַ געשריי, בלייב פֿאַרמישט — און באַלד שטייען מיר ביידע, שטייף האַלטנדיק זיך ביי די הענט, איך און מיין האָרבאַטע...

דאָס איז געווען טאַקע וואַכנדיק, נישט קיין חלום. איך האָב געקוקט און געזען גאַנץ קלאָר, פֿאַר מיר שטייען געזונטעביימער, אויבן אויף די צווייגן שפּרינגען פֿייגעלעך, סווישטשען, זינגען און פֿרייען זיך מיט אונדז אינאיינעם. ביידע זענען מיר איבערגליקלעך, פֿרייען זיך און לאַכן מיט טרערן. ביידע וווּנדערן זיך, פֿרעגן איינער דעם אַנדערן, פֿונוואַנען ער האָט פּלוצעם זיך אַהער גענומען, און ביידע רעדן, דערציילן, וואָס מיט איטלעכן האָט זיך פּאַסירט.

זי דערציילט די גרויסע צרות, וואָס זי, נעבעך, איז אויסגעשטאַנען זינט די כאַליאַסטרע האָט מיך פֿאַראַיאָרן אין שטעטל דאָרט אַוועקגעוואָרפֿן. דאָס איז געווען דעם ממזרס אַרבעט. אים האָט זיך נישט געגלוסט מיין ווייב זאָל נעמען גט, בכדי זי זאָל נישט באַלד צושטיין צו אים מיט געוואַלד, ער זאָל מיט איר חתונה האָבן. אים האָט נאָר געטויגט אַ בלינדע, אָבער נישט קיין בלינד ווייב. מאַכן מיט איר חן און געלט — דאָס זאָל ער, און זיין זאָל זי זיך געזונטערהייט יענעמס. דערביי האָט ער געהאַט נאָך אַ מיין, מיר צו פֿאַרווּסטן מיינע יאָרן, איך זאָל נישט זיין פֿריי אויפֿגעבונדן. אים איז אויך שטאַרק נישט געפֿעלן מיין פֿריינדשאַפֿט מיט דער האָרבאַטע, דאָס האָט אים שרעקלעך געשטאָכן און ער האָט פֿון זיין זייט געטאָן מיטל, די פֿריינדשאַפֿט זאָל נישט גיין ווייטער... אַבי ער איז מיינער פּטור געוואָרן, האָט ער מיין ווייב ביסלעכווייז אין די לאַפּעס אַריינגענומען און איר דערנאָך געוויזן, ווער עלטער איז, וויסנדיק זייער גוט, אַז פֿון זיינע הענט איז איר שוין אוממעגלעך זיך אויסצודרייען. וואָרעם וואָס קאָן אַ בלינדע איינע אליין טאָן? שפּעטער האָט זי אים זיך שטאַרק צוגעגעסן. ער האָט זי איבערגעגעבן דעם אַלטיטשקען, צו גיין מיט איר אין די הייזער און מאַכן די קאָמעדיע, ווי אַמאָל מיט מיר. דער ממזר האָט איר פֿאַרצאַפּט דאָס בלוט, זי געהרגעט, געשלאָגן, און דער אַלטיטשקער האָט באַזונדער מיט איר געלערנט בלק. זי איז אין אַ קורצער צייט געעלטערט געוואָרן, פֿינצטער ווי די ערד. — דאָס גאַנצע יאָר האָט די כאַליאַסטרע זיך אַרומגעשלעפּט, אין פֿיל שטעט אויסגעווען. און היינט פֿאַרטאָג זיך געשטעלט אויסרוען דאָ אין וואַלד. איר האָט זיך פֿאַרגלוסט גיין קלויבן פּיליניצעס און האָט פּלוצעם — אַזוי לאָזט זי אויס מיט אַ שמייכעלע — אָנגעטאַפּט אַ גוטע פּ י ל י נ י צ ע, מיך אַליין...

איך פֿון מיין זייט דערצייל איר אַלצדינג, וואָס מיט מיר האָט זיך פּאַסירט און ווי איך בין אויך היינט אינדערפֿרי געקומען אַהער, גייענדיק אויפֿן וועג קיין גלופּסק. ביי אונדז איז געבליבן פֿון היינט אָן זיך מער

נישט צו שיידן, אייגוועגדן אַלע מיטל, מיין ווייב זאָל נעמען גט. אויב חלילה נישט, וועלן מיר ביידע פון דער כאַליאַסטרע אַנטרונען ווערן, און וואַרטן, וואָס גאָט וועט געבן. און ווי מיר זיצן זיך דאָ אַזוי, שטאַרק הנאה האָבנדיק איינער פונעם אַנדערן, הערט זיך אין וואַלד אַ קול אַ־הו!

— דאָס איז אַ קול פון אונדזערע לייט, — זאָגט מיין האַרבאַטע, — דאָס זוכט מען מיר.

און שפּעטער אַ ווײַלע קומט אַ פּאַרשוין, וועלכן איך האָב באַלד דער־קענט. דער פּאַרשוין האָט מיך עפּעס קרום אָנגעקוקט און געשמייכלט פּאַר זיך מיט אַ געשפּעט. מיר מאַכן נישט לאַנג שיהות און לאָזן זיך גיין. דער פּאַרשוין לויפט פריער, איילט זיך, אַפּנים, אָנצוזאָגן די גוטע בשורה, און מיר איילן זיך נישט, גייען פּאַמעלעך. הינטער אַ קרעטשמעלע, אַ חורבה, אויף אַ היפּשע שטרעקע ווייטלעך אין דעם וואַלד, זע איך, שטייען באַקאַנטע ביידלעך, ווייטער אַביסל אויף אַ פרייען פּלאַץ, אַרומגערינגלט מיט ביימער, ברענט אַ פייערל, די שיינע כאַליאַסטרע אַרום, און ס'איז פריילעך. דעם ערשטן „שלום־עליכם" שטעקט מיר אָפּ דער ממזר מיט ברייטקייט, הויך אויף אַ קול: אַ, אַ, אַ גאַסט, כ'לעבן! וואָס מאַכט אַ ייד? איך האָב טאַקע נאָך אייך שוין געבענקט, ר' פישל! — באַלד דערויף לאָזן זיך הערן קולות: קומט מקבל פּנים זיין דעם „נגיד"! און פון אַלע זייטן שיטן זיך מיר משונה־ווילדע, משוגענע „שלום־עליכמס" מיט קניפּ און קלעפּ הינטן אַרום, אַזוי אַז דאָס היטל איז מיר פונעם קאָפּ אַראָפּגעפאַלן. און ווי איך דריי מיך דאָ, זוך דאָס היטל, צודעקנדיק דערווייל דעם קאָפּ מיטן עק פּאָלע פון דער קאַפּאָטע, און כאַפּ קלעפּ גאָר אַ שרעק, פליט צו מיין ווייב מיט אַ פרייד אין איין קול: „וווּ איז ער,מיינער? ווו, ווו? פישקע?"... איר פרייד האָט מיך ערגער געשטאָכן ווי די פון די פיינע לייט די קניפּ. צום גט טויג מיר כלל נישט אזא פרייד, טראַכט איך מיר, האָב מיך בעסער פיינט, ווי דער גאַנצער עולם דאָ. זי אָבער הענגט זיך אויף מיר, אַליין: „פישקע, מיין פישקע!" מיר איז שטאַרק נישט גוט געוואָרן אָנקוקנדיק זי, אַ בלינדע, אַ דארע, אַ שלאָפע, אַלטע יידענע! ווו איז איר לייב, איר געזונט, אירע פעטע באַקן און איר פּיסק? איך האָב מיר באַדאַרפט אָנטאָן אַ כוח אַ פרעג צו געבן זי, פון יוצא וועגן: וואָס מאַכסטו בתיהה?

— דו ביסט טאַקע גערעכט געווען, פישקע, זאָגנדיק אַמאָל: „אין גלופּסק האָבן מיר ביידע, ברוך־השם, אַ שיינעם נאָמען געהאַט, איטלעכער האָט מיך געקענט און אויף מיר כבוד געלייגט", — מאַכט מיין ווייב הויך אויף אַ קול, אַלע זאָלן הערן, אָננעמענדיק דערביי אַ שטאָלצע מינע, ווי אַן אָפּגעקומענער נגיד, וואָס דערציילט פון זיין גרויסקייט אין די פריער־דיקע יאָרן, און געטאָן אַ זיפץ טיף פונעם האַרצן — געגנוג זיין נע־וונד,

אַהיים, צוריק אַהיים פיר מיך. פישקע, צוריק אין אונדזער שטאָט, צו אונדזערע הייזער, אונדזערע באַלעבאַטים!

ס'איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן פון אירע רייד, אַזעלכעס איז מיר גאָר נישט איינגעפאַלן צו הערן פון איר, און איך האָב מיך שטאַרק פארקרימט. דער ממזר האָט זיך אויך מיאוס פארקרימט, טראכטנדיק זיכער, אַז איך וויל דערטאַפּן די סחורה און ביי אים צונעמען די פרנסה. איך האָב גאָר געטראכט: אדרבא, ביי דיר בלייב עס, איך בין דיר זי מוחל פונעם גאנצן הארצן. עס האָט אין אים געברענט די רציחה, די אויגן זענען אים פאַרלאָפן מיט בלוט, אָנקוקנדיק מיך בייז, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, געוואָרטשעט און איז אַוועקגעגאַנגען שטאַרק אין כעס.

ווייבער און מיידלעך פון דער שיינער כאַליאַסטרע האָבן זיך געפּאָרעט לעבן דעם פייער, צוגעשטעלט טעפּלעך, געשאַרט, געררוקט, געבאַקט קאַרטאָפליעס. אַ טייל בחורים שטייען צו און שפּילן זיך מיט זיי אונטער, דערלאַנגען אַ זעץ, אַ קניפּ, זאָגנדיק דערביי גלייכווערטלעך. די ווייבער זענען קלאָמפּערשט בייז, גרייט אויסצורייסן די אויגן, זידלען, שעלטן און קייכן טאַקע באַלד פאַר געלעכטער, לאָזן זיך כאַפּן ווי א הון פונעם האָן, ווען ער וואַרפט אויף איר אַן אייגל מיט אַראָפּגעלאָזענע, צעשפּרייטע פליגל, און איז מקבל באהבה דעם פּיק, וועלכן ער טוט איר אין קעפּל. — ווידער א טייל זענען צעזייט, צעשפּרייט אין וואַלד. איינער ליגט מיט דעם רוקן אַרויף און כראָפּעט, דער אַנדערער לאַטעט עפּעס אַ קאַפּטאַן, יענער קראַצט זיך, טאַפּט און זוכט עפּעס מיט אַ שטאַרק ערנסט פּנים. נאָך עטלעכע שלאָגן זיך, פּרוון, ווער וועמען וועט בייקומען. עס קאָכט זיך, עס רעשט זיך, חברה לעבט!...

מיין ווייב האלט מיך פעסט מיט די הענט, נאָר איין גוף, איין נשמה, רעדט און רעדט פאַר פייער, פאַר וואַסער, זי קלאָגט זיך אויף איר פינצטער מזל, דערציילט איר שווער ביטער געמיט, ווי אַזוי זי איז עס אַ ביסל אָפּגעקומען, און ווינטשט נישט אַנדערש, איך זאָל זי פונדאַנען אַוועקפירן, לעבן מיט איר איינעם, ווי גאָט האָט געבאָטן, ביז הונדערט מיט צוואָנציק יאָר. איך ענטפער איר איין וואָרט אויפן צענטן, עפּעס אָן לשון, און זוך, ווי פון אירע הענט זיך אַרויסצודרייען. אַז איר האָט זיך שוין אויסגעלאָזט רייד און מיר זענען שוין געגנוג אויף איין אָרט זיך אָנגעזעסן, איז מיר לסוף געראָטן פון איר זיך אויסצורייסן, אביסל פריי צו עטעמען. איך האָב באלד אויסגעזוכט מיין האָרבאַטע, און מיט איר שטילערהייט אַוועק אַ ביסל אין דער זייט. דער שמועס אונדזערער האָט זיך אָנגעהויבן דערמיט, אַז ס'איז שטאַרק נישט פריילעך. פון גטן זיך מיט מיינער איז

גאָר נישט צו דענקען, זי וועט פאַרוואַרפן מיטן קאָפ, נישט וועלן אַפילו הערן. ווידער זשע דאָ צו בלייבן ביי דער גוטער כנופיא איז אַוודאי נישט גוט. דאָס הייסט, פשוט זיך פאַרקויפן דעם רוח, אויפדאָסניי ווערן אַ בער און טאַנצן אויף די לאַפקעס. וואָס דען זשע טוט מען? אַ היפשע צייט זענען מיר אַזוי געזעסן און אונדזער שמועס האָט זיך אויסגעלאָזט דערמיט: אַיין ברירה, מען באַדאַרף מאַכן אַ פליטה. און אַזוי ווי די כאַליאַסטרע האָט בדעה דאָ צו נעכטיקן, איז פאַר אונדז קיין בעסערע צייט און קיין בעסער אָרט נישט געווען ווי אָפצוטאָן עס טאַקע די היינטיקע נאַכט, דאָ אין דעם וואַלד. ווי מיר זיצן און באַטראַכטן גוט דעם פלאַן, ווייזט זיך פונדערווייטנס דער ממזר מיט עפעס אַ פאָר פערד. — לאָמיר נישט וואַרטן — זאָגט מיין האָרבאַטע — ביז ער וועט צוקומען נעענטער. עס טויג נישט, ער זאָל אונדז זען זיצנדיק אינייגעם. בעסער לאָמיר באַצייטנס זיך צעגיין.

זי גייט אַוועק אין איין זייט און איך אין דער אַנדערער.

דער ממזר איז עפעס ווי שטאַרק באַשעפטיקט געווען, זיך אַליין געסודעט מיט דעם אַלטיטשקעו, וואָס איז געווען זיין גאַנצער פליגל־אַדיוטאַנט. איך האָב אויסגעמיטן מיט דעם ממזר זיך נאָענט נישט צו באַגעגענען און מיך געהאַלטן אַליין באַזונדער. בשעת חברה האָט געאַרבעט, געשטיפט, פאַרטראָגן געווען מיט זיך, איז צו מיר צוגעגאַנגען מיין האָרבאַטע, מיר איינגערוימט אין אויער, אַז איידער די זון וועט זיך זעצן, וויל דער ממזר זיך רירן מיט דער כאַליאַסטרע אין וועג אַריין. די פאָר פערד, וועלכע ער האָט געבראַכט צו פירן, זענען געגנבעטע, און ער איילט זיך, אַפנים, דעריבער אַוועק פונדאַנען. פון אונדזער פריערדיקן גאַנצן פלאַן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. איך בין געבליבן שטיין אָפהענטיק, נישט צו וויסן וואָס מען טוט. עס האָט מיר פארקלעמט ביים הארצן פאר גרוים פאַרדראָס, אַזוי אַז דער קאָפ האָט זיך מיר געדרייט און מיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. מיין האָרבאַטע האָט מיך אָנגעקוקט מיט גרויס רחמנות, די אויגן האָבן איר געברענט ווי פייער. דאָס פנים האָט איר געפלאַמט, און נאָכדעם אַז זי האָט אַ ווײַלע געטראַכט, זאָגט זי צו מיר מיט אַ ציטערדיק קול:

— פישקע! זאָלסט שפעטער אַ ביסל זיך געפינען אין דעם חורבהלע, דאָרט אויפן בוידעם. דו פאַרשטייסט?...

— איך פאַרשטיי, פאַרשטיי, — רוף איך מיר אָן לעבעדיק, אונטערשפרינגענדיק פאַר פרייד, — און דו וועסט דערנאָך אַהין אונטערקומען?

— יאָ, שאַ! — מאַכט זי און טוט מיטן קאָפ אַ שאָקל אויף יאָ. — למען־השם שטיל. דו הערסט?

מיט מיין ווייב האָב איך נישט געהאַלטן אַזוי פאַר גייטיק זיך צו געזעגענען. הגם ס'איז אויף איר געווען אַ רחמנות, נאָר ווער איז איר שול־דיק? זי האָט געגעבן דעם ערשטן ריס און דער ריס צווישן אונדז איז געוואָרן דערנאָך אַלץ גרעסער, גרעסער. פאַרפאַלן, וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? אַז, גאָר אַחוץ אַנדערע זאַכן, איז מיר אוממעגלעך געווען מיט איר אויף ווייטער זיך צו פאַרבינדן, אוממעגלעך מיט איר זיך צונויפגיין, ווי דער הימל מיט דער ערד. איך האָב, עס פאַרשטייט זיך, פאַרגעסן דעם „זיי געזונט" און שטילערהייט זיך געלאָזט גיין צו דעם חורבהלע.

מיט וואָס פאַר אַ האַרץ איך בין אין דעם חורבהלע אַריינגעגאַנגען, איז גרינג צו פאַרשטיין. נאָך אַזויפיל פיין און געבראָטענע לייד האָט גאָט געוואָלט צונויפפירן מיך מיט דער האָרבאַטע אין איין ווינקל קרעטש־מעלע, וואָס דאָ האָט באַראַפּט אויסגעשפּילט ווערן אונדזער ביידנס גורל און פון אַצינד אָן אָנהייבן צו פירן אַ נײַ לעבן. אַרויפקריכן אויפן בוידעם איז מיר אָנגעקומען זייער גרינג, וואָרום דאָס שטיבל איז געווען נידעריק, מיט דער הינטערשטער וואַנט, וואָס אין הויז אַריין, אָנגעבויגן כמעט ביז צו דער ערד. די סטעליע איז געווען ערטערווייז געלעכערט מיט גרויסע שפּאַלטן, אַזוי אַז מען האָט געקאָנט פונעם בוידעם אריינקוקן אינעווייניק אין דעם שטיבל אַריין. איך זיץ מיר אין אַ ווינקעלע און וואַרט. עס טיאַכ־קעט מיר דאָס האַרץ, קלאַפּט ווי מיט אַ האַמער. איטלעכע מינוט ציט זיך מיר ווי אַ יאָר. איך האָרך מיך צו צו אַ מינדסטן שאָרך. אַ מינדסטע באַווע־גונג פון אַ שטרויעלע ערגעץ, דאַכט זיך מיר: טריט, זי גייט... אַ מינדסטן בלאָזעלע פון אַ ווינטעלע, דאַכט זיך מיר — מיין נאָמען, זי רופט... פּלוצעם קומט מיר צו די אויערן פונעם שטיבל אונטן עפּעס אַ קול. דער געדאַנק, אַז דאָס איז זי, אָט איז זי, באַלד, באַלד ווערן מיר אויסגעלייזט — האָט מיך צעקאָכט, געוואָרפן פון היץ אין קעלט. איך וויל מיך אָנרופן, פאַר־כאַפּט מיר אָבער דער אָטעם, עס דינט מיר נישט דאָס מויל. אין דער דאָזיקער הייסער רגע הער איך טאַקע גאַנץ שאַרף מיין נאָמען און די אויגן מיינע דערזען דורך אַ שפּאַלט — וועמען? דעם ממזר מיט דעם אַלטיטש־קען!... זיי שמועסן צווישן זיך אַזוי:

— דו נעם אויף דיר דיין שטיקל סחורה, — זאָגט דער ממזר, — גיב אַכטונג, די בלינדע מכשפהטע זאָל זיך נישט אויסגליטשען. פאַר־שטייסט?

— נישקשה! — ענטפערט דער אַלטיטשקער. — מיינס האָב איך שוין געטאָן, איך האָב נאָר מורא, זי זאָל נישט פּגרן. דער אַלטער סקראָב ליגט אַצינד ווי אַ טויטע און קאָן זיך נישט רירן, אַזוי האָב איך איר גע־בראָכן די ביינער.

— און דעם הינקעדיקן פּליאסקעדריגע — פּירט אוים דער ממזר — נעם איך אויף מיר. אַנקוקן קאָן איך נישט זיין פּרצוף־פּנים, אַזוי פיינט האָב איך אים. איך וועל מיך מיט אים אָפּרעכענען, נישקשה, איך האָב נאָך מיט אים אַלטע חשבונות.

ס'איז מיר אַנטפּאַלן די מאַמעס מילך, הערנדיק אַזעלכע שרעקלעכע ווערטער.

— ווי עס זעט אוים — מאַכט דער אַלטיטשקער, — זענען דיינע געלקחנטע סוסים יידישע, דאַרע, דערשלאָגענע, קאַלטענעוואַטע, מיט אוים־געקרימטע רוקנס, מיט דינע העלדזלעך, געררגעלעך און מערידן, ווי אונ־דזערע פּאַראָפּאַטשקעס, פּיינע־בריות.

— אָפּפּאַלן זאָל דיר די צונג, דו אַלטער שטורמאַק! — זידלט זיך דער ממזר. — גיי בעסער, זוך, שמעק, כלב איינער, דאָ איז הויז, אויפן בוידעם, טאָמער וועסטו „פּאָציאָפּען" עפּעס אַלטע באַלעגאָלישע זאכענישן, וואָס קאָנען אונדז טויגן. פּאָרט איז דאָך עס אַמאָל געווען אַן איינפאָרהויז, מישטיינס־געזאָגט.

עס באַשלאָגן מיך אַנגסטן, מיר איז נישט גוט צום שטאַרבן. איין פּוס ציטערט מיר שטאַרק און טוט, נישט ווילנדיק, אַ זעץ אין דער סטעליע. די פּאָר שיינע לייט פאַררייסן די אויגן אַרויף, שטייענדיק אַ ווײַלע פּאַר־גאַפּט. דערנאָך לאָזן אַרוים ביידע אין איין קול:

— עפּעס שיט זיך פון דער סטעליע! מען באַדאַרף טאָן דאָרט אַ קוק.

עס פּאַרדרייט מיר זיך דער קאָפּ, עס קלינגט מיר אין די אויערן, שווינדלט אין די אויגן און איך שוועב עפּעס אין דער לופטן.

יאָ, טאַקע אין דער לופטן. אַ פּאָר אייזערנע הענט טוען מיך אַ כאַפּ און שליידערן מיך פונעם בוידעם אַראָפּ אויף דער ערד: איך דערהער, ווי מען מאַכט מיר אַ ברייטן „ברוך־הבא" מיט דעם גאַנצן טיטל: „סקאָצל קומט, ר' פישל!" און דערזע באַלד פאַר מיר דעם ממזר מיט אַ פּנים, אַ שרעק אָנצוקוקן, עפּעס גאָר אַ פּנים ווי ביי אַ קאַץ, בשעת זי קלייבט זיך צו דערשטיקן דאָס געכאַפּטע מייזל. דעם אַלטיטשקען האָב איך שוין נישט געזען. ער איז, אַפּנים, אַוועק, איבערלאָזנדיק מיך אויג אויף אויג מיט דעם ממזר.

— אַנו, נפשל, — זאָגט דער ממזר, — זאָג ווידוי!... דאָס וואָס איך האָב באַדאַרפט טאָן דיר אַמאָל, דאָרט אין קעלער, וועל איך עס דיר טאָן אַצינד. פייבושקע פאַרגעסט נישט, נישקשה.

איך פאַל אים צו די פיס, בעט מיך ביי אים, ווי ביי אַ גזלן, מיר צו שענקען דאָס לעבן. עס העלפט נישט. ער נעמט אַרוים אַ מעסער, האַלט עס מיר אַקעגן די אויגן, מיט גרוים הנאה צוקוקנדיק, ווי איך צאַפּל, פּלאַ־

טער. איך פּרווו מיך איינשמועסן אים מיט דעם גן־עדן, זאָג אים צו עולם־הבא, אַ גאַנצע וועלט, שענק אים מיין חלק לעולם־הבא אויך, אַלצדינג וואָס נאָר מעגלעך. ער שטשירעט אויס די אויגן און שווייגט. איך הייב אָנעט צו שרעקן אים מיט דעם גיהנום, מיט גאָטס משפּט, דער אייבערשטער וועט אים שטראָפן, זיך נוקם זיין פאַר אומשולדיק בלוט. ער פאַרבייסט די ליפּן, טוט אַ הייב אינדערהויך דאָס מעסער — און אין דער שרעקלעכער רגע, וואָס אָט־אָט ליגט מיר דער חלף אויף דעם האַלדז, טוט עס אים פּלוצעם עפּעס אַ כאַפּ פון הינטן, גאָר נישט מיט קיין מענטשלעך געשריי: ניין, ניין, וועסט עס נישט טאָן! — ער ווערט שטאַרק פאַרמישט און קוקט זיך אין שרעקעניש אַרום.

דאָס האָט אים אַ כאַפּ געטאָן דאָס האָרבאַטע מיידל!

— חצופה, אַרויס! — דערלאַנגט דער ממזר אַ געשריי, באַלד ווי ער איז צו זיך געקומען, — אַרויס, חצופה! וואָרעם...

— ניין, ניין, פונדאַנען גיי איך נישט אַרויס! דערהרגעט זאָל איך דאָ ווערן אינאיינעם מיט אים! — שרייט באהארצט די האָרבאַטע און פאַלט דעם ממזר אויפן האַלדז, ווײנט מיט ביטערע טרערן, גלעט אים און חלשט פאַר אים, ער זאָל מיך אָפּלאָזן, זאָגט אים צו דאָס אייביקע לעבן און אַ שטול אין גן־עדן. דער ממזר טוט זי פון זיך אַ וואָרף ווי אַ מיאַטשיק. שעלט, פלוכט אויף וואָס די וועלט שטייט. און אַז די רציחה איז אים אביסל אָפּגעגאַנגען, ווענדט ער זיך צו מיר מיט די ווערטער:

— עס טוט מיר זייער לייד, וואָס איך אַליין האָב דאָ דיך. מיין טינופתל, נישט „געבעל־דברט“. נאָר אויב דיר האָט געשפּילט דאָס טרפהנע מזל דיינס, איך זאָל דיך, פאַרשטונקן נפשל, נישט צעקוועטשן ווי אַ כינה, דאַרף אינגאַנצן טרוקן אַרויס פון מיינע הענט וועסטו נישט.

ער נעמט אַ שטריק, מיט וועלכער ער איז געווען אַרומגעגאַרטלט, שטעלט זיך בינדן מיר הענט און פיס, מאַכנדיק דערביי:

— ליג זשע דאָ שטיל, הונט איינער, קיין פאַרע זאָל מען פון דיר נישט הערן! ליג ביז די פּגירה דיינע וועט דאָ אויף דיר קומען. נאָר געדענק זשע, פליאַסקעדרינע, טאָמער טרעפט זיך דיר א נס, עפּעס א באָבע דיינע אין קבר וועט זיך פאַר דיר מיען, און גייסט פונדאַנען א לעבעדיקער אַרויס, זאָלסטו זיך היטן, מיר פאַר די אויגן זיך נישט צו ווייזן, וואָרעם באַלד „פלומפּל“ איך דיך און מאַך כיק...

אָפּגעטאָן מיר מיין רעכט, נעמט ער זיך צו דער האָרבאַטע, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, געיאָמערט, געקלאָגט, קוקנדיק אויף מיר און זיך געריסן ביי די האָר.

— אַ, דו חצופה איינע! — בייזערט זיך דער ממזר, אַ שטופּ געבנדיק זי, געבעך, מיטן פּוס. — איך וויים, נישקשה, פאַרשטיי אַלצדינג. דאָס איז געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך — אַ חתונה אָן קלעזמער, דאָ אויפן בוידעם... אַ שיין מיידעלע, נישקשה, און פאַר מיר גיט זי זיך אוים פאַר אַ רביצין. פון היינט אָן וועסטו שוין ביי מיר וויסן, חצופה איינע!

ער טוט זי אַ כאַפּ אין די הענט און אומקערנדיק זיך צו מיר מיט אַ זאָג: „שאַ, הונט, געדענק מיינע ווערטער!" ווערט ער מיט איר געשווינד אַנטרונען.

אין גיהנום קאָן מען אַזויפיל יסורים נישט ליידן, וויפל איך האָב איבערגעליטן. איך בין געווען נישט אין גיהנום, נאָר דער גיהנום אין מיר. עס האָט אין מיר געקאָכט, געברענט אַ העליש פייער. די האָר זענען מיר געשטאַנען קאַפּויער. עפּעס האָב איך געפילט, זיי שטעכן מיך ווי שפּילקעס, און דאָ טאָר מען נאָך נישט הויך וויינען, נישט טאָן קיין פּיפּס.

שפּעטער אַ ביסל האָבן מיר אין די אויערן זיך פאַרטראָגן קולות: א סקריפּ פון רעדער, א ליאַרעם, א געשריי פון מענטשן. דאָס באַטייט, חברה האָט זיך גערירט. די כאַליאַסטרע האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין און מיט דעם פּעקל לייט — מיין האַריץ, מיין גוטע, בידנע, אומגליקלעכע האָרבאַטע, נעבעך...

אַ היפּשע לאַנגע צייט בין איך געלעגן ווי אַ שטומע שאָף, געבונדן אויף אַלע פיר, מיט אויגן ווי די באַנקעס פון הייסע טרערן. די שטריק האָט מיר זיך איינגעשניטן אין לייב אַריין און ביי אַ מינדסט רירעלע מיך געשניטן ווי אַ מעסער. עס האָט מיך דערצו נאָך געברענט אַ טרונק. אָט, אָט האָב איך געמיינט, עקט מיר זיך דאָס לעבן. פאַר גרוים ווייטעק האָב איך דערנאָך אָנגעהויבן שרייען, טאָמער וועט עמעצער דערהערן. די כאַליאַסטרע האָט, נאָך מיין רעכענונג, שוין געמוזט איינפאָרן גאַנץ וויים. איך שריי, אָבער אומזיסט, שריי צו דער וואַנט. עס טריקט מיר אין האַלדז, עס באַשלאָגן מיך אנגסטן. דאָס שרייען קומט מיר שוין אָן שווער, איך מוז זיך צווישן אָפּרוען. די לאַגע מיינע ווערט וואָס ווייטער ערגער. נישטאָ שוין קיין כוח צו שרייען. די נשמה הענגט מיר אויפן שפּיץ נאָז, דער מלאך־המות, פיל איך, איז נאָך איר געקומען, מען באַדאַרף שטאַרבן, יונגערהייט פון דער וועלט גיין. איך טו מיר אָן אַ כוח, נעם זיך צונויף מיט אַלע מיינע קרעפטן און טראַכט, לאָמיך כאָטש טאָן דאָס לעצטע גע־שריי — לאָז הילכן די תקיעה־גדולה פון מיין אומגליקלעך לעבן...

נאָר גאָט אָבער האָט אייך, ר' ואַלטער, געבראַכט! איר זענט מיר בייגעשטאַנען אין דער נויט און מיך דערהאַלטן ביים לעבן.

כה

אז פישקע האָט געענדיקט זיין אומעטיקע מעשה, איז צוגעפאלן די נאַכט און אונדזערע פערדלעך האָבן זיך פאַרשלעפּט צום גרינעם באַרג, וואָס פאַר גלופּסק.

דער גלופּסקער גרינער באַרג איז באַקאַנט כמעט דער גאַנצער וועלט. נאָך פון גאַנץ אַלטע צייטן טראָגט זיך וועגן אים ארום צווישן דעם עולם א לידל, וואָס קינד=און=קייט קענען עס, וואָס אלע מאַמעס און אַמען נעמען דערמיט איין און פאַרוויגן ברעקלעך קינדער. מיין מאמע, זאָל האָבן א ליכטיקן גן=עדן, פלעגט מיר קינדווייז אויך אלץ זינגען דאָס לידל:

„אויף דעם גרינעם באַרג,
אויף דעם הויכן גראָז,
שטייען אַ פּאָר דייטשן
מיט די לאַנגע בייטשן.
הויכע מאַנען זענען זיי,
קורצע קליידער טראָגן זיי,
אַבינו מלך“...

דאָס לידל פלעגט מיר זייער געפעלן, פיל בעסער פון אַלע לידלעך. עפּעס איז מיר דער גרינער באַרג אַזוי וואונדער=שיין פירגעקומען אין מיין קינדערש קעפּל! עס האָט מיר זיך געדאכט, ער איז נישט גלאַט גראָב פון ערד, ווי די פּראָסטע בערגלעך אַרום מיין שטעטל. ניין, ער איז עפּעס, ווי זאָגט מען עס, נאָר כצפּיחות... ווי דער הר=הזיתים, דער באַרג לבנון, פון ארץ=ישראל=ערד. — און די דייטשן דאָרט, זיי זענען מיר פירגעקומען עפּעס גאָר משונה=ווילד, איך בעט זיי מחילה, עפּעס אַזעלכע מיני באַשעפעניש, מיני בהמות אַזעלכע, אָקסן, שור=הבורן. זיי שמייסן מיט די לאַנגע בייטשן און לאָזן צו גלופּסק נישט צוטרעטן, ווי דער סמבטיון צו די רויטע יידעלעך. אַריין אין גלופּסק — מוז מען כאַפּן אַ שמיץ. און אַלע דאָרט האָבן אַ פּנים פון אָפּגעשמיסענע... שפּעטער, אַז איך בין אַרויס פון די קינדערשע שיכלעך און אויסגעזען א וועלט, אין גלופּסק אויך, האָב איך שוין געזען אלצדינג מיט אַנדערע אויגן און פאַרשטאַנען ווי עס געהער צו זיין דעם פּשט פונעם לידל. דער גרינער באַרג איז פּשוט טאַקע אַ באַרג, נישט אַזוי גרין ווי בלאָטיק, זייער גריבערדיק, און די דייטשן, הויכע מאַנען דאָרט, זענען געזאָגט געוואָרן אקעגן יענע מאַנען מיט לאַנגע הענט און קלעפּיקע פינגער, וואָס לקחנען און שניידן אָפּ קלימקעס. געווייַנטלעך איז דער שטייגער דאָס ערשטע מאָל אריינצופאָרן קיין גלופּסק אָן א קלימעק. דערנאָך, אז מען

איז שוין גוט אָנגעלערנט, לאָזט עס עטלעכע ווערסט פאַר גלופּסק עפּעס נישט רוען. די אויגן כאַפּן, ווי פון זיך אַליין, אַ קוק הינטערןביידל, די הענט — א טאַפּ דאָס קלימעקל, די בוזעם־קעשענע, צושפּיליענדיק די קאַפּאָטע אויף אַלע קנעפּלעך. איך בין אויסן דערמיט, אַז דערגרייכנדיק דעם גרינעם באַרג, האָבן אַלע אונדזערע אברים, די נאָז אויך, דערפילט פונדערווייטנס ג ל ו פּ ס ק. און ערשט שפּעטער אַ ווײַלע, אַז מיר האָבן זיך אין אַלע זייטן גוט ארומגעקוקט, א טאַפּ געטאָן אין וואָגן, האָב איך מיך דערמאָנט אין פישקען, און געזען ווי ער זיצט, נעבעך, פאַראומערט, שטאַרק באַטריבט.

איך נעם מיך טרייסטן פישקען, שטאַרקן אים מיט גוטע רייד, מאַכנ־דיק זיך דערביי קלאָמפּערשט פריילעך, און לאָז אויס מיינע טרייסט־ווער־טער מיט דער אַנדערער העלפט פונעם פריערדיקן באַקאַנטן לידל:

„אָבינו מלך —
דאָס האַרץ איז מיר פריילעך,
פריילעך וועלן מיר זיין,
טרינקען וועלן מיר וויין,
קרעפּלעך וועלן מיר עסן —
און אונדזער ליבן גאָט
קיינמאָל נישט פאַרגעסן.“

— זאָרג נישט, פישקע! אונדזער ליבן גאָט באַדאַרף מען קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ער קאָן העלפן.

— איך פרעג אייך נישט מער, ר' מענדעלע! — מאַכט פישקע מיט אַ ביטער געמיט. — צוואָס האָט עס גאָט באַדאַרפט מיך מיט איר ווידער צונויפפירן, בכדי באַלד טאַקע אונדז צעשיידן? עס זאָל אונדז פּלוצעם אַ שיין טאָן דאָס מזל, בכדי באַלד טאַקע זאָל אונדז נאָך ערגער פינצטער ווערן אין די אויגן?... ס'איז עפּעס נאָר ווי אַ צו־להכעיס! און געוואַלד, רבונו־של־עולם, אקעגן וועמען, אקעגן צוויי אומגליקלעכע, ביטערע קאַליע־קעס, וואָס איידער אַזאַ וויסט לעבן אין יסורים, אין ווייטעק, וואָלט פאַר זיי פיל גלייכער געווען גאָר נישט געבוירן צו ווערן!...

איך מאַך אַ פרום פנימל און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ זאָג איך: טע־טע־טע! וואָס האָט אזויפיל געהייסן: מען טאָר נישט רעדן אזוינס!... געזאָגט האָב איך עס, נישט ווייל דאָס איז ביי מיר געווען אַ גוטער ענטפער אויף דער קשיא, נאָר גלאַט אזוי, ווייל דער שטייגער אין דער וועלט איז שוין אַזוי, אַז איינער פרעגט פאַר צרות שטאַרקע קשיות, מוז דער אַנדערער זאָגן מוסר, אָפּשלאָגן אים כאָטש מיט טע־טע־טע. אָפּזאָגנדיק אים דעם

מוסר, פון יוצא וועגן, עפּן איך באַלד אַ מויל און רעד ווערטער פּשוט ווי אַ מענטש, אַזוי:

— זאָג נאָר, פישקע, ווי דאָס מיידל הייסט? ביז אַהער האָסטו זי אַלץ גערופן די האָרבאַטע, מיין האָרבאַטע, אַצינד וויל איך וויסן ווי זי הייסט.

— אַקעגן וואָס, ר' מענדעלע? — רופט זיך אָן פישקע, אַנקוקנדיק מיך פאַרוווּנדערט. — אַקעגן וואָס, איך בעט אייך, ווילט איר עס אַזוי וויסן? צוּוואָס אומזיסט אויסגעבן אַ מיידלס נאָמען?

— פאַרשטייסטו, נאַרעלע, — ענטפער איך, — דאָס קאָן אַמאָל צונוץ קומען. אויף מיינע נסיעות קאָן זיך מאַכן, איך זאָל עפּעס אָנשמעקן, אויספאָרשן. לאָמיך וויסן איר נאָמען. נישקשה! זייער מענלעך, דו פאַר-שטייסט? אַז דיין שאָדן זאָל זיך נאָך אויפזוכן. איך זאָל זיין דער שליח.

—ביילע הייסט זי, — כאַפּט זיך פישקע זאָגן מיט אַ קול. — זי הייסט ביילע!

פלוצעם הערט זיך עפּעס אַ שטאַרקער קרעכץ מיט אַ קלאַפּ, ווי עס האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן. איך קוק מיך דערשראָקן אום און דערזע: מיין אַלטער ליגט אויסגעצויגן אויפן וואָגן, זיפצט און איז בלייך ווי די וואַנט.

— וואָס איז אייך, ר' אַלטער? — טו איך אים אַ פרעג. — איר ווילט אפשר נעמען אַ ביסל בראָנפן! — אייך איז נישט גוט?

—בע!... — ענטפערט אַלטער, שטאַרקט זיך און זעצט זיך ווידער אויף.

— זאָג מיר, פישקע! — הייב איך ווייטער אָן, נאָכדעם אַז איך האָב מיך באַרואיקט וועגן אַלטערן. — ווייסטו נישט, ווי די מאַמע אירע האָט געהייסן און פונוואַנען זי איז?

— יאָ, — ענטפערט פישקע, — מיין האָרבאַטע האָט מיר דערציילט, אַז איר מאַמע פלעגט מען רופן ע ל ק ע. זי געדענקט, ווי דורכן שלאָף, אַז די מאַמע האָט זיך געגט מיט איר מאַן אין טונעיאַדעווקע. זי פלעגט עס זייער אָפט דערמאָנען און אויסלאָזן איר שווער ביטער האַרץ צו איר וויסט טעכטערל, געבעך.

— מיט איר מאַן אין טונעיאַדעווקע! מאַך איך פאַרוווּנדערט. — ווער זאָל דאָס דאָרט זיין איר מאַן, דער רשע-מרושע מיט אַ שטיינערן האַרץ, וואָס האָט דערוווייטערט זיין קינד, זי געמאַכט אַזוי אומגליקלעך? האַ, טאָמער ווייסט איר, ר' אַלטער, ווי אַזוי זאָל ער דאָרט ביי אייך אין שטעטל הייסן?

אַלטער איז געזעסן ווי אַ טויטער, אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן, גע-קוקט עפּעס משונה ווילד מיט אַן אָפּן מויל, אַזוי אַז ס'איז מיר אַנטפאַלן דאָס געזונט.

— ער האָט געהייסן... רייבט פּישקע דעם שטערן און וויל זיך דער־מאָנען דעם נאָמען. — ער האָט, האָט, דאכט זיך, געהייסן... ווארט א ביסל.

— אַלטער הייסט ער!... — טוט אַלטער אַ געשריי און פאַלט אַגידער אויפן וואָגן.

— יאָ, טאַקע אַזוי, אַזוי! — זאָגט פּישקע, קוקנדיק אויף אַלטערן, נישט אָנהייבן צו פאַרשטיין, וואָס זיין געשריי באַטייט. — דאַכט זיך נאָך. עפּעס אויך אַ צונעמעניש, יקנה״ז. די מאַמע פלעגט ביים טעכטערל שטי־קער פליייש אויסרייסן, רופן זי דערביי יקנה״זיכע, יקנה״זס טעכטערל, ווען זי פלעגט האָבן גרויסע צרות, ווען מען האָט זי אָפּגעשאַפט פונעם אָרט.

איך אָבער האָב מיך שוין אָנגעשטויסן, וואָס די גאַנצע מעשה באַ־טייט, און בין געבליבן עפּעס ווי מען גיסט אייַנעם אָפּ מיט אַן אָקראָפּ.

אַלטער כליפּעט און שלאָגט זיך מיט דעם קולאַק אין האַרצן, מאַכנדיק דערביי:

—אמנם חטאתי! איך האָב איר פאַרוויסט דאָס לעבן. זי, נעבעך, איז טאַקע גערעכט:

„דער טאַטע האָט זי געקוילעט"...

אַ שטראָף פון גאָט איז דערפאַר פון אַ צייט אויף מיר אָנגעשיקט גע־וואָרן. ווויהין איך קער מיך און ווענד מיך, גייט עס מיר נאָר שלים־שלי־מזל...

איך הייב אָן פאַר רחמנות צו טרייסטן מיין אַלטערן, רעד אים אויס דאָס האַרץ און פאַרגלעט אַ ביסל זיינע זינד: ער איז דאָך נישט מער ווי א בשר־ודם, פליייש און בלוט. דער יצר־הרע איז ביי אונדז, זינדיקע מענטשן, זייער גרויס. גאַנץ גרויסע צ ד י ק י ם אַפילו זענען אין אַזעלכע זאַכן... געכאַפּט און קאָנען אין דעם ענין פון חתונה האָבן מיט דעם יצר־הרע גאָר נישט מאַכן. זייער פיל פון אונדזערע עלטערן, צדיקים, זענען געווען לאַפּנ־מיצלעך, געלעגן אונטער דעם ווייבס פאַנטאָפל, געטאָן איר ווילן און צע־טריבן אַפילו אייגענע קינדער פון אַן אַנדער ווייב, אויב נאָר זי האָט גע־הייסן.

פּישקען זעט די גאַנצע זאַך אויס עפּעס משונה. ער זיצט פאַרוווּנ־דערט מיט אַ פּאָר אויסגעשטעלטע אויגן, קוקט ווילד עפּעס אויף אַלטערן, אויף מיר און ווייסט נישט וואָס צו טאָן.

דערווייל ווערט שטאָק־נאַכט. די שטערן פינקלען, ווינקען צו אונדז פונעם הימל מיט זייערע שייַנענדיקע ליכטיקע פּנימלעך, גלייך ווי זיי מישן זיך אַריין אין אונדזער שמועס, ווילן עפּעס זאָגן, און ביים עק הימל

הייבט אָן, ווי פון דער ערד, אַרויסצוגיין אַ גרויסע לבנה, רויט ווי פייער. דאכט זיך, זי קוקט גלייך אויף אונדז גאָר. אלע דאָרט אויבן קוקן, דאכט זיך, ווילן זען דעם שפּיץ, מיט וואָס די דאָזיקע מעשה וועט זיך אויסלאָזן... מיין אַלטער זעצט זיך געשווינד אויף, הייבט אויף זיינע אויגן צום הימל און רעדט מיט האַרין:

— איך שווער ביי דעם, וואָס לעבט אייביק, אַז איך וועל נישט קו-מען אהיים צום ווייב און קינדער, נישט חתונה מאַכן מיין בתולה, ביז איך זוך נישט אויף מיין פאַרוואָגלט קינד! הימל און ערד זענען עדות! איך פאָר טאַקע באלד, און ווי, ווי דאָרט ד ע ם, וואָס וועט זיך מיר אקעגנ-שטעלן.

פישקע פאַלט אַרויף אַלטערן אויפן האַרצן, האַלדזט אים, קושט אַ היפּשע ווײַלע אָן ווערטער, און איז שטאַרק צעמישט. דערנאָך ישיסט ער אוים אויף אַ וויינענדיק קול מיט אַ געבעט:

— געוואַלד, ראַטעוועט, ראַטעוועט זי!...

מיין אַלטער שפּרינגט געשווינד אַראָפּ אויף דער ערד, קריכט אַרויף צו זיך אויפן וואָגן און, געזעגענענדיק זיך מיט אונדז פונדערווייטנס, דרייט ער אוים דעם דישל, טוט אַ שמייץ די שקאַפּע און פאָרט זיין וועגס. איך מיט פישקען קוקן מיר אים אַ היפּשע צייט פון הינטן נאָך, נישט צו רעדן קיין וואָרט. דערנאָך גיב איך אַ בליק צום הימל, די לבנה און שטערן גייען זיך זייער גאַנג, נאָר נישט דאָס פּנים, וואָס פריער, שטאַרק הויך, האָפּער-דיק, ווייט, ווייט פון אונדז, מענטששלעך. עס ווערט עפּעס אומעטיק, נישט פריילעך אויפן האַרצן...

איך טו אַ שמייץ מיין אָדלער, ער זאָל מוחל זיין זיך שלעפּן אַ ביסל גיכער — און שפּעטלעך בייגאַכט פאָרט מייןביידל איבער די גריבערדיקע גאַסן פון גלופּסק, מיט אַ קלאַפּעריי, אַ געשריי, אָנזאָגנדיק דעם עולם: הנה זייט וויסן, נאָך צוויי פרישע יידן זענען אָנגעקומען קיין גלופּסק!...

מסעות בנימין השלישי

הקדמות מענדעלע מוכר-ספרים

אָמר מענדעלע מוכר־ספרים, זאָגט מענדעלע מוכר־ספרים, געלויבט איז דער בורא, וואָס באַשטימט דעם גאַנג פון גלגלים אין די הימלען אויבן און דעם גאַנג פון זיינע אַלע באַשעפענישן אויף דער ערד אונטן. אַפילו אַ גרעזעלע קריכט נישט אַרויס פון דער ערד, ביז וואַנען אַ מלאך שלאָגט עס נישט און זאָגט: וואַקס! קריך אַרויס! מכל־שכן אַ מענטש, ער האָט אוודאַי אַ מלאך, וואָס שלאָגט אים און זאָגט: גיי, גיי, קריך אַרויס! און מכל־שכן נאָך מער די פיינע מענטשעלעך, שיינע יידעלעך. — קיין נאַר כאַפּט זיך פריער פון איטלעכן נישט אַרויס מיט אַ וואָרט ביי אונדז, קיין שוטה ווערט נישט קיין בעל־עצה, קיין עם־הארץ — אַ חסיד, קיין גראָבער יונג — אַ משכיל, ביז וואַנען עס שלאָגט נישט איטלעכן פון זיי זיין מלאך, נייטנדיק אים דערצו. עס שלאָגן די מלאכים אויך אַלע מיני קבצנים אונ־דזערע, זאָגנדיק: וואַקסט, קבצנים, אביונים, דלפנים, געבוירענע, אָפּגעקו־מענע, אָפּענע, פאַרבאָרגענע, שפּראָצט, וואַקסט ווי גראָז, ווי קראָפּעווע! גייט, יידישע קינדער, גייט — איבער די הייזער!...

נאָר נישט דאָס אָבער בין איך אויסן. איך בין אויסן צו דערציילן דאָ אייך, רבותים, ווי איינער פון אונדזערע ברידער איז פאַרגאַנגען העט־העט אין די ווייטע מקומות און האָט דערמיט קונה־שם געווען.

אַלע ענגלישע און דייטשע גאַזעטן זענען פאַראיאָרן פול געווען מיט דער וווּנדערלעכער נסיעה, וואָס בנימין, א פוילישער יידל, האָט געמאַכט אין די ארצות־המזרח ערגעץ. „סטייטש, סטייטש, — האָבן זיי זיך געחידושט, — א ייד, א פוילישער ייד, אָן כלי־זיין, אָן מאַשינעס, נאָר מיט א טאָרבע אויף די פּלייצעס און מיט א טלית־און־תפילין־זאַק אונטערן אָרעם זאָל אָנשפאַרן אין אַזעלכע ערטער, ווו בארימטע ענגלישע רייזנדע האָבן אַהין נישט געקאָנט צוקומען! נישט אַנדערש, אַז דאָס איז געשען נישט מיט קיין מענטשלעכן כוח, עפּעס נאָר מיט אַזאַ כוח, וועלכן דער שכל קאָן

כלל נישט משיג זיין, דאָס הייסט, דער שכל איז פּונקט נישט אַזוי בכוח, אַזוי ווי דער דאָזיקער כוח איז נישט בשכל. נאָר בכל האופנים, ווי די מעשה איז שוין דאָרט געווען, בנימינען האָט די וועלט צו דאַנקען פאַר די חידושים, גרויסע זאַכן, וואָס זענען דורך אים אַנטפּלעקט געוואָרן און פון איצט אָן וועט די מאַפּע אָדער די לאַנדקאַרטע באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים, בנימין פאַרדינט מיט רעכט דעם מעדאַל, וואָס די געאָגראַפישע געזעלשאַפט האָט אים געגעבן...".

די יידישע גאַזעטן האָבן די דאָזיקע רייד אויפגעכאַפּט מיט ביידע הענט און געהאַט דערמיט צו זינגען און צו זאָגן דעם גאַנצן פּאַראַיאָריקן זומער, אַזוי ווי איטלעכן, וואָס לייענט די דאָזיקע גאַזעטן, איז באַקאַנט, זיי האָבן אויסגערעכנט אַלע חכמים, וואָס זענען ביי יידן געווען פון אָדם הראשון אָן ביז אַצינד, בכדי צו באַווייזן, וואָס פאַר אַ קלוג פאָלק יידן זענען. האָבן אויך אַרויסגעשטעלט אַ צעטל פון די נוסעים (רייזנדע) אין אַלע צייטן פון בנימין דעם ערשטן, מיט אַ זיבנהונדערט יאָר צוריק, און בנימין דעם צווייטן מיט דער גאַנצער חברה נוסעים, וואָס וואַנדרעווען היינט ביי אונדז אַרום. און בכדי מפליג צו זיין די נסיעה פון אונדזער איצטיקן בנימין, האָבן זיי, ווי דער שטייגער איז פון יידן, דערוויל פון יענע בלאָטע געמאַכט און געזאָגט, אַז די גאַנצע כנופיא היינטיקע נוסעים זענען טאַקע גאָר פּראָסטע שלעפּערס, ווייסן נישט פון זייער חיות, די גאַנצע נסיעות זייערע, מישטיינס געזאָגט, באַשטייען נאָר דרינען, אַרומצושלעפּן זיך, ווי מקבלים, איבער די הייזער. זיי האָבן אַלע אַ פּנים ווי מאַלפּעס אַקעגן איצטיקן בנימין, אַקעגן בנימין דעם דריטן, דעם עכטן אמתן נוסע. זיי האָבן אויף אים און אויף די ספרים, וואָס מען האָט געמאַכט פון זיין נסיעה, געזאָגט, ווי געוויינטלעך, דעם געוויסן פּסוק: לא באָ כבושם הזה, דאָס טייטש: ס'איז נאָך אַזעלכע בשמים, אַזעלכע שמעקנדיקע געווירצן ביי יידן קיינמאָל נישט געווען. געבענטשט און איינגעוויקלט מיט דימענטן זאָל ווערן דער דאָזיקער, — האָבן זיי אַלע פּה־אחד געזאָגט, — וועלכער עס וועט דעם טייערן אוצר פון בנימינס נסיעה, וואָס געפינט זיך אין אַלע פרעמדע לשונות, איבערטראָגן אויך אין לשון־הקודש, נעבעך לאָזן יידן, נעבעך, אויך פאַרזוכן די פּאַטשקע, וואָס רינט פון יידישן בינשטאָק, און זאָל זיי דערפון ליכטיק ווערן אין די אויגן.

ואני מענדעלע, און איך מענדעלע, וואָס מיין כוונה איז תמיד נוצן צו ברענגען אונדזערע יידעלעך כפי מיין מעגלעכקייט, האָב איך מיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און געזאָגט: איידער די יידישע מחברים, וואָס זייער מינדסטער פינגער איז גרעבער פון מיינע לענדן, איידער זיי וועלן זיך

אויסשלאָפן ארויסגעבן די ספרים פון בנימינס נסיעה אין לשון־קודש, וועל איך דערווייל מיך פרווון כאָטש א קיצור פון זיי ארויסגעבן אויף פראָסט יידיש. איך האָב אָנגעגורט מיינע לענדן ווי א גיבור, און ווי אלט און שלאַף איך בין, לא עליכם, האָב איך מיר פאָרט שטארק מי געגעבן ארויסצובאקומען פונעם גרויסן אוצר אזעלכע ענינים, וואָס טויגן פאר די קינדער ישראל, און צו דערציילן זיי פריי, כפי מיין שטייגער. איך האָב עפעס געפילט, ווי מען שלאָגט מיך פון אויבן מיט די ווערטער: הקיצה, מענדעלע, כאַפּ זיך אויף, מענדעלע, און קריך ארויס פון אונטערן אויוון! גיי נעם אָן פולע הויפנס געווירץ פון בנימינס אוצר און מאַך דערפון פּאָטראַוועס צו דיינע ברידער, אזוי ווי זיי האָבן ליב. איך בין מיט גאָטס הילף אַרויסגעקראָכן און צוגעברייט די געשמאַקע שפּייז, וואָס איך שטעל איצט דאָ פאר אייך אנידער. עסט, רבותים, לאָז אייך ווויל באקו־מען!

דאָס ערשטע קאַפּיטל

ווער דער בנימין איז, פונוואַנען ער איז און ווי די נסיעה האָט פּלוצעם צו אים זיך גענומען

„כל ימי, — אזוי זאָגט בנימין דער דריטער אליין, — כל ימי נתגדלתי בטונעיאַדעווקע, מיין גאַנץ לעבן, דאָס הייסט ביז מיין גרויסער נסיעה, בין איך נתגדל געוואָרן אין טונעיאַדעווקע, דאָרט בין איך געבוירן געוואָרן, דאָרט בין איך דערצויגן געוואָרן, און דאָרט האָב איך למזל חתונה געהאַט עם אשתי, מיט מיין פּלוניתטע הצנועה מרת זעלדע תחיה".

טונעיאַדעווקע, דאָס קליינע שטעטל איז אַ פאַרוואָרפן ווינקל, אָן דער זייט פונעם טראַקט, כמעט אָפּגעריסן פון דער וועלט, אזוי אז ווען אמאָל מאַכט זיך, איינער קומט אהין צופאָרן, עפנט מען די פענצטער, די טירן און מען קוקט פאַרוואונדערט אָן דעם פרישן פּאַרשוין. שכנים פרעגן איינער דעם אנדערן, ארויסקוקנדיק פון די אָפענע פענצטער, קשיות: הא, ווער זאָל עס אזוינס זיין? פונוואַנען האָט ער פּלוצעם פון דער העלער הויט אהער זיך גענומען? וואָס קאָן אזעלכער באַדאַרפן? האָט ער עפּעס נישט א מיין? עפּעס אזוי גלאַט קאָן עס נישט זיין, גלאַט אזוי דען נעמט מען און מען קומט! מסתמא ליגט דאָך דאָ עפּעס, וואָס מען מוז עס דער־גיין... דערביי וויל איטלעכער ארויסווייזן זיין חכמה, זיין געניטשאַפט, בויך־סברות פאַלן ווי מיסט. אלטע לייט דערציילן מעשיות און ברענגען משלים פון אורחים, וואָס זענען אין דעם און אין דעם יאָר געקומען אהער צו פאָרן. בעלי־המצאות זאָגן מכוח דעם ווערטלעך, אביסל עפּעס נישט קיין שיינע. מאַנסבילן האַלטן זיך ביי די בערדלעך און שמייכלען; אלטע ווייבער זידלען אָפּ די בעלי־המצאות אויף קאַטאָוועס, מיט א ביי־זער אי מיט א לאַכן אויגנעם; יונגע ווייבלעך דערלאַנגען פון די אראָפּ־

געלאָזענע אויגן א געבויגענעם קוק פון אונטן אַרויף, האַלטן די האַנט אויפן מויל און שטיקן זיך לאַכנדיק אין פויסט. דער שמועס מכּוח דעם דאָזיקן ענין קייקלט זיך פון שטוב צו שטוב, ווי א קויל פון שניי, און ווערט קייקלענדיק זיך אַלץ גרעסער, גרעסער, ביז ער קייקלט זיך אַריין אין בית־המדרש סאַמע הינטערן אויוון, אין דעם אָרט, וואָס אַהין פאַר־קייקלען זיך אַלע שמועסן פון אַלערליי ענינים, הן סודות פון שטוב־זאַכן, הן פּאָליטיקע מכּוח סטאַמבול, מכּוח דעם תּוגר ומכּוח קירהן, הן געלט־געשעפטן, מכּוח ראָטשילדס פאַרמעגן אין פאַרגלייך מיט די גרויסע פּרי־צים און די אַנדערע געוויסע נגידים, והן פּאָטשטן מכּוח די גזירות ומכּוח די רוימע יידעלעך וכדומה, און וואָס דאָרט קלייבט זיך פונאַנדער כּסדר א באַזונדער קאָמיטעט פון שיינע באַטאָגטע יידן, וואָס זיצן שטענדיק א גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט, זענען מפקיר ווייב אי קינדער און גיבן זיך מיט די אַלע געשעפטן טאַקע אמת געטריי אָפּ, טוען זייער זאַך בשלימות גלאַט אַזוי לשם־שמים, נישט צו נעמען פאַר זייער מי, פאַר זייער פּראַצע אַפילו א צעבראָכענעם העלער. פון דעם דאָזיקן קאָ־מיטעט גייען אָפּ די ענינים אַוועק אין באָד אויף דער אייבערשטער באַנק און אויף א פולער אסיפה פון שטאָט־באַלעבאַטים ווערן זיי דאָרט באַ־שטעטיקט, והכּל שריר וקים, אַז דערנאָך זאָלן אַפילו קומען כּל מלכי מזרח און מערב, זיך שטעלן מיט דעם קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, וועלן זיי גאָרנישט פועלן. דער תּוגר איז שיר איינמאָל נישט אומגליקלעך געוואָרן אויף אַזאַ אסיפה אויף דער אייבערשטער באַנק. ווען עטלעכע יוסטע באַלעבאַטים זאָלן נישט געווען האַלטן מיט אים בלאַט, ווער ווייסט, ווו ער וואָלט איצט אָנגעשפּאַרט. ראָטשילד, נעבעך, האָט שיר נישט פאַרלוירן דאָרט עפּעס א צען־פופצן מיליאָן. דערפאַר האָט אים גאָט גע־האָלפן אין א פּאָר וואָכן אַרום, דער עולם איז געווען, ווי מען זאָגט, בני־לופין, אויף דער אייבערשטער באַנק איז גראָד געווען לעבעלעך, די בעזעמ־לעך האָבן זיך געהויבן און מען האָט מיטאַמאָל צוגעלאָזט ריין פאַרדינסט אַקעגן א ק״ן מיליאָן קערבלעך!

די איינוווינער אַליין אין טונעיאַדעווקע זענען, נעבעך, כּמעט אַלע, לאַ־עליכם, גרויסע אביונים, שטאַרקע דלפנים, נאָר דעם אמת מוז מען זאָגן, זיי זענען פריילעכע אביונים, לוסטיקע קבצנים, ווילדע בעלי־בטחונס. אַז מען זאָל, אַשטייגער, פּלוצעם אַ פרעג געבן אַ טונעיאַדעווו־קער יידן: פונוואַנעט און וויאַזוי ער איז זיך מפרנס? בלייבט ער תּחילת שטיין, ווי צעמישט, ווייסט, נעבעך, נישט וואָס צו ענטפערן, נאָר שפּע־טער אַביסל אָבער קומט ער צו זיך און ענטפערט בתּמימות:

— איך, ווי ארום איך לעב, איך? עט, ס'איז דאָ א גאָט, זאָג איך אייך אָט־אָ, וואָס פארלאָזט נישט אלע זיינע באשעפענישן, ער שיקט צו און וועט מסתמא ווייטער צושיקן, זאָג איך אייך אָט־אָ.

—פאָרט וואָס טוט איר אזוינס? האָט איר כאָטש עפּעס וואָס ס'איז פאר א מלאכה אָדער א פּרנסה אין דער האנט?

— געלויבט איז השם־יתברך. איך האָב, ברוך־השם, אזוי ווי איר קוקט מיך אָן אָט־אָ, א מתנה פון זיין ליבן נאָמען, א כלי, א קול־נגינה און דאוון מוספים ימים־נוראים אין דער סביבה, איך בין א מוהל און א מצה־רעדלער איינער אין דער וועלט, איך פיר אמאָל אוים א שידוך, פיר איך אוים; איך האָב א שטאָט, אזוי ווי איר קוקט מיך אָן אָט־אָ, אין דער שול. היינט האלט איך אויך, צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, א שענקל, וואָס מעלקט זיך צוביסלעך; איך האָב אַ ציג, וואָס מעלקט זיך אָן עין־הרע זייער גוט, און האָב נישט ווייט פונדאנען א רייכן קרוב אָט־אָ, וואָס לאָזט זיך אונטער א שלעכטער צייט אויך אביסל מעלקן. היינט חוץ די אלע זאכן, זאָג איך אייך אָט־אָ, איז גאָט א טאטע און די ישראל זענען רחמנים בני רחמנים, זאָג איך אייך אָט־אָ, נישט צו פארזינדיקן!...

אויך מוז מען די טונעיאדעווקער איינוווינער דעם שבח נאָכזאָגן, אז זיי זענען צופרידן מיט וואָס גאָט גיט און קלויבן, חלילה, אין דער הלבשה און אין דעם עסן שטארק נישט איבער. אז די שבתדיקע קאפּאָטע, אשטייגער, איז צעהאקט, צעפאלן, צעריסן, אביסל פארשלומפּערט און עפּעס נישט אזוי ריין, מאכט אויך נישט אוים, אבי זי איז פאָרט פון אט־לעס און גלאנצט. אי, ערטערווייז קוקט ווי פון א רעשעטע ארוים דאָס הוילע לייב, מילא, וואָס אַרט עס וועמען. ווער וועט זיך דאָ אַזוי שטעלן צוקוקן? למאי פּיאטעס, מיט וואָס איז דאָס ערגער פון אויסגעריבענע פּיאטעס? פּיאטעס איז דען נישט קיין לייב, קיין מענטשן־פלייש?... א שטיקל ברויט מיט א קאָליש, אבי ס'איז נאָר דאָ, איז זייער א גוטער מי־טאָג. ווער שמועסט — א בולקע מיט א ראָסל־פלייש פּרייטיק, ווער עס האָט נאָר, דאָס איז טאקע א מאכל־מלכים, קיין בעסערס דערפון איז שוין, דאכט זיך, אויף דער וועלט נישטאָ. לאָז מען זיי דערציילן, אשטיי־גער, פון אנדערע מיני פּאָטראוועס חוץ פיש־יויך, געבראָטנס און א מערן־אָדער א פּאסטערנאק־צימעס, קומט זיי דאָס אוים עפּעס משונה ווילד און זיי זאָגן דערויף אָפּ פארשידענע ווערטלעך מיט דעם גרעסטן געלעכטער, גלייך ווי דער וואָס זאָגט עס, איז נאריש, משוגע, און וויל זיי אויך מאכן משוגע, איינרעדן זיי א קינד אין בויך, א קו איז געפלויגן איבערן דאך און געלייגט אַן איי. אַ שטיקל באָקסער אין המשה־עשר — דאָס איז אַזאַ

פרי, וואָס מחיה־נפשות. קוקנדיק דערויף, דערמאָנט מען זיך אין ארץ־ישראל. נישט איין מאָל פארגלאָצט מען דערביי די אויגן מיט א קרעכץ: אי — ותוליכנו קוממיות, זאָלסט אונדז, הארצעדיקער פאָטער, פירן קוממיות, טאקע וואָס קוממיות הייסט, לארצנו, צו אונדזער לאנד, וואָס ציגן עסן דאָרט באָקסערן!... על־פי־מקרה האָט איינער אמאָל אין דעם שטעטל גראָד געבראכט א טייטל, האָט איר באדארפט זען, ווי אזוי מען איז דאָס געלאָפן אָנקוקן אויף חידושים, מען האָט אויפגעמישט א חומש און געוויזן, אז תמר, דער טייטל, שטייט אין חומש! סטייטש, דער טייטל, אָט דער טייטל וואקסט דאָך פון ארץ־ישראל!... קוקנדיק אויפן טייטל האָט זיך אויסגעדאכט, ארץ־ישראל איז פאר די אויגן, אָט גייט מען איבער דעם ירדן, אָט איז די מערת־המכפלה, דער מוטער רחלס קבר, דאָס כותל־מערבי; אָט באָדט מען זיך אין חמי־טבריא, מען קריכט ארויף אויפן הר־הזיתים, מען עסט זיך אָן מיט באָקסערן, מיט טייטלען און מען לייגט אָן פולע קעשענעס מיט ארץ־ישראל־ערד. אַך, האָט מען געקרעכצט, און אין די אויגן האָבן אימלעכן זיך געשטעלט טרערן.

„יענע צייט, — אזוי זאָגט בנימין, — איז גאנץ טונעיאדעווקע, ווי גרויס זי איז, געווען אין ארץ־ישראל. מען האָט געשמאק גערעדט פון משיחן, אָט־אָט איז שוין גאָטס פרייטיק נאָך האלבן טאָג. דער נייער פרים־טאוו, וואָס איז נישט לאנג אָנגעקומען, האָט גראָד ביד־רמה דענסטמאָל געפירט דאָס שטעטל, ביי א פאָר יידן האָט ער אראָפגעריסן די יארמעלקעס, איינעם אָפגעשניטן א פאה, עטלעכע, נעבעך, געכאפט שפעט ביי דער נאכט אין א געסל אָן פאספאָרטן, ביי נאָך איינעם פארנומען א ציג, וואָס האָט אויפגעגעסן א נייעם שטרויענעם דאך. און ער איז דערמיט אויך געווען די סיבה דערפון, וואָס דער קאָמיטעט הינטערן אויוון האָט זיך שטארק געדורעט מיט דעם תוגר, עד־מתי וועט דער שר־של־ישמעאל אזוי שולט זיין? מען האָט אויפגעמישט דעם געוויינטלעכן שמועס מכוח די עשרת־השבטים, ווי גליקלעך זיי לעבן דאָרט אין יענע ווייטע מקומות, אין גדולה, עושר און כבוד; מען האָט אַפּירגענומען די רויטע יידעלעך, די בני־משה מיט גוזמאות־מעשיות פון זייערע גבורות וכדומה; אלדד־הדני, עם פארשטייט זיך, האָט אויך געטאנצט אינדערמיט. יענער צייט צומיינסטן האָב איך צו פארדאנקען די נסיעה מיינע, וואָס איך האָב דערנאָך געמאכט“.

פריער איז בנימין געווען ווי א הינדעלע, וואָס ליגט אין איי, אָדער ווי א וואָרעם, וואָס ליגט אין כריין. ער האָט געמיינט, אז אויף יענער זייט

טונעיאדעווקע עקט זיך די וועלט. קיין זיסער, קיין בעסער לעבן ווי דאָ איז גאָר נישטאָ.

„איך האָב געמיינט, — זאָגט בנימין ערגעץ אין איין אָרט, — אז רייכער פון אונדזער ארענדאר באדארף מען שוין נישט זיין. א קליינינקייט עפּעס אזא שטוב מיט באלעבאטישקייט: פיר פּאָר מעשענע לייכטער, א זעקסרערנדיקער הענגלייכטער אויבן מיט אן אָדלער, צוויי קופּערנע פּאַ־רעווע טעפּ מיט א פינף קופּערנע פענדלעך, א פּאָלעצע צינערנע טעלער און אוודאי אקעגן א טוץ טעמבעקאָווע לעפל, צוויי זילבערנע בעכערלעך, אַ הדסל, אַ חנוכה־לעמפּל, אַ ציבעלע־זייגער אין צוויי קופּערטעס מיט אַ גראָב קייטל פון זאמד־פּאטשערקעס, צוויי קי מיטאמאָל און א טעלעצע אויף דער צייט, צוויי שבתדיקע קאפּאָטעס וכדומה. נאָך און נאָך אזא גוטס. איך האָב געמיינט, א חכם איז טאקע נאָר איין רב איזיק־דוד רב אהרן־יאָסעלעס ש־ה־זלאטעס. א קאטאָוועס, מען זאָגט, אז ער האָט אמאָל אין דער יוגנט געהאט א ידיעה אין תשבורת. ער האָט געמעגט זיין מיניסטער, ווען דאָס שטיקעלע מזל זאָל אים נאָר דינען. ווער האָט נאָך, האָב איך געמיינט, אזא הדרת־פּנים, אזא בנעימותדיק שמועסל ווי אונ־דזער בייקל זאיקע, אָדער ווער איז אזא מומחה, אזא דאָקטאָר, וואָס מאכט פון טויט לעבעדיק, ווי אונדזער רופא, וואָס ער האָט כּפי השמועה די חכמת־הדאָקטאָריע געלערנט ביי א ציגיינער פון די חרטומי מצרים“.

הכלל, דאָס לעבן אין זיין שטעטל האָט בנימינען זיך אויסגעוויזן זייער שיין, זייער גוט. ער האָט אפילו געלעבט אין דחקות, ער מיט זיין ווייב און קינדער זענען געגאנגען קרועה־בלועה. נאָר האָט דען אָדם־הראשון און זיין ווייב בשעת זיי זענען געווען אין גן־עדן פארשטאנען זיך צו שעמען, וואָס זיי זענען נאקעט און באָרוועס? די וואונדערלעכע מע־שיות אָבער פון די רויטע יידלעך און די עשרת־השבטים זענען אים אריין טיף אין הארץ און פון יענער צייט אָן איז אים עפּעס ווי ענג גע־וואָרן אין זיין שטעטל, עס האָט אים עפּעס געצויגן אליץ אהין, אהין דאָרט אין די ווייטע מקומות אריין; דאָס הארץ האָט אין אים זיך געצויגן, אזוי ווי קליינע קינדער ציען זיך מיט די הענטלעך אקעגן דער לבנה. דאכט זיך אין פלוג, וואָס איז אזוינס א טייטל, א פריסטאוו, א יארמעלקע, א פּאה, אַ ייד, נעבעך, וואָס ווערט נלכד אין געסל שפּעט ביידערנאַכט, אַ ציג און א שטרויערנער דאך? נאָר דאָס אלצדינג האָט אָנגעמאכט אין אים א גרויסע פארענדערונג, עס האָט געפירט דערצו, אז ער זאָל באַ־גליקן די וועלט מיט זיין בארימטער נסיעה. אין דער וועלט זעט מען נישט איינמאָל, ווי פון קליינע סיבות קומען ארויס גרויסע, זייער גרוי־

סע זאכן: דערפון וואָס דער פויער האָט געזייט ווייץ און קאָרן, וואָס דער מילנער האָט עס געמאָלן, וואָס דערפון איז א טייל אריין אין דער גו־ראַלניע און געוואָרן בראָנפן און א ביסל פונעם מעל איז אריין אין גיטל דער שענקעריגס הענט, וואָס זי האָט עס געראָשטשינעט, געקנאָטן, גע־קאטשעט און געמאכט קנישעס, מצורף לזה וואָס די פעניציער האָבן מיט טויזנטער יאָר צוריק אנטדעקט די המצאה, ווי מען מאכט גלאָז, און דורכדעם איז ארויסגעקומען כוסות אי קעלישקעס, — אָט פון די דאָזיקע אַלע קליינע סיבות זענען ביי אונדז אין א סך שטעט ארויסגע־שפּרונגען יענע ווילדע קהלס־לייט, יענע משונה בארימטע פיינע־בריות...

מעגלעך איז, אין בנימינען איז געלעגן א ניצוץ פון א נוסע, נאָר דער ניצוץ וואָלט פארלאָשן געוואָרן, ווען די סיבות און די מעשיות פון יענער צייט וואָלטן אים נישט אויפגעבלאָזן, און ווען אפילו דער ניצוץ וואָלט נישט פארלאָשן געוואָרן אינגאנצן, וואָלט ער, ווען נישט די דאָזיקע סיבות אין יענער צייט, געהאט אזא קליינעם כוח, אז פון בנימינען וואָלט מיט דער צייט אויסגעוואקסן א וואסערפירער אָדער, ווען פיל, א באַלעגאָלע.

איך האָב אין מיין לעבן באגעגנט זייער פיל באַלעגאָלעס און שמיי־סערס, וואָס זיי זענען מסוגל געווען צו זיין אזעלכע נוסעים, גלייך, כ'לעבן, ווי יענע, וואָס וואנדערווען היינט ארום צווישן יידן... נישט דאָס אָבער בין איך אויסן.

פון יענער צייט אָן פלעגט בנימין מיט גרויס חשק זיך פארטיפן אין רבה בר בר חנאס נסיעות אויפן ים און אין דער מדבר. ער האָט אויך דערטאפּט שפּעטער דעם ספר „אלדד הדני", דעם ספר „מסעות בנימין", וואָס ער האָט מיט א זיבן הונדערט יאָר צוריק געררייזט ביז עק וועלט, דעם ספר „שבחי־ירושלים" מיט הוספות און דעם ספר „צל־עולם", וואָס אין זיבן קליינע בלעטלעך איז ער כולל אַלע שבע חכמות און דערציילט חידושים ונפלאות פון דער גאנצער וועלט און פון אירע משונה ווילדע באשעפענישן. די דאָזיקע ספרים האָבן אים געעפנט די אויגן און אים איבערגעקערט פשוט גאָר פאר אן אנדער מענטשן.

„פון די וונדערשיינע מעשיות דאָרט, — דריקט זיך אזוי בנימין אוים אין זיין ספר, — פלעג איך שטארק נתפעל ווערן. אי, אי! — פלעג איך נישט איין מאָל פאר גרויס התפעלות א געשריי טאָן: ווי העלפט מיר גאָט כאָטש א הונדערטל דערפון צו זען מיט מיינע אויגן! דער קאָפּ מיינער האָט געטראָגן וויט, וויט...".

פון דענסטמאָל אָן איז אים טונעיאַדעווקע שוין טאַקע געוואָרן צו
ענג, ער האָט ביי זיך גומר געווען ארויסצוכאפּן זיך פון דאָרט מיט אלע
כוחות, גלייך ווי א הינדעלע, וואָס הייבט זיך אָן אויסצופּיקן און ארוים=
צוקריכן פונעם איי אויף דער ליכטיקער וועלט.

דאָס צווייטע קאפּיטל

ווי בנימין ווערט א קדוש און זעלדע אן עגונה

בטבע איז אונדזער בנימין דער נוסע געווען א ווילדער בעל=פּחדן,
היינו ביידערנאכט פלעגט ער מורא האָבן צו גיין אויף דער גאס, שלאָפן
איינער אליין אין א שטוב וואָלט ער נישט געוואָלט, מען זאָל אים אָפּ=
גילטן. ארויסצוגיין א ביסל ווייט פון דער שטאָט האָט ביי אים געהייסן
פּשוט זיך איינשטעלן דאָס לעבן, מאלע וואָס קאָן, חלילה, געשען. פאר
א ליאדע הינטל האָט ער געציטערט אימת=מות.

„איינמאָל, — אזוי דערציילט בנימין, — איינמאָל, איך געדענק
עס ווי היינט, דאָס איז געווען תמוז אין א שרעקלעך הייסן טאָג, איז
אונדזער רב מיט איינעם פון זיינע לייט געגאנגען זיך אָפּטובלען אין דעם
טייכל, וואָס הינטער דער שטאָט. איך מיט א פּאָר יינגלעך, מיינע חב=
רים, זענען מיט גרוים דרך=ארץ נאָכגעגאנגען פון הינטן און געווען
ביי זיך זייער זיכער, אז מיר וועלן נישט האָבן קיין שום שלעכטע בא=
געגעניש און, אם ירצה השם, קומען צוריק בשלום אהיים, געדופעט אויף
דעם רב. עפּעס א קאטאָוועס א רב, וואָס פאר אים האָט דרך=ארץ א
וועלט! וואָס קיין עלטערס פאר אים איז שוין גאָר נישטאָ! וואָס דער
טיטל זיינער פארנעמט א בלעטל פּאפּיר... דער רב, אונדזער באשיצער,
איז מיט ברייטקייט געגאנגען היפּש פריער פאר אונדז און אז ער האָט
געהאלטן אין אויסטאָן זיך, איז אין מיטן דרינען אָנגעקומען עפּעס א
שייגעץ און אָנגערייצט זיין הינט. אונדזער באשיצער איז נישט=טויט=
נישט=לעבעדיק אנטלאָפן, צוגעהאלטן, מחילה, די אָפּגעשפּיליעטע
תחתונים מיט איין האנט און מיט דער אנדערער דאָס קיילעכדיקע גע=
שטעפּטע פּעלפּענע היטל. מיר יינגלעך זענען אוודאי מבולבל געוואָרן,
דען אז דער לויתן ווערט אויף דער ווענטקע געכאפּט, וואָס זשע, נעבעך,
זאָלן שוין טאָן די פלאָטקעס אין דער בלאָטע? מיר האָבן אָנגעגורט אונ=
דזערע לענדן און געשווינד, ווי די הירשן, געלאָפן פאָרויס מיט א גע=
וואלד, מיט א ביטער געשריי, ביז מיר זענען אזוי הענדעם=פּענדעם אָן

א נשמה איניינעם מיט אונדזער גיבור אריינגעלאָפן אין דער שטאָט. ס'איז געוואָרן א מהומה, א צונויפלויפעניש, א ליארעם: עס ברענט! מען הרגעט, מען שלאָגט! איינער פונעם אנדערן האָט נישט געוווסט".

אז בנימין האָט פירגעגומען די נסיעה אין די ווייטע מקומות, איז ביי אים געבליבן קודם=כל זיך צו שטאַרקן, אָוועקצוואַרפן דעם פחד. ער האָט זיך געצוואונגען דווקא גיין אַליין שפּעט ביי דער נאַכט, דווקא שלאָפן איינער אַליין אין חדר און דווקא אַרויסגיין אָפט הינטער דער שטאָט, כאָטש דאָס האָט אים געקאָסט געזונט און ער איז פאַר שרעק, נעבעך, פונעם פּנים אַראָפּ, די גייע הנהגה זייגע אין דער היים און אין בית=המדרש, זיין פארטראכט בלייך פנימל און זיין פארפאלן ווערן אָפט אויף עטלעכע שעה פון דער שטאָט איז איטלעכן געוואָרן עפּעס א פּליאה; מען האָט אים גענומען אין מויל אריין און פון אים שטארק גערעדט. א טייל האָבן געזאָגט: נישט אנדערש, ער איז משוגע, חסר=דעה. איין מאָל, אזוי האָבן זיי געדרונגען, איז בנימין טאקע געווען א ביסל שוטה=וואטע, עס האָט אים געפעלט אין קאָפּ א קלעפּקע; צווייטנס, איז שוין טאקע אין טונעיאָדעווקע לערך עטלעכע יאָר נישט געווען קיין משוגענער, און מיר האָבן דאָך אַ קימא=לן, ווי זאָגט מען עפּעס, עיר ועיר והכמיה, עיר ועיר ומשוגעיה, איטלעכע שטאָט מיט איר חכם אי מיט איר משוגענעם. בפרט נאָך היינט אין אזעלכע גרויסע היצן. פארוואָס זשע זאָל נישט זיין קיין סברה, אז ער זאָל טאקע זיין משוגע גאָר פשוט. ווידער א טייל, און בראש פון זיי רב אייזיק=דוד רב אהרן=יאָסלס שרה=זלאטעס, האָבן געמאכט: עט, עט!... טאקע נאָך א מאָל עט! אמת טאקע, בנימין איז שוטהוואטע, טאקע שטארק שוטהוואטע, נאָר דערפון איז נאָך כלל נישט געדרונגען, אז ער מוז ווערן אי משוגע, וואָרעם זעלט עס אנדערש זיין אזוי, איז דאָך די קשיא, פארוואָס גראָד אצינד און נישט פריער? אדרבא ואדרבא, פארצווייאָרן אי פאראיאָרן זומער זענען די היצן געווען א גוזמא גרעסער. איי וואָס, דער קימא=לן? דער תירוץ: זאָל זשע דוכטן — אונדזער טייך. דער טייך אונדזערער, האָבן מיר דאָך אַ קימא=לן, נעמט זיכער צו פון אייביק אָן אַ מענטשן אַלע יאָר, און פונדעסטוועגן האָט ער שוין א פּאָר יאָר קיינעם נישט צוגענומען! פארקערט, ער אליין איז אין די פּאָר יאָר אָפּגעפאלן, אז ערטערווייז קאָן מען אים ממש איבערגיין טרוקן=פוס... אי, בנימין? מילא בע... דער גרעסטער טייל אָבער, און צווישן זיי די ווייבער, האָבן געזאָגט: ער מוז האָבן צו טאָן מיט זיי... ער פּאָרעט זיך אוודאי מיט אים... מיט דעם בעל=דבר... וואָס דען זשע בראָדזשעט ער אליין ביינאכט אינדערפינצטער? וואָס דען זשע ווערט ער אמאָל פארפאלן אויף עטלעכע שעה?

וואָס דען זשע שלאָפט ער איינער אַליין אין ספּיזשאַרניע? זעלדע זיין אייגן ווייב דערציילט אויך, אַז זי האָרכט ביידערנאַכט, ווי מען קלאַפּט ביי אים אין ספּיזשאַרניע, זי האָרכט אַ קלאַפּעריי, ווי מען גייט דאָרט מיט פּיס...

דער דאָזיקער שמועס מכוח דעם ענין האָט, ווי געוויינטלעך, זיך אַוועקגעקייקלט אַהין אינטערן אויוון, פון דאָרט אויף דער אסיפה אויף דער אייבערשטער באַנק. מען איז איבער בנימינען דאָרט צווישן זיך נאָך נישט פאַרטיק געוואָרן. נאָר דערווייל איז געבליבן מוסכם ביי אַלע, מען זאָל צונויפשטעלן אַ קאָמפּאַניע פון אַ פּאָר שיינע יידן מיט דעם סופר, וואָס זיי איניינעם זאָלן ארומגיין אין אַלע הייזער כסדר נאָכן צעטל און אומעטום בודק זיין, רעווידירן די מזוזות. און ווייל די אסיפה האָט אויף דעם ענין געקוקט ווי אויף אַ קהלשע זאַך, אַ טובה פאַר דער שטאָט, לכן איז געבליבן, אַז בכדי אויסצושפּיין די הוצאות, וואָס אַזאַ קאָמפּאַניע באַדאַרף קאָסטן, זאָל מען ארויפציען דעם מקח פון פליייש... אין טונעיאָדעווקע איז דאָ אַ ווערטל: פון וואָס מען זאָל נישט שמועסן, מוז מען ארויסקומען אויפן טויט, און פון וואָס מען זאָל נישט רעדן אויף אַן אסיפה, מוז מען אויסלאָזן מיט דער טאַקסע פון פליייש. און באמת איז עס טאַקע על־פּי דרך־הטבע, אַנדערש קאָן עס טאַקע גאָר נישט זיין. דער שכל איז אויך אַזוי מתחייב, וואָרעם סוף כל אָדם למות וסוף יהודי לטאַקסע, דאָס טייטש: דער סוף פון אַ מענטשן איז צו שטאַרבן און דער סוף פון אַ יידן — צו צאָלן טאַקסע! דער טויט און די טאַקסע — דאָס זענען בטבע אַזעלכע צוויי זאַכן, וואָס מען קאָן פון זיי בשום אופן נישט פטור ווערן. אַזוי האָט דער אייבער־שטער באַשאַפן די וועלט, און ווי ער האָט זי באַשאַפן, אַזוי איז גוט, אַזוי געהער עס זיכער צו זיין. קשיות פרעגן נאָר אפיקורסים...

שפּעטער אַביסל האָט מיט בנימינען זיך פאַרלאָפן אַ מעשה, וואָס ער האָט מיט איר קונה־שם געווען. ארויסגייענדיק אייגמאָל פון דער שטאָט, תמוז אין אַ הייסן טאָג צוועלף אַזייגער אינדערפרי, סאַמע ווען די זון האָט געבראָטן, איז ער פאַרגאַנגען טיפלעך אין אַ וואַלד, אַקעגן אַ דריי תחום־שבתן פון דער שטאָט. מיט זיך אין דער קעשענע האָט ער געהאַט זיינע ספרים, וואָס אָן זיי פלעגט ער נישט גיין קיין טריט. ער איז געזעסן אין וואַלד אונטערגעלעגט אונטער אַ בוים און האָט גע־שמאַק געטראַכט. צו טראַכטן האָט ער געהאַט זייער פיל. באַלד איז אים דער קאָפּ פאַרפלויגן ווייט אַהין אין יענע לענדער אין עק וועלט. ער איז געגאַנגען איבער בערג, איבער טאָלן, איבער מדבריות און אַלע ערטער, וואָס שטייען אין זיינע ספרים. ער האָט געוואַנדערוועט פוס־

טריט נאָך אלעקסאנדער מוקדון, נאָך אלדד הדני וכדומה, ער האָט גע־זען דעם שרעקלעכן פּיפּערנאָטער, דעם לינדוואָרעם, שלאַנגען, עקדעשן, און אלע מיני שלעק און משלחתן. ער האָט זיך צוגעשלאָגן צו די רויטע יידעלעך און גערעדט מיט די בני־משה. דערנאָך איז ער בשלום צו־ריקגעקומען צו זיך און האָט געטראַכט, וויאזוי און ווען זשע זאָל ער שוין טאַקע מאַכן די נסיעה.

אין מחשבותן איז דערווייל צוגעפאַלן די נאַכט. ער איז אויפגע־שטאַנען, אויסגעגלייכט די ביינער און זיך געלאָזט גיין אהיים. ער גייט און גייט, נאָך אלץ נישט פונעם וואַלד אַרויס. ער גייט א שעה, צוויי, דריי, פיר שעה, ס'איז קיין סוף, קיין עק. ער האָט נאָך טיפער אין וואַלד זיך פאַרשלאָגן און דאָ איז פינצטער, כאָטש אן אויג אַרויסצונעמען. פּלו־צעם איז נאָך געוואָרן א שטורעמווינט מיט א שלאַקסרעגן, עס האָט גע־בליצט, געדונערט, און די ביימער האָבן גערוישט א שרעק! בנימין איז געבליבן שטיין, דער רעגן האָט אים געוואַשן, א צאָן אָן א צאָן האָט אים געקלאַפּט פאַר קעלט, פאַר נעץ און פאַר גרויס פּחד. עס האָט זיך אים געדאַכט, אָט פאַלט אויף אים אָן א בער, אָט פאַרצוקט אים א לייב, א לעמפּערט, אָט גייט דער מאַטו״ל, וואָס כּפי עס שטייט אין „צל עולם“, איז ער א גרויסער, א לאַנגער מין באַשעפעניש מיט צוויי לאַנגע הענט, מיט וועלכע ער וואַרפט אנידער א העלפאַנט. אנגעסטן האָבן אים באַשלאָגן, נעבעך, און דאָ איז ער נאָך טויט־הונגעריק, חוץ א רעטשן קיכל איז דעם גאַנצן טאָג אין זיין מויל נישט געקומען. ער האָט פאַר אלע צרות געגומען דאַווענען מעריב און געדאַוונט מיט התלהבות פונעם גאַנצן האַרץ.

גאָט האָט געהאָלפן, ס'איז טאָג געוואָרן. אונדזער בנימין נעמט זיך ווייטער צום גיין אויף גאָטס באַראָט. ער גייט, ער גייט, ביז ער שלאָגט זיך צום סוף אַרויף אויף עפּעס א שמאָלן וועג. מיט דעם וועג איז ער געגאַנגען אַקעגן א שעה צוויי און פּלוצעם דערהערט ער פונדערווייטנס א קול פון א מענטשן. אָנשטאָט ער זאָל מיט דעם קול זיך דערפרייען, איז ער, שונא־ציון, פאַרצאַפּלט געוואָרן. אים האָט זיך נישט אַנדערש געדאַכט, אַז דאָס איז אַוודאי אַ גזלן. מחמת שרעק האָט ער זיך גע־לאָזט לויפן צוריק אָן אָטעם, באַלד אָבער האָט ער זיך באַטראַכט: פע, בנימין! דו ווילסט וואַנדערעווען אזוי ווייט איבער ימים און מדבריות, וואָס דאָרט שווימלט און גריבלט פון עקדעשן, פון חיות־רעות און ווילדע אומות, און דאָ האָסטו מורא פאַרן געדאַנק, טאָמער באַגעגנסטו אַ גזלן. אַי, פע, מענטש, כ׳לעבן, זיך שעמען, בנימין! איז דען אַלעקסאַנדער

מוקדון אויך אנטלאָפֿן, אזוי ווי דו? האָט דען אלעקסאנדער מוקדון אויך, אזוי ווי דו, זיך מייאש געווען, בשעת ער איז געפֿלויגן רייטנדיק אויף זיין אָדלער און ס'איז אויסגעגאנגען דאָס פֿלייש פֿונעם שפּיץ שפּיז, וואָס דער אָדלער פֿלעגט עס פּיקן און פֿליען דורכדעם אַלץ העכער? ניין, אלעקסאנדער מוקדון איז נישט אנטלאָפֿן, אלעקסאנדער מוקדון האָט ביי זיך אליין אויסגעשניטן א שטיק פֿלייש און ארויפֿגעשטאָכן אויפֿן שפּיז! אַדרבא, שטאַרק זיך, בנימין, דאָס וויל גאָט דערמיט דיך נאָר אויספּרוון. האלטסטו אוים די פּראָבע, אז וויל און גוט איז דיר דענסט־מאָל! דענסטמאָל, בנימין, ביסטו א מענטש און וועסט טאקע ווערט זיין צו האָבן די זכיה פֿון השם־יתברך צו דערגרייכן דיין ווונטש וועגן די בני־משה און מיט זיי איבערשמועסן מכוח דעם כלל ישראל אין אונדזער ווינקל; דערציילן זיי גאַנץ בפּרטיות די הנהגות פֿון אינדזערע יידעלער דאָ, וואָס זיי טוען און וואָס זיי מאַכן. וועסטו איצט אויסשטיין נאָך אי די דאָזיקע פּראָבע און גיין צוריק אקעגן דעם קול, דענסטמאָל ביסטו מנצח אלע פּחדים און שרעקענישן. וועסט ווערן א כלי־שלמה, א ברכה, א בענטשונג צווישן די קינדער ישראל און אָנטאָן כבוד גאַנץ טונעיא־דעווקע. טונעיאדעווקע און מוקדון — דאָס וועלן זיין צוויי ערטער גלייך באקאנט אין דער וועלט דורך אלעקסאנדער טונעיאדעווקער און בנימין מוקדון!...

אונדזער בנימין האָט זיך אומגעקערט טאקע צוריק און איז גע־גאנגען באהארצט ווי א גיבור מיט גרוים בטחון, ביז ער האָט פֿאר זיך דערזען דעם גזלן. דאָס איז געווען א פּויער, וואָס איז געפֿאָרן אויף א פּאָר אָקסן מיט אָנגעלאָדענע זעק אין וואָגן.

— דאָברי־דיען! — האָט בנימין צוגייענדיק א זאָג געטאָן ראַפּ־טעם אויף א משונה קול, וואָס ער האָט אין זיך געהאט אלע טעמים: אי געשריי, אי געבעט, אי ווי איינער זאָגט: נא, נא טו מיט מיר וואָס די ווילסט! אי עפּעס ווי א בקשה: גוואלד, האָב רחמנות אויף מיר, אויף מיין ווייב און קינדער, געבער!

אָפּזאָגנדיק, אָדער אָפּשרייענדיק אי אָפּוויינענדיק דעם „דאָברי־דיען", איז בנימין געבליבן אָן לשון, ווי דערוואָרגן. דער קאָפּ האָט זיך אים פֿארדרייט, אין די אויגן איז אים געוואָרן פֿינצטער, די פֿיס האָבן אים אויפֿגעהערט צו דינען און ער איז טויט אנידערגעפֿאלן אויפֿן אָרט.

אז ער האָט אויפֿגעעפֿנט די אויגן און איז צו זיך געקומען, האָט ער זיך געפֿונען ליגנדיק אין וואָגן אויף א גרויסן זאק קארטאָפֿליעס, איבערגעדעקט מיט א גראָבער סוויטע. צוקאָפּנס איז אים געלעגן א

געבונדענער האָן, וואָס האָט אויף אים געקוקט אין דער זייט מיט איין אייגל און אים געגראַבלט מיט די נעגל, צופוסן איז געשטאַנען אָנגעשטעלט קערבעלעך מיט יונגן קנאָבל אי ציבעלעס און שאַר-ירקות. אייער, אפנים, איז דאָרט אויך געלעגן, וואָרעם פּאָלאָווע זענען געפלויגן און אים פאַרשאָטן די אויגן. דער פויער איז געזעסן, געררויכערט גאַנץ רואיק דאָס ליולקעלע און איטלעכע רגע אויף די אָקסן אונטערגעשריגן: סאָפּ, הייטא, סאָפּ! די אָקסן קוים וואָס זיי האָבן זיך גערירט, און די רעדלעך פונעם וואָגן האָבן משונה געסקריפּעט איטלעכס אויף אַן אַנדער קול. איגיינעם איז אויסגעקומען עפּעס אַ סקריפּענדיקער קאָנצערט, וואָס האָט געגרילצט אין די אויערן. דעם האָן, אפנים, ווי עס האָט אויסגעזען, איז אַזאַ סקריפּעריי אויך נישט געווען לרצון, וואָרעם איטלעכס מאָל בשעת די רעדלעך פלעגן אינגאַנצן זיך אומדרייען און אויסלאָזן אויף אַ סווישטש מיט אַ שלשלת, פלעגט ער בנימינען אַ שטאַרקן גראַבל טאָן מיט די נעגל און אַ קריי געגעבן קוקוריקו מיט כעס, מיט אימפּעט, אַז עטלעכע רגע דערנאָך פלעגט ביי אים כאָרכלען פאַרדומפּן איגנעוויניק אין האַלדז. בנימין האָט אין זיך נישט געפילט קיין גאַנץ אבר און איז געלעגן אַ היפּשע צייט שטאַרק פאַרדולט: אַ שפּאַס וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, שרעק, הונגער, נעץ און קעלט! עס האָט אים זיך געראַכט, אַז אַ טערק האָט אים געפאַנגען אין דער מדבר און פירט אים פאַרקויפן ערגעץ פאַר אַ קנעכט. נעבעך, האָט ער געטראַכט, נעבעך זאָל ער מיך כאָטש פאַרקויפן צו אַ יידן, וואָלט איך נאָך געקאָנט פאָרט עפּעס אויפגעריכט ווערן, און באַם אָבער, ער וועט מיך פאַרקויפן צו אַ פּרינץ אָדער, חלילה, גאָר צו אַ פּרינצעסין פון די אומות-העולם, בין איך דאָך פאַרלוירן, פאַרלוירן אויף אייביק. דערצו נאָך האָט ער זיך גראָד דערמאָנט די מעשה פון יוסף-הצדיק מיט זליכהן און האָט מחמת יסורים אַ שטאַרקן קרעכץ געטאָן.

דער פויער האָט זיך אומגעקוקט, אַז ער האָט דערהערט בנימינס קרעכץ, זיך צוגערוקט נענטער און אים אַ פרעג געטאָן:

— נו, זשידקאָ, אַ שטשאָ, טראָשקע ליפּשע?[1]

דער קאָפּ איז בנימינען באמת געוואָרן אַביסל פרייער און ער האָט זיך דערמאָנט אינגאַנצן, וואָס מיט אים איז פאָרגעגאַנגען. ער האָט אָבער זיך געפילט זייער אין אַ שלעכטער לאַגע: גוייש קען ער כמעט נישט קיין וואָרט, הײנט וואָס זשע טוט מען דאָ? ווי ענטפערט מען דעם ערל און

---

[1] נו, יידל, וואָס, אַביסל בעסער?

ווי טענהט מען מיט אים זיך דאָ אויס, צו וויסן אקוראט, וווהין ער פירט מיך?

בנימין האָט געפרוווט זיך אויפזעצן, נאָר אומזיסט. די פיס האָבן אים שטארק געבראָכן.

— טראָשקע טעבע ליפשע? — האָט אים דער פויער ווייטער א מאָל געפרעגט און טאקע בנשימה אחת א מאך געטאָן:

— סאָפּ, הייטא, סאָפּ!

— ליפשע. רק ריבי מאָי,[1] אי, אי, אי! — האָט בנימין געענט־פערט ווי ער האָט, געבעך, געקענט און אים געוויזן אויף די פיס.

— איזווידקי טי זשידקאָ?[2]

— איזווידקי טי זשיטקע?! — האָט בנימין געמאכט מיט א ני־גון, ווי אַ מהפך־פשטא. — יאַ גיאָמקאַ, בניאָמקא אוב טונעיאַדעווקו![3]

— טי איז טונעיאדעווקי? קאזשי־זשע, שטשאָ טי וויטאראשטשיל נא מעני אָטשי אי גליאניש יאק שילאָני? אלע מאָזשע טי טאקי אי שי־לאני. טראַסצאַ טוואָאי מאַטערי.[4] סאָפּ, הייטאַ, סאָפּ!

— יא, סטייטש, יא טעבי לכתחילה קאזאטע, יא גיאָמקע סאם אוב טונעיאַדעווקו![5] — האָט בנימין געענטפערט, געמאַכט דערביי אַ רחמנות־פנים, אַ וויין געטאָן מיט דער האַנט און געבעטן רחמים: געוואַלד, אוב טונעיאַדעווקי זשינקי טעבי דאַם טשאַרקע שליש אי שאַבאַשקאָווע בולקע, אי דאָברע דאַנקויעט טעבי.[6]

דער פויער, אפנים, האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס בנימין מיינט.

— דאָברי, זשידקא! — האָט ער געזאָגט, זיך געזעצט אויף זיין אָרט מיט דעם פנים צו די אָקסן און געמאכט: סאָפּ, הייטא! —

---

[1] בעסער. אָבער מיינע פיש (אַ וואָרטשפּיל: פיש—פיס). אין טייל ליטווישע קאַנטן ווערט אַ „ש" אַרויסגערעדט ווי „ס". בנימין, נישט קענענדיק די שפּראַך (אוקראַיניש), האָט פאַרטייטשט לויט זיין אויסשפּראַך פיס—„ריבי", וואָס באַ־דייט „פיש").

[2] פונוואַנען ביסטו, יידל?

[3] איך בין ביאָמקע בנימינקע פון טונעיאַדעווקע.

[4] דו ביסט פון טונעיאַדעווקע? זאָג זשע, וואָס האָסטו אויסגעגלאָצט אויף מיר די אויגן און קוקסט ווי אַ משוגענער? און אפשר ביסטו טאַקע משוגע? אַ רוח אין דיין מאַמען.

[5] איך, סטייטש, איך האָב דיר לכתחילה געזאָגט, איך בין דאָס ביאָמקע פון טונעיאַדעווקע.

[6] אין טונעיאַדעווקע וועט דיר דאָס ווייב געבן אַ גלעזל בראָנפן און אַ שבתדיקן קוילעטש און וועט דיר גוט אָפּדאַנקען.

אקעגן א פּאָר שעה ארום איז דער וואָגן אַרויפגעפאָרן גלייך אויפן מארק אין טוגעיאַרעווקע. ווייבער און מאנסביל האָבן זיך א שאָט גע־געבן אקעגן מיט פארשידענע שאלות. דער שרייט:

— משויעש, סקילקע כאָטשעש זאַ פּיווען, זאַ ציבולי?[1]

יענער פרעגט?

— מאָזשע מאַיעש קאַרטאָפלי, יאַיצי?[2]

בתוך הבאים קומט איינער מיט א שאלה:

— משויעש, מאָזשע טי באמשיל נא דאָראָגי זשידקאָ? או נאם יעדין זשידקאָ, בניאָמקא, ווטשאָראַ פּריפּאַל יאַק אוב וואָדי.[3]

און איידער דער פויער האָט אוספּייעט איטלעכן צו ענטפערן, זע־נען אלע ווייבער ווי די הייעשריקן איבערגעפאלן דעם וואָגן, האָבן אויפ־געדעקט די סווימקע און אין איין קול ארויסגעלאָזט א געשריי:

— בנימין!... ער איז דאָ! ציפּע־קרוינע! בת־שבע־ברײַנדל, לויפט גיכער צו זעלדען מיט דער גוטער בשורה, אז איר שאָדן האָט זיך אָפּגע־זוכט! זי וועט שוין נישט זיין קיין ווּיסטע עגונה.

ס'איז געוואָרן א רעש, א צונויפלויפעניש, גאַנץ טוגעיאַרעווקע האָט זיך געווויגט, קינד און קייט זענען געלאָפן אָנקוקן בנימינען. מען האָט אים פארוואָרפן מיט רייד, מיט שאלות, מיט ווערטלעך, מען האָט דערציילט, אז דעם גאַנצן נעכטיקן טאָג מיט דער נאכט האָט מען אים געזוכט, גע־קערט, מען האָט אים שוין געהאלטן פאר א קדוש און זיין ווייב פאר א ווּיסטע עגונה.

פלוצעם אין מיטן געטומל איז דאָס ווייב זיינס צוגעלאָפן מיט א געוויין, זי האָט געבראָכן די הענט אָנקוקנדיק איר באשערטן, ווי ער ליגט בלייך און טויט און קאָן קיין ריר זיך נישט טאָן. זי האָט, נעבעך, אליין נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, צי זאָל זי אים שילטן, אויסלאָזן צו אים איר שווער ביטער געמיט, צי זאָל זי ארויסווייזן איר פרייד, איר שמחה, וואָס נאָט האָט זי, ווּיסטע עגונה, אויפגעריכט.

אין עטלעכע מינוט ארום האָט מען בנימינען, אזוי טאַקע ווי ער איז געלעגן אויפן זאַק קאַרטאָפליעס, געפירט צו זיך אַהיים איבער דעם מאַרק מיט א גרויסן פאראד. דער גאנצער טוגעיאַרעווקער עולם פון קליין ביז

---

[1] הער, וויפל ווילסטו פארן האָן, פאר די ציבעלעס?

[2] אפשר האָסטו קאַרטאָפליעס, אייער?

[3] הער, אפשר האָסטו אויפן וועג געזען אַ יידן? ביי אונדז איז אוועק א יידל, בניאָמקע, נעכטן פארפאלן ווי אין וואַסער אריין.

גרויס האָט אים אָפּגעגעבן כבוד, קיינער האָט זיך נישט געלאָזט בעטן און אים באַגלייט מיט א רעש, מיט א געשריי:

קדוש! קדוש! קדוש!

דער נאָמען קדוש איז בנימינען פון דענסטמאָל אָן טאקע אויף תמיד געבליבן. ער האָט געהייסן בנימין דער קדוש און זיין ווייב — זעלדע די עגונה.

דער טונעיאַדעווקער מומחה איז נאָך דעם טאָג טאקע צו בנימינען געקומען און האָט אים געגעבן ראטונעק מיט אלע תחבולות, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען. ער האָט אים געשטעלט באנקעס אי פיאווקעס, אויך אינגאנצן אים אָפּגעגאָלט און געזאָגט פארן אוועקגאנג, אז נאָך די אלע מיטל וועט ער, אם־ירצה־השם, געזונט ווערן און וועט נאָך מאָרגן קאָנען, אויב ער וועט כוח האָבן, גיין אין בית־המדרש אריין גומל בענטשן.

דאָס דריטע קאפיטל

ווי בנימין סקאָמפּאניעט זיך מיט סענדערל די יידענע

די דאָזיקע מעשה, וואָס מיט בנימינען האָט זיך געטראָפן, וואָס האָט אָנגעמאכט אזוי פיל יסורים זיין ווייב, אזוי פיל לייטישע רייד אי אין דער שטאָט, אי דאָרט הינטערן אויוון, אי אויף דער אייבערשטער באנק, האָט אין פלוג, דאכט זיך, באדארפט אויף אייביק פון אים ארויס־שלאָגן דעם געדאנק פון זיין נסיעה אין די ווייטע מקומות, נאָר אָבער א טעות, פארקערט, עס האָט נאָך אין אים דעם דאָזיקן געדאנק ערשט בעסער אריינגעשלאָגן. ער האָט פון דענסטמאָל אָן אויף זיך געקוקט מיט דרך־ארץ ווי אויף א מענטשן, א געניטן, וואָס איז געניט אין זיין לעבן אויסגעשטאנען, ער איז ביי זיך געווען צען מאָל טייערער פאר זיין באַ־הארצטקייט, פאר זיין שטארקייט, מיט וועלכער ער איז אויסגעשטאנען אזוי פיל שווערע פראָבעס און גובר געווען אינגאנצן די טבע זיינע. ער האָט אָנגעהויבן זיך צו האלטן פאר א גיבור, פאר א חקרן, וואָס האָט א ידיעה אין אלע שבע־חכמות, וועלכע עס געפינען זיך נאָר אין דעם „צל־עולם“, וואָס האָט זיך אָנגעלייענט ווי א פויק אין אזעלכע מיני ספרים און ווייסט, וואָס אויף דער גאַנצער וועלט טוט זיך. ער האָט אָנגעהויבן אליין אויף זיך א מבין צו ווערן און זיך אליין צו באדויערן, וואָס ער, אזא מענטש ווי ער, געפינט זיך, נעבעך, כשושנה בין החוחים, ווי א רויז

צווישן דערנער, ווו? אין טונעיאַדרעווקע, אין אַזאַ העק, צווישן פּראָסטע מענטשן, וואָס פאַרשטייען נישט און ווייסן נישט פון זייער לעבן צו זאָגן! די לייטישע רייד און די ווערטלעך, וואָס זענען איבער אים געפאַלן, זיי האָבן אדרבא אים ערשט געטריבן אין וועג אַריין. עס האָט אים זיך גע־גלוסט ווי צום גיכסטן אַוועק פון טונעיאַדרעווקע. ווי דערלעב איך שוין, פלעגט ער אַלץ טראַכטן, זיך אַוועקצולאָזן אַהין, ווייט, און קומען בשלום צוריק מיט ישועות און נחמות אויף יידן, מיט כבוד און מיט אַ גוטן נאָ־מען אין דער וועלט, און דענסטמאָל וועט גאַנץ טונעיאַדרעווקע ווייסן, פון קליין ביז גרויס, וואָס איך, בנימין, בין, וואָס איך, בנימין, באַטײַט...

בנימינען האָט לעת־עתה אָפּגעהאַלטן פון דער נסיעה נאָר די׳ דאָזיקע קליינע מניעות: ערשטנס, ווו נעמט מען אויף הוצאות? ביי אים אַליין האָט קיינמאָל זיך נישט געפונען קיין גראָשן אין קעשענע. ער פלעגט תמיד זיצן ליידיק אין בית־מדרש און זיין פלוניתטע איז געווען די אשת־חיל, די פרנסה־געבערין פון אַ נאָס אַפּטייקל, וואָס זי האָט זיך געמאַכט באַלד נאָכן קעסט אַראָפּגייענדיק, און, מישטיינס־געזאָגט, וואָס דאָס גאַנצע קלייטל האָט אָנגעטראָפן. ווען זי זאָל דערביי נישט געווען ארבעטן זאָקן, נישט פליקן ווינטער ביז שפּעט אין דער נאַכט פעדערן, נישט פּרעגלען אויף צו־פאַרקויפן פּסחדיק שמאַלץ, נישט איינהאַנדלען אַמאָל אין אַ מאַרק־טאָג ביי אירע באַקאַנטע פּויערים קיין מציאות, וואָלט נישט געווען מיט וואָס די נשמה צו דערהאַלטן. פאַרקויפן עפּעס פון שטוב־זאַכן? נאָר וואָס אָבער האָט דאָרט זיך געפונען? אַ פּאָר מעשענע לייכטער, וואָס זענען זעלדען געבליבן ירושה פון אירע עלטערן, און וועל־כע זי בענטשט ליכט, שייערט עס תמיד און זיך דערמיט שטאַרק מהנה. קיין צירונג האָט זי נישט חוץ אַ זילבערן רייפעלע מיט אַ פּערל פון איר מאַמעס שטערנטיכל, וואָס דאָס ליגט ביי איר פאַרשלאָסן און טוט עס אָן נאָר אַמאָל בשעת אַ גרויסער שמחה אָדער בשעת אַ מזל־טוב אָפּגעבן. פאַרקויפן זשע עפּעס פון זיינע חפצים? נאָר אינגאַנצן האָט ער געהאַט אַ שבתדיקע אַטלעסענע קאַפּאָטע נאָך פון דער חתונה אָן, צעהאַקט, צעפאַלן פאָרנט אי הינטן און דער גאַלער אונטערשלאַק האָט אַרויסגעקוקט. אמת, ער האָט געהאַט אי אַ טולעפּל, נאָר, מישטיינס־געזאָגט, אַ טולעפּל, ס׳האָט נאָר אַזוי געהייסן! דער קאָלנער מיט גאָרנישט באַלייגט. בשעת זיין חתונה האָט דער טאַטע זיינער, אים צו לאַנגע יאָר, געהייסן נישט זשאַלעווען, אדרבא, מאַכן אַ לאַנגן קאָלנער פון דער פּולער האַנט און אָפּשטעפּן אים לעת־עתה פון אויבן מיט אַ שטיק אונטערשלאַק, וואָס איז געבליבן יתור פון זיין קאַפּאָטע, און האָט דערביי זיך מתחייב געווען

ביים סילוקן דעם מותר פונעם גהן, אונטערשלאָגן דאָס טולעפּל מיט פּו־מער און באַלייגן דעם קאָלנער מיט פּיי. דעם נדן האָט ער נישט געסי־לוקט, און דאָס טולעפּל מיט דעם קאָלנער זענען געבליבן אַזוי ווי ס'איז געווען ביז דעם היינטיקן טאָג...

אחוץ דעם האָט בנימין נישט געוווסט, ווי מען רייסט זיך אַרויס פון דער היים.

איבערשמועסן מכוח דער נסיעה מיט זיין פּלוניתטע און אַרויס־זאָגן איר די גאַנצע זאַך בפירוש? חלילה וחס! עס וואָלט געוואָרן אַ ליאַ־רעם, אַ געפּילדער, זי וואָלט אים אָפּגעווינט מיט טרערן און אים גע־האַלטן זיכער פאַר ריין משוגע, וואָרעם ווי האָט אַ יידענע שכל אַזעלכע ענינים משיג צו זיין? אַ יידענע, אַז זי איז שוין אפילו גאָר די אשת־חיל, איז זי דאָך פאָרט נישט מער ווי אַ יידענע. וואָס דער מינדסטער מאַנס־ביל האָט אין נאָגל, האָט עס נישט, און קאָן עס גאָרנישט האָבן די פיינ־סטע און די קליגסטע יידענע אפילו אין איר קאָפּ...

אוועקגיין זשע בשתיקה און דעם זיי־געזונט פאַרגעסן? איז עפּעס אויך פריקרע, דאָס איז אַביסל מעשה ליטוואַק. ווידער זשע בלייבן זיצן אין דער היים און אָפּזאָגן זיך פון דער גאַנצער נסיעה? דאָס איז ריין אוממעגלעך. עס הייסט אַזויפיל ווי אַ מעשה אָנטאָן זיך.

די נסיעה איז בנימינען געוואָרן די צווייטע נאַטור, ווי אַ ייד מוז דריי מאָל אין טאָג דאַווענען, אַזוי האָט ער געמוזט איטלעכע רגע אין דער נסיעה טראַכטן. אפילו אין שלאָף איז זי אים פון זינען נישט אַרויס. און האָט אים זיך שטענדיק געחלומט. זי האָט טיף זיך איינגעוואָרצלט אים אין האַרץ און זיך באַשעפטיקט געמאַכט מיט זיינע אויגן און אויערן אַזוי, אַז ער האָט אויפגעהערט צו זען אי צו הערן דאָס אַלצדינג, וואָס פאַר אים, ער האָט נאָר געזען אי געהערט דאָס, וואָס טוט זיך דאָרט, דאָרט העט־ווייט אין יענע מקומות. נישט איין מאָל פלעגט ער אין אַ שמועס מיט עמעצן פּלוצעם אַריינמישן: הינדיאָ, סמבטיון, אַנטיקוד"אָ, פּיפּערנאָ־טער, לינדגוואָרעם, אייזל, מויל־אייזל, באָקסער, כצפיחת, טערק, טאָטער, גזלן וכדומה נאָך אַזעלכע ווערטער.

די נסיעה האָט געמוזט געמאַכט ווערן, נאָר וואָס טוט מען מיט די מניעות? דאָ האָט ער זיך קיין עצה נישט געקאָנט געבן. ער האָט גע־פילט, אַז ער באַדאַרף האָבן איינעם, מיט וועמען ער זאָל קאָנען מכוח דעם זיך מיישב זיין.

איש אחד היה בטונעיאַדעווקע, איין מענטש איז געווען אין טונע־יאַדעווקע, ושמו סענדערל, און ער האָט געהייסן סענדערל, נאָך זיין על־

טער=זיידן רב סענדערל. זה הסענדערל, דער סענדערל, היה איש פשוט, איז געווען א פשוט מענטש, דאָס הייסט, א פּראָסטער אָן חכמות. אין בית=המדרש האָט ער געהאט א שטאָט אונטער דער בימה און דאָס אליין איז שוין דער בעסטער סימן, אז ער איז נישט געווען פון די טונעיאַדעוועקער פיינע=בריות, פונעם דאָרטיקן צימעס און דער גילדענער פּאָן. די שמועסן אין בית=המדרש אָדער ערגעץ אנדערש פלעגט ער דאָס רוב צוהערן שטיל, ווי א זייטיקער פּארשוין. גאָר פלעגט ער אמאָל זיך אָנרופן א וואָרט, האָט עס אָנגעמאכט א גרויס געלעכטער, נישט מחמת דרינען איז געלעגן עפּעס א ווילדע חכמה אָדער א גרויסע המציאה, גיין, גאָר גלאַט זיינס אַ וואָרט האָט עפּעס געמאַכט לאַכנדיק, כאָטש ער האָט עס, נעבעך, געזאָגט גאַנץ פשוט בתמימות און האָט כלל גאָר נישט געמיינט יענעם דערמיט לאכנדיק צו מאכן. אדרבא, אז מען פלעגט לאכן, פלעגט ער אויסשטעלן א פּאָר אויגן און אָנקוקן, פארוואָס מען לאכט, פּאַריבל האָבן דערפאַר פלעגט ער קיינמאָל נישט, וואָרעם ער איז בטבע געווען א גוטער, א שטיל מענטשל, ווי עס גיט זיך אמאָל אוים א שטילעקן; ער האָט גאָרנישט געוווסט, אז מען באַדאַרף פאריבל האָבן. יענער לאכט, נו, מילא, לאָז ער זיך לאכן, מסתמא האָט ער דאָך הנאה.

דאָך מוז מען מודה זיין, אז אין סענדערלס א וואָרט איז אמאָל געלעגן טאקע אן אמת גלייבער איינפאל, כאָטש ער אליין האָט עס גאָר אזוי ווייט נישט געמיינט און דאָס געזאָגט גלאַט בתמימות. מיט אים פלעגט מען ליב האָבן קאַטאָוועס צו טרייבן. דער גרעסטער טייל בערלעך אין תשעה=באב זענען אין זיינע פּאות איינגעפלאָנטעט געווען. דער בעסטער חלק קישעלער, וועלכע מען ווארפט הושענא=רבה ביידערנאכט ביים אויפזיין, איז אים אָנגעקומען. אקעגן זשע דער קלענסטער חלק רעטשן קיכל און בראָנפן פון תיקון אָדער גלאַט אזוי בראָנפן — איז ווידער טאקע אים אָנגעקומען.

הכלל, סענדערל איז תמיד און אומעטום געווען דאָס כפרה=הינדל. סענדערל איז בטבע נישט געווען, ווי אנדערע, קיין עקשן; האָט איינער געזאָגט אזוי, איז פונזיינטוועגן רעכט געווען אזוי. סענדערל האָט געטאָן יענעמס רצון, נישט מחמת מבטל צו זיין זיין רצון, כדי יענער זאָל דערפאר מבטל זיין זיין רצון פאר זיין רצון, גאָר גלאט, פּראָסטע=איז=מאָסטע, ער האָט געטאָן יענעמס רצון.

— וואָס ארט עס מיך? — איז זיין שטייגער געווען צו זאָגן. — וואָס פאר א דאגה איך האָב? דו ווילסט דווקא אזוי, נו זאָל זיין אזוי.

צווישן יינגלעך איז סענדערל געווען א יינגל. ער פלעגט עפעס גיין, שמועסן, זיך שפילן מיט זיי אינאיינעם און האָבן דערפון תענוג. צווישן זיי איז סענדערל באמת געווען ווי א שטילע בהמה, וואָס לאָזט צו זיך צו קינדער, זיי זאָלן אויף איר רייטן און איר קראַצן די מאָרדע. קונדסים פלעגן אים קריכן אויפן קאָפּ און צופּן אים ביים בערדל. אנדערע פלעגט עס אמאָל ארן און פלעגן אָנשרייען:

— תרבות, שקצים, פאר אן עלטערן, פאר א יידן מיט א באָרד! וואָס צופּט איר אים דאָס בערדל?!

— נישקשה, נישקשה, — פלעגט סענדערל זיך אָנרופן, — וואָס אַרט עס מיך? וואָס פאר א דאגה איך האָב? זאָלן זיי מיך אביסל קראַצן.

ביי זיך אין דער היים האָט סענדערל, נעבעך, קיין האָנעק נישט גע־לעקט. זיין ווייב איז געגאנגען אין ספּאָדעק און ער האָט ביי איר געהאַט א וויסטן, ביטערן חלק. זי פלעגט אים האלטן אין דער מורא, אמאָל דער־לאַנגען א זעץ, און ער, נעבעך, האָט עס געמוזט מקבל־באהבה זיין. אונ־טער א יום־טוב פלעגט זי אים אנידערשטעלן אויסוואַשן די שטוב און אונטערבינדן אים דאָס בערדל מיט א טיכל. ער פלעגט איר שיילן קאַר־טאָפליעס, קאַטשען און בראָקן לאָקשן, אָנפילן פיש, אָנטראָגן אי אַריינ־לייגן אין אויוון האָלץ און אונטערהייצן, אקוראט ווי א יידענע. דעריבער האָט מען אים טאקע גערופן „סענדערל די יידענע“.

אָט דעם „סענדערל די יידענע“ האָט אונדזער בנימין אויסגעקליבן אים צו עפענען דאָס הארץ און מיט אים זיך שואל־בעצה זיין, וואָס ער זאָל טאָן. דער טעם דערפון: פארוואָס גראָד סענדערל? איז דער, ווייל בנימין האָט תמיד געפילט צו אים עפעס א שטיקל ליבשאַפט. סענדערל איז אין פיל זאכן אים זייער געפעלן, ער האָט אין א סך ענינים זיך מיט אים אויסגעגליכט און פלעגט אמאָל אין א שמועס מיט אים זיך פשוט מחיה זיין. מעגלעך אפשר נאָך אי צוליב דעם אויך, וואָס בנימין האָט גערעכנט דערויף, וואָס סענדערל איז קיין עקשן נישט. ער, סענדערל, וועט זיין פּלאַן אָננעמען און אים נאָכגעבן אלצדינג, וואָס ער וועט אים זאָגן. און אויב סענדערל וועט אפשר אין עטלעכע פונקטן זיך איינשפּאַרן, וועט ער אים מוזן גאָטס הילף און מיט זיין חלקת־הלשון גובר זיין...

ויהי כבוא בנימין לסענדערל, און אז בנימין איז געקומען צו סענ־דערלען, האָט ער אים געטראָפן, כשהוא יושב על ספסל החלב וקולף קאַר־טאָפליעס, ווי ער זיצט אויף דער מילעכדיקער באַנק און שיילט קאַרטאָפ־ליעס. איין באַק האָט אים שטאַרק געפלאַמט און אונטערן אויג איז אים געווען בלוי מיט א גראבל, עפעס ווי מען דערלאַנגט א קרעל מיט א

גאַנג. ער איז געזעסן ווי א נעבעכיקער, באַטריבט און פאַרומערט ווי א יונגט, וואָס דער מאַן אירער האָט זי אוועקגעוואָרפן און איז אוועקגעגאַנגען למדינת הים, אָדער ווי אַן אישה, וואָס דער מאַן האָט איר דערלאַנגט א פּאַטש...

סענדערלס ווייב איז נישט געווען אין דער היים.

— גוט־מאָרגן, סענדערל! וואָס ביסטו, סערדצע, אזוי באַטריבט!

— האָט בנימין געזאָגט אריינקומענדיק און געוויזן סענדערלען מיט א פינגער אויף דער באַק. — הא, ווייטער זי? ווו איז זי, די בחורטע?

—אין מארק.

— גאַנץ גוט! — האָט בנימין כמעט א געשריי געטאָן פאַר גרויס שמחה. לייג אַוועק, נשמה מיינע, דיינע קאַרטאָפליעס און קום מיט מיר אין אלקער אריין. דאָרט איז קיינער נישטאָ? קיין שומר מיט דיר באַדאַרף איך איצט נישט האָבן, איך וויל דיר אנטפּלעקן מיין האַרץ. איך קאָן מיך שוין נישט איינהאַלטן, עס קאָכן אין מיר די געבליטן, אך גיכער, סערדצע, גיכער, זי קאָן גאָר אָנקומען און אונדז שטערן איידער מיר וועלן פאַרטיק ווערן.

— וואָס אַרט מיך? דו ווילסט מאַקע גיך, זאָל זיין גיך, וואָס פאַר א דאגה איך האָב? — האָט סענדערל זיך אָנגערופן און איז אריין אין אלקער.

—סענדערל! — האָט בנימין אָנגעהויבן מיט אזא שמועס, — זאָג מיר, דו ווייסט, וואָס אויף יענער זייט טונעיאַדעווקע איז?

— איך ווייס. דאָרט איז די פּריטשעפּע, ווו מען באַקומט אַמאָל א גוט ביסל בראָנפן.

— דו ביסט א נאַר, איך מיין ווייטער, א סך ווייטער.

— נאָך ווייטער פון דער פּריטשעפּע?! — האָט סענדערל פאַרוווּנדערט זיך אָנגערופן. — ניין, ווייטער דערפון ווייס איך נישט, און דו, בנימין, ווייסט?

— אויב איך ווייס? א שאלה אביסל, אויב איך ווייס? דאָרט איז ערשט דאָ א וועלט! — האָט בנימין א זאָג געטאָן מיט התלהבות, גלייך קאָלאָמבוס בשעת ער האָט אנטדעקט אמעריקע.

— וואָס זשע איז אזוינס דאָרטן?

— דאָרטן, דאָרטן, — האָט בנימין זיך צעפלאַקערט, — פּיפּערנאָטער! לינדנוואָרעם!

— דער לינדנוואָרעם, מיט וועלכן שלמה המלך האָט געשניטן די שטיינער צום בית־המקדש? — האָט סענדערל אריינגערוקט זיין וואָרט בתמימות.

— יאָ, נשמה מיינע, יאָ, דאָרט אין ארץ־ישראל, דאָרט אין יענע מקומות... הא, דו וואָלסט געוואָלט זיין דאָרט?

— און דו ווילסט?

— א שאלה אביסל! איך וויל, סענדערל, איך וויל און וועל טאקע דאָרט באלד זיין.

— איך בין דיך מקנא, בנימין. דו וועסט עס דאָרט זיך אָנעסן אביסל מיט באָקסערן און מיט טייטלען. הא־הא!

— ידו, סענדערל, קאָנסט עס אויך עסן ווי איך. דו האָסט אין ארץ־ישראל אזא חלק ווי איך.

— חלק האָב איך טאקע. נאָר ווי קומט מען אָבער אהין? דאָרט איז דאָך דער תוגר.

— דערצו, סענדערל, איז דאָ א תרופה. זאָג מיר, סערדצע, דו ווייסט עפּעס פון די רויטע יידעלעך?

— איך האָב זיך אָנגעהערט גענוג מעשיות איבער זיי הינטערן סמבטיון, נאָר ווייסן אקוראט, וווּ זיי זיצן און ווי מען קומט צו זיי, דאָס ווייס איך נישט. איך זאָל ווייסן, מסתמא וואָלט איך דיר מודיע געווען. פאַרוואָס נישט? וואָס ארט עס מיר?

—העּ־העּ! זעסטו, און איך ווייס, — האָט בנימין געזאָגט מיט גדלות און ארויסדערטאפּט פון קעשענע דעם „שבחי־ירושלים“. זעסטו אָט וואָס דאָ שטייט. איך וועל דיר עס לייענען.

„אז איך בין געקומען קיין ברוט“י, אזוי שטייט געשריבן, האָב איך געפונען פיר יידן פון בבל. האָב איך גערעדט מיט איינעם פון זיי, וואָס האָט פארשטאַנען לשון־קודש און האָט געהייסן ר' משה, האָט ער מיר דערציילט גאַנץ אמתע זאַכן פונעם טייך סמבטיון, אַז ער האָט געהאָרכט פון ישמעאלים, וואָס האָבן אים געזען, און אַז דאָרט זענען דאָ די בני־משה“. —

אויך זאָגט ער ווייטער: „אז דער נגיד האָט מיר דערציילט, אז א יאָר דרייסיק אין דעם איז ביי אים איינגעשטאַנען איינער, וואָס ער איז געווען פון שבט שמעון, און ער האָט געזאָגט, אז אין זיין מקום זענען דאָ פיר שבטים, איינער פון זיי איז דער שבט יששכר, וואָס איז זיך עוסק אין תורה, און פון דעם שבט איז דאָ א מלך איבער זיי“. —

חוץ דעם שטייט נאָך בפירוש אי אין דעם ראָזיקן ספר „מסעות בני־מין“ אָט די ווערטער: „פון דאָרט איז אַ מהלך פון צוואַנציק טעג צו די בערג גיסבון, וואָס אויף דעם טייך גוזן. אין די בערג גיסבון זענען דאָ פיר שבטים: דער שבט דן, דער שבט זבולון, דער שבט אָשר און דער שבט נפתלי. זיי האָבן מדינות און כרכים אין די בערג. פון איין זייט נעמט זיי ארום דער טייך גוזן, זיי האָבן נישט אויף זיך קיין יאָך פון די אומות, נאָר איין מלך איז דאָ איבער זיי און ער הייסט ר׳ יוסף אמרכלא הלוי. און זיי האָבן אַ ברית, אַ בונד מיט דעם כופר אל־תורך“. חוץ דעם שטייט נאָך און נאָך זאכן וועגן די בני־רכב אין דעם לאַנד תימא, וואָס זיי האָבן איבער זיך אַ יידישן מלך און פאסטן און בעטן גאָט תמיד אויף גלות־ישראל. נו, וואָס דענקסטו, סערדצע, אַז זיי וואָלטן, אַשטייגער, פּלוצעם דערזען מיך, מיך זייער ברודער בנימין פון טונעיאַדעווקע קומט צו זיי צוגאַסט? הא, וואָס דענקסטו, סענדערל? אדרבא זאָג, איך בעט דיך, וואָס זאָגסטו דערצו?

— זיי וועלן פשוט זיך מחיה זיין, זאָג איך דיר, בנימין, אַ קאַטאָ־וועס אזא גאַסט, אזא טייערער גאַסט! איטלעכער וועט דיך פאַרבעטן צו זיך אויף אַ מאָלצייט. דער מלך אמרכלא מסתמא אויך. לאָז זיי דאָרט כאָטש פון מיר גאָר פריינדלעך גריסן. איך זאָל קאָנען, וואָלט איך, כ׳לעבן, אויך מיט דיר אַהין געגאַנגען.

— הא! — האָט בנימין אַ מאַך געטאָן פאַרפּלאָנטט פון אַ נייעם געדאַנק, וואָס איז אים איינגעפאַלן. — הא! טאָמער באמת טאַקע, סענ־דערל סערדצע, וואָלסטו מיט מיר איינגעם געמאַכט די נסיעה? נאַרעלע, אצינד, כ׳לעבן, האָסטו זייער אַ גוטע געלעגנהייט. איך גיי אַ בלויז אַהין, וועל איך דיך מיטנעמען. נאַרעלע איינער, אינצווייען איז היימלעכער. טאָמער וועל איך דאָרט, אַ קשיא אויף אַ מעשה, ווערן אַ מלך, וועל איך דיך מאַכן, כ׳לעבן, פאַר אַ משנה־למלך. נאַ דיר מיין האַנט תקיעת־כף! וואָס ווילסטו, נאַרעלע, דאָ זיצן און ליידן גלות, געבעך, פון דיין פּלו־ניתטע, די רשעטע. קוק אָן, וואָס פאַר אַ באַק, געבעך, דו האָסט. דו האָסט דאָך ביי איר אַ וויסטן, פינצטערן מזל. כ׳לעבן, סענדערל, קום, וועסט נישקשה, קיין חרטה נישט האָבן.

— טאָ, — האָט געזאָגט סענדערל, — אויב דו ווילסט דווקא אזוי, זאָל זיין אזוי. אי, זי? וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב? אַ נאַר וואָלט איך באַדאַרפט זיין איר זאָגן, וווהין איך לאָז מיך אוועק.

— נשמה מיינע, לאָמיך דיר אַ קוש טאָן! — האָט בנימין ארויסגע־לאָזט מיט גרויס שמחה און פאַר ליבשאַפט ארומגענומען סענדערל'ן די

יידענע. — דו האָסט מיר, נשמה מיינע, מיט איין וואָרט פאַרענטפערט אַ קשיא, אַ קלאָץ־קשיא! איך זאָג איצט אויך אַזוי ווי דו: אי זי? מיינע, מיין איך. וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב? ס'איז אָבער דאָ נאָך אַ קשיא: וווּ נעמט מען אויף הוצאות?

— אויף הוצאות? דו ווילסט דען זיך אויסקליידן, בנימין, אָדער איבערניצעווען דיין קאַפּאָטע? הערסטו, און איך וואָלט געזאָגט, מען באַדאַרף, כ'לעבן, נישט. אין וועג איז אדרבא גלייכער אַלטע קליידער. דאָרט וועלן מיר מסתמא באַקומען נייע שיינע קאַפּאָטעס.

— יאָ, טאַקע אמת, דאָרט האָב איך שוין קיין דאגה נישט. מען באַדאַרף דאָך אָבער לעת־עתה ביז דאָרט האָבן עפּעס געלט פּראָסט אויף צו עסן?

— וואָס הייסט, בנימין, אויף צו עסן? דו האָסט דען בדעה מיט־פירן מיט זיך אַ קיך? צוואָס? נישטאָ דען אויפן וועג קיין קרעטשמעס, קיין הייזער?

— איך פאַרשטיי דיך, סענדערל, נישט, וואָס דו מיינסט, — האָט בנימין פאַרוווּנדערט זיך אָפּגערופן.

— איך מיין, — האָט סענדערל געענטפערט בתמימות, — אַבי ס'איז דאָ נאָר הייזער, קאָן מען אין איין וועג טאַקע גיין איבער די היי־זער. וואָס טוען דען אַלע אַנדערע יידן? הייבט גייען אַ טייל צו יענע אין די הייזער, דערנאָך גייען יענע פון זייער זייט צו אַנדערע אין די הייזער. ס'איז דאָך אַ יידישע זאַך, נאָר אַ גמילות־חסד...

— דו ביסט כ'לעבן, גערעכט! — האָט בנימין אַ זאָג געטאָן בשמחה. — איצנד איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. אויב אַזוי, בין איך, ברוך־השם, אינגאַנצן פאַרטיק און פאַרזאָרגט מיט אַלצדינג. נאָך מאָרגן טאַקע, גאַנץ פרי, אַז דער עולם וועט נאָך שלאָפן, קאָנען מיר אַוועקגיין. פאַרלירן צייט איז, כ'לעבן, אַן עבירה, דו ביסט מוסכם?

— דו ווילסט מאָרגן, זאָל זיין מאָרגן, וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב?

— מאָרגן גאַנץ פרי, הערסטו, סענדערל, וועל איך שטילערהייט אַרויסגיין פון דער היים. נעבן דער פוסטער ווינטמיל דאָרט וועל איך אויף דיר וואַרטן. געדענק זשע, סענדערל, מאָרגן גאַנץ פרי זאָלסטו אַהין אַרויסקומען. געדענק זשע, — האָט בנימין נאָכאַמאָל איבערגעחזרט און שוין געוואָלט אַוועקגיין.

— וואַרט נאָר, בנימין, וואַרט אַ ביסל! — האָט סענדערל געזאָגט, זיך געבאָברעט איבער דער בוזעם־קעשענע פונעם לייבל און אַרויסדערר־טאַפּט פון דאָרט עפּעס אין אַלט פאַרשוויצט שטיקל יערכע, אַרומגע־

וויקלט מיט בענדלער עטלעכע מאָל הין און צוריק און פארקניפּט אוודאי מיט א צוואַנציק קניפּלעך. — זעסטו, בנימין, אָט דאָס קניפּל האָב איך אוספּייעט אָנזאַמלען אונטער מיין ווייב פאר דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב פאר איר חתונה געהאט. עס וועט אונדז אין דער התחלה צו־נויץ קומען, הא?

— אצינד, סערדצע, ביסטו ווערט, מען זאָל דיר אויסקושן איטלעכס אבר, איטלעכס גליד באזונדער, — האָט בנימין געזאָגט הויך, לעבעדיק ארומגעכאפּט סענדערל די יידענע.

— אָ, פארכאפּט זאָלסטו ווערן! קוקט נאָר אָן, איך בעט אייך, דאָס גרויסע ליבשאפט, ווי מען נעמט זיך אזוי ארום, און דאָ אין שטוב שטייט א ציג און עסט די קאַרטאָפּליעס! ווערעם זאָלן עסן דיין לייב, — האָט זיך פּלוצעם געהערט א געשריי.

דאָס געשריי איז געווען פון סענדערלס פּלוניתטע. זי איז געשטאַנען אָנגעצונדן אין א פייער, מיט איין האַנט געוויזן אויף דער ציג און מיט דער אנדערער גערופן צו זיך סענדערלען. סענדערל האָט מיט אן אראָפּ־געלאָזטן קאָפּ זיך געלאָזט פּאמעלעך־פּאמעלעך אריינגיין אין שטוב, גלייך ווי א פארזינדיקט קינד, וואָס מען וויל אים מקיים־פּסק זיין.

— שטארק זיך, נשמה מיינע, דאָס איז איר שוין דאָס לעצטע מאָל, געדענק זשע — מאָרגן... — האָט בנימין שטילערהייט איינגערוימט סענ־דערלען אין אויער און ווי א קעצעלע זיך ארויסגערוקט פון שטוב.

דאָס פערטע קאפּיטל

ווי בנימין מיט סענדערלען פארלאָזן טונעיאַדעווקע

אויף מאָרגן גאַנץ פרי, איידער דער פּאסטוך האָט נאָך פארנומען די בהמות אין דער טשערעדע אריין, איז אונדזער בנימין שוין געשטאַנען גרייט נעבן דער ווינטמיל מיט א פּעקל אונטערן אָרעם. אינעווייניק אין דעם פּעקל זענען געלעגן אלע זאכן, וואָס זענען נייטיק געווען צו דער נסיעה, היינו: טלית־און־תפילין, א סידור „דרך החיים", א „חוקל", א תהילים און יענע אלע ספרים, אָן וועלכע ער האָט זיך נישט געקאָנט רירן, אזוי ווי א באלמעלאָכע אָן זיין געצייג. די שבתדיקע קאפּאָטע זיינע איז אויך דאָרט געלעגן, — מען מוז דאָך פאר דער וועלט א פּנים האָבן און יוצא זיין פאר לייט. אין קעשענע האָט ער געהאט א פּופּצנטהאלבן

גראָשן, וואָס ער האָט פאַרן אַוועקגאַנג אַרויסבאַקומען ביי זיין פּלוניתטע אונטער דעם קישן.

הכלל, ער איז געווען, ברוך־השם, פאַרזאָרגט מיט אַלצדינג און האָט שוין געקאָנט זיך לאָזן אין וועג אַריין.

די זון איז דערוויילן אויפגעגאַנגען זייער שיין און האָט אַראָפּגעקוקט מיט איר ליכטיקן פּנים אויף דער וועלט. איין קוק אירער האָט צוגעגעבן אַ שטיק געזונט, מחיה געווען איטלעכע זאַך באַזונדער. ביימער און גראָז האָבן עפּעס ווי זיך געשמייכלט איידער די גרויסע טרערן טוי פון ביי־נאַכט זענען זיי נאָך נישט אויסגעטריקנט, אַקוראַט ווי קליינע קינדער צעלאַכן זיך פּלוצעם פריילעך אינמיטן געוויין פון אַ בלישטשענדיק צאַצ־קעלע, בשעת טרערן ווי די באָב שטייען זיי נאָך אין די אויגן. די פעלד־פייגעלעך האָבן געשווינד זיך געטראָגן אין דער לופט, געשפּילט און גע־זונגען אַרום בנימינען, גלייך ווי זיי וואָלטן געזאָגט:

— קומט, לאָמיר זינגען אַ שאַלן און דערפרייען דעם פיינעם פאַר־שוין געבן דער ווינטמיל, דאָס איז בנימין אַליין, דאָס איז בנימין דער טונעיאַדעווקער, דער אַלעקסאַנדער מוקדון פון זיין צייט, וואָס ער פאַר־לאָזט זיין פאָטערלאַנד, וואַרפט אַוועק ווייב און קינדער און גייט אין שלי־חות, וווהין די אויגן טראָגן! אָט שטייט דער גרויסער בנימין, וואָס ער איז ווי די זון אַרוים פון זיין געצעלט און פרייט זיך ווי אַ גיבור צו לויפן אין וועג מיט זיין פּעקל אין דער האַנט! ער איז שטאַרק ווי אַ לעמפּערט און גרינג ווי אַן אָדלער צו טאָן דעם רצון פון אונדזער פאָטער אין הימל! זינגט, שפּילט: טרילילילי, טרריל, טריל! שאַלט, זינגט און דערפרייט זיין האַרץ!...

בנימינען איז טאַקע באמת פריילעך געווען אויפן האַרץ. ער האָט ביי זיך געטראַכט: „איך בין דאָך דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט, וואָס פעלט מיר אָן עין־הרע? וואָס גייט מיך אָפּ? מיין ווייב האָב איך, געלויבט איז השם־יתברך, פאַרזאָרגט. זי האָט אַ שטיקל פּרנסה. איך אַליין בין אַ פרייער פויגל, גלייך ווי די פעלד־פייגעלעך דאָ. די גאַנצע וועלט איז פאַר מיר אָפן. מיט מיין געניטשאַפט, מיט מיין באַהאַרצט־קייט און מיט מיין שטיקל ידיעה אין די שבע־חכמות וועט אַזאַ ייד ווי איך נישט פאַרפאַלן ווערן. הייגט דערביי בין איך דאָך עפּעס אַ ייד, אַ שטיקל בעל־בטחון. אַוועקגעלייגט שוין אַלע מעלות אין דער זייט, לעבן דאָך יידן אָפּ אַ וועלט מיט בטחון אַליין און גאָט פירט זיי אויס.

בנימינען איז עפּעס זייער גוט געווען אויפן האַרץ אַזוי, אַז די לעפצן זיינע האָבן זיך געעפנט און ער האָט בנעימותדיק אויפן ביי־קול אונטער־

געזונגען א מאַרש פונעם מלך=עליון. זיין מאַרש האָט זיך פאַרמישט מיט דעם געזאַנג פון די פייגעלעך, מיט דעם זוזשען פון די פליגן, מיט דעם שמועצערן פון די גרילן און האָבן אין א קאָנצערט זיך דערהויבן ביז צום כסא=הכבוד פון זיין ליבן נאָמען הויך אויף דעם זיבעטן הימל!

דערווייל איז אוועק א היפשע צייט און סענדרעל איז נאָך נישטאָ. דאָס האָט אָנגעהויבן בנימינען א ביסל צו אַרן און האָט צעשטערט זיין שמחה. ער האָט געקוקט אין אַלע זייטן, זיך ארויסגענומען די אויגן קוקנדיק. נאָר אומזיסט די מי. מען הערט נישט, מען זעט נישט. נישטאָ סענדערל!

האָט אים אפשר די רשעטע זיינע מכבד געווען מיט עפּעס א מלאכה? נאָר דערצו איז נאָך אָבער איצט נישט די צייט, גאַנץ טונעיאַדעווקע שלאָפט נאָך אַצינד געשמאַק. קאַרטאָפליעס הייבט מען אָן צו שיילן העט שפּעטער, יידענעס נעמען זיך צום וואַרמעס ערשט נאָכן אָפּקריגן און אָפּשילטן זיך מיט די מאַנען, ערשט דערנאָך ווען מען שמייסט שוין אָפּ קינדער און מען הענגט ארויס טריקענען די בעבעכעס...

אונדזער בנימין האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן און אים איז געוואָרן נישט פרייליך, שטאַרק נישט פרייליך. אומקערן זיך אהיים? פע, דאָס איז מיאוס! אלעקסאנדער מוקדון האָט צעבראָכן די בריק, איבער וועלכער ער איז אריבער קיין הינדיא, בכדי ער זאָל נישט קאָנען צוריקגיין. לאָזן זשע זיך אליין אָן סענדערלען? ניין, דאָס איז פריקרע, זייער פריקרע! סענדערל איז אים געווען שטאַרק נייטיק, זינט ער האָט מיט אים זיך סקאָמפּאַנייעט, איז אים עפּעס ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. אָן סענדערלען זיך אוועקצולאָזן וואָלט אויסגעקומען עפּעס משונה ווילד, עס וואָלט נאָר א פּנים געהאַט ווי א שיף אָן א רודער, אָדער ווי א מלוכה אָן א מיניסטער.

פלוצעם האָט זיך געלאָזט זען פונדערווייטנס עפּעס ווי א מענטשן געשטאַלט. דאַכט זיך סענדערל און פאָרט נישט סענדערל, דאַכט זיך נאָר איינע אין א ציצן=קליידל און מיט א טיכל אויפן קאָפּ.

בנימינען האָט א טיאָכקע געגעבן דאָס האַרץ און ער איז געוואָרן טויט, בלייך ווי די וואַנט. אים האָט זיך געדאַכט, אז דאָס גייט זיין ווייב. ניין, זי גייט נישט, זי לויפט, זי יאָגט, אָט קומט זי צו לויפן, כאַפּט זיך אויף אים ארויף מיט גרויס כעס, לאָזט צו אים אויס איר שווער ביטער האַרץ און שלעפּט אים אהיים מיט א יאָמער, א קלאָג.

„איין גאָט נאָר ווייסט“ — אזוי דערציילט בנימין אליין, — „ווי איך בין דענסטמאָל געשטאַנען אין איינע צרות, אין געהאַקטע וווּנדן,

הונדערט פּיפּערנאָטערן וואָלט מיר דענסטמאָל ליבער געווען צו באַ־
געגענען, ווי מיין ווייב: וואָרעם א פּיפּערנאָטער בייסט נאָר דאָס לייב,
דעם גוף, און א ווייב בשעת כעס גריזעט און בייסט די נשמה. השם־
יתברך אָבער האָט מיך געשטארקט, איך בין באלד טאַקע באהארצט
אנטלאָפן, זיך פארבאָרגן הינטער דער ווינטמיל און געלוגט דאָרט ווי
א לייב לוגט אויף זיין פארציקונג".

אין עטלעכע מינוט ארום איז בנימין ארויסגעשפּרונגען פון זיין פאר־
באָרגעניש מיט א שרעקלעכן שפּרונג און מיט א געשריי, ווי א ריינער
משוגענער:

— הא, סענדערל!

סענדערל איז געגאנגען אָנגעטאָן אין א ציצן כאלאט. אונטערגע־
בונדן ביידע באקן מיט א פארשמאָלצן טיכל, אונטער ביידע אויגן בלוי,
צעגראבלט, א שטעקן אין דער האנט און אויף די פּלייצעס א היפּש פּעקל.

ער האָט אין בנימינס אויגן געהאט דענסטמאָל דעם זיבעטן חן, ווי
א שיינע אויסגעפּוצטע כלה אין די אויגן פונעם חתן.

בנימין שילדערט זיין שמחה דענסטמאָל מיט די ווערטער: „ווי א
אינד, וואָס גלוסט אויף קוואלן וואסער, ווי א דאָרשטיקער אין דער
מדבר, וואָס געפינט לעבעדיקע, קוועלנדיקע וואסער, וואָס רינט אראָפּ
שפּיץ סקאלע, אזוי האָט מיין גלוסטיק לייב זיך געטון טאָן דערפרייען
אויף סענדערלען, מיין באשערטן, מיין געטרייען געזעלן."

— וואָס איז די מעשה, סענדערל? וואָס האָסטו געלאָזט אויף זיך
אזוי לאנג ווארטן?

— ס'טייטש, איך בין דאָך געגאנגען צו דיר אהיים, — האָט סענ־
דערל בתמימות געענטפערט. — ביזוואנען איך בין דערגאנגען און ביז־
וואנען איך האָב אויפגעוועקט דיין זעלדען, איז דערווייל אוועק א היפּ־
שע צייט.

— אויפגעוועקט זעלדען! — האָט בנימין א געשריי געגעבן משונה־
ווילד נישט מיט זיין קול. — סענדערל, למאי, משוגענער, האָסטו אזוינס
געטאָן?

— וואָס טייטש למאַי?! — האָט סענדערל פארוואונדערט זיך אָנגע־
רופן. — למאַי, אז איך האָב דיר פריער אָנגעקלאפּט אין דער ספּיזשאר־
ניע און דו האָסט זיך נישט אָנגערופן, האָב איך מיך גענומען קלאפּן
אין דער שטוב־טיר: סטוק, סטוק, סטוק. נו איז זעלדע, נישט־פון נישט־
לעבעדיק, אויפגעשטאנען, און איך האָב זי געפרעגט מכוח דיר.

— סענדערל, מיר זענען פארביי! דו האָסט פארקאָכט א גוטע קאַשע. ס'טייטש, זעלדע וועט נאָכלויפן, זעלדע, און וועט...

— אי, שרעק זיך נישט, בנימין! זי האָט מיך אָפּגעשיקט צו אלדי שווארצע יאָר מיט אזא כעס, גלייך ווי איך וואָלט איר געקוילעט די קאַפּאָטע. „גיי מיט מיינעם אינגייגעם, אין דער עהר אריין ביידע!" האָט זי געזאָגט און צוגעמאַכט די טיר. איך בין אַ היפּשע צייט געבליבן שטיין אינדרויסן ווי צעמישט. דערנאָך ערשט האָב איך מיך דערמאָנט אָן דער ווינטמיל און זיך געשטויסן, דו מוזסט שוין, אפּנים, זיין דאָ, און דעריבער טאַקע האָט, אפּנים, דיינע געזאָגט: „גיי מיט מיינעם אינגייגעם, אין דער ערד אריין ביידע!" זי האָט, אפּנים, מוז געדרונגען זיין, געזען, ווי דו ביסט אוועקגעגאַנגען.

— וואָס, וואָס, סענדערל! זי האָט געזען? אפשר גייט זי, גייט זי אפשר?

— חלילה, בנימין! זי האָט נאָר פארקייטלט די טיר. אז איך האָב פארן אוועקגיין ווידער אָנגעקלאַפּט און געפרעגט: זעלדע, זעלדע, וואָס זאָגסטו עפּעס אָן צו דיין מאַן, זעלדע? אָדער האָסטו אפשר, א קשיא אויף אַ מעשה, וואָס אים מיטצוגעבן, זעלדע? האָט זי נישט געענטפערט קיין גוט וואָרט. אפּנים, זי האָט זייער א הארטן שלאָף, און שלאָפט געשמאַק אָן עין־הרע. נו האָב איך געזאָגט: זעלדע, דו שלאָפסט, שלאָף־זשע, שלאָף געזונטערהייט! זיי מיר געזונט, זעלדע! האָב איך געזאָגט און בין מיר אוועקגעגאַנגען.

סענדערלס לעצטע ווערטער האָבן אזוי ווי טראָפּנס אָפּגעמינטערט בנימינען. ער האָט אָנגעהויבן פריי צו אָטעמען און געסאָפּעט גלייך ווי א שטיין איז אים פון הארצן אראָפּ. דאָס פּנים האָט אים געשיינט און זיינע אויגן האָבן געפלאַקערט פאר גרויס פרייד.

— אצינד, סענדערל! — האָט ער עפּעס ווילד א קווויטש געגעבן

— אצינד מיט דעם רעכטן פוס!

אין דער צייט האָט פון א לוזשע אין דער זייט זיך ארויסגעלאָזט א קול פון זשאבעס, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געזעגנט מיט אונדזערע פארשווינען און זיי צוגעקוואַקעט א מארש. טוגעיאַדעווקער זשאבעס שרייען משונה שטארק אין זייערע פארשימלטע בלאָטעס, זיי זענען באַרימט אין דער וועלט גלייך מיט דניעפּראָוויעצער וואנצן און טאראקאנעס...

וואָס מיט אונדזערע פאַרשווינען פּאַסירט זיך באַלד ביים ערשטן אַרויספאָר.

אונדזערע פאַרשווינען האָבן זיך אַ לאָז געטאָן ראַפּטעם און גע־גאנגען געשמאַק, גיך, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעריסן פון אַ קייט אָדער גלייך ווי איינער וואָלט זיי פון הינטן געטריבן מיט אַ בייטש. מיט זייערע ברייטע פּאָלעס, וואָס האָבן געשוועבט אויפן ווינט, האָבן זיי זיך געמעגט גלייכן צו אַ שיף, וואָס גייט געשווינד אויף אירע אויסגעשפּרייטע זעגלען. די קאָנדוקטאָרס פון געוויסע דיליזשאנסן אין אונדזער ווינקל וואָלטן זיך, כ'לעבן, געמעגט ווינטשן: הלוואי דער גאַנג פון אונדזערע וואנדערער אויף זייערע פערד געזאָגט געוואָרן! סאָראָקעס און וואָראָנעס, וואָס האָבן אַרומגעשפּאַצירט אויף דער ערד, האָבן מיט דרינ־אַרץ אָפּגע־טראָטן דעם וועג און זענען שרייענדיק צעפלויגן אין אלע זייטן מחמת גרויס פּחד פאַר די צווייפיסיקע מיני באַשעפענישן, וואָס האָבן זיך גע־יאָגט מיט גרויס חשק און התלהבות.

קיין פּעם איז נישט ביכולת צו באַשרייבן, ווי גליקלעך, איבערגליק־לעך זיי זענען דענסטמאָל געווען. עס האָט זיי עפּעס משונה הנאה גע־טאָן און זענען געווען שטאַרק צופרידן — צופרידן פון זיך אליין, צו־פרידן פון דער גאַנצער וועלט.

סענדערל, ווי עס האָט אויסגעזעזן,איז זייער פריילעך געווען, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון זיין ווייבס הענט און איז פּטור געוואָרן אַזאַ שווערן, ביטערן גלות. נעכטיקער טאָג באַזונדערס איז פאַר אים, נעבעך, געווען זייער אַ שווערער, אַ ביטערער, אַ טאָג פון צרות און יסורים, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ סליעד פון סיניאַקעס אויף זיין לייב, וואָס האָט מיט שטורעם אויסגעוואָרצלט אַ סך האָר פון זיין בערדל און וואָס האָט גאַנץ פריי פאַר דער גאַנצער וועלט זיך געהתמעט מיט ברוין־בלויע צייכנס אונטער זיינע ביידע אויגן. נישט פאַר אייך, פאַנטאָפּל־מענער, געזאָגט געוואָרן אַזאַ וויסטן פינצטערן פּעטשאַטעק, וועלכן סענ־דערל, נעבעך, האָט נעכטן פרי געכאַפּט פון זיין בחורטע!

אַ היפּשע צייט זענען אונדזערע פאַרשווינען געלאָפן כמעט אָן אַ נשמה, שאַ, שטיל, נישט צו רעדן איינער מיט דעם אנדערן אַ וואָרט. זיי האָבן זיך שטאַרק דערוואַרעמט און גרויסע טראָפּנס שוויס האָבן זיי

אַרויסגעטראָטן אויפֿן פּנים. סענדערל האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז זיך אָפּצושטעלן און געסאָפּעט ווי א גאנדז.

— גיכער, גיכער, סענדערל! — האָט בנימין אים אַלץ אונטערגעגעבן קוראַזש און איז געלאָפֿן מיט אימפּעט פֿאָרויס, ווי אַ גיבור, וואָס גורט אָן זיינע לענדן און לויפֿט מיט פֿייל־און־בויגן אין דער מלחמה.

— געוואלד, בנימין, האָב רחמנות אויף מיין נשמה! — האָט סענדערל געבעטן רחמים. — איך האָב מער קיין כּוח נישט דיר נאָכצולויפֿן. דו לויפֿסט, אָן עין־הרע, ווי א הירש אויף די בערג און ווי א צאַפּ פֿאַר דער טשערעדע.

— גיכער., גיכער, סענדערל! — האָט בנימין אים אַלץ געשריגן און געלאָפֿן פֿאָרויס מיט גדלות אויף זיין בריהשקייט. — זעסטו, סענדערל, איך וואָלט אזוי געלאָפֿן, געלאָפֿן ביז עק וועלט.

— נאָר צוּוואָס, בנימין, איך בעט דיך, לויפֿסטו אזוי? — האָט סענדערל געפֿרעגט. — מיר ווילן, כ׳לעבן, גאָרנישט פֿאַרזאַמען. אז מיר וועלן אָנקומען אהין שפּעטער מיט א טאָג אָדער אפילו מיט עטלעכע טעג איז אויך, כ׳לעבן, קיין סכּנה נישט. די וועלט וועט נאָך אזוי גיך נישט אונטערגיין. זי האָט גאָר צו שטיין, כּפי איך האָב געהאָרכט, ביז דעם אלף השביעי, שטאַרקע עטלעכע הונדערט יאָר.

— גיכער, סענדערל, גיכער, אַן עבירה די צייט! וואָס גיכער ארויסרייסן זיך פֿונדאַנען, איז אַלץ בעסער. האָרעווע, סענדערל, קנעל אביסל צו, נישקשה. דערפֿאַר קומענדיק אהין, וועסטו אויסגלייכן דיר די ביינער, וועסט אָטעמען און לעבן ווי א שׂררה.

— דו ביסט, בנימין, זייער גערעכט. דו ווילסט גיכער? וואָס פֿאַר א דאגה איך האָב, זאָל זיין גיכער, ביי מיר האָסטו געפּועלט, נאָר וואָס טוט מען מיט די פֿיס, מיט מיינע פֿיס?

אין ברירה. בנימין האָט געמוזט צוליב טאָן סענדערלען און איינהאלטן א ביסל דעם גאנג.

אז די זון איז ארויס פֿון איר פֿוטערפֿאַס און האָט געשמאַק געוואַרעמט, געבראָטן מיט אירע ליכטיקע שטראַלן, זענען אונדזערע וואַנדערער אַנידערגעפֿאַלן לעבן א וועלדעלע ביי דער זייט פֿונעם וועג. זיי זענען געלעגן אין איין שווייס און האָבן שטאַרק געסאָפּעט, געמאַכט מיט די זייטן. די פֿרישע סיניאַקעס האָבן ביי סענדערלען זיך צעפּריעט און ער האָט געפֿילט א ווייטעק, ווי מען שטעכט מיט שפּילקעס.

נאָכדעם, אז זיי האָבן אביסל אָפּגערוט, איז די ערשטע זאַך זייערע געווען ארויסצונעמען טלית־און־תּפֿילין און דאַווענען. בנימין האָט זיך

צעשאָקלט, געדראוונט לעבעדיק, מיט א ברען. ער איז ווערט געווען דער־נאָך א ביסל בראָנפן, נאָר ווי האָט ער עס אָבער געקאָנט דאָ אויספירן? ער וואָלט גערן געווען, ער זאָל האָבן כאָטש א שטיקל ברויט. דאָס הארץ האָט אים געחלשט, דער אַפּעטיט זייגער איז געווען זייער גרויס נאָך אזא געשמאקן גאנג, ער וואָלט געקאָנט אויפעסן א וועלט און דאָ האָט ביי אים, מעשה־שטן, זיך נישט געפונען אפילו א ברעקל ברויט, ווי א כזית. ער האָט געוואָרפן מיט די אויגן אהין און אהער, אויסגעקנאקט די פינגער, גענענעצט, זיך געקראצט, פּאָסמאקעוועט, געמאכט אלץ טא, טא, געגלעט, געצויגן די פאות, דאָס בערדל, נאָך א מאָל א קראַץ און נאָך א מאָל טא, ביז ער האָט זיך מיישב געווען און ארויסדערטאפּט פונעם קלומעקל עפּעס א פערטלדיקן ספר, ווי א מחזורל, אין וועלכן ער האָט ארייננעקוקט און אונטערגעברומט מיט אן אקדמות־ניגונדל.

— סענדערל! — האָט בנימין אינדערמיט מפסיק געווען. — דו ווייסט, וואָס איך זאָג דאָ איצט אזוינס? דו ווייסט, פארוואָס איך זאָג עס איצט מיט דעם ניגונדל?

— דו מוזט אוודאי הונגעריק זיין, — האָט סענדערל געענטפערט בתמימות.

— גראם־שטראם, — האָט בנימין זיך אָנגערופן, — און אז איך בין הונגעריק, מילא?!

— מילא, מילא, דעריבער זינגסטו, — האָט סענדערל געענטפערט.

— ס'איז דאָך דאָ א בפירוש ווערטל: קאָלי זשיד ספּיוואיע, קאָלי ווין גאָלאָדני. דו, בנימין, מעגסט דיר זינגען, זינג דיר זינג, און איך וועל מיר דערווייל עפּעס אנדערש טאָן.

אינדעם ווי סענדערל האָט גערעדט, האָט ער טאקע אריינ־געשטעקט די האנט זיינע צו זיך אין פּעקל און ארויסבאקומען פון דאָרט א טאָרבע.

— עט, דו ווייסט נישט, דו פארשטייסט נישט, אקעגן וואָס איך טו עס, — האָט בנימין געזאָגט. — סענדערל, נארעלע, איך וועל דיר מפורש זיין דעם טעם דערפון.

נאָר סענדערל אָבער האָט דערווייל זיך זיינס געטאָן און פּאמעלער־פּאמעלעך אויפגעבונדן די טאָרבע. אז בנימין האָט א קוק געטאָן, איז אים ליכטיק געוואָרן אין אלע רמ״ח אברים. אין טאָרבע איז געלעגן פון כל־טוב: ברויט, שטיקלעך קוילעטש, וואָס איז איבערגעבליבן פון שבת, אוגערקעס, רעטעכלעך, ציבעלעס און קנאָבל! סענדערל האָט איינזינעו געהאט אלצדינג אנצוגרייטן ווי א גוטע באלעבאָסטע, און ער איז ביי

בנימינען דערפאר געהויכט, געקרוינט געוואָרן נאָך א סך מער ווי פריער. בנימין האָט אין הארץ זיך שטארק געפרייט, וואָס השם=יתברך האָט אים באשערט אזא טייערן חבר אויף דער גסיעה. סענדערלען האָט מיר גאָט צוגעשיקט, אזוי האָט ער געטראכט, ווי די קינדער ישראל מן אין דער מדבר.

נאָכדעם, אַז זיי האָבן אונטערגעהאַלטן זייער האַרץ, האָט סענדערל איינגעוויקלט דאָס ביסל שפּייז, וואָס איז איבערגעבליבן, צוריק אין טאָרבעלע, מיט די ווערטער:

— דאָס ביסל שפּייז וועט אונדז צונוץ קומען נאָך אויף א מאָל און דאָס טאָרבעלע אויף טויזנט מאָל, אויף אונדזער גאנץ לעבן. דערמיט וועלן מיר, אם=ירצה=השם, איבער די הייזער ארומגיין. נישקשה, גאָט ברוך=הוא וועט אונדז העלפן.

דאָס וואונדערלעכע טישטעכל אין די מעשה=ביכלעך, וואָס מען זאָגט: טישטעכל, טישטעכל, גיב מיר עסן! גיב מיר דאָס, גיב מיר יענץ! און דאָס טישטעכל גיט, — אָט דאָס דאָזיקע חידושים=וואונדערלעכע טישטעכל איז ביי אונדז יידן די טאָרבע. פיל נפשות, זייער פיל, שפּייזן זיך חידושלעך גרינג זייער גאנץ לעבן נאָר פון דער טאָרבע און לאָזן זי איבער בירושה קינדם=קינדער. די טאָרבע איז אין תוך אריין אלץ איינע, נאָר ביי פארשיידענע קלאסן מענטשן באקומט זי אַן אנדער מין פאָרמע און אַן אנדער מין נאָמען. ביים פּראָסטן עולם איז זי פשוט א טאָרבע, א פּראָסטע לייוונטענע טאָרבע, ביים געהויבענעם עולם אָבער נעמט זי אָן אַלערליי מיני געשטאַלטן, ווי אַשטייגער: אַ קעסטעלע, אַ קאַראָבקעלע, א כלי=קודשל, א חברהלע, א פושקעלע, א קהלש בייטעלע, א גמילות=חסד=באנקעלע, א מחבריש פלוידערזעקעלע וכדומה. די אלע זענען באמת טאקע נאָר טאָרבעס, טאָרבעס, עכטע יידישע טאָרבעס!...

— סענדערל! — האָט בנימין זיך אָנגערופן, געשטארקט פון סענדערלס ווערטער. — מיר ביידע זענען א זיווג מן השמים, מיר ביידע זענען ווי א גוף מיט דער נשמה. ווען דו זאָרגסט אין גשמיות, מכוח עסן און טרינקען אויף אונדזער נסיעה, אקעגן זשע זאָרג איך אין רוחניות=זאכן. נאָך א מאָל פרעג איך דיך, סענדערל, דו ווייסט, פארוואָס איך זאָג אקדמות? איך האָב דערמיט א גרויסן כיוון. איך זאָרג מיך איצט, אַז השם=יתברך וועט אונדז בשלום ברענגען אהין, צו די בני=משה, זאָלן מיר קאָנען א מויל עפענען און מיט זיי זיך אויסטענהן. זיי רעדן עפּעס האלב=תרגום, צומיינסטן רעדן זיי דאָרט אקדמות=לשון. אלדד הדני, וואָס איז פון יענעם ווינקל צו אונדז געקומען, ער האָט דאָך, לויט ווי מיין

מיינונג, דאָס דעם אקדמות געמאכט. ושריות שותא, סענדערל, איז דער טייטש: איך הייב אָן צו שפרעכן. געדענק זשע, סענדערל! דאָ, אין חוץ־לארץ, קאָן מען זיך באגיין מיט אונדזער לשון, מיט דייטש, אָבער דאָרט, דאָרט מוזן זיי קיין דייטש אוודאי נישט קענען.

— איך פארלאָז מיך אין די זאכן אינגאנצן אויף דיר, — האָט סענדערל געזאָגט בהכנעה, — דו ביסט א געלערנטער מענטש און קוקסט אריין אין דיינע ספרים, מסתמא ווייסטו וואָס דו טוסט, וווהין דו גייסט. א סימן, איך האָב דיך אפילו נישט איבערגעפרעגט, צי גייען מיר מיט דעם גליכן וועג. דו גייסט, וואָס פאר א דאגה האָב איך, גיי, איך גיי דיר נאָך ווי א קו נאָך א קעלבל.

בנימינען האָט משונה הנאה געטאָן סענדערלס גרויסער בטחון אויף זיין חכמה. ער האָט ביי זיך אין די אויגן אויסגעזען ווי א שיפסקאפּיטאַן, וואָס ער אליין פירט די שיף אויפן ים. דאָס פונדעסטוועגן האָט אים נישט אָפּגעהאלטן זיך באלד טאקע צו באטראכטן, אז ער ווייסט באמת נישט, ווו ער געפינט זיך, מעגלעך אפשר בלאָנדזשעט ער און איז גאָר אראָפּ פונעם וועג.

דערווייל ווי ער האָט געטראכט, האָט גאָט אָנגעטראָגן א פּויער, וואָס ער איז געפאָרן פארביי אויף א פולן, אָנגעטאָסעוועטן וואָגן מיט היי.

— סענדערל, — האָט בנימין געזאָגט. — עס שאדט כלל נישט א פרעג צו געבן דעם ערל מכוח דעם וועג. גיי אויף טשיקאַוועשטש גיב א פרעג. דאָ אין חוץ־לארץ וועסטו בעסער פון מיר זיך קאָנען אויסטענהן מיט די פּויערים אויף זייער גראָבן לשון. דיין פּלוניתטע פּלעגט דאָך עפּטערס דיך מיטנעמען מיט זיך אויפן מארק.

סענדערל האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, צוגעגאנגען מיט גרויס דרך־ארץ צום פּויער און געזאָגט כהאי־לישנא:

— דאָברי דיען! קאזשי נאָ, טשעלאָוויטשע, קודי דאָראָגי אויף ארץ ישראל![1]

— שטשאָ?! — האָט דער פּויער פארוואונדערט געמאכט און אויסגעשטעלט א פּאָר אויגן. — יאקי סרול? ני באטשיל יא סרוליא![2]

— ני, ני! — האָט בנימין זיך נישט געקאָנט איינהאלטן און זיך ארייננגעמישט פונדערווייטן. — עטאָ ווי סרול, א ווין, להבדיל, ארץ־ישי־

---

[1] גוט מאָרגן! זאָג נאָר, מענטש, ווו איז דער וועג קיין ארץ־ישראל?
[2] וואָס?! — וואָסער סרול? כ'האָב נישט געזען קיין סרול!

דאָל קאַזאַטע ווין.[1] סענדערל, זאָג אים נאָך אַמאָל בפירוש אַרויס. ער האָט אַ פֿויעריש קעפּעלע. שאַרפֿער, שאַרפֿער, סענדערל!

— אויף ארררץ-ישראל קודי דראַגי? — האָט סענדערל נאָך אַמאָל איבערגעחזרט.

— אַ פּיעס וואָס זשידקי זנאַיעט, שטשאָ ווי מאַראַטשעטע מעגי גאַלאָווי! עטאָ דאָראָגי דאָ פּיעווקי, אַ וויגי עלעססלאַאַל! עלעססלאַאַל![2] — האָט דער פּויער זיך נאָכגעקרימט, אַ שפּיי געטאָן און אַוועקגעפֿאָרן ווייטער.

אונדזערע פֿאַרשוינען האָבן זיך געלאָזט ווייטער אין וועג.

בנימין האָט געפֿילט אַ ווייטעק אין די ליטקעס, די פֿיס זענען אים געווען, לא עליכם, ווי אָפּגעשניטן. דאָך האָט ער, נעבעך, זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, זיך געמאַכט הארץ, אַליץ אונטערגעגעבן קוראַזש. און מחמת אים איז, נישט פֿאַר קיין יידן געדאַכט, זייער שווער געווען צו גיין גלייך און געשווינד, האָט ער געמוזט אַליץ אונטערשפּרינגען. אוודאי איז דאָס נישט געווען אַזאַ גאַנג ווי פֿריער. עס איז געווען געמוטשעט, נאָר פֿונדעסטוועגן האָט ער געטאָן זיינס און איז געגאַנגען, וואָרעם די קשיא איז דאָך, וואָס האָט ער דען געקאָנט מאַכן? אנידערלייגן זיך, שונא-ציון, אויפֿן וועג? מילא, וואָס וואָלט דערפֿון דער תּכלית געווען? הייגט ווי ליגט זיך עס אַ ייד אין מיטן וועג גלאַט אנידער? ער וואָלט נאָר מצער געווען סענדערלען, און די נסיעה וואָלט, חלילה, אויפֿגעהאַלטן געוואָרן. הכלל, זיי זענען געגאַנגען, געגאַנגען אַזוי אַ גאַנצן טאָג, ביז גאָט האָט זיי בשלום געבראַכט קיין פּיעווקי אויף נאַכטלעגער.

אַריינקומענדיק אין פּיעווקער קרעטשמע, איז בנימינס ערשטע זאַך געווען, זיך אַ וואַרף צו טאָן ווי גרויס ער איז אין אַ ווינקעלע אויסצוציען די פֿיס און כאַפּן דעם אָטעם. סענדערל איז ווי אַן אַלטע באַלעבאָסטע געגאַנגען צו באַשעפֿטיקן זיך אין דער באַלעבאַטישקייט און שמועסן מכּוח וועטשערע.

דער אַרענדאַר האָט אָנגעקוקט סענדערלען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און האָט פֿון זיין גאַנצן הילוך אַרויסגעזען, אַז דאָס איז עפּעס נישט גלאַט אַזאַ פּאַרשוין ווי אַנדערע, וואָס פֿאָרן געוויינטלעך דורך. ער האָט אים אָפּ-

[1] בוין, בוין — דאָס איר — סרול, אָבער ער, להבדיל, ארץ-ישראל ער זאָגט.

[2] ווייסט איר, יידעלעך, דער הונט, וואָס איר דרייט מיר דעם קאָפּ! דאָס איז דער וועג קיין פּיעווקי, און זיי — עלעססלאַאַל, עלעססלאַאַל!

געשטעקט א שלום־עליכם, און אויף דער שאלה: מה שמכם? פונוואנען איז א ייד? האָט סענדערל געענטפערט בתמימות: ער הייסט סענדערל, ער איז אַ שטיקל ארץ־ישראל־ייד, ער איז משמש ביי רב בנימין, וואָס ליגט איצט מיט זיין כבוד דאָ אין א ווינקל. דער ארענדאר האָט געמאכט א פרום פנימל, זיך אביסל פארטראכט און געבעטן סענדערלען זיצן.

לאָמיר לאָזן די בת־מלכה, דאָס הייסט סענדערלען, שמועסן מיט דעם ארענדאר און זיך אומקערן צום בן־מלך, צו בנימינען, זען, וואָס ער מאכט, און וואָס ער טוט.

אונדזער בנימין, אז ער האָט זיך א וואָרף געטאָן אין ווינקל, איז געבליבן ליגן ווי א שטיין און נישט געוווסט, אויף וועלכן עולם ער איז. די אָדערן פון די פיס זענען געווען שטארק אָנגעקוואָלן, דאָס בלוט האָט אין זיי זיך צעשפילט, געזעצט און געטשיפעט, גלייך ווי מוראשקעס וואָלטן דאָרטן הויפנווייז ארומגעלאָפן און געביסן, געשטאָכן. די שלייפן האָבן געהאקט, געקלאפט ווי האמערס. אין די אויערן האָט פארדומפן גערוישט און דאָס רוישן פלעגט זיך אלץ אויסלאָזן צום סוף מיט א הילכעדיקן לאנגן קלונג, ווי א תקיעה־גדולה, אָדער מיט א שארפן שום, ווי בשעת מען לאָזט ראקעטן. ביי איטלעכן ארויספליענדיקן ראקעט פונעם קאָפּ האָט מיטאמאָל אים א בלישטשע געגעבן אין די אויגן טויזנטערליי פייערווערק: געלע, גרינע, בלויע, העלע, רויטע, פּאָמסענע, גאָר אי נאָך קאָלירן אָן אן עק, אָן א סוף. אין א מינוט ארום ווערן די פייערווערק אויסגעלאָשן, חושך־פינצטער ווערט אים אין די אויגן און אין די אויערן רוישט ווידער ווי אין א מיל.

ליגנדיק פארטראָגן אזוי א היפשע צייט, הערט בנימין א קול פון גלעקלעך קלינגען אינדרויסן פונדערווייטן, מיט איטלעכער מינוט קומט דאָס קול צו אלץ נענטער, נענטער, ווערט אלץ העלער אי שטארקער און פלוצעם גיט א סקריפּ ווי א וואָגן, אָפּשטעלנדיק זיך לעבן טויער. עס לאָזן זיך הערן ביזן הימל אריין מיני קולות, גלייך ווי א גאנץ שטעטל האָט דאָרט זיך פארקליבן אויף א וויכטיקער אסיפה: ביי־קולכלער, פיסטלער, געמבעס, הייזעריק, כאָרכלענדיק אי צוגעלייגטע שטימען, נישט צו וויסן וואָס און צו וואָס. קעץ וואָס פארזאמלען זיך אין זייער צייט אויף די דעכער, ווייסט מען, אז דאָס זענען קעץ און צוליב וואָס זיי האָבן זיך פארזאמלט, און וואָס זיי מיינען מיט זייער מיאקען, כאָטש דו קענסט נישט קיין קאַץ־לשון אָבער דאָ איז שווער צו זאָגן, וואָס שרייט מען און וואָס וויל מען, ווייל דרינען איז אויסגעמישט אי געלעכטער, אי געקרעכצעריי, געזופצעריי, אי א שושקעריי, אי א קוויטשעריי, אי א טאָן פון א

שייגעץ, אי דאָס זיסע חניפה־קולכל, אי א הוסטעריי, אי א גאַז־שנײ־צעריי, א געקלאַפּעריי און א געפּאטשעריי. היינט גיי פאַרשטיי, וואָס דאָס אַלץ איניינעם איז, וואָס דאָס באַטייט? באַלד דערויף עפנט זיך די טיר און א כאָפּטע מענטשן שיטן זיך אריין אין שטוב מיט אימפּעט.

בנימין רוקט זיך ווייטער, ווייטער אין ווינקל און ניורעט זיך שטאַרק איין.

דערווייל ווערט אין שטוב זייער ליכטיק פון א סך ליכט, וואָס ברע־נען אין שבתדיקע מעשענע לייכטער; א טייל זענען פאַרשטאָפּט מיט שנויצן און די ליכט שטייען אויף זיי צוגעשמאָלצן, נאָר אויף משקולת, א טייל זענען מיט צו גרויסע, ברייטע, נישט קיין טיפע לעכער און די ליכט שטייען אין זיי קרום אין דער זייט און פאַרשטעקט פון אונטן מיט א קויל.

ביים עק פון א לאַנגן דעמבענעם טיש זיצט א חברה קלעזמער און סטראָיען, שטעלן אָן זייערע כלים. דער פידלער פּאָרעט זיך מיט דער פידל, קיצלט זי מיט פינגער און איטלעכע סטרונע רופט זיך אָפּ זים, זים, זים אויף איר קול, גלייך ווי זיי רעדן: נישקשה, מעגסט אונדז קיצ־לען, פון אונדזערטוועגן זענען מיר פאַרטיק, אבי פון דיין סמיטשעק זאָל נאָר קיין מניעה נישט זיין. ער כאַפּט זיך צום סמיטשעק, גלעט אים און האַלט אים גרייט צום שפּיל. דער פלייטער שמועסט איבער שטיל מיט דער פלייט, זי פּייפט אים שטילערהייט אָן, און דער צימבלער לויפט זיך דורך איבער דעם צימבל און קלאַפּט זיך פּאַמעלעך מיט די העמערלעך. נאָר דער בלינדער פּויקער זיצט אָנגערוקט מיט דער קוטשמע איבער די אויגן און כאַפּט א דרעמל.

לעבן די קלעזמער שטייט אויף א בענקל עפּעס א מין פאַרשוין, וואָס קוים רעדט ער אויס א וואָרט, שטיקט מען זיך פאַר געלעכטער. אפילו קינדער, וואָס שטייען אָנגעשטאָפּט און קוקן אריין פון די פענצטער, לאַכן משוגה און קרימען זיך נאָך. דער פאַרשוין גיט דערנאָך א געשריי: הררי! לכבוד די מחותנים ולכבוד דעם באַלעבאָס ולכבוד כל המסובים בכאן, שפּילט אָפּ א לעבעדיקס, א פריילעכס! און די קלעזמער צעלאָזן זיך באַלד אויף די כלים, פריילעך, לעבעדיק, וויבער מיט מאַנסבילן נע־מען זיך צוגויף און טאַנצן א ראָד האָץ־האָץ.

אַלצדינג האָט זיך באַוועגט, אפילו וואַנצן און טאַראַקאַנעס זענען ארויס פון די שפּאַלטן און זיך צעקראָכן איבער די ווענט.

טאַנצנדיק פאַלט איינער ארויף אויף בנימינען אין ווינקל. דער מענ־צער קוקט אים אין פּנים אריין און לאָזט ארויס א געשריי:

— אַ, בנימין! איך האָב אים דערטאַפּט, כ'לעבן, די כשרע מציאה! ער איז דאָ, ער איז דאָ!

אויף דעם געשריי לויפן צו נאָך מענטשן. בנימין דערקענט צווישן זיי טונעיאַדעוועקער פּיינע־בריות און דעם אָרטיקן רבֿ.

איין קול, איין געשריי:

— בנימין, קום טאַנצן! בנימין, קום טאַנצן!

— איך קאָן, אסור, נישט, — בעט זיך בנימין רחמים. — איך קאָן זיך נישט רירן פונעם אָרט.

— נישקשה, נישקשה! — ענטפערט מען אים. — קום, זאָגט מען דיר, דו וועסט קענען, וואָס האָט מען דאָ צו קענען? אָדם א מענטש, קאַטשקע רוק זיך! ריר זיך, בהמה, מיר וועלן, נישקשה, דערציילן.

— זעלדעון! — גיט בנימין א געשריי אין איין אָטעם. — איך בעט אייך, דערציילט נישט זעלדען!

— ריר זשע זיך, בהמה! — שרייט מען אים. — ריר זיך, בהמה, שטעל זיך שוין אויף די פיס.

— דערבאַרעמט זיך, יידישע קינדער! — בעט זיך בנימין. — איך קאָן, כ'לעבן, זיך איצט נישט רירן. איך האָב אַ טעם, פאַר וואָס איך קאָן נישט. ס'איז אַ סוד, וואָס איך וועל אים מגלה זיין דעם רבֿ.

און ווי ער כאַפּט אַרום דעם רבֿ פעסט מיט ביידע הענט אייננצו־רוימען אים אין אויער אַ סוד, פילט ער פּלוצעם אַ שרעקלעכן זעץ אין דער זייט, אַזש ס'איז אים פאַרגאַנגען אין דער נאָז, ווי פון כריין. ער גיט זיך פאַר ווייטעק א וואָרף, רייבט די אויגן און זעט: אין שטוב איז גאָר טונקל, די לבנה שיינט אַריין פון די פענצטער, ער ליגט לעבן א קעלבל און האַלט עס אַרומגענומען שטייף מיט ביידע הענט.

וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס?! פונוואַנען נעמט זיך דאָ פּלוצעם א קעלבל? האָט זיך דען בנימין געקעלבט? נאָר ווי שיקט זיך עס? אָנגענומען די סברה, בנימין איז א בהמה, צען מאָל, הונדערט מאָל א בהמה, נאָר ער איז דאָך אָבער א צווייפיסיקע בהמה, און וווּ איז דאָס גע־הערט אַי געזען געוואָרן, אַז א צווייפיסיקע בהמה זאָל האָבן א קעלבל?! אמת, ביי אונדז איז דאָ א סך קעלבלעך און דאָס רוב דווקא אין לייטישע הייזער, אָבער דאָס זענען דאָך פאַרט נישט מער ווי קעלבלעך אין אַ מענטשנס געשטאַלט. זיי זענען נאָך דאָס רוב גראָד זייער שיין מיט א שיין פנימל און מיט חן־גריבעלעך, אָבער דאָס קעלבל, וועלכעס בנימין האַלדזט דאָ און נעמט עס שטאַרק אַרום, איז דאָך טאַקע פּשוט אן אמת קעלבל, היינט פונוואַנען, איז די קשיא, האָט זיך עס אהער גענומען?

א חידוש נפלא. נישט אנדערש, עס איז פונעם הימל אראָפּגעפאַלן!...

גיין, רבותי! גלייבט נישט אין הימלישע קעלבלעך. צווישן אלע אונ־דזערע קעלבער איז אפילו נישט איין קעלבל פונעם הימל אראָפּגעשיקט געוואָרן. עס איז גאָר נישט אזא חידוש נפלא, ווי איר מיינט. איר האָט זיך אויף דעם קעלבל גאָר נישט אזוי צו ווונדערן און פון אים אזא פירוש צו מאכן. פּראָסטע־אי־מאָסטע, גאָר אָן קונצן, די מעשה דערפון איז אזוי געשען:

אז בנימין איז נישט־טויט־נישט־לעבעדיק אנידערגעפאַלן אין ווינקל, האָט ער פאר גרויס מידקייט נישט באמערקט, אז דאָרט ליגט א קעלבל. בשעת אים האָבן זיך צעשפּילט די געבלוטן, איז ער אנטשלאָפן געוואָרן און אים האָט זיך פאַרגעשטעלט אין חלום די גאנצע חתונה מיט די מחו־תנים און מיט די קלעזמער. ער איז געווען שרעקלעך אומרואיק, זיך אלץ געררוקט, געדרוקט אין ווינקל, און בשעת ער האָט אין חלום ארומגענומען דעם טונעיאדעווקער רבל, האָט ער גאָר ארומגענומען פעסט דעם פיעוו־קער ארענדארס קעלבל, און אים איינגערוימט אין אויער דעם סוד פון זיין נסיעה. דאָס קעלבל אָבער האָט עס נישט גורם געווען, נישט געוואָלט ליידן, מען זאָל עס אזוי האלדזן אי שטיקן. עס האָט אויסגעשטרעקט דאָס פיסל, אָנגערירט בנימינען אין דער דיך און בנימין האָט זיך אויפגעכאַפּט.

אז בנימין האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער נאָך אלץ געהאַלטן ארומ־גענומען דאָס קעלבל מיט ביידע הענט זייער פאַרדולט און צעמישט. ערשט אין א רגע שפּעטער האָט ער פון זיך א שטופּ געטאָן דאָס קעלבל, זיך אויפגעהויבן דערשראָקן און זיך געלאָזט גיין געשווינד. דאָס קעלבל פון זיין זייט, ווי באלד עס איז לויז געוואָרן פון פרעמדע הענט, איז אויך אויפגעשטאנען געשווינד און זיך געלאָזט מאכן א פּליטה, איז לויפנדיק ארויף ראַפּטעם אויף בנימינען און ביידע זענען געפאַלן איבער א גרויסן צעבער וואַסער, טראַך, מיט א שרעקלעכן קלאַפּ!

שטאַרק דערשראָקן פון אזא טראַך, איז סענדערל און דער ארענ־דאַר מיט א ליכטל אין האנט ארויסגעלאָפן פונעם אנדערן חדר אין שטוב אריין און זענען געבליבן פאַרוווּנדערט!

ווען א לידל־מאכער זאָל געווען דענסטמאָל זיי ביידן אָנקוקן, וואָלט ער אזוי געמאכט: „ליבהארצעדיקע און זיסע, אי אין ווינקל אי אין דער לוזשע זענען זיי נישט צעשיידט געוואָרן!“

נאָר דער ארענדאַר און סענדערל זענען געווען פּראָסטע בשר־ודם, נישט קיין לידל־מאכער, און האָבן די ליבהארצעדיקע אי זיסע באַלד צע־

שיידט. דאָס קעלבל האָט מען אָפּגעשיקט צו דער מוטער מיט שטעכווערטלעך פאַר איר שלעכטער אויפפירונג, און בנימינען האָט מען פון דער טבילה אַריינגעפירט אין אַ באַזונדערן אַלקער און געלייגט אויף עטלעכע קוליעקלעך שטרוי מיט אַ קישן צוקאָפּן.

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

בנימין כאַפּט פּעטש

בנימינס אברים זענען אַביסל אָפּגעגאַנגען אין דער ליל־טבילה נאָך דעם אָפּשווענקען זיך מיט אַ גאַנצן צעבער קאַלטע וואַסער, און אויפשטייענדיק אין דער פרי האָט ער זיך געפילט פרישער אי געזונטער. ער האָט באַשיימפּערלעך אַרויסגעזען אַ פינגער פון ווונדער אין דער נעבטיקער מעשה מיטן קעלבל, וואָס דורך אים גראָד איז געקומען די רפואה צו זיינע ווייטעקן. ער האָט באַוויזן סענדערלען דערמיט, ווי אומגערעכט דער זינדיקער מענטש איז, וואָס באַקלאָגט זיך בשעת עפּעס אַן אומגליק, און פאַרשטייט נישט, אַז דאָס אומגליק, קאָן זיין, פירט גאָר צום גליק און פון דער רעה קומט אַרויס אַ טובה; ווי דער אייבערשטער מאַכט פאַר אַ שליח אַלע זיינע באַשעפענישן, אַפילו אַ בהמה! ווי אַ דאָקטאָר קאָן אַמאָל גאָר זיין אַ קעלבל; ווי אַ מיק אַפילו קאָן אַמאָל פּיקן אין קאָפּ, שטאַרק דאָקוטשען און שטיין אין דער גרגרת. פאַר אַ ראיה דערציילט ער די מיק מיט טיטוס־הרשע אין די אַלטע, אַלטע צייטן. דאָס נעכטיקע באַגעגעניש איז אים איצט געווען אַ גוטער סימן, אַז די נסיעה זיינע איז אין אַ גוטער מזלדיקער שעה און ער וועט, אם־ירצה־השם, מצליח זיין צו דערגרייכן, וואָס ער ווינטשט.

— אַ וואַסערטרעגער, וואָס גייט איבער מיט פולן, איז פון אייביק אָן אַ גוטער סימן, אַ פּשיטא שוין אַ גרויסער, אַ פולער צעבער, — האָט סענדערל זיך אָנגערופן און צוגעבאַסעוועט מיט די רייד.

נאָר מחמת דעם ווייטעק, וואָס בנימין האָט נאָך געפילט אין די פיס, און מחמת די קוליעקלעך שטרוי, וואָס דערויף איז אים ווייך געווען צו ליגן, איז בנימין פאַרבליבן דעם גאַנצן טאָג אין פּיעוועקע. ער איז געגליכן געווען צו אַ שיף אין ים, וואָס האָט זיך געזעצט אויף אַ זאַמד און קיין גוטער ווינט איז נישטאָ אַראָפּצוטרייבן פון דאָרט.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי האָט בנימין זיך אויפגעהויבן פון זיין געלעגער און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אריין.

א היפשע צייט איז בנימין געגאַנגען עפּעס ווי מרה־שחורהדיק, שטיל פאַרטראַכט, נישט צו רעדן קיין וואָרט. דערנאָך האָט ער א פּאַטש געגעבן זיך אין שטערן און געבליבן שטיין שטאַרק באַטריבט. ערשט אין א פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער געעפנט א מויל און ארויסגעלאָזט מיט א קרעכץ די ווערטער:

— אַך, סענדערל, איך האָב פאַרגעסן!

— ווי פאַרגעסן? וואָס פאַרגעסן? — האָט סענדערל זיך אָנגערופן און זיך א כאַפּ געטאָן צו דער טאָרבע.

— אין דער היים, סענדערל ,אין דער היים האָב איך פאַרגעסן!

— אי, בנימין, וואָס פעלט דיר איין? — האָט סענדערל געמאַכט.

— מיר האָבן, דאַכט זיך, מיטגענומען אַלצדינג, וואָס נייטיק איז מענטשן אין וועג אריין: א טאָרבע, נישט צו פאַרזינדיקן, איז דאָ, טלית־און־תפילין מיט סידורים איז אויך דאָ. שבתדיקע קאַפּאָטעס אויך דאָ, דאַכט זיך, אַלצדינג, ברוך־השם, איז דאָ, אַלצדינג האָבן מיר פאַרנומען. וואָס גייט אונדז דען אָפּ? און וואָס האָבן מיר אזוינס געקאָנט פאַרגעסן?

— די זאַך וואָס איך האָב פאַרגעסן, סענדערל, איז זייער וויכטיק, נייטיק אין לעבן אריין, הלוואי אַלצדינג זאָל אָפּלויפן בשלום. גאָר באַם, חלילה, לא יעלה ולא יבוא, גאָט זאָל שומר ומציל זיין, אויפן וועג וועט עפּעס, מעשה־שטן, געשען, דענסטמאָל וועלן מיר ערשט דערפילן דעם גרויסן ווערט פון דער טייערער זאַך, וואָס איך האָב פאַרגעסן. ארויס־גייענדיק פון דער היים האָב איך אין איילעניש פאַרגעסן צו זאָגן א שפּרוך, וואָס שטייט געשריבן אין א ספר, ארויסגענומען פון א גאַנץ אַלטן כתב־יד. דער שפּרוך מוז געזאָגט ווערן פאַר א נסיעה ארויסגייענ־דיק פון דער היים, ביי דער ראָגאַטקע, און מען איז ערב, אַז ער איז א זיכערע שמירה אין וועג פאַר כל־א־מיני סכנות און שלעכטע באַגעג־ניש, — אָט וואָס איך האָב פאַרגעסן!

— אפשר איז דיין גוטער ווילן זיך אומקערן אהיים? — האָט סענ־דערל געזאָגט בתמימות.

— דו ביסט משוגע, צי חסר־דעה! — האָט בנימין א געשריי גע־טאָן און דאָס גאַנצע בלוט איז אים אין פּנים אריין. — סטייטש, וואָס הייסט, זיך אומקערן אהיים? נאָך אזוי פיל מי און אָנגיין זיך אזא וועג פּלוצעם אומקערן זיך! סטייטש, און די וועלט! וואָס וועט זאָגן די וועלט?

— וואָס הערן מיר, בנימין, די וועלט? — האָט סענדערל זיך אָנגערופן. — די וועלט האָט דען דיך געבעטן מאכן אזא נסיעה? האָט זי דען מיט דיר א קאָנטראקט געמאכט און דיר אויף הוצאות געגעבן, דו זאָלסט גיין, וואנדרעווען?

— גאנץ שכלדיק! — האָט בנימין נאָכגעקרימט. — און אלעקסאנדער מוקדון, אים האָט דען די וועלט געבעטן, ער זאָל גיין קיין הינדיאָ און מילחמה האלטן דאָרט? און די אלע וואנדערער ביי אונדז יידן האָט דען די וועלט געבעטן ארומצוּוואנדרעווען פון שטאָט צו שטאָט?

— וויים איך? — האָט סענדערל געמאכט מיט א שמייכעלע. — פונמיינעטוועגן האָבן זיי אלע געמעגט, כ'לעבן, זיצן אין דער היים. עס וואָלט, דאכט זיך, בעסער און גלייכער געווען פאר איטלעכן. אך, נארעלע, נארעלע דו, אלעקסאנדער מוקדון, דו האָסט אין דער היים פון כל=טוב, זיץ, לעב דיר צופרידן און גלעט דיר דאָס בייכל. צו וואָס טויג דיר נאָך, נארעלע, הינדיען? סידי דאָמא דא ני ריפּאיסא, איז דאָ א עולמס ווערטל, און דער עולם זאָגט: א עולמס ווערטל איז, להבדיל, א גמרא. מער הידוש איז אויף אונדזערע יידעלעך. זיי האָבן דאָך טאקע יאָ געמעגט האלטן פון דער גמרא, זיצן אויף זייער אָרט און באשעפטיקן זיך איטלעכער מיט זיין זאך. צו וואָס טויג דאָס ארומוואנדרעווען, דאָס ארומבלאָנקען זיך ווי א דולער הו=האַ=האַ, נישט צו וויסן אַליין פונעם געזונט, פונעם לעבן און נאָר אומזיסט=אומנישט רייסן שטיוול? ווי איך בין א ייד, בנימין! איך זאָל אזא פארשוין באגעגענען, וואָלט איך אים גלייך אויפן אָרט אָנגעזאָגט דעם עולמס ווערטל, להבדיל, די גמרא, מיין איך.

א היפּשע צייט האָבן אונדזערע פארשוינען זיך אוועקגעאמפּערט. סענדערל האָט געפרעגט קשיות און בנימין האָט אים אלץ אויפגעוויזן, אז ער איז א נאר און האָט קיין פּיצל ידיעה נישט אין אזעלכע זאכן

סענדערל איז דענסטמאָל געגליכן געווען צו א פערדל, וואָס תמיד דינט עס זיין האר געטריי און פאָלגט אים אין פייער, אין וואסער אריין, פּלוצעם מאכט זיך אמאָל, פאלט אויף אים אָן פון דער העלער הויט עפּעס א מאנקאָליע, עס שפּארט זיך איין, שטעלט זיך דיבאָם און וויל זיך נישט רירן פונעם אָרט, כאָטש טו זיך דאָ, שוגאי=צייַן, א מעשה אָן. און ווען בנימין האָט דענסטמאָל נישט געשמיסן דעם איינגעשפּארטן סענדערלען מיט א בייטש, דערפאר האָט ער אים דורכגעבויקערט מיט זיין זים צינגל און אים אָפּגעשאָטן מיט רייד, ביז סענדערל איז געוואָרן ווייך ווי א טייג, א גוט פערדל ווי פריער. ער האָט אויפגעשטעלט די

אויערן, הערנדיק בנימינס רייד, וואָס האָבן געבראַכן דעם מוח, און לסופ האָט ער זיך אָנגערופּן, ווי זיין שטייגער איז געוויינטלעך, מיט די ווערטער:

— אויב דו ווילסט דווקא אַזוי, זאָל זיין אַזוי. וואָס פאַר א דאגה איך האָב?

אַז בנימין איז פאַרטיק געוואָרן מיט סענדערלען, האָבן זיי זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין און, נאָכדעם אַז זיי זענען זיך אָנגעגאַנגען אויפ וועגן און זייטנוועגלעך, זענען זיי נישט־טויט־נישט־לעבעדיק אָנגעקומען קיין טעטעריווקע.

טעטעריווקע איז די ערשטע גרויסע שטאָט, וואָס אונדזערע וואַנדערער האָבן געזען אין זייער לעבן. דעריבער איז קיין וואונדער נישט, וואָס זיי האָבן געקוקט אויפ די גלייכע אויסגעברוקירטע גאַסן אי אויפ די גרויסע הויכע מויערן און נישט געקאָנט זיך זאַט אָנקוקן. כמעט אויפ די שפּיץ פינגער זענען זיי געגאַנגען אויפ די טראָטוארן און געהויבן די פיס עפּעס משונה, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געהיט צו שטאַרק נישט צו באַרירן די גלאַטע שטיינער און נישט אָנמאַכן, חלילה, קיין שאָדן, — פיס, וואָס האָבן נישט עפּעס אַזאַ גוטע דאָליע ביי זייערע באַלעבאַטים אין די קליינע שטעטלעך און וואָס מען מאַכט דאָרט פאַר זיי נישט עפּעס גרויסע צערעמאָניעס! קליינשטעטלדיקע פיס, וואָס ווייסן, נעבעך, נישט פון קיין פּאָדלאָגע צו זאָגן אפילו אין שטוב, וואָס קריכן, נעבעך, ווי די חזירים אין בלאָטע, וואָס זייערע באַלעבאַטים שטעקן זיי גייענדיק טיפ אַהינצו אַריין, און דראַליען מיט זיי, פּראָסטע־מאָסטע, גאָר אָן שום מלאכות, — אַזעלכע פיס מוזן באמת מבולבל ווערן ווי די שיכורע, אַז זיי דערפילן פּלוצעם אונטער זיך א בריק פון שטייגער און מוזן פאַר גרויס כבוד טאַקע אביסל אונטערשפּרונגען און נישט ווייסן א צייט, זיך וווהין צו־טאָן. פרישע ערשט אָנגעקומענע קליינשטעטלדיקע פיס ווערט איר באַלד דערקענען אויפ די אויסגעברוקירטע גאַסן אין די גרויסע שטעט.

אונדזערע טונעיאַדעווקער פאַרשוויגען זענען געגאַנגען ווי מיט א פאַרקלעמט האַרץ און בהכנעה אָפּגעטראָטן פאַר איטלעכן דעם וועג. סענדערל פלעגט אין אַזאַ פאַל אָננעמען בנימינען פאַר דער פּאָלע און אים א שלעפּ טאָן אין דער זייט. אַמאָל איז דורכדעם סענדערלען אויסגעקומען צו כאַפּן א שטיל טענצל מיט עמעצן, וואָס איז געקומען אַקעגן. יענער איז זיך געגאַנגען גלייך זיין וועג און האָט זיך אָנגעשלאָגן מיט סענדערלען, וואָס מחמת דעם אָפּטרעטן האָט ער אים פּונקט גאָר פאַרשטעלט דעם וועג. יענער כאַפּט זיך רעכטס, אָבער אונדזער סענדערל האָט אים מקדים געווען און שטייט שוין גרייט, ביידע וואַרפן זיך לינקס און

ווייטער רעכטס, ביז יענעם געראָט לסוף אויסצומיידן זיך. איינער, וואָס איז גראָד נישט אויפגעלייגט געוואָרן צו טאַנצן מיט סענדערלען, האָט אים פּראָסט אָנגענומען און א וואָרף געטאָן אין דער זייט, אז די ציין זענען אים שיר נישט ארויסגעפאלן.

אלצדינג איז פאר אונדזערע פארשווינען געווען ניי, אלצדינג, האָט זיך זיי אויסגעוויזן, טייט אויף זיי מיט די פינגער, די דראָזשקעס שרייען, די פּאַטאָגעס פילדערן, די טויערן שטייען האָפערדיק, קוקן שטאָלץ מיט זייערע גרויסע גלעזערנע מאפּליעס און די מענטשן קרימען זיך, אלצדינג שרייט זיי נאָך: תרבות, קבצנימלעך! תרבות, קליינשטעטלדיקע יידעלעך! תרבות, תרבות!...

— הערסטו, בנימין! — האָט סענדערל געזאָגט, נאָכדעם אז ער האָט פארריסן דעם קאָפּ און געקוקט אויף די מויערן מיט דרך-ארץ, — איך מיין, בנימין, דאָס איז עפּעס א סטאמבול!

— גיי שוין, גיי, נארעלע, ווי קומט עס צו סטאמבול? — האָט בנימין געמאכט מיט אזא מינע, גלייך ווי ער איז א סטאמבולער א געבירטיקער, — סטאמבול, — נארעלע, האָט ת"ק מאָל ת"ק גאסן, איטלעכע גאס האָט ת"ק מאָל ת"ק פופצן-צוואנציק-אָדער אפשר דרייסיקגאָרנדיקע הייזער און אין איטלעכס הויז וווינען ת"ק מאָל ת"ק מענטשן! דו מיינסט, אז דו ביסט שוין פארטיק? ניין, ווארט נאָר, ווארט, נארעלע איינער, הייגט איז נאָך דאָ קליינע גאסן, יורדיקעס, קאטשעגיוועקעס, מאָטשעגיוועקעס, פיסקעס, יארן און פּאַדווילן כחול הים!

— אי, אי, אי! — האָט סענדערל געמאכט פאר גרויס וווּנדער.

— ס'איז דאָך עפּעס גאָר א שרעק, כ'לעבן, אזא גרויסע שטאָט! נאָר איך בעט דיך, בנימין, פונוואנען קומט עס אָט-די אלע גרויסע שטעט? מענטשן זאָלן זיך צונויפשטיקן אין איין אָרט און ליגן איינער איבער דעם אנדערן, גלייך ווי די וועלט איז ווייניק און נישטאָ מער קיין ערד! עס מוז דאָך אוודאי דריגען עפּעס זיין, וואָס מענטשן דערווייטערן זיך פון דער ערד און ווילן אלע פליען אין הימל, אין די הויכע, הויכע פענצטער. זאָל עס אפשר זיין דעריבער, וואָס דעם מענטשנס נשמה וואקסט פון הימל, מחמת דעם ציט עס אים, נעבעך, אלץ ארויף, ארויף, און ער האָט זייער שטארק חשק אויסצושפּרייטן די פליגעלעך און זיין אלץ פון אויבן? וואָס זאָגן דערצו עפּעס דיינע חקרנים, בנימין? האָסטו נישט באגעגנט מכוח דעם עפּעס א שמועס ערגעץ אין דיינע חקירה-ספרים?

— על פי חקירה, — האָט בנימין געמאכט מיט א קנייטשל, — איז וועגן דעם ענין דאָ א גאנץ ווייטער שמועס. איך האָב שוין דערפון

אפילו געהאט אמאָל צוטאָן ביי אונדז אין בית־המדרש הינטערן אויוון און דורכדעם איז פארענטפערט געוואָרן די גמרא פון די צען טעפּ אָרעמקייט, וואָס זענען אראָפּגעשיקט געוואָרן אויף דער וועלט, ווי אויך דער פסוק: כי מלא הארץ חמס, די וועלט איז פול געוואָרן מיט רויב. נאָר איך וועל עס דיר אביסל מסביר זיין על פּי אונדזער תורה. חומש האָסטו דאָך געלערנט, סענדערל! לויט ווי עס שטייט אין חומש, האָבן אונדזערע עלטערן גאָר תחילת, אין די פריערדיקע דורות, געוווינט אין געצעלטן, נאָר בשעת דעם דור־הפלגה האָבן אלע מענטשן זיך פארקליבן אין איין אָרט, זיך גענומען מאכן ציגל און אויסבויען א שטאָט מיט הויכע מויערן אין הימל. אינדערמיט ארבעט טאקע איז שוין אויף זיי אָנגעפאלן א בייזע מהומה, א געטומל, איינער האָט נישט פארשטאנען דעם אנדערן און די גאנצע פירונג דאָרט איז עפּעס אויסגעקומען קאַ־פּויער. א נס, וואָס גאָט האָט זיי באלד צעטריבן, האָבן מענטשן ווידער אָנגעהויבן צו לעבן, אָטעמען פרייער און די וועלט איז ווייטער אויפגע־ריכט געוואָרן. נאָר דער חטא פונעם דור־הפלגה האָט נאָך אינגאנצן נישט אויפגעהערט. פון יענער צייט אָן ציט זיך נאָך אלץ, בעוונותינו הרבים, די תאווה ביי מענטשן צו שטיקן און צונויפשטיקן זיך, אויסצו־מויערן זיך הויך, צו מאכן זיך א שם און פליען אין הימל. וואָס האָסטו אין מיר זיך אָנגעטשעפּעט ווי א זלידניע? — זאָגט אברהם צו לוטן, — למאי זאָלן דיינע מענטשן זיך קריגן מיט מיינע איבער א שפּאן ערד, די גאנצע וועלט שטייט דאָך פאר דיר פריי, גיי דיר, וווהין דו ווילסט, און לאָז מיך געמאך!

נאָר איידער נאָך בנימין האָט געענדיקט דעם שמועס, האָט זיך גע־לאָזט הערן א שטארקער געשריי פון א פארטשיק, וואָס איז אונדזערע פארשוינען אָנגעפאָרן פון הינטן און האָט זיי שיר נישט מזיק געווען מיט דעם דישל.

— אוכניאָקעס! — האָט דער פארטשיק געשריגן אין איין אָטעם און געמאכט אויף זיי מיט דער בייטש, — וואָס קריכט איר, צו אלדי שוואר־צע יאָר, ווי די ראקעס און פארשטעלט דעם וועג! הע, הע, יאָלדן! הע, הע, פלאָכטן!

אונדזערע פארשוינען, נעבעך, האָבן געהויבן פיס און געלאָפן פאר שרעק, ווי די פארסמטע מייז ,דער אהין און דער אהער.

לויפנדיק האָט סענדערל זיך א זעץ געטאָן אין א סטויפּ און זיך אויסגעצויגן, נעבעך, ווי גרויס ער איז, אויף דער ערד.

בנימין האָט אין איילעניש זיך אָנגעשלאָגן אין א קויש מיט אייער, וואָס א קורעלאפּנימשקע האָט געטראָגן. די אייער האָבן זיך צעבראָכן און אויף אים האָט זיך געעפנט א גיהנום, א פּיסק, א פייער, א געשריי. יענע פון די צעבראָכענע אייער, נעבעך, האָט אים אָפּגעשאָטן מיט טויטע קללות, זי האָט אים געוואָלט אָפּשטעקן אָדער זי האָט אים שוין טאקע אָפּגעשטעקט א פאטש און שטארק חשק געהאט איינצופלאָנטען זיך אין זיינע האָר, — קורץ, בנימין האָט גענוג געלייזט, ביז ער איז קוים מיט צרות לעבעדיק ארויס פון אירע הענט און געמאכט א פליטה אין א הינ־טערגעסל, וואָס אהינצו איז אויך סענדערל באלד צוגעקומען.

— אָט האָסטו דיר א גרויסע שטאָט! — האָט סענדערל געזאָגט און אָפּגעווישט מיט דער פּאָלע דעם שווייס פון זיין פּנים. — דאָ גיי נישט, דאָ שטיי נישט, דאָ רו נישט, ווייסט זיי אלע דער שווארציאָר!

— דאָס ציט זיך נאָך אלץ פונעם דור־הפלגה, — האָט געענטפערט בנימין, וואָס האָט געסאָפּעט ווי א גאנדז. — דאָס אלצדינג, וואָס דו זעסט דאָ, איז אלץ דור־הפלגה, מיט זיין בייזער מהומה, מיט זיין גע־טומל, גנבה, גזלה און רציחה!

— אי, אין דער ערד אריין מיטן קאָפּ! — האָט סענדערל א מאך געטאָן. — קום, בנימין, לאָמיר זיך אויסרוען! דו זעסט עפּעס שרעקלעך אויס, עס פייערט דיר עפּעס א באק, א רוח אין דער חצופהס טאטן אריין, וויש נאָר אָפּ, זיי מוחל, דאָס פּנים! די חצופה האָט, אפּנים, בשעת מעשה דיך אויסגעשמירט מיט געלכן פון אייער!

דאָס זיבעטע קאפּיטל

ווי צוליב בנימינען ווערט אן איבערקערעניש אין דער פּאָליטיקע

אין איינעם פון די טעטערייווקער קלייזלעך האָט שטארק געקאָכט פון דער דענסטמאָליקער קרימער מילחמה, דער הינטער־אויוון איז צעפאלן אויף פארשידענע כתות, איטלעכע כתה מיט איר פּרעזידענט און מיט איר גאנג אין דער פּאָליטיקע.

בייקל בעל־מוח און זיין קאָמפּאניע איז זייער באשעפטיקט געווען מיט דער מומע וויטען, פלעגט זי צעלייגן אויף טעלערלעך און באווייזן די הסברות אי די שפּיצלעך, וואָס אין איר שטעקט.

כייקל איז געווען אמאָל א שטיקל זייגערמאכער. ער האָט געהאט א גרינגע האנט צו מצה־רעדלען, קיינער האָט נישט געקאָנט אזוי ווי ער א סוכה מאכן: דאָס לאָקשנברעט, די לאָפּעטע, די מילעכדיקע באנק, דאָס טשאָלנט־ברעטל און די צעבראָכענע שטייג פון עופות זענען אין קיינעמס סוכה נישט געווען אזוי צוגעפּאסט ווי אין זיינער. דעריבער, ווען עס פלעגט נאָר אויסקומען עפּעס א רייד אין מאשינען־זאכן, פלעגט דער עולם האָבן פאר אים אָפּשיי און זאָגן:

— דאָס געהער זיך אָן מיט כייקלען, כייקל ווייסט.

כייקל פלעגט אליין דערציילן וווּנדערלעכע זאכן פון משונה ווילדע ענגלישע מאשינעס, אז די האָר פלעגן זיך שטעלן פשוט קאפּויער הערנ־דיק, און אז איינער האָט אים אמאָל מפסיק געווען די רייד מיט עפּעס א קשיא און אים געפרעגט דעם שכל דערפון, פלעגט כייקל דערקלערן דאָס אינגאנצן קורץ און פּראָסט מיט עפּעס אזא מין שפּרענזשינקעלע און דערביי מאכן אזא מינע מיט א זיס שמייכעלע, גלייך ווי ער וואָלט פארענטפערט א קלאָץ־קשיאָ און יענעם געעפנט די אויגן. הכלל, מיט א שפּרענזשינע האָט כייקל דערקלערט אלצדינג, אי דעם זייגער, אי דעם טע־לעגראף, אי א שפּיל־פּושקעלע און אנדערע מיני המצאות אויף דער וועלט. איציק פּשטן אָבער איז קיינמאָל נישט צופרידן געווען מיט כייקלס שפּרענזשינקעס. ער פלעגט קוקן דערויף עפּעס ווי אויף אפּיקורסות און מאכן מיט א געשפּעט:

— באלד וועט שוין כייקל זאָגן, אז א גולם וכדומה אזעלכע מופתים זענען אויך דורך א שפּרענזשינקעלע... פע, פע, כ'לעבן! זיינע אלע זא־כעניש זענען, פשוט איז פשוט, איך בעט אייך איבער, גאָרנישט, טאקע אמתע נארישקייטן.

און ווייל כייקל בעל־מוח איז געווען פארקאָכט אין וויטען, דערי־בער האָט איציק פּשטן, כייקלס באשטענדיקער מתנגד אין אלע זאכן, זיך אָנגעטשעפּעט אין דער מומע ראָסיע און זיך ארויסגעשטעלט פאר איר מיט אלע קרעפטן. איטלעכער פון ביידע צדדים האָט שטארק גע־ארבעט צו בייגן אויף זיין זייט די איבעריקע קאָמפּאניעס. איז כייקל שוין געשטאנען אויף א שטיקל שטייגער מיט שמואליק באָקסער, דעם פּרעזי־דענט פונעם פעטער ישמעאלס כנופיא, און האָט שוין כמעט ווי האלב זיך אויסגעגלייכט מיט בערל פראנצויז, נאָפּאָלעאָנס א הייסער חסיד, האָט איציק אָנגעמאכט א הארמידער און צוגעצויגן צו זיך טוביה מאָק, קירהס מענטש; פּאָטשטן זענען געפלויגן פון אלע זייטן, איטלעכער האָט געלאָזט

זייגע ראציעס, די וועלט האָט זיך געקערט און דאָס קלייזל האָט זיך פּשוט געוויגט!

אָט אין דער דאָזיקער צייט בשעת דער גרויסער מהומה זענען אונ־דזערע פאַרשוינען אָנגעקומען קיין טעטריוווקע און זיך אָפּגעשטעלט אין דעם דאָזיקן קלייזל אויף סטאַנציע.

סענדערל מיט זיין כאַראַקטער איטלעכן נאָכצוגעבן האָט אין די עניני־האַפּאָליטיקע אויך זיך נישט איינגעשפּאַרט און איטלעכן צוליב געטאָן, אַזוי ווי ער וויל. דו ווילסט אַזוי, — פּלעגט ער זאָגן, — וואָס פאַר א דאגה איך האָב, זאָל זיין אַזוי. און דעריבער טאַקע האָט ער שטאַרק נושא־חן געווען און איז באַלד איטלעכן געפעלן. ביים ערשטן שלום־עליכם איז ביי דעם עולם געבליבן, אַז סענדערל איז אָן א גאַל, א ייִד אָן חכמות, וואָס האָט אין זיך נישט די מידה פון עקשנות. און ווען סענדערל איז געווען אויסגעטראָגן מיט אַלע גלייך גאָר אָן א שום הילוק, אַקעגן זשע איז בנימין געווען אַן איבערקלייבער און גאָר צום ערשטן איז אים מער פון אַלע עפּעס געפעלן שמואליק באָקסער, צו וועלכן ער האָט ביסלעכווייז זיך צוגעלאָזט, ביז ער איז מיט אים געוואָרן שטאַרק חבר. בנימין האָט אים מגלה געווען דעם גאַנצן פּלאַן פון זיין נסיעה און שמוא־ליקן איז די זאַך זייער שטאַרק געפעלן. ער האָט מכוח דעם איבערגע־שמועסט מיט בייקלען. בייקל האָט דאָס גענומען אויף זיין מוח: און הגם די זאַך איז אים אויסגעקומען א ביסל שווערלעך, דאָך איז דאָס אים גע־גאַנגען אין קאָפּ. ער האָט באַלד טאַקע אין א סעסיע מיט בערל פּראַנצויז און טוביה מאָק אפירגענומען דעם דאָזיקן ענין און זיי האָבן זיך דערויף שטאַרק פאַרחידושט.

— בנימין, — האָבן זיי געזאָגט, — זעט טאַקע עפּעס נישט אויס ווי א געוויינטלעכער מענטש, ער איז עפּעס ווי צעטראָגן, נישט אויף דעם עולם, אַז ער רעדט, איז שווער צו פאַרשטיין, וואָס ער מיינט, ער פאַר־טראַכט זיך אַמאָל, שטעלט אויס א פּאָר גלעזערנע אויגן און שמייכלט, זיין הילוך און זייגע אַלע פּאָסטעמקעס זענען עפּעס משונה. דאָס אַלצדינג באַווייזט, אַז ער איז העט־העט גאָר פון אַן אַנדערע מדרגה, נישט גלאַט א מענטש, אין אים מוז בוודאי עפּעס שטעקן, גלאַט פּשוט קאָן עס לגמרי נישט זיין, ווער ווייסט, אפשר איז דער בנימין גאָר נישט קיין בני־מין, א קשיא אויף א מעשה!...

אַז בנימין און סענדערל זענען פאַרסאָפּעט אַריינגעקומען אין קלייזל נאָך דער מעשה מיט דער יידענע פון די אייער, איז דאָרט געווען א שרעקלעכער געפּילדער. די סעסיע פון אונדזערע פּאָליטיקער האָט שטאַרק

זיך מפלפל געווען מיט איציק פשטן, וואָס ער האָט זיך געריסן אויפן גאָרגל און איטלעכן אריבערגעשריגן.

— נאָט זעט, וואָס שטייט אין „יוסיפון“, — האָט איציק געשריגן אין איין אָטעם און געטייט מיטן פינגער אין א ספר. — אין „יוסיפון“ שטייט, אז אלעקסאנדער מוקדון האָט געוואָלט גיין צו די קינדער יונדב בן רכב, איז ער דערגאנגען ביז די הרי־חושך און ער מיט זיינע גיבורים האָבן דאָרט נישט געקאָנט לחלוטין גיין, זייערע פיס זענען געזונקען אין בלאָטע ביז איבער די קני. מחמת די זון שיינט דאָרט נישט, איז די ערד אין יענעם אָרט שטארק זומפיק. הייגט פארשטייט איר שוין: אלעקסאַנ־דער מוקדון, דער גרויסער אלעקסאנדער מוקדון, וואָס איז געפלויגן אויף אן אָדלער און וואָס איז שוין געווען ביי די טירן פונעם גן־עדן, ער האָט נישט געקאָנט אריבער די הרי־חושך, מכל־שכן אייער פארשוין, אזא נפש ווי ער! עס וועט אים נישט העלפן דערצו אפילו כייקל מיט אלע זיינע שפּרענזשינקעס.

— דו גראָבער קאָפּ איינער! — האָט כייקל זיך צעלאָזט אויף א קול און געטומשעט איציקן מיטן גראָבן פינגער. — ווו זענען דייגע אויגן? אדרבא, זע טאקע, וואָס דאָ שטייט ווייטער. ער זאָגט: אז אלעקסאנדער מוקדון האָט דאָרט געהערט עופות, פייגעלעך, רעדן יונית. איין פויגל האָט אים געזאָגט בזה הלשון: דיין מי איז אומזיסט, וויל דו ווילסט קו־מען אין גאָטס הויז און אין דעם הויז פון זיינע קנעכט, די בני אברהם יצחק ויעקב, — הייגט פארשטייסטו שוין, גראָבער קאָפּ איינער, פאר־וואָס אלעקסאנדער מוקדון האָט אהינצו נישט געקאָנט גיין?

— מילא וואָס וועסטו אָבער טאָן, מיין גרויסער בעל־מוח, אויב עס קומט גאָר אויס ווי די יש־אומרים דאָרט, אז די עשרת־השבטים מיט די רויטע יידלעך אָדער די בני־משה ווינען גאָר דאָרט ערגעץ נעבן דעם לאנד פונעם פריסטער יאָן? נו, הייגט לאָז דיין נפש מוחל זיין געפינען ערגעץ דאָס לאנד פונעם פריסטער יאָן! מאָרגן נאָכן קאלטן קוגל!

— עט, נארישקייטן, איציק! כ'לעבן, נארישקייטן.

— ווארט נאָר, ווארט, מיין בעל־מוח! עס איז עפּעס נאָך דאָ א סמ־בטיון אויך! וואָס וועט ער טאָן מיט דעם סמבטיון, וואָס ער שליידערט א גאנצע וואָך שטיינער? לאָמיר שוין אָננעמען אין דער סברא, אז ער איז שוין אריבער די הרי־חושך, ער האָט שוין געפונען דאָס לאנד פונעם פריסטער יאָן. נו קומט ער צו צום סמבטיון, טפררו! ער רעגנט מיט שטיינער, אוממעגלעך צו שטעלן א פוס, דאָס דאָ וועט דאָך אים נישט

העלפֿן אפֿילו דיין וויטע, זי זאָל זיך אפֿילו שטעלן מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט פֿיס ארויף.

— הע, הע, דו טשעפּעסט זיך שוין אין וויטען! אָט וועהין דו ביסט פֿארקראָכן.

— וואָס איז דאָס אין אמתן פֿאר א גאנג, איציק. אומזיסט־אומנישט שפּעטן פֿון די מלכיות, — האָט בערל פֿראנצוויז זיך ארייַנגעמישט מיט פֿארדראָס. — מיר רעדן דאָך איצט פֿון בנימינען, זידל דיר בנימינען און מיש נישט אריין די מלכיות, איך בעט דיך!

— פֿארוואָס זידלען בנימינען? — האָט זיך אָנגערופֿן טוביה מאָק.

— בנימין גייט, דאכט זיך, אויף א דרך, דורך אים קאָן נצמח ווערן יידן א ישועה.

— אי, מאָק, מאָק! — האָט איציק געמאכט מיט תרעומות און געשאָקלט מיטן קאָפּ. — אויף דיר, מאָקעניו, האָב איך מיך, כ'לעבן, נישט גערעכט, אז דו זאָלסט האלטן מיט זיי און מאכן אזא פּירוש פֿון בנימינען. וואָס האָסטו אין אים אזוינס דערזען?

—הערט נאָר, איך בעט אייך, א גאנג פֿון א מענטשן: וואָס האָסטו אין אים אזוינס דערזען?! — האָט שמואליק באָקסער זיך נאָכגעקרימט מיט א געשפּעט: — משוגע ביסטו היינט, איציק, צי וואָס? זיין אָפּגעלאָזנקייט, זיין צעטראָגנקייט, זיין קוקן, זיין רעדן מיט זיין גאנץ באנעמען באווייזן, דאכט זיך, זייער גוט, ווער ער איז אזוינס. דאָס פּנים איז דער בעסטער שפּיגל. אויב דאָס אלצדינג איז ביי דיר קיין באַווייז נישט, ווייס איך שוין נישט, וואָס הייסט ביי דיר אזוינס א מענטש. אדרבא, איך בעט דיך, אָט איז ער איצט אליין אָנגעקומען, קוק אים, זיי מוחל, אָן און זאָג, אויב דו ביסט נישט משוגע, טאקע ריין חסר־דעה... איר זעט, עפּעס פּלאמט אים דאָרט א באק און דריי געלע פּאסעקלעך ציִען זיך א ם ווי א שין אויפֿן פּנים! נו, איציק, וואָס פֿאר א פּנים האָסטו איצט?

איציק איז צוגעגאנגען נעענטער צו בנימינען, האָט אים אָנגעקוקט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, אים א שפּיי געטאָן כמעט אין פּנים אריין און איז אוועקגעגאנגען אין איין כעס.

פֿון דעם דאָזיקן שמועס אָן וועגן בנימינען האָט באקומען די פּאָליטיקע אן אנדער פּנים. שמואליק באָקסער מיט בערל פֿראנצוויז האָבן געשלאָסן בלאט מיט בייקלען, וויטע האָט ארויסגעשיקט אין ים טויזנט גרויסע אָקרענטן, מיט שרעקלעך ווילדע מאשינעס, דער פּעטער ישמעאל איז אריבער דעם פּרוט און נאפּאָלעאָן האָט געשאָסן מיט באָמבעס אויף סעוואסטאָפּאָל. טוביה מאָק איז געשטאנען אויף משקולת, נישט־אהין־

נישט־אהער, גערדרייט מיט דער צונג נישט צו וויסן, מישטיינס־געזאָגט, אויף וועלכער וועלט ער איז, און איציק פּשטן איז געבליבן איינער אליין ווי אויפן וואסער. ער האָט, נעבעך, געארבעט אויף אלע כלים און שיר נישט געשפּרונגען ארויס פון דער הויט. א קאַטאָוועס, איינער אקעגן אזא חברה! דערפאר האָט ער זיך פארעסן אויף בנימינען. ער האָט פון יענער צייט אָן זיך אליין צו אים געזוכט און אים געטאָן אין דער גאל אריין.

„גאָט איז מיין עדות, — דערציילט בנימין אין אן אָרט, — אז איך האָב מיך נישט געמישט אין דער פּאָליטיקע, וואָרום איין מאָל, צו וואָס טויג עס? צווייטנס, וואָס געהער זיך עס מיט א יידן אָן? פונמיינעט־וועגן האָט געמעגט זיין אזוי אָדער אזוי, אלץ גלייך. סענדערל מיינער האָט אין אזעלכע זאכעניש זיך אויך, אָסור, נישט געמישט און פונדעסט־וועגן האָט מיך איציק נישט געלאָזט רוען, איך האָב פון אים נישט גע־האט קיין טאָג און קיין נאכט. אמאָל פלעגט ער מיך ארומשטעקן הינטן מיט פעדערן, אָדער ווארפן אויף מיר שטילערהייט א קישעלע, אָדער פארשליידערן ערגעץ מיינס א שוך, אז איך האָב מיר דעם קאָפּ פארדרייט זוכנדיק; בין איך ביידערנאכט אנטשלאָפן געוואָרן אויף מיין געלעגער, פלעגט ער מיט א שטרויעלע מיר קיצלען די פּיאטעס, אז איך פלעג אזש אונטערשפּרינגען, אָדער ער פלעגט מיר לאָזן א פאָנפע אונטער דער נאָז. איך פלעג זיך אויפכאַפּן נישט־טויט־נישט־לעבעדיק און קייכן, הוסטן מחמת דעם רויך אפשר א שעה כסדר, גלייך ווי איך בין שולדיק געווען אין דעם, וואָס די דריי קאָמפּאניעס האָבן געמאכט יד־אחת.

דאָס אכטע קאַפּיטל

ווי אונדזערע פאַרשויגען זענען אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער

דעם גרעסטן טייל טאָג זענען אונדזערע פארשויגען טרוד געווען מיט דער פּרנסה. זיי האָבן געמאכט וויזיטן אין די טעטעריוועקער הייזער און האָבן אין א קורצער צייט קונה־שם געווען, אזוי אז מען פלעגט אויף זיי נאָכטייטן מיט די פינגער און באגעגענען זיי דער מיט א גלייכווערטל, דער מיט א שמייכעלע. אן אנדערער אויף זייער אָרט וואָלט זיך שטארק איבערגענומען פון אזא כבוד און צעפּויקט אומעטום פון זיין גרויסקייט, אָן עין־הרע, אין דער וועלט, ווי מען האָט זיך געשמאָלצן פּשוט אָנקוקנדיק

אים, ווי מען האָט זיך געלאָבט מיט איטלעך זיינס אַ וואָרט און מיט וואָס פאר א שמייכעלע מען פלעגט אים אויפנעמען און ארויסבאלייטן פון דער טיר. נאָר אונדזערע פארשוינען אָבער זענען ביי זיך געווען פראָסטע מענטשלעך און האָבן פון אזא כבוד זיך גאָרנישט געמאכט. בנימין איז געווען פארטראָגן אין זיינע זאכן און סענדערלען איז געלעגן אין זינען, די טאָרבע זאָל זיין פול און אין דער קעשענע זאָל זיין עטלעכע גראָשן אויף הוצאות. צי גיסטו מיט א שמייכעלע, צי מיט א קרים, וואָס מאכט עס א יידן אוים, אבי גיב.

היינט איז פורים, מאָרגן איז אוים,
גיב מיר א גראָשן און טרייב מיך ארוים!

אָט דאָס איז דאָס באקאנטע יידישע לידל, וואָס שילדערט זייער גוט זייער פראָסטקייט, זייער עניוות און וואָס סענדערל פלעגט עס גיי־ענדיק אויפן וועג זייער אָפט שטילערהייט אונטערזינגען.

א גוט־מאָרגן, גאָט־העלף! — פלעגט סענדערל זאָגן ביים אריינקומען ערגעץ אין א שטוב, נאָכשלעפנדיק הינטער זיך בנימינען פאר דער פּאָלע, דערנאָך פלעגט ער אים דערלאנגען א שטופּ פאָרויס, אים איינרוימען אין אויער, ער זאָל זיך נישט שעמען און אליין אנידערשטעלן זיך אין דער זייט מיט גרוים דרך־ארץ.

ארומגייענדיק אויף אזא שטייגער, זענען אונדזערע פארשוינען איינ־מאָל אריין אין א שטוב, אין וועלכער זיי האָבן געטראָפן עפּעס א יונג־מאן טענהנדיק מיט דעם באלעבאָס. עס האָט אויסגעזען פון די רייד, ווי דער יונגערמאן גיט דעם באלעבאָס צו פארשטיין די וויכטיקייט פון עפּעס אן ענין, וואָס דורכדעם קלינגט מיט אים איצט די וועלט, ווי ער לויבט זיך פאר אים אָפּ, ווייזט פאפירן און פארלאנגט פון אים עפּעס א זאך, נאָר דער באלעבאָס קרימט זיך אָבער, טענהט ווי ער קאָן און צאפּלט פּשוט זיך אויסצודרייען פונעם יונגנמאנס הענט. דער באלעבאָס האָט זיך אָנגעכאפּט אין אונדזערע פארשוינען אזוי ווי א דערטרונקענער אין א שטרוי. ער האָט געשווינד זיך צוגעלאָזט צו זיי אין דער האָפענונג, אפשר האָבן זיי צו אים א נייטיק געשעפט און וועלן אים דערוויי‏ל באפרייען פון דער נויט. נאָר קוים אָבער האָט ער דערהערט, ווער זיי זענען און וואָס זיי ווילן, איז ער געבליבן שטיין צעמישט, שטארק פארוואונדערט, ווי איי־נער בשעת דאָס אָנשיקעניש טרעט אים פלוצעם צו פון אלע זייטן.

— אָט האָט איר נאָך נוסעים! — האָט דער באלעבאָס זיך אָנגערופן, נאָכדעם אז ער איז צו זיך געקומען און זיך געווענדט צו דעם יונגנמאן

— די דאָזיקע יידן, זעט איר, זענען אויך גוטעים! גאט אייך גיים! גוס־עים אויף אונדזער קאָפּ.

דער יונגערמאן מיט אונדזערע פארשוינען האָבן איינער דעם אנדערן זיך אָנגעקוקט.

— הערסטו, — האָט סענדערל א צי געטאָן בנימינען פאר דער פּאָלע און אים איינגערוימט אין אויער, — מעגלעך, אז דער דאָזיקער יונגערמאן וואנדרעוועט אויך אהינצו... ער קאָן נאָך, חלילה, פארלויפן פריער און אונדז אָפּטאָן אויף טערקיש.

— אפשר זייט איר טאקע אלע איין קאָמפּאניע? — האָט דער באַלעבאָס זיך ווייטער אָנגערופן.

— חלילה, חלילה! — האָט בנימין מיט סענדערלען ביידע אין איין קול געשריגן. — מיר גייען באזונדער, גייען מיר!

— גייט אייך געזונטערהייט באזונדער, ביי מיר הייסט איר איין קאָמפּאניע, — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט און ארויסגענומען א מטבע פון דער קעשענע.

— גיט, זייט מוחל, אונדז, אונדז גיט, — האָט סענדערל געבעטן און אויסגעשטרעקט די האנט, — מיר וועלן שוין דעם יונגנמאן ארויסגעבן זיין חלק. קומט, יונגערמאן, מיר וועלן אייך ארויסגעבן, איך האָב מינץ.
אינמיטן־דרינען האָט זיך געעפנט די טיר פון דער קיך און א שרעקלעכער קול האָט זיך געלאָזט פון דאָרט הערן משונה ווילד:

— דאָס איז ער, ער! אָט דער, וואָס שטייט נעבן דעם קליינעם דאָרן יידל, זיי האָבן דענסטמאָל אויך ביידע זיך ארומגעשלעפּט. איך האָב אים דערקענט, דעם שיינעם נפש, אין זיין פּנימל, אין זיין געל בערדל, אויסגעצופט זאָל עס אים ווערן! אין זיין צעבראָשטשעטע הערצעלע, א פּאר־כאפּט, רבונו־של־עולם, זאָל ער ווערן, זאָל עס מיט אים קויקלען, מאָר־דעווען און אויסרינען דער מארך פון זיינע טריפהנע ביינער, אויסרינען!

— קום, בנימין, אוועק! — האָט סענדערל געזאָגט שלעפּנדיק בני־מינען פאר דער פּאָלע. — א רוח אין דער חצופהס טאטן אריין. זי האָט נאָך אלץ צו טאָן מיט די צעבראָכענע אייער!

דאָס נײַנטע קאַפּיטל

ווי זכות־אָבות האָבן פאַר אונדזערע פּאַרשוינען זיך געלייגט

זיפצן און קרעכצן מוז מען, אז מען לייענט די געשיכטעס פון די גרויסע בארימטע קאָפּ־מענטשן, ווי זיי האָבן, נעבעך, געליטן שטארק זייער גאנץ לעבן פון דער וועלט, פאר וועלכער זיי האָבן מקריב געווען זייערע טעג און יאָרן און זי באגליקט מיט זייער נוצלעכע זאכן, וואָס זיי זענען מיט זייער שכל דערגאנגען. די וועלט איז בטבע א קינד, וואָס האָט ליב זיך צו האלטן נאָר אין דער מאמעס פאַרטעך, נישט אָפּצוטרעטן פון איר אויף א האָר; וואָס האָט ליב אלץ די אלטע נארישע מעשיות, וועלכע די ביאנקעס און אלטע באָבעס חזרן זיי אים איבער הונדערט מאָל אין טאָג; וואָס מיינט, אז בעסערס פון זיינע שפּילעכלעך איז טאקע גאָר נישטאָ, און דרינען שטעקט די גאנצע חכמות, וואָס קאָן גאָר זיין, און אז דער באהעלפער קומט אים נעמען אין חדר אריין, אויסצולערנען אים עפּעס, שרייט ער געוואלד, גלייך ווי מען וואָלט אים געקוילעט. די וועלט האָט ליב צו לעבן אזוי, ווי זי איז געוווינט, עפּעס א נייס קומט איר אויס משונה ווילד, זי שרייט דערויף מעשים און זידלט, מאכט מיט דער בלאָ־טע גלייך דעם, וואָס טראכט אזוינס אויס. ערשט דערנאָך, אז דאָס נייס איז שוין נולד געוואָרן, עס האָט זיך איינגעלעבט און ווייזט באשיימ־פּערלעך ארום דעם גרויסן נוצן, וואָס אין אים ליגט, — ערשט דענסטמאָל כאַפּט מען זיך אין דעם שטארק אָן, מען האָט דערפון גרויס הנאה און מען פארגעסט כלל יענעם, נעבעך, וואָס האָט עס מיט גויט־שוויים ממציא געווען. נאָך זייער שיין פון דער וועלט, אז זי האָט זיך זיינער דערמאָנט, אים צו מאכן כאָטשע א מלא און צו שטעלן אים א מצבה. מיליאָנען מענטשן לעבן היינט גליקלעך און אָטעמען פריי אין אמעריקע, און קאָ־לומבוס, בשעת אים איז אריין דער געדאנק צו אנטדעקן אמעריקע, האָט, נעבעך, שטארק געליטן, די וועלט האָט אים געהאלטן פאר משוגע און אויס אים חוזק געמאכט.

דעסגלייכן איז אויך געווען מיט אונדזער בנימינען פון טונעיאדעווו־קע. נאָר אָנקוקנדיק אים, האָט מען אים געהאלטן פאר א משוגענעם, און הערנדיק זיינע רייד איבער דער נסיעה, האָט מען זיך געשטיקט פאר געלעכטער, מען האָט מיט אים געטריבן קאטאָוועס, איטלעכער האָט מיט אים געהאט צו טאָן און אויס אים געמאכט א קאָטער. א נס, וואָס בני־

מין האָט עס אַזויפיל נישט פאַרשטאַנען. זיסט וואָלט ער זיך פאַרעסן, חס־ושלום, קראַנק געוואָרן און אַ שפּיי געטאָן אויף דער גאַנצער נסיעה!

מיר היפערן איבער אַ סך זאַכן פון דעם עולמס המצאותלער איבער בנימינען, בכדי דאָס זאָל אויף אונדז אַלע נישט פאַלן פאַר קיין אייביקן פלעק און דאָס זאָל אונדז נישט זיין צו קיין חרפה, צו קיין בושה אין דער געשיכטע פאַר די שפּעטערדיקע דורות. מיר מאַכן זיך נישט ווייסנדיק פון די אַלע זאַכן, כאַטע־פּאָקרישקע, און נעמען זיך ווייטער צו אונדזער דער־ציילונג.

„אין טעטעריווקע, — זאָגט בנימין, — איז דאָ אַ גרויסע קהילה יידן, זאָלן זיך פּרוכפּערן און מערן. ווער זיי זענען, וואָס פאַר אַ מיני מענטשן זיי זענען און פונוואַנען זיי האָבן זיך גענומען, דאָס פרעגט זיך בחרם, ווייסן זיי אַליין נישט; זיי האָבן נאָר בקבלה פון טאַטעס, זיידעס און עלטער־עלטער־זיידעס, אַז זיי וואַקסן פון יידן, און ווי עס זעט אויס פון אַ טייל זייערע מנהגים, פון זייער הלבשה, פון זייער לשון און פון זייער האַנדל וכדומה, זענען זיי, אפנים, טאַקע מחויב צו זיין יידן, נאָר צונויפגעלאָפענע, אָפּגעריסענע פון פאַרשיידענע שבטים, וואָרעם איינער מיט דעם אַנדערן געהער זיך כמעט נישט אָן. לאָז, אַשטייגער, איינער פאַלן, וועט דער אַנדערער אים נישט אויפהייבן, כאָטש, ער זאָל, שונא־ציון, די כפּרה ווערן, די מיתה־משונה איינגעמען דאָ אויפן אָרט...

צווישן זיי איז דאָ אַ טייל, וואָס פאַרשטייען זייער גוט מאַניפּאָרגע־לשון. מאַניפּאָרגע איז מאַני־פּאָרגיסימוס, דאָס הייסט: מאַני—לשון, פּאָר־גי—ציגיינעריש. מאַניפּאָרגע־יידן קענען חכמת־היד, קוקן יענעם אין דער האַנט אַריין און ציען געוויינטלעך דערפון זייער פּרנסה, דערצו נאָך קענען זיי אַנדערע מלאכות, לעמפּלעך־מאַכערס און טאָקערס זענען זיי טאַקע איינע אין דער וועלט. חידושן גאָר מוז מען זיך, ווי זיי מאַכן אַמאָל יענעם אַ לעמפּל און טאָקן אָפּ זאַכן עפּעס גאָר שלא־כדרך־הטבע. אויך האָבן זיי אַ מתנה פון זיין ליבן נאָמען אָפּצוזאָגן אַמאָל אַ פּזמון, און דווקא שטילערהייט, מיט אַזעלכע מיני תנועות, אַז עס טרערן שטעלן זיך דורכדעם אין די אויגן און זיי נעמען דערמיט ביי יענעם פּשוט צו דאָס חיות... מען זאָגט, יאַקבי, זיי שטאַמען פון די ערב־רב, פון דער גזע כפתורים.

בכלל, — זאָגט בנימין, — זענען די איינוווינער דאָרט ערלעכע לייט, גוטע מענטשן, זיי פּלעגן מיך אויפנעמען תמיד מיט אַ שמייכעלע און משונה הנאה האָבן מיט מיר זיך אָפּצוגעבן. מען האָט געזען באַ־שיימפּערלעך, אַז זיי זענען מיט מיר שטאַרק צופרידן. איך ווינטש זיי

פונעם גאנצן הארץ, אז גאָט און לייט זאָלן פון זיי אייביק אויך אזוי צופרידן זיין, אָמן.

א חידוש נפלא, דערציילט ווייטער בנימין, דאָרט אין דער סביבה באגעגנט מען אמאָל פארשוינגען, וואָס זענען אביסל ווי חזירעוואטע. מען דערקענט זיי באלד אין דעם אָנבליק. א טייל זאָגן, אז דאָס איז אזא פּאַראָדע, ווידער א טייל ווילן האָבן, אז דאָס אָרט איז דערצו מסוגל. בנימין וויל דערינען נישט מכריע זיין, דאָס געהער זיך אָן מיט די געלערנטע, זיי זאָלן די זאך פאָרשן און אונדז דערקלערן אקוראט, וואָס דאָס באטייט. נאָר ווי די מעשה איז, — זאָגט בנימין, — אזוי צי אזוי, די זאך אליין איז קיין נייס נישט אויף דער וועלט. נאָך דער אלטער מתתיהו דעלעקארטי העט־העט אין די פריערדיקע יאָרן ברענגט אין זיין ספר „צל־עולם“ בזה הלשון:

„אין בריטאניה איז דאָ א פאָלק מיט אן עק פון הינטן ווי ביי בהמות. אויך זענען נאָך דאָ ווייבער, הויכע, גרויסע ווי די ריזן, און זיי זענען באוואקסן מיט שטשעטשינעס (חזיר־האָר) ווי די חזירים. אין צרפת האָט זיך געוויזן א פאָלק מיט הערנער. אויף יענע בערג זענען דאָ קרומע ווייבער, און די, וואָס איז מער קרום, איז אלץ שענער“: „טאקע ממש ווי מען באגעגנט נאָך ביי אונדז, היינטיקע צייטן זייער פיל ווייבער, וואָס קומען אויס קרום, שטארק בולט, מחילה, פון הינטן, מיט א לאנגן עק, וואָס באַמבלט זיך און שלעפּט זיך נאָך אויף דער ערד. דאָס וואָס איז געווען, זאָגט דער פּסוק, דאָס וועט אויך זיין, און ס'איז נישטאָ קיין נייס אונטער דער זון“!

טעטעריוווקע, זאָגט בנימין, איז גרויס מיט שיינע מויערן און לאנגע גאסן. אָנקוקנדיק זי ביים ערשטן מאָל, דאכט זיך אויס, זי לעבט, עס קאָכט דאָרט און רוישט, נאָר דערנאָך, אז מען ווערט אביסל איינגעוווינט, זעט מען, אז זי איז אין תוך אריין א מין גרויסע טונעיאַדעווקע. די איינוווינער דאָרט עסן, לייגן זיך שלאָפן, שטייען אויף ווי געוויינטלעך אלע טאָג אין איין צייט. די צייט ווערט גערעכנט דאָרט נאָך דעם עסן, פונעם אָנבייסן, אשטייגער, ביז וואַרמעס און פון וואַרמעס ביז וועטשערע, מחמת אָנבייסן, וואַרמעס און וועטשערע זענען דריי קרעטשמעס אין זייער לעבן, וואָס אהינצו גארט מען זיך צו דערשלעפּן אויף א פּאָפּאס און עפּעס טאָן נאָכדעם, אז מען האָט פארבראכט א שטיק צייט מיט גאָרנישט אין א פּוסטן סטעפּ. מען זאָגט, יאקבי, טעטעריווקער לופט מאכט בטבע פויל, אַפּהענטיק און שלעפעריק. ווען עס פאלט אהינצו אריין עפּעס א מענטש מיט קוראזש, מיט א חשק עפּעס צו ווירקן,

געמט עס אין א קורצער צייט ביי אים צו אי דעם קוראזש, אי דעם חשק, און עס בלייבט אים מער נישט איבער ווי דער חשק צו עסן, צו שלאָפן, און אויפצושטיין, בכדי ווייטער צו עסן און צו שלאָפן.

בנימין האָט דאָרט געזען די סטאנציעס פון די קליינשטעטלדיקע סבאָרשטשיקעס און פּאָווירענעס. אוועקפאָרנדיק פון דער היים האָבן זיי ארויסגעוויזן קוראזש און שטארקייט נאָך פיל מער ווי מען באדארף. מען מוז פאָרן, האָבן זיי אליין געדרונגען און איינגעשמועסט דעם עולם, מען מוז פאָרן, זיך סטארען, ארבעטן און איינלאדעווען מכוח דעם געלט אויף געוויסע קהלהשע הצתרכות און מכוח נאָך אנדערע שטאָטישע זאכן, כאָטש זייער סטארען זיך, ארבעטן און טאָן וועגן דעם איז אינ־גאנצן אן איבעריקע זאך, טאקע נאָר ווי א פינפט ראָד צום וואָגן, ווייל דערויף איז דאָ א סמעטע, און אלצדינג וועט געמאכט ווערן גאָר אָן זייער הילף. נאָר זיי האָבן אָבער פאָרט באקומען שטארק חשק, עס האָט זיך זיי משונה פארגלוסט, האָבן זיי געגומען ביים עולם געלט פאר זייערע ווייבער און קינדער אי פאר זיך אויף הוצאות און מארש אין וועג אריין אין א גוטער, אין א מזלדיקער שעה. אין טעטעריווקע קומענדיק, איז זיי, מעשה־שטן, באלד פארגאנגען דער חשק, — ווו ברייהשקייט, וועו ברייהשקייט! האָבן זיך אנידערגעזעצט אויף דער סטאנציע פויל, אָפּהענ־טיק, נאָר געגעסן, געבעך, געטרונקען און געשלאָפן, גלייך מען האָט זיי א כישוף אָנגעטאָן. אין דעם צושטאנד פארברענגען זיי, נעבעך, דאָרט זייערע טעג און יאָרן, דער עולם שיקט זיי אליין צו, אויף זייער בקשה, געלט און ווייטער געלט און זיי זיצן טאקע אליין, גענעצן, עסן, שלאָפן, נעבעך, ווי די פארצויבערטע פרינצן, און ס'איז פשוט אוממעגלעך זיי פון דאָרט ארויסצורייסן, אפילו קיין בעל־שם און קיין טאָטער קאָנען דערצו אויך נישט העלפן.

בנימינען האָט אָנגעגומען א יצר־הרע זיך צו באקענען מיט די בארימטע געלערנטע און שריפטנשטעלער, וואָס אין טעטעריווקע. עפּעס איז ער דאָך אויך א שטיקל קענער, א חקרן, וואָס קוקט אריין אין די קליינע אותיותלעך און ווייסט, וואָס איז אזוינס א יידישער חקירה־ספר, פונוואנען די דאָזיקע לייט האָבן געשעפּט זייער תורה, זייער ידיעה אין די שבע־חכמות. היינט ווי שיקט זיך עס, קומען אהער און זיך נישט זען מיט זיין סאָרט מענטשן?! חוץ דעם האָט זיך אים געוואָלט טאקע איבערשמועסן מיט זיי וועגן זיין נסיעה, אזעלכע לייט וועלן אים דאָך פארשטיין און קאָנען אָפּשאצן דעם ווערט זיינעם. ער האָט געהאָפט, זיי וועלן אים נאָך געבן הסכמות און אים הייבן ווי אויף דרוקעס, זיי

האָבן דאָך ליב ארויסצוגיין מיט זייערע הסכמות אויף קליינִיקייטן, שמאָכטעלייען, בפרט נאָך אויף אזא זאך, אויף אזא וויכטיקע זאך, דאָ וועט די פען זייערע זיך צעלאָזן גאלאָפּ, גאלאָפּ ווי א פערד.

נאָר צו וועלכן פון זיי בנימין איז געקומען, האָט ער אים אלץ גע־טראָפן אָדער ער עסט, אָדער ער שלאָפט! איינמאָל איז אים גוראָטן צו טרעפן איינעם פון די לייט — א ווילדער שרייבער, א משונה באריט־מער בריה — ווי ער איז געזעסן אָנגעלענט אויף א באנקבעטל אין אן אָפּגעזונדערט חדרל.

— גוט־מאָרגן!

— גוט־יאָר! וואָס וויל א ייד?

— עט, אזוי, א ביסל שמועסן!

אהין־אהער, עפּעס פלאטשיק דער עסק. דער בריה איז עפּעס ווי צעקראָכן, קוים וואָס ער רירט מיט די ליפּן, די נשמה ליגט אים אויף דער שפּיץ נאָז און עס קלעפּן זיך אים די אויגן. בנימין מונטערט אים, רעדט איבער אים ווי ער קאָן, נאָר אומזיסט די מי. ער איז קאלט ווי אייז. ערשט דערנאָך האָט ער זיך אביסל אויסגעטשוכעט, א שטארקן גענעץ געטאָן און ארייגגערופן דאָס ווייב.

— ווען וועט מען שוין גיין עסן? — האָט ער זי א פרעג געגעבן און אויסגעקנאקט די ביינער מיט א געשמאקן גענעץ. — לאָז מען שוין געבן עסן, וואָרעם איך וויל, — האָט ער געזאָגט, — איך וויל א ביסל צולייגן מיך שלאָפן...

הכלל, טעטעריוווקע איז א גוטע ספּאלניע, אלצדינג שלאָפט דאָרט רואיק, אי דאָס געלערנטקייט, אי דער האנדל, אי די בענק, אי די פּראָ־צעסן (לאָדענישן) און אלע מיני געשעפטן. ווי מען זאָל זיי נישט פּרווון וועקן, קאָן מען זיי אלץ נישט דערוועקן. אפילו ווען עטלעכע מענטשן פארקלייבן זיך אמאָל אינייגעם, נעמט זיי באלד אָפּ דאָס לשון, זיצן, גענעצן און קוקן איינער דעם אנדערן אָן ווי די גולמס, און די גאנצע געזעלשאפט ווערט אנטשלאָפן. ערשט ווען מען דערלאנגט די וועטשערע, רירט זיך אין זיי אן אבר, זיי ווערן לעבעדיק, נעמען זיך געשמאק צו דער אכילה, עסן אָפּ — און א גוטע נאכט! זיי גייען אהיים שלאָפן...

אונדזער בנימין האָט עס געפילט שפּעטער אויף זיך אליין. ער האָט דערנאָך אין טעטעריוווקע נישט מער געטאָן ווי געגעסן און גע־שלאָפן און דער חשק פון דער נסיעה איז אים עפּעס ווי פארגאנגען. ער

איז געווען אין א גרויסער סכנה פארפאלן צו ווערן דאָרט, אזוי ווי אַ שיף, וואָס כאַפּט זיך אריין אין דעם שטילן ים, און אַפּשלאָפן דאָרט זיין לעבן ביז אצינד, ווען מיט אים זאָל זיך נישט געווען מאכן א מעשה, וואָס האָט ווי א שטורעמווינט, אויף זיין גליק און אויף דער וועלטס גליק, אים מיט געוואלד ארויסגעטריבן פונדאנען ווייטער צו דער נסיעה.

די שנאה פון איציק פשטן צו בנימינען איז וואָס א טאָג אלץ מער געוואקסן. ער האָט די לעצטע צייט ווי א זלידניע זיך איינגעגעסן אין בנימינען און זיך גענומען שטארק מפלפל צו זיין מיט אים איבער זיין נסיעה, אים לייגן שטיינער אויפן הארץ, אז דענסטמאָל, ווען דאָ אויף דער דלאָניע וועט וואקסן האָר, וועט ער קומען צום סמבטיון, און זען די רויטע יידלעך, ווי ער זעט זיין אויער.

בנימין אָבער האָט זיך נישט געלאָזט שפייען אין דער קאשע און אויסגעדרונגען, אז ס'איז דאָ אין דער וועלט א בורא, וואָס פארלאָזט נישט די, וואָס האָבן אין אים א בטחון. נישקשה, ער וועט, אם=ירצה=השם, מיט גאָטס כוח הערגיין אהינצו, שונאים אויף צעשפּרינגעניש, און אז בנימינען פלעגט, טענהנדיק, זיך צעשפּילן די געבליטן, פלעגט ער ווערן פלאם=פייער און אין דער מיט שמועס ארייננווארפן אויף א קול: פּיפּערנאָטער, לינדנוואָרעם, אייזל, מויל=אייזל וכדומה! דאָס האָט געהייסן אזוי פיל ווי: בילט אויף די ציין, אָט בין איך שוין העט=ווייט, אָט בין איך שוין דאָרט אין דער מדבר און גיי און גיי!...

איציק פלעגט דריי מאָל אויסשפייען און זאָגן: ער איז פשוט משוגע, חסר=דעה, מען באדארף אים פירן צום טאָטער. און האָט צום סוף אזוי ווייט געבראכט, אז קוים האָט בנימין זיך געוויזן אויף דער גאס, זענען אים ווייסע=חברה נאָכגעלאָפן ווי נאָך א משוגענעם מיט שטיינער, אים געמאכט א הורא און געשריגן: פּיפּערנאָטער, לינדנוואָרעם!

איינמאָל, אז בנימין מיט סענדערלען זענען פארנאכט געגאנגען ביידע אין גאס, איז חברה זיי באפאלן ווי די היישרעקן און זיי שטארק דאָקוטשעט, אזוי, אז זיי האָבן געמוזט אנטלויפן מיט הינטערגעסלעך. אין איינעם פון די ענגע געסלעך האָבן זיי, לויפנדיק בארג=אראָפּ איבער א לאנגער שמאָלער קלאדקע איבער א טייך, זיך באגעגנט דאָרט סאמע אויף דער מיט מיט א מענטשן, וואָס איז זיי געקומען אנטקעגן. אויסמיידן זיך דאָרט איז נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט, סיידן אראָפּשפּרינגען און צעשלאָגן דעם קאָפּ, אָדער ווייניקסטנס זיך אויסברעכן א פוס. די ביידע זאכן אָבער האָבן אונדזערע פארשוינען באדארפט האָבן נייטיק אין לעבן אריין. אָן א קאָפּ אָדער אָן א פוס וואָלט

דאָך קיין סברא נישט געווען צו מאַכן זייער נסיעה. און בנימין מיט סענדערלען זענען געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע נעזער.

— א־א, שלום־עליכם, בנימין! — האָט יענער פאַרשוין, וואָס איז געקומען אַקעגן, א זאָג געגעבן מיט א פאַרדראָס אי מיט א געלעכטער אינײַנעם. — א גוטע באַגעגעניש, כ'לעבן, אַזוי ווי געווונטשן!

— שלום־עליכם, עליכם־שלום, רב אײַזיק־דוד! — האָט בנימין געענטפערט נישט מיט זײַן קול שטאַרק צעמישט.

דער דאָזיקער פאַרשוין איז געווען רב אײַזיק־דוד רב אהרן־יאָסלס שרה־זלאַטעס, דער חכם פון טונעיאַדעווקע.

— שיינע מענטשן! — האָט רב אײַזיק־דוד געמאַכט מיט תּרעומות.

— מען פאָרט אַוועק פון דער היים בגניבה, גלאַט אַוועק, פאַרוואָס, פאַר־וועמען? ווײַס איך? אַלצדינג מוז דאָך זײַן עפּעס מיט א גאַנג, מיט א דרך־הטבע. וואָס הייסט גלאַט אַוועק און מאַכן ווײַבער, נעבעך, אָן שום גאַנג, פאַר וויסטע עגונות, מאַכן ווײַבער! ווײַס איך, ס'טײַטש, אדרבא, שוין אַוועקגעשטעלט אַלצדינג אין דער זײַט, פרעג איך אײַך נישט מער, נאָך א מאָל טאַקע, אדרבא, ס'טײַטש, ס'טײַטש?! פאַרקערט, זאָגט, וואָס טוט איר דאָ? איך מיין טאַקע דיך אויך, סענדערל. נישקשה, איך זע דיך, ווי דו שטייסט פון הינטן. דײַן ווײַב, סענדערל, וועט דיר, נישקשה, געבן, גוט מכבד זײַן וועט זי דיך, דײַן ווײַב. ווי אַ הערינג, אַזוי אין כעס איז זי, וואָלט זי דיך צעריסן, דײַן ווײַב. דאָס האַרץ אָבער האָט איר געזאָגט, אַז דאָ מוזט איר אוודאי זײַן, האָט איר געזאָגט דאָס האַרץ, דײַן ווײַב, און זי האָט געוואָלט נישט אַנדערש פאָרן נאָך אײַך, האָט זי געוואָלט נאָר מיט מיר, דײַן ווײַב.

— הא, ער איז דאָ! — האָט א געשריי געטאָן א יידענע, וואָס איז אונטערגעקומען פון הינטן צו רב אײַזיק־דודן.

סענדערל האָט אין קול דערקענט זײַן בהורטע. ער איז געוואָרן טויט, ווי די וואַנט, און געבליבן אָן א נשמה פאַר שרעק. ער האָט מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט אין בנימינס פּאָלע, ער זאָל נישט אַראָפּ־פאַלן פון דער קלאַדקע, אַזוי האָט אים זיך דער קאָפּ פאַרדרייט. עס האָט אים זיך געדאַכט, אַט נעמט אים שוין אָן זײַן ווײַב און פּעטש שיטן זיך אים ווי האָלץ.

— קוקט נאָר אָן די נפשות, די שיינע נפשות! א, די כפּרה זאָלן זיי ביידע ווערן! הא, וווּ איז ער דאָרט ערגעץ, מײַן ימח־שמוניק? לאָזט מיך נאָר צו אים צו א ביסל, לאָזט מיך, איך וועל אים ווײַזן, וואָס פאַר א גאָט מיר האָבן!

אזוי האָט אין איין אָטעם געשריגן סענדערלס ווייב און געשטופּט רב אייזיק־דודן.

— נאָר אָן געשריי, אָן רעש! — האָט רב אייזיק־דוד זי געבעטן.

— האָט נאָר צייט. אז איר האָט אזוי פיל געוואַרט, וואַרט זשע נאָך א ביסל. קיין עגוגה, מיט גאָטס הילף, וועט איר דאָך שוין קיין עגונה נישט זיין. און ווייטער, ווי זאָגט מען עפּעס, האַ? אויך די אייגענע מעשה, א יידענע בלייבט טאקע א יידענע. דאכט זיך, א קלוגע, און פּאַרט א יידענע. לאָמיר שמועסן די אייגענע זאך פּאַרקערט, מילא, מה־רעש? ס'איז נישט מער גלאט פּאַרדראָסיק: גלאט אוועק, פאַרוואָס, פאַרוועו? אלצדינג מוז דאָך זיין עפּעס מיט א גאנג, פאַרשטייט איר מיך? נאָר אז ס'איז שוין אזוי, איז דאָך שוין טאקע אזוי, הייגט ווי באלד ס'איז אזוי, איז דאָך טאקע די קשיא, צוואָס נאָך שרייען? דער תירוץ איז אָבער, איך בעט אייך איבער ווי און אייגענע מוטער: א יידע־נע, מחילה, בלייבט טאקע א יידענע.

רב אייזיק־דוד האָט זיך ערשט צעוויגט און געוואָלט, ווי זיין שטיי־גער איז, דעם שמועס זיינעם איבערשמועסן ווידער פאַרקערט, דערנאָך ווייטער אמאָל פּאַרקערט און אריינגעבן דרינען אביסל פעפער מיט צי־בעלע, נאָר פון ביידע זייטן קלאַדקע זענען געשטאַנען א סך מענטשן, וואָס זענען דערוויילן אָנגעקומען. זיי האָבן פונדערווייטן זיך שטארק געבייזערט דערויף, וואָס יידן האָבן זיך אנידערגעשטעלט דאָ שמועסן, גלייך ווי עס גייט זיי נישט אָן די גאַנצע וועלט, און לאָזן קיינעם נישט אריבערגיין.

די קלאַדקע איז אזוי שמאָל געווען, אז צוויי מענטשן האָבן דאָרט זיך נישט געקאָנט מיידן. די וואָס פון איין זייט האָבן תמיד געמוזט וואַרטן ביז יענע פון דער אַנדערער זייט וועלן פריער אריבער. דעריבער האָט סענדערלס ווייב מיט רב אייזיק־דודן געמוזט צוריקגיין צו יענער זייט קלאַדקע, פונוואַנען זיי זענען אָנגעקומען, דעסגלייכן סענדערל מיט בנימינען האָבן אויך צוריקגעקערט זיך צו דער אנדערער זייט און ערשט דערנאָך האָט, פון דער דאָזיקער זייט טאקע, דער עולם אָנגעהויבן אי־בערצוגיין די קלאַדקע.

— איך בעט דיך, סענדערל, וואָס שטייען מיר דאָ אזוי, און וואַרטן?

— האָט זיך אָנגערופן בנימין, וואָס איז פריער צו זיך געקומען. — עפּעס שטייען מיר דאָ אזוי, גלייך ווי מען בינדט צו א יינגל מיט אן עק פאָדעם אין מויל און מיט דעם אַנדערן צום פיסל פון טיש. נאַרעלע, איצט האָבן מיר צייט ניצול צו ווערן.

740 — 15

— גערעכט, ווי איך בין א ייד! — האָט סענדערל א זאָג געטאָן פריילעך, ווי איינער וואָס רייסט זיך ארויס פון דער קלעם. — גיכער, גיכער, בנימין! אויב די ווילסט, איך זאָל נישט ארייננפאלן אין אירע הענט. דאָס איז נישט קיין קלאדקע, נאָר זכות־אָבות האָבן דאָ פאר אונדז זיך געלייגט.

אונדזערע פארשווינען האָבן געמאכט געשווינד א פליטה און אין עטלעכע מינוט זענען זיי שוין געווען ווייט ערגעץ אין אן אנדער עק שטאָט. זיי האָבן נישט געמאכט לאנג שהיות, פארנומען באלד זייערע פעקלעך און זיך געזעגנט מיט טעטעריוווקע.

דאָס צענטע קאפיטל

הורא, רויטע יידלעך!

— היי, וויאָ, וויאָ! — האָט אויף דער קעלגיע פון א בויד הייזעריק געשריגן א שמייסער און איז שיר מיטן דישל נישט ארויפגעפאָרן אויף צוויי ווייבלעך, וואָס זענען געשטאנען אין דער מיט גאס, סאמע די לע־בעדיקסטע פון גלופסקער גאסן,ביידע מיט מאָרבעלעך שפייז: פלייש, רעטעכלעך, ציבעלע, קנאָבל, אוגערן אָרעס, און האָבן איינע דער אנ־דערער איינגערוימט סודות אי אויסגעגאָסן דאָס הארץ, שרייענדיק אויף א קולכל, אז מען האָט אים געקאָנט הערן ווייט פאר א מייל.

די ווייבלעך זענען אין מיטן שמועס זיך צעלאָפן, איטלעכע אין אן אנדער זייט גאס, און זיך געשטעלט פונדערווייטנס צו ענדיקן זייער שמועס, אריבערשרייענדיק מיט א ניגון איבער בוידן, דראָזשקעס, טעלי־געס און פורלעך האַלע, וואָס האָבן זיך געצויגן איינע הינטער דער אנ־דערער אין א גאנץ לאנגער שורה, אזוי, אז א היפשע צייט איז ריין אומ־מעגלעך געווען די גאס איבערצוגיין.

— באסיע־ביילע! נו, ווערסטו הייגט ביידערנאכט קומען אהינצו — צו דער קאָרטנוואָרפערין? איך וועל דאָרט זיין מיט מיינעם... דיינער וועט אויך אהינצו קומען, ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל דיר זאָגן, עס וועט דאָרט זיין פריילעך. קום, נארעלע, ווערסט, כ׳לעבן, הנאה האָבן! נו, באסיע־ביילע, ווערסטו קומען?

— מיין באלעבאָסטע, ברענען זאָל זי, וויל מיך הייגט מכבד זיין מיט ראָשטשיגען ברויט און איבערדרייבן גרייפלעך. איך וועל מיך אָבער

אויסדרייען און קומען. נאָר איך בעט דיך, דאָבריש, לאָז עס זיין בסוד, זאָג נישט קיינעם.

— ווארט נאָר, כאסיע־ביילע, ווארט! דער רוח וועט דיין באלעבאָס־טע נישט נעמען, אז דער ווארמעס וועט שפּעטער מיט א שעה ארויס־קומען. זי וויל פרעסן? נו, לאָז זי עסן ווערעם, קרענק! איך האָב גאָר פארגעסן, כאסיע־ביילע! זיפּ נישט איבער אזוי די מעל. די מעלערקע איז נישט צופרידן פון דיינע קלייען. וויפל איז דיר געבליבן היינט פונעם איינקויפן?

— שייגעץ, שייגעץ! כאפּט אים נאָר, דעם שייגעץ! וואָס איז עס פאר א מאָדע כאפּן? א, פארכאפּט זאָל ער ווערן!

— וואָס איז דאָרט, כאסיע־ביילע? וואָס שרייסטו אזוי?

— א קארמאַנשטשיק, דאָבריש! ער האָט ביי מיר שיר־שיר נישט ארויסגעשלעפּט דאָס טאָרבעלע שפּייז פון אונטערן אָרעם. א מערכה, וואָס איך האָב באצייטנס מיך ארומגעקוקט.

— זע נאָר, זע, כאסיע־ביילע! וואָס איז דאָרט אזא צונויפלויפעניש? עס מוז שוין ווייטער ערגעץ ברענען. ס'איז שוין היינט די צווייטע שרפה. ביז נאכט קאָן זיין נאָך עטלעכע שרפות.

— מען הערט נישט קלינגען, דאָבריש. א שרפה וואָלט מען דאָך געקלונגען.

—שא, אָט גייט די מעקלערין. איך וועל זי א פרעג טאָן. סימע־דוואָסיע! סימע־דוואָסיע! וואָס לויפט מען דאָרט עפּעס אזוי?

— איך וויים נישט, קיין צער! אפשר ווייסט נחמה־גיסיע. נחמה־גי־סיע! וואָס איז דאָרט פאר א רעדל, סערדצע? אייערע קאטשקעס שרייען עפּעס, אז מען הערט נישט וואָס מען רעדט. האָדל איז היינט געלעגן געוואָרן, זי וועט ביי אייך צונעמען די קאטשקעס. הינער האָט איר אויך? זייער פעטע קאטשקעס. אייער איז היינט נישט געווען זיך צו דערקויפן. וואָס איז דאָרט אזא מהומה?

— וויים איך? עפּעס רויטע יידלעך. עפּעס האָב איך געהערט שרייענדיק: רויטע יידלעך.

— וואָס, עס זענען אָנגעקומען רויטע יידלעך! אי־אי־אי! מען מוז דאָך גיין אָנקוקן אויף חידושים, — האָבן אלע מיטאמאָל א געשריי געטאָן און זיך געלאָזט לויפן הענדעס־פענדעס צום רעדל מענטשן.

— הורא, פּיפּערנאָטער, לינדנוואָרעם! הורא, רויטע יידלעך! — האָבן צווישן דעם רעדל מענטשן געשריגן א גאנצע כאָפּטע ווייס־חברה.

די דאָזיקע רויטע יידלעך — דאָס זענען געווען אונדזערע פארשוינען בנימין מיט סענדערלען, וואָס אין א קורצער צייט נאָך יענער מעשה, וועלכע עס האָט מיט זיי זיך געטראָפן אויף דער קלאדקע, זענען זיי אָנגעקומען קיין גלופסק און האָבן דאָרט במשך פון א פאָר וואָכן שטארק קונה־שם געווען. עס האָבן זיך געפונען א סך ערלעכע יידן, וואָס האָבן פון זיי פשוט אָנגעקוואָלן, ממש אזוי ווי פון דעם שוסטערל, וואָס ער איז אין יענער צייט דורך זיינע מופתים אין גלופסק פלוצעם נתגלה געוואָרן.

טאָלצע און טריינע, צוויי געוויסע אלטע יידענעס, כשרע נשמות, וואָס פלעגן, ווי איטלעכן איז באקאַנט, אלע טאָג פארנאכט שבתדיק זיך אָנטאָן מיט דער יופע אי מיט דעם שטערנטיכל און ארויסגיין היגמער דער שטאָט באגעגענען משיחן, — אָט זיי זענען עס געווען די גליקלעכע אין איין פארנאכט צו באגעגענען אויף יענער זייט ראָגאטקע אונדזערע פארשוינען ביים אָנקומען זייערן פון טעטעריווקע און אין א גוטער שעה ארייגצופירן זיי אין גלופסק. באלד טאקע ביים ערשטן באגעגעניש האָבן שוין דיביידע יופעס זיך דערוווסט אלצדינג, וועמען גאָט האָט דאָ באשערט. טאָלצע מיט טריינען האָבן פארוווּנדערט זיך אָנגעקוקט, אייגע די אנדערע זיך געשטורכעט: נו, טריינע? — נו, טאָלצע? — האָבן זיי זיך געשושקעט, דאָס הארץ אָבער האָט אונדז גלייך געזאָגט, אז דאָס זענען עפעס נישט גלאט קיין מענטשן. טאָלצע און טריינע האָבן זיך געשמאָלצן אין אונדזערע פארשוינען. זיי זענען עפעס ווי יונגער געוואָרן, עס האָט זיי זיך געפרייט דאָס הארץ, הערנדיק פון דער נסיעה, זיי האָבן געקוקט אויף זייערע באשערטע און זיך אלץ געשטורכעט מיט א שמייכעלע: נו, טריינע? — נו, טאָלצע?... טאָלצע האָט זיי אונטערגעארבעט זאָקן, טריינע האָט זיי פארלאטעט העמדער, צוגעניית בענדלעך און זענען געווען גליקלעך, איבערגליקלעך, אקוראט ווי כלהוויז, אמאָל אין די יונגע יאָרן. הכלל, אונדזערע פארשוינען האָבן אין גלופסק אויף זיך געפונען מבינים. אזעלכע לייט ווי זיי קאָן טאקע נאָר איין גלופסק שאצן און פארשטיין זייער טייערן ווערט.

אהין אין גלופסק אריין, איר יידישע קינדער! וואָס וואלגערט איר זיך, נפשות, שיינע מענטשן, און ווערט ווי בטלנים פארפאלן אין די קליינע שטעטלעך הינטערן אויוון?! אין גלופסק אריין, צו אלדי שווארצע יאָר! דאָרט וועט איר געפינען אייער גליקן, דאָרט וואַרטן אויף אייך אייערע טאָלצעס, אייערע טריינעס און כשרע נשמות, דאָרט קאָנט איר

וואקסן, דאָרט קאָנט איר אויפגעריכט ווערן, דאָרט קאָנט איר געפעלן, שטארק גילטן, א פּנים האָבן און ערשט לעבן!...

אין גלופּסק, א רוח אין אייער טאטן אריין!

אָט ווי אזוי אונדזער בנימין שילדערט די שטאָט גלופּסק:

אז איר קומט אָן קיין גלופּסק דורך דער טעמעריוווקער גאס, זאָלט איר מוחל זיין איבערשפּרינגען דאָרט איין בלאָטע, ווייטער א ביסל די צווייטע, נאָך ווייטער א ביסל די דריטע, סאמע די גרעסטע, וואָס אהינ-צו לויפן אריין, מחילה, רינשטאָקלעך אי באלעבאטישע פּאָמוניצעס און ברענגען מיט זיך אָן פון כל-טוב, איטלעכן טאָג עפּעס אן אנדער מין סחורה, אנדערע סאָרטן חפצים פון אלערליי קאָלירן און פארשידענע מיני ריחות, ווי עס פּאסט צום ענין, און דורכדעם איז זייער גרינג צו טרעפן דעם טאָג. גיסן זיך אהין, אשטייגער, געלע לוזשקעלעך פון זאמד, מיט וועלכן מען וואשט די פּאָלן, און טראָגן מיט זיך אָן ליסקעס פון פיש, דרויב-פיסלעך, קעפּלעך פון הינער, א ביסל האָר מיט פארברענטע שטיק-לעך קאָפּיטעס, — זאָלט איר האָבן א סימן: היינט איז פרייטיק, נעמט א בעזעם מיט א ראשקע און לויפט, זייט מוחל, אין מרחץ אריין. טראָגן זיך אהינצו אָן שאָלעכץ פון אייער, פון ציבעלעס, פון רעטעך, סוכעזשילעס פון לעבער מיט עקן פון הערינג און גרויסע אויסגעהוילטע מארכביינער, — אהא, גוט שבת אייך, יידישע קינדער! זאָל אייך וווּיל באקומען נאָכן קוגל. זעט איר אָבער די רינשטאָקלעך קוים-קוים וואָס זיי רירן זיך, עס שלעפּן זיך דאָרט פארברענטע שטיקלעך קאשע, פאר-דארטע שטיקלעך טייג, א צעריסענע שמאטע מיט א צעפּאלענעם ווי-בעטש, איז א סימן: עס איז היינט זונטיק. דער וואסערפירער האָט נאָך נישט געבראכט קיין וואסער, קוים וואָס מען האָט אויסגעזויגן א ביסל פון דער פאס אויף אויסצוואשן ווי ס'איז כאָטש די טשאָלנט-טעפּ מיט די מאקערטעס. און אזוי אין אלע איבעריקע טעג פון דער וואָך האָט איטלעכע לוזשע איר באזונדער פּנים, איר באזונדער געשטאלט מיט איר באזונדער ריח.

און אז איר זייט בשלום איבערגעקומען אי די דאָזיקע בלאָטע אויך, וועט איר, רבותים, גיין פארביי א היפּש בערגל מיסט, דאָס איז אן איבערגעבליבענער זכר פון אן אָפּגעברענט הייזל, וואָס אויבן שטייט געוויינטלעך א בהמה, גלייך ווי א קעלביקער מגיד, איז גאנץ רואיק זיך מאלעגיירע, מאכט מיט דעם מויל און קוקט תמעוואטע אויף דעם גאנצן עולם יידן, וואָס לויפן אונטן, ווי די פּארסמטע, מיט אלערהאנט שטע-קנס, שטעקלעך אי פּאראסאָלן, טוט דערביי אמאָל א סאָפּע, אָדער א

קיאישן זיפץ, טאַקע גאָר גלייך ווי זי וואָלט געזיפצט און געקרעכצט, מישטיינס־געזאָגט, אויף דעם דאָזיקן עולם, אויך אויף איר שלימזל, וואָס זי איז, נעבעך, אריינגעפאַלן אין יידישע הענט... איבערקומענדיק אי דאָס בערגל, וועט איר גיין גלייך, גלייך, אַלץ גלייך. אפשר וועט איר, לא יעלה ולא יבוא, זיך א זעץ געבן אין די שפּיצעכדיקע שטיינער פונעם ברוק, וואָס ליגן צעזייט, צעשפּרייט משונה ווילד, און, חס־ושלום, פאַלן, זאָלט איר מוחל זיין אויפשטיין, אויב איר וועט קאָנען, און אַלץ טאַקע גיין, גיין, באַם איר האָט נאָר נישט אויסגעבראָכן קיין פוס, חלילה, ביז איר וועט קומען אויף עפּעס א מין פּלאַץ. דאָרט אויף דעם פּלאַץ וועט איר געפינען דעם תמצית פון גלופּסק.

און ווען ס׳איז נאָר א סברה טעטעריוועקער גאַס אָנצורופן דעם מאָגן פון גלופּסק, קאָן מען נאָכדעם שוין מיט רעכט זאָגן, אַז דער דאָזיקער פּלאַץ איז איר האַרץ, וואָס דאָרט קלאַפּט זיך תמיד טאָג אי נאכט און וואָס דאָרט איז איר חיות, דאָס גאנצע לעבן. דאָרט שטייען קלייטן, קלייטעלער, שאַפעס און די באַקאַנטע גנבה־שאַפעלער, ווו באַלמע־לאָכעס זעצן דאָרט אָפּ דעם יתור: שטיקלעך מאַטעריע, טאַשמעס, בענד־לעך, סאַמעט און שטיקלעך פּעלץ. דאָרט רודעוועט זיך זייער שטאַרק, עס שווינבלט און גריבלט, א געדיכטער עולם אָן עין־הרע: יידן שטופּן זיך און כאַפּן, נעבעך, פון איטלעכער זייט דישלעס פון וואָגנס און פּאַר־קעס. דאָקטוירים זאָגן, באשר אַז מען פּאַלמעסט א גלופּסקער יידן, געפינט מען דאָס רוב ביי אים אין לייב שטעקט א דישעל. נאָר אויף גלופּסקער דאָקטוירים קאָן מען זיך נאָך נישט סומך זיין, די רופאים שפּילן דאָרט א סך א גרעסערע ראָל.

דאָרט הערט מען תמיד א קול: „הייסע באַבקעס, יידעלעך! אהער, הייסע רעטשעניקעס, קנאָבל, ציבעלעס, יידישע קינדער!“ פון אָפּגעריי־סענע יינגלעך, וואָס גייען ארום און שרייען מיט עפּעס א משונה ניגון. דאָרט כאַפּט מען אמאָל פאַרנאַכט א דאַוון, מען איז מחדש גאַנץ הויך די לבנה און מען שרייט דערביי צו איטלעכן, וואָס גייט נאָר פאַרביי: שלום־עליכם, פעטער! דאָרט שטייען טרעגערס ארומגעגאַרטלט מיט גראָ־בע שטריק, אויסגעדינטע סאָלדאַטן מיט אַלטע כאָליעוועס און אויס־געריבענע שינעלן, טאַנדייטניקעס מיט אַזעלכע תחתונים, קאַפּטנס, לייב־לעך און נאָך אַלערליי שמאַטעס. אין מיטן שטייט דער פּאַני סטאַראָזש און עסט געשמאַק א שטיק יידישן קוילעטש, וואָס ער באַקומט שבת פאַר די ליכט אָפּשנייצן, און היט זיך, להבדיל, ווי א שמורהניק, בשעת ער גיט א בים, עס זאָל, חלילה, קיין ברעקל נישט אַראָפּפאַלן. קעשענע־

גנבים דרייען זיך דאָרט ארום צו מאכן די קוניץ. עפּעס א פאַרשמירט מיידל מיט צעשויבערטע, צעפּאטלטע האָר שפּרינגט פּלוצלינג פון דער העלער הויט ארויס, רעוועט, בעט א נדבה אויף א צעריפּעטן קול, כאפּט אָן פאר דער פּאָלע און שרייט, כאָרכלט ווייגענדיק, גלייך ווי איר וואָלט זי געקוילעט און צוגענומען ביי איר געלט. א פּעקל ווייסע־חברה לויפט דאָרט מיט א או־א נאָך עפּעס א משוגענעם, וואָס זינגט טרויעריקע לידלעך, האלב־יידיש, האלב־פּויליש, און טראָגט אויפן קאָפּ א צעקנייטשט קאפּעליושל. דאָרט שטייט א בחור מיט עפּעס א מין קעסטעלע, יידן קוקן אהינצו אין לאָך און ער רעדט דערביי מיט פּיסקעס זיין געוויינטלעכן פּזמון: דאָס איז לאָנדאָן, דער פּויפּס פּאָרט דאָ רייטנדיק אין רויטע הויזן און אלע שטייען פאר אים אָן א היטל! איצט זעט איר, ווי נאפּאָלעאָן מיט זיינע פראנצויזלעך שלאָגן זיך מיט דעם פּריים און די פּרייסן צעלויפן זיך ווי די טאראקאנעס! אָט אצינד קומט פאָר, ווי איינע פּאָרט איניינעם מיט דעם תוגר און איין קארעטע, דער גראָספּעציר האלט די בייטש און טרייבט אָן. די פערד האָבן זיך איבערגעשראָקן, אויסגעקערט די קארעטע, דער תוגר, נעבעך, איז געפאלן, זיך גוט א זעץ געטאָן, און זי זוכט אין איילעניש ווי זיך אויסצודרייען! נו, א סוף, גענוג שוין צו קוקן פאר א הארטן גראָשן. — דאָרט זיצן שורותווייז אויסגעזעצט יידענעס מיט מולטערס, פול אָנגעלייגט מיט בינטלעך קנאָבל, מיט אוגערקעס, קארשן, אגרעסן, וויינפּערלעך, ארץ־ישראל־עפּעלעך, כל־נדרי־בארלעך און מיט נאָך אנדערע זאכן. אין דער זייט שטייט אויף הינערשע פיסלעך אן אלטע איינגעהויקערטע בודקע, אָן טיר און פענצטער, וואָס כפי אלטע גרייז־גרויע יידן דערציילן, איז אמאָל דאָרט געשטאנען א בודאָטשניק און די גאנצע שטאָט איז דעמאָלט געלאָפן אָנקוקן די בודקע מיט דעם סאָלדאט אויף חידושים. לעבן דער אלטער בודקע, מיט וועלכער גאנץ גלופּסק איז זיך מייחס, ווי מיט עפּעס אן אלטן קרעפּאָסט, דאָרט אונטער עפּעס א קליין דעכל באדעקט מיט עטלעכע פארשימלטע ברעטלעך, מיט איבערגעפוילטע שטרוי און ראָגאָזשעס, אָנגעשפּארט אויף פיר קרומע אויסגעבויגענע סלופּעס, זיצט דוואָסיע די סעדעכע, ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט מולטערס. ביי איר געפינט זיך תמיד איר גרויסער פּייערטאָפּ, וואָס ווינטער זיצט זי אויף אים, ווי א קוואָטשקע אויף די אייער, דעם גאנצן טאָג כסדר, נאָר וואָס זי כאפּט אים אמאָל פון אונטער זיך ארויס אונטערצובלאָזן די קוילן און אַרויסצונעמען פונעם אַש געבראָטענע קאַרטאָפּליעס.

פון יענע יידן, אזוי גייט ארום צווישן עולם א גאנץ אלטע אגדתא, פון יענע יידן, וואָס שלמה המלך האָט געשיקט אויף שיפן קיין אופיר נאָך גאָלד און אנדערע מיני אויסלענדישע סחורות, זענען א סך, מחמת כמה טעמים, איבערגעבליבן דאָרט. זיי האָבן מיט דער צייט געעפנט אין אינדיע זייער טייערע קלייטן אי גרויסע קאנטאָרן, האָבן געהויבן ביי די דאָרטיקע דייטשן שטארקע הקפות און אלערליי קאָמיסיעס און דאָס מזל האָט זיי א לאנגע צייט שטארק געדינט. דערנאָך אָבער האָט זיך איבערגעדרייט דאָס רעדל און אונדזערע סוחרים האָבן זיך געשטעלט און געמוזט עוקר זיין. א טייל פון זיי זענען פארפאלן געוואָרן אין דער מדבר, א טייל זענען בשלום אריבער די גרענעץ, האָבן זיך געזעצט אין אָקרענטן און געזעגלט אויף דער פיאטיגנילעווקע, וואָס איז אין יענער צייט אריינגעפאלן גלייך אין ים אריין. אזוי האָבן זיי געזעגלט, געזעגלט, ביז פלוצעם איז אויפגעשטאנען א שרעקלעכער שטורעמווינט, די כוואליעס האָבן זיך אויפגעהויבן ביז דעם הימל, האָבן צעשלאָגן די אָקרענטן און ארויפגעוואָרפן די מענטשן אויפן ברעג. דאָרט האָבן זיי אויסגעבויט א שטאָט און זי א נאָמען געגעבן גלופסק.

די חוקרי=קדמוניות, וואָס קאָנען מיט זייער גרויס חכמה מאכן פון א גאָרנישט א מושקאט=קויל, האָבן פון דער דאָזיקער אגדתא געמאכט א גאנצן פירוש און אויסגעדרונגען מיט טויזנטער שארפע שפיצלעך, ווי זייער שטייגער איז, אז דרינען ליגט א שטיק אמת. די ראיות, וואָס זיי ברענגען דערויף, זענען: ערשטנס, דער פאסאָן פון די הייזער, וואָס איז עפעס משונה ווילד, גאָר אויף דעם אלטן שניט, ווי מיט טויזנטער יאָר צוריק, אז מענטשן זענען נאָך געזעסן אין געצעלטן און זיך געוואלגערט אין לעכער. פיל הייזער זענען דאָ אין גלופסק, וואָס זעען באמת אויס נאָר ווי לעכער און א סך האָבן א פנים ווי די געצעלטן פונעם טאָטער; פון זייער אָנבליק און פון זייער שטיין זעט אויס, ווי זיי זענען איינער מיט דעם אנדערן עפעס נישט שווה=בשווה. דו שטייסט אריינגערוקט, וויל איך מיר שטיין, דיר אויף צו=להכעיס, אַרויסגערוקט, דו שטייסט פּאָפּערעק, איך וויל מיר שטיין קאפּויער; דו ווילסט אינדרויסן א טרעפל און איך — דווקא א לייטערל, ווער עס באדארף, וועט נישט קראנק זיין קלעטערן. און אז דו האָסט שוין יאָ עפעס משונה הויך פאררייסן דיין פארלאטעט דעכל, נו האלט איך מיר מיין דעכל דווקא אראָפּגערוקט. געשמאיע דיר פארפאל! ווען עס געפעלט נישט, לאָז זיך צומאכן די אויגן... קורץ, דאָס אלצדינג איז מרמז אויף אלטע, גאנץ אלטע צייטן. — צווייטנס, די מנהגים פון די איינוווינער. צווישן זיי

זעט מען נאָך עד=היום אזעלכע מנהגים, וואָס קומען ארויס פון די היידן, צווישן וועלכע זיי האָבן אין פריערדיקע צייטן זיך אויפגעהאלטן. דער כתב און חכמת=החשבון איז דאָרט נישט שכיח, אזוי אז אלע ענייני=הקהלה און אלע חברות דאָרט ווערן געפירט אָן ביכער און די פירער גיבן קיינעם נישט אָפּ קיין חשבון. — דריטנס, די כתות, די מענטשן טיילן זיך דאָ אויך אין פארשידענע כתות, ווי אמאָל ביי די אינדיאנער: ווי אשטייגער, די כתה כאפּלאפּער, סאמע דער צימעס, וואָס געוועלטיקן ביד רמה; די כתה בלאטהאלטער, זאשטשיטניקעס, וואָס האלטן שטאָל און אייזן, קריגן און שלאָגן זיך פאר די כאפּלאפּער מיט דעם שונא און נעמען דערפאר ביי זיי געוויסע זשאלעוואניעס און אומזיסט פלייש; די כתה והלקלקער, ארויפפירער אויף א גליטש און וואָס אליין דרייען זיי זיך אויס גלאט ווי אויף א טעלער; די דאָזיקע-לייט צעפאלן אויף קוממיות=זאָגער, וועלטלעכע מענטשן, וואָס האָבן צו זאָגן אין ענייני=המסחר, און אויף צבועקאנער, כלי=קודש, וואָס האָבן צו זאָגן אין ענייני=האמונה; די כתה גלופּאָ=טרוסאָ=בעזיאזיקאָ=קאבצאנער, דער פראָסטער אָרעמער עולם, וואָס איז שטארק נכנע די אלע איבעריקע כתות און באקומט פאר זיי דאָס נייגיעריקע קדחת. — הײנט, פערטנס, די מטבע, וואָס מען האָט אמאָל, בשעת גראָבנדיק די גרעבליע, דאָרט געפונען. פון איין זייט איז זי געווען שטארק אָפּגעריבן, קוים=קוים וואָס מען האָט ארויסגעזען עפּעס ווי א שטיקל פארטעך צוגעטשעפּעט צו א שטעקן, אונטן עפּעס ענלעך אויף א מולטערל, פונוואנען עס האָבן ארויסגעשטעקט שטיקלעך קעפּ. פון דער אנדערער זייט איז די מטבע געווען כמעט גלאט, נאָר אז מען האָט זיך גוט צוגעקוקט, האָט מען דערקענט אלטמאָדישע כתיבהטע אותיות י א ש ל ג ו ע נ פּ. די געלערנטע האָבן אויף דער דאָזיקער אויפשריפט זיך געבראָכן די קעפּ און אריינגעלייגט דרינען פשטים, איטלעכער אויף זיין גאנג. א טייל האָבן געהאלטן אין דער סברה, אז די י׳ און די ג׳ ביים אָנהייב און סוף וואָרט י א ש ל ג זענען גאָר נישט קיין אותיות, נאָר שטיקלעך פון טשאטשקעלעך, וואָס זענען פון דער צייט אָפּגעריבן געוואָרן, בכן מאַכט עס א ש ל אַ בוים ו ע נ פּ און א צווייג, און דאָס איז דער שטעקן מיט דעם פארטעך. ווידער א טייל האָבן עס דערקלערט גאָר אנדערש און די געלערנטע האָבן דערמיט מרעיש=עולם געווען. ביז דערנאָך איז געקומען איינער מיט אָפענע אויגן און האָט דרינען דערזען גאָר ראשי=תיבות, וואָס זיי מאכן: יהודי אופיר (אָדער אינדיאָ) שבאו לכאן (אָדער לק״ק) גלופּסק ונתישבו על נהר פיאטיגנילעווקע. דער שטעקן מיט דעם פארטעך און מולטערל מיט די קעפּ

— דאָס באַטייט אַן אָקרענט מיטן זעגל און מיט פּאַרשוינען. דער דאָזיקער געלערנטער האָט איבער דעם געמאַכט זייער אַ דיקן ספר און ווענדעט זיך דאָרט צום עולם מיט אַ בקשה, אַז מען זאָל רייניקן דעם טייך, ווער מען דאַרף זיכער געפינען אַ סך אַלטע זאַכן, וואָס וואָלטן געעפנט די אויגן אין דער חקירה מכוח גלופּסקער יידן. נאָר די דאָרטיקע איינוווינער שייען זיך אָבער אויסצורייניקן די בלאָטע און זאָגן, דאָס וואָס מען האָט פון אַלטע צייטן אָפּגעמאַכט, דאָס מוז בלייבן, קיין מענטשנס אויג טאָר אין דעם פאַרבאָרגעניש נישט אַריינקוקן...

אין דער שטאָט אַליין געפינען זיך אַקעגן אַ דרייסיק=פּערציק לוזשעס, שוין מיט לעוואַדעס איניינעם, זיי פּאַראייניקן זיך דורך היילן מיט די אָפּגרונטן פון דער פּיאַטיגנילעווקע, און אין געוויסע צייטן, בפרט נאָך פּאַר אַ פּאַר=פּסח, צעשפּילן זיי זיך שרעקלעך שטאַרק און פאַרפלייצן די גאַסן מיט אַזאַ טיפער, שיטערער בלאָטע, אַז ביי די הויך=געוואַקסענע מענטשן אַפילו ווערט גייענדיק פאַרשלומפּערט דאָס היטל. גלופּסק ווערט אין די פינצטערע נעכט באַלייכט פון איין קליינער לאַמטערנע, זי ווערט אויך באַוואַכט פון אַ פּאָר בודאָטשניקעס. פונדעסטוועגן פאַלט מען דאָרט פּאָרט ביידערנאַכט און מען ברעכט האַלדז אי לייב, און גנבות טרעפן זיך דאָרט אויך זייער אָפּט, כאָטש ס'איז דאָ אַזאַ שמירה. דערפון איז טאַקע געדרונגען, אַז מען קאָן זיך בכלל נישט איינהיטן, מען קאָן זיך נישט באַוואָרענען, וואָס ס'איז באַשערט דאָס איז באַווערט, עס העלפן גאָרנישט דעם מענטשנס חכמות מיט זיינע אַלע תחבולות. דערום, — זאָגט בנימין, — באַדאַרפן מיר צומאַכן די אויגן און גיין תמיד אויף גאָטס באַראָט מיט דעם בטחון, מסתמא וועט ער זיינע מלאכים געביטן אונדז צו היטן און אויף די הענט אונדז צו טראָגן. עס פאַלט נישט דער שפּאָן ביז ס'איז עפּעס דראָן. באַדאַרף מען מער, — זאָגט ער, — ווי איך האָב באַוואָרנט מיין טלית=און=תפילין=זאַק, איך האָב אים אַנידערגעלייגט אין בית=המדרש אויף דער פּאָלעצע, וואָס קאָן שוין, דאַכט זיך, זיין מער אַ זיכער אָרט ווי דאָ? פונדעסטוועגן, אַז גאָט האָט נישט געוואָלט אָפּהיטן, האָט מען אים איניינעם מיט די איבעריקע אונדזערע זאַכן פונדאַנען אויך אוועקגעגנבעט!

דאָס עלפטע קאַפּיטל

חידושים ונפלאות אויף דער פּיאַטיגנילעווקע

אויף דעם טייך פּיאַטיגנילעווקע אַז אונדזערע פאַרשוינגען האָבן דאָס ערשטע מאָל א קוק געגעבן, זענען זיי גבהל־ונשתומם געוואָרן. זיי האָבן אַזאַ מין טייך נאָך קיינמאָל אין די אויגן נישט געזען. סענדערל האָט געזאָגט, דאָס מוז אוודאי זיין דער גרעסטער טייך אין דער גאַנ־צער וועלט. וואָרעם אַנדערש האָט אים גאָר אין קאָפּ זיך נישט גע־לייגט. אַ קאַטאָוועס אַזאַ טייך, וואָס איז אפשר הונדערט מאָל גרעסער פון טונעיאַדעווקער. נאָר סענדערל איז געווען אַ פּראָסט מענטשל, מער פון טונעיאַדעווקע האָט ער נישט געוווּסט, אין די קליינע אותיותלעך אַריינקוקן האָט ער נישט געקענט, דעריבער איז אַלצדינג, וואָס נאָר עפּעס נישט אַזוי ווי אין טונעיאַדעווקע, ביי אים געווען אַ חידוש ניפלא און ער פלעגט מיינען, אַז דערמיט עקט זיך שוין טאַקע די וועלט. בנימין אָבער, וואָס פיל געלערנטער פון אים, וואָס האָט אין זיינע מיני חקירה־ספרימלעך שוין געכאַפּט, ווי מען זאָגט, אַ לעק פון די שבע־חכמות, וואָס האָט געוווּסט אַביסל די באַשרייבונג פון דעם גן־עדן־התח־תון, פון די משונה ווילדע באַשעפענישן אין הינדיאָ וכדומה נאָך אַזעלכע מיני זאַכן, הגם ער פלעגט ביים ערשטן מאָל, אָנקוקנדיק עפּעס נייס, זיך אויך שטאַרק חידושן אין האַרץ, נאָר ער פלעגט דערביי מאַכן אַזאַ מינע מיט אַ שמייכעלע, גלייך ווי אײַנער רעדט: עט, נאַרישקייטן, דאָס איז נאָך גאָרנישט אַקעגן יענץ, וואָס איז נאָך דאָ... ער האָט סענדערלען באַוויזן, אַז די פּיאַטיגנילעווקע איז פּשוט בלאָטע, איך בעט אייך איבער, טינוף אַקעגן דעם ירדן, וואָס איז פיל מאָל גרעסער פון איר, זי וואָלט דעם שור־הבור נישט געקלעקט אפילו אויף איין צאָן, און פונעם נאָ־מען ירדן טאַקע איז אויך אַזוי די משמעות, וואָרעם ירדן איז דאָך דער טייטש: אַ גוזמא, אַ סך, אַ ירדן!

— ווייסטו, סענדערל, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? — האָט בנימין געזאָגט, נאָכדעם אַז ער איז געשטאַנען איינמאָל שטאַרק פאַרטראַכט לעבן דער פּיאַטיגנילעווקע. — מיר איז איינגעפאַלן צו לאָזן זיך פונדאַנען מיט דעם וואַסער.

— גאָט איז מיט דיר! — האָט סענדערל זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר גרוים שרעק. — דערמאָן זיך נאָר, בנימין, אַז אונדזער טייך נעמט אַלע יאָר צו אַ מענטשן; היינט מי־יודע וויפל מענטשן מוז דער דאָזיקער טייך

א יאָר צונעמען? האָב רחמנות אויף אונדזער לעבן, אויף דיין ווייב און קינדער, בנימין!

— בטחון, בטחון, סענדערל! בטחון איז א יידישע זאך, מיט בטחון איז יעקב־אבינו מיט זיין שטעקל דעם ירדן איבערגעגאנגען, מיט בטחון, זעסטו, עפענען דאָ יידישע קינדער אויף גרויסע געוועלבן. אלצדינג, וואָס דו זעסט דאָ, איז אלץ לויטער בטחון. אפילו טרעפּ און סטעליעס, ווי אויך פיל גרויסע הייזער, האלטן זיך דאָ נאָר אויף בטחון...

— נאָר פאַרוואָס ווילסטו דווקא מיט דעם וואסער, — האָט סענ־דערל געפרעגט, — אז מיר קאָנען דאָס אייגענע אויך מיט דער יבשה?

— איך האָב דערויף א סך טעמים, — האָט בנימין געענטפערט. איין מאָל וועט, ווי מיר דאכט זיך, די נסיעה מיט דעם וואסער זיין אי נעענטער אי גיכער. מיר באדארפן זען אָנקומען אהין ווי צום גיכסטן. וואָס פריער איז אלץ בעסער. פאַרוואָס? דאָס ווייס איך שוין, דאָס איז שוין מיין זאך! מיך קוועטשט, סענדערל, מיך קוועטשט זייער שטארק, עס פּיקט מיר אָט דאָ, דאָ אין קאָפּ, איך וואָלט שוין געוואָלט דאָרט זיין מיט לייב־און־לעבן. ווען עס זאָל מעגלעך זיין, וואָלט איך ווי א פויגל אין דער לופט אהינצו געפלויגן... צווייטנס, אז בנימין פון טודעלאָ האָט בימיו זיך געלאָזט אויף זיין נסיעה, איז ער תחילת אויך געפאָרן מיט דעם טייך עבראָ, אזוי שטייט בפירוש געשריבן אין זיין ספר. מסתמא אז ער איז פארצייטן געפאָרן מיט דעם טייך און נישט מיט דער יבשה, באדארף דאך טאקע זיין דווקא אזוי און נישט אנדערש. מסתמא האָט ער געוווּסט, וואָס ער טוט, און איז אזויפיל קלוג געווען ווי מיר אלע, כ'לעבן, רב בנימין איז א קדמון, א פריערדיקער פאר אונדז, מוזן מיר אים הערן גאָר אָן קשיות...

— אויב אזוי, — האָט סענדערל געמאכט, — איז שוין טאקע רעכט. ביי מיין יידישקייט, בנימין! נישט נאָר אויפן טייך, אפילו ווען רב בנימין וואָלט פארצייטן געפאָרן רייטנדיק אויף א קאָטשערע, וואָלטן מיר דאָ נישט באדארפט לאנג טראכטן, זיך גענומען, אויפגעזעצט און אויך געפאָרן אויף א קאָטשערע.

— און דריטנס, — איז בנימין אריינגעפאלן סענדערלען אין די רייד, — שאדט טאקע כלל נישט, מיר זאָלן זיך געוויינען צו פאָרן מיט דעם וואסער איידער נאָך עס וועט אונדז שפּעטער אויסקומען צו פאָרן אויפן ים אוקיונוס. איך וואָלט נאָך אפילו געזאָגט, אז איידער מיר וועלן זיך אָפּפארטיקן דאָ אין גלופּסק, וואָלט, אָסור, גאָר נישט קרום געווען צו פּרוּוון גלאט אזוי דורכצופאָרן זיך אביסל אויפן טייך. דאָרטן, דאָרטן,

זעסטו, שטייט איינער מיט א שיפֿל, אָט, כ׳לעבן, לאָמיר צוגיין און אים עפּעס געבן, וועט ער מיט אונדז א ביסל פֿאָרן.

אין עטלעכע מינוט ארום זענען אונדזערע וואנדערער באהארצט אריין אין א שיפֿל און האָבן זיך געשיפֿט איבער דער פּיאטיגנילעווקע. תחילת האָבן זיי אפֿילו זיך געשראָקן, סענדערלען האָט זיך פֿארדרייט דער קאָפּ און ער האָט געצאפּלט מיט הענט און פֿיס, אָט, אָט, האָט ער געמיינט, קערט זיך דאָס שיפֿל אום און ער פֿאלט אריין אין טיפֿע אָפּ־גרונטן פֿונעם טייך, ס׳איז אן עק פֿון זיין לעבן און זיין ווייב בלייבט אן אייביקע עגונה, נאָר דערנאָך איז אים געוואָרן אביסל בעסער.

— נישקשה, סענדערל, — האָט בנימין אים געטרייסט, אז זיי זענען ארויס אויפֿן ברעג, — זאָל דיך נישט וואָרן, וואָס דער קאָפּ דרייט זיך און עס ווערט עפּעס נישט גוט. דאָס איז די ים־קראנקהייט, וואָס איטלעכער מוז זי ליידן, אז ער פֿאָרט דעם ערשטן מאָל אויפֿן ים. דעם צווייטן מאָל, וועסטו זען, וועט זיין בעסער און דו וועסט שוין גאָרנישט פֿילן.

פֿון יענער צייט אָן פֿלעגן אונדזערע פֿארשווינען זייער אָפּט פֿאָרן אויפֿן טייך און דערפֿון גרויס תענוג געהאט. זיי זענען ביי זיך געוואָרן אזוי שטארק, אז איבערשיפֿן זיך דעם ים, האָט זיך זיי געדאכט, איז א שפּיל.

בנימין פֿלעגט דורך סענדערלען זיך ארייגלאָזן אין א שמועס מיט דעם לאָדאָטשניק און אים פֿארוואָרפֿן מיט קשיות, ווי א שטיינער: פֿרעג נאָר, סענדערל, דעם קאפּיטאן, וויפֿל מייל האָבן מיר פֿונדאנען ביז דעם ים? פֿרעג אים, אויב ס׳איז דאָ עפּעס וויספּעס? וואָס פֿאר א מיני לייט וווינען דאָרט? צי וווינען צווישן זיי יידן? וועמען צאָלן זיי מס און צו וועמען זיי פֿון א גלות? אָדער, אשטייגער, אזוי: פֿרעג, סענדערל, אויף טשיקאַוועשטש, דעם ערל וועגן די בערג גיסבון און דעם כופֿר אל טור״ך? צי וויסט ער עפּעס מכוח די עשרת־השבטים? א קשיא אויף א מעשה, אפֿשר האָט ער עפּעס געהערט. וכדומה נאָך און נאָך אזעל־כע שאלות פֿלעגט אלץ בנימין הייסן פֿרעגן.

נאָר דאָס ביסל גוויאיש, וואָס סענדערל האָט זיך אויסגעלערנט רעדן, גייענדיק מיט זיין ווייב תמיד אויפֿן מארק, איז קארג געווען פֿאר אזעלכע הויכע ענינים. דינגען זיך פֿאר אייער, ציבעלעס, קארטאָפֿל, דאָס האָט ער נאָך ווי־ס׳איז געקענט, אָבער אויסטענהן זיך מיט א קאפּיטאן איבער געלערנטע זאכן, דאָס האָט ער לחלוטין נישט געקענט. ס׳איז געווען א צער־בעלי־חיים, ווי סענדערל, נעבעך, פֿלעגט זיך מוטשען אין אזא

שמועס, ער פלעגט רעדן מיט הענט און מיט פיס, ארבעטן אויף אלע כלים און אָפּגיין מיט שוויס, אז איין גאָט האָט געמעגט אויף אים רחמנות האָבן. זיין קאפּיטאן פלעגט שפּייען, טענהן, אָנקוקן אים ביז פון איין זייט, און בנימין פלעגט אים דורען א קריזש, שטורכן און קוקן אים אין מויל אריין פון דער אנדערער זייט.

— ווין טשערוואָני זשידקי ווין פּיטאיע,[1] — פלעגט סענדערל ארויס־גיין מיט אזא שפּראך, אשטייגער, ווינקענדיק מיט דער האנט אויף בנימינען.

— איז טשערוואָני זשידקאָוו יאַ זנאַ לייבקו, שמולקו, באָגאַטיע זשידקי.[2] — אזא תשובה פלעגט סענדערל באקומען פון זיין קאפּיטאן.

— ני לייבקאָ, ני, ני! ווין טשערוואָני זשידקי פּיטאיע, טאמאָטשקא, ווי זאָגט מען עפּעס, נו, טאמאָטשקא, לעבן בערגעלע גיסבון.[3]

— גיסבאָנא, זשידקאָ גיסבאָנא?[4]

— זאָג אים, — סענדערל, — פלעגט בנימין שרייען!, — זאָגן זאָלסטו אים — א בארג! מאָל אים אויס, ווי דו קאָנסט.

סענדערל פלעגט צונויפשטעלן הויך די הענט, אויסצומאָלן דערמיט אַ בערגעלע, און שרייען דערביי: העט־העט וויסאָקאָ![5]

— טפו! — פלעגט דער ערל אויסשפּייען, אויסבטלען אויף סענ־דערלען חלומות און אים אָפּשיקן צו אלדי שווארצע יאָר.

פון זיינע נסיעות אויף דער פּיאטיגנילעווקע דערציילט בנימין חי־דושים, ווונדערלעכע זאכן, וואָס האָבן אין דער וועלט א רעש אָנגע־מאכט. מיר וועלן דערפון דאָ נאָר א מקצת ארויסשטעלן.

שיפנדיק זיך איינמאָל אויף דער פּיאטיגנילעווקע, האָט בנימין דאָרט דערזען אין דער מיט טייך א גאנץ גרויס אָרט, וואָס איז געווען גרין באוואקסן און מיט זיין גרינקייט די אויגן פארנומען. ער האָט געמיינט, דאָס איז א וויספּע באוואקסן מיט גראָז אי מיט שמעקנדיקע קרייטעכ־צער. אז ער האָט ארויסגעשטעלט א פוס און שוין געוואָלט א שפּרונג געבן אויף דער וויספּע, האָט דער קאפּיטאן פון דער לאָדקע אים פלוצעם א כאפּ געטאָן פון הינטן מיט א געשריי און א שליידער געגעבן אים

---

[1] ער רויטע יידעלעך ער פרעגט.

[2] פון רויטע יידעלעך קען איך לייבקען, שמולקען, — רייכע יידלעך.

[3] נישט לייבקע, ניין, ניין! ער רויטע יידלעך פרעגט, דאָרטן... נו דאָרטן...:

[4] גיסבאָנא, אַ יידל גיסבאָנא?

[5] העט-העט הויך.

צוריק אין דעם שיפעלע מיט דעם גאַנצן כוח אַזוי, אַז ער איז אַ היפּשע צייט געבליבן שטאַרק פאַרדולט. ער האָט מער נישט געהערט, ווי אַרום דעם שיפעלע קאָכט, רעשט זיך, גלייך ווי עס ראַנגלט זיך מיט עפּעס, און עס גייט מיט גרויס מי זיין וועג. און אַז ער איז שפּעטער צו זיך געקומען, האָט אים דער ערל געזאָגט, אַז ער איז געווען אין אַ גרויסער סכנה דערטרונקען צו ווערן אין דעם גרינקייט, וואָרעם דאָס גרינקייט איז נישט קיין וויספּע, ווי ער האָט געמיינט, נאָר דאָס איז נאָר דער צוויט, וואָס די פּיאַטיגנילעווקע צוויטעט אַלע יאָר.

איך אָבער, — אַזוי שרייבט בנימין, — האָב מיך נישט געקאָנט לאָזן איינרעדן, אַז דאָס זאָל זיין צוויט. אמת טאַקע, אַ ריח עפּעס האָט עס געהאַט, נאָר זינט איך לעב האָב איך נישט געהערט און אויך אין מיינע ספרים נישט באַגעגנט, אַז וואַסער זאָל צוויטען. ווען עס זאָל צוויטען, וואָלט דאָך דערויף באַדאַרפט וואַקסן דערנאָך עפּעס אַ מין פּרי, וואָס מען מאַכט דערויף אַ ברכה בורא פּרי המים! איך האָלט גאָר אין דער סברה, אַז דאָס איז דער משונה גרויסער ים־פיש כ ל יי נ "א, פון וועלכן ס'איז דאָ זייער אַ שייגער שמועס אין דעם ספר „צל־עולם" מיט די דאָזיקע ווערטער: „דער שרעקלעך גרויסער פיש באַדעקט זיך מיט גראָז און מיט ערד, ביז ער זעט אויס ווי אַ גרויסע וויספּע, און אַמאָל מיי־נען די, וואָס זעגלען אין ים, אַז דאָס איז אַ שיינער באַרג, זיי שטעלן זיך דערויף, טוען וואָס זיי באַדאַרפן, קאָכן מאכלים, און אַז דעם פיש ווערט וואַרעם פונעם פייער, טונקט ער זיך אונטער אין די אָפּגרינטן און אַלע, וואָס האָבן אויף אים געלאַגערט, ווערן דערטרונקען". דערמיט טאַקע איז אַ שטאַרקע אייזערנע ראיה צו יענע ווילדע הקרנים, וואָס האַלטן, אַז די גלופּסקער איינוווינער וואַקסן פון הינדיא"ה. זעגלענדיק פון דאָרט איבער דער פּיאַטיגנילעווקע אין די אַלטע יאָרן, האָבן זיי מיט זיך פאַרשלעפּט דעם כ ל יי נ "א, וואָס האַלט זיך אויף באמת אין הינדיא"ה און וואָס זיין טבע איז נאָכצולויפן נאָך די שיפן.

אַז בנימין האָט איינמאָל אַריינגעקוקט אין טייך, האָט ער דאָרט דערזען טיף אין וואַסער עפּעס מיני באַשעפענישן, אַקוראַט גלייך צו די נעשטאַלטן פון ווייבער.

„גאָר גאַנץ לאַנג, — זאָגט בנימין, — האָב איך געלייענט אין ספרים, אַז אין וואַסער זענען דאָ ים־מענטשן, און דער מחבר פון „צל־עולם" זאָגט דערויף בתורת־עדות אַזוי: דער קאָפּ, דער גוף, דאָס פּנים און די בריסט זייערע זעען אויס ווי אַ בתולה און זינגען זייער שיין און זיי הייסן שריינ"א. פון אַלטע אמתע מענטשן, וואָס מען מעג זיי גלייבן

אויפֿן וואָרט, האָב איך אויך געהערט דערציילנדיק, אז זיי האָבן אליין געזען אזעלכע ים־מענטשן ביי קאָמעדיאַנטן, וואָס פֿלעגן געווינטלעך נאָך דער קאָמעדיע זיי ווייזן יעדערן פֿאר עטלעכע גראָשן, נאָר היינט האָב איך עס דערלעבט צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן. איך האָב מיט גרויס וווּנדער געוויזן אויף די בתולות דעם ערל און ער האָט מיר געוויזן אויף עפּעס וועשינס, וואָס זענען געשטאַנען ביים ברעג טייך און געוואַשן גרעט. איך ווייז אים אונטן אין וואסער, און ער ווייזט מיר אויבן אויפֿן ברעג. און ווייל מיר האָבן איינער דעם אנדערנס לשון נישט פֿארשטאַנען, האָט ער נישט געוווּסט, וואָס איך ווייז אים, און איך האָב נישט געוווּסט, וואָס ער ווייזט מיר, און איך האָב פֿון אים מכוח דעם גאָרנישט געקאָנט דערגיין".

נישט ווייט פֿונעם ברעג לעבן דער שטאָט האָט בנימין געזען אזא אָרט אין טייך, וווּ דאָס וואסער איז משונה געדיכט, ערטערווייז איז עס פֿארגליווערט עפּעס ווי דריליעס און ערטערווייז איז דאָס וואסער נאָך געדיכטער. פֿון דעם דאָזיקן וואסער פֿירן די וואסער־פֿירער צו די באַלעבאַטים אין די הייזער. דאָרט ווערן די געדיכטע דריליעס צעפּירט מיט פּראָסט וואסער אין דער פֿאַס און מען קאָכט דערמיט אלע מאכלים.

„איך אליין, זאָגט בנימין, האָב דאָס געקעכטס פֿון אזא וואסער געגעסן, איך זאָל אזוי עסן פֿון דער סעודה־של־לויתן, עס האָט געהאַט דעם זיבעטן טעם. א ראָסל־פֿלייש דערפֿון איז א מאכל־מלכים. איך האָב אָנגעלייגט מיט דעם וואסער פֿולע קעשענעס און געהייסן סענדערלען מאכן דערפֿון א פּעקל, מחמת אויף אונדזער ווייטער נסיעה אין ימים און מדבריות קאָן עס זייער גוט צונוץ קומען."

לוסטיק און פֿריילעך זענען איינמאָל נאָכמיטאָג אונדזערע פֿארשווינען געגאַנגען נישט ווייט פֿון דער שטאָט, האָבן געלאַכט, געשפּאַסט, געקוקט איינער דעם אנדערן אין די אויגן אריין און עפּעס זייער שטארק הנאה געהאַט. עס האָט אויסגעזען נאָר ווי א פֿארליבט פּאָר־פֿאָלק באלד נאָך דער חתונה, וואָס שפּאַצירט זיך פֿריי אויף דעם גרינעם גראָז און קוויקט זיך מיט איטלעכס וואָרט, מיט איטלעכן קוק. נאָר וואָס זשע איז מיט אונדזערע פֿארשווינען עפּעס אזוי די שמחה געווען? פֿאָרט וואָס האָט זיי עפּעס אזוינס משונה הנאה געטאָן אז זיי זענען געשפּרונגען, האָבן אונטערגעזונגען און געמאַכט אָנשטעלן ווי ריינע משוגענע? אָט וואָס, רבותים: בלי־נדר, מאָרגן איז ביי זיי ביידע געבליבן צו פֿארלאָזן גלופּסק און אין א גוטער שעה צו זעגלען העט־אַהין...

און ווי זיי גייען זיך דאָ אַזוי לעבעדיק־פריילעך, קומט זיי אונטער פלוצעם א פורל, אויפן וואָגן זיצן צוויי יידלעך, איינער טרייבט אָן און דער אנדערער זיצט אָנגעבויגן אויף דער זייט, דאָס היטל איז אים פאר־רוקט און ער האלט אין מויל א שטרויעלע, — זייער גוטע סימנים, אז דאָס יידישע קעפל טראכט דענסטמאָל עפעס אן אייבער־הסברהלע און דרייט זיך משונה שטארק.

די צוויי יידן האָבן אָנגעקוקט אונדזערע לוסטיקע פארשוינען, זיי באטראכט פון קאָפּ ביז די פיס און זיך אריינגעלאָזט דערנאָך מיט זיי אין א שמועס. די ערשטע שאלה איז, ווי דער שטייגער איז, געווען: פונוואנען זענען עס יידן? דערנאָך — מה שמיכם? און דערנאָך דאָס איבעריקע צעטל שאלות, וואָס יידן פרעגן געוויינטלעך איינער דעם אנ־דערן ביים ערשטן באגעגעניש. מער האָבן אונדזערע פארשוינען נישט באדארפט, זיי האָבן געעפנט א מויל און זיך גענומען דערציילן אלצ־דינג, ווי מען זאָגט, וואָס אויף דער לונג — דאָס אויף דער צונג. די יידן האָבן זיך אָנגעקוקט מיט א שמייכעלע, זיך געשושקעט אביסל און דער ייד מיטן פאררוקטן היטל אי מיט דעם שטרויעלע אין מויל האָט דערביי געמאכט: — עט, נישקשה, עס וועט אָפּגיין, נאָר אין ערגסטן פאל איז נאָך עטלעכע ממתקים...

— ווייסט איר וואָס? — האָבן די יידן צום סוף זיך אָנגערופן. — אונדזער שטאָט מעג, כ'לעבן, אויך די זכיה האָבן צו זען ביי זיך אזעלכע צוויי פיינע מענטשן, מיר בעטן אייך זייער שיין, אָט, כ'לעבן, טוט אונדז אָן דעם כבוד און זעצט זיך, זייט מוחל, באלד טאקע מיט אונדז אויף, נישט לאנג געטענהט, מיר זענען אייך ערב, אז מען וועט אייך ביי אונדז זייער שיין צונעמען מיט עסן, מיט טרינקען און מיט וואָס נאָר מעגלעך.

— מיר וואָלטן עס אייך בנאמנות צוליב געטאָן, — האָט בנימין געענטפערט, — נאָר ביי אונדז איז געבליבן מאָרגן בלי נדר פונדאנען זיך צו לאָזן מיט דעם וואסער.

— האָט נישט קיין פאריבל, — האָבן די יידן געטענהט, — איר רעדט, כ'לעבן, גארישקייטן. אויך מיר א וואסער, די פיאטיגנילעווקע! זי איז, מחילה, א פישגריבל, א טינוף, א פארשטונקענע בלאָטע, א פארצווייטעטע, פארשימלטע לוזשע. ביי אונדז האָט איר דעם דניעפּער, וואָס פאלט גלייך אין ים אריין. פון אונדז וועט איר טאקע, אם־ירצה־השם, גיך און געשווינד קומען אהין אין אייער רו אריין. עקשנט זיך נישט, כ'לעבן, היידא ארויף אויפן וואָגן.

— וואָס זאָגסטו, סענדערל? — האָט בנימין זיך אָנגערופן. — לאָמיר אפשר טאקע די יידן צוליב טאָן און פאָרן.

— וואָס פאר א דאגה איך האָב, — האָט סענדערל געענטפערט.

— אז דו ווילסט פאָרן, זאָל זיין פאָרן.

עס האָט נישט געדויערט לאנג, זענען אונדזערע פארשוינען שוין געזעסן אין וואָגן שטארק צופרידן אויף דעם כבוד, וואָס מען פארבעט זיי צוגאסט, און האָבן זיך פאָרגעשטעלט גדולות. א וועג האָבן זיי גע־האט זייער א פריילעכן. די יידן האָבן אויף זיי געהאט אן אויג און פשוט געהיט זייערע טריט, האָבן זיי צוגעפילעוועט מיט עסן און טרינקען אזוי ווי א קימפעטאָרין. אונדזערע פארשוינען האָט זיך אזוינס אין זייער לעבן נישט געחלומט.

אויף דעם צווייטן טאָג פארנאכט זענען זיי אָנגעקומען בשלום קיין דניעפּראָוויעץ. די יידן זענען מיט זיי פארפאָרן אויף א סטאנציע און געמאכט פאר זיי א גוטע וועטשערע.

— היינט זייט איר פון א וועג מיד, שלעפעריק, — האָבן די יידן געזאָגט — בכן איז גלייכער, איר זאָלט זיך לייגן פארפרי אויסרוען. מאָרגן, אם־ירצה־השם, אז איר וועט אויפשטיין געזונט, פריש און שטארק, וועלן מיר אייך פירן צו עטלעכע גרויסע לייט, פארוואָרפן פאר אייך א גוט וואָרט, און אז זיי וועלן אייך אויפנעמען, זייט איר שוין פאר־זאָרגט מיט אלע אייערע הצטרכותן און וועט קאָנען גיך און באלד מאכן אייער ווייטע נסיעה. א גוטע נאכט!

— א גוטע נאכט, א גוט יאָר! — האָבן אונדזערע פארשוינען גע־ענטפערט. באלד טאקע האָבן זיי אָפּגעלייענט קריאת־שמע, זיך גע־גלעט אביסל דאָס בייכל, געגענעצט, געקראצט זיך, ווי דער שטייגער איז, און זיך געלייגט מיט א פריילעך געמיט שלאָפן.

דאָס צוועלפטע קאפּיטל

ווי מען פירט אונדזערע פארשוינען אין באָד

— געוואלד, ווידוי, כאָטש אָפּזאָגן ווידוי! — האָט סענדערל פונעם שלאָף נישט מיט זיין קול געשריגן און אויפגעוועקט מיט זיין געשריי בנימינען.

בנימין איז נישט־טויט־נישט־לעבעדיק אראָפּגעשפרונגען פון זיין

געלעגער, האָט אינדערגיך אָפּגעגאָסן נעגלוואסער און איז צוגעלאָפן צו סענדערלען זען, וואָס טוט זיך מיט אים אזוינס.

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן צו גרויען אויף טאָג און אומעטום איז געווען שטיל, מען האָט נאָר געהערט א כראָפּען פון שלאָפנדיקע מענטשן אין דער גאנצער שטוב, איטלעכער האָט געכראָפּעט אויף זיין שטייגער: דער אויף א קול פון א באנדורע, יענער אויף טרומייט, איינער האָט עס געמאכט שטיל בקיצור, דער אנדערער האָט עס געצויגן העכער, העכער אויף דריי גאָרן, דערנאָך אויסגעלאָזט מיט א דריי, מיט א בייזער, ווי איינער פרעגט א שטארקע קשיא, און צוגעפּויקט מיט די באקן. איניינעם איז עס געווען א גאַנץ־קאָנצערט, אין וועלכן די נעזער האָבן געטריי געארבעט אויף אלע כלים און צוגעשפּילט לכבוד די באַרימטע דניעפּראָוויצער וואנצן, בשעת זיי האָבן געשמאק געגעסן די שלאָפנדיקע און געטרונקען זייער בלוט — יידיש בלוט!

דניעפּראָוויעץ האָט א לאנגע צייט געפּאשעט אירע וואנצן, אירע מענטשן־פרעסער דאָרט אין דעם שרעקלעכן איינפאָרהויז, אין דער וויסטער אָפּגעזונדערטער יידישער אכסניא. ווו א וואנץ אין עפּעס א קווארטאל, איז אלץ אהינצו געקראָכן און געזויגן, געצאַפּט יידיש בלוט... קומענדיק קיין דניעפּראָוויעץ איז שוין א ייד מוכן־ומזומן געווען, אז ס'וועט אים קאָסטן אביסל בלוט און אָן אזא כאבאר איז גאָר קיין סברה נישט זיך אויסצודרייען. ביים שוין, ביים, דו „דניעפּראָוויעצק", שטינק שוין, שטינק, דו ווענצעלע, שרייב שוין, שרייב דיינע בלוטיקע צייכנס און טראָג זיך, גיי צו אלדי שווארצע יאָר! —

— וואָס שרייסטו אזוי, סענדערל? — האָט בנימין אים געפרעגט צוגייענדיק צו זיין געלעגער. — אוודאי א וואנץ האָט דיך געמוזט שטארק א בים טאָן? א שרעק, וויפל דאָ איז וואנצן, זיי האָבן א גאנצע נאכט מיך נישט געלאָזט אן אויג צוטאָן. ערשט נישט לאנג וואָס איך בין אנטשלאָפן געוואָרן.

— אי, אי, גיכער, לאָמיר גיכער אנטלויפן! — האָט סענדערל געשריגן נאָך אלץ פארדולט.

— גאָט איז מיט דיר, סענדערל! וואָס רעדסטו? מילא, מה־רעש, אז א וואנץ גיט א ביס? דערויף איז זי דאָך א וואנץ און דו ביסט א מענטש...

סענדערל האָט אקעגן א פּאָר מינוט אָנגעקוקט בנימינען ווי צעמישט, דערנאָך זיך אויסגעריבן די אויגן און געזאָגט מיט א זיפץ:

— אוי, עס האָט זיך מיר געחלומט זייער א שרעקלעכער חלום: הלוואי דערפון זאָל זיך גאָרנישט אויסלאָזן.

— עט, מאלע וואָס א מענטשן חלומט זיך אמאָל, — האָט בנימין געמאכט. — מיר האָט זיך היינט געחלומט: עפּעס א פּיפּערנאָטער קומט צו מיר געשווינד צו, קוקט מיך שטארק אָן און זאָגט צו מיר: איר זייט עס רב בנימין פון טוגעיאדעווקע? קומט, זייט מוחל, מיט מיר אהין, אהין, אלעקסאנדער מוקדון שטייט דאָרט מיט זיין חייל און הלשט מיט אייך זיך צו באקענען. איך גיב מיך א לאָז, דער פּיפּערנאָטער לויפט פאָרויס, איך נאָך אים. „איר לויפט, אָן עין־הרע, געשווינד, ווי א פייל־אויסן־בויגן, איך קאָן אייך גאָרנישט אָניאָגן“ — הער איך עמעצן שרייענדיק הינטער מיר. איך קער מיך אום און דערזע אלעקסאנדער מוקדון. — אדוני מלך! — שריי איך, כאפּ אים ביי דער האנט, קוועטש און קוועטש, עס פארגייט מיר אָבער פּלוצעם אין דער גאָז עפּעס א מין שרעקלעכער געשמאנק, טאקע נאָר צום חלשן. איך כאפּ מיך אויף און זון פיל אין דער האנט א צעקוועטשטע וואנץ... טפו זאָל עס ווערן! טאָ שפּיי, כ'לעבן, דריי מאָל אויס, סענדערל, און פארגעס דיין חלום. וואָס האָט דיר אזעלכעס זיך געחלומט?

— טפו, טפו, טפו! — האָט סענדערל בתמימות דריי מאָל אויס־געשפּיגן און דערציילט זיין חלום:

— מיר האָט זיך געחלומט, ווי איך גיי מיר גלאט אזוי אויף דער גאס און פארגיי מיר העט־ווייט. פּלוצעם גיט מען מיך פון הינטן א כאפּ און מען ווארפט מיך אין א זאק אריין, מען טראָגט מיך אזוי אין דעם זאק, מען טראָגט מיך, טראָגט, ביז מען האָט מיך ערגעץ עפּעס פארטראָגן. איך פיל, ווי עמעצער בינדט דעם זאק אויף און דערלאנגט מיר א פּאטש, טאקע וואָס א פּאטש הייסט, אז צוויי ציין זענען מיר ארויסגעפאלן. „דאָס האָסטו דיר ערשט אן אדערויף, — הער איך, ווי מען זאָגט, — אינגאנצן וועל איך דיר סילוקן שפּעטער.“ איך גיב א בליק — מיין ווייב אין א ספּאָדעק שטייט מיר אקעגן שטארק אין כעס, די אויגן ברענען איר ווי א העליש פייער און פונעם מויל זעצט איר ארויס א שוים. „ווארט נאָר אביסל, ווארט, תכשיט מיינער, — זאָגט זי מיט א בייזן געלעכטער, — איך וועל גיין נעמען די קאָטשערע און דיר ווייזן, וואָס פאר א גאָט מיר האָבן.“ ווי זי גייט נעמען די קאָטשערע, אז מיי־נער כאפּט די פּיס אויף די פּלייצעס און אוועק, אוועק, אוועק. איך לויף און לויף און קום צו לויפן אין עפּעס א קרעטשמע. אין דער קרעטשמע איז פינצטער, גליטשיק, נישטאָ קיין נפש. איך לייג מיך אין א ווינקל, מאך צו די אויגן און שלאָף. ווי איך שלאָף, קומט דער זיידע רב סענדערל,

עליו־השלום, צו מיר צו גיין, זייער אומעטיק, מיט פארוויינטע אויגן און זאָגט: „סענדערל מיין קינד, שלאָף נישט, ווי גאָט איז דיר ליב, סענדערל, שטיי אויף, שטיי אויף, סענדערל, און לויף פונדאנען אוועק! אוועק, סענדערל, וווהין די אויגן טראָגן, דו ביסט אין א סכנה!“ איך וויל אויפשטיין, אָבער איך קאָן מיך נישט רירן, גלייך ווי מען האלט מיך צו. איך נעם מיך צום קאָפּ און טאפּ אויף מיר אָן עפּעס א קאָפּקע. הע־הע, איך בין גאָר נישט סענדערל, איך בין, מחילה, גאָר א יידענע, אָן א סימן באָרד, טראָג עפּעס א מין ייפּע און מיין בויך, מיין בויך, נישט פאר קיין יידן געדאכט, טוט מיר שרעקלעך וויי! — נישקשה, — רופט איינער עפּעס זיך אָן, ביי אן ערשטלינג גייט עס תמיד אביסל שווער צו. — אוי, פּעטער, פּעטער! — שריי איך אין איין אָטעם. ס'איז גאָר נישט פאר מיינע כוחות, אָט, אָט פאל איך חלשות. „א קולאק אין דער פּאָטילעצע איז דערצו זייער א גוטע סגולה, דערמיט קאָן איך דיך מונטערן, — זאָגט דער פּעטער, און לאָזט מיר טאקע אראָפּ עטלעכע קולאקעס. — נא דיר פאר פריער, פאר אצינד, אי פאר שפּעטער“, — מאכט ער דערביי, דרייט זיך אוים און ווערט פארשוווּנדן. איך ליג אין איינע צרות, ליג און ליג, ביז גאָט העלפט מיר, איך גיב מיך א ריס מיט געוואלד און שטיי אויף. איך לויף צו גיך צו דער טיר, זי איז פארשפּארט. איך קלאפּ, קלאפּ און קלאפּ, אומזיסט די מי. פּלוצעם שפּרינגט די טיר זיך אויף, און ווי איך שטעל ארוים א פוס, כאפּן מיך גזלנים און פירן מיך אוועק עפּעס אין א הייל. דאָרט נעמען זיי ארוים א חלף און ווילן מיך קוילען. ווי זיי האלטן דעם חלף מיר אויפן האלדז, שריי איך: געוואלד! לאָזט מיך כאָטש אָפּזאָגן ווידוי! — אָט דאָס האָסטו דיר, בנימין, מיין חלום, הלוואי זאָל ער זיין צו גוטן.

— שפּיי אוים, סענדערל, נאָך דריי מאָל, — האָט בנימין אים אן עצה געגעבן, — און שלאָג דיר דיין חלום פונעם קאָפּ ארוים. איבעריקנס, אויב דו ווילסט, שטיי אויף, ס'איז שוין טאָג, און זאָג עטלעכע קאפּיטל תהילים.

סענדערל איז מיט א זיפץ אראָפּ פון זיין געלעגער, האָט אָפּגעגאָסן נעגלוואסער, אָנגעטאָן זיין כאלאטל און ארויסבאקומען זיין תהילים עברי־טייטש. עס האָט זיך אויפגעמישט דאָס צענטע קאפּיטל, ביי וועלכן ער האָט געהאלטן, און ער האָט מיט אן אומעטיקן ניגון אָנגעהויבן:

וואָס שטייסטו, גאָט, פונווייטן,

פארבאָרגסט זיך אין שלעכטע צייטן?

זיין ניגונדל איז געוואָרן טרויעריקער און רירנדיקער ווייטער א ביסל ביי די דאָזיקע פּסוקים:

ער זיצט אין ערגעץ א פארטאיעט אָרט,
אין שטילן טייט ער דעם ערלעכן דאָרט;
די אויגן דרייען אים זיך הין און צוריק,
אויפן אָרעמען האָבן זיי א שטארקן קוק;
ווי א לייב אין זיין נאָרע לויערט אויך ער,
ער לויערט צו כאפּן דעם אָרעמען אהער.
דערלאנגט דעם אָרעמען שוין טאקע א כאפּ,
אבי מיט זיין נעץ א צי נאָר, א קלאפּ.

אז סענדערל האָט אָפּגעזאָגט תהילים, איז שוין געוואָרן רעכט טאָג, אלע מענטשן אין שטוב זענען שוין אויפגעשטאנען. א גרויסער סאמאָוואר, ווי א קעסל, האָט שטארק געקאָכט אויפן טיש און דער עולם האָט געטרונקען טיי. בנימינען און סענדערלען האָט מען אויך גע־געבן צו גלעזלעך ווארעמס. זיי האָבן אביסל זיך דערפרישט און פריי־לעכער געוואָרן.

די שטוב, וואָס פריער אביסל איז זי געווען א ספּאַלניע, דערנאָך א טשאינע, איז פּלוצעם געוואָרן א קלייזל. עס האָבן זיך פארקאטשעט ארבל, זיך אנטפּלעקט נאקעטע יידישע אָרעמס: רויטיקע, גלאטע, דארע, פעטע, שווארצע, ווייסע, טונקעלע, פון אלערליי קאָלירן און געשטאלטן, איטלעכער איז ארייין אין טלית־און־תפילין און געגעבן א דאוון.

אונדזערע צוויי יידן האָבן געדאוונט געשמאק, זיך געפּיעסטעט, גע־קרימט, געמאכט חנדלעך און פּיסקלעך, ווי אמת צעבראָכענע יידן, זיי האָבן אוועקגעטענהט מיטן רבונו־של־עולם אליין: טאטעניו! פּאָטערוניו! און שהיות געמאכט אין דאוונען מער פון אלע אנדערע. נאָכן דאוונען האָבן זיי גענומען צו קעליעשקעלעך שליש, א זופּ געטאָן פריער, זיך פּאָסמאקעוועט און אויף דער נאָז זענען ארויסגעטראָטן רויט־גלאנצנדי־קע ווייִנפּערלעך, דערנאָך האָבן זיי געמאכט צום גאנצן עולם: לחיים, לחיים! און צוגעווינטשעוועט: דער אייבערשטער זאָל שוין רחמנות האָבן אויפן גאנצן כלל־ישראל, נעבעך! האָבן פארגלאָצט דערביי די אויגן, געטאָן א שטילן זיפץ און ארייינגעגאָסן אין זיך דאָס קעליעשקל. א סימן, דאָס זענען געווען נישט קיין פּראָסטע יידן, נאָר פרומע, כשרע, שיינע יידן.

איינער פון די דאָזיקע שיינע יידן איז דערווייל אוועקגעגאנגען אין דער שטאָט און האָט זיך דאָרט פארזאמט אקעגן א פּאָר שעה. אז ער איז צוריק געקומען, האָט דער חבר זיינער אים ארייינגעקוקט אין פּנים, וואָס האָט באשיימפּערלעך געלויכטן, און ביידע זענען געווען זייער צו־פרידן. זיי האָבן געהייסן גרייטן צום טיש, זיך געגאוגט וואשן און אי־

בערגעקוקט פריער די קוואָרט, ווי דער שטייגער איז פון שיינע יידן, האָבן געבעטן אונדזערע פּאַרשוינען, זאָלן אויך זיך וואַשן און מוחל זיין זיך זעצן מיט זיי אינאיינעם עפּעס איבערצובייסן. ביים טיש זענען זיי געווען לוסטיק, האָבן געלויבט די באַלעבאָסטע פאַר אירע גוטע מאכלים און משונה פון איר הנאה געהאַט. זיי האָבן זיך אריינגעלאָזט אין א שמועס, גערעדט מכוח דעם כלל יידן, ווי ס'איז שוין טאקע צייט זיי זאָלן, נעבעך, אויפגעריכט ווערן, פאַרוואָס קומט אזא פאָלק, אזא טייער פאָלק זאָל, נעבעך, אזוי פאַרשוואַרצט ווערן? זיי האָבן זיך צעלאָזט אין די שבחים פון די כנסת־ישראל, געלויבט אין טאָג אריין דאָס יידישע קעפּל.

— וואָס קענען דען יידן נישט? אלע חכמות פון דער וועלט, ווי דער טעלעגראַף, אייזנבאַן און נאָך אזעלכע זאכענישן געפינט מען נאָך גאַנץ לאַנג ביי יידן. נאָר דאָס אלצדינג איז נאָך פון די קלייניקייטן. דער עיקר איז גאָר עפּעס אנדערש, דאָס פּינטעלע, דאָס פּינטעלע — אָט וואָס דער עיקר איז...

זיי האָבן זיך ארויפגעכאַפּט אויף די אפּיקורסים, אויף די היינטיקע מאָדנע געלערנטע, פאַרשאָלטן זיי דאָס געביין, געשפּיגן קלעק אויף זיי אינגאַנצן און אויף די שקאָלעס, וואָס מען לערנט דאָרט טרפה־פּסול אָן א היטל.

— באַלד וועט טאקע זיין א פּרק משניות א רענדל און א פּראָשעניע אָנשרייבן א גילדן. אוי, איז היינט א וועלט, א שיינע וועלט, כ'לעבן!...

אזוי האָבן זיי אלץ גערעדט און זענען איבערגעגאַנגען דערפון אויף א שמועס מכוח דער נסיעה פון אונדזערע פּאַרשוינען.

— מיר ווינטשן אייך, — האָבן זיי געזאָגט, — השם־יתברך זאָל חסד טאָן און ממלא זיין דאָס אלצדינג, וואָס מיר באַגערן אין אייך צו זען.

בנימין איז געווען אויף דעם זיבעטן הימל פון אזא ברכה, דערצו איז ער נאָך געווען, ווי זאָגט מען עפּעס, אביסל פּאַרלעקט, ער האָט געעפּנט א מויל און גערעדט פאַר פייער אי פאַר וואַסער.

— ווייסט איר וואָס, רב בנימין, רב סענדערל! — האָבן די יידן געזאָגט צעצויגן, נאָכדעם אז זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פונעם טיש. — מיר וועלן זיך נוהג זיין בפּשטות, ווי פּראָסטע יידן, אזוי ווי אונדזערע עלטערן האָבן זיך נוהג געווען. נאָך א וועג וועלן מיר זיך אלע גיין אין מרחץ אריין, צעפּאַרען די ביינער. איר וועט זיך מעגן דאָרט אָפּ־

שערן אָדער אָפּגאָלן. איר וועט, כ'לעבן, ווערן גאָר אנדערע מענטשן, און נאָכן מרחץ וועלן מיר זיך געמען צו אונדזערע עסקים. אזוי טאקע, בנאמנות, אזוי וועט בפשטות טאקע זיין גוט. ס'איז אפשר א ביסל נישט היינטמאָדיש, ביי די אפּיקורסים מעג זיך א מרחץ אויסקומען עפּעס נישט שיין, נאָר מיר זענען אָבער נישט קיין געבולבעטע, אָט לאָמיר זיך נוהג זיין, ווי אונדזערע זיידעס פארצייטן.

פון א מרחץ זאָגט זיך א ייד קיינמאָל נישט אָפּ. דאָס וואָס א שענק פאר די פויערן, א טייכל פאר גענדז און קאטשקעס, דאָס איז אין הונגערט גראדן נאָך מער די באָד פאר א יידן. דעם טעם, וואָס א ייד פילט אין א באָד, קאָן עס קיין אומה־ולשון גאָר נישט פילן. די באָד האָט ביי אים א גרויסע שייכות מיט זיין רעליגיע, מיט זיינע אינעווייניקסטע געפילן און מיט זיין פאמיליע־לעבן. קיין יידישע נשמה רירט זיך נישט פונעם הימל אריינצוקריכן ערגעץ אין א בויד, מען קאָן זי נישט געמען, איינבעטן דורך קיין שום זאך, סיידן נאָר דורך א באָד. דאָ איז די הויפּט־אגענטור, די צענטראלע קאָנטאָר צווישן דעם הימל מיט דער ערד. איידער א ייד ווערט נאָך געבוירן, איידער נאָך עס ווארפט זיך אין אים אן אבר, ווייסט מען שוין פון אים אין דער דאָזיקער קאָנטאָר פונעם בעדער מיט דער בעדערקע ביז דער טוקערקע און דער ביטלמאכערין. די נשמה־יתרה שבת און יום־טוב פילט אין זיך נישט אזוי א ייד, ווען ער שווענקט זיך פריער נישט אָפּ אין באָד. אָן דעם איז ער עפּעס אלטגעבאקן, נישט פריש. קוקט אָן א יידן פרייטיק קומענדיק פונעם מרחץ, ער בליט, ער איז יונגער מיט עטלעכע יאָר, דער יידישער פונק ברענט אין אים און לייכט ארויס פון זיינע אויגן. אלע זיינע געפילן זענען עפּעס שארפער, פרישער, דער ריח פון די געפילטע פיש און פון דעם איינגעפלעטן צימעס פארגייט אים, ווי קטורת, אין דער נאָז. זי שמעקט, שמאָרעט און איז מקבל־תענוג. עס זינגט זיך אים עפּעס אויפן הארץ, ער גיט קאָנצערט אין טראָפּ, קנאקט ווי א סאָלאָוויי שיר־השירים, צעפיעסטעט זיך דאָרט ווי א קינד, צעפלאקערט זיך, צעהיצט זיך און איז האלב אויף יענעם עולם... אין באָד קומט א ייד ווי אין א פאָטערלאנד, ווי אין א פרייער מדינה, וווּ איטלעכער האָט א גלייכע דעה, וווּ עס שטייט פאר אים פריי צו דערגרייכן גלייך מיט אנדערע א הויכע שטופע — ארויפקריכן אויף דער אייבערשטער באנק, דערמינטערן זיין פארומערטע נשמה, כאָטש אויף א שעה אויסגלייכן זיינע ביינער און אראָפּווארפן פון זיך זיין פּעקל דאגות און יסורים. אָט וואָס א באָד איז ביי יידן!

דעריבער איז דער פּלאַן פון אין=מרחץ=גיין אונדזערע פּאַרשוינען געווען שטאַרק לרצון. זיי האָבן נישט געמאַכט קיין גרויסע הכנות און אין עטלעכע מינוט אַרום זענען זיי שוין געגאַנגען מיט די צוויי שיינע יידן.

אונדזערע פּאַרשוינען האָבן זיך פאָרגעשטעלט א באָד, ווי געוויינטלעך א מרחץ איז אין די יידישע שטעטלעך, עפּעס א מין בנין, שוואַרץ, פאַרשמירט פונדרויסן, באַרג=אַראָפּ ערגעץ אין א העק מיט א שווערן צוטריט אהינצו אויף שמאָלע צעבראָכענע קלאַדקעס; און אז די יידן זענען צוגעקומען צו א שיינער דרייגאָרנדיקער מויער, סאַמע אין דער מיט גאַס, און געזאָגט: „אָט דאָס איז די באָד“, האָבן זיי פאַרריסן די אויגן און געקוקט שרעקלעך פאַרוואונדערט.

— איר זענט נאָך טאַקע גאָר אמתע פּריצן, — האָבן די יידן פון זיי געשפּאַסט. — קומט, זייט מוחל, אריין אינעווייניק, וועט איר נאָך עפּעס שענערס זען.

אריינקומענדיק אין דעם פּאָרצימער האָט אונדזערע פּאַרשוינען פאַרשיינט אין די אויגן דער געמאָלטער פּאָל מיט די אויסגעשפּרייטע סטעזשקעס. עס האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אז זיי זענען איז דעם פאַרצויבערטן שלאָס, וואָס אין בבא=מעשה און אין טויזנט מיט איין נאַכט, באַלד וועלן פּרינצעסינס, בת=מלכהס זיי מקבל=פּנים זיין. זיי וועלן זיך דאָ ווייל=טאָן און לעבן אויף וואָס די וועלט שטייט. נאָר אָנשטאָט די בת=מלכהס איז צוגעגאַנגען צו זיי א סאָלדאַט מיט אייבעלעך און האָט שיין=פיין זיי געלאָזט בעטן זיך אויסצוטאָן.

— טוט זיך, זייט מוחל, אויס. — האָבן די שיינע יידן צו זיי געזאָגט, — מיר וועלן דערווייל אריינגיין אהין באַצאָלן באָד=געלט. נישקשה, איר וועט דאָ האָבן א גוט שוויצבעדל.

אז אונדזערע פּאַרשוינען האָבן זיך אויסגעטאָן, האָבן זיי פאַרנומען זייער פּעקל זאַכן, ווי דער שטייגער איז, אויסצופּרודזען עס. קיין טויט העמדער האָט אין זייער גאַרדעראָבע זיך נישט געפונען, זיי האָבן אוועקגעטראָגן א העמד עטלעכע וואָכן. עס פאַרשטייט זיך, אז עס האָט זיי, נעבעך, געביסן און דאָס פּרודזען איז זיי געווען טאַקע נייטיק אין לעבן אריין. נאָר דער סאָלדאַט האָט ביי זיי אוועקגענומען די זאַכן און זיי אריינגעפירט אין א חדר אריין. דער חדר איז געווען אויסגעמעבלט מיט בענקלעך, אַרום א גרויסן טיש זענען דאָרט אויף שטולן געזעסן מענטשן פיין אָנגעטאָן. אונדזערע פּאַרשוינען האָבן זיך אַרומגעקוקט

אין אלע זייטן, זיי איז שטארק קשה געווען, ווו גיסט מען דאָ אויפן שטיין און ווו וועלן זיי דאָ שוויצן?

— צי טוט זשידאָווסקא באניא?[1] — האָט סענדערל א פרעג געטאָן גאָכדעם, אז בנימין האָט אים א שטורך געגעבן און אים געהייסן נישט מאַכן דאָ קיין פיל שיחות און פרעגן.

איינער פון די לייט, וואָס ארום טיש, איז צוגעגאנגען, האָט אָנגעקוקט אונדזערע נאַקעטע פארשוינען, וואָס זענען, נעבעך, געווען דאַר, אויסגעדייווערט, אָן א לויט פלייש, נאָר הויט און ביין, און געמאכט מיט זיי עפּעס א שמועס אויף מאָסקאָוויטערש.

— הא, וואָס זאָגט ער דאָ עפּעס, סענדערל? — האָט בנימין געפרעגט.

— איך זאָל דאָ אָנהייבן פארשטיין א וואָרט! — האָט סענדערל געענטפערט און געמאכט מיט די אקסלען, — נאט אייך, שטיינס-געזאָגט, אַ לשון! עפּעס זאָגט ער אַלץ: בילעט, בילעט.

— א—א, נארעלע, האָט בנימין זיך אָנגערופן, — וואָס פארשטייסטו דאָ נישט, נארעלע? דאָס איז דער בעדער, ער פאָדערט ביי אונדז א בילעט, וואָרעם אין אזא באָד מוז מען גיין אויף בילעטן. זאָג אים, אז די יידן האָבן שוין דאָך דאָ פריער באצאָלט פאר אונדזערע בילעטן.

— יאַק-זשע, פּאני, טייע זשידקי אָוזשע דאַלי טוטעטשקאַ זאַ...[2] האָט סענדערל א רעד געגעבן און איז פלוצעם געבליבן ווי דערוואָרגן, נישט געקאָנט אויספירן וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן.

— א בילעט, פּאני, ס'טייטש, זשידקי, להבדיל, פּאני, זאפלאטיל!

— איז בנימין ארויס אויף זיין לשון און האָט דערקלערט די זאך גאנץ קלאָר, קורץ און שארף.

דער דאָזיקער מענטש, וואָס איז פריער צוגעגאַנגען צו אונדזערע פארשוינען, האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט און מען האָט זיי באלד אריינגעפירט ווייטער אין א חדר, וואָס דאָרט איז מען, כפי זייער מינהג, מחויב געווען, אפנים, צו שוויצן געשמאק...

אז מען האָט בנימינען און סענדערלען שפּעטער א ביסל מיט א צייט ארויסגעלאָזט אויף דער גאס, איז שווער געווען זיי צו דערקענען, אזוי פארענדערט זענען זיי, נעבעך, געוואָרן: אָפּגעגאָלט פון פאָרנט,

---

[1] צי איז דאָ די יידישע באָד?

[2] וואָס הייסט, פּאַניע, יענע יידלעך האָבן שוין געגעבן דאָ פאַר...

אָן בערד, אָן פּאות, די אויגן פאַרדרייט, נאָר גלעזערנע, אויף דעם שטערן קאַלטע גרויסע טראָפּנס שווייס, א וואָלקן, א כמאַרע אויפן גאַנצן פּנים. איינגעניורעט, איינגעהויקערט, מיט א ציטער איבער דעם גאַנצן לייב, און ארום זיי סאָלדאַטן.

אויפן הימל האָט זיך אָנגערוקט א שוואַרצע פינצטערע כמאַרע. א בליץ האָט מיטאמאָל באַלייכט די דאָזיקע קאָמפּאַניע. באַלד דערויף האָט א דונער געגעבן שרעקלעך שטאַרק, אַז אַלע זענען פאַרציטערט געוואָרן. עס האָט זיך אויפגעהויבן א שטורעמווינט, רעדלעך שטויב האָבן זיך געטראָגן ווי די רוחות, פאַרכאַפּט אויפן וועג מיסט, שטרוי, בלעטלעך אי שטיקלעך פּאַפּיר, אַלע אינייגעם האָבן געטאַנצט עפּעס א משונהנעם טאַנץ און זיך געדרייט, געדרייט אַלץ אין דער הויך ארויף, ארויף... די טשערעדע פונעם פעלד איז געלאָפן אומרואיק מיט א געשריי און אַ רעווען, ווי אַ סטאַיע הונגעריקע וועלף וואָלטן זיי נאָכגעיאָגט. עס האָט געשטורעמט, געבליצט, געדונערט גלייך ווי דער אייבערשטער איז שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן אויף דער זינדיקער ערד און אויף אַלצדינג, וואָס דאָ גייט פאָר. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ, געבליצט מיט זיינע צאָרנדיקע אויגן, געהילכט און געשריגן, אי, אי! מיט זיין דונערנדיקן קול. עס האָט צומלעצט א זעץ געטאָן משונה א שרעקלעכער דונער, פון הימל האָט אראָפּגעקאַפּעט ווי טרערן גרויסע טראָפּנס רעגן, וואָס אין זיי האָבן זיך אויסגעמישט טראָפּן גויט-שווייס און בלוטיקע טרערן פון אונדזערע בידנע, אומגליקלעכע פאַרשוינען...

אַך, בנימין און סענדערל האָבן גאָר נישט געוווּסט, אַז נישט דווקא אין דער מדבר איז א סכנה צו רייזן - מחמת די ווילדע שלעק, עקדעשן, פּיפּערנאָטערן און חיות-רעות, וואָס דאָרט, נאָר דאָ אין די מקומות, דאָ איז ערשט די גרעסטע סכנה! יענע צייט, ווען אונדזערע פאַרשוינען האָבן געוואַנדרעוועט, איז געווען די שווערע, פינצטערע, ביטערע צייט — די צייט, ווען איין ייד האָט געזוכט צו דערטאַפּן דעם אַנדערן און

ווי א לייב אין זיין נאָרע געלויערט האָט אויך ער
געלויערט צו כאַפּן דעם בעזפּאַספּאָרטנע אָהער

און אים אָפּגעבן פאַר א פּוימענע, א קרבן פאַר זיינע, אָדער יענעמס קינדער! אַך, אונדזערע פאַרשוינען, נעבעך, האָבן נישט געוווּסט, אַז זיי געפינען זיך שוין טאַקע אין דער מדבר, צווישן ווילדע באַשעפענישן און חיות-רעות. און די צוויי שיינע כשרע יידן זענען גאָר פּיפּערנאָטערן!

דאָס דרייצנטע קאַפּיטל

זעלנער זענען, נעבעך, אונדזערע גוסעים געוואָרן

איטלעכער קאָן זיך משער זיין די שלעכטע לאַגע פון אונדזערע בידנע פאַרשווינען, ווי פינצטער און ביטער זיי איז, נעבעך, געוועזן, מיר פאַרשפּאָרן עס צו שילדערן.

די ערשטע צייט זענען זיי געווען ווי צעמישט און האָבן לחלוטין נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיט זיי טוט זיך אַזוינס. אַלצדינג איז פאַר זיי געווען פרעמד, אי די סבאָרנע, אי די סאָלדאַטן, אי דער לשון און די אַלע זאַכן, וואָס מען האָט זיי געהייסן טאָן. דער שינעל איז אויף זיי גע־האָנגען ווי א טאָרבע, ער האָט אויסגעזען טאַקע גאָר ווי א ייפּע, און דאָס היטל, מישטיינס־געזאָגט, איז געלעגן אויף זייער קאָפּ גאָר ווי א קאַפּקע. אָנקוקנדיק זיי האָט זיך געדאַכט, עפּעס איז עס אינגאַנצן גאָר אַן אָנשטעל, עפּעס האָבן צוויי יידן זיך פאַרשטעלט און מאַכן חוזק פון די אַלע זעלנער, קרימען זיי נאָך און ווייזן פאַר איטלעכן גאַנץ פריי, ווי נאַריש, מישטיינס־געזאָגט, זיי אַלע זענען מיט זייער אַלץ־מיטאַנאַנדער. אַז אָד־און־וויי צום ביקס, נעבעך, וואָס ער איז אַריינגעפאַלן צו אונדזערע פאַרשווינען. ביי זיי אין די הענט האָט ער גאָר נישט געהאַט דאָס פּנים, אַקוראַט ווי א קאָטשערע אין די הענט פון א מאַנסביל, וואָס פאָרעט זיך אין קיך ביים פּריפּעטשיק. ביי דער אוטשעניע פלעגן זיי אָפּאַרבעטן אַזעלכע שטוקעס מיט די הענטלעך און די פיסלעך, אַז ס'איז געווען גאָר א ריינע קאָמעדיע.

אין קלעפּ, פאַרשטייט זיך, זענען זיי נישט זשעדנע געווען. נאָר ווו איז דען, זאָגט מען, אין דער וועלט עפּעס א צרה, וואָס דער מענטש זאָל מיט איר נישט געוווינט ווערן? נישט נאָר דער מענטש, אַפילו אַנדערע באַשעפענישן ווערן אויך געוווינט. באַדאַרף מען מער פריי ווי א פויגל איז, פונדעסטוועגן, אַז מען פאַנגט אים און מען זעצט אים אַריין אין א שטייגעלע, געוווינט ער זיך צו ביסלעך, הייבט אָן צו פּיקן קערנער מיט אַפּעטיט, שפּרינגט און זינגט פריילעכע לידער, גלייך ווי די גאַנצע וועלט מיט אירע פעלדער און וועלדער איז פאַר אים דאָ אין דעם ענגן שטייגעלע. אונדזער סענדערל, האָט ווייטער, ווייטער טאַקע אָנגעהויבן מיט זיין לאַגע זיך צוגעוווינען. פלעגט זיך גוט צוקוקן צום מושטיר פון די זעלנער און פּרוון נאָכמאַכן זייערע אַלע שטוקעס אויף זיין שטייגער. ס'איז געווען א פרייד צוצוזען, ווי סענדערל פלעגט אָפּט פאַר זיך אַליין

איבערחזרן דעם מושטיר, זיך אויסציען גלייך ווי א סטרונקע, פאררייסן דאָס קעפּל, אָנבלאָזן די פּיסקלעך ווי א גיבור, הייבן פּיסלעך און גיין א מאַרש נאָר טאַקע ווי אן אָנגעבלאָזענער אינדיק, פלעגט זיך דרייען, דרייען און לסוף פאַרפּלאָנטען די פיסלעך און פאַלן. נאָר אַקעגן זשע בנימין אָבער — ער האָט מיט אַזעלכע זאַכן בשום־אופן נישט געקאָנט זיך געוווינען. ער איז געווען בטבע איינער פון יענע מיני פייגל, וואָס הייסן וואַנדער־פייגל, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס זייער טבע איז אַלע יאָר סוף זומער אַוועקצופליען און איבערווינטערן דאָרט אין די ווייטע וואַרעמע מקומות. די טבע צו וואַנדערווען מאַכט אַזאַ מין פויגל אַזוי שטאַרק, אַז באַם מען האַלט אים דענסטמאָל געפאַנגען אין א שטייגל, איז אים נישט ניחא דאָס לעבן. ער עסט נישט, טרינקט נישט, ער דראַפּעט זיך אויף די גלייכע ווענט און זוכט ערגעץ עפּעס א שפּאַלט אַנטרונען צו ווערן. די נסיעה אהין אין יענע ווייטע מקומות, וואָס האָט ווי א זלידניע זיך איינגעגעסן אין בנימינס קאָפּ, וואָס איז אים געוואָרן די צווייטע נאַטור, וואָס צוליב איר האָט ער אַוועקגעוואָרפן ווייב און קינדער — די דאָזיקע נסיעה האָט אים נישט געלאָזט רוען קיין רגע, האָט אים געהוייערט, גע־פּיקט דעם קאָפּ, זי האָט אין אים געבורטשעט און אַלץ געשריגן: בנימין, גיי ווייטער, ווייטער!

דערוויל איז אַוועקגעגאַנגען אַזוי דער ווינטער און אונדזער בנימין, געבעך, האָט זיך שטאַרק געמוטשעט.

איינמאָל אין א שיינעם טאָג נאָך פּסח, אַז סענדערל האָט בינו־לבין־עצמו זיך געמושטירט, איז בנימין צו אים צוגעגאַנגען מיט אַזאַ שמועס:

— כ'לעבן, סענדערל, דו ביסט א יונגל! דו שפּילסט זיך און מאַכסט עפּעס אַזעלכע קונצן ווי אַ קונדס. וואָס קאָן דערפון, איך בעט דיך, דער תכלית זיין? פאַרגעס גאָר נישט, אַז דו ביסט, ברוך השם, א באַווייבטער, דערצו נאָך אויך עפּעס א ייד, היינט צוואָס פאַרנעמסטו זיך מיט אַזעלכע זאַכענישן און לייגסט דרינען דעם גאַנצן קאָפּ דיינעם אַריין? למאי נפקא־מינה, צי מיט דעם לינקן, צי מיט דעם רעכטן פוס קרוגאָם, ווי זיי רופן עס דאָרט עפּעס, וואָס מאַכט עס אויס?

— וויים איך? — האָט סענדערל געענטפערט. — מען הייסט קרו־גאָם, זאָל זיין קרוגאָם, וואָס פאַר א דאגה איך האָב.

— און אונדזער נסיעה, זאָג נאָר, האָסטו שוין פאַרגעסן? געוואַלד, אונדזער נסיעה, אונדזער נסיעה אהין, אהין... לינדגוואָרעם, מויל־אייזל, פּיפּערנאָטער! — האָט בנימין גערעדט צעקאָכט.

— מארש, מארש, מארש! — האָט סענדערל געמאַכט און געהויבן פּיסלער.

— אַז אָך־און־וויי צו דיר, סענדערל, און צו דיין מארש! פּע, מעגסט זיך, כ'לעבן, שעמען! זאָג מיר נאָר בעסער, קודם איינער, וועלן מיר מאכן אונדזער נסיעה?

— פונמייַנעטוועגן, אָך! — האָט סענדערל געענטפערט. — אבי מען וועט אונדז נאָר לאָזן.

— וואָס טויגן מיר זיי און וואָס באַדאַרפן זיי אונדז האָבן? — האָט בנימין זיך אָנגערופן. — אדרבא, סענדערל, זאָג אַליין ביי דיין יידישקייט, אַז באַם דער שונא זאָל, חס־ושלום, קומען, וועלן דען אַזעלכע צוויי אידען ווי מיר זיך קאָנען שטעלן אים אקעגן? און אַז דו וועסט אים טויזנט מאָל זאָגן: „גיי דיר אוועק, עלע נישט מאַך איך פּוי, פּוי!“ — וועט ער דען דיך הערן? פּארקערט, ער וועט דיך גאָר אָנכאַפּן און דיין גליק וועט זיין, אַז דו וועסט לעבעדיק פון זיינע הענט ארויס. גלייב מיר, כ'לעבן, ווי איך זע, זענען מיר דאָ אינגאַנצן איבעריק, זיי וואָלטן גערן געוועז אונדזערע פּטור צו ווערן. איך האָב אליין געהערט, ווי דער עלטסטער האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט, אַז מיר זענען טאַקע גאָר אַן אָנשיקעניש, וועז עס זאָל אין אים געוועז זיין, וואָלט ער אונדז שוין לאַנג ארויסגעטריבן צו אַלדי שווארצע יאָר. און באמת טאַקע, וואָס טויגן מיר זיי? איך זאָג דיר, סענדערל, בפירוש, אַז דאָס איז גאָר לכתחילה געוועז א קרומע זאַך, נישט קיין גלייכער שידוך. מיר טויגן זיי נישט און זיי טויגן אונדז נישט. די יידן, וואָס האָבן אונדז אין זייערע הענט אריינגעגעבן, האָבן זיכער געמוזט זיי דערציילן אויף אונדז, אַז מיר זענען ווילדע גיבורים און קענען טכסיסי־מלחמה, טאַקע וואָס קענען הייסט. מילא וואָס זענען מיר שולדיק, אַז די יידן האָבן זיי אָפּגענאַרט? למאַי אונדז האָבן די יידן אויך מיאוס אָפּגענאַרט. מיר זענען דאָך נאָר מיט דער דעה אהער געקומען עפּעס צונויפמאַכן און לאָזן זיך ווייטער אין וועג אריין. פון טכסיסי־מלחמה איז כלל קיין מדובר נישט געוועז, איך וועל שווערן אפילו אין טלית און קיטל, אַז דערפון האָט מען אפילו נישט מזכיר געוועז. גלאַט כאַפּעניש־גילטעניש איז דאָך פּשוט שוין קיין יושר נישט, הערט דאָך שוין טאַקע אויף אַלצדינג! — קורץ, זיי זענען נישט שולדיק, וואָס מען האָט אונדז אָפּגענאַרט, און מיר זענען אויך נישט שולדיק, וואָס מען האָט זיי אָפּגענאַרט, — שולדיק זענען דאָ נאָר די יידן, די ליגנער, די כל־בוניקעס, וואָס האָבן ביידע צדדים אָפּגעליגנערט. די יידן, סענדערל, די יידן, זיי אַליין זענען דאָ טאַקע אינגאַנצן

שולדיק, קיינעם באדארף מען אין דער זאך נישט באשולדיקן, גאָר די ייִדן, די ייִדן און נאָכאמאָל די ייִדן!...

— מילא, וואָס ווילסטו, בנימין, זאָלן מיר טאָן? — האָט סענ־דערל געפרעגט.

— איך וויל, — האָט בנימין געענטפערט, — מיר זאָלן זיך לאָזן ווייטער אויף אונדזער נסיעה. אוים כלה און ווייטער א מויד! מיר דאכט זיך, אז קיינער וועט אונדז נישט פארווערן, הן על־פי דין והן על־פי יושר טאָר קיינער אונדז נישט פארהאלטן. אי וואָס, דו האָסט מורא, טאָמער וועט מען אונדז פאָרט נישט לאָזן, איז דערצו א פּראָסטע תרופה, מיר זאָלן פונדאנען שטילערהייט אוועקגיין. וועמענס עסק איז דאָס ביי אונדז צו וויסן? געזעגענען זיך באדארפן מיר מיט קיינעם נישט.

— איך מיין אויך אזוי, אז געזעגענען זיך איז אן איבעריקע זאך, — האָט סענדערל געמאכט, — עלעהעי, אז מיר זענען פאראיאָרן אוועק־געגאנגען פון דער היים און קיינעם נישט, אפילו ווייב און קינדער, נישט געזאָגט כאָטש נא־טעבי!

פון דעם דאָזיקן שמועס אָן האָבן אונדזערע פארשוינען אָנגעהויבן טראכטן ווידער פון זייער נסיעה און זיך אליין מיישב געווען, ווי צו מאכן פּליטה. אין בנימינען האָבן זיך שטארק צעשפּילט די געבליטן, ער איז געווען שרעקלעך אומרואיק און ארומגעפּאדעט צעקאָכט, ווי א הון, וואָס וויל אין וועסנע זיך זעצן אויף אייער. ער איז געווען אזוי פאר־טיפט אין זיינע געדאנקען, אז ער האָט נישט געהערט, נישט געזען, וואָס ארום אים טוט זיך. איז פארביי אים דורכגעגאנגען עפּעס אן עלטסטער, האָט ער מחמת צעטראָגנקייט נישט אראָפּגענומען דאָס היטל; האָט ער געכאפּט א פּאטש אָדער א זעץ אין דער פּאָטילעצע, האָט ער אפילו זיך נישט פארקרומט, גלייך ווי נישט אים מיינט מען; האָט מען צו אים גע־רעדט עפּעס אין עניני־המושטיר, איז אים נישט אריין אפילו אין דער לינקער פּאה, ער האָט געהערט דאָס וכדומה אזעלכע זאכן אקוראט ווי אין טשערנאָוויץ די מגילה. ער האָט אינזינען געהאט נישט מער ווי די נסיעה און דער קאָפּ זיינער איז געפלויגן ווייט, ווייט!

איינמאָל שפּעט ביידערנאכט, אז אלע זעלנער אין דער_קאזארמע זענען געשמאק געשלאָפן, איז בנימין אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאנגען צו סענדערלס געלעגער.

— סענדערל, דו ביסט פארטיק? — האָט בנימין שטילערהייט געפרעגט.

סענדערל האָט א שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ, אָנגענומען בנימי־נען פאר דער פּאָלע און זיי זענען ביידע שא־קיטש ארויסגעגאנגען אויפן הויף.

אינדרויסן האָט געבלאָזן א װארעם װינטל. שטיקער שווארצע אי ברוין־בלויע װאָלקנס האָבן זיך געטראָגן אין דער הויך און זיך געצויגן איינע נאָך די אנדערע, גלייך ווי טויזנטער טשומאקעס גייען דאָרט מיט אָנגעלאָדענע פורן סחורות, און יאָגן זיך באצייטנס אָנצוקומען אין הימל אויף דעם יריד. די לבנה איז ווי א פּריקאשטשיק אויך געגאנגען מיט דעם דאָזיקן משונה לאנגן צוג, פלעגט אויף א מינוט גאָר ארויסשטעקן דעם קאָפּ, א קוק טאָן, וואָס טוט זיך אינדרויסן, דערנאָך ווייטער אויף א היפשער צייט זיך באהאלטן און געלעגן איינגעניורעט דאָרט ערגעץ אונטער א װאָלקנדיקן לאנטער, שווארץ אָפּגעשמירט, ווי מיט סמאָלע.

אונדזערע פארשוינען האָבן אינדערפינצטער זיך געלאָזט גיין אי־בער דעם הויף און שטילערהייט צוגעגאנגען צום פּלויט. זיי זענען ארויפ־געקראָכן אויף א בארג מיט האָלץ און פון דאָרט איז זיי שוין גרינג געווען ארויפצוקלעטערן אויפן פּלויט. פּלוצעם האָט סענדערל זיך א כאַפּ געטאָן און געזאָגט בנימינען אין אויער אריין: — אך, בנימין, איך האָב פארגעסן די טאָרבע! זאָל איך מיך אומקערן נעמען די טאָרבע?

— חלילה! — האָט בנימין געמאכט. — אומקערן זיך איז א מיאוסע זאך. אז גאָט העלפט א מענטשן, העלפט ער אים אויך אויף א טאָרבע.

— עס קומט מיר איצט פאָר, — האָט סענדערל געזאָגט, — וואָס דער זיידע, רב סענדערל עליו־השלום, האָט מיך געוואָרנט אין חלום: שטיי אויף, סענדערל, האָט ער געזאָגט, און לויף פונדאנען אוועק, וווהין די אויגן טראָגן! הלוואי זיין זכות זאָל אונדז אצינד ביישטיין, ער איז געווען טאקע מיטן פולן מויל א ייד, גאָר אָן שום מלאכות. די באָבע, עליה־השלום, פלעגט אלץ דערציילן...

נאָר איידער סענדערל האָט זיך גענומען צו דערציילן, וואָס זיין באָבע פלעגט אלץ דערציילן פון זיין זיידן, האָט זיך געלאָזט הערן א קול פון א זעלנער, וואָס איז דאָרט אין דער זייט געשטאנען אויף דער וואך.

אונדזערע פארשוינען האָבן זיך צוגעטוליעט צום פּלויט, איינגע־האלטן דעם אָטעם, געלעגן שטיל, קיין ריר זיך נישט צו טאָן, און אויס־געזען ווי צוויי גרויסע אלטע שמאטעס. שפּעטער אביסל, אז ס'איז ווידער געוואָרן רואיק, שטיל, האָבן די דאָזיקע שמאטעס ארויסגעוויזן א סימן פון לעבן און פּאמעלעך זיך אראָפּגעלאָזט פונעם פּלויט. זיי זענען גע־קראָכן אויף די הענט און אויף די פיס און זיך גערוקט פּאמעלעך אלץ

ווייטער, ווייטער, ביז גאָט האָט זיי געהאָלפן אויסצומיידן דעם זעלנער, וואָס אויף דער וואך, און ארויסצוקריכן אין א געסל. אונדזערע פארשווינען האָבן זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס, געשטאנען אביסל צו כאפן דעם אָטעם און זיך אָנגעקוקט פרייליך מיט פייערדיקע אויגן.

— די באָבע, עליה־השלום, פלעגט אלץ דערציילן, — האָט סענדערל אָנגעהויבן צו רעדן, — ווי דער זיידע, רב סענדערל, עליו־השלום, פלעגט בחייו אַלץ דענקען פאָרן קיין ארץ־ישראל, פאַרן טויט האָט ער זיך אויפגעזעצט און געזאָגט מיט די ווערטער: אויב איך האָב נישט זוכה געווען ביי גאָט פאָרן קיין ארץ־ישראל, בין איך בטוח, אז איינער פון מיינע קינדער וועט דאָרט זיין. דאָס האריץ מיינס זאָגט מיר איצט, אז דאָס האָט ער געמיינט מיך. הלוואי פון מיין מויל אין גאָטס אויערן אריין.

נאָר פון סענדערלס מויל אָבער איז גאָר אין אנדערע אויערן אריין! קוים וואָס סענדערל האָט ארויסגערעדט דעם וואונטש זיינעם, האָט פלוצעם איינער אויף מאָסקוויטעריש זיי א פרעג געגעבן; ווער איז דאָ? און אז ער האָט נישט באקומען קיין ענטפער, איז ער געשווינד צוגעגאנגען און ווייטער געפרעגט.

די לבנה האָט, צום שלימזל, ארויסגעשטעקט דעם קאָפ פון אונטער א פינצטערער שטיק כמארע און באלויכטן אונדזערע בידנע פארשווינען, וואָס זענען געשטאנען אָן לשון, טויט ווי די וואנט, און דעם עלטסטן זייערן, וואָס האָט זיך שרעקלעך געבייזערט, געמאכט מיט די הענט און זיי, נעבעך, געגעבן אין טאטן און אין דער מאמען אריין.

אין עטלעכע מינוט ארום זענען אונדזערע פארשווינען געזעסן ווי ארעסטאנטן דאָרט אויף דער הויפט־וואכטע!

ס'איז גאָר נישטאָ אזעלכע ווערטער צו באשרייבן די שרעקלעכע יסורים, וואָס אונדזערע פארשווינען האָבן געפילט זיצנדיק אין געפענגעניש. זיי זענען, נעבעך, אראָפּ שטאַרק פונעם פנים און געוואָרן פשוט אוים מענטשן. סענדערל כאָטש פלעגט נאָך שלאָפן און שלאָפנדיק האָט ער ווייניקסטנס עטלעכע שעה נישט געפילט די ביטערע צרות, ער פלעגט נאָך אמאָל האָבן א גוטן חלום. דער זיידע רב סענדערל האָט עפעס אָנגעהויבן עפטערס זיך צו זען און געטריבן מיט אים שפּאס, ער פלעגט קיינמאָל נישט קומען ליידיק: אמאָל איז ער געקומען מיט א פיילנבויגן, מיט א שווערדל אָדער מיט א המן־קלעפל, פלעגט א קניפ געבן דעם אייניקל ביים בעקעלע און זאָגן מיט א שמייכעלע: נא דיר, קונדסל, משאטשקעלער! שפּיל זיך, שקאָץ, דערמיט, מאך פּוי, פיף, פאף, סענדערל!... און אמאָל איז ער געקומען מיט א דריידל, זיך געזעצט

שפּילן מיט זיין ליבהאַרציקן סענדערוניון. סענדערל האָט גערדייט, גערדייט, גערדייט, געמאַכט ג׳ און געוווּנען ביים זיידן אַ גראָשן... גוט איז דעם מענטשן אַז אַ גוטער חלום. די וועלט אינגאַנצן איז דען נישט אַ חלום! בנימין אָבער האָט דאָס אויך נישט געהאַט, עס האָט פון אים זיך אָפּגעטאָן דער שלאָף. ער איז געווען משונה צעטראָגן און דאָס בלוט האָט אין אים געקאָכט ווי אַ קעסל. ער האָט געזען דורך דעם פענצטער, די זון שיינט גאָר אַ מחיה, דאָס גרינע גראָז וואַקסט און שפּראָצט, ביי מער צווייטן וווּנדער־שיין, מענטשן גייען, לויפן אַהין און אַהער, און פייגל פליען אין הימל. אַצינד איז די רעכטע צייט צו וואַנדערן. נאָר ער זיצט אָבער פאַרשפּאַרט און קאָן זיך נישט לאָזן אויף זיין נסיעה. ער פלעגט אַזש אונטערשפּרונגען פאַר גרוים עגמת־נפש, זיך כאַפּן ביים קאָפּ, אַרומלויפן צעדולט און שרייען, רעדן מיט גאַל: גוואַלד! וואָס האָב איך זיי געטאָן? גוואַלד, גוואַלד! וואָס האָבן זיי צו מיר?...

דאָס פערצנטע קאַפּיטל

אוים כלה — ווייטער מויד

אין דער וואָיענע קאַנצעלאַריע זענען שפּעטער מיט עטלעכע טעג, נאָך דער מעשה מיט אונדזערע פאַרשוויגענע, געזעסן אַ סך אָפיצירן אין דער פאָלגער פאָרמע, צווישן זיי דער יענעראַל מיט דעם פאָלקאָווניק. אין דער זייט נעבן דער טיר זענען געשטאַנען צוויי זעלנער מיט אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ און האָבן אויסגעזען ווי אַ מויז, וואָס מען נעמט אַרויס פון אַ לאַדעשקע זויערמילך. די אָפיצירן האָבן געקוקט אויף די זעלנער, זיי באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. דערנאָך צווישן זיך עפּעס גערעדט און אַביסל אונטערגעשמייכלט.

— הערסטו, סענדערל, — האָט איין זעלנער שטילערהייט געזאָגט בשעת די אָפיצירן האָבן צווישן זיך געשמועסט, — איך זאָל וויסן מיין טויט זאָל דאָ אפילו זיין, מוז איך זיי אַרויסזאָגן דעם גאַנצן אמת, איך בין שטאַרק אָנגעלאָדן.

— פונמיינטוועגן, בנימין, זאָג דיר זיי דעם אמת, — האָט דער אַנדערער זעלנער זיך אָנגערופן, — אויב דו ווילסט אַזוי, זאָל זיין אַזוי. וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב.

— איר זייט עם די לייט, וואָס האָבן שפּעט ביידערגאַכט זיך אַרומ־געגנבעט פון דער קאַזאַרמע? — האָט דער יענעראַל געפרעגט סטראָגע.

— איר ווייסט, וואָס ס'קומט פאַר אַזאַ שולד.

— אָ־וואַ, אָ־וואַ! — איז בנימין אויף גאָטס באַראָט אַרויס מיט אַ שפּראַכע, האַלב יידיש, פאָלעווינע רייסיש, און אַנידערגעלייגט אַ שמועסל, אַז כּייקל זאַיקע, דער בעל־דבֿרן פון טונעיאַדעווקע, האָט געמעגט, כ'לעבן, זיך באַגראָבן ניין איילן אין דער ערד.

דער יענעראַל האָט אָוועקגעקערט דעם קאָפּ מיט אַ געלעכטער, אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט און דער פּאָלקאָווניק האָט אָנגעשטאָט אים אָנגעהויבן צו רעדן.

— איר האָט זיך שטאַרק פאַרדינט, אייך קומט מיאוס צו באַ־שטראָפן פאַר אַזאַ שולד.

— וואַשע בלאַגאָראָדיע! — האָט בנימין אויסגעשאָסן אויף אַ קול.

— כאַפּן מענטשן אין מיטן העלן טאָג און פאַרקויפן זיי ווי הינער אויפן מאַרק — דאָס מעג מען, און אַז זיי, נעבעך, ווילן ניצול ווערן, דאָס רופט מען אָן אַ שולד! אויב אַזוי, איז דאָך טאַקע הפקר אַ וועלט, און איך פאַרשטיי שוין, אָסור, נישט, וואָס הייסט אַזוינס מעגן און נישט מעגן! אדרבא לאָמיר פרעגן דאָ טאַקע מענטשן, זאָלן זיי זאָגן, ווער איז שול־דיק. אשטייגער, ווי וואָלט געווען, אַז מען זאָל אייך כאַפּן ערגעץ אויפן וועג און מיט געוואַלד אַריינשטופּן אין זאַק אַריין. נו וואָלט איר, חלילה, שולדיק געווען, ווען איר וואָלט מיט אַ מצוות־כּוח פּונעם זאַק אַרויס? איך זאָג אייך בפירוש, דאָס איז געווען לכתחילה אַ געגנוייטע זאַך, אַ גענאַרעריי, שולדיק זענען נאָר די יידן, מי־יודע וואָס זיי האָבן נאָך אָנ־געדעט. מיר זענען אייך מוסר־מודעה — זאָג, סענדערל, זאָג! וואָס שטייסטו ווי אַ גולם? גיי אַרויס מיט דעם אמת אויף גאָטס באַראָט. נאָר אָן מורא און זאָג מיט מיר אײנײנעם: — מיר זענען אייך מוסר־מודעה, אַז פון טכסיסי־מלחמה האָבן מיר נישט געוווּסט, מיר ווייסן נישט און מיר ווילן נישט וויסן, מיר זענען, ברוך השם, באַווייבטע, האָבן אינזינען עפּעס גאָר אַנדערש, און מיט אַזעלכע זאַכעניש קאָנען מיר לחלוטין זיך נישט אָפּגעבן, זיי גייען אונדז אַפילו גאָר אין קאָפּ נישט. היינט מילא וואָס טויגן מיר אייך? מיר דאַכט זיך, אַז איר באַדאַרפט אַליין וועלן אונדזערע פטור צו ווערן.

און באמת איז בנימין טאַקע זייער געראַכט געווען, מען איז נאָך לאַנג טאַקע געוון געווען, זייערע פּטור צו ווערן, אַז די עלטסטע האָבן זיך געוועזן צוגעקוקט צו אונדזערע פאַרשווינען, צו זייער הילוך, צו זייערע

פּאָסטעמקעס, צו זייער שמועס און צו זייערע מארשן, האָבן זיי זיך שוין אָנגעשטויסן, מיט וועלכע נפשות זיי האָבן צו טאָן, און פלעגן נישט איינמאָל זיך האלטן ביי די זייטן לאכנדיק. דער כיוון פון דער איצטיקער סאָבראַניע אָפיצירן איז געווען צו נעמען אונדזערע פארשוינען אויפן פארהער און פרווון זען, מיט וועמען זיי האָבן אן עסק. בנימין מיט סענדערלען האָבן דאָ זיך פארהערט און, ברוך-השם, שטארק אויסגענומען, נאָך מער ווי געווונטשן, אזוי אז די אלע אָפיצירן האָבן עפּעס משונה הנאה געהאט פאר געלעכטער.

— נו, דאָקטאָר? — האָט דער יענעראל געמאכט צו אן אָפיציר, וואָס האָט זיך ארייַנגעלאָזט אין א שמועס און מיט אונדזערע פארשוינען זיך שטארק אָפּגעגעבן.

דער דאָקטאָר האָט אנידערגעלייגט א פינגער אויפן שטערן און געמאכט שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט געזאָגט — דאָ פעלט א קלעפּקע!

דער שפּיץ איז געווען, נאָכדעם אז די אָפיצירן האָבן צווישן זיך גערעדט און עפּעס געשריבן, האָט מען געהייסן אָפּלאָזן אונדזערע פארשוינען פריי פונעם דינסט.

— גייט אייך, האָט מען זיי געזאָגט, גייט אייך געזונטערהייט!

בנימין האָט זיך זייער שיין געזעגנט מיט א פארבייג און זיך געלאָזט אוועקגיין.

סענדערל האָט ווי א זעלנער געהויבן פיסלעך און געגאנגען נאָך אים מיט א מארש.

דערקלערונגען

צו פּישקע דער קדומער

א.

תעניתים (טאַנייסים) — טעג פון פאַסטן.

ספירה (ספּירע) — ווערטלעך: ציילונג. געמיינט: די זיבן וואָכן פון פּי־סעך ביז שעוווּעס — טרויער־צייט.

קינות (קינעס), **סליכות** (סליכעס), **תחינות** (טכינעס), **מענה־לשון** (מיי־ניי־לאָשן), **מחזורים** (מאַכזוירים) — פאַרשידענע זאַמלונגען פון טפילעס.

שופרות (שויפרעס), **שופר** (שויפער) — אַזאַ בלאָז־אינסטרומענט געמאַכט פון אַ האָרן, פלעגט באַנוצט ווערן בשעת דעם דאַווענען ראָש־האַשאַ־נע און יאָנקיפּער.

שבעה־עשר־בתמוז (שיווע־אָסער־בעטאַמעז) — זיבעצן טעג אין חודש טאַמעז — אַ יידישער פאַסטטאָג.

טלית און תפילין (טאַלעס־און־טפילן) — די ריטועלע קליידונג ביי יידן.

מעשה־שטן (מייסע סאָטן) — אַ טיוולאָנישע זאַך.

כישוף (קישעף).

יצר־טוב (יעיצער־טאָוו) און **יצר־הרע** (יעיצער־האָרע) — די צוויי קויכעס, וואָס קעמפן אין מענטשן. דער ערשטער רעדט אָן צו גוטס, דער צווייטער צו זינד.

נישקשה (נישקאָשע).

הנאה (האַנאָע).

מפסיק (מאַפסעק) **זיין** — איבעררייסן.

מחיהדיקע ריחות (מעכאַיעדיקע רייכעס).

נשמה (נעשאָמע).

מוח (מויעך).

געפגרטע נפשות (געפייגערטע נעפאשעס) — טויטע באשעפענישן.

ריח (רייעד) — טעם (טאם).

הושענות (האשאנעס) אפגעשלאגענע — דא גמיינט: אפגעדינטע זאכן, וואס טויגן שוין צו גארנישט.

כוונה (קאוואנע) — דא: ערנסטקייט, קאנצענטרירטקייט.

המחזיר נשמות לפגרים מתים (האמאכזיר נעשאמעס לעפעגארים מייסים) — טייטש אין טעקסט.

רבונו-של-עולם (ריבוינע־שעל־אוילעם) — גאט.

קרבן-מנחה (קארבן מינכע) — א זאמלונג פון טפילעס אויף יידיש — טייטש פאר פרויען.

שלימזלניק (שלימעזאלניק).

פגירה (פעגירע) — דא געמיינט: א באשעפעניש, קוים וואס זי לעבט.

נבוכדנצר מלך בבל (נעוווכאדנעצער מעלעך באוול) — דער באוולישער קיניג וואס האט צעשטערט ירושלים. פאר קריסטוסן.

א תל (טעל) **מאכן** — צעשטערן, פארניכטן.

פזמון (פיזמען) — דא געמיינט: איינס פון די רעליגיעזע לידער, וועלכע מען פלעגט זאגן פאר ראשאשאנע, צו סליכעס.

והשפיפין מצפון (וועהאשפיפין מיצאפון), **כשבולת שטפני** (קעשעבוילעס שאטאפני), **והציד** (וועהאציאד), **שלח יד** (שאלאך יאד), **והצפיר והשעיר** (וועהאצפיר וועהאסאיר) — טייטש אין טעקסט.

יוצא (יויצע) **זיין** — אפקומען א פליכט, זיין אין ארדענונג אויסערלעך.

רחום-צדיק (ראכום־צאדעק) — בארעמהארציקער און גערעכטער.

אדוני פריץ (אדוני פארעץ) — מיין האר, הערשער.

בשעת-מעשה (בעשאס־מייסע) — דערביי, אין דער זעלבער צייט.

ציון, בך כל-בהמה ועוף חכמו (ציען, באך קאל בעהיימע וועאף כאכמו) — טייטש אין טעקסט.

כנסת-ישראל (קענעסעס יישראעל) — באדייט: דאס יידישע פאלק.

מומרא (מיימרע) — כוחטעניע, זאיז מיט א טויבן געדאנק.

חכמה (כאכמע) — קלוגשאפט.

פיינע-בריות (בעריעס) — איידעלע לייט, רעדלפירערס.

חפצים (כפייצים) — זאכן, ווערטזאכן.

לשון (לאשן) — שפראך.

קללות (קלולעס).

סכנות (סאַקאָנעס) — געפאַרן.

רציעות (רעצועס) — לעדערנע רימענדלעך פון די טפילן, וועלכע מען פלעגט אָנטאָן צום דאַווענען. די רעצועס פלעגן זיין ארומגעוויקלט ארום דער האנט.

כוחות (קויכעס).

אויסבטלען די חלומות (אויסבאטלען די כאלוימעס) — אויסגיהלען, אויסלאָזן אויף יענעם דעם כעס.

דעה (דייע) — דאָ: מיט דעם מיין, פאַרלאַנג.

פאות (פייעס).

רגע (רעגע) — מאָמענט, סעקונדע.

משונה (מעשונע) — אויסטערליש, מאָדנע.

חן (כיין) — דאָ: שיינער אויסזען, אינטערעסאַנט.

גיבורים (גיבוירים) — ריזן, העלדן.

גבורה (געוורע) — קראַפט, העלדישקייט.

בית-מדרש (בעסמעדרעש) — שול צום דאַווענען.

להבדיל (לעהאַוודל) — אַן אויסדרוק, וואָס מען פלעגט באַנוצן ביים פאַרגלייכן אַ הייליקע און נישט-הייליקע זאַך.

באמת (בעעמעס).

קול (קאָל).

יקנה"ז (יאַקנעהאַז) — דער צונאָמען פון אַלטער נעמט זיך פון דער פאַרקירצונג פון די ווערטער: יאַיען, קידעש, נער, האַוודאָלע, זמאַן — אַן אַנציהערעניש אויף די סבוירעס מיט וועלכע ער האָט געהאַנדלט, און אַזעלכע זאַכן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכעס צו די רעליגיעזע באַדערפענישן פון יידן און פון וועלכע מען קאָן קיין גרויסע פאַרדינסטן נישט האָבן. דערפון נעמט זיך דער אויסדרוק „האַנדלען מיט יקנה"ז" — דאָס הייסט האַנדלען מיט לופט־זאַכן, מיט גאָרנישט.

התמנות (האַסמאָנעס) — דאָ: באַשעפטיקונג.

תקיעות (טקיעס) — בלאָז־טענער פון שויפער.

פרשה יתרו (פאַרשע ייסרע) — קאַפּיטל פון דער טוירע, וווּ עס דערציילט זיך וועגן ייסרען, מוישע ראַביינעס שווער.

מוכר־ספרים (מױכער־ספאָרים) — א ביכער־פארקױפער.

בעל־דברען (באל־דאברען) — א רעדנער, באריידעװודיקער.

ברוגז (ברױגעז).

בטבע (בעטעװע) — לױט זײן נאטור, לױטן כאראקטער.

שלום־עליכם (שאָלעם־אלײכעם) — דאָ: די באגריסונג בײם טרעפן זיך.

צדדים (צדאדים) — זײטן, פארטנערן.

אפצופטרן (אָפצופאטערן).

מלאכה (מעלאכע).

פדיון (פידיען) — לײזונג, פארדינסט.

מן־הצד (מין האצאד) — פון דער זײט.

של־ראש (שעל־ראש) — דער טפיל, װאָס מען טוט אָן אױפן קאָפּ.

באטשיטע, יאקי פאנאבעריי, צאצי! טראסציא װאשי מאטערי, דאי־טע דאראָגו, העי, כודקא, זשידקי, לאפסארדאקי! — קוקט זיי אָן די פײנע־לײט, צאַצקעס! א רוח אין אײער מאמען אריין, מאכסט א װעג, העי, איר ייִדעלעך — געשװינדער, ייִדעלעך, לאפסערדאקעס! (אוקראיניש).

יושר (יױשער).

בזכות (ביזכוס) — דאָ געמײנט: אדאנק זײ.

עשו (אײסעװ) — לױטן חומש דער ברודער פון יאַנקעװ, פון װעמען די ייִדן רעכענען זײער אָפּשטאַם. אײסעװ האָט געהײסן א גײשט־ײד. גלײכצײטיק האָט דאָס װאָרט באצײכנט בכלל א גױ, קרעפטיקן מענטש.

הידים ידי עשו (האַיאַדאַים יעדײ אײסעװ) — די הענט געהערן צו אײסעװן. דאָ געמײנט: געזונטע הענט.

הקול קול יעקב (האַקאָל קאָל יאַנקעװ) — דאָס קול געהערט צו יאַנקעװן, דאָ הײסט עס: ער קאָן נאָר שרײען, טומלען, אָבער נישט ארבעטן מיט די הענט.

פרצה (פארצע) — פאראכטונג־אױסדרוק אױפן געזיכט, פּנים.

גלח (גאלעד). גלחים (גאַלאָכים).

בורא (בױרע) — באשעפער, גאָט.

חזיר (כאזער).

ב.

מאכן שיחות (שיעס) — פארציען לאנג, זאמען זיך.

מטריח (מאטריעד) **זיין** — באמיען.

שאר־ירקות (שאר־יעראקעס) — אנדערע גרינסן.

סמאהע — סלינע, שפייעכץ.

בכדי (ביכדיי).

תבואה (טווּוע).

תכלת (טכיילעס) — בלויע פאסן אויפן טאלעס.

תחנון (טאכנען) **פאלן** — בוקן זיך, נייגן זיך.

רוחות (רוכעס) — טייוולאנים.

מחילה (מעכילע) — דא: אנטשולדיקט.

טלית־קטן (טאלעס־קאטן) — א קליין טאלעסל, וואס פרומע יידן פלעגן טראגן שטענדיק אויפן העמד.

בעונותינו הרבים (באאווינעסיינו האראבים) — צוליב אונדזערע פיל זינד.

דרך־ארץ (דערעך־ערעץ) — אכטונג, אפשיי.

למדן מופלג (לאמדן מופלעג) — אויסגעצייכנטער קענער, ספעציאליסט.

מרחץ (מערכעץ) — באד.

חריפות (כאריפעס) — דא געמיינט: א זעלטנקייט, אן אויסנאם.

שבעים אומות (שיווים אומעס)) — זיבעציק פעלקער; דא: די גאנצע מענטשהייט.

מאכלים (מייכאלים) — שפייזן, געריכטן.

אברים (אייווערים) — גלידער.

לחיים (לעכאים) — צום לעבן, ווינטשעניש ביים אויסטרינקען.

עבודה (אווידע) — ארבעט, דינסט.

מלפנו מבהמות הארץ (מילפאני מיבהיימעס האערעץ) — פון אונדז בעהיימעס פון דער ערד.

אדם ובהמה תושיע ה׳ (אדאם אובעהיימע טוישיא אדוינאי) — ווערט לעבער ומיימיש: גאט העלפט דעם מענטשן און דער בעהיימע.

אכילה (אכילע) — דאס פרעסן.

תאווה (טייווע) — ליידנשאפט.

כזית (קעזאיעס) — דא הייסט עס: א קליין שטיקל.

טאַקסע — דער אָפּצאָל וואָס די יידן פלעגן צאָלן פאַרן רעכט צו האָבן קאָשער פלייש. דאָס פאַרדינסט פון דער טאַקסע האָט געדאַרפט אָפּי־ציעל גיין אויף אויסצוהאַלטן די פאַרשידענע רעליגיעזע און פילאַנט־ראָפּישע אינסטיטוציעס, פאַקטיש פלעגן די באַלע־טאַקסע, די אַרענ־דאַטאָרן פון דעם אָפּצאָל צוזאַמען מיט די איבעריקע רעדלפירער פון קאהל דאָס געלט מערסטנטייל אויסנוצן פאַר זיך, רייך ווערנדיק אוי־פן חשבון פון דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג. דער פּראָבלעם טאַקסע האָט מענדעלע געווידמעט זיין ווערק „די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָט באַלע־טובֿעס״.

דורות (דוירעס).

מסחר (מיסכער) — האַנדל, געשעפט.

תשעה־באב (טישע־באָוו) — א רעליגיעזער פאַסט־טאָג.

ערלטע (אָרלטע) — דאָ: א פּויערטע.

כלים (קיילים).

אשה (אישע) — פרוי.

בעלן (באַלן) — דאָ געמיינט: גערן, פאַראינטערעסירט.

לא חיה (לוי האָיאָ) — נישט האָס איז עס.

מחמת מורא (מאַכמעס מוירע) — צוליב שרעק.

נסים (ניסים) — וואונדער.

כוונה (קאַוואָנע) — דאָ: איטענץ.

שומר (שוימער) — וועכטער, היטער.

שרפה (סרייפע).

שונאי־ציון (סאָנע־ציע) — האָ באַדייט עס: אויף פיינט פון יידן געזאָגט געוואָרן — א באַשווערונג אזא.

מילא (מיילע).

געמייזעכץ — לאַנקע, פּאַשע.

ג.

בקיצור (בעקיצער) — קורץ.

עקשן (אקשן) — איינגעשפּאַרטער.

גסיסה (גסיסע) — דאָס אויסגיין פאַרן שטאַרבן, אַגאָניע.

מלאך־המות (מאַלעד־האַמאָוועס) — דער טויט.

מבטל (מעוואטל) **זיין** — צו נישט מאכן, האלטן פאר נישט וויכטיק.

סוחר (סויכער). **סחורה** (סכוירע).

שונא (סוינע). **שונאים** (סאָנים).

מזומן (מעזומען) — קאסע־געלט, נישט אויף בארג, אָדער אויף בייט.

עין־הרע (איינארע) — א בייז אויג.

מכות (מאקעס) — ווונדן, געשווירן.

עסקים (אסאָקים) — געשעפטן.

צרה (צאָרע). **צרות** (צאָרעס).

מניעה (מעניע) — שטערונג, אפהאלט.

בתולה (בסולע) — דערוואקסן מיידל.

חתונה (כאַסענע). **חתן** (כאָסן).

פסח (פייסעך).

למאי (לעמאי) — צוואָס, פארוואָס.

געגט (גענגעט) — זיך צעגאנגען.

עקרה (אַקאָרע) — אַזאַ פרוי, וואָס קאָן נישט האָבן קיין קינדער.

השם־יתברך (האשעם־ייסבארעך) — גאָט.

תירוץ (טערעץ) — פארענטפערונג, אויסרייד.

קשיות (קאשעס) — פראגן.

תמיד (טאָמעד).

סילוקן (סילעקן) — צאָלן, אָפּגעבן.

בעלי־חובות (באלע־כויוועס) — דאָ געמיינט: די וואָס האָבן געגעבן געלט, די קרעדיטאָרן.

טענות (טייגעס) — דאָ: פרעטענזיעס.

שיינע מורנו (מוירייגע) — אַן אָנגעזעענער מענטש, מיט א גרויסן טיטל.

הכלל (האקלאל) — דאָ: מיט איין וואָרט.

טעמים (טיימים) — מאָטיוון, גרונדן.

פירושים (פיירושים) — אויסטייטשונגען, באלייטן.

לאָדן צום ונתנה־תוקף (נעסאנע טויקעף) — באדייט: נישט האָבן פון וואַנען צו פאָדערן גערעכטיקייט, א פארשפילטער פראָצעס.

מהיכא־תיתי (מאכטייסע).

קוממיות (קוימעמיעס) — דאָ: אין זין פון צולאכעס — פונקט פארקערט.

פשט (פשאט) — טייטש, באדייטונג.

ענין (איניען) — זאך, פּראָבלעם.

חרטה (כאראָטע).

שאלות (שיילעס) — פראגעס.

מחיה (מעכאַיע) — גוט, א פארגעניגן.

ד.

יעקב אבינו (יאנקעוו אווינו).

ברכה (בראָכע) — בענטשונג, ווונטש.

וידגו בקרב הארץ (וואידאגו באקערעוו העארעץ) — אויסטייטשונג אין טעקסט.

עולם-הבא (אוילעם־האבע) — יענע וועלט, דאָס צווייטע לעבן נאָכן טויט אויפן הימל.

אפנים (אפּאָנעם) — זעט אויס.

משרת (מעשאָרעס) — דינער.

המצאה (האמצאע) — פּלאַן, פּראָיעקט, איינפאל.

שדכנים (שאדכאָנים) — כאסענע־פארמיטלער.

מקנא (מעקאנע).

מזל (מאזל). **שלימזל** (שלימאזל).

גולם (גוילעם).

ציצות (ציצעס) — וואָלענע פרענדזלעך, וואָס מען פלעגט ארייַנפלעכטן אין די טאליסים.

קמיעלעך (קאמייעלעך) — שטיקלעך פּאַרמעט, אויף וועלכע ס׳זענען געווען אויפגעשריבן ציטאטן פון דער תורה אָדער הייליקע שפּרוכן. דאָס פלעגט מען טראָגן קעגן קראנקהייטן, צוליב גליק און לעבן אד״גל.

ספרים (ספאָרים) — רעליגיעזע ביכער.

תחינות שרה-בת-טובים (טכינעס סארע־באס־טויווים) — זאמלונג פון טפילעס אויף יידיש פאַר פרויען, פארפאסט דורך סאָרע באַס טויווים.

הלוואי (האלעוואי).

רחמנות (ראכמאָנעס).

שידוך (שידעך) — כאסענע־פארבינדונג.

אליקום (עליאקעם) — נאָמען.

עסק (אייסעק) — געשעפט, האנדל.

למזל (לעמאזל) — מיט גליק.

ברוך־השם (באָרעך־האַשעם) — געלויבט איז גאָט.

מחותנים (מעכוטאָנים) — די עלטערן פון כאָסן־קאַלע.

חשק (כיישעק).

שמחה (סימכע).

נדן (נאַדן) — דער אַפּצאָל, וועלכן ס׳פלעגן געבן דער קאַלעס עלטערן פאַרן כאָסן.

סמך (סמאך) — גרונד, באַזע.

דאגה (דייגע) — זאָרג.

בחורים (באָכאָרים).

שטות (שטוס) — נאַרישקייט.

א פשיטע (פשיטע) — געווים, פאַרשטייט זיך.

שכל (סייכל).

משדך (מעשאַדעך) זיין זיך — דאָס שליסן א כאַסענע־פאַרבינדונג.

בהלה (בעהאָלע) — פאַניק. דאָ איז דערמאָנט די גרויסע בעהאָלע מיט כאַסענע־מאַכן קליינע קינדער צוליב מורא פאַר אָפּגעבן אין מיליטער־דינסט און אנדערע פּראָיעקטירטע רעפאָרמען פון יידישן לעבן (אָנהייב 19־טן י״ה.).

דלות (דאַלעס) — אָרעמקייט.

אדרבא (אַדעראַבע).

מסתמא (מיסטאָמע).

בפירוש (בעפיירעש) — דייטלעך, קלאָר.

זכר (זאָכער) — מאַנספּאַרשוין.

נקבה (נעקייווע) — פרויענצימער.

מכוח (מיקאָיעך) — די הויפּטזאַך.

קעסט — אמאָליקע יאָרן איז געווען איינגעפירט, אז דאָס יונגע פּאָרפאָלק פלעגט זיין א געוויסע צייט (לויטן אָפּמאַך) אויף פולער אויסהאַלטונג בייַ דער קאַלעס עלטערן — דאָס האָט געהייסן זיין אויף קעסט.

רפואה (רעפוע) — היילונג.

מורנו (מוריינע) — פּאַרנעס, טיטל, געהויבענער מענטש.

מן השמים (מין האשאָמאיִם) — פון הימל.

מזמור (מיזמער) — דאָ: א גאנג, א צעטל.

גביר (געוויר).

בעל־צדקה (באל־צדאָקע) — אזא וואָס שטיצט אָרעמעלייט.

גבאי (גאבע) — פאַרוואַלטונגס־מיטגליד.

חברות (כעווערס) — געזעלשאַפט.

חכם (כאָכעם) — קלוגער מאַן.

גם זו לטובה (גאם זו לעטויווע) — אַן אויסדרוק, וואָס מען באַנוצט, ווען אַ געשעעניש, וואָס איז אַפילו נישט קיין גוטע, האָט אויך איריע גוטע רעזולטאַטן.

אם־ירצה־השם (מירצעשעם) — אז גאָט וועט וועלן.

גנב (גאנעוו).

נפש (נעפעש) — דאָ געמיינט: דער אייגענער קערפּער, דער אייגענער „איך".

כמנהג ייד (קעמינעג) — ווי ס'איז דער שטייגער ביי יידן.

עד היום (אדאיעם) — ביז היינט.

סוף מעשה (סאָף מייסע) — די ענדע פון דער דערציילונג.

זייט מוחל (מויכל) — אַנטשולדיקט.

יפה־פיה (יעפייפיע) — א שיינהייט.

ה.

נפשות (נעפאשעס) — באַשעפעניש.

חנדלעך (כיינדלעך) — דאָ געמיינט: אַנשטעלן.

סימן (סימען).

קבצנים (קאבצאָנים).

מזכה (מעזאַקע) זיין — באַגליקן, באַשענקען.

קהל (קאָעל) — דאָ געמיינט: געזעלשאַפט, געמיינדע.

קברים (קוואָרים).

מנדב געווען (מענאַדעוו) — דאָ געמיינט: אָפּגעגעבן קאָוועד.

מפורסמת (מעפורסעמעס) — באַרימטע, באַקאַנטע.

מזיק זיין (מאַזיק) — ברענגען שאָדן.

מחילה (מעכילע) — אַנטשולדיקונג.

אנדרוגינוס (אנדרויגענעס) — הערמאפראדירט, טאפל־געשלעכטלעך.

עולם (אוילעם) — דאָ: די מענטשן.

משמח (מעסאמייעך) זיין זיך — זיך פרייען, פארברענגען.

מצבות (מאציייװעס) — אנדענק־שטיינער אויפן בעסוילעם.

בייקולכן (בייקעלעכן) — הויכע, קוויטשענדיקע שטימע.

נדבות (נעדאָװעס) — געשאנקען, וואס מען גיט אן אָרעמאן.

מתים (מייסים) — טויטע.

צער בעל־החיים (צאר באלעכאיִם) — א ראכמאָנעס אויף א לעבעדיק באשעפעניש.

מנהג (מינעג) — פירונג, שטייגער.

קהלה (קעהילע) — יידישע געמיינדע, געזעלשאפט.

נסים (ניסעס) — וואונדער.

מיט חסד (כעסעד) — גלאטיק, גליקלעך.

קריזשעס — קרייץ־ביינער.

חדשים (כאדאָשים).

בלי נדר (בעלי ניידער) — אומבאדינגט.

דווקא (דאפקע).

סודות (סוידעס).

רופאים (ראָפּים) — די וואס היילן, פעלדשערס. איינצאָל: רויפע.

מיתה משונה (מיסע מעשונע)־קאָליר — אויסטערלישער, אומגעוויינטלעכער קאָליר.

קולות (קוילעס).

ווייסער חברהניק (כעווערניק) — שטיפער, לאַבוז.

מלמד (מעלאמעד) — דער וואס פלעגט לערנען מיט קליינע קינדער אין כיידער, אין דער רעליגיעזער שול.

מאכן א פשרה (פשאָרע) — אויסגלייכן, שאָלעם־מאכן.

מיוחסים (מעיוכאָסים) — פיינע לייט, פון גוטער אפשטאמונג.

נגידים (נעגידים) — רייכע. איינצאָל: נאָגיד.

תוך־זאכן (טאָך) — וויכטיקע פראגבלעמען.

עזות־פנים (אַזעס־פּאָנים). — עזות־פנימער (אזעס־פּענימער) — אזעלכע וואס שטעלן זיך אנטקעגן, פרעכע.

נאבאָר — דאָס נעמען פאַר רעקרוטן אין מיליטער (רוסיש).

וויבאָרעס — וואלן (רוסיש).

גלאַסני — דעפוטאַט, ראַטמאַן אין דער געמיינדע (רוסיש).

תלמוד תורה (טאַלמעד־טוירע) — אַזאַ כעדער פאַר אָרעמע קינדער.

גזירות (גזיירעס) — שלעכטע געזעצן פאַר יידן.

חטאים (כאַטאָים) — זינד.

חניפה (כאַניפע) — אונטערלעקער.

יחסן (יאַכסן) — פיינער מענטש, פון בעסערער אָפּשטאַמונג, אַריסטאָקראַט.

בעל דעה (באַל דייע) — דער וואָס האָט אַ ווירקונג, וואָס האָט צו זאָגן
אין דער געזעלשאַפט.

התמנות (האַסמאָנעס) — דאָ געמיינט: אַ פּאָסטן, שטעלע אין דער קעהילע.

בזכות (ביזכוס) — דאָ: אַדאַנק, צוליב.

ביחידות (בעיעכידעס) — אַליין, פאַר זיך.

ו.

צו רפואה (רעפואַ) — דאָ געמיינט: צו געזונט.

פרנסה (פּאַרנאָסע).

חשבון (כעשבן).

ווערן די כפרה (קאַפּאָרע) — אָפּקומען פאַר יענעם, זיין אַן אויסלייזער.

ברוך הבא (באָרעך האַבאָ) — באַגריסונג ביים טרעפן זיך מיט אַן אָנגע־
לייגטן גאַסט.

פריץ (פּאָרעץ).

בטלנים (באַטלאָנים) — ליידיקגייער, מענטשן אָן אַ באַשטימטער באַשעפ־
טיקונג, וועלכע פלעגן גאַנצן טאָג אָפּזיצן אין בעסמעדרעש. אויס־
האַלטן פלעגן זיי זיך פון אַרומגיין איבער די הייזער אַרגל.

מישב (מעיאַשעוו) **זיין זיך** — באַראַטן זיך, באַקלערן זיך.

מעלות (מיילעס) — גוטע שטריכן, אייגנשאַפטן.

יתומה (יעסוימע).

אלמנה (אַלמאָנע).

זיך מתחייב זיין (מיסכאַיעוו) — זיך פאַרפליכטן, זיך אונטערנעמען.

חופה (כופּע).

עופות (אויפעס).

תכשיט (טאכשעט) — צירונג, שאַץ (דאָ געמיינט: איראָניש).

באשר (בײַשער) — אַזוי ווי, צוליב דעם.

נישט לכבוד (לעקאָוועד) — ס'פּאַסט נישט.

לויט קבלה (קאַבאָלע) — דאָ געמיינט: לויט דעם שטייגער.

א דעה (דייע) **האָבן** — האָבן צו זאָגן.

אתרוג (עסרעג) — ציטרוס־פּרוכט, וואָס די ייִדן באַנוצן צום בענטשן אין סוקעס.

אונטער חזן (כאַזן) — צווייטער כאַזן, זיין געהילף.

מגילה (מעגילע) — דאָ געמיינט: די טאַנאַכישע דערציילונג וועגן דעם ווי אַזוי ייִדן האָבן זיך אַמאָל געראַטעוועט פון פאַרניכטונג. די דאָזיקע מייסע פון דעם בייזן האָמען און עסטער האַמאַלקע, וואָס אַדאַנק איר האָבן זיך די ייִדן געראַטעוועט — פלעגט געלייענט ווערן אין פּורים.

ראש־השנה (ראָשעשאַנע).

אויסנעמעניש — דאָס אַרויסנעמען די מוירע צום לייענען אין שול.

שריי חי־וקיים (כאַי־וועקאַיעם) — באַטייט: שרייען, געוואַלדעווען אָז וועלכער ס'איז אויסזיכט, ס'זאָל העלפן.

לאָדן צום ונתנה תוקף (אונסאַנע טויקעף) — זע באַמערקונג ז. 267.

מתעסקים (מיסאַסקים) — טוערס.

שדכנות (שאַדכאָנעס) — דאָ: באַלוינונג פאַר צונויפפירן א פּאָר־פּאָלק.

אָן עבירה (אַווייִרע) — דאָ: א שאָד.

טענהן (טיינען).

כשרע מציאה (קאָשערע מעציִע) — איינהאַנדלען עפּעס פאַר ביליק. דאָ: אין איראָנישן טאָן.

הסברות, שאלות (האַסבאָרעס, שיילעס) — דאָ געמיינט: באַטראַכטינגען, אויספרעגענישן.

תחילת הלילה (טכילעס האַלאַילאָ) — אָוונט.

פרנסה (פּאַרנאָסע) — דאָ באַטייט: באַשעפטיקונג, פאַך.

חסרונות (כעסרוינעס) — שלעכטע אייגנשאַפטן, פעלערן.

מאכן זיווגים (זיוווגים) — צונויפפּאָרן, צונויפפירן כאָסן־קאַלע.

חן (כיין) — דאָ באַטייט: אויסזען, אינהאַלט.

כאַפּן דעם סטרי — דערגיין דעם סוד, זיך אויסלערנען.

740 — 18

לומדיש (לאַמדיש) — אויפן געלערנטן שטייגער.

גיין ווי א מזמור (מיזמער) — גיין גלאַטיק, גרינג, פון זיך אליין.

אין מחשבותן (מאכשאָוועסן) — דאָ געמיינט: ווי ס'זאָל נישט זיין, דער־ווייל.

ז.

ס'איז עיפל (שאָפל) — ס'איז א שלעכטע לאגע.

אין ברירה (איין בריירע) — נישטאָ קיין אנדער אויסוועג.

מעלתו (מאַלאָסוי) — אן אויפן פון טיטולירן, א העפלעכקייט־פאָרם.

רימי"ל (רומל) — דאָ באדייט עס: א זאמלונג פון פארשידענע קליינע ביכלעך צום מאסן־געברויך: סידורים, מאכזוירים, האגאָדעס א.א.וו.

סטעכעווען — שאצן, אפשמעלן די פרייזן.

אין חילוף (כילעף) — אלס בייט, מויש.

בריהשע (בעריעשע) — ביכלעך מיט קורצע שורעלעך — דאָ געמיינט: וועלטלעכע ביכלעך געשריבן אין פערזן (פאָעזיע).

בעלי עבירות (באַלע־אַווייֵרעס) — זינדיקע.

כל־אמיני (קאָלאמינע) — אלערליי.

מטושטש (מעטושטעש) — נישט־דייטלעך, פארווישט.

רש"י (ראשע), פערל, פרקים (פראָקים) — דאָ געמיינט: פארשידענע טיפאָגראַפישע שריפטן.

אותיותלעך (אויסיעסלעך).

חריפות (כאריפעס) — דאָ געמיינט: קונציקייט.

אָץ־קוצין־לשון (אָצקויצעץ־לאָשן) — אומגעלומפערטע, קינסטלעכע און פארדרייטע שפראך.

חשיבות (כשיוועס) — ווערט, אָנזען.

תחינה (טכינע) — זאמלונג פון גבעטס אויף יידיש פאר פרויען.

מענה־לשון (מיינע־לאָשן) — דאָ געמיינט אויך: אזא זאמלונג ספעציעל פרויען־געבעטן.

שיר המעלות (שיר־האמאלעס) — אזעלכע צעטלען מיט אן אָפגעדרוקטער תפילע, וואָס מען פלעגט ארויסהענגען אין שטוב פון א קימפעטאָרין.

קמיעלעך — זע באמערקונג אויף זייט 268.

א מאה (מייע) — הונדערט.

סליחות, קינות, שופרות — זע באמערקונג אויף ז. 261.

טלית־קטן (טאלעס־קאָטן) — אזא קליינער טאַלעס, וועלכן מען פלעגט שטענדיק טראָגן אונטער דער אויבערשטער קליידונג.

וואָלפציינדלעך — אזעלכע ביינדעלעך, וועלכע מען פלעגט טראָגן ווי א פארהיטונג פון קראנקהייטן אדגל.

הבדלות (האוודאָלעס) — געפלאָכטענע ליכטלעך, וואָס מען פלעגט אָנצונדן מיט א באזונדער צערעמאָניע שאבעס אין אָוונט.

משא־ומתן (מאסעמאטן) — געשעפט, האנדל.

מרה־שחורה (מאָרעשכוירע) — אומעט, מעלאנכאָליע.

מנחה־צייט (מינכע) — פארנאכט.

תבואה (טווועע).

זמירות (זמירעס) — געזאנגען.

באבעטשקעס — פלאטערלעך, זומערפייגעלעך (רוסיש).

גדלות (גאדלעס) — שטאָלץ, גרויסהאַלטעריי.

ר' קרוב (רעב קאָרעוו) — פאָלקסטימלעכע עטוואָס איראָנישע ווענדפאָרם אין א געשפרעך.

ענני (אנייני) — אנהייב פון א טפילע.

קטורת (קטוירעס) — אזא טפילע.

קרייטעכצער — גראָזן, געוויקסן.

חיות (כאַיעס) — **עופות** (אויפעס).

זאָגן שורה (שורע) — דאָ הייסט עס: לויבן גאָט זינגענדיק.

פטום הקטורת (פיטעם האקטוירעס), **החלבנה** (האכעלבאָנאָ), **והלבונה** (וועהאלווינאָ), **הצפורן** (האצעפוירען). — פארשידענע געווירצן, וואָס מען פלעגט באנוצן ביים ברענגען קאָרבאָנעס.

האיעט נישט — פארציט נישט, זאמט זיך נישט.

חלשות (כאלאָשעס).

כוח המדמה (קויעך־האמדאמע) — פאָרשטעלונגס־קראפט, פאנטאזיע.

מת (מעס) — טויטער.

שותפות (שוטפעס).

פגירות (פגירעס) — טויטע, געהארגעטע.

גזלן (גאזלען) — רויבער, באנדיט.

זכר (זייכער) — שפור.

בשלום (בעשאָלעם) — אין אָרדענונג, גליקלעך.

זוכה זיין (זוכע) — דערלעבן, דערוואַרטן זיך.

ח.

שאלה (שײלע) — פּראַגע, פּראָבלעם.

באם (בעים) — אויב, מאַמער.

הגדה (האַגאָדע) — אַ זאַמלונג דערציילונגען וועגן דעם ווי אַזוי די ייִדן זענען אַרויס פֿון מיצרים — ווערט געלייענט יעדן יאָר אין פּייסעך.

פֿון יוצא (יויצע) וועגן — אַבי אָפּגעקומען; אַבי ס'זאָל הייסן: ביי לייטן, אַז מ'האָט געטאָן.

יסורים (יעסורים) — ליידן.

משקה (מאַשקע) — געטראַנק: בראָנפן, ווייַן.

שמחת־תורה (סימכעס־טוירע) — ייִדישער יאָנטעוו אין האַרבסט.

חלקימלעך (כאַלאָקימלעך) — מיילעכלעך.

בשותפותע (בעשוטפעסע) — געמיינזאַמע.

ווידערקול (ווידערקאָל) — עכאָ.

טיפּשים — נאַראָנים, אידיאָטן.

פֿאַלאָווע — געהאַקטע שטרוי (אוקראַיִניש).

אורח (אוירעך) — גאַסט.

שלשלת (שאַלשעלעס) — געדרייטער געציקלטער יטאָן, מיט וועלכן מען פֿלעגט פֿאַרלייענען די טוירע.

כסדר (קעסיידער).

כיבוד (קיבעד) — דאָס, מיט וואָס מען נעמט אויף אַ גאַסט.

מה טובו (מאַ־טויווי) — דאָ געמיינט: אין אָנהייב.

ברוך הבא (באָרעך־האַבאָ) — באַגריסונג ביים באַגעגענען.

רעש (ראַש).

חלב (כײלעוו) — רינדערנע פֿעטס.

טומאַן — נעפּל.

נישט קיין דרך־ארץ (דערעך־ערעץ) — דאָ געמיינט: ס'פּאַסט נישט.

מחדש (מעכאַדעש) זיין די לעוואָנע — די צערעמאָניע פֿון באַגעגענען אַ נייַע לבנה; ייִדן פֿלעגן די צערעמאָניע מאַכן

אין דרויסן, צווישן אנדערע פלעגט מען זיך איינע די אנדערע באגרי־
סן: שאָלעם־אליכעם — אליכעם שאָלעם.

מטופּל (מעטופל) **מיט קינדער** — אזא וואָס האָט א סאך קינדער.

מטריח (מאַטריעד) **זיין זיך** — זיך באַמיען, זיין אזוי גוט.

ברכה (בראָכע) **מאכן** — בענטשן.

יישר־כוח (יאשעו־קויעך) — אן אויסדרוק וואָס מען באַנוצט ביים אויס־
דריקן עמעצן אָנערקענונג, דאנק.

ערל (אָרל) — דאָ געמיינט: פּויער.

צי נע באַטשילי... א.א.וו. — צי האָט איר דאָ אמאָל נישט געזען א יידל
מיט א פערד, זאָג נאָר, מענטש?

סטאַראָסטע — עלטסטער אין דאָרף.

סאָטסקע — קלענערע פּאָליצייבאַאַמטער אין אמאָליקן רוסלאַנד.

אברים (אייווערים) — גלידער.

קדחת (קאדאָכעס) — פיבער.

פּאה (פּייע).

אויף יונית (יעוואָניס) — דאָ געמיינט: אויף רוסיש.

טרפה־סחורה (טרייפע־סכוירע) — קאָנטראַבאַנדע, סכוירע וואָס מען
פירט אַריין פון אויסלאַנד אָן דערלויבעניש.

קאָנטראבאנדשטשיק — קאָנטראבאנדיסט, דער וואָס פירט אריין קאָנט־
ראבאנדע.

פורעניות (פוראָניעס) — אָנשיקענישן, אומגליקן.

רדיפות (רעדיפעס) — פארפאָלגונגען.

יברכך (יעווערעכאָכאָ) — זיי געבענטשט. דאָ איז עס געמיינט איראָניש,
אין דעם זינען — דאנקען גאָט, וואָס דו ביסט שוין אוועק.

סטאַנאָוואָי — פּאָליצייבאַאַמטער, אָנפירער פון א קלענערער געגנט.

ט.

חפצוע (כעפצוע) — פארשידענע ווערטזאכן, סכוירעס.

בשורה (בסורע) — אָנזאָג, נייס.

שור־הבר (שאראבאר) — לעגענדארער ריזן־אָקס. דאָ איז עס געזאָגט אין
דעם זינען פון „גאָט פון די קי און אָקסן".

מפסיק זיין (מאפסיק) — איבעררייסן.

לעבן פון קצבה (קיצווע) — זיך אויסהאלטן פון געזעלשאפטלעכער שטי־צע.

מציאה (מעציע) — געפינס, טייערע זאך.

נמאס (נימעס) — ווערן.

שיכורים (שיקורים).

פלוניתטע (פלויניסטע) — ווייב.

בעלי־גופן (באלעגופן) — אנגעפרעסענע, רייכע פויערים.

בגילופין (בעגילופן) — פריילעך פון טרינקען וויין.

מקום־מנוחה (מאָקעם־מענוכע) — רו־אָרט, שטענדיקער פלאץ.

מזומן (מעזומען) — קאסע־געלט, גרייט געלט, נישט אויף באָרג.

משכנות (מאשקאָנעס) — זאכן, וועלכע מען פלעגט נעמען אלס גאראנטיע ביים באָרגן געלט.

גר (גער) — פרעמדער, פון אן אנדערער נאציע.

בכיון (בעקיוון) — אומיסטן.

אייבער־הסברה (האסבאָרע) — דא געמיינט: הינטערגעדאנק, ספּעציע־לער פלאן.

מליץ (מיילעץ) — איזא וואָס רעדט פאר יענעם, אן אדוואָקאט.

געגעבן חן (כיין) **און לייטזעליקייט** — געמאכט געפעלן צו ווערן.

מהייכא תיתי (מאכטייסע).

קרובים (קרויווים).

מבויש ווערן (מעוויעש) — פארשעמט ווערן.

משפחה (מישפּאָכע).

שאָול — דער ערשטער יידישער קיניג (ארום 1067—1055 פאר קר.) די לעגענדע דערציילט וועגן אים, אז ער איז געווען א פאסטעך און איינ־מאָל, ווען ער האָט געזוכט זיינע אייזלען, וואָס זענען פארפאלן געוואָ־רן, האָט ער זיך געטראָפן מיט דעם נאָווי שמועל, וועלכער האָט פאָר־געלייגט צו מאכן שאָולן פאר א קיניג.

מלוכה (מעלוכע).

סביבה (סוויווע) — אומגעגנט.

נעמען אויפן צוהונדער — נעמען אויפן פאַרהער, אין דער ארבעט.

רבי (רעבע) — דא געמיינט: דער מעלאמעד, וואָס האָט געלערנט די קינ־דער.

חנפהן (כאנפּען) — דאָ געמיינט: זאָגן קאָמפּלימענטן.

עשו (אייסעוו) — דאָ געמיינט: די פּויערים, די קריסטן.

גומער ערגער — וואָס קאָן מען מאַכן; פאַרפאַלן.

חדר (כיידער) — דאָ געמיינט: צימער.

זקנה (זקיינע) — אַלטע פרוי.

מזרח (מיזרעך) — דאָ געמיינט: א בילד־אָרנאַמענט, וואָס פלעגט הענגען אין יידישע שטיבן אויף דער מיזרעך־וואַנט.

תליה (טליע).

מרדכי (מאָרדכע) — אויך א העלד פון דער פּורים־לעגענדע.

מאָנדריש — פאַלקסטימלעכער נאָמען פון מאָרדכען, ווי מען פלעגט אים פאַרשטעלן אין די פּורים־שפּילן.

כוסות (קויסעס) — גלעזלעך צו וויין.

זרש (זאָרעש) — געשטאַלט פון דער פּורים־לעגענדע.

נאַפּאָלעאָן — געמיינט דער פּאָרטרעט פון נאַפּאָלעאָן־באָנאַפּאַרטע.

פּוטיפרס (פּויטיפערס) ווייב — פון דער ביבלישער לעגענדע. א פרוי פון עגיפּטישן הויף, וואָס האָט געוואָלט פאַרפירן יאָסעף האַצאַדיק.

לולב (לולעוו) — אזא פּאַלמען־צווייגל, וואָס ווערט באַנוצט דורך פרומע יידן אין יאָנטעוו סוקעס.

הושענות (האָשאַנעס) — ווערבע־צווייגלעך, וועלכע פלעגן באַנוצט ווערן צו שלאָגן האָשאַנעס — אזא צערעמאָניע ביי רעליגיעזע יידן אין יאָנטעוו סוקעס.

גוסח (נוסעך) — שטייגער, גאַנג.

בהלה (בעהאָלע) — צעטומלעניש.

מה־ישמיכם (מאַ־שמייכעם) — ווי אזוי הייסט איר?

האָבע די זכיה (זכיע) — האָבן דעם קאָוועד, די ווערט.

גייט די סדרה (סעדרע) — דאָ געמיינט: דאָס קאַפּיטל פון דער טוירע וואָס ווערט געלייענט די וואָך.

תלמיד (טאַלמיד) — שילער.

בלק (באָלאָק) — געמיינט דאָס קאַפּיטל פון כומעש, ווו עס דערציילט זיך די מייסע מיט באָלאָקן.

לעת־עתה (לעסאַטע) — דערווייל.

תהום (טהאָם) — אפּגרונט.

כלחוך־השור (קילכויד האשאָר) — געמיינט: באַגינען, גאַנצפרי.

י.

רשעים (רעשאָים) — בייזע.

עוקר זיין (אויקער) — אַנטלויפן.

בעטן רחמים (ראכמים) — בעטן מיטגעפיל, ראכמאָנעס.

טבע (טעווע) — געוווינהייט, נאַטור.

שנאה (סינע).

אבר (איייווער) — גליד..

פּריסוטסטווע — אינסטיטוציע, אמט.

אדונים (אדוינים) — הערן, גרויסע לייט.

פּסקענען שאלות (פּאַסקענען שיילעס) — פאַרענטפערן רעליגיעזע פראַגן.

בר־ מצוה (באר־מיצווע) — א יינגל וואָס איז אַלט 13 יאָר.

למדן (לאמדן) — אַ געלערנטער.

חשוב (כאָשעוו) — אַן אָנגעזעענער מענטש.

יא.

להבדיל (לעהאַוודל) — אַן אויסדרוק, וואָס פרומע יידן פלעגן באַנוצן ביים פאַרגלייכן, צוזאַמענשטעלן צוויי זאַכן: אַ הייליקע און נישט־הייליקע, וואָכעדיקע.

ס'איז נישט קיין תכלית (טאַכלעס) — דאָ געמיינט: ס'האָט נישט קיין זינען, ס'איז נישט צוועקמעסיק.

חורבה (כורווע) — אַ צעשטערטע הויז.

ליתר בטחון (לעיעסער ביטאָכן) — צוליב מער זיכערקייט.

סכנה (סאַקאָנע) — געפאַר.

עקשן (אַקשן) — איינגעשפּאַרטער.

פרעגט מיך בחרם (בעכיירעם) — באַטייט: פרעגט מיך אפילו אונטער דער גרויסער שבועה, וויים איך נישט.

ממזר (מאַמזער) — אומגעזעצלעך קינד. דאָ איז עס באַנוצט אַלס ווי אַ זידלוואָרט.

אַן שהיות (שיעס) — נישט לאַנג געטראַכט.

גנב (גאַנעוו) — **גנבים** (גאַנאָווים).

רוצח (ראַצייעך) — מערדער.

כשרע מציאה (קאָשערע מעציע) — דאָ: איראָנישער אויסדרוק אויף עפּעס, וואָס האָט אייגנטלעך קיין גרויסן ווערט נישט.

מכבד זיין (מעכאַבעד) — דאָ געמיינט: געהייסן.

עיכוב (איקעוו) — אָפּהאַלט, שטערונג.

בענטשן גומל (גוימל) — אַ ספּעציעלע טפילע, וואָס מען פלעגט אָפּזאָגן, אויב מען איז געראַטעוועט געוואָרן פון אַ טויט־געפאַר.

מעת־לעת (מעסלעס).

סוסים (סוסים) — איראָניש אויף „פערד".

לא עליכם (לוי אַלייכעם) — נישט פאַר אייך געדאַכט.

גאווה (גייווע) — באַרימערײַ, פאַרריסנקייט.

זיך מתחייב זיין (מיסכאַייעוו) — זיך פאַרפּליכטן.

מכות (מאַקעס) — וווּנדן, קרענק.

מען זאָל דערמאָנען משיחן (מאָשיעכן) — אַזוי פלעגט מען זיך אויסדרוקן, אַז ס'איז אָנגעקומען עמעצער אַ געוווּנטשענער אָדער אומדערוואַרטער גאַסט, וועגן וועלכן מ'האָט געטראַכט אָדער גערעדט.

מיתה משונה (מיסע־מעשונע) — אויסטערלישער, שרעקלעכער טויט.

יב.

בעל־לשון (באַל־לאָשן) — שפּראַך־קענער.

פזמון (פּיזמען) — דאָ געמיינט: אַ פּאָעטיש ווערק.

גמילות־חסד (גמילעס־כעסעד) — דאָ געמיינט: אַנטלייונג, אַ צושטייער.

שיר־השירים (שיר־האַשירים) — טייל פון תּנ״ך, אַ ליבע־באַשרייבונג.

עד כאן (אַד־קאַן) — ביז אַהער; ווייטער נישט.

חכמהלעך (כאָכמעלעך) — וויצן.

פשטלעך (פשעטלעך) — טייטשן, קאָמענטאַרן.

בקומפּאַניע (בעקומפּאַניע) — אין געזעלשאַפט.

כוונה (קאַוואָנע) — דאָ באַטײַט: מיין, אינטענץ.

שאַרפן די כלי (קיילע) — דאָ געמיינט: איינגעניטן זיך, טרענירן.

דאגות הפרנסה (דייגעס האפּאַרנאָסע) — זאָרגן פאַרן אויסקומעניש.

ס'איז א יושר (יוישער) — ס'איז גערעכט, ס'קומט.

מקיים־פּסק זיין (מעקאַיעם־פּסאַק) — באַשטראָפן, אָנלערנען.

לעהאַנעגידע האַמעפּורסעמעס האַצנוע מאָראַס כאַיע־טריינע לעבן

אונ געזונט זיין, אָמיין — צו דער רייכער באַרימטער און פרומער פרוי כאַיע־טרייַנע, לעבן און געזונט זיין, אָמיין — אזוי זאָל זיין.

היניי (אזוי) אז געלויבט האַשעם ייסבאָרעך (גאָט), איך בין בעקאַוו־האַבריע (אין גוטן געזונט), געזונט אויף אַלע אייוועריִם (גלידער), גאָט באָרעך־הי (געלויבט איז ער) זאָל נישט אָפּטאָן זיין בעסעד (גענאָד) פון אונדז אויך אויף ווייטער, מיר זאָלן הערן איינגיכן יעשו־עס וועכאָמעס (הילף און טרייסט) איינער פונעם אנדערן אין גרויס נאַכעס, אוישער (רייכטום) און קאָוועד מיטן א גרייטן געמיט אָמיין סעלאָ (אזוי זאָל זיין אויף אייביק), אייערע קינדערלעך זאָלן מאַרעך יאָמים וועשאָנים זיין (זאָלן לאַנג לעבן), גריס אייך גאָר פריינדלעך, אוביפּראַט (באַזונדערס) לעביטכעס האַקאַלע מאָראַס כאַסע־גרונע לעבן (אייער טאָכטער די קאַלע, דאָס מיידל פריילין כאַסיע־גרונע) בעט איך לעמאַן־האַשעם (אומבאַדינגט) צו גריסן גאָר פריינדלעך.

ווײַטער בין איך אייך מודיע (מעלד איך אייך), אז האַסכוירע (די סכוי־רע) האָב איך געלויבט אַזוי זיין ליבער נאָמען געטראָפן גאַנץ אים האַביידלעך (מיט די ביידלעך) אויף זייער אָרט. וועהאַשיינים (צווייטנס) בין איך מודיע, אז האַסוסים (די פערד) האָבן זיך אויס־געזוכט. רעב אַלטער יאַקנעהאָז האָט זיי פון גאַנאָווים העטמאַל מאַצל געווען (געראַטעוועט). דאָ האָבן זיך געמיט גאָר זכוס־אָוועס (די אויפטוען פון אונדזערע עלטערן). גרויסע ניסים (וואונדער) איז אונדז באַשיימפּערלעך געשען. מיר זענען גאָר אזוי פיל נישט ווערט דעם איבערשטנס כסאָדים (גוטסקייטן). באַלכעס ניירו יאָיר (אייער מאָן, זאָל דיין שיין לייכטן) וועט אייך איבערגעבן קאָל דוואָר שווי־רעש (אַלע זאַכן גרינדלעך). מען מעג אזוינס אין קראָניקעס שרייבן. איך בעט אייך מעכילע (אַנטשולדיקונג) כאַיע־טריינע, ווי אַן אייגענע מוטער, וואָס איך נעם מיך אונטער צו זיין פאַר אייך א מיילעך־יוישער (פאַרטיידיקער) אויף אייער באַלכעס (אייער מאַן), וואָס האָט געבעך גרויס שרעק און אַגמעס־נעפעש (זאָרג, קלעמעניש) דערפון, וואָס איך פאַר האַאיווים (היינט) נישט צו אייך לויט דעם מע־

דובער (אָפּמאַך). האָט אויף אים ראַכמאָנעס, לאָז ער געבעך נישט האָבן אָפּגעשניטענע יאָרן און באַשטראָפט ווערן דערפאַר, וואָס איך האַלט נישט וואָרט. . . . .

יג.

מלכות (מאַלכעס) — קיניג, מאָנאַרך.

פשרה (פשאָרע) — קאָמפּראָמיס; אויסגלייך, אז אַלע זאָלן זיין צופרידן.

געפּועלט (געפּוילט) — אויסגעפירט, דערגרייכט.

ניגון פון קינות (ניגן פון קינעס) — טרויעריקער ניגן.

נדבות (נעדאָוועס).

פדיון (פּידיען) — דאָס איינגעליינטע געלט.

חובות (כויוועס).

סילוקט במזומנים (געסילעקט בעמזומאָנים) — באַצאָלט מיט גרייט געלט.

אלול (עלעל) — דער לעצטער כוידעש פאַר ראָשעשאָנע. דעמאָלט פלעגן יידן קומען אויפן בעסוילעם און בעטן אויף די קוואָרים פון זייערע פאַרשטאָרבענע עלטערן. דעמאָלט פלעגן אויך יידן געבן א סאַך נעדאָוועס אָרעמעלייט.

כלי־קודש (קליי־קוידעש) — די אַלע וואָס פלעגן באַדינען די רעליגיעזע באַדערפעניש.

שמשים (שאַמאָסים), שמשטעס (שאַמעסטעס) — די באַדינערס אין די שולן.

חזנים (כאַזאָנים).

זאָגערינס — געלערנטע יידענעס, וואָס פלעגן פאָרזאָגן ביים דאַווענען פאַר יענע פרויען, וועלכע האָבן אַליין נישט געקאָנט גוט לייענען די תפילות.

מקבלים (מעקאַבלים) — מער אָנגעזעענע, געלערנטע יידן וואָס האָבן גע־לעבט פון נעמען שטיצע.

תהילים (טילעם)־זאָגערס — ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן פלעגט מען זאָגן קאַפּיטלעך טילעם, דערצו פלעגט מען אָפּט דינגען אָרעמע יידן.

גבאיטעס (גאַבעטעס) — דאָ געמיינט: פרומע יידענעס, וואָס פלעגן זיך פאַרנעמען מיט זאַמלען נעדאָוועס פאַר אָרעמע לייט אדגל.

אָסור (אָסער) — דאָ געמיינט: אין קיין פאַל.

מקומות (מעקוימעס) — ערטער, געגנטן.

שבת־גוי (שאבעס־גוי) — אָרעמער קריסט, וועלכן מען פלעגט דינגען אויסצופירן אום שאבעס פארשידענע ארבעטן, וואָס זענען די יידן געווען פארבאָטן, צום ביישפיל: איינהייצן די אויוונס אד.גל.

כל־זמן (קאָל־זמאַן) — אזוי לאַנג.

הקדש (העקדעש) — אזא הויז, וווּ ס'פלעגן איינשטיין פארבייפאָרנדיקע אָרעמעלייט, דאָרטן פלעגן זיך אויך אויפהאלטן אָרעמע קראַנקע.

פלעטן אויף שבת — דאָ געמיינט: קווייטעלעך צו פארשידענע באַלעבאַטים, מען זאָל די אָרעמעלייט נעמען אויף עסן שאבעס.

הלכות (הילכעס) — אָרעמאַן — דאָ באטייט: די פירונגען פון אן אָרעמאַן, ווי אזוי ער דאַרף בעטלען.

קללות (קלאָלעס) — שעלטערייען.

עזות (אזעס) — אומפארשעמטקייט.

גרגרת (גארגערעס) — גאָרגל.

הולכן מיט די רגלים (הוילעכן מיט די ראגלאים) — שפּעט־לאָשן. באטייט דאָ: שפּאַנען מיט די פיס.

אביונים, דלפנים (עוויוינים, דאלפאָנים) — אָרעמעלייט.

פרושים (פּאָרושים) — אזעלכע, וואָס האָבן זיך אָפּגעשיידט פון זייערע פרויען צוליב גרויס פרומקייט.

נתינות (נעסינעס) — שטייערן, אָפּצאָלן.

וכדומה (אוכדוימע) — און דאָסגלייכן.

ראש חודש (ראָש־כוידעש) — דער ערשטער טאָג פון יידישן כוידעש.

קדיש (קאדעש) — די טפילע, וואָס מען פלעגט זאָגן נאָך א פארשטאָרבענעם. אין פאַל, ווען ס'איז אין דער מישפּאָכע נישט געווען קיין מאַנצביל, פלעגט מען דינגען עמעצן צו זאָגן קאדעש.

משניות (מישנאיעס) — אזא רעליגיעזער סייפער.

בר־מינן (בארמינען) — א געשטאָרבענער.

תורה־און מצוות־קבצנים (טוירע־ און מיצווע־קאבצאָנים) — דערקלערונג אין טעקסט.

ביצה (בייצע) — דאָ באטייט: א טייל פון טאַלמוד.

ישיבה־בחורים (יעשיווע־באָכערים) — די יעשיווע איז געווען א מין העכערע רעליגיעזע שול. אין די בעסערע יעשיוועס פלעגן זיך צונויפ־

פאָרן באָכערים פון פאַרשידענע שטעטלעך, מערסטנס אָרעמע קינדער, וועלכע פלעגן זיך אויסהאַלטן פון „עסן טעג“, דאָס הייסט יעדן טאָג פלעגן זיי עסן ביי אַן אַנדערן פאַרמעגלעכן באַלעבאָס.

גבאים (גאַבאָים) — פאַרוואַלטונגס-מיטגליד פון די שולן אָדער אַנדערע רעליגיעזע געזעלשאַפטן.

א מצווה־זאַך (מיצווע) — דאָ געמיינט: א ווילטעטיקער צוועק, אשטייגער אויף אָרעמעלייט אדגל.

קצבה (קיצווע) — נעמען שטיצע.

תלמוד־תורה מלמדים (טאַלמעד־טוירע־מעלאַמדים) — די לערער פון די רעליגיעזע שולן פאַר אָרעמע קינדער.

שמשים (שאַמאָסים) — באַדינער אין די שולן..

דיינים (דאַיאָנים) — ריכטער, אַזעלכע וואָס פלעגן פירן פאַרשידענע מיש־פּאָטים־פּראָצעסן לויט די יידישע רעליגיעזע געזעצן.

רבנים (ראַבאָנים) — מערצאָל פון ראָוו — דער רעליגיעזער אָנפירער פון דער יידישער געמיינדע, קעהילע.

קבצענען (קאַבצענען) — בעטלען, זאַמלען נעדאָוועס.

חדווה (כעדווע) — גרויסע פרייד.

גמילות־חסד (גמילעס־כעסעד) — דאָס לייען א קלענערע סומע געלט אויפן וואָרט און אָן פּראָצענט, אויף א קורצער צייט.

נעמען אויף די כלים (קיילעם) — געמיינט: גענומען אין דער אַרבעט, גענומען אויפן קאָפּ.

להוט זיין (לאָהעט) — שטאַרק וועלן,גאַרן נאָך עפּעס, יאָגן זיך.

אייניקלעך — געמיינט: אַזעלכע, וועלכע פלעגן קומען בעטן שטיצע אין נאָמען פון זייערע טאַטעס און זיידעס אָנגעזעענע לייט, ראַבאָנעס.

ירושלים (יערושאָלאַיִם) —אַזעלכע וואָס פלעגן זיך רעקאָמענדירן פאַר איינוווינער פון יערושאָלאַיִם, עָרעץ־ייסראָעל.

נשרפים (ניסראָפים) — מענטשן, וואָס זייערע הייזער און פאַרמעגנס זע־נען אָפּגעברענט געוואָרן.

כתבים (קסאָווים) — פון דאָקטוירים — געמיינט: באַשטעטיקונגען פון קראַנק זיין.

עגונות (אַגונעס) — פרויען, וואָס זייערע מענער זענען פאַרשוואונדן גע־וואָרן.

מחברים (מעכאַברים) — שריפטשטעלער. ס'איז אַמאָל געווען איינגע־

פירט, אז די אויטאָרן פלעגן אליין ארומגיין פארקויפן זייערע ווערק, אָדער זאמלען געלט אויף ארויסגעבן זיי.

מחברטעם (מעכאבערטעס) — דאָ געמיינט: פרויען פון שריפטשטעלער.

חיבורים (כיבאָרים) — ווערק, פארפאסונגען.

מוכר־ספרים (מויכער־ספאָרים) — ביכער פארקויפער.

בעלי־מגיהעם (באל־מאגיעס) — קאָרעקטאָרן, די וואָס פארריכטן די גרייזן ביים דרוקן ביכער.

יעמוד עם כל הקבצנים (יאאמויד אים קאָל האקאבצאָנים) — געמיינט: קומט אריין אין רעדל מיט אלע אָרעמעלייט.

כל־ישראל (קאָל־ייסראָעל) — געמיינט: דאָס גאנצע יידישע פאָלק.

קידוש (קידעש) — די תפילה, וואָס מען מאכט איבער וויין שאבעס אָדער יאָנטעוו ביים אָנהייבן דעם מאָלצייט.

יד.

זיך משער זיין (מעשאר) — זיך פאָרשטעלן.

מכבד (מעכאבעד) **זיין** — דאָ געמיינט: געבן, דערלאנגען.

תרפ״ט אלפים (טארפאט אלאָפים) — באטייט דאָ: זייער א גרויסע סומע.

ימח־שמוניק (יעמאך־שמוניק) — געמיינט דאָ: אויסוווּרף, געדאכט זאָל עס נישט זיין.

נארייען — אָנבאָטן, רעקאָמענדירן.

הכנסה (האכנאָסע) — פארדינסט, איינקונפט.

מגולגל (מעגולגל) **ווערן** — פארוואנדלט ווערן, זיך ארייננבאקומען.

מלאך־המות (מאלעך־האמאָוועס) — דאָ געמיינט: דער קוילער, דער וואָס הערגעט צום ערגסטן, דער שולדיקער אין אומגליק.

סדום (סדאָם) — סימבאָל פאר א שטאָט מיט זייער שלעכטע אומפריינדלעכע מענטשן. דער נאָמען שטאמט פון דער תנ״כישער דערציילונג וועגן אזא שטאָט, וואָס איז דערנאָך טאקע דורך גאָט באשטראָפט געוואָרן און פולשטענדיק צעשטערט געוואָרן.

איבערבייטן די יוצרות (יויצרעס) — זיך פארטוישן מיט די ראָלן.

העויות (האוואיעס) — מינעס, אָנשטעלן.

פרצוף־פנים (פארצעף־פאָנעם) — פאראכטונגס־אויסדרוק אויפן געזיכט, אשטייגער ווי „מאָרדע״.

אשת־איש (איישעס־איש) — באַסעגנע־געהאַט פֿרוי.

געמלאכהטע (געמעלאָכעטע) — נישט נאַטירלעכע, געקינצלטע.

סיור ביור ומפליא לעשות (שויר בויר אומאַפּלע לאַאַלעס) — אַן אויס־
דרוק, וואָס מען באַנוצט ווען מען וויל באַצייכענען אַן אַרבעט, וועל־
כע ווערט אָפּגעכאַפּט אויף גיך, אַבי אָפּצופּטורן.

עכבראש (אַכבערעש) — געמיינט: באַשעפעניש, פֿאַרזעעניש.

טו.

כפרהניצע (קאַפּאָרעניצע) — דערקלערונג אין טעקסט.

געלקחנט (געלאַקכנט).

געבעלדברט (געבאַלדאַבערט).

בן־יחיד (בען־יאָכעד) — איין־און־איינציקער זון.

עסק (אייסעק) — געשעפט.

בטל ווערן (באָטל) — דאָ געמיינט: זיך פֿאַרלירן, צעמישט ווערן

אן סכנות (סאַקאָנעס) — נישט געפֿערלעך.

רוגזה (רוגזע) — פֿאַרצאָרנטקייט, בייזקייט.

הסברות (האַסוואָרעס) — שפּיצלעך.

תחית המתים (טכיעס־האַמייסים) — פֿון טויט לעבעדיק ווערן. פֿרומע
ייִדן האָבן געגלויבט, אַז זיי וועלן לעבעדיק ווערן, ווען מאָשיעך וועט
קומען.

המצאה (האַמצאָע) — דאָ געמיינט: אַ שפּאַס, אַ וויץ.

כפרה־הינדל (קאַפּאָרע) — געמיינט: אַזעלכע, וואָס אויף אים וואַרפֿט
מען אַרויף אַלעמאָל די שולד פֿאַר יעדער שלעכטער זאַך וואָס געשעט;
אַזאַ וואָס קומט אָפּ נישט פֿאַר זיינע זינד.

א כזית מרור (קעזאַיעס מאָרער) — אַ שטיקל כריין.

גט (געט) — **אָפּגטן** (אָפּגעטן) — דאָס צעגיין זיך פֿון מאַן און ווייב.

תכלית (טאַכלעס) — דאָ געמיינט: צוועק, זינען.

נע־ונד (נאָווענאַד) זיין — אַרומוואַגלען, וואַלגערן זיך אין דער פֿרעמד.

טז.

קריאת־שמע (קרישמע) — דאָ געמיינט: די צערעמאָניע ביים אַ נאָמען
געבן אַ ניי געבוירן ייִנגל. מען פֿאַרבעט דעמלט אויף אַ מאָלצייט.

שמחות (סימכעס) — דאָ געמיינט: פאַמיליען־פייערונגען.

רייסן קריעה (קריע) — דאָ געמיינט: זיך מאַטערן, ווערן אויסגעריסן.

דוד המלכס תהילימל (דאָוועד האַמעלעכס טילעמל) — לויט דער יידי־שער לעגענדע איז דער טילעם פאַרפאַסט געוואָרן דורך דעם קיניג דאָוויד.

נישט וויסן מאי דקא אמרי רביצין (מאַי דעקאַמרע רעביצן) — געמיינט: נישט וויסן אבסאָלוט גאָרנישט.

רכילות (רעכילעס) — אַנדערן ליגן, פּליאָטקעס.

זיך מודה זיין (מוידע).

מכשפהטע (מאַכשייפּעטע) — קישעפמאַכערין.

קללות און חרמות (קלאָלעס און כאַראָמעס) — שעלטעניש און זידלע־רייען.

הפקר (העפקער) — אָן אן אויפזיכט.

כל־נדרי (קאָל־נידרע) **בארעלעך** — אזעלכע קליינע, ווילד־וואַקסנדיקע בארעלעך.

פריזבע — ביי אמאָליקע דאָרפישע און קליינשטעטלדיקע שטיבער פלעגט זיין אזא טרעפּל ארום דעם גאַנצן הויז, וואָס האָט אויסגעזען ווי א באַנק — דאָס האָט געהייסן פריזבע (אוקראַיניש).

סעדעכע — א מאַרק־זיצערין (אוקראַיניש).

גיהנום (גענעם).

יז.

ניחא (ניכע) — אַנגעלייגט, צום האַרצן.

חסר־דעה (כאָסער־דייע) — געריירט פון זינען.

בקור־חולים (ביקער־כוילים) — אזא געזעלשאַפט, וואָס פלעגט זיך פאַר־נעמען מיט באַזוכן און שטיצן אָרעמע קראַנקע.

קברות־ייד (קוואָרעס) — דער אויפזעער איבערן בעסוילעם.

מקבר זיין (מעקאַבער) — באַגראָבן.

חברה־קדישא (כעווורע־קעדישע) — אזא געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך פאַר־נומען מיט דורכפירן די צערעמאָניע פון באַגראָבן א פאַרשטאָרבענעם.

משגיח (מאַשגיעך) — אויפזעער, אינספּעקטאָר.

ושתי המלכה (וואַשטי האַמאַלקע) — געשטאַלט פון דער פורים לעגענדע.

עיפוש (איפעש) — געשטאנק.

אורחים (אָכרים) — געסט, צוגעפאָרענע.

גבורה (גוורע) — קראַפט, העלדישקייט.

מהומה (מעהומע) — דאָ געמיינט: טומל, גערודער.

חיילות (כאַיאָלעס) — אַרמייען.

מלאכי-חבלה (מאַלאכע־כאַבאָלע) — דאָ געמיינט: צעשטערער, שעדיקער.

צו-ווײלן — צייטנווייז, פון צייט צו צייט.

גן-עדן (גאַניידן).

קריאת-שמע (קרישמע) — דאָ איז געמיינט: אַ קורצע טפילע פאַרן שלאָף־גיין.

שרפה (סרייפע).

מגולגל ווערן (מעגולגל) — פאַרוואַנדלט ווערן.

יח.

בלעם (בילעם) — אַ געשטאַלט פון אַ ביבלישער דערציילונג; וועגן אים גייט זיך איבער, אַז זיין אייזל האָט געקאָנט רעדן.

בעלי-דרשנם (באַלע־דאַרשנס) — רעדנערס, וואָס פלעגן אַרומפאָרן איבער שטעטלעך און האַלטן אין די שולן דראָשעס אויף רעליגיעזע טעמעס.

יקום-פורקן (יעקום־פורקאָן) — **תכנת שבת** (טיקאַנטאָ שאַבעס) — אַזעלכע טפילעס.

ר' לייב שרהס גולם (רעב לייב סאָרעס גוילעם) — אַ דערמאָנונג וועגן דער באַקאַנטער לעגענדע, ווי אַזוי דער וווּנדער־אויפטוער רעב לייב סאָרעס האָט באַשאַפן פון ליים אַ מענטשן, אַ גוילעם, און אַריינגע־בלאָזן אין אים לעבן דורך אַ שעם המפורש — אַ הייליקן געהיימען שפּרוך.

ברוך-הבא (באָרעך האַבאָ) — אַ באַגריסונג ביים באַגעגענען אָן אָנגע־לייגטן גאַסט.

עליו-השלום (אָלעוו־האַשאָלעם) — פריידן צו אים — אַן אויסדרוק, וואָס מען באַנוצט ביים דערמאָנען אַ געשטאָרבענעם.

דאָס נפשל (נעפעשל) — דאָ געמיינט: דעם אייגענעם איך; די אייגענע הויט.

זאָגן מוסר (מוסער) — אויסריידן, שטראָפן מיט רייד, פאָרוואַרפן.

געבן א נדר (נייִדער) — נעמען אויף זיך א פארפליכטונג.

מידה (מידע) — שטריך, אייגנשאפט.

מחנות (מאכנעס) — גרופעס, קאמפאניעס.

עולם־הבא (אוילעם־האַבאָ) — יענע וועלט, דאָס צווייטע גליקלעכע לעבן נאָכן טויט אין גאנײדן, אין וועלכן פרומע יידן האָבן געגלויבט.

בשורות (בסורעס) — וויכטיקע נייעס, אָנזאָגן.

אשר־יצר (אשער־יאָצער) — א קורצע טפילע, וואָס פרומע יידן פלעגן אָפּזאָגן נאָכן אויסרייניקן זיך.

יצר־הרע (ייִצער־האָרע) — דער שלעכטער קויעך אין מענטשן, וואָס רעדט אים אָן צו זינדיקן.

בעל־טאקסע (באַל־טאקסע) — דער ארענדאר פון דער טאקסע. זע באַמערקונג ז. 266.

העזה (האָזע) — דרייסטקייט, פרעכקייט.

ווארפן גורל (גוירל).

אסור־חזיר (אָסער־כאזער) — דאָ געמיינט: אין קיין שום פאל; קאטעגאָריש נישט.

פאָלעש — פאָדער־הויז פארן אריינגאנג אין שול.

נשמה־יתירה (נעשאָמע־יעסיירע) — די צווייטע, הייליקערע און געהייבנטע נעשאָמע, וואָס א ייד קריגט שאבעס לויט דער אָנגענומענער גלויבונג.

אשת־חיל (איישעס־כאיעל) — אזא טפילע.

גסיסה (גסיסע) — דער מאָמענט פון אויסגיין, ווען א מענטש שטארבט; אגאָניע.

יט.

נקבות (נעקייוועס) — פרויען.

חיה־רעה כאיע־ראָע) — ווילדע, בייזע כאיע.

רציחה (רעציכע) — דאָ געמיינט: ווילדקייט, בייזקייט.

פסק (פסאק) — דאָ געמיינט:: שטראָף.

מחלל־שבת (מעכאלעל־שאבעס) **זיין** — פארשוועכן דעם שאבעס דורך מאַן עפעס אַן ארבעט, וואָס איז לויט די יידישע רעליגיעזע פארשריפטן פארבאָטן צו טאָן אום שאבעס.

מיט חסד (כעסעד) — דאָ געמיינט: מילד, נישט צום ערגסטן.

תירוץ (טערעץ) — פאַרענטפערונג.

חצופה (כציפע) — פאַרשייטע, אויסגעלאסענע.

בן־זכר (בען־זאָכער) — א פאמיליען־פייערונג צום געבוירן ווערן פון א ייִנגל.

כלב־שבכלבים (קעלעוו־שעביקלאָווים) — פון הונט דער ערגסטער הונט.

ווערן די כפרה (קאַפּאָרע) — אַפּקומען פאר עמעצן, קריגן באשטראָפט פאר פרעמדע זינד.

חברה־תהילים (כעווּרע טילעם) — א רעליגיעזע געזעלשאַפט, וואָס איר ארבעט איז באַשטאַנען אין זאָגן טילעם פאר קראַנקע א. א. וו.

כ.

קשיא (קאַשע) — פראַגע.

גמרה־ניגון (געמאָרע־ניגן) — האָט לערנען געמאָרע פלעגט פאָרקומען מיט א טראַדיציאָנעלן ניגן.

כנופיא (קנופיע) — גרופּע, געזעמל, באַנדע.

שלאָגן כפרות (קאַפּאָרעס) — דער מינהג צו שעכטן פאר יאָם־קיפּער פאר יעדן מישפּאָכע־מיטגליד אן אָף אלס אויסלייז פאר די זינד. דערביי פלעגט מען זאָגן פאַרשידענע טפילעס און דער הון אָדער האָן מיט א קלאַפּ אַראָפּוואַרפן אויף דער ערד.

איזניוכעט — צונויפגעשמעקט, צונויפגעגאַנגען.

רשע מרושע (ראָשע־מערושע) — אן אויסערגעוויינלעך שלעכטער מענטש.

תכשיט (טאַכשעט) — צירונג, שאַץ (איראָניש געמיינט).

כא.

באַקומען די ניכפּא (ניכפּע) — באַקומען אן אטאַק, דעם שלאַק.

נבלה (נעווילע) — גוף פון א טויטער כאַיע, וואָס ליגט זיך שוין פאַנאַנדער.

תרבות (טאַרבעס) — דאָ געמיינט: אכטונג, דערעכערעץ.

דאגות הפרנסה (דייגעס האַפּאַרנאָסע) — זאָרג פאַרן פאַרדינסט, פאַר קריגן צום לעבן.

דם־שונאים (דאַם־סאָנים) — בלוטיקע פּייַני.

עקשנות (אקשאָנעס) — איינגעשפּאַרטקייט.

בת-ישראל (באס־ייסראָעל) — יידישע טאָכטער.

אין מיין זכות (זכוס) — צוליב מיר, אדאנק מיר.

הלבשה (האלבאָשע) — קליידונג.

משרתים (מעשאָרסים) — דינער.

כל-ולך (קאָל־וועלאָד) — אזא אויפטוער, וואָס איז אומעטום פול, א גאנ־
צער רעדלפירער.

עושר, כבוד און נחת (אוישער, קאָוועד און נאכעס) — רייכקייט, קאָוועד
און פארגעניגן.

בטחון (ביטאָכן) — די האָפענונג, דאָס פארלאָזן זיך אויף גאָט.

מתים (מייסים) — טויטע.

עדות (איידעס).

זיך מתחייב געווען (מיסכאיעוו) — זיך אונטערגענומען, פארפליכטעט.

כתובה (קסובע) — דער שריפטלעכער אָפּמאך צווישן מאן און פרוי.

והכול שריד וקים (ווע־האקל שאָריד ווע־קאַיעם) — דאָ געמיינט: און אלץ
איז פארענדיקט און פעסט.

התחייבות (היסכאַיוועס) — פארפליכטונג.

מלכות-ברייטל (מאלכעס) — אזא מין זיס געבעקס.

מאכן פליטה (פּלייטע) — אנטלויפן.

חושך (כוישעך) — פינצטער.

אבן-טוב (עוון טאָוו) — איידלשטיין, צירונג.

כב

דיבוק (דיבעק) — דער גייסט פון א פארשטאָרבענעם, זינדיקן מענטשן,
וואָס איז אריין אין א לעבעדיקן מענטשן און מאטערט אים.

קדחת (קעדאָכעס) — פיבער.

נכפא (ניכפּע) — דאָ: עפּילעפּסיע, קאַליקע.

בעל-שם (באל־שעם) — דער וואָס פלעגט היילן קראנקע דורך פארשידענע
שפּרוכן.

טאַטער — דאָ געמיינט: אזא וואָס היילט קראנקע מיט פארשידענע פאָלקס־
מיטלען; א זנאכאַר.

שדים (שיידים) — טייוואָלים, בייזע גייסטער.

אפיקורסות (אַפּיקאָרסעס) — דאָ געמיינט: אזא מיינונג, וואָס איז קעגן די אָנגענומענע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען.

ראשית-חכמה (ריישיס־כאָכמע) — צום אלעם ערשטן.

מקח (מעקעך) — פּרייז.

תנאים (טנאָים) — דאָ געמיינט: דער אָפּמאַך צווישן כאָסן־קאלע.

בפירוש (בעפּיירעש) — דייטלעך, קלאָר אָנגעוויזן.

כפי דעם מדובר (קעפּי דעם מעדובער) — לויט דעם אָפּגערעדטן.

שדכן (שאַדכן) — פאַרמיטלער ביים צונויפפירן כאָסן־קאלע.

בדחן (באַדכן) — דער צערעמאָניע־מייסטער אויף אמאָליקע יידישע כאַסענעס, א פריילעך־מאכער, פלעגט ארויסטרעטן מערסטן אין גראמען.

רייסן קריעה (קריע) — דאָ געמיינט: אויסגעריסן ווערן, זיך שטאַרק מאַטערן.

טרוד אין דער פרנסה (טאָרעד אין דער פאַרנאָסע) — פאַרטאָן אין פאַרדינסט־אַרבעט.

זיצן שבעה (שיווע) — אָפּזיצן אין טרויער זיבן טעג.

שלושים (שלוישים) — דרייסיק טרויער־טעג נאָך א פאַרשטאָרבענעם.

מקיים זיין א מצווה (מעקאיעם זיין א מיצווע) — אויספירן א רעליגיעזן געבאָט.

שלוש-סעודות (שאלעשסודעס) — דאָ געמיינט: די דריי מאָלצייטן שאבעס.

סדר (סיידער) — דער צערעמאָניאַלער מאָלצייט אין די ערשטע צוויי פּייסעך־אָוונטן.

הריני מוכן ומזומן (האריייני מוכן אומזומען) — אָט בין איך פאַרטיק און גרייט — דער אָנהייב פון א טפילע.

כוסען (קויסען) — טרינקען וויין, **כוס** (קאָס) — גלעזל.

לשם-יחוד (לעשעם־ייכעד) — ציטאַט פון א טפילע, באַטייט: אין נאָמען פון באהעפטן זיך (מיט גאָט).

קודשא-בריך-הוא (קודשע־בעריך־הו) — גאָט.

שכינה (שכינע) — דער הייליקער גייסט, גאָט.

מוסר-ספרים (מוסער־ספאָרים) — ביכער מיט א רעליגיעזן מאָראַליזירנדיקן אינהאלט.

קוממיות (קוימעמיעס) — דאָ געמיינט: קעגנשטעלן זיך.

געהאט בדעה (בעדייע) — געמיינט, געוואָלט.

שער־בלעטל (שארבלעטל) — דאָס טיטל־בלעטל פון א בוך.

גר (גער) — פרעמדער.

בבושה וחרפה (בעבושע ווערכאַרפע) — מיט בושע און כערפע.

זיך נוהג זיין (נויעג) — זיך פירן.

תחילת (טכילעס) — פריער, צום אָנהייב.

זיך געמאכט תם (טאם) — זיך נישט וויסנדיק געמאכט; ווי נישט פארשטייענדיק.

מחבר (מעכאבער) — שריפטשטעלער.

חיבור (כיבער) — פארפאסונג, ווערק.

כג

מיחוש (מייכעש) — שוואכקייט, קראנקהייט.

פארכוסהטע (פארקויסעטע) — באטרונקענע.

אָדם יסודו מעפר (אָדאָם יעסוידוי מעאָפאָר) — אזא טפילע.

מאכן א פירוש (פיירעש) — מאכן א ווערן, האלטן פאר ווערטיק.

צעשטעכערט די געראלדיע — פעראלדיע — שטאם־צעטל; דא געמיינט: אָנגעדירט דעם קאָוועד.

טאָן בשלימות (בישליימעס) — טאָן פולקאָם, אָן פעלערן, מיטן גאנצן הארצן.

לוויות (לעוואיעס).

פרק משניות (פיירעק מישנאיעס) — א קאפיטל פון דער מישנע.

מאכן א „מי שברך” (מי־שעבייראך) — אזא טפילע, וועלכע מען פלעגט זאָגן לעקאָוועד עמעצן.

צאן קדשים (צוין־קאָדאָשים) — הייליקע שאָף.

עולמות־געלט (אוילעמעס) — געלט־פאָנדן, וועלכע א שטארבנדיקער רייכער מענטש פלעגט איבערלאָזן אויף געזעלשאפטלעכע צוועקן.

אויף נאמנות (נעמאָנעס) — געמיינט: אויפן וואָרט, אויף צוטרוי.

סנדק (סאַנדעק), **מציצה** (מעציצע) — צערעמאָניעס בעשאס דער פייערונג צום א נאָמען געבן א ניי געבוירן יינגל.

דאווענען קארכיש — דאווענען מיט א כאָר, לויטן שטייגער אין די רעפארמירטע יידישע שולן.

אין כמוך (איין קאָמאָיכאָ) — טייל פון ראַוועגנען.

הקפות (האַקאָפעס) — דער שטייגער זיך ארומצודרייען סימכעס־טוירע אין א קרייז מיט די טוירעס אין די הענט.

מאיר בעל-הנס (מייער באַל־האַנעס) — פושקעס — געמיינט דאָ זאַמלונגען אויף די יעשיוועס און ערעץ־ייסראָעל, וואָס פלעגן גיין אויפן נאָמען פון מייער באַל האַנעס (דעם וווּנדער־אויפטוער).

תחתונים (טאַכטוינים) — הויזן.

ממתקים (מאַמטאַקים) — געמיינט: געלט.

פּרודען זיך — דאָ געמיינט: ליגן אין באָד און אויסבריען די וועש.

מקוות (מיקוועס) — אַזאַ קליינער וואַסער־באַסיין אין א יידישער באָד. דאָרט פלעגט מען זיך אָפּטוקן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, לויט די רעליגיעזע פאָרשריפטן.

כד

סגולה (סגולע) — מיטל, היילונג.

מקבל-פנים זיין (מעקאַבל־פּאָנים) — שיין באַגעגענען.

מקבל באהבה (מעקאַבל בעהאַווע) — אָננעמען פאַר ליב.

חשבונות (כעשבוינעס).

פּאַציאַפּען (אוקראַיניש) — פּאַקן, כאַפּן.

זאָגן ווידוי (ווידע) — אַזאַ תּפילה, וואָס פרומע יידן פלעגן זאָגן פאַרן טויט.

חלק לעולם-הבא (כיילעק לעאוילעם־האַבאָ) — אַנטייל אין דעם גליקלעכן לעבן אויף יענער וועלט.

טינופת (טינויפעס) — אומריינקייט.

כינה (קינע) — לויז.

תקיעה גדולה (טקיע־געדוילע) — דאָ געמיינט: דער לעצטער שטאַרקער אויסגעשריי.

כה

אבינו מלך (אָבינו מעלעך) — אונדזער פאָטער קיניג — ציטאַט פון א יידיש פאָלקס-לידל.

גאָר כצפּיחות (קעצאַפּיכעס) — דאָ געמיינט: געשמאַק נישט צום דער־קלערן.

הר הזיתים (האַר האַזייסים) — באַרג לעבן ירושלים.

לבנון (לאַוואָנען) — באַרג־קייט אין ערעץ־יִסראָעל.

שור־הבר (שאָר־האַבאָר) — ריזן־אָקס פון דער יידישער לעגענדע.

סמבטיון (סאַמבאַטיען) — שטיינער־שפּייענדיקער טייך, וואָס געפינט זיך אויף דער גרענעץ פון יענעם לאַנד, וווּ עס געפינען זיך די לעגענ־דאַרישע רויטע יידעלעך (זע באַמערקונג צו „מאַסאָעס בינימען האַ־שלישי").

אמנם חטאתי (אָמנאָם כאַטאָסי) — דאָס האָב איך אַזוי געזינדיקט.

בשר־ודם (באָסער־ווערדאָם) — אַ מענטש פון פלייש און בלוט.

דערקלערונגען צו „מסעות בנימין השלישי"

צום ערשטן קאפיטל

קיצור מסעות בנימין השלישי (קיצער מאסאָעס ביניאָמען האשלישי) — א פארקירצטע באשרייבונג פון די רייזעס פון ביניאָמען דעם דריטן.

נסיעה (נעסיע) — רייזע. **נסיעות** (נעסיעס) — רייזעס.

הרי חושך (האָרע כוישעך) — ווערטלעך: פינצטערע בערג. לויט א יידישער לעגענדע האבן זיך די צען שוואַטים פון מלוכת ישׂראל, וועלכע זענען פארטריבן געוואָרן דורך די אַשורים נאָכן צעשטערן די יידישע מלוכה, זיך צעוואָרפן אין לעבן ביז היינט ערגעץ אין א ווייטן לאנד, וואָס געפינט זיך אין עק וועלט, הינטער הויכע פינצטערע בערג, אפגעגרענעצט דורך א טייך סאמבאַטיען, וועלכער זידט און קאָכט שטענדיק, וואַרפנדיק גרויסע שטיינער, אזוי אַז מען קאָן אים נישט אריבערגיין. לויט אנדערע לעגענדעס רופט מען די איינוווינער פון יענעם לאנד רויטע יידעלעך.

חידושים (כידושים) — וואונדער.

שבעים לשונות (שיווים לעשוינעס) — זיבעציק שפראכן, וועלכע ס'זענען — לויט יידישע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען — פאראן אויף דער וועלט.

לשון (לאָשן) — שפּראך.

בהשתדלות (בעהישטאדלעס) — אדאנק די באמיונגען.

ספר ראשון (סייפער רישן) — דאָס ערשטע בוך.

ביכולת (בעיעכוילעס) — אימשטאנד.

סיפור המעשה (סיפער האמייסע) — פאבולע, אקציע.

דאָן קיכאָט און סאנכא פאנטשאָ — די הויפּטהעלדן פון דעם בארימטן ווערק פון שפּאנישן שריפטשטעלער סערוואַנטעס (1547—1616).

מהות (מעהוס) — דאָס וויכטיקסטע אין אינהאַלט; דער וועזן, טאָך פון א זאַך.

תמימותדיקע (טמימעסדיקע) — פּאַשעטע, נאַיווע.

שם־דבר (שעם־דאָוואר) — א באַגריף וואָס ווערט אָנגענומען ווי א סימבאָל, באַצייכענונג פון אסאַך ענלעכע דערשיינונגען.

תיקון (טיקן) — פאַרפולקאָמונג, געהעריקע געשטאַלט.

פירושים (פּיירושים) — דערקלערונגען, קאָמענטאַרן.

הקדמת מענדעלע מוכר ספרים (האקדאָמאס מענדעלע מויכער ספאָרים) — דער אַריינפיר, די פאָררעדע פון מענדעלע...

אמר (אָמאר) — האָט געזאָגט.

בורא (בוירע) — באַשעפער, גאָט.

גלגלים (גאלגאלים) — פּלאַנעטן.

מלאך (מאלעך).

מכל שכן (מיקאָלשקיין) — שוין אָפּגערעדט דערפון, שוין געווים...

שוטה (שויטע) — נאַר.

בעל עצה (באַל־אייצע) — ראַטמאַן, ראַטגעבער.

עם הארץ (אמאָרעץ) — אומגעלערנטער, אנאַלפאַבעט.

חסיד (כאָסיד) — אָנהענגער פון כסידעס, דער רעליגיעז־מיסטישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט ביי יידן אָנהייבנדיק פון סאָף 18־טן י. ה.

משכיל (מאסקל) — אָנהענגער פון האַסקאָלע, דער באַוועגונג פון פאַרשפּרייטן בילדונג און אויפקלערונג און רעפאָרמירן אויפן אייראָפּעאישן שטייגער דעם יידישן שטייגער־לעבן. די באַוועגונג האָט זיך אויך אָנגעהויבן סאָף 18־טן יה.

קבצנים, אביונים, דלפנים (קאבצאָנים, עוויוינים, דאלפאָנים) — סינאָנימע באַצייכענונגען פאַר אָרעמעלייט.

רבותים (ראַבויסים) —, **רבותי** (ראבויסיי) — אזא מין פאָרם פון ווענדן זיך צו די צוהערער, אשטייגער ווי „כאַשעווע פריינד, מיינע הערן" א.א.וו.

מקומות (מעקוימעס) — געגנטן, ערטער.

קונה־שם (קוינע־שעם) **זיין** — זיך באַרימט מאַכן.

ארצות המזרח (ארצעס־האמיזרעך) — דער אָריענט, די מיזרעך־לענדער.

געחידושט (געכידעשט) — געוואונדערט.

בלי־זיין (קלעזאיען) — געווער.

טלית און תפילין (טאלעס און טפילן) — א באשטימטע יידישע רעלי־גיעזע קליידונג, וואָס מען טראָגט בעשאַס דאַווענען.

כלל נישט (קלאל) — אינגאַנצן נישט.

משיג זיין (מאסעג) — באַגרייפן, באַנעמען.

שכל (סייכל).

כוח (קויעך).

בכוח (בעקויעך) — אימשטאַנד.

בכל אופנים (בעכאָל אויפאַנים) — אַלנפאַלס.

חכמים (כאַכאָמים) — דאָ געמיינט: געלערנטע.

אָדם הראשון (אָדעם האַרישון) — לויטן טאַנאַך דער ערשטער מענטש, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורך גאָט.

בכדי (ביכדיי) — כדי (קעדיי).

נוסעים (נאָסים אָדער נויסים) — רייזנדע (מער־צאָל).

נוסע (נאָסייע אָדער נויסע) — רייזנדער — (איינצאָל).

מפליג זיין (מאַפלעג) — אויסטיילן, אויסצייכענען.

כנופיא (קנופיע) — געזעמל, גרופע.

חיות (כאַיעס) — לעבן, ווען.

מקבלים (מעקאַבלים), איינצאָל — מקבל (מעקאַבל) — אזא וואָס נעמט, דאָס הייסט, ער לעבט פון נעמען נעדאָווע.

ספרים (ספאָרים), ספר (סייפער) — בוך.

פסוק (פאָסעק) — זאַץ, סענטענץ.

לא באָ כבושם הזה (לוי באָ קעבויסעם האַזע) — ס'איז נאָך נישט גע־ווען אזא געווירץ.

בשמים (בסאָמים) — געווירצן.

פה־אחד (פע עכאָד) — איינשטימיק.

לשון־הקודש (לאָשן־קוידעש) — העברעיש.

ואני (וועאַני) — און איך.

כוונה (קאַוואָנע) — מיין, געדאַנק, אינטענץ.

כפי (קעפי) — לויט, נאָך.

מחבר (מעכאַבער), מחברים (מעכאַברים) — פאַרפאַסער, שרייבער.

לא־עליכם (לוי־אַלייכעם) — נישט פאר אייך געדאכט.
ענינים (איניאָנים) — פראגן, פּראָבלעמען.
הקיצה (האקיצאָ) — כאַפּ זיך אויף.

צום צווייטן קאפיטל

כל ימי נתגדלתי (קאָל יאָמיי ניסגאדאלטי) — אלע מיינע יאָרן בין איך דערצויגן געוואָרן.

נתגדל (ניסגאדל) ווערן — זיך דערציען.

למזל (לעמאזל) — מיט גליק.

עם אשתי (אים אישטי) — מיט מיין ווייב.

פלוניתטע (פּלויניסטע) — פרוי.

הצנועה מרת זעלדע תחיה (האצנוע מאָראס זעלדע טיכיע) — די פרומע פרוי זעלדע זאָל לעבן — אַן אויפן פון טיטולירונג.

קשיות (קאשעס) — פראגעס.

חכמה (כאָכמע) — קלוגשאפט.

סברות (סוואָרעס) — מעאַריעס, מיינונגען, בויך־סוואָרעס הייסן אזעלכע מיינונגען, וואס ווערן ארויסגעזאָגט סתם אזוי אָן קיין שום באגרינדונג.

מעשיות (מייסעס).

משלים (מעשאָלים) — ביישפּילן, פאַרגלייכן.

אורחים (אָרכים) — געסט.

בעלי־המצאות (באלע־האַמצאָעס) — דאָ געמיינט: ווערטל־זאָגערס, וויצלינגען.

מכות (מיקויעס) — וועגן.

בית־מדרש (בעסמעדרעש) — שול צום דאַווענען און לערנען.

הן־הן (הען־הען) — סיי־סיי.

סטאמבול — דאָ געמיינט: הויפּשטאָט פון טערקיי.

תוגר (טויגער) — פאָלקס־באַצייכענונג פון טערקיי.

קירה (קירע) — פאָלקס־באַצייכענונג פון עסטרייך.

והן (וועהען) — און סיי.

פּאַטשטן — קלאַנגען, יעדיעס.

גזירות (גזיירעס) — שלעכטע געזעצן פאר יידן.
וכדומה (אוכדוימע) — און דאס גלייכן, און ענלעך.
כסדר (קעסיידער).
באטאגטע — עלטערע, אין די יארן.
מפקיר זיין (מאפקער) — איבערלאזן אן אויפזיכט, אפזאגן זיך פון עפעס.
בשלמות (בישליימעס) — פולשטענדיק, פולקאם.
לשם שמים (לעשעם שאמאים) — פאר גאטס וועגן.
העלער — א קליינע מאטבייע, א גראשן.
אסיפה (אסיפע) — פארזאמלונג.
והכל שריד וקים (וועהאקל שאריד וועקאיעם) — און אנגענומענער צושריפט צו אלע אמאליקע יידישע דאקומענטן: און אלץ איז אזוי און בלייבט אין קראפט.
כל מלכי מזרח ומערב (קאל מאלכיי מיזרעך אומאירעוו) — אלע קיניגן פון מיזרעך און מאירעוו.
פועלן (פויעלן) — אויספירן, דערגרייכן.
עולם (אוילעם) — דא געמיינט: די פארזאמלטע מענטשן.
בגילופן (בעגילופן) — דא געמיינט: אויפגעלייגט, אין א גוטער שטימונג.
ק״ן (קאן) — הונדערט פופציק.
כמעט (קימאט).
אביונים, דלפנים (עוויונים, דאלפאנים) — ארעמעלייט.
בעלי־בטחונם (באלע־ביטאכנוס) — אזעלכע, וואס האבן האפענונג, פארלירן נישט דעם מוט, פארלאזן זיך אויף גאט.
זיך מפרנס זיין (מעפארנעס) — זיך דערנערן, שפייזן.
בתמימות (ביטמימעס) — נאיוו, אן שום הינטערגעדאנק.
פרנסה (פארנאסע) — קוואל, פון פארדינסט.
השם־יתברך (האשעם־ייסבארעך) — גאט.
ברוך־השם (בארעך־האשעם) — געלויבט איז גאט.
מתנה (מאטאנע).
כלי (קיילע) — דא געמיינט: אן אינסטרומענט.
קול נגינה (קאל־נעגינע) — א שטים צו זינגען.
מוספים (מוסאפים) — טייל פון דאווענען.

ימים נוראים (יאמים וויראָים) — די יאָנטויווים ראָשעשאָנע און יאָנקי־פּער.

סביבה (סוויווע) — דאָ געמיינט: אומגעגנט.

מוהל (מויעל) — דער וואָס פלעגט דורכפירן די אָפּעראַציע פון באשניידן א ניי־געבוירן יידיש יינגל.

מצה־רעדלער (מאַצע) — דער, וואָס פלעגט מאַכן די אויסשטעכונגען (לעכעלעך) אין דער מאַצע.

שידוך (שידעך) **אויספירן** — זיין אַ שאַדכן — אַ פאַרמיטלער ביים כאַסענע מאַכן אַ באָכער מיט אַ מיידל.

א שטאָט — דאָ געמיינט: אַ שטענדיק אָרט אין שול.

עין־הרע (איינעאָרע) — א בייז אויג.

קרוב (קאָרעוו).

ישראל רחמנים בני רחמנים (ייסראָעל ראכמאָנים בניי ראכמאָנים) — יידן זענען שטארק מיטפילנדיקע, האָבן גרויס ראכמאָנעס..

שבח (שוואַך) — א לויב־וואָרט, א גוטער אָפּרוף.

הלבשה (האלבאָשע) — קליידונג.

מילא (מיילע).

למאי (לעמאי).

מאכל מלכים (מייכל מעלאָכים) — אַ קיניגלעכע שפּייז.

פּאַטראָוועס — געריכטן, שפּייזן.

משונה (מעשונע) — אויסטערליש, אויסערגעוויינלעך.

חמישה־עשר (כאמישאָסער) — דער פופצנטער טאָג אין כוידעש שוואַט. לויט א יידישן מינהג פלעגט מען אין דעם טאָג פייערן דעם יאָנטעוו פון די ביימער און לעקאָוועד דעם פלעגט מען פארזוכן פארשידענע האָרעם־פרוכטן.

פרי (פּיירע) — פרוכט.

מחיה נפשות (מעכאיע־נעפאָשעס) — עס דערקוויקט דאָס האַרץ.

ותוליכנו קוממיות (וועסויליכיינו קוימעמיעס) — און דו וועסט אונדז פירן פריילעך.

לארצינו (לעארציינו) — צו אונדזער לאַנד.

על־פי־מקרא (אַל־פּי־מיקרע) — צופעליק.

תמר (טאָמאָר) — א טייטל.

חומש (כומעש) — די פינף טיילן פון דער טוירע.

ירדן (יאַרדן) — טייך אין ערעץ־יסראָעל.

מערת המכפלה (מעאָראַס־האמאכפּיילאָ) — לויט דער לעגענדע, דער פּאַ־מיליען־קייווער פון די פּאַטריאַרכן אווראָהאָם, יצכאָק, און יאַנקעוו.

כותל מערבי (קויסל־מאַראָווי) — א רעשטל פון א צעשטערטן מויער אין יערושאָלאַיִם, וואָס איז לויט דער ייִדישער לעגענדע אן איבערבליי־בעניש פון ביים־האַמיקדעש.

חמי־טבריה (כאַמיי־טווערייע) — די וואַסערן פון טווערייע — א שטאָט אין ערעץ־ייסראָעל. די וואַסערן זענען געווען וואַרעמע קוואַל־וואַ־סערן.

הר־הזתים (האַר־האַזייסים) — א באַרג נעבן יערושאָלאַיִם.

משיח (מאָשיעך) — דער געזאַלבטער,, דער אויסלייזער, וואָס וועט — לויט דער ייִדישער רעליגיעזער גלויבונג — אמאָל קומען אויסלייזן די ייִדן.

פּריסטאַוו — אמאָליקער קלענערער פּאָליציי־באַאַמטער אין רוסלאַנד.

ביד רמה (בעיאָד־ראָמאָ) — מיט א שטאַרקער האַנט.

סיבה (סיבע).

עד־מתי (אַד־מאָסאַי) — ביזוואַנען.

שר־של־ישמעאל (סאַר שעל יישמאָעל) — דער מאַלעך פון יישמאָעל. לויט די רעליגיעזע גלויבונגען האָט יעדער לאַנד און פאָלק זיין מאַלעך און באַשיצער אין הימל. יישמאָעל — איז דאָ געמיינט טערקיי, אונטער וועמענס הערשאַפט ס׳האָט זיך דעמלט געפונען ערעץ־ייסראָעל.

שולט (שוילעט) — הערשן, געוועלטיקן.

אין גדולה, עושר, כבוד (געדולע, אוישער, קאָוועד) — אין גרויסקייט, רייכטום און געשעצט.

בני־משה (בניי־מוישע) — א לעגענדאַרער ייִדישער שייוועט, וואָס איז לאַנג פאַרשוואונדן געוואָרן.

גוזמאות (גוזמאָעס) — איבערגעטריבענע, פאַנטאַסטישע דערציילונגען.

גבורות (גווורעס) — העלדישקייטן.

אלדד־הדני (עלדאַד האַדאַני) — א יידישער רייזנדער־אוואנטוריסט פון 9־טן יה.

הדסל (האַדעסל) — אזא קעסטעלע, אין וועלכן מען פלעגט האלטן געוויר־צן, וואָס מען פלעגט באנוצן ביי פארשיידענע רעליגיעזע צערעמאָניעס.

חנוכה (כאנוקע) ־לעמפל — אזא לעמפל, וואָס מען פלעגט אנצינדן אין כאנוקע, דעם יאָנטעוו צום אָנדענק פון דעם מאקאבייער־אויפשטאנד.

חכם (כאָכעם) — קלוגער.

תשבורת (טישבוירעס) — ברוכצאָלן.

הדרת־פנים (האדרעס־פּאָנעם) — א שיינער, אימפּאזאנטער אויסזעען.

בנעימותדיק (בענימעסדיק) — גלאַסן, פיין.

מומחה (מומכע) — ספּעציאליסט.

רופא (רויפע) — פעלדשער.

כפי השמוע (קעפי האשמוע) — ווי מען גיט איבער, לויט די קלאנגען.

חכמת האדאַקטאַריע (כאָכמאס האדאָקטאָריע) — די מעדיצינישע ווי־סנשאפט.

חרטומי מצרים (כאַרטוימיי מיצראים) — די קישעף־מאכער פון מיצראים (עגיפּטן).

הכלל (האקלאל) — מיט איין וואָרט.

דחקות (דאכקעס) — אָרעמקייט, נויט.

קריעה־בלועה (קריע־בלוע) — אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן.

גן־עדן (גאניידן).

לבנה (לעוואָנע).

אין פלוג — אויבנויף, אויבערפלעכלעך קוקנדיק.

נלכד (נילקעד) ווערן — געפאנגען ווערן.

מוזשיק — פויער.

מצורף לזה (מעצורעף־לאָזע) — דערצו נאָך, אויסערדעם.

המצאה (האמצאָע) — אנטדעקונג.

קהלס־לייט (קאָעלס־לייט) — די אָנפירער פון קאָעל.

פיינע־בריות (בעריעס) — דאָ: איידעלע לייט.

ניצוץ (ניצעץ) — א פונק פון א טאלאנט.

מסוגל (מעסוגל) **זיין** — פעיק זיין, אימשטאנד.

רבי־בר־בר־חנא (ראבע־באר־באר־כאָנע) — איינער פון די יידישע געלערנטע פון סאָף 3־טן יאָרהונדערט און תּלמוד ווערן געבראַכט פיל פאַנטאַסטישע מייסעס און רייזעפּאַסירונגען, וועלכע ער זאָל האָבן באַשריבן.

ספר „אלדד הדני" (סייפער עלדאָד האדאָני) — זע פריערדיקע באַמערקונגען ז. 304.

ספר מסעות בנימין (סייפער מאסאָעס ביניאָמען) — דער בוך וועגן די רייזעס פון ביניאָמינען. דאָ איז געמיינט דאָס בוך „רייזע באַשרייבונגען פון ביניאָמען פון טודעלאָ". ביניאָמען פון טודעלאָ (שפּאַניע) איז געווען א באַקאַנטער וועלט־רייזנדער. ער האָט אין די יאָרן 1160—1173 באַרייזט שפּאַניע, פראַנקרייך, איטאַליע, גריכנלאַנד, סיריע, פּאַלעסטינע, מעסאָפּאָטאמיע, אראַביע, עגיפּטן, סיציליע. זיינע באַשרייבונגען פון די רייזעס זענען א וויכטיקער קוואַל פון געאָגראַפישע, היסטאָרישע און פּאָליטישע ידיעות וועגן די לענדער אין זיין צייט.

צום ערשטן מאָל איז דאָס בוך געדריקט געוואָרן אין 1543. אין יידיש איז דאָס אָפּגעדרוקט געוואָרן צום ערשטן אין 1691.

שבחי ירושלים (שיווכיי יערושאָלאַיִם) — א רעליגיעז ווערק אָנגעשריבן אין סאָף פון 18־טן י.ה. פון דעם דאָזיקן בוך זענען צווישן פאַרשיידענע לעגענדאַרישע מייסעס וועגן יערושאָלאַיִם, וועגן פאַרשידענע וואונדער אויך פאַראַן באַשרייבונגען וועגן די רייזעס פון איינעם קיין ערעץ־יסראָעל אין 16־טן י.ה. מיט פאַרשידענע פאַנטאַסטישע ידיעות.

צל־עולם (צייל־אוילעם) — א בוך פון א פּוילישן געבילדעטן יידן דעלאַקרוט, וואָס האָט געלעבט אין 16־טן יאָרהונדערט.

כולל (קוילעל) **זיין** — אַריינגענומען אין זיך, ארומנעמען.

שבע חכמות (שעווא־כאָכמעס) — געמיינט: אלע וויסנשאַפטן.

חידושים ונפלאות (כידושים ווענִיפלאָעס) — אויסטערלישע וואונדער.

נתפעל ווערן (ניספּאָעל) — איבערראַשט, שטאַרק פאַרוואונדערט ווערן.

התפעלות (היספּײלעס) — פאַרוואונדערונג, איבערראַשונג, אנטציקונג.

הוספות (הויסאָפעס) — צוגאַבן, באַמערקונגען.

גומר זיין (גוימער) — באַשליסן.

קדוש (קאָדעש) — א הייליקער, א מאַרטירער.

עגונה (אגונע) — א פרוי, וועלכע דער מאַן האָט איר איוועקגעוואָרפן.

במטבע (בעטעווע) — לויט דעם כאראקטער, לויט דער נאטור.

בעל־פחדן (באַל־פּאַכדן) — א שרעקעוודיקער.

היינו (הײנע) — דאָס הייסט, געמלעך.

אימת מות (אײמעס־מאָװעס) — טויטדשרעק.

תמוז (טאַמעז) — דער הייסטער זומער־כוידעש (יולי).

רב (ראָוו).

אָפּטובלען (אָפּטויוולען) — אָפּטוקן זיך.

דרך־ארץ (דערעך־ערעץ) — אכטונג, אָפּשיי.

אם־ירצה־השם (מירצעשעם) — אז גאָט וועט וועלן.

בשלום (בעשאָלעם) — גליקלעך, אין אָרדענונג.

מחילה (מעכילע) — אנטשולדיקט.

תחתונים (טאַכטוינעם) — הויזן.

מבולבל (מעוולוול) געוואָרן — צעמישט געוואָרן.

לויתן (לעוויאָסן) — דער באַנטאַסטישער גרויסער פיש אויף וועמען עס האַלט זיך די גאַנצע ערד, לויט דער יידישער לעגענדע.

גיבור (גיבער) — העלד, ריז.

קודם־כל (קוידעמקאָל) — צום אלעם ערשטן.

פחד (פאַכעד) — שרעק.

דווקא (דאַווקע).

חדר (כיידער) — דאָ געמיינט: צימער.

הנהגה (האַנאָגע) — אויפפירונג, האַלטונג.

פליאה (פּליע) — וואונדער.

חסר־דעה (כאָסער־דייע) — געריריט פון זינען.

שוטהוואטע (שויטעוואטע) — נארישעוואטע.

לערך (לעערעך) — מער־ווייניקער.

קימאָ־לן (קיימעלאָן) — דאָ געמיינט: אן אנגענומענע, פעסטגעשטעלטע זאך.

עיר ועיר וחכמיה, עיר ועיר ומשוגעיה (איר וועאיר וועכאָכמייאָ, איר וועאיר אומעשוגייאָ) — יעדער שטאָט מיט איר׳ כאָכמע, יעדער שטאָט מיט איר משוגענעם.

בפרט (ביפראַט).

בראָש (בעראָש) — אין שפּיץ.

אדרבא ואדרבא (אדעראבע וועאדעראבע).

א גוזמא (גוזמע) — דאָ געמיינט: א סאַך.

תירוץ (טערעץ) — פאַרענטפערונג.

ממש (מאמעש) — בוילעט, אָנצוטאַפּן.

בעל־דבר (באל־דאָווער) — דאָ געמיינט: דער טייוול.

מוסכם (מוסקעם) — אָפּגערעדט, איינשטימיק.

סופר (סויפער) — שרייבער. דאָ איז געמיינט דער איבערשרייבער פון דער טוירע און אנדערע רעליגיעזע אַקטן, וועלכע מען פלעגט שרייבן מיט דער האַנט און מיט א ספּעציעלן שריפט.

בודק (בוידעק) **זיין** — איבערקוקן, רעווידירן.

מזוזה (מעזוזע) — א שטיקל פּאַרמעט מיט באַשטימטע אויסצוגן פון דער טוירע, וואָס פרומע יידן פלעגן עס אויפהענגען אויף דער טיר.

אסיפה (אסיפע) — פאַרזאמלונג, זיצונג.

טובה (טויווע) — דאָ געמיינט: א נוצן.

הוצאות (הויצאָעס) — קאָסטן, אויסגאַבן.

טאַקסע — דער שטייער אויף קאָשער פלייש, וועלכן די יידן פלעגן דעמלט צאָלן. דאָס רעכט אויפצומאָנען דעם שטייער פלעגט אַרענדירט ווערן דורך איינצלנע רייכע יידן, וועלכע פלעגן אויסנוצן זייער מאַכט אויף צו באַרייכערן זיך אויפן כעזשבן פון דער גאַנצער יידישער באַפעל־קערונג.

על־פּי דרך־הטבע (אל־פּי דערעך־האטעווע) — מיטן לאָגיש, נאַטיר־לעכן גאַנג.

דער שכל (סייכל) **איז מתחייב** (מיסכאיעוו) — ס'איז לאָגיש, ס'לייגט זיך אויפן סייכל.

סוף אָדם למות וסוף יהודי לטאַקסע (סאָף אָדאָם לאָמוס, ווסאָף יעהו די לעטאַקסע) — טייטש אין טעקסט.

בשום אופן (בעשום אויפן) — אין קיין פאַל.

אפּיקורסים (אפּיקורסים) — אומגלוייביקע.

תחום־שבת (טכום שאַבעס) — א שטרעקע וועג, וואָס ווייטער פון איר האָט א ייד אום שאַבעס נישט געטאָרט גיין.

מדבריות (מידבאָריעס) — וויסטעניש.

אלעקסאנדער מוקדון — דער גרויסער גריכישער קריגס־פירער (356־323 פאר קר). וועגן אים זענען דא אויך אין די יידישע רעליגיעזע ביכער פארשידענע פאנטאסטישע לעגענדעס וועגן זיינע העלדישקייטן.

פיפערנאָטער, מאטול, לינדנוואָרעם — פאנטאסטיש־רייזיקע באשעפעניש.

משלחת (מעשלאכעס) — אָנשיקעניש.

אין מחשבותן (מאכשאָוועסן) — אזוי טראכטנדיק.

מעריב (מיירעוו) — דא געמיינט: דאָס אוונטיקע דאווענען.

שונאי־ציון (סאָנע ציען) — א באשווערונג אזא, באטייט: אויף טישט יידן געזאָגט געוואָרן.

גזלן (גאזלען) — רויבער, באנדיט.

ימים (יאמים).

היות־רעות (כייעס־ראָעס) — ווילדע בייזע באשעפענישן.

אומות (אומעס) — פעלקער, שטאמען.

מיאש זיין זיך (מעיאַעש) — פארצווייפלען, רעזיגנירן.

האָבן די זכיה (זכיע) — זיין די ווערט, זיך פארדינען.

בפרטיות (ביפראָטיעס) — אויספירלעך.

כלל־־ישראל (קלאל ייסראָעל) — דאָס יידישע פאָלק.

הנהגות (האנהאגעס) — פירונגען, זיטן.

מנצח (מענעצייעד) זיין — באזיגן.

פחדים (פכאָדים) — שרעקן.

כלי־שלמה (קיילע־שליימע) — א פולקאָמע, א גוטע זאך.

ברכה (בראָכע) — בענטשונג, א גליק.

בטחון (ביטאָכן) — האָפענונג, מוט.

טעמים (טעמים) — געשמאקן.

רחמנות (ראכמאָנעס).

בקשה (באקאָשע).

דאָברי דיען (אוקראיניש) — גוטמאָרגן.

שאר ירקות (שאריעראָקעס) — פארשידענע אנדערע גרינסן.

נישט לרצון (לעראָצן) — נישט צום הארצן, נישט געפעלן.

שלשלת (שאלשעלעס) — א געדריידלטער טאָן אזא, איינער פון די מאַטיוון, מיט וועלכע מען פלעגט לייענען די טוירע.

אבר (אייווער) — גליד.

באם (בעים) — אויב, טאָמער.

אומות-העולם (אומעס־האוילעם) — געמיינט: פון אנדערע פעלקער נישט־יידן.

יוסף הצדיק (יאָסעף האצאדיק) **און זליכה** (זליכע) — דאָ איז געמיינט: די טאנאכישע מעשה וועגן דעם, ווי אזוי איינע אַ פרוי פון אַ גרויסן עגיפּטישן באַאמטן האָט געוואָלט פארפירן מיט איר שיינקייט יאָסעפן, וואָס איז אויך געווען זייער אַ שיינער.

מחמת יסורים (מאכמעס יעסורים) — פון ווייטיק.

ערל (אָרל) — דאָ געמיינט: אַ פויער.

בנשימה אחת (בענעשימע אכאס) — אין איין אָטעם.

מהפך פשטא (מאפעך־פאשטע) — איינער פון די טענער, מאָטיוון מיט וועלכע מען פלעגט לייענען די טוירע.

לכתחילה (לעכאַטכילע) — גלייך פון אָנהייב.

שאלות (שיילעס) — פראַגעס.

בתוך הבאים (בעסויך־האבאָאים) — צווישן די געקומענע.

אוספייעט — באווייזן.

בשורה (בסורע) — נייעס, וויכטיקער אָנזאָג.

רעש (ראַש).

תחבולות (טאכבולעס) — מיטלען.

בענטשן גומל (גוימל) — דאָס זאָגן אַ ספּעציעלע טפילע, ווען מען ראַטעוועט זיך פון אַ טויט געפאַר.

צום דריטן קאַפּיטל

טעות (טאָעס).

גובר זיין (גויווער) — באַזיגן, בייקומען.

טבע (טעווע) — נאַטור, כאַראַקטער.

חקרן (כאקרן) — פילאָסאָף, געלערנטער.

שבע חכמות (שעווע כאָכמעס) — אַלע וויסנשאַפטן.

מבין (מייווין) — אַ קענער, אַ געניטער.

כשושנה בין החוחים (קעשוישאנאָ ביין האכויכים) — ווי א רויז צווישן דערנער.

ישועות (יעשועס) און נחמות (נעכאָמעס) — הילף און טרייסט.

לעת-עתה (לעסאָטע) — דערווייל.

מניעה (מעניע) — שטערונג.

הוצאות (הויצאָעס) — קאָסטן, אויסגאבן.

אשת-חיל (איישעס-כאַיעל) — דאָ געמיינט: א פרוי, וואָס זי איז די פאַרדינערין, זי האלט אויס די שטוב.

פרנסה (פּאַרנאָסע).

גיים אפּטייקל — געמיינט: א שענק, דאָרט ווו מען פאַרקויפט בראָנפן און א דערלויבעניש.

מציאות (מעציִעס) — טייערע זאַכן, וואָס מען קויפט זיי צופעליק זייער ביליק.

ירושה (יערושע).

זיך מהנה (מעהאַנע) — האָט האַנאָע.

חפצים (כפייצים) — ווערט-זאַכן.

יתור (ייטער) — געבליבענע שטיקלעך שמאָף ביי די שניידער.

זיך מתחייב זיין (מיטכאַיעוו) — זיך פאַרפליכטן.

סילוקן (סילעקן) — אָפּצאָלן, אָפּגעבן.

מותר (מויסער) — די רעשט.

נדן (נאַדן) — דער אָפּצאָל אין געלט און אין ווערט-זאַכן, וועלכן דער קאַלעס עלטערן פלעגן געבן דעם כאָסן.

בפירוש (בעפּיירעש) — דייטלעך, קלאָר.

חלילה וחס (כאָלילע וועכאָס) — אין קיין פאַל נישט.

משיג (מאַסעג) זיין — באַנעמען, פאַרשטיין.

בשתיקה (בעשטיקע) — שטילערהייט.

הינדיאָ — אינדיע.

סמבטיון (סאַמבאַטיען) — זעו באַמערקונג ז. 297.

בצפיחת (קעצאַפּיכעס) — א מין שפּייז. וואָרט באַנוצט אין יידיש, ווען מען רעדט וועגן עפּעס א זאַך, וואָס קיינער קאָן עס נישט דערקלערן. מען באַנוצט אויך: קעצאַפּיכעס בידוואַש — אין האָניק.

עצה (אייצע).

מישב זיך זיין (מעיאשעוו) — באקלערן זיך, באטראכטן זיך.

איש אחד היה ושמו סענדערל (איש עכאָד האָיאָ אושמו סענדערל) — טייטש אין טעקסט.

זה הסענדערל היה איש פשוט (זע האסענדערל האָיאָ איש פּאָשעט) — טייטש אין טעקסט.

בימה (בימע) — א פּאָדיום מיט קאָלומנעס (זיילן) אין שול. דאָרט פלעגט מען לייענען די טוירע.

דאָס רוב (ראָוו) — מערסטנטייל.

המצאה (האמצאָע) — דאָ געמיינט: א וויץ.

בתמימות (ביטמימעס) — פּאָשעט, נאיוו, אָן קיין הינטערגעדאנק.

מודה (מוידע) — זיין.

תשעה באב (טישעבאָוו) — דער טרויער־טאָג צום אָנדענק פון צעשטערן דעם ביים־האמיקדעש.

חלק (כיילעק) — טייל.

הושענה־רבא (הוישיינע־ראבע) — איינער פון די טעג אין יאָנטעוו סוקעס.

תיקון (טיקן) — דאָ געמיינט: בראָנפן און צובייסן — וואָס עס פלעגט שטעלן דער, וועלכער האָט געהאט א יאָרצייט נאָך א פארשטאָרבענעם.

דאגה (דייגע) — זאָרג.

כפרה (קאפּאָרע)־הינדל — דאָס הייסט דער, וואָס קומט אָפּ פאר פרעמדע זינד.

עקשן (אקשן) — איינגעשפּארטער.

רצון (ראָצן) — ווילן.

מבטל (מעוואטל) זיין — צו נישטמאכן, פארקלענערן דעם ווערט.

תענוג (טײנעג) — פארגעניגן.

תרבות (טארבעס) — דערציִונג, אָפּשיי.

מקבל באהבה (מעקאבל בעהאווע) זיין — אָננעמען פאר ליב.

שואל בעצה (שואעל־בעאייצע) זיין — זיך באראָטן.

טעם (טאם) — דאָ געמיינט: מאָטיוו, גרונד.

מחיה (מעכאיע) זיין — זיך דערקוויקן.

חלקת הלשון (כעלקאס האלאָשן) — דאָ געמיינט: שיין רעדן, מאַלאַנט צום רעדן.

ויהי כבוא בנימין לסענדערל (וואיהי קעוווי ביניאָמען לעסענדערל) — טייטש אין טעקסט.

כשהו יושב על הספסל החלב וקולף (קעשעהו יושעוו אל האסאפסאָל האכאָלאָוו וועקוילעף) — טייטש אין טעקסט.

למדינת הים (לימדינאַס האיאם) — געמיינט: זייער ווייט, ערגעץ אויף יענער זייט יאם.

בחורטע (באָכאָרטע) — געמיינט: דאָס ווייב.

שומר (שוימער) — וועכטער, היטער.

התלהבות (היסלייוועס) — באַגייסטערונג, ברען.

שלמה המלך (שלוימע האמעלעך) — דער קיניג שלוימע, וועלכער האָט אויפגעבויט דעם בייס־המיקדאש, דעם טעמפּל אין יערושאָלאיִם.

מקנא (מעקאנע).

תוגר (טויגער) — דער טערק.

תרופה (טרופע) — מיטל.

מודיע זיין (מוידיע) — מעלדן, מאַכן באַקאַנט.

גדלות (גאַדלעס) — שטאָלץ.

בבל (באָוול) — אמאָליקע מעלוכע, אין טאָל פון די טייכן טיגער און עפראָט.

ישמעאלים (יישמאָעילים) — דאָ געמיינט: טערקן, מאַכמעדאַנער.

נגיד (נאָגיד) דאָ געמיינט: דער פירשט, דער אָנפירער פון די דאָרטיקע יידן.

שבט שמעון (שייוועט שימען) — ביים באַזעצן זיך אין ערעץ־ייסראָעל האָבן זיך די יידן, לויטן טאַנאַך, געטיילט אויף צוועלף שוואָטים. דער שייוועט שימען איז שפּעטער שפּורלאָז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

שבט ישכר (ייסאָסכער).

עוסק אין תורה (אויסעק אין טוירע) — באַשעפטיקט זיך מיט לערנען טוירע.

מהלך (מעהאלעך) — שטרעקע.

גסבון (גיסבוין).

גוזן (גוזאָן).

דן, זבולן, אשר, נפתלי (דאָן, זוולן, אָשער, נאַפטאָלי).

מדינות און כרכים (מעדינעס און קראכים) — לענדער און געגנטן.

יוסף המרכלא הלוי (יאָסעף האמארקעלאַ האלייווי).

ברית (בריס) — בונד, אָפּמאַך.

כופר אל תורך (קויפער אל־טויירעך) — דער און די פריער דערמאָנטע נעמען פון לענדער און מענטשן זענען לעגענדאַריש־פאַנטאַסטישע.

בני רכב (בניי רעכעוו) — אַ יידישער מישפּאָכע, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער טוירע.

תימא (טיימע).

גלות ישראל (גאָלעס־יייסראָעל) — פאַרטרייבונג, צעשפּרייטונג פון יידישן פאָלק.

משנה למלך (מישנע לעמעלעך) — וויצע־קעניג, דעם קעניגס צווייטע האַנט.

תקיעת כף (טקיעס־קאַף) — פייערלעכע האַנט־געבונג ביים שליסן אַן אָפּמאַך, ביים צוזאָגן עפּעס.

ליידן גלות (גאָלעס) — דאָ געמיינט: זיין אונטערטעניק, פאַרקנעכט.

רשעטע (ראָשעטע) — בייזע, שלעכטע פרוי.

דאָליע (אוקראַאיניש) — מאַזל, גורל.

חרטה (כאראָטע).

קלאָץ־קשיא (קאשע) — אַ פראַגע וואָס מ׳קאָן אויף איר נישט געבן קיין ענטפער.

בדעה (בעדייע) האָבן — אינזינען האָבן, מיינען.

גמילת חסד (גמילעס כעסעד) — דאָס אויסבאָרגן, אויסלייען געלט אויף אַ קורצער צייט אָן פּראָצענט.

בשמחה (בעסימכע) — מיט פרייד.

אן עבירה (אוויירע) — דאָ געמיינט: אַ שאָד.

מוסכם (מוסקעם) — איינשטימיק.

התחלה (האסכאָלע) — אָנהייב.

יערכע — ווייסער זאַמש.

מקיים פסק זיין (מעקאיעם פסאק) — באַשטראָפן.

צום פערטן קאַפּיטל

סידור (סידער) — זאַמלונג פון טפילעס.

„דרך חיים" (דערעך כאַיעם) „חוק לישראל" (כאָק לעיסראָעל) — רעליגיעזע ביכער, זאַמלונג פון געזעצן און מאָראַלישע אָנווייזונגען.

תהילים (טילים) — טייל פון טאנאך, זאמלונג פון לירישע רעליגיעזע געזאנגען. לויט יידישע גלויבונגען איז דאָס בוך צוזאמענגעשטעלט געווארן דורך דאָוויד האמעלעך.

יוצא זיין (יויצע) — אויסקומען, אָפּקומען אַ פליכט.

שליחות (שליכעס) — שיקונג, מיסיע, דעלעגאציע.

עין־הרע (איינאָרע) — בייז אויג.

בעל בטחון (באל־באָטאָכן) — אָפּטימיסט; אזא וואָס האָפט אז אלץ וועט זיין גוט.

בנעימות (בענימעס) — געלאסן, רואיק.

מלך עליון (מעלעך־עליען) — טייל פון דאווענען.

כסא הכבוד (קיסע־האקאָוועד) — גאָטס טראָן.

מלאכה (מעלוכע).

לוגן (אלט־יידישער אויסדרוק) — לאָקערן, לויערן, אָפּווארטן עמעצן פון אַ באהעלטעניש, קעדיי אָנצופאלן אויף אים.

חן (כיין) — שיינקייט, רייץ.

למאי (לעמאי) — דאָ: צו וואָס.

צום פינפטן קאַפּיטל

דיליזשאנס — אַ מאָליקער פאָסטוואָגן אין וועלכן מען פלעגט איבערפירן פאסאזשירן.

הלוואי (האלעוואי).

סליעד (רוסיש) — שפור.

ביכולת (בעיעכוילעס) — אימשטאנד, פעיק.

געחתמעט (געכאסמעט) — אָפּגעשטעמפּלט.

פעטשאטעק (אוקראיניש) — דאָ געמיינט: אַ גאָב.

בריהשקייט (בעריעשקייט) — פלינקייט, געראָטנקייט.

סכנה (סאקאָנע) — געפאר.

כפי (קעפי) — לויט דעם ווי...

אלף השביעי (עלעף האשוויאי) — דער זיבעטער יאָרטויזנט. לויט דער יידישער רעליגיעזער צייטרעכענונג איז דאָס יאָר 1878, ווען ס'איז ארויסגעגעבן געוואָרן „מאַסאָעס" געווען דאָס יאָר 5683, דאָס הייסט דער סוף פון זעקסטן יאָרטויזנט.

שררה (סראָרע) — גרויסער האר, מאגנאט.

געהלשט (געכאלעשט).

געפּועלט (געפּויעלט) — אויסגעפירט.

מעשה שטן (מייסע סאָטן) — געמיינט: ווי אויף צולאָכעס.

אין ברירה (איין ברײרע) — נישטאָ קיין אנדער אויסוועג.

כזית (קעזאַיס) — געמיינט: א קליין פּיצעלע.

מחזור (מאכזער) — זאמלונג פון טפילעס אויף פארשידענע יאָנטויוים.

אקדמות (אקדאָמעס) — א רעליגיעזער הימן, וועלכן די יידן זאָגן מיט א באַזונדערן מאָטיוו אין יאָנטעוו שעוועס. דער הימן איז געשריבן אין דער אראמעישער שפּראך, וועלכע די יידן פלעגן רופן אויך טאַרגעם, דורך איינעם רעב מייער בען יצכאָק פון מאַינץ אין סאָף פון עלפטן יאָרהונדערט און געשטן ווי בינייאָמען מיינט דורך אלדד האדאָני.

מפסיק זיין (מאפסיק) — איבעררייסן.

קאָלי זשיד ספּיוואיע, קאָלי וויין גאָלאָדני (אוקראַיניש) — ווען זינגט א ייד? — ווען ער איז הונגעריק.

מפורש (מעפּוירעש) **זיין דעם טאַם** — אויפקלערן די סיבע.

רמ"ח אברים (רעמאַך אייווערים) — 248 גלידער, וועלכע דער מענטש־לעכער קערפּער פארמאָגט — אזוי איז געווען אנגענומען ביי יידן.

כל־טוב (קאָל־טוּוו) — אלדאָס גוטס.

מן (מאַן) — אזא שפּייז. לויט דער טאנאכישער לעגענדע האָבן זיך די יידן בעשאַס דער וואנדערונג אין דער מידבער דערנערט מיט דער שפּייז מאַן, וואָס פלעגט אראָפּפאלן פון הימל.

ברוך־הוא (באָרעך־הו) — געלויבט איז ער (גאָט).

נפשות (נעפאשעס) — באַשעפעניש, דאָ: מענטשן.

חידושלעך (כידעשלעך) — וואונדערלעך.

בירושה (בעירושע).

קאַראַבקע — ווערטלעך באַטייט עס: א קוישל. דאָ איז געמיינט די מאַקסע.

כלי־קודש (קלײ־קוידעש) — אן אנגעהעריקער צו דער גרופּע וואָס האָט באַדינט די רעליגיעזע באַדערפעניש: ראָוו, כאזן, שויכעט א.א.וו.

חברה (כעווּרע) — געזעלשאפט, אינסטיטוציע.

פּושקע — דאָ געמיינט: דאָס זאמלען אין א פּושקע פאַרשידענע נעדאָווים.

קהלש (קאָעלש) — גענעלשאפטלעך.

גמילות-חסד-באנק — א באנק, וועלכע בלעגט ארויסגעבן געלט אָן פּראָצענט.

מחבריש (מעכאבריש) — שרייבעריש.

זיווג מן השמים (זיוועג מין האשאָמאים) — א פּאָר פון גאָט.

רוחניות (רוכניעס) — גייסטיקע, הימלישע ווערטן.

כיוון (קיוון) — מין, מענדענץ.

תרגום (טארגעם) — אראמיש, געמיינט: די שפּראך פון דער אראמישער טאנאך איבערזעצונג.

ושריות שותא (וועשאָראָיעס שוסאָ).

חוץ-לאָרץ (כוץ-לעאָרעץ) — די לענדער אויסער ערעץ-יסראָעל.

בהכנעה (בעהאכנאָע) — אונטערטעניק, נאָכגיביק.

ערל (אָרל) — דאָ געמיינט: דער פויער.

כהאי-לישנא (קעהאי לעשנע) — מיט אזא שפּראך, מיט אזוינע רייד.

לא עליכם (לוי-אלייכעם) — נישט פאר אייך געדאכט.

תכלית (טאַכלעס) — דאָ באַמיט עס: העיר צוועק, זיינען.

מצער זיין (מעצאער) — אָנטאָן צאָרעס, וויטיק.

הילוך (הילעך) — קליידונג, אויסזען.

מכות (מיקויעד) — וועגן.

שלום-עליכם (שאָלעם-אלייכעם) — האנט-געבונג ביים באגריסן זיך.

מה שמיכם (מא שמייכעם) — ווי אזוי הייסט איר.

משמש (מעשאמעש) — באדינער.

בת מלכה (באס-מאלקע) — פּרינצעסין, בן-מלך (בען-מעלעך) — פּרינץ: די טראדיציאָנעלע העלדן פון די פאָלקס-מייסעס.

עולם (אוילעם) — דאָ געמיינט: וועלט.

תקיעה גדולה (טקיע-געדוילע) — לאנגער אויסגעצויגענער טאָן ביים בלאָזן שויפער.

פאַמסענע (פון פויליש) — טיף-רויטע.

חושך (כוישעך).

ביי-קולכלעך (בייקעלעכלעך) פיסטעלעך, געמבעס — אמאָליקע פאָלקס-פיפלעכע באצייכענונגען פאר פארשידענע שטימען אין א כאָר.

חניפה (כאניפע) — אונטערלעקעריי.

שטיין אויף משקולת (מישקוילעס) — קוים זיך האלטן; האלטן זיך אויף א האר.

כלים (קיילעם) — דא געמיינט: מוזיקאלישע אינסטרומענטן.

מניעה (מעניע) — שטערונג, אפהאלט.

לכבוד (ליכווויד) — לכבוד (לעקאווועד).

מחותנים (מעכוטאנים).

ולכבוד כל המסובים בכאן (וועליכווויד קאל האמסובים בעקאן) — און לעקאווועד אלע דא פארזאמלטע.

דבל (דעוול) — איראנישע, פארקלענער־פארמע פון דאוו.

כשרע מציאה (קאשערע מעציע) — דא געמיינט: א גוט געווינס, א זאך וואס מען האט צום גליק געפונען.

אסור (אסער) — דא: אין קיין פאל נישט.

רחמים (ראכמים) — מיטגעפיל, ראכמאנעס.

מגלה (מעגאלע) זיין — אנטפלעקן, אויפדעקן.

בהמה (בעהיימע).

סברה (סוואָרע) — מיינונג, היפאטעזע.

חידוש נפלא (כידעש־ניפלע) — אויסטערלישער וואונדער.

רבותי (ראבויסיי) — ווענדונגס־פארם צו א פארזאמלטן עולם, אשטייגער ווי „מיינע הערן".

א פירוש (פיירעש) מאכן — מאכן א וויזן, האלטן פאר זייער וויכטיק.

פראסטע איז מאסטע (פון אוקראיניש) — דא געמיינט: גאר פראסט און קונצן.

גורם זיין (גוירעם) — פארמראגן, אננעמען.

מאכן פליטה (פלייטע) — אנטלויפן.

בשר ודם (באסער וודאם) — פון פלייש און בלוט, דאס הייסט: מענטשן.

טבילה (טווילע) — אפטוקן זיך, אפטונקען אין וואסער.

קוליעקלעך — בינטעלעך.

צום זעקסטן קאַפּיטל

ליל־טבילה (לייל טווילע) — די נאַכט פֿון אָפּטוקן זיך.

רפֿואה (רעפֿוע) — היילונג.

טובה (טויווע).

רעה (ראָע) — שלעכטס.

שליח (שעליעך) — דער געשיקטער, דער ברענגער, באַפֿולמעכטיקטער.

גרגרת (גאַרגערעס) — גאָרגל.

ראיה (ראיע) — באַווייז.

טיטוס הרשע (טיטוס האָראָשע) — דאָ איז געבראַכט די לעגענדע וועגן דעם, אַז דער רוימישער קיניג טיטוס פֿלאַוויוס, וועלכער האָט צע־שטערט ירושלים (70 יאָר נאָך קריסטוסן) איז דורך גאָט באַ־שטראָפֿט געוואָרן דורך דעם, וואָס אין טיטוסעס קאָפּ האָט זיך באַ־זעצט אַ מוק (אַזאַ אינזעקט), וואָס האָט אים געגעבערט קעסיידער דעם מויעך.

מצליח (מאַצליעך) **זיין** — באַגליקן.

אַ פּשיטאַ (פּשיטע) — געוויס און געוויס, שוין אָפּגערעדט.

מרה שחורה (מאָרעשכוירע) — טרויער, מעלאַנכאָליע.

באָם (בעים) — אויב, טאָמער.

לא יעלה ולא יבוא (לוי יאַלע וועלוי יאָווע) — דאָ געמיינט: ס'זאָל גאָר־נישט געשען.

שומר ומציל זיין (שוימער אומאַצל) — אָפּהיטן און ראַטעווען.

כתב־יד (קסאַוו־יאַד) — מאַנוסקריפּט, האַנטשריפֿטלעך, געשריבן ווערק.

ערבֿ (אָרעוו) **זיין** — גאַראַנטירט זיין, פֿאַרזיכערט.

שמירה (שמירע) — וואַך.

כל המיני סכנות (קאָל האַמינע סאַקאָנעס) — אַלערליי געפֿאַרן.

חסר דעה (כאָסער־דייע) — געריירט פֿון זינען.

סידי דאָמאַ טאָ נע ריפּאַיסיאַ (אוקראַיניש) — זיץ אין שטוב און דריי זיך נישט אַרום.

עולמס (אוילעמס) — דעם פֿאָלקס.

להבֿדיל (לעהאַוודל) — אַ וואָרט וואָס ווערט באַנוצט ווען מען פֿאַרגלייכט אַ הייליקע און וואָכעדיקע זאַך.

גמרא (געמאָרע) — טייל פון טאַלמוד — זאַמלונג פון יידישע רעליגיעזע געזעצן, פאַרענדיקט אין יאָר 500 נאָך קריסטוס.

ידיעה (יעדיע) — דאָ געמיינט: קענטעניש.

שונא ציון (סאָנע־ציען) — דאָ געמיינט: אויף יידישע פיינט געזאָגט געוואָרן.

מבולבל (מעוולוול) **ווערן** — צעמישט ווערן.

בהכנעה (בעהאַכנאָע) — אונטערטעניק.

מקדים זיין (מאַקדעם) — זיין דער ערשטער, ארוים פריער.

תרבות (טאַרבעס) — דאָ געמיינט: אכטונג, דערעבערעץ.

ת"ק (טאַק) — דער ציפער־באַדייט פון די צוויי אויסיעס איז 500.

יורדיקעס, קאַטשעניוקעס, מאַטשעניוקעס, פיסקעס, יאָרן, פּאַדאָלן — נעמען פון פאַרשטעט פון פאַרשידענע שטעט אין ווילנע און פּאָדאָליע (זשיטאָמיר, בערדיטשעוו, קיעוו א.א.), ווו עס האָט געוווינט א געדיכטע יידישע באַפעלקערונג.

כחול־הים (קעכאָל האיאַם) — ווי זאַמד ביים ים.

חקרנים (כאַקראָנים) — פילאָסאָפן, פאָרשער.

על־פי (אַל־פּי) — לויט, וועדליג.

פסוק (פּאָסעק) — זאַץ, סענטענץ.

כי מלאה הארץ חמס (קי מאָלאָ האָרעץ כאָמאָס) — טייטש אין טעקסט.

מהומה (מעהומע) — צעטומלעניש, פאַניק.

דור הפלגה (דאָר־האפלאָגע) — דאָ איז געמיינט די יידישע לעגענדע וועגן דעם, אז ווען אמאָליקע ציטן האָבן די פעלקער געוואָלט אויסבויען זייער א הויכן טורעם, וואָס זאָל דערלאַנגען ביז צום הימל, האָט גאָט געשטראָפט די מענטשן דערמיט, וואָס ער האָט פאַרמישט די שפּראַך אזוי, אז די בויער האָבן זיך נישט געקאָנט צונויפרעדן.

מהומה (מעהומע) — צעטומלעניש, פאַניק.

חטא (כעט) — זינד, פאַרברעכן.

בעונותינו הרבים (באַוויינויסיינו האָראַבים) — צוליב אונדזערע פיל זינד.

תאווה (טאַווע) — די לײדנשאַפט, דער דראַנג.

שם (שעם) — א הייליקער געהיימער שפּרוך, מיט וועלכן מען באַווייזט וואונדער.

לוט (לאט) — א פּלימעניק פון ביבלישן אורפּאַטער אווראַהעם. צווישן זיי איז לויט דער לעגענדע פאָרגעקומען אַ קריגעריי צוליב פּאַשע־פעלדער.

פּאַרטשיק — אַן איינגעמימער פון אַ צווייפעדיקן געשפּאַן.

מזיק (מאַזעק) **זיין** — שעדיקן, מאַכן פאַר אַ קאַליקע.

סטויפ — סלופ, דראָנג, קלאָץ.

קורעלאַפּניטשקע — אויפקויפערין פון אייער, הינער.

גנבה, גזלה, רציחה (גנייווע, גזיילע, רעציכע) — גנייווע, רויב, מאָרד.

חצופה (כצופע) — פאַרשייטע פּרוי.

צום זיבעטן קאַפּיטל

קרימער מלחמה (מילכאָמע) — געמיינט די מילכאָמע צווישן רוסלאַנד פון איין זייט און טערקיי, פראַנקרייך און ענגלאַנד פון דער צווייטער זייט אין די יאָרן 1854—1856.

כיתות (קיטעס) — דאָ געמיינט: גרופּעס, ריכטונגען.

בעל־מוח (באַל־מויעך) — באַטייט: קאָפּמענטש.

מומע וויטע — אַ יידישער פאָלקס־ימלעכער נאָמען פאַר דער ענגלישער קיניגין וויקטאָריע (1819—1908), וועלכע האָט געהערשט אין ענגלאַנד בעשאַס דער קרימער מילכאָמע.

הסברות (האַסבאָרעס) — דאָ געמיינט: איינפאַלן, שפּיצלעך.

מפסיק זיין (מאַפּסעק) — איבעררייסן.

המצאה (האַמצאָע) — דאָ געמיינט: אַנטדעקונג.

פּשטן (פּאַשטן) — באַטייט אַ מענטש, וואָס דערקלערט אַלץ איינפאַך, לאָגיש.

אפּיקורסות (אַפּיקאָרסעס) — אַ מיינונג וואָס איז קעגן די אָנגענומענע דורך אַלעמען (דאָ הייסט עס קעגן די רעליגיעזע פאַרשטעלונגען וועגן זאַכן).

גולם (גוילעם) — דאָ איז געמיינט די באַקאַנטע יידישע לעגענדע וועגן דעם שאַפן פון ליים אַ מענטשן דורך אַ געוויסן הייליקן שפּרוך.

מופתים (מאָפּסים) — װוּנדער.

מתנגד (מיסנאַגעד) — דאָ געמיינט: קעגנער.

מומע ראָסיע — פאָלקסטימלעכער יידישער אויסדרוק אויף רוסלאַנד.

צדדים (צדאָדים) — קעגנערישע זייטן, ריכטונגען.

פעטער ישמעאל (ייִשמאָעל) — פאָלקסטימלעכע באַצייכענונג פון טערקיי.

כנופיא (קנופיע) — קאָמפּאַניע, געזעמל.

נאפּאָלעאָן — דאָ איז דערציילט וועגן דעם פראַנצויזישן קייסער נאַפּאָלעאָן דעם דריטן, וואָס האָט געהערשט בעשאַס דער קרימער מילכאָמע.

חסיד (כאָסעד) — דאָ איז געמיינט: אַן אָנהענגער.

קירה (קירע), **קירע מאָך** — א פאָלקסטימלעך יידישע באַצייכענונג פאַר עסטרייך, עסטרייכער. דער נאָמען קירע נעמט זיך פון די איניציאַלן פון די ווערטער. (קייסער יאָרום הוידו) — א טיטל אזא אין בענטשונג. קירע מאָך איז שוין א שפּאָט־אויסדרוק.

פּאָטשטן — נייעס, קלאַנגען.

ראציעס — געדאַנקען, סייכלדיקע איינפאַלן.

מהומה (מעהומע) — טומל, צעמישעניש.

עניני הפּאָליטיקע (איניאָנע־האַפּאָליטיקע) — פּאָליטישע פראַגן.

נושא־חן (נויסע־כיין) **ווערן** — געפעלן ווערן.

מידה (מידע) — שטריך פון כאַראַקטער.

עקשנות (אקשאָנעס) — איינגעשפּאַרטקייט.

חילוק (כילעק) — אונטערשייד.

מגלה (מעגאַלע) **זיין** — אַנטפּלעקן, אויפדעקן.

הגם (האַגאַם) — כאָטש.

עולם (אוילעם) — דאָ געמיינט: וועלט.

הילוך (הילעך) — קליידונג, אויסערלעכער אויסזען.

פּאָסטעמפּקעס — מינעס, פּירונגען.

מדרגה (מאַדרייגע) — שטופע, שטאַפּל, דאָ געמיינט: קאַטעגאָריע.

בוודאי (בעוואַדע) — אַוואַדע, געוויס.

לגמרי (לעגאַמרע) — אינגאַנצן, דורכויס.

מפלפל זיין זיך (מעפאַלפל) — דיסקוטירן, אַמפּערן זיך.

יוסיפון (יויסיפן) — א היסטאָריש ווערק אָנגעשריבן אויף העברעיש אין מיטל־אַלטער. אין דעם בוך ווערן אויך דאָ א סך לעגענדעס און פאַנטאַסטישע דערציילונגען. אויף יידיש איז דער „יויסיפן" צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין 1546.

יונדב בן רכב (יונאָדאָוו בען רעכעוו) — זע באמערקונג ז. 313.

לחלוטין (לאכלוטין) — אינגאנצן.

מכל־שכן (מיקאָלשקיין) — שוין אָפּגערעדט דערפון, געווים און געווים.

עופות (אויפעס) — פייגל.

יונית (יעוואָניס) — דאָ געמיינט: גריכיש.

בזה הלשון (בעזע האלאָשן) — מיט אזא שפּראַך.

בני אברהם, יצחק ויעקב (בניי אווראָהאָם, ייצכאָק וועיאַנקעוו) — דאָ הייסט: די יידן.

יש־אומרים (יעש־אוימרים) — וואָס־מלעך באַטייט עס: ס׳זענען דאָ, וואָס זאָגן. דאָ איז געמיינט: ס׳איז דאָ אן אנדער מיינונג אויך.

סברה (סוואָרע) — דאָ געמיינט: טעאָריע, היפּאָטעזע.

דאָס לאַנד פון פּריסטער יאָן — דאָ איז דערמאָנט א צווייטע לעגענדע פון קריסטלעכע קוואַלן אויך וועגן אן אומבאקאנט לאנד, פון קיינעם נישט אויסגעפאָרשט. דאָס לאנד איז אָנגעפירט דורך א קאטוילישן גייסטלעכן יאָאַן.

מוחל זיין (מויכל) — דאָ געמיינט: זיין אזוי קלוג, גוט.

מלכות (מאלכעס) — קיניגלעכע פּערזאָנען, קיניגלעכע מאכט.

גיין אויף א דרך (דערעך) — דאָ געמיינט: גיין אין דער געהעריקער ריכטונג, ריכטיק אויסטייטשן.

נצמח (ניצמעך) ווערן — ארויסשפּראָצן, ארויסוואקסן.

ישועה (יעשועו) — א הילף, א רעטונג.

תרעומות (טאַרוימעס) — פּרעטענזיע, פאָרוואורף.

אָקרענטן — שיפן.

שטיין אויף משקולת (מישקוילעס) — קוים זיך האלטן, וואקלען זיך.

עדות (איידעס).

מאכן יד אחת (יאד־אכעס) — שלאָגן בלאט, אָפּרעדן זיך.

צום אכטן קאפּיטל

טרוד זיין (טאָרעד) — באשעפטיקט זיין, פארנומען.

געלאָבט זיך (אלטיידישער אויסדרוק) — געקוויקט זיך.

רבונו־של־עולם (ריבוינע־שעל־אוילעם) — גאָט.

צום נײַנטן קאַפּיטל

זכות־אָבות (זכוס־אָוועס) — פֿאַרדינסט, מיצוועס פֿון די עלטערן.

מקריב זײַן (מאַקרעוו).

באַהעלפֿער, אָדער בעלפֿער — אַ געהילף בײַ אַ מעלאַמעד, מערסטנס־טייל פֿלעגט ער זיך פֿאַרנעמען מיט באַדינען די קלענסטע קינדער פֿון כיידער.

גולד (גוילעד) **ווערן** — געבוירן ווערן, אַרויסקומען.

באַשיימפּערלעך — דײַטלעך, מ׳קאָן עס זען.

ממציא זײַן (מאַמצע) — אויסגעפֿונען, אַנטדעקן.

מלא (מאָלע) — די מתּוויער־תּפֿילע, וואָס מען פֿלעגט זאָגן אײַדער קיווער פֿון אַ געשטאָרבענעם.

מצבה (מאַצייווע) — אָנדענק־שטיין אויף אַ קיווער.

נס (נעס) — וווּנדער.

חרפּה (כערפּע) — בושע.

המצאהלעך (האַמצאָעלעך) — וויצן, שמועכוואַרטלעך.

דורות (דוירעס).

כאַטע פּאָקרישקע (אוקראַיניש) — שאַ־שטיל, קיינער זאָל נישט וויסן.

פֿרעגט בחרם (בעכיירעם) — באַדײַט: אַפֿילו אונטער אַ שווּע.

בקבלה (בעקאַבאָלע) — אַ טראַדיציע, אַ זאַך וואָס איז נישט פֿאַרשריבן, נאָר גייט איבער פֿון מויל צו מויל פֿון גאַנץ אַלטע צײַטן.

הלבשה (האַלבאָשע) — קליידונג.

מחויב (מעכויעוו) **זײַן** — מוזן, זײַן פֿאַרפּליכטעט.

די כּפּרה ווערן (קאַפּאָרע) — אָפּקומען פֿאַר עמעצן.

מיתה משונה (מיסע־מעשונע) — אַן אויסטערלישער, שרעקלעכער טויט.

מאַניפֿאָרגע־לשון — שפּראַך פֿון גנאַווים, קאַמבינאַטאָרן.

שורש (שוירעש) — וואָרצל.

חכמת היד (כאָכמעס האיאַד) — אייגנטלעכער טײַטש: האַנט־וויסנשאַפֿט, כיראָמאַנטיע. מענדעלע טײַטשט דאָ אוים אויף זײַן שטייגער.

שלא כדרך הטבע (שעלוי קעדערעך האַטעווע) — אומגעוויינלעך, אומנאַטירלעך.

מתּנה (מאַטאָנע) — דאָ געמיינט: אַ טאַלאַנט.

פזמון (פיזמען) — דאָ געמיינט: א ליגן.

תנועה (טנוע) — זשעסט, באַוועגונג.

חיות (כאיעס) — לעבן, געזונט.

ערב־רב (ערעב־ראַוו) — א פעלקער־געמיש, דערמאָנונג אין דער לעגענדע וועגן פארשידענע פעלקערשאַפטן, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו יידן ווען זיי זענען ארויס פון דער קנעכטשאַפט פון מיצראַים.

גזע כפתורים (געזע קאַפטוירים) — אזא שטאַם, דערמאָנט אין טאַנאַך.

אָמן (אָמיין) — א וואָרט, מיט וועלכן עס פלעגן זיך פארענדיקן די וויכטיקסטע תפילעס.

פּאַראַדע (רוסיש) — א ראַסע פון באַשעפענישן.

איז מסוגל (מעסוגל) — דאָ באַטייט עס: צוגעפּאַסט, באַווירקט.

מכריע זיין (מאַכריע) — דעציזירן מיט א מיינונג, איבערוועגן.

מתתיהו דעלעקאַרטי (מאַטיסיאָהו) — געמיינט דעם מעכאַבער פון בוך „צל עולם" (זע באַמערקונג אויף ז. 305).

צרפת (צאָרפאַס) — געמיינט: פראַנקרייך.

בולט (בוילעט).

פּאָפּאַס — אויף באַלעגאָלע־שפּראַך דער אָפּשטעל צו געבן עסן די פערד.

סבאָרשטשיקעס (רוסיש) — זאַמלער, אויפמאַנער פון די שטייערן.

פּאָווערעני (רוסיש) — געשווירענע אַדוואָקאַטן.

קהלשע הצטרבותן (קאָעלשע היצטאַרכעסן) — די אויסגאַבן, וואָס זענען נייטיק אויף געזעלשאַפטלעכע צוועקן.

סמעטע (רוסיש) — בודזשעט.

בקשה (באַקאָשע) — ביטע.

בעל־שם (באַל־שעם) — דאָ געמיינט: אזא ייד, וואָס פלעגט זיך פארנעמען מיט היילן קראַנקע דורך אָפּזאָגן פארשידענע שפּרוכן, מיט באַווייזן אנדערע וואונדער.

טאָטער — דאָ געמיינט: א זנאכער, אזא וואָס פלעגט היילן קראַנקע מיט פארשידענע פאָלקס־רעפּועס.

יצר־הרע (יעיצער־האָרע) און **יצר־טוב** (יעיצער־טאָוו) — די צוויי קויכעס, וואָס ראַנגלען זיך — לויט דער יידישער לעגענדע — אין מענטשן. דער ערשטער פירט אים צו שלעכטס, דער צווייטער — צו גוטס.

קליינע אותיותלעך (אויסיעסלעך) — געמיינט: ערנסטע שווערע ביכער.

ידיעה (יעדיע) — דאָ געמיינט: קענטעניש.

חקירה־ספרים (כקירע־ספאָרים) — פילאָסאָפישע ווערק.

שבע חכמות (שעווע כאָכמעס) — געמיינט: אַלע וויסנשאַפטן.

הסכמה (האסקאָמע) — דאָ געמיינט: רעקאָמענדאַציעס, צושטימונגס־בריוו.

דרוקעם — הערנגלעך.

פלאַטשיק — פלאַך.

אכילה (אכילע) — שפּאָט־אויסדרוק אויף עסן, אשטייגער ווי: פרעסן.

בורא (בוירע) — באַשעפער, גאָט.

זלידנע — אן איינגעגעסענע זאַך.

תרעומות (טארומעס) — פּרעטענזיעס, פאָרווורפן.

בגנבה (ביגעניווע) — דאָ געמיינט: שטילערהייט, קיינער זאָל נישט וויסן.

דרך הטבע (דערעך האטעווע) — לאָגיש, פאַרשטענדלעך.

מכבד (מעכאבעד) **זיין** — דאָ געמיינט: דערלאַנגען, געבן א גאָב.

ימח־שמוניק (יעמאַך־שעמויניק) — א זידל־וואָרט. געמיינט: דער פאַרשאָלטענער, דער אויסוואורף.

מה־רעש (מאַ־ראַש) — וואָס איז דער גערוואַלד.

ניצול (ניצל) **ווערן** — געראַטעוועט ווערן.

מאכן שהיות (שיעס) — פאַרציען, פאַרזאַמען זיך דורך לאַנגע צוגרייטונגען.

צום צענטן קאַפּיטל

טעליגעם — וואַגנס.

קאַרמאַנשטשיק (רוסיש) — קעשענע־גאַנעוו.

א מערכה (מאראָכע) — א גליק, א גוטער צופאַל.

שרפה (סרייפע).

צער (צאַר) — ווייטיק, ליידן.

מהומה (מעהומע) — טומל.

נתגלה ווערן (ניסגאלע) — אנטפּלעקט ווערן, זיך אויפדעקן.

כשרע נשמה (קאָשערע נעשאָמע) — געמיינט דאָ: פרומע, ערלעכע.

משיח (מאָשיעך) — דער אויסלייזער לויט דער יידישער גלייבונג, דער וואָס וועט קומען אמאָל און וועט באַפרייען די יידן פון גאָלעס.

מבינים (מעווינים).

בטלנים (באטלאָנים) — לײדיקגײער.

מחילה (מעכילע) — אנטשולדיקט.

ריחות (רײכעס).

מרחץ (מערכעץ) — באָד.

מגיד (מאגעד) — א רעדנער, װעלכער פלעגט ארומפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך און האלטן אין די שולן רעדעס אויף רעליגיעזע טעמעס.

אלערהאנט — אלערלײ.

לא יעלה ולא יבוא (לוי יאלע װעלוי יאָװע) — דאָ געמײנט: ס'זאָל גאָר נישט געשען.

באם (בעים) — טאָמער.

תמצית (טאמצעס) — דער טאָך, דאָס סאמע װעזנטלעכסטע אין א זאך.

יתור (ײטער) — שטיקלעך איבערגעבליבענער שטאָף בײם שנײדער.

פארקעם — צװײפערדיקער געשפאן.

באשר (באשער) — אזױ װי. צוליב דעם אז...

זיך סומך זײן (סוימעך) — זיך שטיצן.

רופאים (ראָפים) — פעלדשערים.

מהדש זײן די לבנה (מעכאַדעש זײן די לעװאָנע) — אַ ײדישער רעלי־גיעזער מינהג צו באַגריסן די לעװאָנע בײם אויפגאַנג (אין דעם אָנ־הײב פון לעװאָנע־כוידעש) — ײדן זאָגן אָפּ א טפילע אינדרויסן און זאָגן אײנער צום אנדערן „שאָלעם־אַלײכעם".

טאַנדײטניקעס — שנײדערס, װאָס פלעגן נײען ביליקע, גרײטע מאלבו־שים צו פארקויפן אויפן מארק.

שמירהניק (שמירעניק) — פרומע ײדן, װאָס פלעגן זײן באַזונדערס אָפּ־געהיטן מיט קאשרעס און פייסעך.

פזמון (פיזמען) — דאָ געמײנט: אַן אויסגעכאזערטע, אלט־באַקאַנט לידל.

גראספעציר — געמײנט דעם העכסטן באַאַמטן אויפן הויף פון טערקישן סולטאַן — גרויס־װעזיר.

כל־נדרי (קאָל־נידרע) בארעלעך — אַ מין קלײנע בארעלעך.

זיך מיחם זײן (מעיאַכעס) — זיך גרײסן, שטאָלצירן.

אגדתא (אגאדעטע) — א טאלמודישע לעגענדע־מײסעלע.

מחמת כמה טעמים (מאַכמעס קאַמע טײמים) — צוליב פאַרשידענע סיבות.

הקפות (האקאָפעס) — דאָ געמיינט: סכּוירע אויף באָרג.

זיך שטעלן — דאָ געמיינט: באַנקראָטירן.

עוקר זיין (אויקער) — אַנטלויפן.

חוקרי־קדמוניות (כויקרײ־קאַדמויניִיעס) — אַלטערטום־פאָרשער.

מושקאַט־קויל — א יאָדער פון א מושקאַט־נוס.

מאַכן א פירוש (פײרעש) — מאַכן א וועזן, צעבלאָזן א זאַך.

ראיות (ראַיעס) — באַווייזן.

נישט שווה בשווה (שאָווע־בעשאָווע) — צעקריגט, נישט אייניק.

מרמז (מעראַמעז) **זיין** — אָנדייטן, געבן א ווונק.

היידן — געצנדינער.

כתב (קסאַוו) — דער שריפט, דער אַלעפבייס.

הכמת החשבון (כאָכמעס האכעשבן) — רעכענונג, מאַטעמאַטיק.

נישט שכיח (שכיעד) — נישטאָ, נישט צו טרעפן.

עניני הקהלה (איניאָניי האַקעהילע) — געזעלשאַפטלעכע אינייאָנים.

חברות (כעווראָס) — געזעלשאַפטן, אינסטיטוציעס.

כיתות (קיטעס) — גרופעס, שיכטן.

געוועלטיקן ביד רמה (ב יאָד־ראָמאָ) — הערשן מיט א שטאַרקער האַנט.

זאַשטשיטניקעס (רוסיש) — פאַרטיידיקער.

זשאַלעוואַניע — געהאַלט, לוין.

וחלקלקער (וואַכלאַקלאַקער) — געמיינט: פאַרפּלאָנטערטער, הרייעדס.

קוממיות (קוימעמיעס)־**זאָגן** — אין דער פאָלקס־שפּראַך האָט זאָגן „קוי־מעמיעס" געהייסן: נישט וועלן צאָלן, אָנזעצן.

עניני המסחר (איניאָניי־המיסכער) — האַנדלס־זאַכן.

צבועקנער (צוויאַקאַנער) — פון וואָרט צוואַק — א צוויי־פּאָנימדיקער, פאַרמאַסקירטער.

בלי־קודש (קלײ־קוידעש) — קלער.

עניני־האמונה (איניאָניי־האָעמונע) — גלויבנס־פראַגן.

גלופּאָ־טרוסאָ־בעזיאזיקאָ־קאבצאָנער — מענטשעלעך אַ ניי־שאַפונג אויסגעבילדעט פון רוסישע ווערטלעך: גלופּאַ — נאַריש, טרוסאָ — שרעקעוודיק, בעזיאזיקאַ — שטום, אָן שפּראַך און צוגעגעבן דאָס העברעיש־יידישע וואָרט „קאבצן”...

נכנע (ניכנע) — אונטערטעניק, אונטערגעוואָרפן.

קדחת (קאדאָכעס) — פיבער. האָבן קאדאָכעס איז דאָ געמיינט: ציטערן, מוירע האָבן.

מטבע (מאטבייע) — מאָנעטע.

כתיבהטע (קסיוועטע) — שיין־געשריבענע, געהיידלטע.

פשטים (פשאָטים) — טייטשן, דערקלערונגען.

סברה (סוואָרע) — טעאָריע, היפּאָטעזע.

טשאַטשקעלעך — באַצירונגען, אָרנאַמענטן.

בכן (בעכיין) — דעריבער.

אשל וענף (איישעל וועאָנאָף) — טייטש אין טעקסט.

מרעיש עולם זיין (מארעש אוילעם) — אויפרודערן די וועלט.

ראשי תיבות (ראָשע טייוועס) — איניציאַלן, ערשטע אויסיעס פון ווערטער.

יהודי אופיר שבאו לכאן (אָדער לק״ק) **גלופּסק ונתישבו על נהר פּיאַטיגנילעווקע** (יעהודיי אויפיר שעבאָו לעקאן (אָדער לעקאַק) גלופּסק וועניסיאַשוו אַל נעהאַר פּיאַטיגנילעווקע) — דאָס הייסט: די יידן פון אויפיר (אָדער אינדיע), וועלכע זענען געקומען אהער (אָדער אין דער קעהילע קעדוישע) אין דער הייליקער קעהילע און האָבן זיך באַזעצט אויף דעם טייך פּיאַטיגנילעווקע.

חקירה (כקירע) — פאָרשונג.

שייען זיך (אַלט־יידישער אויסדרוק) — האָבן זיך מוירע, האַלטן זיך אָפּ.

לעוואדעס — סאַזשעלקעס, קליינע אָזיערעס.

שמירה (שמירע) — וואַך.

תחבולות (טאַכבולעס) — מיטלען.

צום עלפטן קאַפּיטל

חידושים ונפלאות (כידושים וועניפלאָעס) — נייעס און ווונדער.

נבהל ונשתומם (ניוול וועינשטוימעם) **ווערן** — דערשראָקן און איבערראַשט ווערן

גן־עדן התחתון (גאניידן האטאכטן) — דער גאניידן אויף דער ערד, וואָס איז באשריבן אין די ערשטע קאפיטלען פון כומעש.

שור הבר (שאָר־האבאָר) — לעגענדאריש־ריזיקער אָקס. לויט א לעגענדע וועט מען נאָך מאָשיעכס קומען אלע יידן פארבעטן אויף א מאָלצייט, וו מען וועט עסן דאָס פלייש פון שאָר־האבאָר און ס'וועט פאר אלע־מען קלעקן.

איז די משמעות (מאשמאָעס) — איז געדרונגען, איז קלאָר.

ירדן (יאַרדן) —א טייך אין ערעץ־ייסראָעל, פארהעלטנישמעסיק ווייער א קליינער.

בטחון (ביטאָכן) — דאָ געמיינט: דאָס פארלאָזן זיך אויף גאָט.

מי־יודע (מי־יעדייע) — ווער ווייסט.

יבשה (יאַבאָשע) — טריקעניש, ערד.

טעמים (טיימים) — סיבעס, מאָטיוון.

בימיו (בעיאָמאָוו) — אין זיין צייט.

עברא — א טייך אין שפאניע.

קדמון (קאדמען) — איינער פון אמאָליקע צייטן, א פריערדיקער, דאָס הייסט, אז מען קאָן — לויט די פאָרשטעלונגען פון פרומע יידן — קענען זיין אויטאָריטעט נישט ארויסטרעטן.

אוקיינוס (אָקיאָנוס) — אָקעאן.

לאָדקע (רוסיש) — שיפל.

לאָדאָטשניק — דער אייגנטימער פון הענם שיפל.

תחילת (טכילעס) — צום אָנהייב.

מם (מאָס) — שטייערן, צינזן.

גלות (גאָלעס) — דאָ געמיינט: קנעכטשאפט.

צער־בעל־חיים (צאר־באל־כאים) — א ראכמאָנעס ווי אויף א לעבעדיק באשעפעניש.

דורען א קריזש (אוקראיניש) — דאָס זעלבע וואָס „דרייען א ספאָדעק".

תשובה (טשווע) — ענטפער.

אויסבטלען (אויסבאַטלען) **אלע חלומות** (כאלוימעס) — באטייט: אויס־לאָזן צו יענעם דעם פארדראָס, זיך אָפטרייסלען, אָפטשעפען פון יע־נעם.

מקצת (מיקצעס) — גאַר א קליינער טייל.

קרייטעכצער — גראָזן.

צווייט — בליונג. צווייטען — בליען.

פרי (פּיירע) — פרוכט.

ברכה (בראָכע) — בענטשונג. דאָ איז געמיינט א טפילע וואָס פרומע יידן פלעגן מאכן ביים עסן פארשידענע שפייז.

בורא פרי המים (בוירע פרי האמאים) — געבענטשט איז דער באשעפער פון וואסער־פרוכטן — אזא בראָכע איז נישטאָ.

כליינע (כיליינע).

מאכלים (מייכאָלים) — שפייזן, געריכטן.

בתורת עדות (בעטוירעס־איידעס) — אלס אן איידעס, אלס איינער, וואָס איז געווען הערביי.

שריינ״אָ — געמיינט די מיטאָלאָגישע סירענע.

בתולות (בסולעס) — מיידלעך.

סעודה־של לויתן (סידע שעל לעוויאָסן) — לויט א יידישער לעגענדע וועט מען נאָך מאָשיעכס אָנקומען מאכן א מאָלצייט פאר אלע צאדי־קים. אויף דעם מאָלצייט וועט מען אויך עסן דעם לעגענדארן רי־זיקן פיש לעוויאָסן, אויף וועלכן ס׳האלט זיך איצט די גאנצע וועלט.

מאכל מלכים (מייכל מעלאָכים) — קיניגלעכע שפייז.

בלי נדר (בעלי נעדער) — אומבאדינגט, אָדער נישט שווערנדיק דערויף, אָן א נייד ער.

אייבער־הסברהלע (האסוואָרעלע) — א קאָמבינאציע, א קלוגער איינפאל.

מה שמיכם (מא שמייכעם) — ווי הייסט איר?

ממתקים (מאמטאקים) — דאָ געמיינט: קלײנעריס, געלט.

האָבן די זכיה (זכיע) — האָבן די ווערט, דערלעבן.

בנאמנות (בענעמאָנעס) — אויפן ערנוואָרט.

ערב (אָרעוו) **זיין** — גאראנטירן, פארזיכערן.

טינוף (טינעף) — אומריינקייט.

גדולות (געדולעס) — גליקן, גרויסע דערגרייכונגען.

הצטרכות (היצטארכעס) — באַדערפעניש, אויסהאלטונג.

קריאת־שמע (קרישמע) — א קורצע טפילע, וואָס יידן פלעגן זאָגן פארן שלאָפן־גיין.

זוידוי (ווידע) — אזא טפילע, וואָס פרומע יידן פלעגן זאָגן פאַרן טויט.
נעגלוואַסער — דער אמאָליקער יידישער מינהג גלייך ביים אויפשטיין פון שלאָף אָפּצושווענקען די הענט.
אכסניא (אכסאניע) — איינפאָרהויז.
מוכן ומזומן (מוכן אומזומען) — פולשטענדיק צוגעגרייט.
חייל (כאיעל) — מיליטער, ארמיי.
אדוני מלך (אדויני מעלעך) — מיין הער קעניג.
סילוקן (סילעקן) — באַצאָלן, אָפּגעבן.
תכשיט (טאכשעט) — צירונג, שאַץ. דאָ: איראָניש.
עליו השלום (אָלעוו־האשאָלעם) — פרידן צו אים — אן אויסדרוק וואָס מען פלעגט זאָגן ביים דערמאָנען א פאַרשטאָרבענעם.
סכנה (סאַקאָנע) — געפאַר.
קאַפּקע — אן אמאָליק פּרויען־היטל, וואָס מען פלעגט טראָגן אויפן קאָפּ.
חלשות (כאלאָשעס).
חלף (כאלעף) — שאַרף מעסער צו קוילען.
סגולה (סגולע) — מיטל.
תהילים עברי־טייטש (טילעם איווער־טייטש) — די זאַמלונג פון רעליגיעזע לידער טילעם אויף יידיש.
פסוקים — זאַצן, פראַזעס.
טשיינע — א שטוב, ווו מען פלעגט קומען טרינקען טיי פאַר געלט.
מאכן שהיות (שיעס) — דאָ געמיינט: צערעמאָניעס.
הנדלעך (כיינדלעך) — דאָ געמיינט: אָנשטעלן, מינעס.
שליש — דאָ געמיינט: בראָנפן.
לחיים (לעכאיים).
כלל־ישראל (קלאַל־ייסראָעל) — דאָס יידישע פאָלק.
עיקר (איקער).
אפיקורסים (אפיקאָרסים) — אומגלויביקע.
טריף־פסול (טרייף־פאָסל) — א זאַך, וואָס איז פאַרבאָטן לויט די רעליגיעזע פאַרשריפטן. דאָ איז געמיינט: וועלטלעכע לימודים.

פּרק משניות (פּיירעק מישנאיעס) — א קאַפּיטל פון מישנאיעס.

טאָן חסד (כעסעד) — טאָן גוטס, גנאַד.

ממלא (מעמאלע) **זיין** — אויספילן, פארווירקלעכן.

ברכה (בראָכע) — בענטשונג.

נוהג (נויעג) **זיין זיך** — פירן זיך.

בפשטות (בעפּאשטעס) — פּראָסט, געוויינטלעך.

עסקים (אסאָקים) — געשעפטן.

קיין אומה ולשון (אומע וועלאָשן) — געמיינט: קיין שום פאָלק.

טוקערקע — די יידענע, וואָס פלעגט באדינען די ווייבער, וועלכע פלעגן גיין זיך אָפּטוקן אין מיקווע, אזא באסיין מיט וואסער.

נשמה יתירה (נעשאָמע יעסיירע) — די צווייטע נעשאָמע, וואָס א ייד באקומט — לויט דער יידישער גלויבונג — שאבעס און יאָנטעוו.

קטורת (קטוירעס) — דער ריח פון פאַרשידענע געווירצן, וועלכע מען פלעגט אמאָל רייכערן פאר גאָט אין בייס־האמיקדעש.

מקבל־תענוג (מעקאבל־טײנעג) — באקומט פארגעניגן.

שיר השירים (שיר־האשירים) — טייל פון טאנאך. שיר־האשירים איז איינגעלעך א ליבע־פּאָעמע.

מדינה (מעדינע) — לאנד.

האָבן א דעה (דייע) — האָבן צו זאָגן, האָבן רעכט.

דאגות (דייגעס) — זאָרגן.

לרצון (לעראָצן) — געמיינט דאָ: צום הארצן.

הכנות (האכאָנעס) — צוגרייטונגען.

בבא מעשה (באָווע־מייסע) — פאנטאסטישע געשיכטע.

בת־מלכות (באס־מאלקעס) — פרינצעסינס.

מקבל פנים (מעקאבל־פּאָנים) **זיין** — באגעגענען, באגריסן.

אייבעלעך — מעדאלן.

אויספרודען — אויפהענגען ברודיקע וועש אויף א היים אָרט, אז די אייגעקנ זאָלן פארברענט ווערן.

געווען קשה (קאָשע) — אומפארשטענדלעך.

מאָסקוויטעריש — רוסיש.

חיות־רעות (כאיעס־ראָעס) — בייזע, ווילדע באַשעפענישן.

בעזפּאַספּאָרטנע — אָן אַ פּאַספּאָרט.

אַ פּוימענע — אַ נעכאַפּטער פאַר אַ רעקרוט. אין יענע צייטן איז געווען איינגעפירט, אַז קיין אַלגעמיינע מיליטער־פּליכט איז בעכלאַל נישט געווען, ביפּראַט פאַר יידן. יעדע יידישע קעהילע האָט געדאַרפט צו־שטעלן יעדעס יאָר אַ באַשטימטע צאָל רעקרוטן. די אָנפירער פון קאָעל פלעגן, פאַרשטייט זיך, זען נישט אָפּצוגעבן פאַר זעלנער זייערע אייגע־נע קינדער, אָדער די קינדער פון די רייכע באַלעבאַטים, ווייל דאָס דינען דעמלט איז געווען זייער לאַנג און שווער. מען פלעגט דער־בער אָפּגעבן פאַר רעקרוטן קינדער פון אָרעמע עלטערן, יעסוומים. מען פלעגט אויך דינגען ספּעציעלע מענטשן, כאַפּערס, וועלכע פלעגן אַרומפּאָרן איבער פרעמדע שטעטלעך, פאַרנאַרן וועמען ס׳האָט זיך געלאָזט, דער איקער אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פּאַספּאָר־טן און אָפּגעבן זיי פאַר רעקרוטן.

צום דרייצנטן קאַפּיטל

משער (מעשאר) **זיין** — זיך פאַרשטעלן.

סבאַרנע — אַמאָליקע קאַזאַרמע (רוסיש).

אוטשעניע — דאָס לערנען מיליטער־איבונגען (רוסיש).

בינו לבין עצמו (ביינו לעביין אַצמוי) — אַליין פאַר זיך.

תכלית (טאַכלעס) — דאָ געמיינט: דער צוועק.

למאי נפקא־מינה (לעמאַי נאַפקע־מינע) — וואָס איז דער אונטערשיד.

קרוגאָם — אַרום (רוסיש).

אירע — אַלטיידישער אויסדרוק אויף איין פּערזאָן. צווי אירע — צוויי פּערזאָן.

תכסיסי מלחמה (טאַכסיסע־מילכאָמע) — קריגס־מעטאָדן, טאַקטיק.

מדובר (מעדובער) **געווען** — דערמאָנט געווען.

יושר (יוישער).

כל־בוניקעס (קאָל־בויניקעס) — אויסוווּרפן.

הן על פי דין והן על פי יושר (הען אַל פּי דין וועהען אַל פּי יוישער) — סיי לויטן געזעץ און סיי לויט דער גערעכטיקייט.

תרופה (טרופע) — מיטל, אויסוועג.

עניני המושטיר (איניאַניי האמושטיר) — מושטאַר־פּראָגן.

הערן ווי אין טשערנאָוויץ די מגילה (מעגילע) — געמיינט דאָס איי־גענע ווי: הערן ווי דעם פּאַראַיאַריקן שניי.

טשומאקעס — אוקראַאינישע פּויערים, וועלכע פלעגן זיך פאַרדינגען אי־בערצופירן סכוירעס.

פּריקאַזשטשיק — אָנגעשטעלטער ביי א סויכער.

הלוואי (האלעוואַי) **זיין זכות** (זכוס) **זאָל אונדז באַשטיין** — געמיינט: צוליב זיינע גרויסע פאַרדינסטן, מיצוועס זאָלן מיר ארויס גליקלעך.

עליה השלום (אָלעאָ האשאָלעם) — פריידן צו איר — אַן אויסדרוק ביים דערמאָנען א פאַרשטאָרבענע פרוי.

בחייו (בעכאַיאָוו) — פאַר זיין לעבן.

בטוח (באָטועד) — אין דער האָפענונג, זיכער.

המן (האָמען) **קלעפּל** — א גרעגער.

מאכן „ג״ (גימל) — ביים שפּילן אין הריידל געווינט דער, וואָס ווארפט אוים דאָס דריידל אזוי, אז עס פאַלט אויף דער זייט, וו עס איז אָנגעשרי־בן „ג״.

עגמת נפש (אגמעס־נעפעש) — פאַרדרוס, ווייטעק.

צום פערצנטן קאַפּיטל

וואָיענע — מיליטערייש (רוסיש).

פּאָלעווינע — האלב.

סטראַגע — שמירעניג (רוסיש).

בעל־דברן (באל־דאַברען) — רעדנער.

וואַשע בלאַגאָראָדיע — אמאָליקער טיטל פון א רוסישן אָפיציר.

ניצול ווערן (ניצל) — זיך ראַטעווען.

הפקר (העפקער) — דאָ געמיינט: אָן געזעץ.

מוסר מודעה (מויסער מוידאָע) — מעלדן, דערקלערן.

כיוון (קיוון) — מיין, ציל.

סאָבראַניע — פאַרזאַמלונג (רוסיש).

מצוות כוח (מיצוועס קויעד) — דאָ געמיינט: מיטן אייגענעם קויעך.

אינהאַלט:

זייט

פּישקע דער קרומער 5

מסעות בנימין השלישי 161

דערקלערונגען צו פּישקע דער קרומער 261

דערקלערונגען צו מסעות בנימין השלישי 297